STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08086

LITERARISHE ESEYEN

L. Chanukoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. כאַנוקאָוו

ליטעראַרישע עסייען

ביכער פון ל. כאַנוקאָוו

שווערע הימלען, נאָוועלן — — — — — — — — — — — — — — — — 1923

אין פרומע שעה׳ן, דערציילונגען — — — — — — — — — — — — — — 1925

דער מענטש, דערציילונגען — — — — — — — — — — — — — — — — — — 1929

סובמאַרין Z — 1932

אין קלעם פון צייט, דערציילונגען — — — — — — — — — — — — — — 1958



ל. כאַנוקאָוו

געצייכנט פון מאָריס י. קאַלעם (1923)

ל. כאנוקאָוו

ליטעראַרישע עסייען

איקוף פאַרלאַג

ניו יאָרק

L. CHANUKOFF

LITERARISHE ESSEYEN

(Literary Essays)

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Ave.
New York 3, N. Y.

Copyright by
FLORENCE CHANUKOFF
New York, N. Y.
1960

שער־בלאט געצייכנט פון
מ ש ה ק י ש

Printed in U.S.A.
by
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
166

געווידמעט
מיין פרוי
פלאָרענס

אינהאַלט

	זײַט
י. ל. פּרץ אין ליכט פֿון זײַן שאַפֿן	9
די זכרונות פֿון ראובן ברײַנין	18
אברהם ליעסין	24
מאָמענטן מיט מ. אָלגין	30
מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט לאַמעד שאַפּיראָ	38
יוסף ראָלניק דער דיכטער	43
יונה ראָזענפעלד וועגן זיך אַליין	47
„באָריס קאַבאַלקין" פֿון צבי הירשקאָן	51
דער דערציילער ש. דײַקסל	57
יוסף אָפּאַטאָשו	62
בעלאַ שאַגאַלס צוויי ביכער	68
ב. לאַפּינס „נײַע לידער"	75
אונטער דער אייגענער לאַסט	80
אַ נײַ בוך וועגן י. ל. פּרץ	85
נחמן מײַזילס „באַגעגטע און אייגענע"	89
אַלעקסאַנדער גראַנאַך	96
פּ. בימקאָ	102
אַ סימפּאָניע פֿון בלוט	108
אהרן קורץ און מאַרק שאַגאַל	115
מאַרק שאַגאַל	122
ברוך גלאַזמאַן	125
ז. וויינפּער (צו זײַן 25־יאָריקן פּאָעטישן שאַפֿן)	131
ז. וויינפּערס „דער גילדענער האָן"	136
מ. גיציס און זײַן ראָמאַן „דער וועג צום באַרג"	142
שלמה וואַסערמאַנס „היימישע מענטשן"	147
ש. בודין	151
מ. גאָלדשטיין	156
איציק פּעפּער	159
מנשה אונגער	164

זייט

שלום שטערן — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 170
מ. א. סול — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 175
חיים גראַדע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 181
דוד אַפּאַטאָשו — — — — — — — — — — — — — — — — — — 186
לאָראַ האָבסאָנס „דזשענטלמענס אַגרימענט" — — — — — — — — 191
די נעגער־פּראָבלעם אין סינקלער לואיסעס נײַ בוך — — — — — 197
נאָרמאַן מעילערס „די נאַקעטע און די טויטע" — — — — — — — 201
דר' יהושע ל. ליבמאַנס בוך „פּיעס אָװ מאַינד" — — — — — — — 206
נ. קאַטקאָװס „אַן אָדלער בײַ מײַנע אויגן" — — — — — — — 211
„איסט סײַד — װעסט סײַד" פון מאַרשיאַ דעװענפּאָרט — — — — 216
„די װאַנט" פון דזשאָן הוירסי — — — — — — — — — — — — — 219
ערנסט העמינגװעי — דער מענטש און דער קינסטלער — — — — 226
„ליטעראַרישע זאַמלונגען" — — — — — — — — — — — — — 235
„אוצר פון דער יידישער שפּראַך" — — — — — — — — — — — 242
די אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן װאָרט" — — — — — — — 247
פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג — — — — — — — — — — 257
י. ל. פּרץ אין דער װעלטלעכער שול — — — — — — — — — — 263
שלום עליכם אין דער יידישער שול — — — — — — — — — — 271
קאָסמאָס און קונסט — — — — — — — — — — — — — — — — 278
רעאַליזם און קונסט — — — — — — — — — — — — — — — — 290
דאָס פּראָבלעם פון שעפערישקייט — — — — — — — — — — — 298
ליטעראַרישע פאַרצייכענישן — — — — — — — — — — — — — 306
און װאָס װײַטער ? — — — — — — — — — — — — — — — — 317
װעגן קינסטלערישער שעפערישקייט — — — — — — — — — — 323
װעגן קריטיק און קריטיקער — — — — — — — — — — — — — 327

י. ל. פרץ אין ליכט פון זיין שאַפן

ביי זיין לעבן און אפילו אין די ערשטע עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט, זיינען אַ סך פרטים פון י. ל. פרצעס ביאָגראַפיע ניט געווען באַקאַנט. דאָס איז געשען, טיילוויז, דערפאַר, וואָס פרץ אַליין האָט זיך ביים לעבן זייער ווייניק אינטערעסירט צו פאַרעפנטלעכן זיין ביאָגראַפיע. בלויז אַ פאָר יאָר פאַר זיין טויט (אין 1913), ווען מ׳האָט אים געבעטן צושטעלן זיינע ביאָגראַפישע נאָטיצן פאַרן „פנקס", וואָס איז צו יענער צייט אַרויס אין ווילנע, האָט יעקב דינעזאָן אין פרצעס נאָמען געלאָזט וויסן דער רעדאַקציע, אַז פרץ „...וויל בשום אופן ניט". און אפילו, ווען זלמן רייזען האָט אין דעם זעלביקן יאָר זיך צו אים געווענדט נאָך אַ ביאָגראַפיע פאַר דעם „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", האָט פרץ געענטפערט: „וואָס איך וועל זאָגן וועט זיין ליגן", און האָט אים אָפגעשיקט זיך צו ווענדן נאָך זיין ביאָגראַפיע צו אַנדערע קוואַלן. עס זיינען אויך פאַראַן עדות, וואָס באַשטעטיקן פרצעס גלייכגילטיקייט צו דעם ענין פון זיין ביאָגראַפיע.

אין זיינע אייגענע „מיינע זכרונות", וועלכער דער גרויסער שריפטשטעלער האָט געשריבן אין די יאָרן 1912־1914, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן צוליב דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דערפירט ער זיין ביאָגראַפיע בלויז ביז דעם צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט שרה ליכטענפעלד, די טאָכטער פון דעם העברייאישן שריפטשטעלער גבריאל יהודה ליכטענפעלד, וועלכער האָט, אגב, געהאַט אַ השפעה אויף דער ערשטער, העברייאישער, תקופה פון פרצעס שאַפן.

ערשט דרייסיק יאָר נאָך דעם שריפטשטעלערס טויט קאָן מען זאָגן, אַז ס׳איז ענדלעך געלונגען אויפצוקלייבן און צוזאַמענשטעלן אַ היפשע צאָל מאַטעריאַלן, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויפן לעבן און שאַפן פון י. ל. פרץ און וואָס אַנטפלעקן פאַר אונדז די קינסטלערישע פערזענלעכקייט פון דעם גרויסן יידישן קלאַסיקער. עס זיינען שוין איצט געזאַמלט געוואָרן (דורך נחמן מייזיל) כמעט אַלע וויכטיקע בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ; עס זיינען שוין אויך געזאַמלט געוואָרן אַ צאָל וויכטיקע דאָקומענטן און דעראינערונגען פון זיינע פריינט און מיטצייטלער, שרייבערס און קולטור־טוערס און גאָר באַזונדער איז וויכטיק אין דעם פרט דער אַרכיוו פון זיין לעבנס־פריינט יעקב דינעזאָן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ס׳וועט, אין די ראַמען פון דעם אַרטיקל, ניט

מעגלעך זיין אָפּצושטעלן זיך באריכות אויף אַלע וויכטיקע דאַטעס פון פּרצעס ביאָגראַפיע. דער אַרטיקל וועט זיך מוזן באַגרענעצן נאָר אויף אַזעלכע דאַטעס און עטאַפּן פון פּרצעס לעבן און שאַפן, וואָס האָבן דעם גרויסן קינסטלער געבראַכט ביז צו דעם געהויבענעם אָרט, וועלכן ער טיילט איצט מיט די גרויסע קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר ספרים און שלום־עליכם.

י. ל. פּרץ איז געבוירן געוואָרן דעם 18טן מאַי, 1851, אין זאַמאָשטש, פּוילן. זיינע עלטערן האָבן געהערט צו איינער פון די אָנגעזעענסטע מתנגדישע משפחות אין שטאָט. זיי האָבן דעם קליינעם יצחק לייבושן זייער פרי געשיקט אין חדר, וואו ער האָט געקראָגן זיין טראַדיציאָנעלע, שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג. דער קליינער פּרץ האָט שוין אין זיינע ערשטע חדר־יאָרן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן און האָט זיך צווישן זיינע חברים אויסגעצייכנט מיט אַ גוטן זכרון און אַ לעבעדיקן טעמפּעראַמענט. נאָך זייער יונג, האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען און באַנעמען דעם תלמוד, ווי אַ דערוואַקסענער און דערפאַר טאַקע אין אַ קורצער צייט זיך דערוואָרבן דעם נאָמען „עילוי".

שרייבן האָט פּרץ אָנגעהויבן זייער יונג, צו פערצן יאָר — אין העברייאיש. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער אויך פּרובירט שרייבן פּויליש לידער. סיי די העברייאישע און סיי די פּוילישע לידער פון יענער צייט זיינען קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק. (צען יאָר נאָך פּרצעס טויט האָט דער שריפטשטעלער נ. וויניג אָנגעשריבן וועגן אַ העפט פּוילישע לידער, וואָס האָט זיך אָפּגעהיט ביי זיינע יוגנט־פריינט, די אַלטענבערגס). אָט די ערשטע שאַפונגען זיינען סיי־ווי ניט געשטאַנען אויף דער געהעריקער פּרצישער הויך.

דרוקן האָט זיך פּרץ אָנגעהויבן אַ סך שפּעטער, ערשט אין דעם יאָר 1875. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען פּרץ איז שוין געווען פאַרהייראַט און זיין ערשטע פרוי האָט אים געבוירן אַ זון, לוציאַן. פּרץ האָט זיך, נאָך עטלעכע יאָר פון ניט־געלונגענע געשעפטלעכע אונטערנעמונגען אין פאַרשיידענע פּוילישע שטעט, אַוועקגעלאָזט צו זיין שווער, קיין וואַרשע, וואו ער האָט געהאָפט צו געפינען אַ באַשעפטיקונג, וואָס זאָל אים געבן חיונה. זוכנדיק אַ באַשטענדיקע פּרנסה, האָט פּרץ דערווייל געגעבן לעקציעס אין העברייאיש. אין וואַרשע האָט ער זיך באַקענט מיט אַ צאָל אָנגעזעענע העברייאישע שריפטשטעלער — ה. ז. סלאָנימסקי, נחום סאָקאָלאָוו, א. ב. גאָטלאָבער, ר. א. ברוידעס און אַנדערע, וועלכע האָבן אים אַריינגעפירט אין דער ספערע פון דעם העברייאישן שאַפן. און טאַקע באַלד דערשיינט זיין ערשט ליד, אַ פאַבל („השותפות"), אין דעם ווינער „השחר", אונטער דער רעדאַקציע פון פּרץ סמאָלענסקין. אַ יאָר שפּעטער דרוקט שוין פּרץ זיינע לידער אי אין „השחר", אי אין גאָטלאָבערס זשורנאַל „הבוקר אור",

אין וועלכע עס דערשיינען זיינע צוויי גרעסערע פּאָעמעס „נגניאל" און „קידוש השם" — אַ היסטאָרישע פּאָעמע פון די צייטן ת"ח־ות"ט. צו יענער צייט דערשיינט שוין אויך אַ בשותפותדיקע זאַמלונג פון שירים פון י. ל. פרץ און נ. י. ליכטענפעלד אונטערן נאָמען „סיפורים בשיר ושירים שונים". אין די אַלע פרצעס שירים פילט זיך דער איינפלוס פון דער דעמאָלטדיקער השכלה־ליטעראַטור, וואָס האָט אפילו אינעם ליד געזוכט עפּעס צו לערנען, זאָגן מוסר, אָדער אויסלאָכן אַלערליי געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, דירעקט אָדער דורך משלים (פאַבלס).

אַרום יענער צייט האָט פרץ זיך געגט מיט זיין ערשטער פרוי און האָט זיך מיט זיין קליינעם זון צוריקגעקערט אין זיין געבורטשטאָט זאַמאָשטש, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ היפּשע צייט מיט אַדוואָקאַטור (פּריוואַטער אַדוואָקאַט). און אין משך פון כמעט גאַנצע צען יאָר האָט פרץ ניט פאַר־עפּנטלעכט קיין איין שאַפונג, כאָטש עס זיינען דאָ אַ סך באַווייזן, אַז ער האָט זייער אָפט און אַ סך געשריבן. עס איז אָבער אויך אַ פאַקט, אַז אין יענעם פעריאָד האָט די אַדוואָקאַטור איינגעשלונגען אַ סך צייט. דערצו האָט זיך פרץ אַריינגעוואָרפן אין דער שטאָטישער געזעלשאַפטלעכער אַר־בעט, האָט אַ סך געלייענט און געלערנט. ער האָט זיך צו יענער צייט אינ־טערעסירט זייער שטאַרק מיט פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע, ביאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע. אַן אויטאָדידאַקט, האָט ער זיך גענומען דערלערנען מיט איין מאָל דאָס, וואָס ער האָט אין דער יוגנט דורכגעלאָזן. נאָך מער האָבן אים אין יענער צייט אינטערעסירט די סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגן, און ער האָט אויך אָנגעהויבן דערלערנען סאָציאָלאָגיע.

ערשט אין יאָר 1887 פאַרעפנטלעכט ער אין דעם העברייאישן זאַמלבוך „האסיף", אונטער דער רעדאַקציע פון נחום סאָקאָלאָוו אַ צאָל לידער און סקיצן. אויך הייבט ער זיך אָן צו דרוקן אין ש. פ. ראַבינאָוויטשעס „כנסת ישראל" און אין „הצפירה". אָבער אויך זיין צווייטער אַרויסטריט אין דער ליטעראַטור האָט פרצן ניט אַרויסגעפירט אויפן ברייטן שליאַך פון זיין שפּעטערדיקער גרויסער שעפערישקייט.

אין יענער צייט האָט שוין פרץ אָנגעהויבן שרייבן אין יידיש. נאָך מער: ער האָט זיך שוין אויך אידייאיש אָנגעהויבן צו דערנעענטערן צו יידיש און צו די ברייטע יידישע מאַסן, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אין דער יידישער שפּראַך. עס האָט אים אַ צי געטאָן צו דעם אַרבעטער־ און פאָלקס־מענטשן. פרצעס אַ מיטצייטלער, אשכנזי, דערציילט אַז פרץ האָט זיך פאַר אים אויסגעדריקט אַזוי: „מיט די אַלטע תלמודיסטן און בורזשואַזיע איז גאָרניט צו מאַכן. אויף זיי איז ניטאָ וואָס צו האָפן. נאָר דער פּעבל, די אַרבעטער־מאַסן — דאָס איז אַ פעלד צו אַרבעטן. דאָס איז אַן אומגליקלעך פאָלק, אָבער אַ פּעאיקס. דאָ געפינט זיך פיל אידעאַליזם. נאָר מ׳דאַרף זיי בילדן. מ׳האָט זיי פאַרנאַכלעסיקט. מ׳באַדאַרף צו זיי רעדן אין זייער

לשון, אויפוועקן זייערע געדאַנקען. מאַטעריאַל איז דאָ גענוג, נאָר ניט באַאַרבעט. דערפאַר שרייב איך איצט אין מאַמע־לשון. איך וועל שאַפן אַ יידישע ליטעראַטור, רעדן און שרייבן צום פאָלק אין זייער שפּראַך״.

און עס איז שוין געווען נאַטירלעך, אַז ווען פּרץ האָט צום ערשטן מאָל דערהערט וועגן דער געפּלאַנטער אויסגאַבע פון שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק״, זאָל ער באַלד אַריינשיקן זיין ערשטע יידישע פּאָעמע „מאָניש״. און כאָטש די פּאָעמע האָט ניט שטאַרק אויסגענומען, און שלום־עליכם האָט זי היפּשלעך געקירצט אין דער רעדאַקציע, האָט שוין אָבער איצט קיין זאַך ניט געקענט אָפּהאַלטן פּרצן פון שרייבן אין דער יידישער שפּראַך. פּרץ האָט דערפילט, אַז ער איז אַרויף אויף אַ ברייטן, אָפענעם שליאַך. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט הייבט אָן שפּרודלען מיט ווערק פון אַ פאַר־שיידנאַרטיקן כאַראַקטער. ער שרייבט לידער, דערציילונגען, סקיצן. ער שיקט שלום־עליכמען „דער כעלמער מלמד״, „יענקל פעסימיסט״ און „וועגוס און שולמית״. לינעצקין („דער קליינער וועקער״) שיקט ער „דער תענית״.

אין דער זעלביקער צייט ווערט פּרצעס באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך נאָך קלערער. אין אַ בריוו, וואָס ער שרייבט צו שלום־עליכמען, זאָגט ער: „... איך קוק ניט אויף זשאַרגאָן, ווי אויף אַ כלי שני, ווי אַ פאַרמיטלונג, וואָס גייט אַריבער. איך וויל, עס זאָל ווערן אַ שפּראַך. און דעריבער דאַרפן מיר פאַרברייטערן און פאַרמערן די שפּראַך יעדע רגע מיט אַלץ נייע אויסדרוקן, אַז אַ מענטש אַ שרייבער זאָל ניט זאָגן: — מיר איז ענג...״

אין דעם יאָר 1890 גיט שוין פּרץ אַרויס אַ זאַמלונג פון זיינע דערציי־לונגען אונטערן נאָמען „באַקאַנטע בילדער״, אין וועלכער עס גייען אַריין אייניקע פון די בעסטע שאַפונגען פון זיין פּען, ווי „דער משולח״, „וואָס הייסט נשמה״, „דער משוגענער״ און אַנדערע. מיט איין וואָרט: פּרץ ווערט דער רייפער, אויסגעקריסטאַליזירטער שעפער פון וויכטיקע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור און זיין נאָמען ווערט ברייט באַקאַנט צווישן דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ.

אָבער פּרץ האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט בלויז מיט זיין ליטעראַרי־שער אַרבעט און מיט זיינע ליטעראַרישע דערפאָלגן. ער איז געווען טעטיק אויף צענדליקער געביטן אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וועלכע ער האָט ניט אויפגעגעבן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער האָט געהאַלטן אויפקלערערישע לעקציעס, זיך געמישט אין יידישער דערציאונג, געאַר־בעט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג צווישן די ברייטע יידישע מאַסן. ער האָט זיך אויך אינטערעסירט און אפילו זיך באַטייליקט אין די סאָציאַ־ליסטישע טענדענצן פון זיין צייט. זיין הייסער טעמפּעראַמענט, זיין אומ־רואיקע נאַטור האָט אים געוואָרפן צו אַלע שטרעמונגען, וואָס האָבן גע־טראָגן אַ פאָלקיסטישן כאַראַקטער, צו אַלץ, וואָס האָט אים געקענט אַוועק־

שטעלן פאַר די פּראָגרעסיווע פּראָבלעמען פון די אויפגעוואַכטע פאָלקס־מאַסן. באַזונדערס אויסגעשפּראָכן אין זיינע אַלע טעטיקייטן ווערט פּרץ, ווען ער קומט, צום צווייטן מאָל, מיט זיין צווייטער פרוי העלענאַ קיין וואַרשע, וואו ער פאַרבלייבט שוין אויפן גאַנצן לעבן.

אין וואַרשע איז פּרץ אַלע מאָל אין צענטער. אַרום אים גרופּירן זיך די יונגע יידישע ליטעראַרישע טאַלאַנטן. אַרום אים קאָנצענטרירט זיך אויך די אידעאַליסטישע יוגנט, די נייע קעמפער פאַר אַ מאָדערנעם יידישן לעבן. מ׳קאָן זאָגן, אַז אַלע שעפערישע כוחות פון יענער צייט זיינען צו־געצויגן געוואָרן דורך דער מאַגנעטישער פּערזענלעכקייט פונעם גרויסן שרייבער. שרייבנדיק זיינע ווערק, האָט פּרץ געפונען גענוג צייט אויך צו שרייבן אַרטיקלען איבער די ברענענדיקסטע פראַגעס פון דעם פּשוטן טאָג־טעגלעכן לעבן און אָנפירן אַ העפטיקע פּאָלעמיק מיט זיינע קעגנער. און ווען אין פּוילן הייבן זיך אָן מערקן אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, הייבט ער אויף אַ ביטערן קאַמף קעגן די יידישע אַסימילאַטאָרן. אָט אין די אַרטיקלען אַנטפּלעקט זיך פּרץ ווידער און ווידער, ווי אַ קעמפער פאַרן יידישן קיום און פאַר פאָלקיזם. זיין וואָרט איז קרעפטיק און אומדערשראָקן, ווען אפילו זיין אייגענע שטעל (אין דער „גמינע״) ווערט באַדראָט פון אָט די אַרויס־טרעטונגען זיינע.

אין די אייגענע זאַמלביכער „פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפט״, אונ־טערן נאָמען „די יודישע ביבליאָטעק״, האָט ער פאָרמולירט זיין פּראָגראַם אַזוי: „מיר ווילן בילדן דאָס פאָלק, מאַכן אויס נאַרן — קלוגע, אויס פאַ־נאַטיקער — געבילדעטע מענטשן, אויס ליידיקגייער און לופטשלינגער — אַרבעטער נוצלעכע, אָרנטלעכע מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר זיך, און דעם כלל קומט דערפון אַ טובה אַרויס...״

און ווי באַוואוסטזיניק ער האָט זיך באַצויגן צו אַלע פּראָבלעמען פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז ער נאָך מער באַוואוסטזיניק געווען איבער זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. אָט די באַוואוסטזיניקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף דער גרופּע ליטעראַטן, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום זיין ליטעראַרישן טיש. די שרייבער זיינען באַווירקט געוואָרן פון פּרצעס פּערזענלעכקייט, פון זיין גרויסן אינטעלעקט און, ניט ווייניקער, — פון זיין שאַפן. פּרץ האָט, דער ערשטער, פאַרמירט צילן אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געלערנט זיינע מיטצייטלער און נאָכפאָלגער אַריינ־צוטראָגן אין זייערע ווערק דעם סאָציאַלן עלעמענט, דערהויבנקייט פון גייסט און מסירת נפש. ער האָט זיי געלערנט צו זען און צו באַנעמען סיי דעם יידישן כלל און סיי דעם יידישן יחיד. ער האָט זיי געלערנט צו באַ־נעמען אינערלעכע עמאָציעס דורך ספּעציפישע האַנדלונגען, צו אַנטפּלעקן די פּסיכאָלאָגישע סיבות פאַר דער אינדיווידועלער האַנדלונג, צו גיין פון יחיד צום כלל און פון כלל צום יחיד. פאַר אים איז דער ייד און דאָס

יידנטום געווען ניט צווי באַזונדערע קאַטעגאָריעס, נאָר איין־און־דיזעלביקע פסיכאָ־סאָציאַלע איינהייט.

ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע, האָט פּרץ אין זיין שריפטשטעלערישער אַרבעט פאַרקערפערט די אידייאישע געשטאַלט. ער דערציילט קלאָר און פשוט, אָבער איבער זיין דערציילן איז שטענדיק דאָ דער הויך פון גייס־טיקייט. די געוויינלעכע סיטואַציעס זיינען אַלעמאָל איבערגעפילט מיט טיפער פסיכאָלאָגישער איבערלעבונג, וואָס פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע אפילו פון דעם סאַמע ניט דיסקרימינירנדיקן לייענער. זיינע קאָמפּליצירטסטע גריבלענישן בויט ער אויף די רעאַלע יסודות און פאַרמען פון דער אַרומי־קערווירקלעכקייט. און אַלעמאָל קאָן דער לייענער ביי פרצן געפינען די גרויסע טאַט, די טיפע אידייע, די העכערע איבערלעבונג און דעם אויס־טערלישן כאַראַקטער, וואָס איז געבונדן מיטן יידישן קיום, מיטן יידישן מסירת נפש, מיט דער ספּעציפישער יידישער פּסיכיק.

אָבער פּרץ האָט זיך ניט באַגרענעצט אין זיינע ווערק — ניט אין דער פאָרם און ניט אין דעם אינהאַלט. ער איז פאַרשיידנאַרטיק, אָבער אַלעמאָל איז ער אין דער ספּערע פון זיין אידייע און אין דער אַרומיקער סביבה. ווי ווייט זיין פאַנטאַזיע זאָל אים ניט אַוועקטראָגן אין העכערע עולמות, איז ער אַלעמאָל אויף דער ערד. זיין אויג זעט די אָרימקייט און נויט פון די ברייטע מאַסן, דעם געראַנגל פאַרן טרוקענעם ברויט, אָרימשאַפט און אַרבעט, קאַמף און געראַנגל, דערהויבנקייט און געפאַלנקייט פונעם יידישן פאָלקס־מענטש, ייד און גוי, יידישן צער און יידישן צאַרן. אַט די אַלע פּראָבלעמען זיינען פאַנאַנדערגעשאָטן איבער די פילצאָליקע ווערק פון זיין גרויסער ליטעראַרישער ירושה, איבער אַלע זיינע ליטעראַרישע זשאַנרען. ער האָט דעם פּשוטן מענטשן דערהויבן ביז צו אַ סימבאָל. ער האָט אין שטויב פון דער אָרימסטער סביבה אַנטדעקט גרויסע מענטשלעכע ליבשאַפט, העלדישקייט און מסירת נפש. און דערפאַר האָבן אים טאָקע די ברייטע פאָלקס־מאַסן אויפגענומען און שעצן אים ביזן היינטיקן טאָג.

און ווי ער האָט ליב געהאַט דעם פאָלקס־מענטשן אין זיין יום־טוב און אין זיין וואָך, האָט אויך פּרץ ליב געהאַט דאָס יידישע קינד. ער האָט פאַר אים געשריבן זיינע צאַרטסטע לידער, ער האָט פאַר אים געשריבן, ווי פאַרן דערוואַקסענעם, זיינען וואונדערלעך־פאַנטאַסטישע מעשיות, שוין אפילו אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָט זיך פּרץ דערהויבן ביז צו דער העכסטער עקסטאַטישקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט זיין שריפטשטעלערישע פערזענלעכקייט; אַן עקסטאַטישקייט, וואָס שטאַמט אַרויס ניט אַזוי פון דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון די ווערק, ווי פון זיין הויכער מאָראַלישער אַנטפּלעקונג. זייער רעליגיעזער שלייער איז ניט מער ווי אַן אויסערלעכער באַדינג. אינערלעך איז אָבער יעדעס ווערק איבער דער רעליגיע. דער

תמצית איז אַלעמאָל: טיפער גלויבן, גרויסע, אומבאַגרענעצטע ליבשאַפט, קאַמף פאַר יושר און אמת, אומבאַגרענעצטע שיינקייט און גוטסקייט, וואָס זיינען די אַנטפּלעקונגען פון אמתער געטלעכקייט אין יעדן מענטשן, וואָס לעבט זיך אויס אין ספערע פון העכערער מאָראַל.

ניט קיין פאַנאַטיש־גלויביקער און אויסערלעך ניט קיין רעליגיעזער מענטש, אין דעם אַנגענומענעם זין פון וואָרט, איז אָבער פּרץ געווען אַ טיף־גלויביקער. זיין גלויבן דערגייט אָפּטמאָל ביז דער טיפסטער מיסטישקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך סיי אין זיין טעמע, סיי אין איר אינערלעכן אויסדרוק. ער גייט אַוועק אָפּטמאָל פון דעם אַרומיקן, דערהייבט זיך ביז די הימלען. ס'איז אָבער אַלעמאָל אַזאַ אַוועקגיין, אַזאַ דערוויטערונג פון לעבן, וואָס ברענגט אים צוריק צו דער ערד און צו דער ווירקלעכקייט אַ באַרייכערטן, אַ געלייטערטן, און אַן איבערגעלאָדענעם מיט גרויסער גייסטיקייט. ער קומט צו די פּשוטע געצעלטן פון דער אָרימער וועלט מיט הימלישע מתנות, כדי נאָך מער צו פאַרבינדן די הימלען מיט דער ערד און דאָס געטלעכע מיטן מענטשלעכן אין איין ניט־צערייסבאַרן בונד.

פּרץ האָט געשריבן אין אַ סך זשאַנרען. ער האָט געשריבן סקיצן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, פעליעטאָנען, סקיצן פון דער אומַמיטלבאַרער סביבה, סאַטירישע לידער און פּראָפּעטישע פּאָעמעס, צאַרטע ליריק און פּסיכאָלאָגישע דערציילונגען, יום־טוב דערציילונגען, אַרטיקלען איבער געזעלשאַפט־לעכע פראַגן און ליטעראַרישע קריטיק, רייזע־פאַרצייכענונגען און דראַמ־נערונגען, אָבער אין אַלע אָט די ווערק איז דאָ די גרויסע אינדיווידועלע און קינסטלערישע פּערזענלעכקייט פון זיין שאַפער. אינאיינעם מיט זיין ברייטן פּויליש־יידישן פּייזאַזש, מיט די חדרים, בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך, מיט גוטע יידן, עלוים, מיטן ספּעציפיש־פּוילישן פאָלקלאָר, געפינען מיר ביי אים דאָס אַלגעמיין־יידישע; אַ מערווירדיק געוועב פון יידישן לעבן, וואָס איז רייך אין קאָליר און וואָס איז נאָך רייכער אין ברייטן אַלץ אַרומנעמענדיקן, קאָלאָריט. די אָרימע שטעטלעך, מיט זייערע מיטלאַלטער־לעכע פירונגען, מיטן ביליקן האַנדל־וואַנדל, מיטן יידישן הפקר און מיטן יידישן מסירת נפש און גרויסער דערהויבנקייט — אַלץ איז געוואָרן דער אויסדרוק פונעם גאַנצן פאָלק. דער ליטווישער, רומענישער, רוסישער און ווייסרוסישער ייד האָט אין אָט דעם לעבן געפונען זיין אייגענע אָפּשפּיגלונג, דערקענט זיין אייגענע געפאַלנקייט און זיין אייגענע דערהויבנקייט. און דער־קענט אין פּרצן זיין שרייבער.

און ווען פּרץ איז געגאַנגען מיט די ברייטע טריט איבער דעם אָרים־רייכן פּויליש־יידישן לעבן ווי איבער אַ פעלד מיט בלומען און האָט מיט זיין קינסטלערישן אויג אָפּגעקליבן מוסטערן פון צווישן די שענסטע און קאָליר־רייכסטע, האָט מען אין דעם גאַנצן בלומען־קראַנץ דערקענט אַלע קאָליר־פולע ווינקעלעך פון דעם ברייט־פאַרשפּרייטן יידנלאַנד.

און אפשר טאַקע דערפֿאַר איז פּרץ, נאָך בײַ זײַן לעבן, אַנערקענט געוואָרן פֿון אַלע קלאַסן און שיכטן פֿון דעם יידישן פֿאָלק, ווי דער נאַציאָנאַלער דיכטער פֿון די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן, זייער זינגער און וואָרטזאָגער. און איצט, דרייסיק יאָר נאָך דעם דיכטערס טויט, איז שוין ניט שווער צו זאָגן, וועלכע פֿאַקטאָרן פֿון זײַן לעבן עס זײַנען געווען אַנטשיידנדיק אין זײַן גאַנג, ווי אַ מענטש און אַ שריפֿטשטעלער. אַנטשיידנדיק איז, נאַטירלעך, אין דער ערשטער ריי, געווען זײַן איבערגיין פֿון העברייאיש צו יידיש. דאָס האָט אים פּלוצלונג אַרויפֿגעפֿירט אויף אַן אומבאַגרענעצט־ברייטן פֿעלד פֿון טעטיקייט. עס האָט פֿאַר אים געעפֿנט ברייטע האָריזאָנטן, געלאָזן אויסשפּרייטן זײַן טאַלאַנט, געגעבן שוואונג זײַן גרויסער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. ער האָט געקראָגן אַ ברייטע און רײַכע אוידיטאָריע, וואָס האָט אים אַליין באַווירקט צו גרויסער טעטיקייט.

אַ צווייטער וויכטיקער פֿאַקטאָר אין זײַן ביאָגראַפֿיע איז זײַן אַרײַנטרעטן אין די רייען פֿון דער יידישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אָפֿן פֿאַרבונדן מיט די אידעאַלן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט געקעמפֿט קעגן דער סאָציאַלער און פּאָליטישער אונטערדריקונג אין דעם צאַרישן רוסלאַנד. אָט די אויפֿגעוועקטע מאַסן האָבן פּרצן באַווירקט צו סאָציאַלער אידייאישקייט, געוועקט אין אים זײַן פּראָטעסט קעגן אומגערעכטיקייט, סײַ אין דער ספֿערע פֿון יידישן לעבן, סײַ אין דער ספֿערע פֿון אַלגעמיינעם לעבן, אין וועלכן ער האָט זיך אויסגעלעבט. אַז ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט פּאָליטיק איז גענוג צו דערמאָנען דעם פֿאַקט פֿון זײַן ביאָגראַפֿיע, וואָס דערציילט, אַז ער האָט אפֿילו זיך געקליבן אַרויסשטעלן זײַן קאַנדידאַטור אין די פּוילישע וואַלן פֿאַר אַ דומאַ־מיטגליד, אָבער צוליב טאַקטישע אורזאַכן האָט ער זיך פֿון דעם אָפּגעזאָגט צו גונסטן דעם פּוילישן סאָציאַליסט יאַגעללאָ, אויף וועלכן אַלע פּראָגרעסיווע שיכטן און די יידן האָבן זיך דאַן געאייניקט. אין אָט דער וואַל־קאַמפּאַניע האָט זיך פּרץ אַרײַנגעוואָרפֿן מיט לײַב און לעבן. זײַן פּאָליטישער קאַמף איז דאַן געווען אַן אויסדרוק פֿון דעם ביטערן קאַמף, וואָס די יידישע מאַסן האָבן געפֿירט מיט די אויפֿגעקומענע אַנטיסעמיטישע טענדענצן אין די איינפֿלוסרײַכע פּוילישע קרייזן פֿון יענער צײַט, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין אָפֿענע באָיקאָטן קעגן דער יידישער עקאָנאָמיק און אפֿילו אין אָפֿטע אָפֿענע עקסצעסן.

אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויף דעם גאַנצן פּעריאָד פֿון פּרצעס שאַפֿן אין יידיש האָט, אָן צווייפֿל, געהאַט יעקב דינעזאָן. אָט דער גוטער מענטש און איבערגעגעבענער לעבנס־פֿרײַנט פֿון דעם גרויסן שרײַפֿטשטעלער, האָט געהאָלפֿן פּרצן „מיט ראַט און מיט טאַט" אין אַלע זײַנע אַספּיראַציעס. ער האָט אים פֿאַרבונדן מיט שרײַפֿטשטעלער, מיט קולטור־טוער, מיט אַלערליי קוואַלן פֿון יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָס האָבן פּרצן געקענט העלפֿן גיין אומגעשטערט צו זײַן גרויסקייט. און עס איז שווער אין פּרצעס ביאָגראַ־

פיע אָפּצוטיילן יעקב דינעזאָנען פון דעם גאַנצן פּראָצעס פון פּרצעס שאַפן און לעבן.

אין דער לאַנג־יאָריקער קולטור־טעטיקייט, טיילט זיך אויס גאָר באַזונ־דערס דער פּעריאָד, עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט, ווען ער איז געוואָרן דער פאָרזיצער און אָנפירער מיט דער געזעלשאַפט „הזמיר", וועלכן ער האָט אין אַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקן קולטור־צענטער. אַרום אים האָבן זיך דאַן געטוליעט אַלערליי יונגע טאַלאַנטן מיט גרויסע אַמביציעס — ניט בלויז פון דער ליטעראַטור, נאָר אויך מאַלער, סקולפּטאָרן, מוזיקער, אַקטיאָרן. אין יענער צייט האָט פּרץ אפילו געפּלאַנט צו שאַפן אַ גרויסן יידישן מוזיי, אַרויסצוגעבן אַ גרויסן ליטעראַרישן זשורנאַל, וואָס זאָל דערשיינען גלייכ־צייטיק אין איראָפּע און אַמעריקע, און אַנדערע אונטערנעמונגען פון גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב.

אָבער אָט די אַלע גרויסע פּאַרמעסטן זיינען איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די שווערע צייט פון קריג, די שווערע איבערלעבונגען, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דאַן באַדאַרפט דורכגיין, האָבן אונטערגעגראָבן דאָס שוואַכע געזונט פון דעם גרויסן קינסט־לער. דער טויט האָט אים געטראָפן ביי דער אַרבעט. ביי זיין שרייבטיש, ווען ער האָט געשריבן לידער פאַר די יידישע קינדער. פּרץ איז געשטאָרבן דעם דריטן טאָג חול־המועד פסח, דעם 3טן אַפּריל, 1915.

1945

די זכרונות פון ראובן ברײנין

די מעמואַרן־ליטעראַטור אין יידיש האָט זיך אין די פאַרגאַנגענע צוויי צענדליק יאָר אויף אַזוי פּיל באַרייכערט אין כמות און אין איכות, אַז זי איז שוין היינט־צו־טאָג געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל — סיי פון אונדזער מאָדערנער קולטור־געשיכטע, סיי פון אונדזער ליטעראַטור־אוצר. פון גאָר אַ באַזונדערער וויכטיקייט זיינען די דעראינערונגען פון דער פּלעיאַדע שריפטשטעלער, דענקער און קולטור־טוער פון יענעם צייט־אָפּשניט אינעם יידישן לעבן, צווישן די אַכציקער יאָרן פונעם 19טן יאָר־הונדערט ביזן היינטיקן טאָג, וואָס ווערט באַצייכנט ווי אַ נייע רענעסאַנס־עפּאָכע אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע.

אין אָט דעם צייט־אָפּשניט זיינען ביי אונדז אויפגעקומען סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע שטרעמונגען, וואָס האָבן אין אַ קורצער צייט געענדערט דאָס פּנים פונעם יידישן לעבן און גורם געווען דעם אויפקום פון אַ גרויסער צאָל שעפערישע פּערזענלעכקייטן אויף פאַר־שיידענע געביטן פון קולטור. פּאַראַלעל מיטן אויפשוואונג צו אַ באַנייטער שעפערישקייט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט זיך אויך אָנגעהויבן די אויפלעבונג אין דער העברייאישער ליטעראַטור, וואָס איז ביז יענער צייט געלעגן אין די הענט פון אַזעלכע שעפער, וואָס האָבן נאָך געשטעקט אינעם ווייטן יידישן מיטלאַלטער. דער סאַמע אויסגעשפּראָכנסטער באַנייער אירער אין אָט דער עפּאָכע איז געווען דער דענקער, ליטעראַטור־קריטיקער און געזעלשאַפטלעכער טוער ראובן ברײנין.

ער איז געווען, ווי נחמן מייזיל דריקט זיך אויס אין זיין אויספירלעכן אַריינפיר צו ברײנינס „פון מיין לעבנס־בוך", „אין דער העברייאישער ליטעראַטור אַ „פּורץ־גדר", אַ צוימען־ברעכער, אַ נאָוואַטאָר, אַ בונטאַר". ער איז געקומען אין אַ צייט, ווען די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע האָט שוין דורכגעמאַכט אַ היפּשן מהלך. די קולטור פון די אומות העולם האָט זיך שוין „איינגעזעצט". די מאָדערנע יידישע קולטור איז נאָך געווען „אין די וויקעלעך". דער בוים פון דער מאָדערנער יידיש־העברייאישער ליטע־ראַטור האָט ערשט געעפנט זיין בליעכץ. די ערשטע פּרוכטן זיינען נאָך קוים געווען קענטיק. אָבער ס'איז שוין קלאָר געווען, אַז די נייע פּרוכט

ראובן ברײנין — „פון מיין לעבנס־בוך" רעדאַקציע און אַריינפיר־וואָרט פון נחמן מייזיל. אַרויסגעגעבן פון איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1946.

פון דער ייִדישער קולטור, און די היסטאָרישע באַדינגונגען פון ייִדישן לעבן, האָט באַדאַרפט זײַן אַ סינטעטישע. און איר באַשטאַנד האָט זיך געמוזט צונויפגיסן דער זאַפט פון דער אַלטער ייִדישקייט מיט אַ גאָר היפּשן צומיש פון דער אַלמענטשלעכער קולטור.

און גראָד איז ר. ברײנין געווען, לויט זײַן אָפּשטאַם און דערציִאונג, אַ צווײַג פון דער אַלטער ייִדישקייט. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיטן דורותדיקן וויסן און לעבן פון די פרומע מאַסן, אין אַ דורכאויס־רעליגיעזער סביבה. געבוירן און דערצויגן אינעם רביישן שטעטל ליאַדי, וואו חסידישע פרומקייט און רעליגיעזע דאָגמע האָט אײַנגעשלאָסן דאָס ייִדישע לעבן, ווי אין ווענט פון אַ געטאָ, איז ער געוואַקסן צווישן אָט די ווענט, ווי אַ יונג ביימל, וואָס איז מיט זײַנע וואָרצלען אַרײַנגעוואַקסן אין אַ פּרוכטבאַרער ערד, וואָס האָט זיך שוין אָבער אין די יונגע יאָרן זײַנע געצויגן מיט די צווײַגן אַרויף צו דער זון, העכער איבער די ווענט פון זײַן אײַנגעשלאָסענער סביבה. די וואָרצלען זײַנען געבליבן טיף אין דער ייִדישער טראַדיציע, אין די פאַרמען פון דורותדיקן „ייִדישלאַנד", אָבער די צווײַגן, די בלעטער און דאָס האַרץ פונעם שטאַם האָבן זיך שוין געשפּײַזט ניט נאָר מיט דעם, וואָס די ערד האָט געגעבן, נאָר אויך מיט דעם, וואָס ער האָט אין זיך אַרײַנגעצויגן פון די פרײַע הימלען, פון דער זון, פון דער נײַער, פאַרברייטערטער סביבה און אויסגעברייטערטע האָריזאָנטן.

ווי ר. ברײנין דערציילט אין זײַנע מעמואַרן, איז אין זײַן פריער קינדהייט זײַן אידעאַל געווען צו ווערן אַ מחבר פון „שאלות־ותשובות", פון מוסר־ספרים. אין יענער צייט האָט ער זיך אפילו ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ס'האָבן אויף דער וועלט געקענט זײַן אַנדערע ספרים, וואָס זאָלן אינגאַנצן ניט האָבן צו טאָן מיט דער פרומער וועלט. אָבער ביסלעכווײַז זײַנען אים אין די הענט אַרײַנגעפאַלן די „פאַרבאָטענע ביכלעך" פון אַ וועלט, וואָס איז געלעגן ערגעץ ווײַט פון זײַן לעבן. אָט די ביכלעך האָבן געעפנט קליינע שפּעלטעלעך, דורך וועלכע ער האָט דערזען אַ ברייטע וועלט, וואָס האָט אים באַצויבערט, און דאָס שטרעבן צו וועלכער ס'איז געוואָרן די עסענץ פון זײַן שפּעטערדיקן לעבן.

די מיטלאַלטערלעכע ספרים, די פאַנאַטישע סביבה האָט אים ממש אײַנגעשלונגען. מ'האָט באַדאַרפט האָבן דעם לעבעדיק־זוכנדיקן גייסט, די אומרואיקע פאַנטאַזיע פון אַ העלד אַרויסצוהייבן זיך און דורכצוברעכן ווענט צו דער פרײַער און ליכטיקער וועלט. דער אויפגעוואַכטער אינטערעס צו וויסן, צו פאָרשן, צו דערגיין דעם אמת פון לעבן — דורך דער וויסנשאַפט, דורך דער ליטעראַטור, דורך די קונסטן, דורך די אַלע פילאָזאָפישע און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען פון דער צייט, האָט אים ניט געלאָזט רוען. אָט די אומרואיקייט איז אין אים פאַרבליבן ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן. אין דער גאָר פריער יוגנט איז דאָס געווען מאַטעמאַטיק,

צו וועלכער ער האָט געהאַט אַ באַזונדער נייגונג, נאָכדעם — די השכלה־ליטעראַטור און שפּעטער שוין — דער גאַנצער סכום פון דער אייראָפּיי־אישער קולטור, אין וועלכער ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן.

אָבער צו דעם איז דער וועג געווען אַ שווערער. דער אָנהייב האָט גע־מוזט געמאַכט ווערן, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל פון זעכצן יאָר. און אָט ווי ער שרייבט וועגן יענער צייט:

„...צו יענער צייט איז אין מיין אינערלעכער וועלט פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע. איך בין געווען פול מיט ספקות, מיט פראַגן, מיט אָנונגען: עס האָט מיך געצויגן צו אַן אַנדער וועלט, אין אַ ווײַטערער, אין אַ העכערער. די טראַדיציאָנעלע וועלט איז נאָך אָבער אין מיר פעסט. איך האָב זיך דערפילט, ווי איינגעמויערט אין אַן ענגן קרייז, אָבער מיין האַרץ האָט זיך געריסן צו אַנדערע ספערן. איך האָב ניט געוואוסט וואוהין און ווי אַזוי אַרויסצוקומען אין דער פריי.“

ערשט ווען זיינער אַן עלטערער פריינט עפנט פאַר אים אַ וועג צו דער השכלה־ליטעראַטור און ער לייענט איבער אַזעלכע ביכער, ווי „אהבת ציון“ פון מאַפּו און סמאָלענסקינס „התועה בדרכי החיים“ און „השחר“ — שטעלט ער זיך, פון אָנהייב, אַנטקעגן. אפּנים, אַז אַזאַ פּלוצלעכע רעוואָלוציע איז נאָך געווען פיינלעך, און ער דערציילט טאַקע: „עס האָט מיך געפּיבערט צו הערן אַזעלכע אָפענע דיבורים. עס האָט מיר ווי געטאָן צו הערן ווי ער לעסטערט, לאַכט אָפּ און איז מבטל אַלץ, וואָס איז יעדן יידן הייליק און טייער...“

ווי פּיינלעך עס איז ניט געווען, איז אָבער ווי נאָר דער ערשטער טראָט איז געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטונג פון ליכט, האָט זיך זיין עמפינדלעכער גייסט אָנגעהויבן טראָגן פאָראויס. און ווי ער איז אין דער קינדהייט געווען אַ דאָרשטיקער „שלינגער“ פון הייליקע ספרים, איז ער נאָך דאָרשטיקער געוואָרן נאָך דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. ער האָט געלייענט און גע־לערנט. איצט האָט ער שוין געוואָלט נאָך מער וויסן. זיין האָריזאָנט איז פאַרברייטערט געוואָרן. זיין הײם איז געוואָרן די ביבליאָטעק, זיין שטענ־דיקער חבר — דאָס בוך. ער האָט געלערנט שפּראַכן, ער האָט זיך גע־ראַנגלט מיט אויסערלעכע און אינערלעכע שטערונגען צו באַהערשן זיין סטיל, וואָס האָט אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַזוי אויסגעצייכנט אין דער העברייאישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן רייזן, באַגעגענען זיך מיט די ווײַכטיקסטע פאָרשטייערס פון דער דעמאָלטדיקער אידייאישער וועלט, מיט שריפטשטעלער, קולטור־טוער, און איז נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן פון זיין לעבן אַליין געוואָרן אַ שריפטשטעלער.

אויך דער באַשלוס צו ווערן אַ שרייבער איז ניט געווען פון די גאָר לייכטע. ער האָט באַדאַרפט בייקומען אַ סך אינערלעכע ראַנגלענישן.

אָט די אומרואיקייט זיינע האָט אים פריער געטריבן אין דער ריכטונג פון אַגריקולטור. ער האָט געוואָלט ווערן אַן אַגראָנאָם, כדי צו באַהעפטן זיך

מיט דער נאַטור, נאָכדעם האָט ער געוואָלט ווידמען זײן לעבן דער מאַטע־מאַטיק, אין וועלכער ער האָט נאָך אין דער קינדהייט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן. און אויך זײן שפּעטערדיקער ענדגילטיקער באַשלוס צו ווערן אַ העברייאישער שרייבער, אַ סופר עברי, האָט אים אין אָנהייב ניט געקענט צו שטאַרק באַגייסטערן. אָט וואָס ער זאָגט וועגן דעם: „לייענענדיק די נײַע העברייאישע ליטעראַטור און פאַרגלייכנדיק זי מיט די לעבעדיקע אייראָפּייאישע ליטעראַטורן — פלעג איך קומען צו די טרויעריקסטע רע־זולטאַטן... איך האָב זיך געמוזט מודה זײַן, אַז קיין איינציקער העברייאישער שריפטשטעלער האָט ניט געקענט באַאיינפלוסן מײַן געדאַנקען־וועלט, קיינער פון זיי האָט ניט אָנגערירט די אַנונגען און וואונטשן, וואָס האָבן געלעבט אין מײַן יוגנטלעכער נשמה און ניט די האָפענונגען, וואָס האָבן געשפּראָצט אין מיר אינעווייניק.״

דערצו האָט ער זיך נאָך אויך באַצויגן קריטיש אפילו צום אינסטרו־מענט — צו דער העברייאישער שפּראַך פון יענער צײַט בכלל. רעדנדיק וועגן דעם, ווי די שרײַבער פלעגן זיך באַנוצן מיט דער שפּראַך, זאָגט ער: „ביים בעסטן ווילן זיינען זיי ניט געווען אימשטאַנד זיך פריי אויסצודריקן אין העברייאיש... די געוויינלעכסטע אַלטעגלעכקייט פלעגט אויסגעדריקט ווערן דורך מליצה, דורך אַ הויכער שפּראַך, דורך אָנגעבלאָזענע פראַזן. זעלטן וועך פון זיי האָט געהאַט אַן אינדיווידועלן סטיל.״

דערפאַר, אַז ר. ברײנין איז שוין אַרויף אויפן וועג פון זעלבסטשטענ־דיקער שעפערישקייט, האָט ער זיך גענומען, פריער פון אַלץ, מיט ברען צו זוכן זײַן אייגענעם סטיל. זײַן סטיל איז געווען קלאָר, געשליפן, טיף־אינדיווידועל. ער האָט ניט פאַרוואָרפן קיין שעפערישן סטיל, אָנהייבנדיק פון דעם תנ״ך דורך דעם גאַנצן מיטלאַלטער ביז זײַן אייגענער צײַט. ער האָט געמאַכט אַ גליקלעכן סינטעז, וואָס איז היינט געוואָרן דער ריכט־שנור אין דער מאָדערנער העברייאישער ליטעראַטור. ער איז פאַקטיש געוואָרן דער באַנייער פון דער העברייאישער סטיליסטיק.

אָט די גייסטיקע ראַנגלענישן פון דעם יונגן ר. ברײנין פאַר דער נײַער וועלט, צו וועלכער ס׳האָט זיך געצויגן זײַן אומרואיקער גייסט, פאַרנעמען דעם סאַמע אָנגעזעענסטן אָרט אין זײַנע מעמואַרן. דורך זיי באַקענט זיך דער לייענער אינטים־נאָענט ניט נאָר מיטן גרויסן שריפטשטעלער אַליין, נאָר אויך מיט דער ברייטער סביבה פון זײַן צײַט, מיט די ערשטע טריט פון די יידישע מאַסן צו וועלטלעכער בילדונג, מיט די אידייאישע שטרע־בונגען אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, וואָס דאָס אַלץ ווערט פון דעם גרויסן שרייבער אַזוי גרינטלעך געשילדערט מיט אַ ברייטן פּינזל, מיט שוואונג און מיט גרויסער אחריות פאַר דער יידישער קולטור־געשיכטע.

דער פאַרשער פון דער שעפערישער פערזענלכקייט פון דעם גרויסן

שריפטשטעלער וועט אין אַט די דעראינערונגען געפינען פריער פון אַלץ דעם אידעאַלן יידן, דעם גאַנצן יידן, אַזוי צו זאָגן, וואָס כאָטש ער איז פאַר־לאָקט געוואָרן פון דער אייראָפּייאישער קולטור און איינגעזאַפּט אין זיך אַלע אירע ווערטן, איז ער דאָך מיט לייב און לעבן געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן אין דער אייגענער יידישער סביבה, איז געבליבן דער טרעגער פון די אייגענע יידישע ווערטן.

אַ באַזונדער־רייכן קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועט אויך געפינען אינעם בוך „פון מיין לעבנס־וועג״, ווי שוין געזאָגט, דער פאָרשער פון דער יידישער קולטור־געשיכטע דורך די שילדערונגען פון גאָר אַ גרויסער צאָל שריפט־שטעלער פון דער צייט. די באַגעגענישן מיט שרייבער, קינסטלער, קול־טור־טוער פאַרנעמען ביים מעמואַריסט אַ גאָר אָנגעזעען אָרט אין בוך. זייערע בילדער ווערן געמאָלן גרינטלעך און געטריי, מיט קלאָרע שטריכן פון זייער אויסערלעכן און אינערלעכן אמת. דאָ קען מען געפינען די איינ־פלוסרייכע משכילים פון זיין צייט, שרייבער, דיכטער, רעדאַקטאָרן, געזעל־שאַפטלעכע טוער און אויך אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייטן פון דער פרוי־מער וועלט. באַזונדערס בוילעט זיינען אין די דעראינערונגען אַרויס די פּאָרטרעטן פון קלמן שולמאַן, משה רייכערסאָן, שמואל־יוסף פין, אייזיק־מאיר דיק, לעוו לעוואַנדאַ, דער קאַמענעצער מגיד, אַלעקסאַנדער צעדער־בוים, י. ל. גאָרדאָן, דר׳ י. ל. קאַנטאָר, דר׳ י. ל. קאַצענעלסאָן, באַראָן דוד גינזבורג, חיים זעליג סלאָנימסקי און אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן, דירעקט אָדער אומדירעקט, באַאיינפלוסט זיין שעפערישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען אינעם בוך זיינען די שילדערונגען פון דעם ציוניסטישן „קרוזשאָק״, די „בני־ציון״ אין מאָסקווע, וואָס איז אַנטשטאַנען אַדאַנק די אָפענע פאַרפאָלגונגען אַנטקעגן די יידישע מאַסן מצד דער דעמאָלטדיקער צאַרישער רעגירונג און באַזונ־דערס ווי אַ רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען אויף יידן אין אָנהייב פון די אַכ־ציקער יאָרן. אָט די „בני־ציון״־באַוועגונג, וואָס איז הויפּטזעכלעך באַאיינ־פלוסט געוואָרן פון אַ פריערער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר לאָזונג איז געווען: „בית יעקב לכו ונלכה״ (די ביל״וויים, אָדער „בילויצעס״), איז, ווי ברייניז דריקט זיך אויס, „געוואָרן צו יענער צייט די גייסטיקע לאַבאָראַ־טאָריע, וואו עס האָט זיך אויסגעאַרבעט, אויסגעשמאָלצן די טעאָריע, די אידעאָלאָגיע פון דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער באַוועגונג.״

צווישן די „בני־ציון״ געפינען מיר דאָ די באַקאַנטע נעמען פונעם שפּעטערדיקן ציוניזם, ווי מזא״ה, פּסח מאַרעק, אוסישקין, דר׳ יחיאל טשלענאָוו און אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אין יענער צייט געזוכט דעם וועג צו זייער אידעאַל, ווי ברייניז דריקט זיך אויס: „עס איז געווען אַ מוטיקע,

געוואַגטע עקספּעדיציע, אַ גייסטיקע פאָרשונג־רייזע אין אַ ווייטער פרעמ־דער וועלט."

אינטערעסאַנט זיינען אינעם בוך די שילדערונגען וועגן די קאַמפן צו יענער צייט אַרום דער שפּראַך־פראַגע. צווישן די „בני־ציון" זיינען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט, אַז די שפּראַך אין ארץ־ישראל זאָל זיין רוסיש. אַ סך העברייער „האָבן זיך געשטעלט קעגן דער באַוועגונג פון אויפלעבן העברייאיש אַלס אומגאַנג־שפּראַך, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דורך דעם טעגלעכן געברויך וועט העברייאיש, די קלאַסישע שפּראַך, פאַרדאָרבן, פאַרגרייזט, פאַרזשאַרגאָנעוועט ווערן."

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ איבערצוגעבן דעם רייכן קולטור־היסטאָרישן מאַטעריאַל, מיט וועלכן ס'שוויבלט און גריבלט אין בריינינס דעראינערונגען.

דאָס בוך „פון מיין לעבנס־וועג" איז געשריבן, ווי אַלץ, וואָס בריינין האָט געשריבן, אין אַ קלאָרער שפּראַך און געלייטערטן סטיל. און ס'דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז כאָטש בריינין איז הויפּטזעכלעך געווען אַ העברייאישער שרייבער, האָט ער ניט ווייניק פאַרדינסטן אויך פאַר יידיש. אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן אין יידיש, האָט זיך אויסגעצייכנט צווישן זיינע מיטצייטלער מיט רייכקייט פון אויסדרוק, מיט לאַנג־אָטעמדיקייט, מיט קאָלאָריט, און גאָר באַזונדערס — אין זיינע מעמואַרן.

דעם איקוף־פאַרלאַג קומט אַ דאַנק פאַר דער שיינער און וויכטיקער אַרבעט פון אַרויסגעבן דאָס בוך און אַ סך שבחים פאַרדינט דער רעדאַקטאָר נחמן מייזיל פאַר דעם גלענצנדיקן אַריינפיר־אַרטיקל, וואָס דערגאַנצט דאָס בוך מיט וויכטיקע איינצלהייטן פון דער ראובן בריינין־ביאָגראַפיע.

1946

אברהם ליעסין

מיטן טויט פון אברהם ליעסין האָט די יידישע ליטעראַטור פאַרלאָרן איינעם פון די באַדייטנדיקסטע דיכטער פונעם עלטערן דור, אַ פּיאָנער אין אונדזער מאָדערנער דיכטונג, און אַן אויסגעשפּראָכענע, אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט אין אונדזער קולטור־לעבן.

אַ קינד פון פאָלק, פון די אונטערדריקטע פאָלקסמאַסן, איז א. ליעסין אין זיין פריער יוגנט באַווירקט געוואָרן פון די ליידן פון די עקספּלואַטירטע און באַליידיקטע, און האָט געווידמעט זיין שעפעריש לעבן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, דעם וואַקסנדיקן סאָציאַלן פּראָטעסט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זיין נאָענטסטער סביבה. ער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פונעם יידישן רעוואָלוציאָנערן ליד. זיינע לידער זיינען אַ היפּשע צייט געזונגען געוואָרן פון אַרבעטער אינעם אַלטן רוסלאַנד און גאָר באַזונדער פון יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט און פון דער גרויסער צאָל פאַרשיקטע אין דעם וויטן סיביר.

די מעלאָדישקייט און ריינקייט פון זיין שפּראַך, די קלאָרקייט פון אויסדרוק, די איינפאַכקייט פון זיין קלאַסישער פאָרם און גאָר באַזונדערס — דער רעוואָלוציאָנערער אינהאַלט פון זיין ליד האָט אים אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן אויסגעטיילט צווישן זיינע קאָלעגן־דיכטער און האָט אים אין אַ קורצער צייט באַרימט געמאַכט צווישן די ברייטסטע שיכטן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. מיט ליבשאַפט און מיט טרויער האָט די אַרבעטערשאַפט פון סוף פונעם פאַרגאַנגענעם און אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט געזונגען זיין ליד וועגן די ליידן פון די פאַרשיקטע:

„...אין לאַנד, וואו עס קייקלט די לענא
איר מעכטיקן וואַסער דעם קאַלטן —
דאָרט שטייט זיך אַ קליינינקע יורטע
אין אייביקע שנייען באַהאַלטן.

זי שטייט דאָרט — אַ שפּיל פאַרן שטורעם
פאַרוואָרפן אין מיטן דעם פעלד:
עס שמאַכט דאָרט אין שרעקלעכן עלנט
דער קראַנקער, דער שטאַרבנדער העלד...“

אינאיינעם מיט זיינע לידער פון פּראָטעסט קעגן דער סאָציאַלער אָרדנונג, האָט א. ליעסין אין אָנהייב פון זיין שאַפן אויך אָנגעשריבן זייער אַ גרויסע צאָל סאַטירישע לידער, וואָס האָבן אויסגעלאַכט מיט ביטערער

פאַראַכטונג דעם דעמאָלדיקן קליינבירגער, דעם פּראַצענטניק, דעם פּאַר־קויפטן כלל־טוער, דעם פּיליסטער. זיין בייסיקע סאַטירע האָט געשטעמפּלט מיט ביטערניש דאָס שאַלטן־און־וואַלטן פון דעם גביר, פון דעם רייכן קרעמער און פון פרומאַק. אָבער ווי בייסיק ליעסינס סאַטירע איז געווען, זיינען אָבער זיינע סאַטירישע לידער געווען ווייט ניט די בעסטע אין זיין דיכטערישער קאַריערע. זיי זיינען געווען און זיינען געבליבן, ווי אַ שטאָפּל, אַן עטאַפּ צו העכערע, רייכערע פאָרמען פון שעפערישער טעטיקייט.

דער איבערגאַנג צו נייע פאָרמען פון שאַפן באַצייכנט ביי ליעסינען גראָד זיין איבערגאַנג צו גאָר־אַלטע אינהאַלטן. צו דעם פעריאָד געהערן זיינע צאַלרייכע לידער, באַלאַדן און לענגערע פּאָעמען וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, וועגן רעליגיעזע און וועלטלעכע מאַרטירער פון דער יידישער געשיכטע. און אין דער צייט האָט זיך אָנגעהויבן ליעסינס פאַר־טיפונג אין זיך, אין די פּראָבלעמען פונעם יידישן פאָלק ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען; זיין איבערגאַנג צו אַ טעמאַטיק, וואָס איז געשטאַנען אויסער דער אומיטלבאַרער סביבה; אַ טעמאַטיק, וואָס האָט געוואָרצלט אין דער רעליגיעזער טראַדיציע, וועלכע ער האָט געצירשנט אינאיינעם מיט זיין יחוסדיקן אָפּשטאַם פון דורות רעליגיעזע פירער.

זיין טעמע איז געוואָרן דער קוואַל פון יושר, פון העכערער מאָראַל, וואָס ער האָט געשעפּט פון דער תורה, פון די נביאים, פון דער גאַנצער אַלטער ליטעראַטור. דעם פּאַטאָס פאַר זיין ליד האָט ער געשעפּט פון דער גבורה, אין די ליידן און אין דער לייטערונג דורך פּיינען פון די יידישע מאַרטירער אין וועמעס מאַרטירערשאַפט דער דיכטער האָט געזען די שטאַר־קייט, דעם נס פון דער יידישער עקזיסטענץ, וואָס איז אויפגעהאַלטן גע־וואָרן דורך טויזנטער יאָרן פון ביטערער פאַרפאָלגונג און יסורים.

ביי ליעסינען איז דער אמתער העלד ניט דער העלד פון סתם העל־דישקייט. ניט דער העלד פון גבורה און ניט דער העלד פון קאַמף צוליב קאַמף, צוליב ליידנשאַפט צו קאַמף, זיין העלד איז דער קעמפער און אויס־קעמפער פון אַ העכערן אידעאַל, דער קעמפער פאַר פרייהייט, פאַר יושר און פאַרן אמת. זיין העלד איז אַלע מאָל דער מאַרטירער, וואָס גיט אַוועק זיין לעבן פאַר זיין פאָלק, פאַר זיינע מיטמענטשן. באַזינגענדיק מיט פייער־דיקן פּאַטאָס די העלדן פון דער פאַרגאַנגענהייט געפינט ער איצט אויך אַזעלכע העלדן, און ער ווידמעט זיי גאַנצע פּאָעמען. (הירש לעקערט א. א.)

דער מאָטאָ פון זיין העלד איז געוואָרן:

„צו לעבן פאַר הייליקע תורהס
און שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר זיי."

ליעסינס ליד פאַרמאָגט אין זיך די דראַמאַטישקייט, דעם פּאַטאָס פון העלדן־עפּאָס. אין דעם ליגט אפשר אויך דער סעקרעט פון זיין דערוויייטערן

זיך פון דער רעוואָלוציאָנערער סצענע, וואו די יידישע פּאָעזיע האָט אים געפונען אין אָנהייב פון זיין שאַפן. אָבער אין דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס וואָס ער האָט געשעפּט פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט ער ניט זעלטן אַריינ־געגעבן די פּערזענלעכע סענסיטיוויטעט.

אין איינער אַזאַ פּאָעמע זאָגט ער:

„איך האָב די פּאַררעטער. איך גיי מיט אַ מעסער
און נוץ אים אין יעדן געלאַף.
אָ, שטאַרבן אין פרייהייט, אין שטאָלצער, איז בעסער,
ווי שענדלעך צו לעבן אַ שקלאַף."

„איך שפּרינג מיט די העלדן דורך רייפן פון פייער
און יאָמער פאַר פאַרבטיקער פרייד."

זיין גראַוויטאַציע צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו דעם אורקוואַל פון דער יידישער טראַדיציע און יידישער מאָראַל איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו אין זיין פּאָעזיע, אין דער גרויסער צאָל אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן איבער צייט־פראַגן, האָט ער ליב געהאַט אַריינצוברענגען דעם טאָן און אַ סך מאָל אפילו דעם אינהאַלט פון דער ביבל, פון דער געשיכטע און פון די יידישע נביאים. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרגלייכן אַ היינטיקן העלד דווקא מיט אַ העלד פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אַ היינטיקע געשעעניש — מיט אַ געשעעניש פון דער געשיכטע א. ד. גל. אָבער אין אַלץ, אין ליד און אין פּראָזע, האָט ער אַלעמאָל אַריינגעבראַכט דעם יידישן טאָן, דעם ספּעציפיש־יידישן טייטש פון ווערטער און באַגריפן, דעם ספּעציפיש־יידישן באַנעם פון זאַכן און פּאַסירונגען.

זיין שטענדיקער רוף צו די יידן זיי זאָלן זיין שטאָלץ מיט זייער יידיש־קייט, מיט זייער געשיכטע, מיט זייערע טראַדיציעס, מיט זייער מאָראַל און פילאָזאָפיע האָט ניט זעלטן געקלונגען, ווי אַ רוף צו אָפּגעזונדערטקייט, צו אַ גייסטיקער אָפּגעזונדערטקייט פון די „גוים", וואָס ווילן ניט אָננעמען, און קעמפן אפילו, „מיטן יידישן גייסט". אָבער דער אויפריכטיקער טאָן, זיין קלאָרע שטים, דער פּאַטעטישער טאָן פון זיין וואָרט, וואָס האָט געקלונ־גען, ווי נבואה, איז אים פיל מאָל בייגעשטאַנען און האָט אים באַשיצט פון דעם שטעמפּל פון שאָוויניזם.

ליעסין האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט אונטערצושטרייכן זיין אָנגעהע־ריקייט צום סאָציאַליסטישן אידעאַל. אָבער דער נאַציאָנאַליסט אין אים האָט בייגעקומען דעם סאָציאַליסט אין אַלע זיינע ווערק, — סיי אין די לידער, סיי אין די אַרטיקלען. דער סאָציאַליזם איז ביי אים געבליבן אַן אַבסטראַקטער טרוים, אַ חלום, אַ ליכט, צו וועלכער די מענטשהייט האָט באַדאַרפט אייביק שטרעבן אין נאָמען פון עפּעס אַן אומקלאָרער אידייע.

דערפאַר האָט ער טאַקע געשפּילט אַזאַ קנאַפּע ראָלע אין פּאַרטיי־לעבן. דער נאַציאָנאַליזם איז אָבער פאַר אים געווען ווירקלעכקייט. יידיש לעבן. יידישער גערעַנגל. יידישע רעכטלאָזיקייט. פּאָגראָמען. לויט ליעסינען האָבן יידן זיך באַדאַרפט אויפהאַלטן, זיין אינאיינעם, קלאַמערן זיך צו זייער גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, ווייל דאָס איז זייער שטאַרקסטע פעסטונג, די שטאַרקייט פון זייער גייסטיקן לעבן, זייער איינציק געווער קעגן דער אַרומיקער וועלט, וואָס וויל זיי אומברענגען.

ווי‏פל עס האָבן אים ניט געמאַטערט די פּראָבלעמען פונעם אַרבעטער־קלאַס, די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם, — געטריי איז ער געבליבן נאָר די יידישע פּראָבלעמען, אין אַלע זייער מאַניפעסטאַציעס. ער האָט זיי פאַר־פיקסירט אין זיינע לידער, אין זיינע אַרטיקלען, אין זיינע אַרויסטרעטונגען, אין זיין לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָרישער טעטיקייט, אין אַלץ, מיט וואָס ער האָט געלעבט. אין אַלץ האָט ער אַריינגעבראַכט דעם יידישן אידיאָם, דעם יידישן וואָרט פון ספר, דעם באַזונדערן יידיש־עטישן באַנעם פון זאַכן און געשעענישן, דעם ביבל־מאָטיוו, און זיין פּאַטריאַרכאַלע פּאַטעטיק. אין מאָ־מענטן פון צווייפל און געפאַלנקייט האָט ער אָפּגעזוכט די אַנטפּלעקונג פון „גאָט” דורך רעליגיעזער עקסטאַטיק, דורך פרומען, רעליגיעזן נשמה־אויסגוס. אָבער ער האָט אויך געהאַט מאָמענטן פון גרויסן צווייפל, פאַר וועלכע עס איז ניט געווען קיין באַפרידיקונג, ניט געווען קיין טרייסט:

„...איך ליג שוין זייט טויזנטער יובלען אַזוי
אין לויטערן אייביקן אייביק.
איך בענק און איך צי זיך אין שטומען געשריי
צו אַלץ, וואָס איז שמערצלעך און טויביק..."

אין רעוואָלוציע האָט דעם דיכטער א. ליעסין אינטערעסירט בלויז דער גרויסער פּאַטאָס פון קאַמף, דאָס העראָאישע, וואָס האָט געקענט שפּייזן זיין אומרואיק געמיט. דער מענטשלעכער גערעַנגל פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן האָט אים ווייניקער אינטערעסירט. דאָס איז פאַר אים אין די שפּע־טערדיקע יאָרן געווען וואָך. דער תוכיקער קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט איז געווען צו־וואָכעדיק פאַר אים, דעם אַריסטאָקראַט פון גייסט, וואָס האָט ליב געהאַט נאָר יום־טוב. דעריבער, ניט קוקענדיק אויף דעם, וואָס זיין ליד האָט זיך אַלע מאָל אויסגעצייכנט מיטן שטאַרקן סאָציאַלן פּראָטעסט, איז ער ניט געוואָרן דער דיכטער פונעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס. די לינקע אַרבעטערשאַפט האָט אים ניט אָנגענומען, ווי אַן אייגענעם, באַ־זונדערס אין די לעצטע יאָרן פון פאַרשאַרפטע קאַמפן. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערשאַפט האָט אויך אָפּגעשליידערט מיט ווייטיק דעם דיכטערס ספקות און אָפטע קעגנערשאַפט צו דער גרעסטער דערגרייכונג פון היינטיקער צייט, צו דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, כאָטש אייניקע פון זיינע פריערדיקע לידער

זיינען נאָך אויך לעצטנס געזונגען געוואָרן פון רעוואָלוציאָנערע מאַסן.

אינווייניק איז ליעסין געבליבן ביזן טויט מיט זיין ענגן נאַציאָנאַליזם. געטריי איז ער געבליבן נאָר זיין יחוס, די מאָראַלע און נאַציאָנאַלע אַספּי־ראַציעס פון זיין שטאַם, וואו ער איז געווען ביי זיך אינדערהיים, אויסגע־פוצט אין די יום־טוב־קליידער פון אַ מאָדערנעם נביא. און כאָטש ליעסין איז קיינמאָל ניט געווען קיין טריבון און איז זעלטן אַרויסגעטראָטן עפנטלעך, וייל ניט קיין רעדנער, האָט זיין פּאָזיציע, ווי דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט״, אַ זשורנאַל מיט גרויסן ליטעראַרישן איינפלוס, אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שטיין אין צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. די יידישע שרייבער האָבן פאַרבונדן זייערע ליטעראַרישע אַמביציעס מיט זיין זשורנאַל. שרייבן אין דער „צוקונפט״ איז ביי זיי גע־וואָרן די מאָס פון גרעסטער ליטעראַרישער אַנערקענונג. און ווי דער רע־דאַקטאָר, האָט ליעסין זייער גוט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן דאָס. דאָ האָט ער ניט זעלטן אַרויסגעוויזן אינדיווידואַליסטישע שטריכן פון זיין כאַראַקטער און האָט באַוויזן אפילו דורך די אַלע יאָרן צו באַפעסטיקן זיין זיג איבער זיינע אַלע קעגנער, און אפילו דעם זיג קעגן זיין שטאַרקסטן לאַנגיאָריקן קעגנער, דעם רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס״, אב. קאַהאַן.

ליעסין האָט ניט וויניקער ליב געהאַט די העברייאישע שפּראַך, ווי די יידישע. אָבער פאַר יידיש האָט ער געהאַט די ליבע פון בלוט־פאַרוואַנד־שאַפט. עס איז געווען די שפּראַך פון זיין היים, פון זיין קינדהייט, פון זיין מאַמען, און דערפאַר האָט ער פאַר איר אָנגעשריבן אַן אָדע אין זיבן לידער, און אָט וואָס ער זאָגט וועגן איר:

„...אין שלאָפלאָזע נעכט פלעגט זי קומען
צו מיר אין איר ליבן געוואַנד.

און פול מיט מעלאָדישקייט גוטער
פלעגט האַרציק זיך הערן איר קול,
אַזוי ווי דער קול פון מיין מוטער
ביים טייטש־חומש שבת אַמאָל...״

זיין ליבשאַפט צו דער יידישער שפּראַך איז געווען, ווי די ליבע פון אַ קינד צו זיין מאַמען. און אין דעם ליגט אפשר דער סוד פון זיין בונד מיטן יידישן וואָרט, און אויך דער פאַקט, וואָס נאָך ביים סאַמע אָנהויב פון דער יידישער פּאָעזיע, ווען זי איז נאָך געווען „אין די וויקעלעך״, ווען אַנדערע דיכטער פון יענער צייט האָבן נאָך קוים באַהערשט די פּאָעטישע שפּראַך, האָט שוין ליעסין געקענט אַריינברענגען אין איר אַזאַ רייכע לירישקייט, אַזאַ קלאָרן סטיל, גאַנצקייט פון בילד, באַוואוסטזיין און אַ היפּש ביסל אוני־

ווערסאַליטעט פון אינהאַלט. מיט דעם דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס די מערסטע לידער זיינע פונעם פּיאָנערן־פּעריאָד קלינגען נאָך איצט ניט צו־אַלט געלייענט צו ווערן.

א. ליעסין האָט קיינמאָל ניט געזען זיינע ווערק געזאַמלט אין בוכפאָרם, כאָטש ער האָט אויף דעם געאַרבעט פאַר די לעצטע 20 יאָר. ער האָט זיי אַלץ געהאַלטן אין איין אַרומשלייפן. עס איז צו דערוואַרטן, אַז איצט, נאָך זיין טויט, וועט אַלע זיינע ווערק ווערן געזאַמלט ווערן און אַרויסגעגעבן ווערן אין ביכער, וועט מען אים קענען בעסער און פילזייטיקער שטודירן און אָפּשאַצן געהעריקער זיין פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור.

דערווייל קען בלויז געזאָגט ווערן, אַז פון אונדז איז אַוועק איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פאָרשטייער פון דער פּיאָנערן־עפּאָכע פון דער יידישער פּאָעזיע, אַ מענטש מיט אַ סך קולטור און מיט אַ גרויסן טאַלאַנט.

1938

מאַמענטן מיט מ. אַלגין

מ. אַלגין איז ברייט באַקאַנט געווען אין די פאַרשיידנסטע קרייזן און ריכטונגען פון אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן ווי אַ רעוואָלוציאָנערער קעמפער, פלאַמיקער רעדנער, שאַרפער דעבאַטאַנט און אַרבעטער־פירער, וואָס האָט אויפגעפלאַמט די מאַסן מיט זיין פערזענלעכער טאַט. ער איז אויך געווען אַ פיינער סטיליסט, אַ ליטעראַטור־קריטיקער און אַ רעדאַקטאָר. וועגן אָט די אַלע אייגנשאַפטן זיינע האָט מען אַ סך גערעדט און געשריבן ביי זיין לעבן און נאָך זיין טויט. פאַר אַ סך קלינגט איצט זיין נאָמען כמעט ווי אַ לעגענדע.

איך וויל דאָ רעדן וועגן מ. אַלגין דעם מענטש, דעם לעקטאָר, רעדאַקטאָר און ליטעראַטור־קריטיקער, און אַרויסברענגען זיין באַציאונג צום יידישן שאַפן, צו די פאַרשיידענע פאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור, ווי זיי האָבן זיך אַנטפּלעקט בעת דער אָדער יענער פערזענלעכער באַגעגעניש.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט מ. אַלגין איז געווען אין 1915, אין פילאַדעלפיע, ביי זיינער אַ לעקציע וועגן דער יידישער ליטעראַטור און פּאָעזיע. איך בין ערשט מיט אַ יאָר צוריק אָנגעקומען פון רוסלאַנד. צווישן דעם טייערסטן באַגאַזש, וואָס איך האָב אַהער געבראַכט איז געווען דאָס קליינע העפטל לידער (אין רוסיש). שפּעריש בין איך נאָך געווען איבּגאַנצן אונטערן איינפלוס פון די אַזוי־גערופענע דעקאַדענטישע שטרעמונגען אין דער רוסישער פּאָעזיע, אין דעם צענדליק יאָר נאָך דעם דורכפאַל פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, אין דער צייט פון דעם „ליטעראַטורני ראַספּאַד״. די פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן האָבן אויפגעטרייסלט די קלאַסן־איינשטעלונגען. אַלע ווערטן זיינען דעמאָלט איבערגעשאַצט געוואָרן, און די שעפערישע כוחות זיינען ממש צעטומלט געוואָרן. ס׳איז אויפגעקומען אַ כוואַליע פון „דעקאַדאַנס״, וואָס האָט מיט זיך געטראָגן אַ שוים פון אַלערליי ריכטונגען — פונעם מעסיקן מאָדערניזם ביז דעם עקסטרעמען פוטוריזם און אַקמעאיזם. אַ יונגער אָנפאַנגער־דיכטער, בין איך לייכט אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם גאַנג צום „בייעם פּאַרנאַס״... און אַזוי טיף איז נאָך אין מיר געלעגן די ווירקונג פון די „מאָדערניסטן״ אַז אפילו אַ יאָר פון אַמעריקאַנער האַרטער ווירקלעכקייט האָט עס פון מיר ניט אַרויסגעטריבן...

צו יענער צייט האָט אַ סאָציאַליסטישער ברענטש אין פילאַדעלפיע

דורכגעפירט יעדן זונטיק בייטאָג, אין דעם „מאָריס האָל", לעקציעס איבער דער יידישער ליטעראַטור, און דער לעקטאָר פון דער סעריע איז געווען מ. אַלגין, וואָס איז ערשט אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דורך זיינע לעקציעס האָב איך זיך נעענטער באַקענט מיט די ווערק פון פרץ, פרוג, מאָריס ראָזענפעלד, אברהם רייזען, א. ליעסין, יהואש און אַנדערע.

די לעקציעס האָבן אויף מיר געמאַכט אַ רושם. ס'איז ניט געווען אַזוי, וואָס מ. אַלגין האָט געזאָגט, נאָר ווי אַזוי. זיין שפּראַך איז געווען אַ קלאָרע. יעדער איינער האָט זי זייער לייכט געקאָנט באַנעמען, אָבער פאַרגאַפּט איז מען געווען גראָד פונעם באַזונדערן שטייגערישן סטיל פון זיין רעדנער־טאַלאַנט. אַרום יעדן ווערק האָט ער געצייכנט זיינע אייגענע ליטעראַרישע פּייזאַזשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן, זיך באַהעפט מיט די פּייערלעך־געלייענטע ציטאַטן. אינאיינעם מיט פרצן האָט ער געמאָלן די סביבה פון רביים, הייליקע יידן און ברעכער פון צוימען, אינאיינעם מיט רייזענען האָט ער געצייכנט דעם ליטווישן פּייזאַזש מיט זיין שטעטל און זיינע פּערסאָנאַזשן. דער צוהערער איז מיטן לעקטאָר געגאַנגען טראָט נאָך טראָט, פון איין אַנט־פּלעקונג צו אַן אַנדערער, און דער גאַנג איז געווען אַזאַ לייכטער, ווי מ'וואָלט זיך געטראָגן אויף כישוף־פליגל.

איין מאָל איז מ. אַלגין פאַרטראָגן געוואָרן פון עפּעס אַ געדאַנק צו דער דיכטונג אין דעם דעמאָלטדיקן רוסלאַנד. און כאָטש ער האָט הויך געשאַצט די טאַלאַנטן פון באַלמאָנט, אַנדרעי ביעלי, גיפּיאוס און וואַלערי בריוסאָוו, האָט ער אָבער מיט אַ בייסיקן חוזק, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר מ. אַלגין אין געוויסע מאָמענטן, אויסגעלאַכט זייערע לעצטע שאַפונגען, זיי צונויפגעמישט מיט די פוטוריסטן און אַקמעאיסטן און זיי אַלעמען אויפן שאַרפסטן אופן אינאיינעם „אָפּגעזאָגט דאָס לעבן". דאָס האָט מיך זייער פאַר־דראָסן, פונקט ווי מ'וואָלט גענומען און אַראָפּגעשליידערט מיינע „געטער" אין שטויב אַריין...

האָב איך זיך, נאָך דער לעקציע, אָנגענומען מיט כוח און געוואָגט צו פאַרטיידיקן מיינע „ליבלינגען". איך געדענק שוין ניט, וואָס איך האָב גע־זאָגט, אָבער איך געדענק זייער גוט ווי אַלגין האָט מיר געענטפערט. אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ שמייכל פון אַן עלטערן, וואָס לערנט מיטן ייִנגערן „בלק". פון זיין מויל האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ שטראָם פון מערקווירדיקער אָראַטאָריע און מיט דעם — אַ ים פון וויסן. אויף מיין קאָפּ איז געפאַלן אַ באַרג מיט ווערטער און ציטאַטן און אויף די מאָדערניסטן — אַ בייסיקער חוזק. אַ שטאַרק־געטראָפענער, בין איך, פונדעסטוועגן, נאָך דער לעקציע, צוגעגאַנגען צו אים, ווען ער איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון דער „קאָמיטע" און סתם פאַרערער, און געוואָלט נאָך אַלץ עפּעס „אָפּ־ראַטעווען", עפּעס אַראָפּדינגען פון דעם אורטייל... אַלגין איז איצט געווען גאָר אַן אַנדערער. ער האָט פריינטלעך געשמייכלט. ער האָט מיך אפילו

אונטערן אָרעם אָפּגעפּירט אַן אַ זייט פונעם עולם, און רעדנדיק שוין אין רוסיש, האָט ער מיט מיר איינגעטענהט וועגן דעם, אַז אַט די קונסט איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעגענעראַציע און פּאַנאַנדערפאַל. ניט געפעלט זיך אפילו אַ זוך צו טאָן צווישן די פּאַפּירן, וואו ער האָט געהאַט, הפנים צו אילוסטרירן זיינע אַנדערע לעקציעס, אַ צאָל ציטאַטן — אמת, זייער עקסטרעמע ביי־שפּילן (ווי באלמאַנטס, „צאַר דוך, צאַר באָג, צאַר דוך, צאַר באָג!"). ער איז איצט געווען בלויז אַ פריינטלעכער לערער. אַזוי האָב איך גאָר אומשול־דיקערהייט פאַרזוכט דעם טעם פון אַלגינס שטאַרקן (און שאַרפן) כוח פאַר פּאָלעמיק און דעבאַטע און אויך אַ מאָמענט פון פריינטלעכער אָנווייזונג...

אַ צווייט מאָל האָב איך זיך פּערזענלעך באַגעגנט מיט אַלגינען ערשט אין 1927, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. אַרום דער „פרייהייט" און אַרום דעם זשורנאַל „האַמער" האָבן זיך דעמאָלט גרופּירט די פיינסטע יונגע און עלטערע דיכטער און שרייבער, שוין אָפּגערעדט פון די נייע פּראָלעטאַרישע כוחות. יניאָן סקוועיר איז געווען אַן אמתע פּראָלעטאַרישע מעקאַ. איך בין געקומען צו אַלגינען מיט אַ מאַנוסקריפּט פאַרן „האַמער". איך האָב אים גראָד געטראָפן לעבן זיין שרייבטיש, פאַרטאָן אין לייענען און אויסבעסערן אַ מאַנוסקריפּט. ער האָט אויסגעזען מיד. אויפן פנים איז געווען אויסגעשפּרייט אַ בלייכקייט, אָבער די אויגן האָבן מיך באַגעגנט מיט אַ סך פריינטשאַפט. געבעטן זיצן, האָט ער אָפּגערוקט דעם מאַנוסקריפּט, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט. ס'איז געווען אַ מאָדנער מאַנוסקריפּט. ער איז געווען ממש „איבערגעאַקערט" מיט צענדליקער אויסבעסערונגען. מ'האָט קוים געקענט אַרויסזען די אָריגינעלע שורות פון אונטער די רעדאַק־טאָרישע אויסבעסערונגען...

איך האָב אין שפּאַס באַמערקט:

— איר האָט דאָ היפּשלעך „צורעכט־געמאַכט" עמעצן... איר האָט דורכגעפירט די אמתע אָפּעראַציע. אייער פּאַציענט וועט זיך אַליין ניט דער־קענען, ווען זיין זאַך וועט אָפּגעדרוקט ווערן...

— די זאַך וועט ניט געדרוקט ווערן, — האָט ער מיר געענטפערט — דאָס טו איך צוליבן מחבר אַליין. ער האָט גראָד טאַלאַנט. אפשר וועט ער זיך שפּעטער אַנטוויקלען. ער דאַרף נאָך לערנען, אַרבעטן אויף זיך. ער אינטערעסירט מיך, ווייל איך ניט סתם אומקערן דעם מאַנוסקריפּט. זאָל ער זען זיינע פעלערן און לערנען פון זיי. אָט ווי איר זעט: — אַ רויער טאַ־לאַנט. האָט אַן אויג, אָבער די שפּראַך, זיין יידיש טויג ניט... פריער פון אַלץ דאַרף דאָך אַ שרייבער קאָנען אונדזער יידיש, און טאַקע גוט קענען, און אויך פילן דעם יידיש אין זיך, אָטעמען מיט דער יידישער שפּראַך, ווי מיט געזונטער לופט. טאַלאַנט האָט ליב שפּראַך־מייסטערשאַפט...

ער אַליין איז, הפנים, פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער טעמע... ער איז געוואָרן דער לעקטאָר און אַנטוויקלט אַ געדאַנק, באַשטעטיקט זיינע אַ באַ־

ליבטע טעאָריע דורך אַלערלייביישפּילן פון דער ליטעראַטור און אַלץ אינאיינעם דערהייבן ביז אַן אידייע. אָלגין האָט אַ פינקל געטאָן מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן: זיין סטיל, ערודיציע, אָראַטאָרישע שטים־מאָדולאַציע, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע אוידיטאָריע.

אָט די ליבשאַפט צו דער יידישער שפּראַך, ניין, די פאַרליבטקייט, האָט אים אָפט געטריבן צו פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מאַסן פאַר אַ ריינעם יידיש. ער האָט געשריבן פיל אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט איינגע־קנעלט דעם טייטש פון גוטן, לעבעדיקן יידיש. און ניט זעלטן — אויך פון דער פּלאַטפאָרמע. אין זיין שרייבן האָט ער געקליבן ווערטער, ווי טייערע פּערל, אויסגעשטעלט זיי אין אַזאַ ריטמיש־קוועלנדיקער פּראָצעסיע פון קלאַנג־ניואַנסירונג, ווי ער וואָלט געשריבן פּאָעזיע. מ'האָט געלייענט און געפילט אַ מוזיקאַלישע הנאה. יעדע פּראָזע קלאָר־דורכזיכטיק און ריטמיש. דער יידישער אידיאָם האָט זיך לייכט אַריינגעגאָסן אין זיין ראַפינירט־קול־טיווירטן שפּראַך־אוצר, און פּונקט אַזוי לייכט האָט ער געקענט אַריינגיסן זיין ברייטע קענטשאַפט פון איראָפּיאישע שפּראַכן אין די טיף־יידישע לאַגלען און פאַרוואַנדלען אונדזער לשון אין אַ צויבערנדיקן אינסטרומענט פון זעלטענער מוזיקאַלישקייט.

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ רוק געטאָן צו מיר נעענטער. געוואָלט וויסן וועגן מיר: וואו איך דרוק זיך, וואָס איז מיין טעמאַטיק און צי די קריטיק האָט גוט אויפגענומען מיינע ביכער (איך האָב שוין דאַן געהאַט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער).

איבערהויפּט האָט אים אינטערעסירט, צי איך שרייב אויף אַמעריקאַ־נישע טעמעס.

— מ'שרייבט ביי אונדז צופיל וועגן שטעטל. אַ נאָסטאַלגיע — אין ליד און אין פּראָזע. און וואָס ס'איז אַרום, וויל מען ניט זען. און ס'איז שוין לאַנג צייט אַ שרייב צו טאָן וועגן אונדזער אַמעריקע.

— נו, האָב איך אייך טאַקע געבראַכט „אַן אַמעריקאַנער" דערציילונג.

— גוט. גיט זי מיר אַהער! איך וועל זי היינט איבערלייענען. אָבער איצט לאָמיר אַרונטערגיין אונטן, אין קאַפעטעריע, וועלן מיר טרינקען קאַווע און שמועסן. וועלן מיר זיך נעענטער באַקענען.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ נעם געטאָן מיך אונטערן אָרעם און מיר זיינען אַרונטער. דאָ איז ער געווען גאָר אַן אַנדערער. די פריערדיקע בלייכ־קייט און די מידקייט איז פאַרשוואונדן. ער האָט מיט מיר גערעדט, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. מענטשן זיינען צו אים צוגעגאַנגען, אַרומגערינגלט, און אין עטלעכע מינוט איז אַרום זיין טיש געווען אַן עולם. ער האָט אַ סך גערעדט, און די מענטשן האָבן אים ממש געקוקט אין מויל אַריין, געכאַפּט די ווערטער ווי פון אַ רבין...

פּערזענלעך איז אָלגין געווען אַ פריינטלעכער מענטש. אויב עמעצער

האָט פאַרדינט לויב, האָט ער אים געלויבט מיטן פולן מויל. אַמאָל אפילו איבערגעטריבן. ער האָט ליב געהאַט צו טאָן טובות, דערגעענטערן מענטשן צו זיך. ער האָט אָבער אויך געקאָנט שאַרף טאַדלען. אַ שרייבער, וואָס האָט ביי אים ניט אויסגענומען, האָט ער געקענט „אָפּקריטיקירן" ביז כמעט פאַר־זענלעכער באַליידיקונג, מאַכן צו אַש זיינס אַ ווערק און אפילו שטאַרק הנאה האָבן פון דעם שווערן איינדרוק, וואָס אַזאַ קריטיק האָט געמאַכט אויפן מחבר. ס'דערמאָנען מיר זיך אַ פּאָר פאַלן:

אַ שרייבער האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע, געוואָלט, אַז אַלגין זאָל זי איבער־לייענען און אָפּדרוקן אין „האַמער". אַלגין האָט די דראַמע איבערגעלייענט און זי איז אים ניט געפעלן געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט ער פאָרגעשלאָגן דעם מחבר, די דראַמע זאָל געלייענט ווערן פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון „פּראָ־לעטפען", און דאָרטן זאָל דאָס ווערק ברייטער אַרומגערעדט ווערן. יענער האָט איינגעשטימט. די דראַמע איז געלייענט געוואָרן. אַלגין האָט דער ערשטער גענומען דאָס וואָרט. ער האָט באַלד „צענומען" דאָס ווערק אויף באַזונדערע טיילן, — טעמאַטיש, שפּראַכלעך, דראַמאַטיש, אידייאיש, — און אויף דעם שאַרפסטן אופן, אפילו מיט אַ היפשער דאָזע חוזק, געמאַכט צו־נישט דאָס גאַנצע ווערק. דער מחבר איז געווען דערשלאָגן. די אַנ־וועזנדיקע חברים האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם פון אַזאַ שאַרפן „אַרויס־פּאַר". אַלגין איז טאַקע געווען גערעכט, אָבער זיין טאָן איז קיינעם ניט געווען צום האַרצן. אַלגין האָט עס באַמערקט. האָט ער נאָך אַמאָל גענומען דאָס וואָרט:

— וואָס איז דאָס ביי אונדז ליטעראַטור — אַ שפּילעכל? ביי אונדז דאַרף מען זיין קריטיש צו אַ ווערק. מיר זיינען באַרופן אַריינצוברענגען גרעסערן באַוואוסטזיין, גרעסערע אחריות אין אונדזער שאַפן. מיר קאָנען זיך ניט פאַרגינען צו שרייבן סתם ווערק און זיי אָפּדרוקן. מיר דאַרפן געבן די מאַסן דאָס בעסטע, ווערטפולסטע, אַז ניט וועט דאָך אויסקומען ווי מ'זאָגט אין רוסיש וועגן די דריט־קלאַסיקע רוסישע שרייבער: „פּיסאַטיעל פּאַפּיסי־וואַיעט, אַ טשיטאַטיעל פּאַטשיטיוואַיעט!..."

נאָך ביי אַן אינצידענט אַזאַ איז מיר אויסגעקומען בייצוזיין, — אויף אַ שמחהלע פונעם „פּראָלעטפען". אַ סך דיכטער און פּראָזאַאיקער האָבן גע־נומען ווערטער. ס'זיינען געפאַלן ווערטער פון לויב און זעלבסט־קריטיק. און ווי ס'פּאַסירט אָפּט, האָבן אויך גערעדט געקריוודעטע. צווישן זיי — אַ שרייבער שוין מיט אַ נאָמען. זיינס אַ ראָמאַן איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „פרייהייט". לייענער האָבן אַריינגעשיקט לויב־בריוו, אָבער די רע־דאַקציע אַליין האָט וועגן ווערק ניט געשריבן, ניט געשענקט קיין אויפ־מערקזאַמקייט... געדענק איך ווי אַלגין איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט אַ בלייכער און געזאָגט צו יענעם שרייבער:

איר ווילט קריטיק? אָט איז אייך קריטיק: אייערע העלדן, אייערע געשטאַלטן קאָן מען קיין מאָל ניט דערזען קלאָר פאַרן אויג. מ'זעט זיי ווי אין אַ טומאַן. מ'זעט זיי ווי דורך די לעכלעך פון אַ זיפּ. איז וואָס־זשע ווילט איר, מיר זאָלן דאָס זאָגן עפנטלעך? זעלבסט־קריטיק, דרך־ארץ פאַר די מאַסן, אויפהערן צו פּיעשטשען זיך...

און ווי שאַרף ער האָט געקאָנט טאַדלען, אַזוי הייס־אַטעמדיק האָט ער געקאָנט לויבן. ס'דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל, ווען אהרן קורץ האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער און מ'האָט זיך פאַרזאַמלט צו פייערן, אינאיינעם מיטן דיכטער, אויף אַן אינטימען אופן. אַלגין האָט געהאַלטן אַ פייערלעכע רעדע. ער האָט געגעבן דעם טאָן. נאָכדעם איז ער באַשטאַנען אויף דעם, אַז ער אַליין זאָל לייענען אַ סעריע לידער, וואָס איז אים אַממערסטן געפעלן, און געלייענט האָט ער די לידער באמת מײַסטערהאַפט.ביים דיכטער זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. ביי אַלעמען איז געבליבן דער איינדרוק, אַז אַלגין האָט געוואָלט וועקן אים צו אַ גרעסערן פאַרנעם, אַרויספירן אים אויפן ברייטן וועג פון יידישער דיכטונג. פון דער אינטימער שמחהלע האָט ער געמאַכט אַ גרויסן יום־טוב, און — געשעעניש פאַרן דיכטער.

מ. אַלגין האָט זיך זייער געפרייט מיט די שרייבער, וואָס האָבן זיך דער־נעענטערט צו דער לינקער באַוועגונג, זיינען געוואָרן פריינט פונעם סאָ־וועטנפאַרבאַנד און האָבן זיך, ווי מ'האָט דאַן געזאָגט, „אָריענטירט אויף דעם אַרבעטער קלאַס". ער האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט פריינטשאַפט, ווי צו אייגענע. אָבער אַ באַזונדערע זאָרג און אַ באַזונדער וואַרעמקייט, איך וואָלט געזאָגט — פאָטערלעכע וואַרעמקייט, האָט ער אַרויסגעוויזן צו די, וואָס האָבן זיך „אויסגעפּיקט" אונטער די פליגלען פון דער „פרייהייט" און „האַמער", אייגנטלעך, אונטער זיין השפעה. די צוגעקומענע האָבן דאָך שוין געהאַט סטאַזש, האָבן שוין געהאַט אַ שטיקל אָרט אין דער ליטעראַטור. אָבער די יינגערע האָט ער נאָך געקאָנט לערנען, דערציען, „אַוועקשטעלן זיי אויף די פיס", און ווען ס'איז געקומען צו „לערנען" און „דערציען" — איז ער באמת געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט דעם ווילן און גלויבן דאָס צו טאָן.

ס'איז געווען באַלד, ווי לייבל סאַברין און י. גרינשפּאַן, די פרי־פאַר־שטאָרבענע דיכטער, האָבן אַרויסגעגעבן זייער בשותּפותדיק בוך לידער „ערב־צייט". מ. אַלגין האָט מיט זיי פאָטערלעך איינגעטענהט:

— די צרה מיט אייך איז, וואָס איר פאַרקוקט זיך נאָך אַלץ אויף די שרייבער פון איסט בראָדוועי. אייך דוכט זיך נאָך אַלץ אַז נאָר זיי זיינען די באַרופענע שעפער פון דער יידישער דיכטונג. איר האָט זיך נאָך ניט געענוג אויסגעלערנט צו באַנעמען אונטער אונדזער קריטיק זייער אַרבעט. מיר דאַרפן ניט נאָר זיין אַנדערש אין דער טעמאַטיק, נאָר אויך אין געמיט,

אין דער אידייע. מיר זיינען די טרעגער פון העכערע אידעאַלן. מיט אונדז איז די מענטשהייט. זייער דיכטונג וועגן עפּעס אַ „ניטדאָאיקייט", איז ניט אונדזער דיכטונג.

זיין גלויבן, אַז די פּראָלעטאַרישע דיכטונג דאַרף זיין „בעסער", דאַרף זיין „אַנדערש", האָט ער אַריבערגעטראָגן אויף די דיכטער אַליין. אויך פּערזענלעך האָבן די דיכטער באַדאַרפט זיין „בעסער" אין זייער לעבן, אין זייער פּערזענלעכער אויפפירונג. איך געדענק, ווי אויף אַ שמחהלע לכבוד דער דערשיינונג פון מיין בוך „דער מענטש", האָבן זיך, אין דער סטודיע פונעם קינסטלער מאָריס קאַלעם, פאַרזאַמלט קאָלעגן פון אַלערליי ריכטונ־גען. די אַראַנזשירער האָבן פאַרבעטן מיינע פריינט, אַלטע און נייע. אַז איך בין געקומען צום אָוונט און דערזען אַזאַ „געמישטן" עולם, האָב איך מורא געהאַט, אַז דער אָוונט וועט ניט דורכגיין „גלאַט"... אויף אַ טישל אינעם קלענערן צימער דערנעבן זיינען געשטאַנען געטראַנקען, מ'איז אַריינגע־גאַנגען, געמאַכט אַ „לחיים". קאָלעגן האָבן גענומען ווערטער, אַ לענגערע רעדע האָט געהאַלטן אַלגין. ביסלעכווייז איז ער פון מיין בוך אַריבער אויף דער טעמע פון פּראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין אין אַ ווערק. איך געדענק, אַז לעיעלעס, וואָס איז דאָ געווען, האָט אין אַ לענגערער רעדע אים גע־ענטפערט, פּרובירנדיק אָפּפרעגן אַלגינס געוויסע באַהויפּטונגען. דערוויל איז אינעם צווייטן צימערל געווען פריילעך. דאָרטן האָט איינער פון די דיכטער אינעם דעמאָלטדיקן „פּראָלעטפּען", אַ ליבהאָבער פונעם „ביטערן טראָפּן", זיך געלאָזט וואוילגיין. ער האָט מיט זיין טומלדיקער באַנעמונג געשטערט. מ'האָט אים ניט געקאָנט איינשטילן. געדענק איך, ווי אַלגין איז צוגעקומען צו אים אַן אויפגערעגטער:

— אין אונדזער קרייז פּאַסן זיך ניט אַריין אָט די „באָהעמישע" שטיק. ס'איז אַ חרפּה ווי איר פירט זיך אויף. מיך עקלט אַזאַ באַנעמונג פון אונדזערן אַ דיכטער. איר זייט דאָך אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער, וואו איז אייער ווערדע? גייט אַרויס פון דאַנען! גייט אַרויס!...

ער האָט זיך שטאַרק צעשריען, געוואָרן זייער בלייך. עטלעכע חברים האָבן געמוזט דעם שטערער טאַקע אַרויספירן אין דרויסן. נאָכדעם איז אַלגין צוגעקומען צו מיר:

— אַנטשולדיקט, איך בעט אייך, פאַר אים און פאַר מיר!...

אַ געוויסע צייט האָב איך אַלגינען ניט געזען. איך האָב אים באַגעגנט אויף דער גאַס. ער האָט זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן מיר, איך — וועגן אים.

— איך האָב געלייענט אַ סך פּאָעזיע. די פּאָעזיע, וואָס „זיי" שרייבן, די גרויסע. און די גרעסטע דיכטער זייערע. געווען פאַרנומען. האָב איך זיך צוגעכאַפּט, געוואָלט זען, ווי זיי רופן זיך אָפּ אויף דער היסטאָרישער צייט, אין וועלכער זיי לעבן. נו, ס'איז נאָך אַלץ מיסטיק, אויגן־גלאָצעניש.

זיי מיינען, אַז נאָר אין מיסטישע פאָרמען ליגט דאָס יידישע פונעם יידישן דיכטער. זיי מיינען נאָך אַלץ, אַז יידישקייט מוז ליגן איינגעהילט אין עפּעס אַ געהיימניספולער פרומער שיינקייט און אונדזער יידיש לעבן דאַרף זיך אויסדריקן אין אַ „געטלעכן „טראַנס” אַזאַ, וואָס איז אינגאַנצן פרעמד דעם ניט־ייד. אין דער אמתן קען מען עס געפינען אין דער פּאָעזיע פון אַלערליי פרומע קריסטלעכע סעקטעס, ביי אַסקעטן און מאָנאַכן פון אַלע רעליגיעס. איך וועל אַמאָל ווייזן אַ קונץ: איך וועל איבערזעצן די מיסטישע פּאָעזיע פון עפּעס אַ יעזואיטישן מאָנאַך, וואָס וועט אויסזען ווי פּאָעזיע פון זייער ריין־יידישער גייסטיקייט... אָ, ווען איך האָב צייט פאַר אָט די זאַכן!

1949

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט לאַמעד שאַפּיראָ

וועגן לאַמעד שאַפּיראָן זאָגט מען, געוויינלעך, אַז ער איז געווען אַ שרייבער פאַר שרייבערס. וויפל אמת ס'איז אין דעם פאַראַן, קאָן ברענגען אַן אויספירלעכער אַנאַליז פון זיינע ווערק. מ'קאָן אָבער מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט זאָגן, אַז אין זיינע ווערק האָבן זיינע קאָלעגן אַלע מאָל אַרויס־געפילט ניט נאָר די ספּעציפיש־שאַפּיראָשע געמיטלעכקייט, נאָר אויך אַרויסגעשפּירט די ספּעציפישע אומגעבונג, די אַטמאָספער, די גייסטיקע אַטריבוטן פון זיין שעפערישער לאַבאָראַטאָריע.

ווי וויכטיק עס זיינען אין זיינער אַ דערציילונג די טעמע, די באַזונ־דערע סיטואַציע, די שילדערונג און דער הויפּט־העלד, איז אָבער אַלע מאָל וויכטיקער שאַפּיראָס שרייבערישער באַוואוסטזיין, זיין קינסטלערישער גע־ראַנגל צו לייזן אַ קונסט־פּראָבלעם, וואָס האָט אים געמאַטערט און ניט אָפּגעלאָזט ביז דער לעצטער שורה. און דערפאַר אפשר האָט שאַפּיראָ אויפגעטאָן אַזוי ווייניק קוואַנטיטאַטיוו און אַזוי פיל — קוואַליטאַטיוו. אין זיין יעדער שורה און זאַץ איז אַלע מאָל פאַראַן די בויטיקע מאָס און וואָג, וואָס באַשטימען דעם שרייבערס וואָרט־מייסטערשאַפט.

און געדולד צו אַנטפּלעקן די ריכטיקע מאָס און וואָג, און בכלל געדולד פאַרן שרייבן, האָט ער געהאַט אַ סך. ער האָט זיך מיט שרייבן ניט געאיילט, און זיך אוודאי ניט געאיילט באַרימט צו ווערן, פאַרכאַפּן פּאָזיציעס, אַרויס־צורוקן זיך צום פראָנט.

אָט די געדולדיקייט און אומגעאיילטקייט דערמאָנט מיר אַן עפּיזאָד, וואָס איז איצט כדאי צו פאַרצייכענען.

דאָס איז געווען אין לאָס־אַנדזשעלעס אין יאָר 1925. לאַמעד שאַפּיראָ האָט אין יענער צייט אינגאַנצן ניט געשריבן. ער איז מיט לייב און לעבן געווען פאַרטאָן אין לעזן אַ שווערע כעמישע פּראָבלעם, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט פאָטאָגראַפירן זאַכן מיט זייערע נאַטירלעכע קאָלירן. יענע יאָרן האָט די פילם־אינדוסטריע געזוכט מיט ליכט אַזאַ דערפינדונג. צענדליקער פון די גרעסטע לאַבאָראַטאָריעס האָבן זיך געמאַטערט צו אַנטפּלעקן דעם סוד. און לאַמעד שאַפּיראָ האָט מיט די אייגענע כוחות און מיט די קלענסטע מיטלען (און אפשר אויך וויסן) זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַוואַנטורע. ער האָט אַוועקגעלייגט אַן אַ זייט זיין שרייבערישן באַרוף, האָט זיך אָפּגעזונדערט פון מענטשן, האָט זיך פאַרקליבן אין אַ קליין שטיבל אין אַ פאַר־וואָרפענער געגנט פון שטאָט און געגומען אַרבעטן אויף דער לאָקנדיקער דערפינדונג.

ווען איך בין אָנגעקומען אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָב איך זיך באַקענט מיט אַלע דאָרטיקע שרייבער און אויך געוואָלט זיך טרעפן מיט שאַפּיראָן. האָבן מיך אַלע באַקאַנטע שטאַרק אָפּגערעדט:

— גייט ניט צו שאַפּיראָן. ער וויל קיינעם ניט זען. ער אינטערעסירט זיך ניט מיט קאָלעגן. ער לעבט אָפּגעזונדערט, ווי אַ נזיר. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ ווילדע „מאַנקאָליע". גייט ניט, איר וועט האָבן עגמת־נפש...

זיינען אַזוי פאַריבער עטלעכע וואָכן. דערווייל איז מיר אָנגעקומען אַ דרינגענדיקער בריוו פון זלמן רייזען, פון ווילנע, אין וועלכן ער האָט מיך זייער געבעטן אומבאַדינגט צו טרעפן זיך מיט שאַפּיראָן אין שייכות מיט די ביאָגראַפישע נאָטיצן, וואָס מ'האָט באַדאַרפט האָבן פאַרן „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור". רייזען האָט שאַפּיראָן געשריבן עטלעכע בריוו, געבעטן, געפּאָדערט, יענער האָט ניט געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן מיט אַ וואָרט.

האָב איך שוין איצט געהאַט ניט נאָר מיין פאַרלאַנג צו טרעפן זיך מיט שאַפּיראָן, נאָר אויך אַ „מיסיע"... אויסגעפונען דעם אַדרעס, בין איך באַלד צו אים אַוועקגעפאָרן. זיין שטיבל איז געשטאַנען אויפן סאַמע שפּיץ פון אַ משופּעדיקן בערגל. צום שטיבל האָט מען באַדאַרפט ממש אַרויפקלעטערן, פריער מיט אַ געדרייטן שטעגל און נאָכדעם — איבער שטיגן, אויסגעגראָבן אינעם שטייניקן באָדן. שוין אויבן, האָב איך דורך דער אָפענער טיר אים דערזען זיצן אויף אַ נידעריקן טאַבורעטל, לעבן אַ טישל מיט געצייג. ער האָט ענערגיש געפיילט אַ שטיקל גלאַנציק שטאָל. איך בין אַ ווײַלע געבליבן שטיין און באַטראַכט זיין הילוך. ער איז געווען אָנגעטאָן אין בלויע, זייער אָפּגעטראָגענע „אָוועראָלס", אין אַ צעריסן, היפּשלעך פאַרשמאָלצן העמדל, וואָס איז געווען פאַנאַנדערגעשפּיליעט אויף דער ברוסט. ס'האָט אַרויסגעקוקט זיין קליינער, דאַרער, זייער אויסגעמאַטערטער קערפּער, ממש הויט און ביינער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ קליין, דאַר ייִנגל מיט אַ מאָדנע־פאַרעלטערטן פּנים.

דערזען אַ פרעמדן ביי דער טיר, האָט ער אַ קוק געטאָן איבער די ברילן מיט זיינע בלויע, קלוגע אויגן און ניט אויפשטייענדיק אַ זאָג געטאָן:

— קומט אַריין. ווער זייט איר?

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. דאָס שטיבל — צוויי קליינע צימערלעך. אין שטאָט שוין עטלעכע וואָכן, געוואָלט אים זען, אָבער מענטשן האָבן מיך אָפּגערעדט. אָבער איצט קום איך צו אים מיט אַ „מיסיע"... און איך האָב אים דערציילט וועגן רייזענס בריוו.

ער האָט קרום אַ שמייכל געטאָן:

— הייסט עס, מ'האָט שוין אייך דערציילט, וואָס פאַר אַ פויגל איך בין... מענטשן האָבן מיך ניט ליב — דאָס איז אמת. זיי האַלטן מיך דאָ

פאַר אַ סיבאַריט... ווער האָט עס ליב אַ מענטשן מיט אַזאַ „עשירות?"
איר זעט דאָך וואָס דאָ טוט זיך.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. דאָס שטיבל — צוויי קליינע צימערלעך. איינס, לינקס, איז געווען איבערגעפילט מיט הונדערטער פלעשער און פלעשלעך מיט קאָלירטע כעמישע שטאָפן, אויסגעשטעלט אויף פּאָליצעס, אויף זייטיקע טישלעך, אויפגעשלאָגענע מיט דער אייגענער האַנט. אין מיטן צימערל — צוויי פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, איינער אַ קליינער און דער צווייטער — אַ גרעסערער, אויף אַ הויכן דרייפוס. אין דעם צווייטן צימער, וואו מיר זיינען געווען, איז געשטאַנען זיין וואַרשטאַטל, אַ טישל, ביים אַריינגאַנג און ביי דער וואַנט — אַ בעט, איבערגעדעקט מיט אַביסל אַלטוואַרג.

— הייסט עס, אַז דאָס זייט איר, ל. כאַנוקאַוו. געלייענט בלויז אייער ערשט בוך. קיין אַנדערע האָב איך ניט געלייענט. איך לייען איצט ניט. איר האָט דאַרטן אַ פּאָגראָם-דערציילונג, — ניט געדאַרפט שרייבן. איך האָב אָן אָט דער טעמע אָפּגעבריט מיינע פליגלען — ראָט איך קיינעם ניט אָנצורירן זיך צו איר. אָבער טאַלאַנט האָט איר.

— סטייטש, אייערע פּאָגראָם-דערציילונגען זיינען דאָך אַ שם-דבר...
זיי האָבן דאָך איך באַרימט געמאַכט, — האָב איך אים געוואָלט געבן אַ קאָמפּלימענט פאַרן גוטן וואָרט וועגן מיר...

— ווען איך שרייב איצט, וואָלט איך פון דער טעמע געוויכט, ווי פון פייער. אָבער איך שרייב ניט. און — איך וויל ניט שרייבן. גלויבט מיר — איך וויל ניט. עס אַרט מיך ניט דער גאַנצער ענין. און אַ שרייבער מעג דאָך אַמאָל אויפהערן צו שרייבן.

באַמערקט מיין פאַרוואונדערונג, האָט ער צוגעגעבן:

— און איר מעגט „זיי" דאָרטן זאָגן, אַז איך וויל מער ניט שרייבן („זיי" האָט געמיינט די לאָס-אַנדזשעלעסער קאָלעגן). און זלמן רייזענען זאָלט איר אויך ענטפערן אין מיין נאָמען, אַז איך שרייב ניט, קלייב זיך ניט צו שרייבן, און דאָס, וואָס איך טו איצט, האָט גאָרניט צו טאָן מיטן „לעק־סיקאָן". דאָס ביסל, וואָס ס'איז באַקאַנט וועגן מיר, איז איבערגענוג. איך האָב ניט וואָס צוצוגעבן.

— נו, און דאָס, וואָס איר טוט איצט, איז דאָך אויך אַ געוויסער עטאַפּ אין אייער ביאָגראַפיע — פאַרוואָס זאָל מען עס ניט וויסן?

— דאָס איז אַן ענין, וואָס דאַרף קיינעם ניט אינטערעסירן. איך זיץ שוין דאָ יאָרן, געדולדיק, ווי אַ כינעזער. מאַך פּעלערן און הייב אָן פּונ־דאַסניי. אַזוי אָן אויפהער... אָט מאַך איך דאָ אַ „געידזש" — אַ מאָס אַזאַ, אַ מין „פּרעסיזשאָן אינסטרומענט" — ביז אַ טויזנטל פון אַן אינטש. ווען איך באַשטעל עס אין אַ פאַבריק — דאַרף עס קאָסטן איבער הונדערט דאָלאַר. האָב איך ניט קיין געלט, פּרוביר איך עס מאַכן אַליין... אַרבעט

איך שוין אויף דער זאַך זעקס חדשים. צוויי מאָל אַװעקגעפּטרט, און אָט פּייל איך שוין פונדאָסניי... מיינט איר, אַז איך ווייס ניט, אַז איך בין ניט דער איינציקער חכם, וואָס אַרבעט אויף דעם? וועט עמעצער פריער אויסגעפינען דעם סוד — איז מילא, וועט שוין מוזן מיינס איבערגיין. איך וועל זיך קיין מעשה ניט אָנטאָן...

ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז איך שטיי נאָך, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער הינטערשטער טיר, זי אַביסל געעפנט און אַ רוף געטאָן זיין פרוי, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין גאָרטן אַרום די בלומען, האָט ער זיך צוריקגעקערט און געזאָגט:

— זעצט זיך. מיר וועלן טרינקען טיי!

איך האָב אים אויפמערקזאַם באַטראַכט. ער איז געווען קליין און דאַר, אָבער די קלוגע, לעבעדיקע אויגן האָבן אים יינגער געמאַכט, כאָטש ער האָט אויסגעזען אַביסל עלטער פון זיינע יאָרן. ער איז נאָך דעמאָלט קיין פופציק יאָר ניט אַלט געווען.

די פרוי איז אַריינגעקומען אַ פריינטלעכע, אַ באַרעדעוודיקע, — פריידל האָט מען זי, דאַכט זיך, גערופן, — זי האָט אָנגעוואַרעמט טיי, אַװעקגעשטעלט אַ קליין שיסעלע מיט ווייסן קעז און עטלעכע שטיקלעך ברויט.

מיך האָט שוין איצט גאָר ניט געוואונדערט, וואָס שאַפּיראָ האָט זיך ניט נאָכגעפרעגט וועגן די ניו־יאָרקער קאָלעגן. נאָכן פריערדיקן געשפּרעך איז עס געווען אַזוי נאַטירלעך... אָבער די פרוי האָט גראָד אויסגעפרעגט וועגן אַ סך שרייבערס, געוואָלט וויסן וועגן יעדן באַזונדער, ווי וועגן באַגענטע פריינט. נאָכן טיי האָט זי מיר געוויזן איר גאָרטן, דערציילט, ווי זי האָט מיט אַ רידל אָפּגעגראָבן אין באַרג עטלעכע טעראַסן, אויסגעלייגט בייטן, פאַרזייט בלומען. זי האָט מיר דערציילט וועגן זייער אָרים לעבן, וועגן נויט, וועגן דער „הילף פון אַ פּאָר גוטע מענטשן", און זיך באַקלאָגט אויף שאַפּיראָס „עקשנות" צו אַרבעטן אויף אַ „חלום". זי האָט אויך דערציילט וועגן דער פאַרשטאָרבענער שוויגער, וואָס האָט ביז ניט לאַנג צוריק געלעבט מיט זיי אין דער ענגשאַפט, אַ קראַנקע, אַ בייזע, וואָס האָט געמאַטערט שאַפּיראָן מיט פאַרוואורפן פאַר זיין אַרבעט...

— אָבער שאַפּיראָ וועט ניט אויפגעבן ביז דער לעצטער מינוט. אַזאַ איז שאַפּיראָ, אַן עקשן...

אומקערנדיק זיך צוריק אין שטוב, האָב איך, פונדעסטוועגן, נאָך אַמאָל פּרובירט אַרויספירן שאַפּיראָן אויף אַ שרייבערישן געשפּרעך. עס איז צוגעגאַנגען שווערלעך. ער האָט פריער אַלץ און אַלעמען מבטל געווען מיט אַ קלוגן ציניזם. אַנדערע און זיך אַליין. ענדלעך האָט ער מיט אַן ערנסטן טאָן אַ זאָג געטאָן:

— רעאַליזם — דאָס איז די ריכטיקע מאָס פאַר אַ שרייבערס טאַלאַנט. „טי מניע סטאָל אָפּישי!" — „דו באַשרייב מיר אַ טיש", וועל איך זען

צי דו ביסט אַ שרייבער, האָט דער גרויסער גאָגאָל געזאָגט. „טי מניע סטאָל אָפּישי!...״

פילנדיק זיך שוין אַביסל אינטימער, האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— אָבער איר אַליין זייט, פונדעסטוועגן, ניט קיין רעאַליסט אין אייער שרייבן. רעאַליזם איז בטבע אָפּטימיסטיש. ביי אייך איז די הויפּט־זאַך טראַגיזם דורך אַן אימפּרעסיאָניסטישן מעטאָד, וואָס כאַפּט אונדז, יינגערע, איצט אויף דער ווענדקע... (מ׳דאַרף געדענקען, אַז דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען מיט 23 יאָר צוריק, ווען דער טראַגיזם אין אונדזער ליטעראַטור האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָשן אין די יאָרן נאָך די אוקראַינישע פּאָגראָמען).

— דאָס איז גאָרניט! ווען איך הייב אָן צו שרייבן איצט, וואָלט איך געזוכט מיין וועג דורך אַ הונדערט־פּראָצענטיקן רעאַליזם. איך וואָלט זיך אויסגעטאָן פון אַלע פרעמדע און אייגענע איינפלוסן. רעאַליזם — דאָס דאַרף ווערן די עסענץ פון אונדזער פּראָזע. דאָס איבעריקע געהערט צום געביט פון פּאָעזיע. רעאַליזם דאַרף זיין ריינער רעאַליזם.

ער האָט לאַנג גערעדט און געהאַלטן אין איין איינרעדן מיר, אַז דאָס איז איצט זיין אומקאָמפּראָמיסלעכער שטאַנדפּונקט. דאָס האָט מיך געוואונדערט, ווייל מיר האָבן דאָך ביידע געוואוסט, אַז אַ ווערק קאָן ניט באַשטיין פון איין „עלעמענט״, וואָס זאָל אויסשליסן אַלע אַנדערע ליטעראַרישע עלעמענטן אינגאַנצן. אָבער ער איז דאַן געווען זייער פּאַרעקשנט, שאַרף איינזייטיק. דאָס געדענק איך גוט.

אין אַ יאָר אַרום האָב איך פאַרלאָזן לאָס־אַנדזשעלעס. אין דעם זעל־ביקן יאָר האָבן, דאַכט זיך, די „קיסטאָן״־לאַבאָראַטאָריעס געלייזט דעם סוד פון קאָלירטע פאָטאָגראַפּיעס. באַלד נאָכדעם איז שאַפּיראָס פרוי געשטאָרבן פון דיאַביטיס. שאַפּירא אַליין איז אַנגעקומען קיין ניו־יאָרק. ער איז געווען גאָר אַן אַנדער מענטש, אַדער, בעסער געזאָגט, דער זעלביקער, אַמאָליקער, שאַפּירא, דער וואונדערלעכער שרייבער. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן זייער אָפט. אפילו באַפריינדט געוואָרן. אין קאַפע „אייראָפּע״ פלעגט ער ביי אַ טישל אָפּזיצן לאַנגע שעה׳ן אין געשפּרעכן וועגן ליטעראַטור. איז ער געוואָרן אַ „הונדערט־פּראָצענטיקער״ רעאַליסט? ניין. ער האָט גע־שריבן אין דער „וואָך״, אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען „ניו־יאָרקיש״ און שפּעטער — די „סטודיאָ״־זאַמלונגען, און אומעטום איז ער געווען, הויפּטזעכלעך, דער אימפּרעסיאָניסט. בלויז אין דעם ראָמאַן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, אין פאַרזעצונגען, האָט ער געמאַכט אַ פּרואוו צו זיין רעאַליסטיש, אָבער דאָ האָט שוין געפעלט אַ סך פון דער שאַפּיראָשער „עסענץ.״

1948

יוסף ראָלניק — דער דיכטער

די בעסטע און די קורצסטע כאַראַקטעריסטיק פון זיך אַליין און פון זיין קינסטלערישן וועג האָט געגעבן ראָלניק אין זיין ערשטן ליד אין בוך:

איך בין אָנגעקומען אויף אַן אַמאָליקן שטעג,
אַן אַ זייט פון ברייטן וועג;
און כאָטש איך גיי אים איינער אַליין —
איז מיר ניט אומעטיק צו גיין.
עס גייען מיט מיר אין מיין זכרון
דער געלער ווייץ און ברוינער קאָרן,
וואויל-שמעקנדיקע קאָפּעס היי
און טרוילעך-וואַרעמער שניי.

מיטן ברייטן וועג גייען מלחמה-לייט,
איך גיי אָבער פון דער זייט.
עס בריאַזגעט אויף זיי פּאַנצער און שווערד —
ווי שטילער וואַסער שווימט מיין ערד.

אַז מ׳גייט מיט אַ זייטיקן שטעג קוקט אויס די וועלט קליין און נאָך קלענער — ווען מ׳קוקט אויף איר אַרויס פון דעם פענצטער פון אַ דאָרפישער מיל. מ׳זעט די „שפּיצן פון אַ וויטן קלויסטער״, „גערעטענע לאָבעס מיט היי״, דעם טייכל און די שטילע גאָטס-באַשעפענישן, וואָס פּאַשען זיך אויף די פעלדער. די וועלט איז דאָ אַ רואיקע. און פון איר וואַקסט אַרויס דאָס אידילישע לעבן פון דאָרף, וואו דער דיכטער האָט פאַרבראַכט זיין קינדהייט און פון וואַנען ער ציט זיינע אויטאָביאָגראַפישע דעראינערונגען, ליד נאָך ליד, עפּיזאָד נאָך עפּיזאָד, ווי ער וואָלט אָנגעצויגן פּערל אויף אַ שנור.

אַזאַ קלאָרקייט פון בילד, אַזאַ פּשטות פון קלאַנג און פון ריטם און אַזאַ פיינע געמיטלעכקייט גייט אויף פון יעדן ליד, ווי קלאָר און פּשוט און געמיטלעך עס איז דאָס קינדערשע לעבן צווישן דאָרפישער ערד און דעם דאָרפישן הימל. דאָס דאָרף — זומער און ווינטער. זומערדיקע רו און ווינטערדיקער גליווער. אין הויז — אַ שטימונג פון יידישער פרומקייט, שטיל-לעבן אין אַלע ווינקלען, וואָס ווערט פון צייט צו צייט אויפגעוועקט

יוסף ראָלניק — „אַ פענצטער צו דרום״, ניו-יאָרק, 1941.

פון די קלאַנגען פון דעם שבתדיקן תהילים. און אין דרויסן — שבתדיקער נאָכמיטאָג, שפּילנדיקע פישעלעך אונטערן בריקל, סטויגן היי, גאָלדענער ווייץ, אייביקער געזאַנג פון אור־וועלט, קלאַנגען, וואָס קומען פון וואַלד און פעלד און הימל.

אומעטום — דאָרף. אין אַלץ און איבער אַלץ — דאָרף. פּשוטע, ער־לעכע מי. זון און ברויט און פּשוטע רייד. יידישער שבת און גויאישער זונטיק. פרימאָרגן און מיטאָג און אָוונט, ווי אין איינציקער טאָג פון אַ לעבן גייט אויף די פאַרגאַנגענהייט פון דעם דיכטער יוסף ראָלניק. אַלץ גייט צוריק צו די דעראינערונגען פון דער קינדהייט, צו די טעג, ווען דאָס לעבן האָט זיך געוועבט, ווי אַ קאָלירפול געוואַנט, דורך דעם פרומען דאָר־פישן הויז, דורך די פּשוטע משפּחה־מענטשן, דורך דער פויערישער סביבה, דורך דער ניט צו־רייכער, אָבער אייביק־לעבעדיקער נאַטור פון קאָרן־פעלד, פון הורבעס שניי, פון אוזאָרן אויף די פענצטער, מיט דעם פויערישן מענטשן, מיט זיין פערד און בהמה און מיט זיין גאָט. אַ מעשה וועגן זיך, וואָס איז געבונדן מיט טויזנטער פעדים מיטן פּשוטן לעבן פון אַמאָל.

אָבער אָט דאָס פּשוטע לעבן — ווי רייך, ווי וואונדערלעך עס גייט אויף אין דעם זכרון פונעם דיכטער! אַלץ ווערט דאָ דערפירט ביז צו דעם דינסטן סימבאָל. די מיל, מיט איר מאָנאָטאָנעם רופן; די העקערס, וואָס קומען קאָסיען היי; דאָס שייגעצל מיט דער ווענדקע ביים טייכל; אַ העכט, וואָס ווערט געכאַפּט אויף שבת; די קרעניצע, די ענטלעך מיט די באַהאַל־טענע שנאָבלען אין די פעדערן... ער גייט זומער איבער „דעם אַמאָליקן שטעג" — און זיין אויג זעטיקט זיך, צום טויזנטסטן מאָל, מיט בלום און גראָז און ביימל. ער גייט איבער אים ווינטער — און ער באַנעמט די ווייסקייט פונעם „נייעם שניי", די שפּורן פון ערשטע מענטשלעכע טריט איבער אים, דעם ערשטן איינשניט פון אַ שליטן, די הורבעס שניי... דאָרף און דאָרף, און איבערן דאָרף — קליינע קאָנפליקטן, קליינע מענטשלעכע זאָרגן, שטי־לער אומעט און שטילע, פאַרבאָרגענע ליבע.

און ווי פּשוט עס איז דאָס דאָרפישע לעבן, אַזוי פּשוט איז די שפּראַך פון דעם דיכטער. באַגרענעצטער וואָקאַבולאַר פון פאָלקס־מויל, רייכער פאָלקס־אידיאָם וועבן אויס אַ קאָלירפול געוואַנט, וואָס איז פריש מיט דער פרישקייט פון פרימאָרגן. ער דערציילט אַ מעשה, אַ מעשה פון אייגע־נעם לעבן, און די מעשה איז אַ פּשוטע, אָן איבעריקן דראַמאַטיזם, אָן אויפ־ציטערנדיקע קאָנפליקטן. ניטאָ דאָ קיין עפעקטיווע פאָרמען, ניטאָ קיין נייע ווערסיפיקאַציע. פאַרקערט, ער מיידט אויס אַלע עפעקטיווע מיטלען פון דער פאָעטישער קונסט. און דאָך איז זיין ליד אינטערעסאַנט און רירנדיק.

פאַראַן אַזעלכע מאָלער, וואָס מאָלן אַ גאַנץ לעבן פון איין זשאַנר. אויב זיי מאָלן דאָרפישע לאַנדשאַפטן — וועלן זיי זיך, צום טויזנטסטן מאָל, אומקערן צום פעלד און וואַלד און בלום און גראָז. זיי קענען אַ גאַנץ לעבן

אָפּלעבן אין דער גרויסער שטאָט, און דאָך ניט ווערן באַרירט אין זייער שאַפן פון אורבאַנישער טעמאַטיק. אַזאָ איז ראָלניק. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין דער גרויסער שטאָט, אָבער זיין פּאָעטישן אויסדרוק האָט ער געפונען גראָד אין דעם דאָרף.

ראָלניק איז געקומען אין דער יידישער פּאָעזיע אין אַ צייט פון אויפקום פון יידישן ליד. פּאָעטן האָבן זיך געריסן צו אָנערקענונג, צוגעשטאַנען צו ריכטונגען, געזוכט איינפלוס און געזוכט אַנדערע צו באַאיינפלוסן. אָבער ראָלניק האָט אין אונדזער דיכטונג אויסגעקליבן דעם „זייטיקן וועג״, געגאַנגען אַליין, אָן טומל. דער טעמפּ פון גאַנג איז געלאַסן. זיין טראָט איז כמעט אומהערבאַר. זיין קול איז שטיל. אָבער אין דעם שטילן טראָט פון זיין גאַנג און אין די איינגעהאַלטענע טענער פון זיין קול קלינגט הילכיק אָפּ זיין ליד און אין דער פּשטות פון זיינע פאַרבן ליגט די רייכקייט פון אַ קאָלאָריט, וואָס איז אייגנאַרטיק מיט דער סימבאָליק פון אַלץ, וואָס איז אייביק.

ראָלניק איז אין לעבן אַ שווייגער. אָבער, אַז מ׳לייענט זיינע לידער דערהערט מען די חכמה פונעם שווייגער. מ׳ווערט איבערראַשט אי פון דעם, וואָס ער הייבט אָן פלוצלונג צו רעדן, אי, נאָך מער, פון דעם, וואָס ער זאָגט. מ׳וואָלט געקענט ציטירן אַ סך לידער, אָבער איך וועל דאָ ציטירן איינס: „אַ ריטל.״

„אַ מענטש זעצט אַריין אַ נאַקעט ריטל אין דער ערד
און זאָגט: ס׳איז מיינס. און ער ווערט
צוגעבונדן אויף זיין גאַנץ לעבן
צו דעם, וואָס ער האָט אַ ביסל ערד געגעבן.
פון איצט אָן וועט ער בעטן אויף זון און אויף רעגן
פון דעם נאַקעטן ריטלס וועגן.
און פאַר צענדליקער וויאָרסטן און מיילן
וועט ער אַהיים צום ריטל איילן,
און אויפשטיין פאַרטאָג, גלייך מיטן האָן,
און לויפן אַזוי גיך, ווי ער קאָן,
מיט דער איינציקער זאָרג אין זינען:
צי וועט ער זיין ריטל גאַנץ געפינען.
און כאָטש ער אַליין איז אַלט און גראָ,
און ריכט זיך יעדע שעה אויף זיין שעה,
זעט ער זיך זיצן יאָרן שפּעטער
אונטער די שאָטנדיקע בלעטער
פון זיין אויסגעוואָקסענעם בוים
אין אַ מיטן טאָג בחום היום.״

וואָס קען זיין פּשוטער פון אָט דעם ערשט־ציטירטן ליד ? אָבער וואָס פאַר אַ טיפע סימבאָליק ? וואָס פאַר אַן אייביקער אמת און וויפל פאָלקס־חכמה און עכטקייט עס ליגן אין די שורות !

עס זיינען אין ראָלניקס דיכטונג פאַראַן זאַכן, וואָס האָבן אויך אַ שייכות צו דער שטאָט. אָבער דאָס זיינען צופעליקע, פאַרבייגייענדיקע זאַכן. ער איז געבליבן אַ דאָרפישער דיכטער. דאָרף — דאָס איז זיין ערשטע און אייביקע ליבע. און אָט די ליבע האָט ער איינגעהאַלטן אין זיין האַרצן און אָפּגעהיט, ווי אַ טייערן אוצר, דורך זיין גאַנצן שטאָטישן לעבן. און אַלץ, וואָס איז פון דער גרויסער שטאָט — האָט ער ניט באַנומען. עס רוישט די גאַס, עס שרייט דאָס לעבן אַרום מיט טויזנטער קולות, אָבער ראָלניק, וואָס זיין דעליקאַטער אויער קען דערהערן דעם דינסטן קלאַנג פון גראָזיקן וואַקסן — דערהערט אים ניט, בלייבט טויב און בלינד צו די אַלע קאָנפליקטן און ווידערשפּרוכן פון דעם לעבן פון דער גרויסער מעטראָפּאָליע. ער נעמט ניט אָן באַוואוסטזיניק דאָס אורבאַנישע אין דעם מאָדערנעם מענטשלעכן לעבן, וואָס האָט אפילו דאָס דאָרף פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּצווייגונג פון דער שטאָט.

וואָלט מען צו אַן אַנדער דיכטער געקענט אַרויסשטעלן די גערעכטע טענה: ווי קען אַ דיכטער אין אונדזער צייט זיך איינשליסן אין די דלד אמות פון זיין אייגן לעבן ? און ניט נאָר האָבן טענות, נאָר טאַקע פאָדערן. ווייל אַ דיכטער אין אונדזער יאָרהונדערט דאַרף און מוז טראָגן אחריות, — ניט נאָר פאַר דער אייגענער דיכטונג, נאָר פאַרן לעבן פון דעם כלל. ער דאַרף זיין דאָס קול און דער ווידער־קול פון די ברייטע מאַסן, וואָס קעמפן און ראַנגלען זיך אין דעם גרויסן געראַנגל פאַרן לעבן. נאָך מער: ער דאַרף שטיין אין די ערשטע רייען פון אָט דעם געראַנגל. קיינער קען זיך ניט דער־קלערן פאַר אַ „קאָנשיענשיאָוס אָבדזשעקטאָר" אין דער גרויסער מלחמה. ראָלניק וויל אָבער אָט די מלחמה אויסמיידן אי אין זיין חלום, אי אין זיין וואָר. ער וויל זי אַרומגיין, אויסמיידנדיק זי, דורך זיין גאַנג איבער אַ זייטיקן וועג. צי ער מיידט זי טאַקע אויס אין דער ווירקלעכקייט — איז אַ פראַגע. ווייל אַלץ אין אונדזער לעבן איז אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון ענדערונג. און אפילו דאָס דאָרף, וואָס ראָלניק גיט אונדז אין דעם זשאַנר פון אַ מין מאָלערישן „שטיל־לעבן", האָט זיך אויך געענדערט.

אָבער דאָס איז שוין אַ פאָדערונג, וואָס גייט אַרויס פון די גרענעצן פונעם בוך, וואָס ליגט איצט פאַר מיר אָפן און רעדט צו מיר מיט דער שפּראַך פון יוסף ראָלניק, דעם דיכטער, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע שלימות גראָד דורך זיין דאָרפישן ליד פון אַמאָל. און דאָס ליד איז באמת וואונדערלעך־שיין און וואונדערלעך־אויפריכטיק.

1943

יונה ראָזענפעלד וועגן זיך אַליין

עס איז אַ כלל: וועגן וואָס אַ שרייבער זאָל ניט שרייבן, וועט ער אַרייַנוועבן אין זיין ווערק, אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס, דעם פּערזענלעכן עלעמענט. יעדער שרייבער גיט אין זיין ווערק די אייגענע לעבנס־דערפאַרונג, די אייגענע פּסיכאָלאָגישע ראַנגלענישן און די אָפענע (און די באַהאַלטענע) אידייאישע און שעפערישע טענדענצן.

אין יעדן בעלעטריסטישן ווערק פון אַ שרייבער קאָן מען געפינען געוויסע עלעמענטן פון אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער. די קריטיק נוצט טאַקע אָפט אויס אָט די עלעמענטן פאַר אירע גרעסערע, מאָנאָגראַפישע ווערק וועגן שרייבער. באַזונדערס ריכטיק איז אָט דער מעטאָד, ווען מען ווענדט אים אָן אויף ווערק פון אַזעלכע שרייבער, ווי עס איז יונה ראָזענפעלד, ביי וועמען דער הויפּט־העלד פון אַלע זיינע ווערק איז כמעט אַלע מאָל טאַקע דער שרייבער אַליין, אַלץ איינס אונטער וועלכע נעמען ער זאָל ניט פיגורירן. די העלדן פון זיינע דערציילונגען זיינען וויכטיק אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי דינען דעם הויפּט־העלד ווי אַ דעקאָראַציע, פאַר וועלכער דער שרייבער „שפּילט אָפּ" זיין „אַקט" אין דער לאַנגער פּסיכאָאַנאַליטישער דראַמע, וואָס הייסט „יונה ראָזענפעלד."

אין דעם בוך „איינער אַליין", וואָס איז באַטיטלט „אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן" האָט יונה ראָזענפעלד אַרויסגעפירט זיך אַליין אויף אַ גרעסערער בינע מיט אַ ברייטערער דעקאָראַטיווער קאַנווע און געפּרוווט געבן אַ שטיק פון זיין אייגן לעבן. דאָס בוך איז געשריבן אין דערזעלביקער בעלעטריסטישער פאָרם, אין וועלכער דער מחבר האָט געפונען זיין קינסטלערישע אָריגינאַליטעט אין משך פון אַ לאַנגער פּרוכטבאַרער, ליטעראַרישער קאַריערע.

די פאַבולע פונעם בוך „איינער אַליין" איז ניט קיין נייע. צו דער טעמע האָבן זיך אין אונדזער ליטעראַטור גענומען אַ סך שרייבער, הגם ניט אין דער אויטאָביאָגראַפישער פאָרם. אַ יידיש יינגל, נאָך אַ יתום דערצו (אין דעם פאַל — יונה ראָזענפעלד אַליין) ווערט אַ לערן־יונג אין אַ טאָקערייַ. דאָס יינגל ווערט געצוואונגען, אַחוץ לערנען די מלאכה, שייערן, לויפן אין קראָם איינקויפן קלייניקייטן, אַרויסטראָגן די פּאָמויניצע און בכלל באַדינען

יונה ראָזענפעלד, „איינער אַליין", אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן אין צוויי טיילן, ניו־יאָרק, 1940.

דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון זיין באַלעבאָס אויף אַלערליי אופנים. דאָס יינגל דאַרף אויסשטיין אַלע זייערע קאַפּריזן, וואַלגערן זיך אַ האַלב־הונגעריקער, אַן אָפּגעריסענער און ניט זעלטן אויך קריגן קלעפּ מיט באַליידיקונגען פון יעדן מיטגליד פון דעם באַלעבאָס׳ משפחה באַזונדער.

ביי ראָזענפעלדן אָבער איז, ווי אַלע מאָל, די הויפּט־זאַך ניט אַזוי אין דער פאַבולע, ווי אין דעם אינדיווידועלן גוראַנגל, אין די גייסטיקע פּייני־קונגען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די אָנדערטהאַלבן יאָר ביי זיינע באַלעבאָטים. אויף אָט דער קאַנווע וועבט ער אויס זיינע פּסיכאָ־אַנאַליטישע שילדערונגען, פון וועלכע עס שיילט זיך אויס די פּערזאָן פון יונה ראָזענ־פעלד. און אָט די פּערזאָן ווערט אייך נאָענט און ליב. איר ליידט אינאיינעם מיט אים און איר זייט גרייט איינצושטעלן זיך פאַר אים אין זיין קאַמף, וואָס ער פירט אָן מיט זיינע קליינע כוחות אַנטקעגן די, וואָס באַליידיקן אים אין זייער עקשנותדיקן דראַנג אונטערצודריקן זיין מענטשלעכע ווערדע. דער יונגער העלד פירט אַ פאַרביטערטן און עקשנותדיקן קאַמף. ער איז ניט אַלעמאָל גערעכט אין זיינע האַנדלונגען, ער איז אָבער אַלעמאָל גערעכט אין זיינע פאָדערונגען.

גרויס איז נאָך איצט זיין שנאה צו די מענטשן, ראָזענפעלד גנעפינט ניט פאַר זיי קיין ביסל פאַרענטפערונג. און אפילו איצט פירט נאָך אַלץ דער מחבר זיין פאַרביטערטן קאַמף מיט די באַלעבאָטים, טענהט זיך אויס מיט זיי און ווענדט אָן אויף זיי זיין אַמאָליקן שטומען און אויך באַרעדעוודיקן סאַרקאַזם... באַזונדערס — צו דעם מיידל, דעם באַלעבאָס׳ טאָכטער, וואָס מיט איר פירט ער די גאַנצע צייט אַ אינערלעכע שפּיל, אַ שפּיל פון אָפּענער און טיף־באַהאַלטענער ליבע. ער רעדט וועגן דער ליבע צו איר זעלטן און פאַרשטעלט. דערפאַר רעדט ער אָפן וועגן זיין האַס צו איר, אַ האַס, וואָס האָט פאַרצערט זיין יונגע נשמה.

יונה ראָזענפעלד דערציילט די מעשה אין אַ פּשוטער, אומגעקינצלטער פאָלקס־שפּראַך. ער דערציילט, ווי ער וואָלט געזעסן מיט אַ נאָענטן מענטשן און וואָלט אים פאַרטרויט אינטימע קאַפּיטלען פון זיין לעבן. דער לייענער זעט יעדע גרימאַסע, יעדן חוזק־שמייכל, יעדן בליץ מיטן אויג.

דער שרייבער גייט איבער שנעל פון איין סיטואַציע צו דער אַנדערער און בייט פּונקט אַזוי שנעל און לייכט זיין אייגענע און אייערע שטימונגען. אייך דוכט זיך, אַז ער פירט אייך אוממיסטן אַריין אין אָט די פאַרפּלאָנטערטע פּסיכאָלאָגישע לאַבירינטן, כדי אייך איבערצושרעקן. אייך ווערט אויף אַ ווײַלע אומהיימלעך. אָבער, ווי דורך אַ פּלוצלעכן כישוף פון אַריאַדנעס פאָדעם, פירט ער אייך אַרויס פון דער פאַרפּלאָנטערניש און פון פינצטער־ניש צו אַן אומגעריכטן ליכט.

יונה ראָזענפעלד איז אַ רעאַליסט מיט אַ שטאַרקער נייגונג צום נאַטור־ראַליזם. אָט די נאַטוראַליסטישע עקסקורסיעס זיינע פאַרפירן אים אָפט

אַביסל צו ווייט. דאָס בוך איז אָנגעפּיקעוועט מיט צופיל פּיקאַנטע סיטו־אַציעס, מיט וואולגאַריזמען און מיט צווידייטיקע אָנצוהערענישן. אָן אַנ־דער שרייבער וואָלט מען עס אפשר ניט מוחל געווען. אָבער יונה ראָזענ־פעלדן זייט איר מוחל. ער געווינט אייך פון אָנהייב־אָן מיט דער פשטות פון זיין וואָרט, און מיט דעם לייכטן סובטילן פאָלקס־הומאָר. עס איז די פילאָזאָפיע פון אַ מענטשן, וואָס האָט געלערנט די חכמה טאַקע פונעם לעבן אַליין, פון דער אייגענער דערפאַרונג, פון ליידן, וואָס האָבן אויסגעלייטערט זיין גייסט. עס איז ניט נאָר די פילאָזאָפיע פון באַנעמען דאָס לעבן. עס איז די פילאָזאָפיע פון איבערנעמען דאָס לעבן דורך דעם אמת פון אוממיטל־באַרער דערפאַרונג. דערפאַר אפשר איז פאַר יונה ראָזענפעלדן, דעם נאַ־טוראַליסט, געווען אַזוי שווער אָפּצוזאָגן זיך פון דעם אייגנאַרטיקן קאָלאָריט פון דעם אָדעסער לעבן, פון דעם אָדעסער גאַסן־זשאַרגאָן, וואָס האָט גע־שווּיבלט און געגריבלט מיט אומגעקינצלטע רעאַלע פאָרמען פון דעמאָלט־דיקן לעבן.

דער יונגער ראָזענפעלד פון אַמאָל איז דורכאויס אימפּולסיוו אין זיינע האַנדלונגען. ניט ווייניקער אימפּולסיוו איז אויך דער איצטיקער ראָזענ־פעלד. ניט נאָר ווערט ער אָנגעצונדן מיט פּלוצלעכער באַגייסטערונג, אָדער פּלוצלעכער שנאה פון אַ בילד, אָדער אַן אומגעריכטער סיטואַציע, נאָר ער גיט דאָ, גלייך אויפן אָרט, דעם פולן אויסדרוק זיינע געפילן. זיין שפּראַך ווערט דערהויבן און פאַרשאַרפט. ער קען אייך אין אַזאַ מאָמענט פּלוצלונג אויסשרייען, אָדער זיך אָפּשטעלן אויף אַ רגע און פרעגן דעם לייענער אינטים־פריינטלעך, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אים דערביי געהאַלטן פאַר אַ לאַץ פון ראָק: — „פּיין, אַ? דאָס איז נאָך גאָרניט!”... און אָט איז ער אייך גרייט צו דערציילן נאָך אַ שענערע מעשה, נאָך אַ טשיקאַווערע...

צוליב אָט דער גרויסער אָנגעוואָרפנקייט פון טשיקאַווע סיטואַציעס איז אָפּטמאָל שווער צו דערזען דאָס ווערק אין דער גאַנצער גרויס, ווי אַ קינסטלערישע דערגרייכונג. צוליב די צופיל באַזונדערע ביימער זעט מען ניט דעם וואַלד. און בכלל דוכט זיך אייך, איז דער מחבר זייער ווייניק פאַראינטערעסירט צו געבן קינסטלערישע מייסטערשאַפט. פאַרקערט, צייטנווייז דוכט זיך אייך אויס, אַז אַלץ איז דאָ זייער נאַכלעסיק, זייער ניט איבערקלייבעריש אָנגעוואָרפן, אָנגעשליידערט בילד אויף בילד, פאַרב אויף פאַרב. די שפּראַך איז ניט צו רייך. אַ שפּראַך — פון האַנט אין מויל.

אין אַן אויטאָביאָגראַפישן ווערק איז נאַטירלעך, אַז דער שרייבער זאָל רעדן וועגן זיך מער ווי וועגן אַנדערע. אָבער יונה ראָזענפעלד האָט אין זיין בוך איבערגעכאַפּט די מאָס. ער פאַרזעט די אַרומיקע סביבה. זי איז נאָך אויף אַזויפיל דאָ אין דעם בוך, אויף וויפל זי דינט אים אַלס דעקאָראַציע. דערפון נעמט זיך, וואָס כאָטש דאָס בוך איז אין עצם אַ בוך פון סאָציאַלן כאַראַקטער, שפּיגלט עס דאָך ניט אָפּ אין דער פולער מאָס דאָס לעבן פון

דעם צייט־אָפּשניט, וואָס עס באַהאַנדלט. דאָס בוך איז סאָציאַל בלויז צוליב דער רעאַליסטיש־געשילדערטער סביבה. אין אים פעלט דער אַרויסקוק פון אַ וועלכן עס איז סאָציאַלן אַספּעקט. פאַר אַן אויטאָביאָגראַפישן ווערק איז עס אַ מוז. עס איז געווען אַ חוב פאַר יונה ראָזענפעלדן, וועלכער קוקט אויף אַ געוויסער עפּאָכע רעטראָספּעקטיוו, אַריינצוברענגען אין זיין ווערק אַ באַוואוסטזיניק־קריטישן צוגאַנג, סיי צו זיינע אַלע העלדן און סיי צו דער צייט און סביבה, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט. נאָך מער: ווען ראָזענפעלד האָט שוין יאָ אַריינגעפּלאָכטן אין זיין נאַראַטיוו אַ פּאַסירונג פון אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, האָט ער זי באַרירט זייער אויבנאויפיק, בלויז אין די אויסערלעכע און צופעליקע מאַניפעסטאַציעס, און פון דעם איז אַרויסגעקומען בלויז אַן איבעריקער, אַ בלוטלאָזער קאַפּיטל.

אַ בוך פון סאָציאַלן כאַראַקטער, וואָס גיט בלויז בילדער אין אַ צופעליקער, אידייאיש ניט געבונדענער מיט דער גאַנצקייט פון טענדענץ, פאַרלירט די וואָגיקייט. כדי אַזאַ בוך זאָל ווערן אַ בייטראָג פון דויערנדיקן ווערט מוז עס מיט זיך טראָגן אַ גרויסע אידייע. אָן דער גרויסער אידייע איז עס בלויז אַ בוך פון אויטאָביאָגראַפישע סקיצן, וואָס צוליב זייער סוזשעטישער געבונדנקייט האָט זיי דער מחבר אַ נאָמען געגעבן „ראָמאַן.״

אַ ראָמאַן איז אַ ווערק, וואָס נעמט אין זיך אַריין אַן עפּאָכע, אָדער אַ טייל פון אַן עפּאָכע, מיט אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה, דורך וועלכער דער שרייבער נעמט זיך אונטער דורכצופירן, דירעקט אָדער אומדירעקט, זיין קינסטלערישע און סאָציאַלע אידייע.

יונה ראָזענפעלד האָט גענומען זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן פון דער „לייכטערער״ זייט. ער האָט עס געטאָן זייער טאַלאַנטירט. זיין שרייבערישע אָריגינאַליטעט ווערט דאָ שטאַרק און אָפט אונטערגעשטראָכן. מיר האָבן אין בוך אַסך פּסיכאָאַנאַליטישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע דער שרייבער ספּראַוועט זיך ממש מיט אַ פיר פון דער פען. אַ סך מייסטערהאַפט־געמאָלענע בילדער, פאַרכאַפּנדיקע סיטואַציעס. פון דעם שטאַנדפּונקט קען מען זאָגן, אַז דער יידישער ליטעראַטור איז צוגעקומען אַ ווערטפול בוך. יונה ראָזענפעלד האָט ווידער אָנגעשריבן אַ בוך, אין וועלכן ער דעמאָנסטרירט זיין גרויסן טאַלאַנט, זיינע אָריגינעלע שרייבערישע אייגנשאַפטן. אָבער קיין ראָמאַן — דערצו נאָך אַן „אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן״ — האָט ער ניט אָנגעשריבן, ווייל אין דעם בוך איז ניטאָ קיין באַוואוסטזיניקער צוגאַנג צו דער צייט און צו דער סביבה, צו וועלכער ער האָט זיך צוריקגעקערט.

„באַרים קאַבאַלקין" פון צבי הירשקאַן

זאָל דאָ, פון אָנהייב־אָן, געזאָגט ווערן: „באַרים קאַבאַלקין" פון צבי הירשקאַן איז אַ וויכטיקער צושטייער צו אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, אַ בוך, וואָס שטייט גאָר באַזונדער צווישן אַ גרויסער צאָל ביכער פון דער סאָציאַל־פּראָלעטאַרישער ריכטונג. סיי לויט זיין טעמע, סיי לויט זיין סטיל און אינהאַלט. דער לייענער ווערט אין אים געפינען לעבעדיקע פּאַרצייכע־נונגען פון אַ זייער אינטערעסאַנטער צייט און אַ גאַלערייע טיפּן, וואָס זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער עפּאָכע, אַ היפּשן אָנוואורף פון אידייען־שטרעמונגען פון אַ דור, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָל ביים אויפקום פון אַ יאָרהונדערט, אַ יאָרהונדערט וואָס האָט מיט זיך געבראַכט גרויסע היסטאָ־רישע איבערקערענישן.

עס מוז אָבער, אין דערזעלביקער צייט, געזאָגט ווערן, אַז קינסטלעריש איז דאָס בוך ניט צו־ווייט אַוועק פון דעם, וואָס עס איז שוין פריער אַרויס פון אונטער דער פען פון אָט דעם זייער טאַלענטירטן שרייבער. גראָד דאָס בוך, אין וועלכן דער שרייבער האָט פּרובירט אַרויף אויף אַ ברייטן, עפּישן וועג, איז, כמעט אינגאַנצן, געשריבן אין דער פאָרם פון לייכטע, שוין אַביסל צו־לייכטע, פאַרצייכענונגען, צוגעפּאַוועט מיט דעם געראָטענעם, לייכט־שפּילעוודיקן, כאַראַקטעריסטיש־הירשקאַנישן עסיי־סטיל, פון וועלכן ער איז געוואָרן אַ מייסטער. דעריבער איז דאָס בוך, ווי אַ בעלעטריסטיש ווערק פון אַ גרעסערן פאַרנעם, אָרים אין ברייטערן שוואונג. עס ליידט פון אָפּ־וועזנקייט פון דעטאַלירטער מאָלערישער פּרעציזקייט, פון גרעסערער קינסטלערישער אַנטפּלעקונג. עס פעלט אין אים אויך די ווייכקייט, די בויגעוודיקייט פון נאַראַטיוו, די וואַרעמקייט פון קינסטלערישן אָטעם, וואָס דאַרף באַהויכן אַ ווערק פון אַזאַ כאַראַקטער און פאַרנעם.

קודם־כל וועגן די מעלות: דאָס בוך פאַראינטערעסירט אייך באַלד פון אָנהייב און האַלט אייך געשפּאַנט ביזן סוף. דעם שרייבער איז געלונגען פאַנאַנדערצואוויקלען אַ שטיק יידיש לעבן, אַ שטיק יידיש פאָלקס־לעבן, וואָס איז פּאָבולאַריש רייך מיט פאַקטן און סיטואַציעס, וואָס הערן ניט אויף צו וועקן דעם נייגער פון דעם לייענער. דאָס אַלץ ווערט געגעבן אין דעם סטיל פון פאָלקס־אידיאָם, אַ סטיל, כאַראַקטעריסטיש פאַר צבי הירשקאַנס פען. אים איז דאָ געלונגען מיט אַ מינימום ליטעראַריש־קינסטלערישע

צבי הירשקאַן — „באַרים קאַבאַלקין", ראָמאַן, פאַרלאַג „מאָרגן-פרייַ-הייט", ניו-יאָרק, 1940.

מיטלען, אין קורצע שטריכן און אָפּגעהאַקטע זאַצן, אין קורצע, קאַרג־אַנטוויקלטע קאַפּיטלען, אַנצוזאַמלען אַ שלל פאַקטן און דעטאַלן, וואָס שוויבלען און גריבלען מיט לעבעדיקן פאָלקס־הומאָר, מיט שפּרודלדיקער פאָלקס־חכמה און אוממיטלבאַרער פאָלקס־איבערלעבונג.

צבי הירשקאַן דערציילט וועגן אַ קליינער, אָרימער משפחה, וואָס לעבט אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון דעם אָרימאַנסקן קוואַרטאַל „פּאַדלאַ״, אין דער שטאָט וויטבאַניע. דער פאָטער, ליישקע דער שוסטער, פּערל, זיין ווייב, און די דריי קליינע קינדער, אַ יינגל (דער צוקונפטיקער קאַבאַלקין) און זיינע צוויי יינגערע שוועסטערלעך מאַטערן זיך אין גרויס אָרימקייט און נויט. קליין און גרויס טראָגט מיט סטאָאישקייט אויף שוואַכע פּלייצעס דעם הונגער און די נויט. די עלטערע פילן אָבער די טראַגיק פון זייער געפאַלנקייט און זיי רעוואָלטירן אָפט אין זייערע רייד קעגן דער וועלט, אין וועלכער זיי איז באַשערט צו לעבן. די קינדער פאַרשטייען נאָך ניט אַסך זאַכן. לעבן זיי, ווי קליינע פאַרוואָרלאָזטע חיהלעך, אין קראַנקהייט און קעלט. אַרום זיי אין די „פּאַדלאַ״, דער צענטער פון שוויץ־בעדער און שעכט־הייזער, אַ סביבה „וואו עס שמעקט מיט פּעל־ריחות, שוסטער, גאַרבער, קצבים, שניידער״... די דירה (דאָס געוועלב), וואו ליישקע דער שוסטער וואוינט מיט זיין משפחה „באַשטייט בלויז פון איין צימער מיט אַן איוון. דאָס קליינוואַרג טוט די „באַדערפעניש״ אינווייניק אין דער דירה. כדי ניט אָפּצושטיין איינע פון די אַנדערע, זעצט זיך אויס דער דריילינג גלייכצייטיק אויף דריי עמער אין אַ ריי... אין די ווינטערדיקע נעכט שלאָפן זיי זאַלבעפינפט אין איין בעט. מער ווי איין בעט פאַרמאָגט ניט דאָס געוועלב. עס ווערט געמאַכט אין דעם בעט צוויי צוקאָפּנס. איין צוקאָפּנס — פאַר די ווייבער — פאַר דער מאַמען מיט די צוויי שוועסטערלעך. דער צווייטער צוקאָפּנס — פאַר די מאַנסבילן. פלאָנטערן זיך צונויף צען פיס אין איין קנויל: פיר גרויסע, זעקס קליינע... דאָס געוועלב האָט ניט קיין דיל. אַנשטאָט אַ דיל — זאַמד. ווינטער איז דער זאַמד — שטיין. איז כדי אַ קינד זאָל ניט אַרונטערפאַלן פון בעט און צעפּלעטן דעם קאָפּ, פאַרשטופּט מען עס צו דער וואַנט. די גרענעץ־געפאַר נעמען טאַטע־מאַמע איבער אויף זיך...״

אָט אַזוי רעאַליסטיש־קאַלט הייבט אָן צבי הירשקאַן צו שילדערן די קינדהייט פון זיין העלד קאַבאַלקין. עס וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ בילד פון נאַקעטער אָרימקייט, פון אָפּשטויסנדיקער גרוילעכקייט, אָן איבערטרייבונג און אָן רחמנות. ער דערציילט קאַלט און געלאַסן, ווי אַ זייטיקער פאַרציי־כענער. ער זוכט ניט קיין קינסטלערישע מיטלען אויפצושווידערן דעם לייענער מיט איבעריקע דעטאַלן, אָדער איבערשרעקן אים מיט אַ צו־שטאַרקן וואָרט. ער אַנטפּלעקט די וואונד זאַכלעך־ברוטאַל, ווי אַ כירורג.

אָבער גראָד אָט די כירורגישע קאַלטקייט עפנט אויף די וואונד נאָך שוי־דערלעכער, נאָך פּאַטאַלער.

אָבער ניט אויף לאַנג. ווייל פּונקט אין מיטן פון אַ טראַגישן בילד לייגט אַריין דער שרייבער אין מויל פון זיינע העלדן אַ פאָלקס־ווערטל, אַן אַפאָריזם, אָדער ער שילדערט אַפּ אַ פלוצלעכע סיטואַציע, וואָס נעמט אַוועק, ווי מיט דער האַנט די שווערקייט פון דעם אויפגערודערטן געמיט. אָט דערציילט ער אַ ביטערע מעשה וועגן קראַנקהייט ביי ליישקע דעם שוסטער: „...צוויי גרונטאַוונע מחלות גייען אַרום ווינטער אין געוועלב צווישן די פּיצעלעך קינדער: אַ געשווילעכץ אין די העלדזלעך און אַן אויסשיט אויף די קעפּלעך. די ערשטע מחלה איז אַ קרענק אַן איבערגאַנג... מערסטנס טרעפט זי דעם דריילינג אויף איין מאָל — מיט איין הוסט. לייגט זיך אויס דער גאַנצער שבט אין איין בעט און כריפּעט און זשיפּעט... די צווייטע קרענק איז שוין אַ קרענק פון אַן אַנדער קאַטעגאָריע. דאָס איז אַ קרענק אַ כראָנישע. ריכטיקער — אַ פּערמאַנענטע..."

קומען פאַר צוליב די קראַנקהייטן, צווישן טאַטע־מאַמע אָפטע געשפּרעכן. די געשפּרעכן זיינע ביטערע. אָבער דער טאַטע האָט זיינע אַן אייגענע „פילאָזאָפיע" וועגן די „פּאַרכעס" אויף די קעפּלעך: „בעסער שוין צו זיין אַ קאַליקע, אַן אָפּענער, איידער אַרומטראָגן זיך מיט אַזאַ קרענק, מיט וואָס מ'קאָן זיך ניט באַוויזן אין באָד... אַ בחור אַ פּאַרך האָט נאָך די מעלה, וואָס ער דאַרף ניט דינען דעם קיסר. אַ מיידל מיט אַ פּאַרך דאַרף אָבער וואַרטן אויף משיחן..."

וועגן דער אייגענער אָרימקייט האָט ליישקע אויך זיין „פילאָזאָפיע". ווען דאָס ווייב באַקלאָגט זיך, אַז דאָס הויז איז פּוסט. ניטאָ קיין לעדער, ניטאָ קיין שאָלעכץ פון אַ קאַרטאָפל. „אפילו די מייז אַנטלויפן..." זאָגט דער מאַן: „מייז און וואַנצן זיינען די קליגסטע חיות. אַ מויז קערט זיך אָפּ פון אַ ליידיקער פּאָליצע. אַ וואַנץ האַלט זיך ניט איין אויף אַ דאַרן גוף". אַז דאָס ווייב באַקלאָגט זיך אויפן הונגער, מאַכט דער שוסטער אפילו גראַמען:

„פון אַ לאַטע קען מען ניט זיין קיין טאַטע,
פון אַ פלעקל מיט טשוועקל האָט מען ניט קיין ברעקל".

דער ראָמאַן, פאַרטראַכט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, טראָגט אויף זיך סימנים פון אַ קלאָרן פּלאַן און באַוואוסטזיין. דער שרייבער טראָגט אין אים אַריין, דאָ און דאָרט, זיין אייגענעם אידעאָלאָגישן אני־מאמין און זיכער אויך ניט ווייניק פון זיין אייגענער אויטאָביאָגראַפיע. זיין אינטעליגענץ, זיין קינסטלערישע דערפאַרונג און דער לייכטער סטיל, מיט וועלכן ער איז געווען געבענטשט, האָבן אים געהאָלפן צו פאַרקערפּערן לייכט און געשיקט זיין גרויסע גאַלעריע טיפּן אין לעבעדיקע מענטשן, אַוועקשטעלן זיי אויף זייער אָרט אין דער פּערספּעקטיוו פון דער צייט און אין די גרענעצן פון

יענע אידייען־שטרעמונגען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עפּאָכע. זייענדיק דערביי אַליין אויך אַ פּראָדוקט פון יענער צייט, פאַרמאָגנדיק אַ קריטיש אויג און אַ פונדאַמענטאַלן אידעאָלאָגישן איינשטעל, איז דעם שרייבער לייכט געווען אַריינצוטראָגן אין זיין ווערק דעם אָפּגעם באַוואוסטזיין און צוועקמעסיקייט, וואָס שטראַלט אַרויס, סיי פון די האַנדלונגען פון זיין העלד, סיי פון די רייד פון די הויפּט־פּערסאָנאַזשן, מיט וועלכע ער קומט אין קאָנטאַקט.

פאַר אייערע אויגן וואַקסט דער יונגער העלד קאַבאַלקין. אַרום אים יערט דאָס לעבן. עס בייט זיך דער יאָרהונדערט. עס גייען אָפּ און קומען אויף נייע שטרעמונגען. עס שטאַרבן־אָפּ און עס ווערן געבאָרן נייע כוחות. אידייען פאַרלירן דעם באָדן, טרעטן אָפּ און אידייען לעבן־אויף, דרינגען אַריין אין דעם באַוואוסטזיין פון מענטשן. אַז מענטשן שטאַרבן — שטאַרבן אָפּ שטיקער לעבן. אילוזיעס ווערן פאַרביטן מיט דעלוזיעס. און עס שטייט אויף די עפּאָכע פון באַוואוסטזיניקן קאַמף, פון קלאַסן־געראַנגל, פון גרויסן געזעלשאַפטלעכן אויפברויז. און כאָטש דער ראָמאַן בלייבט ניט פאַרענדיקט, צוליב דעם פּריצייטיקן טויט פון דעם שרייבער, זעט שוין דער לייענער דעם ערשטן גרויסן עטאַפּ, צו וועלכן דער יונגער רעוואָלוציאָנער קאַבאַלקין האָט זיך ביסלעכוויז דערנענטערט.

פון דעם קליינעם, קוים קוועלנדיקן קוואַל פון דעם משפּחה־קרייז פון לײשקע דעם שוסטער מיט זיין קליינעם „דריילינג" איז דעם שרייבער געלונגען אָפּצוטיילן אַ שטראָם לעבן, וואָס גיסט זיך ביסלעכוויז אַריין אין אַ ברייטער און טיפער קאַלייע, שניידט דורך אַ ברייטע, אַלץ אַרומכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמע פון יידישער סביבה, פון יידישן לעבן ביי דעם גרענעץ פון אַ גרויסן יאָרהונדערט. מיט דעם ווערט אויפגעשטעלט אַ גרויסער טיפּאַזש, כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט: אַ „קאַפּיטאַליסט", עטלעכע פּראָפעסיאָנאַלן, נאַראָדוואָלצעס, עס־ערן, בונדיסטן, ציוניסטן, טאָלסטאָיאַנער, סטודענטן, קורסיסטקעס און סתם אַסימילאַטאָרן. אין דער אַרומכאַפּנדיקער כאַראַקטעריסטיק פון זייער סביבה, שטייען אויף אָט די אַלע פאַרשוינען אין זייער פולער גאַנצקייט, אין זייער קוק אויפן לעבן, אין זייער געראַנגל אַנצוהאַלטן זייער גלויבן, אין זייער אויפשטייג און אין זייער פאַלן. גאָר באַזונדערס איז הירשקאַנען געלונגען אָפּצושילדערן אַ ריי טיפּן אין זייער אויפגעבלאָזענער סטיליזירטקייט. דאָ טרעפט איר אַ סטיליזירטע פרומקייט און אַ סטיליזירטע יידישקייט, וואָס איז אויך זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט. די סובטיל־סאַטירישע פען פון דעם שרייבער שילדערט־אָפּ אָט די „סטיליזירטע", אָפּטמאָל היפּאָקריטישע, יידישקייט אין זיינע העלדן מיט באַהאַלטענער פאַראַכטונג, אין די פאָרמען פון איבערגעטריבענעם גראָטעסק, אָבער אַלע מאָל אין די ראַמען פון אַ באַוואוסטזיניקער קריטעריע און געטריי צום סטיל, אין וועלכן דאָס ווערק איז געשריבן.

נעענטער צום שרייבערס האַרצן איז די אָרימשאַפט. אין עטלעכע אָפּגעזונדערטע עפּיזאָדן, ווי די סצענע, ווען ליישקע דער שוסטער פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, דאָס „גנבענען" די גרענעץ מיט די דריי קליינע קינדער, דאָס קומען צוריק צו דער אַלטער אָרימקייט, דער טויט פון דער פאַרזעסענער זלאַטען און דאָס צוריקקומען פון ליישקען — זיינען קינסטלעריש די סאַמע רירנדיקע מאָמענטן פונעם בוך. אייך ווערן זייער נאָענט די ליידן פון די פאַרשוינען און איר ווערט גערירט ביז ווייטיק פון רחמנות צו די צוויי קליינע שוועסטערלעך צוליב זייערע אומריינע קעפּלעך, וואָס לאָזן זיי ניט קומען צו זייער טאַטן און — צו אַ נייעם לעבן פאַר דער גאַנצער משפחה. און גראָד ווערט איר דאָ גערירט ניט פון דעם שרייבערישן אַוואַנס פון סענטימענטאַליזם, ווי עס טרעפט ביי אַנדערע שרייבער. אויך דאָ פעלט דעם שרייבער וואַרעמקייט. דערפאַר אָבער געלינגט אים אין די אַלע אויסגערעכנטע סיטואַציעס צו באַפרייען זיך פון דעם איבערפלוס פון זייטיקער סאַטירע, פון איבעריקע אַפאָריזמען און דעם גראָטעסקן אופן שילדערן. ער האַלט זיך נאָענטער צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

דאָ דוכט זיך אייך אויס, אַז דער שרייבער שרייבט די שורות מיט צוגויפגעדריקטע ליפּן, און כאָטש זיין האַנט ציטערט ניט, און ער שרייט ניט מיט קולי־קולות איבער די ליידן פון די העלדן, רופט ער אַרויס אַ וואַרעמע סימפּאַטיע צו זיי און אַ פּראָטעסט קעגן דער אָרדענונג, אין וועלכער זיי איז באַשערט צו לעבן. ער צעשרייט ניט דעם ווייטיק זייערן און ער צעליאַרעמט ניט זיין סימפּאַטיע צו זיי, אָבער אונטער דער אויסערלעכער קאַלטקייט זיינער דערפילט איר ביטערקייט, אַ פאַרבאָרגן גרין פייערל פון שנאה, די שנאה און דעם פּראָטעסט פון דער „פאַדלאָ", וואָס וועט אַריבער די ברעגן און וועט מוזן קומען צו אַ דראַמאַטישן אויסדרוק.

צווישן די חסרונות פון דעם ווערק איז, אין דער ערשטער ריי, — די איבערפּליסיקייט פון דעם אַפאָריסטישן עלעמענט. די אַפאָריזמען, די ווערטלעך, די אָפּענע (צו־אָפּענע) סובטילקייט און די צו־אָפטע אַריינמישונג פון דעם שרייבערס עסייאישן געדאַנקען־גאַנג, ווי געלונגען זיי זאָלן ניט זיין, אין זיך אַליין, זיינען אַ שטער אין דער נאַטירלעכקייט פון דעם נאַראַטיוו. ליישקע דער שוסטער רעדט זייער אָפט אַ שפּראַך, וואָס איז צו סובלימירט פּעפּערדיק פאַר אַזאַ מענטשן, ווי ער איז. זיינען רייד זיינען איבערגעטריבן־פאַרפיינערט פאַר דער אומגעהובלטער ווירקלעכקייט פון דער „פאַדלאָ". און עס קלינגט אומנאַטירלעך. ניט ווילנדיק, שרייבט איר צו אָט די אַלע אַפאָריזמען און חכמות צו דעם מחבר אַליין... דער לייענער פילט, אַז דער שוסטער מיט זיין ווייב קענען ניט און טאָרן ניט באַנוצן די לאַקאָניש־געצוימטע שפּראַך פון דעם ראַפינירטן הירשקאָן. און עס קומט אַריין אַ דיסאָנאַנס. די פאָלקס־מענטשן בלייבן באַזונדער און די אויסגעקינצלטע,

סטיליזירטע פילאָזאָפישע אידיאָמאַטיק — אויך באַזונדער. אַן איבעריקע שרייבערישע אַריינמישונג...

נאָך אַ חסרון אין דעם בוך איז דאָס צו־אָפטע „אַרויסשטעלן“ זיך פונעם אָרימאַן אַנטקעגן דעם גביר. עס דוכט זיך אייך אויס, אַז דער אָרימאַן „פּאָזירט“ שוין אַביסל צופיל מיט זיין אָרימקייט אין זיין „בעסערקייט“, „ערלעכקייט“ אין פאַרגלייך מיט דעם גביר. די אַלע סטערעאָטיפּישע קללות, וואָס דער אָרימאַן און דער אַרבעטער „שיסן“ אין דעם גביר זיינען אַן עלעמענט, וואָס שוואַכט אָפּ, אין אַ סך פאַלן, דיווירקלעכקייט, וואָס ווערט געשילדערט אין בוך. און די ווירקלעכקייט, ווי זי איז געגעבן אינעם בוך, איז גענוג, אַן די פּעפּערדיקע פּאַטראַוועס.

זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז ניט געקוקט אויף דעם פיינעם סטיל, פון וועלכן צבי הירשקאַן איז געווען אַ מייסטער, איז זיין שפּראַך אַן אָרימע. ער אָפּערירט מיט אַזאַ באַגרענעצטן וואָרט־שאַץ, אַז אָט די באַגרענעצטקייט וואַרפט זיך אין די אויגן דורך אומצאָליקע ווידערהאָלונגען פון די זעלביקע אויסדרוקן, דורך איין־און־דערזעלביקער ניואַנסירונג פון וואָרט. אַזוי אָרימלעך איז די שפּראַך אין דעם בוך, אַז איר וואונדערט זיך אויף דעם פאַקט, וואָס דער שרייבער האָט סטיליסטיש דערגרייכט אַזאַ הויך. ס'איז כמעט אַ פּאַראַדאָקס. אָן שפּראַך איז שווער צו רעדן וועגן סטיל. אָבער ווי מאָדנע אַזאַ פּאַראַדאָקס זאָל ניט קלינגען, מוז מען דאָך זאָגן, אַז הירשקאַן איז געווען אַ סטיליסט פון אַ הויכן גראַד.

אָרום און אָרום איז „באָריס קאַבאַלקין“ אַ וויכטיקער צוגאָב צו דער יידישער ליטעראַטור, אפילו אין דעם טייל, וואָס איז אַרויס אין דרוק. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אין איינעם מיט די וויטערדיקע טיילן פון דעם ראָמאַן, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן צוליבן טויט פון דעם שרייבער, וואָלט דאָס זיכער געווען אַ רייכער, וואָגיקער ביישטייער און וואָלט זיכער געווען דאָס צענטראַלע ווערק אין צבי הירשקאַנס שאַפן.

1941

דער דערציילער ש. דייקסל

ש. דייקסל שאַפט שוין איבער פינף און צוואַציק יאָר אין אונדזער ליטעראַטור. ער האָט אין די שווערע באַדינגונגען פון אונדזער ליטעראַרישערווירקלעכקייט באַוויזן אַרויסצוגעבן זעקס בענד דערציילונגען און דראַמאַטישע ווערק, וואָס זיינען, צוליב זייער אייגנאַרטיקייט, צוליב דער רייכקייט פון דעם טעמאַטישן מאַטעריאַל, אַ וויכטיקער צושטייער צו אונדזער וואָרטשאַץ. און ס׳איז דעריבער צייט אָפּצושטעלן זיך, כאָטש אין די ענגע ראַמען פון אַן אַרטיקל, אויף זיין אופן פון שרייבן און אויף זיין קינסטלערישער פערזענלעכקייט.

מיט אַ יאָר פופצן צוריק איז ש. דייקסל געווען איינער פון די סאַמע צוזאָגנדיקסטע יונגע פּראָזאַאיקער אין אַמעריקע. צווישן די דערציילער פון יענער צייט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין וועלטלעכקייט, מיט דער אוניווערסאַלקייט פון זיין טעמע. אין דער צייט, ווען כמעט אַלע אונדזערע פּראָזאַאיקער דאָ האָבן נאָך אַלץ געשעפּט זייער קינסטלערישע באַגייסטערונג און זייער טעמאַטיק פונעם קליינעם שטעטל, פונעם שול־הויף אין בית־מדרש (און בכלל פון קליינשטעטלדיקייט), איז ער געקומען מיט דער פרייער טעמע, אָנגעלאָדן מיט רייכער דערפאַרונג און מיט אַן אימפּעטיקייט פון דער פּען, וואָס איז געווען פריש און אומגעצוימט.

אָבער אונדזער קריטיק האָט אים ניט אויפגענומען. ער האָט זי ניט פאַראינטערעסירט. זי האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ פרעמדן עלעמענט אין דער יידישער ליטעראַרישער סביבה. אין יענע יאָרן איז אונדזער קריטיק אַליין געווען שטאַרק פאַרטאָן אינעם „גוטן אַמאָל", און וואָס עס איז ניט געקומען פונעם קליינעם שטעטל איז איר געווען פרעמד און האָט זי ניט אינטריגירט. און אַזוי איז פאַריבער, כמעט אומבאַמערקט, די דערשיינונג פון זיין בוך „וועגן אין נעבל", 1923, און אַזוי איז אויך כמעט פאַרשוויגן געוואָרן זיין זייער גראַטענע צווייטע דערציילונג „אַזיאַטישע דערציילונגען", אין 1924, און כאָטש דאָס מאָל האָט מען דאָ און דאָרטן זיך אָפּגערופן מיט לויב, האָט עס אָבער דייקסלען נאָך אַלץ ניט אַוועקגעשטעלט אויף אַ געהעריקן אָרט אין אונדזער ליטעראַטור. דייקסל איז געבליבן אַליין. ער האָט ווייטער געבלאָנדזשעט אין דער וויסטעניש און אין ווירוואַר פון אונדזער שלעכט־אָרגאַניזירטער ליטעראַרישער ווירטשאַפט, אָן אַ פירנדיקער האַנט, אָן פריינטשאַפט און אָן אַ פּערספּעקטיוו. ער איז געוואָקסן ווילד, ווי עפּעס אַן עקזאָטישע פלאַנץ אין אַן אַטמאָספער פון אַן אומפריינטלעכער סביבה.

די קריטיק האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוצייכענען זיינע מעלות און זיינע חסרונות און לערנען אים גיין פאָראויס, האָט ער אַזוי געבלאָנדזשעט ווייטער

אַליין, און עס איז דעריבער זייער כאַראַקטעריסטיש צו געפינען אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע ווערק די חסרונות (און גאַנץ דייטלעכע), וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט אין די סאַמע ערשטע פּרואוון פון זיין פּען, — די שלעכטע קאָמפּאָזיציע, דער איבערפלוס פון אומגעצאַמטער עמאָציאָנעלקייט, דער איבעריקער אָפּקלייב פון דעטאַלן. עס איז גענוג איבערצוליינען ש. דייקסלס שפּעטערדיקע ווערק („זיין מאַיעסטעט", 1925; „10 איינאַקטערס", 1935; „דער צאָרן פון דער ערד", 1929; ביז צו זיין ניט-לאַנג דערשינענעם בוך „מיינע לעבנס", 1940), כדי צו באַגעגענען נאָך אַמאָל די כאַראַקטעריסטישע פעלערן פון אָט דעם פאַרוואָרלאָזטן קינסטלער מיט אַ סך טאַלאַנט, אָבער מיט וויניק קינסטלערישער אחריות פאַר דער אייגענער אַנטוויקלונג און נאַטירלעכן וואוקס.

ווען ש. דייקסל איז אַרויס מיט זיין בוך „אַזיאַטישע דערציילונגען" האָט ער ממש איבערראַשט דעם יידישן לייענער מיט דער נייקייט פון זיין טעמע, מיט דעם פרישן ראָמאַנטישן הויך, וואָס האָט געשוועבט איבער יעדער דערציילונג, מיט יעדן אויסטערלישן העלד, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור. אין דער גרויער גאַלעריי פון קליינשטעטלדיקע פּערסאָנאַזשן זיינען זיינע העלדן געווען ווי בונטע בלומען אויף אַ פּלאַך-גרויען געוואַנט. נאָך איצט, לייענענדיק דאָס בוך, ווערט מען גערירט פון דער געזונטער ראָמאַנטיק און דעם אַוואַנטוריסטישן דראַנג פון זיינע העלדן, און מ׳ווערט מיט אינטערעס אַריינגעצויגן אין דעם דראַמאַטישן געראַנגל פון די אומגעצאַמטע נאַטורן, אין די אימפּעטיקע צונויפשטויסן צווישן מענטש און מענטש, מיט וועלכע עס שוויבלט און גריבלט דאָס בוך „אַזיאַ-טישע דערציילונגען". נאָך איצט פאַרכאַפּט אייך דער רייכער קאָלאָריט פונעם אַזיאַטישן לעבן, וואָס איז אַזוי פריש-לעבעדיק אַריבערגעטראָגן געוואָרן דורך דעם שרייבער אין דער יידישער שפּראַך, אין דער יידישער ליטעראַטור.

ש. דייקסל איז אַן אויסגעשפּראָכענער ראָמאַנטיקער. ער איז אַ ראָ-מאַנטיקער אין סטיל און אין אינהאַלט. ליבע און האַס, העראָאישקייט, אַוואַנטורע, דער דראַמאַטישער צונויפשטויס פון רויע קרעפטן פון דער נאַטור, דער קאַמף צווישן מענטש און מענטש — דאָס איז די קווינט-עסענץ פון זיין שאַפן. זיין פּען איז גוואַלדיק אימפּולסיוו, הייס-בלוטיק, און דערפאַר — זייער איילִיק, זייער אימפּעטיק. אין דעם שטאַרקן דראַנג נאָך דראַמאַטישער האַנדלונג, נאָך פאַרכאַפּנדיקן נאַראַטיוו און אויסטערלישקייט פאַרגעסט דער שרייבער זייער אָפט אָפּצוהיטן די שטרענגע געזעצן פון פאָרם, פאַרנאַכ-לעסיקט די פּראָפּאָרציע צווישן ראַם און בילד. אָפּטמאָל פאַרגעסט ער אויך, אַז ער שרייבט אַ דערציילונג, אַ קאָמפּאַקטע געשעעניש, אין די גרענעצן פון אַ קורצן, עפּיזאָדישן צייט-אָפּשניט, און גייט אַרויס וויט איבער די דימענסיעס מיט זייטיקע, גאַנץ איבעריקע אָפּווייכונגען. דער איבערפלוס

פון זייטיקע דעטאַלן פון אַן עפּיזאָדישן כאַראַקטער שלינגען ביי אים אין גאַנץ אָפּט די דערציילונג גופא... און גראָד אין אָט די אָפּווייכונגען פאַר־נאַכלעסיקט ער די וויכטיקסטע אַטריבוטן פון פאָרם און אינהאַלט אַמ־שטרקסטן. אין זיי ווערט ער טראַפּאַרעטיש און שוועבט אַוועק אויף די פליגלען פון סאַמע לייכטסטן ווידערשטאַנד.

דייקסל האָט זייער ליב צו שרייבן אין דער ערשטער פּערזאָן. אין זיי איז ער נעענטער צום קינסטלערישן אמת. אין זיי דערגרייכט ער די גרעסטע שטופע פון קינסטלערישער געצאַמטקייט און טיפער אויפריכטיקייט. צווישן אָט די דערציילונגען צייכענען זיך אויס עטלעכע דערציילונגען אין די „אַזיאַטישע דערציילונגען" און באַזונדערס — אין דעם ציקל „גליק", אין זיין נייסטן בוך „מיינע לעבנס". די דערציילונג „מיין גרוי־אויגיק יינגעלע" (אַכטער עטיוד) איז אָנגעשריבן אַזוי מענטשלעך־אויפריכטיק, אַזוי רירנדיק־אַמתדיק, אַז מ'קאָן אָט די דערציילונג פאַרגלייכן מיט די סאַמע בעסטע דערציילונגען אין אונדזער ליטעראַטור. אמת, ניט אַלע עטיודן לאָזן אויף אייך אַ דויערנדיקן איינדרוק, אָבער זיי אַלע וואַרפן גענוג ליכט אויף דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט פון דעם שרייבער, און ש. דייקסל ווערט אייך דורך זיי נאָענט און ליב.

דאָרט, וואו ער שרייבט וועגן אַנדערע איז דער שרייבער וויניקער איבערקלייבעריש אין דעם מעדיום פון אויסדרוק. די טיפסטע איבערלע־בונגען ווערן אָפּט ממש דערטרונקען אין אַ ים פון גענעראַליזאַציעס. זיינע העלדן פאַלן כמעט אַלע מאָל אַריין אין אַ דערעסנדיקן טאָן פון רעזאָנירונגען. דער שרייבער האָט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט אויסגעלערנט צו קאַרגן ווערטער, צו צוימען זיין ערשטן שרייבערישן אימפּולס און אינהאַלט אין זייער פּראָפּאָרציאָנעלער גאַנצקייט. פון דעם „שפּאָרן" אַרויס אין אַסך דערציילונגען די אומגלייכקייטן, ווי אַ מאַסיווער קערפּער „שפּאַרט" אַרויס פון אַן ענגן מלבוש: („פון בײדע זייטן גראַטעס"; „צוגאַסט ביי קירי־כאַנען", „דאָס רויטע פעלד" א. א.). אינאיינעם מיט פּרעכטיקע באַשרייבונגען פון דער נאַטור, אין וועלכער דער שרייבער איז פאַרליבט, רייסט זיך אַריין דער טאָן פון אַלגעמיין־באַקאַנטער פּראַזעאָלאָגיע פון אַ נאַטור־באַוואונדע־רער, וואָס קילט־אָפּ אפילו דעם באַגייסטערטן לייענער. אין מיטן פון אַ פאַרכאַפּנדיקן עפּיזאָד רייסט דער שרייבער איבער מיט אַ לאַנגן, רעטראָס־פּעקטיוון נאַראַטיוו, וואָס האָט אַ קליינע שייכות צו דער דערציילונג גופא.

אַזוי ליריש־סענטימענטאַל איז דער שרייבער פאַרליבט אין דער נאַטור און אין זיינע העלדן, אַז ער גיסט אויס אויף זיי זיין גאַנצע מאָס ליבשאַפט מיט אַמאָל, ניט קימערנדיק זיך וועגן די פאָרמען פון אויסדרוק און ניט פאַרטיפנדיק זיך אין די פּסיכאָלאָגישע אמתן פון די האַנדלונגען פון די העלדן. דער שרייבער פאַרגעסט דערביי, אַז ניט יעדער לייענער וועט אים און זיין העלד „גלויבן אויפן וואָרט" און אַז ער וועט בעסער זוכן דעם אמת

אין די האַנדלונגען און אין דער עכטקייט פון די אינערלעכע מאָטיוון, וואָס טרייבן זיינע העלדן צו האַנדלונג און אויסדרוק. דער בעסערער לייענער וועט אַלעמאָל „דערקענען" אינדיווידואַליטעט אין אַ העלד ניט דווקא דורך דעם פּאָזיטיוון צוגאַנג צו אים מצד דעם שרייבער, נאָר גראָד דורך אַ באַזונדערן, אַמאָל זייטיקן צוגאַנג, דורך אַ קאָמפּליצירטער שעפערישער אַנט־פּלעקונג, און דווקא ניט דורך דעם אויגנשיינלעכן פאַקט פון דעם שרייבערס עדות־זאָגן...

אַ ליריקער, שרייבט ש. דייקסל ניט קיין דערציילונגען אין דעם פולן זין פון וואָרט. ער שרייבט און זינגט און באַזינגט... ער באַזינגט די נאַ־טור, דעם מענטשן און די סטיכיע. ער באַזינגט דאָס לעבן און אַלץ, וואָס לעבט. ער שטייט קעגן דער וועלט, ווי אַ פאַרוואונדערט קינד, וואָס דערזעט צום ערשטן מאָל דעם וואונדער פון אַ פענאָמענאַלער דערשיינונג. און אָט ווי ער באַשרייבט די טיאַן־שאַן בערג:

„...איך בין געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער און מיינע אויגן ניט געגלייבט. די בערג האָבן געשפּילט אַ סימפאָניע. איך האָב זי קלאָר געהערט, זי גע־פילט מיט יעדן אָטעם פון מיין קערפּער. אַ סימפאָניע פון פאַרבן, וואו ראָז און בלוי האָבן ווי פידלען געקלונגען, זונען־שטראַלן — ווי האַרפע־קלאַנ־גען, וואו צונטער־רויט האָט געשאַלט און געוועקט מיט טרומייטן און טאַצן; פיאָלעט־שאַטנס זיינען, ווי וויאָלאָנטשעלען געווען, בלוי־גרינלעכע — די פלייטן, גרוי־ברוינע — די באַסן, און איבער אַלעמען האָבן זיך געלבלעכע פאַסן געטראָגן, ווי קלאַנגען פון מעשענע כלים. דער הויפּט־מאָטיוו, אַרום וועלכן די פאַרבן־סימפאָניע האָט זיך געפלאָכטן, איז געווען דער בלענדיק־ווייסער שניי...

„... די בערג האָבן מיך געפאַנגען... די בערג־שפּיצן — צאַרטע באַשעפענישן, מיט וואונדער־שיינע, באַרוועסע באַרג־מיידלעך, וועלכע ווערן אַלע פרימאָרגן געבאָרן און פאַרשוואונדן מיט די לעצטע זון־שטראַלן... זייערע פאַרביקע קליידער ווערן פיינלעך־העל. די שלאַנקע קערפּערס כאַפּט אַרום אַ וואַנזין און וואַרפט זיי איבערן אָפּגרונט, קייקלט זיי פון די באַרג־שפּיצן.

„ווייסע קינדער־וואָלקנדלעך אין גאָלדיק־גרויע העמדלעך טוליען זיך צו די בערג־רוקנס, קריכן לאַנגזאַם העכער, רוען זיך אָפּ אַביסל און טראָגן זיך צו אַ צווייטן באַרג־שפּיץ. און די שטראַלנדיקע באַרג־מיידלעך פירן האַסטיקער, זייער טאַנץ, קענען זיך ניט אָנזעטיקן מיט זייער קורצער יוגנט. און וואָס נידעריקער די זון לאָזט זיך אַרונטער, אַלץ בלייכער און שוואַכער ווערן זיי, אַלץ געדיכטער, לענגער און געוואַגטער ווערן די פיאָלעט־שאָטנס..." אאַז"וו.

איך האָב אָט די לאַנגע ציטאַטע געקענט נאָך ציען און ציען. איך האָב זי געבראַכט צו אילוסטרירן דייקסלס, אַזוי צו זאָגן, „געהויבענעם" טאָן.

אַזוי שרייבט ער וועגן דער נאַטור. אַזוי שרייבט ער וועגן דעם מענטשן. אַזוי שרייבט ער וועגן חיות און שלאַנגען, און געפאַרן. און וועגן טויט אַליין — מיטן גאַנצן ברען און אימפעט פון זיין אימפולסיווער פען, אָן מאָס און פּראָפּאָרציע. ער שרייבט אַזוי וועגן זיין ליבע און וועגן זיין האַס, און אַזוי שרייבט ער אין זיינע רעוואָלוציאָנערע דערציילונגען און דראַמאַטישע ווערק וועגן זיינע באַליבטע רעוואָלוציאָנערע טיפּן, — ער זינגט וועגן זיי אַ געזאַנג פון באַוואונדערונג. און אָט אין די לירישע אויסגוסן ווערן זייער אָפּט פאַרשוואומען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זיינע פּאַרשוינען, עס צעשווימט אין אַלע זייטן דער געראָטנסטער נאַראַטיוו, עס ווערן אָפּגע־ווישט אינטריגירנדיקע סיטואַציעס.

און עס איז — אַ שאָד. אַ שאָד, ווייל ש. דייקסל איז אַ שרייבער מיט טאַלאַנט. און צו זיין טאַלאַנט האָט ער נאָך אַ פּאָזיטיווע אידייאישע איינ־שטעלונג, וואָס איז, אין די לעצטע פופצן יאָר, געווען דער שטאַרקסטער כוח אין זיין שרייבערישער טעטיקייט, אַן אידייע, וואָס האָט דעם שרייבער דערנעענטערט צו דער היינטצייטיקער ווירקלעכקייט.

ש. דייקסל איז אַ רעוואָלוציאָנער. שוין אין די סאַמע ערשטע דערציי־לונגען זיינע האָט זיך דורכגעריסן דער דראַנג צו אַ רעוואָלוציאָנערן אויס־דרוק. פון סאַמע אָנהייב האָבן אים אינטריגירט פּאַרשוינען, וואָס ברעכן טראַדיציעס, וואָס רייסן זיך פון קאָנווענציאָנעלע פאָרמען פון לעבן צו העכערער אַנטפּלעקונג. שפּעטער, ווען דער שרייבער האָט פאַרבונדן זיין גורל מיט דער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן זיך זיינע ווערק אָנגעטאָן אין אַן אויסגעשפּראָכענעם אידעאָלאָגישן לבוש. און ניט נאָר אויסערלעך, ניט נאָר טעמאַטיש, נאָר אויך וועזנטלעך איז ער אַרויף אויפן ברייטן וועג פון אַ פּראָלעטאַרישן שרייבער. אים הויבט אָן צו אינטע־רעסירן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, די קאַמפן פון דעם אונטערדריקטן, אַמאָל און היינט. ער הייבט אָן צו זוכן זיין קינסטלערישע באַגייסטערונג אינעם לעבן פון די ברייטע מאַסן. ער שרייבט פאַרצייכענונגען פון אַ רייזע איבער אַמעריקע. לעבנדיק און ווירקנדיק, ווי אַ פּאַלקסלערער, ווי אַ געזעלשאַפט־לעכער טוער צווישן די האַרעפּאַשנע יידישן מאַסן, האָט זיך ש. דייקסל אַוועקגעגעבן מיט לייב און לעבן דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין רעוואָלוציאָנערער דראַנג איז פאַרביטן געוואָרן מיט דער רעוואָלוצי־אָנערער טאַט.

די לייכטקייט פון זיין פען האָט זיך אָבער ניט געביטן. ניט געענדערט האָט זיך אויך דער אימפּעט פון זיין געמיט. געביטן האָט זיך נאָר זיין טעמע. און מיט איר איז נאָך צוגעקומען אַ וויכטיקער בייטראַג — די לעבעדיקע אידייע, וואָס דורך איר האָט דער שרייבער געפונען אַ זין און אַן אינהאַלט אינעם לעבן און, צוליב דעם, אַ זין און אַן אינהאַלט אין זיין שרייבן.

1941

יוסף אָפּאַטאָשו

די קורצע דערציילונג פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין יעדער ליטעראַ־טור. און כאָטש דער זשאַנר איז דער סאַמע פאַרשפּרייטסטער, און קורצע דערציילונגען ווערן, געוויינלעך, געשריבן אין גרויסע צאָלן, איז ער אָבער, אין עצם, דער סאַמע שווערסטער, דער סאַמע קאָמפּליצירטסטער אויפן גע־ביט פון נאַראַטיווער אַרטיקולאַציע. און דערפאַר האָבן נאָר די גאָר־גרויסע מייסטערס פון דעם מין ליטעראַטור זוכה געווען אַריינצוטרעטן אין דעם פּאַנטעאָן פון שאַפער פון דער קורצער דערציילונג.

ניט אומזיסט האָט אַ גרויסער פראַנצויזישער פּראָזאַיקער, ווען מ׳האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער שרייבט ניט קיין קורצע דערציילונגען, געענט־פערט: „איך האָב פּשוט קיין צייט ניט צו פאַסן זיך קורץ”... עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער שרייבער האָט געוואָלט מיט דעם ענטפער אונ־טערשטרייכן די באַזונדערע שוועריקייטן, וואָס עס שטייען פאַר דעם דער־ציילער, ווען ער נעמט זיך אונטער צו באַאַרבעטן אַ געשעעניש אין די ראַמען פון אַ באַשטימטער סביבה, ווען ער וויל אַרויסברענגען העלדן, אין זייערע האַנדלונגען, אין זייערע איבערלעבונגען, אין דעם סאַמע קירצסטן צייט־אָפּשניט, אַזוי אַז די דערציילונג זאָל אויסהאַלטן אַלע אירע דימענסיעס, ניט צעשטערנדיק די פּערספּעקטיוו אין דער פּראָפּאָרץ און מאָס פון דערווירקלעכקייט און אין דעם אידייאישן אָפּשאַץ פון לעבעדיקער דערפאַרונג.

י. אָפּאַטאָשו האָט צווישן די טאָמען פון אַיין בוך צוזאַמענגעקליבן אַכט און פופציק דערציילונגען. דאָס זיינען אַלץ קורצע, ווי אָפּגעמאָסטענע מיט איין מאָס, ניט מער פון 4 ביז 5 זייטלעך יעדערע. און אין זיי אַלע האָט ער געזוכט צו געבן אַ פאַרשיידנאַרטיק בילד פונעם יידישן לעבן דאָ, אין אַמעריקע, און דאָרט, אויף יענער זייט ים, לאַזנדיק לויפן, אין קאַליידאָס־קאָפּישער איילקייט, גרויסשטאָט, קליין־שטעטל, דאָרף און אַמעריקאַנער פאַרם, זומער־לעב, ווינטער־לעב, אַלטע און נייע ראָמאַנטיק, פיזישע און גייסטיקע גבורה, אויפרודער, דערלייזונג און טראַגיק. פאַר די אויגן פונעם לייענער גייען פאַרביי צענדליקער אויסטערלישע מענטשן: טרעמפּס, שלע־גער, בעטלער און אַלערליי געשטאַלטן, פאַרשווינען מיט אומגעצאַמטע, אומ־רואיקע געמיטער, וואָס ראַנגלען זיך און קומען אום, ווי ווילדע חיות, אין מיטן פון זייער געראַנגל, און מענטשן רואיקע, געצאַמטע אין זייערע באַוועגונגען און אין זייער געמיטלעכקייט, ווי שטוביקע חיות, וואָס לעבן אויס זייערע טעג אין די ראַמען פון אינערלעכע און אויסערלעכע געזעצן.

י. אָפּאַטאָשו — „מענטשן און חיות”, פאָלקס־פאַרלאַג פון אינטערנאַצי־אָנאַלן אָרבעטער אָרדן, ניו־יאָרק, 1938.

און אַט צו די פֿאַרשווינען און געשעענישן האָט זיך דער שרייבער ליב אומ־צוקערן איין מאָל און אפילו צען מאָל מיטן זעלביקן אימפּעט, מיטן זעלביקן אָפּאַטאָשו־ברען. גאַנץ אָפּט אפילו ביז איבעריקער ווידערהאָלונג פֿון סו־זשעט, פֿון קינסטלערישע מיטלען, וואָס קומען צוריק איין מאָל און צען מאָל, פֿון עפּיזאָד צו עפּיזאָד, אין דעם צו־אייליקן געלאָף פֿון געשעענישן. און ערשט, ווען מען פֿאַרענדיקט דעם באַנד, הויבן זיך אָן אויסשיילן די איינצלנע געשטאַלטן, וואָס זיינען אייך פֿריער געגעבן געוואָרן אין צענדליקער אַנט־פּלעקונגען און מיט דעם ווערט אייך קלערער דעם שרייבערס מעטאָד פֿון קינסטלערישער באַאַרבעטונג.

י. אָפּאַטאָשו האָט ליב צו באַנוצן אין איין און דערזעלביקער צייט צוויי מעטאָדן: דעם מעטאָד פֿון לייכטן עסקיז און דעם מעטאָד פֿון סקולפּטור־פּלאַסטיק. אין דעם עסקיז איז ער איילנדיק, כאַפּט אויף נאָר דאָס סאַמע נויטיקע, ווי ער וואָלט מאַכן אַ לויפֿנדיקן אָנוואורף פֿון אַ וועלכן עס איז היטנערגרונט פֿאַר זיין הויפּט־געשטאַלט. מ'זעט ממש, ווי דער שרייבער סטריגעוועט צוזאַמען, אָן איבעריקער שרייבערישער אָנשטרענגונג, אַ מעשה פֿון קליינע, אָפּגעריסענע, גאַנץ אָפּט ניט וויכטיקע עפּיזאָדן, ניט זעלטן פֿאַרגעסנדיק אפילו צו פֿאַרבינדן אַלע עקן, אַריינצוואוועבן אין דעם געוועב אַלע אָנגעצויגענע פֿעדים פֿון זיין אייליקן נאַראַטיוו. אין אָט דעם מעטאָד זעט איר ממש ווי דער שרייבער פּרובירט אויף אַלערליי אופֿנים אויסצומיידן די גרונט־געזעצן פֿון דער שרייבערישער קונסט צו געבן פּינקטלעכע פּראָ־פּאָרציעס, פּערספּעקטיוו, האַרמאָנישע ניואַנסירונג פֿון פֿאַרבן, פֿון ליכט און שאָטן. זיין אָפֿענע טענדענץ אַריינצופּאַקן אין אַ קורצער דערציילונג וואָס מער סוזשעט, וואָס מער אינהאַלט, צווינגט אים, אין אַ היפּשער צאָל דערציילונגען, צו באַנוצן אפילו דעם פֿלינקן מעטאָד פֿון קאַרטוניסט־צייכענער — צו געבן אין קורצע, געציילטע שטריכן, אַ קאָמפּליצירטן אינהאַלט, וואָס גייט ווייט אַריבער די גרענעצן פֿונעם געגעבענעם בילד און גייט אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון די אייגענע דימענסיעס.

די שטאַרקייט און די וויכטיקייט פֿון אָפּאַטאָשוס דערציילונג ליגט אָבער אַלע מאָל אין דעם צווייטן מעטאָד — אין דער סקולפּטורישער שילדערונג פֿון זיינע געשטאַלטן, וועלכע ער ברענגט אַרויס אין דעם פֿאָדערגרונט פֿון זיין עסקיז. און דאָ אַנטפּלעקן זיך אויך די סאַמע כאַראַקטעריסטישע איי־גענשאַפֿטן פֿון אָפּאַטאָשוס טאַלאַנט: די שאַרפֿקייט פֿון זיין אויג און די דיי־נאַמישקייט פֿון זיין קינסטלערישן באַנעם. אַז דער שרייבער דערזעט זיין געשטאַלט, דערזעט ער עס מיט אַלע זיינע דעטאַלן אויף אַמאָל, מיט יעדער קלייניקייט באַזונדער, אין דער גאַנצער פֿאַרקערפּערונג פֿון לעבן. ביי אַן אַנדער שרייבער וואָלט אָט די מעלה ניט אַלעמאָל געבראַכט די געווינטשטע רעזולטאַטן. דער לייענער וואָלט אפֿשר פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן מיט אַ שלל אומנויטיקער דעטאַליסטיק, אין וועלכער דאָס עסענציעלע וואָלט פֿאַרלאָרן

געגאַנגען אין גאַרניט־זאָגנדיקע נאַטוראַליסטישע קליינקייטן. גאָר אַנדערש איז עס מיט אָפּאַטאָשון. איר זעט ממש ווי דער שרייבער וואַרפט־אָפּ דאָס אומוויכטיקע, דאָס אומבויטיקע, און עפּעס אַזוי, ווי פאַר אייערע אויגן וואַלט דורכגעפירט געוואָרן די גאַנצע שעפערישע אַרבעט פון אָפּקלייב. דער מחבר שטעלט פאַר אייך אַוועק אַן אומקלאָר געשטאַלט, און גלייך נאָכדעם הייבט ער אָן, אין גרויסער אימפּעטיקער איילעניש, אָפּצוטיילן און אָפּציי־כענען, שטריך נאָך שטריך, דעטאַל נאָך דעטאַל, געבנדיק דאָס סאַמע עצמ־דיקע, דאָס סאַמע אומקאָמפּראָמיסלעכע. און ווי קאָמפּליצירט דאָס גע־שטאַלט, די פיגור, אָדער די גרופּע פיגורן זאָלן ניט זיין אין זייער דערשיינען אויף דער סצענע פון אָפּאַטאָשוס דערציילונג, ווערט עס אַלץ אָפּגעשילדערט מיט דער שאַרפקייט און געוואויגנקייט פון געציילטער דעטאַל, מיט דעם סאַמע באַגרענעצטן ווערטער־שאַץ.

אָט אַזוי שילדערט אָפּ דער שרייבער סעמען (אין דערציילונג „אַ ביק״):

„סעם איז געווען ענלעך אויפן פאָטער — ברייטער, ווי העכער. פיס — קנאָכיקע, הענט — לאַנגע, האַריקע. די שוואַרצע קרייזלעך זיינען גע־וואַקסן ביז האַלבן שטערן אַריין, זיך צונויפגענומען מיט די ברעמען — פלעמלדיקע אויגן, וואָס נעמען דורך, שטעכן. סעם זאָל אויסנעמען, אַזוי אויפן קוק, האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין. ער האָט גיכער געשראָקן, איבערגעשראָקן״. באַלד אָט נאָך דער קורצער שילדערונג דערזעט איר סעמען אין דער האַנדלונג. אָבער אויך די האַנדלונג איז געגעבן אָן אַ וועל־כער עס איז גריבלעניש, אָן איבעריקער „אַריינלעבעניש״ אין זייערע איב־וויניקסטע אורזאַכן, אָן „פּסיכאָלאָגירונגען״, גאַנץ נאָר אין זייער סקולפּ־טורישן אמת. ניט מער.

אָפּאַטאָשו איז ניט איבערקלייבעריש אין זיין טעמע. פאַר אים איז אַלץ, וואָס קומט פאַר זיין אויג אַ גוטע טעמע. עס זיינען פאַר אים ניטאָ קיין לייכטע טעמעס. ווייבאַלד, אַז ער דאַרף זיך ניט אַריינלעבן און גריבלען זיך, ווייבאַלד, אַז ער דאַרף געבן די סקולפּטור אין אירע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, אין דעם לעצטן סך־הכל, אין דעם רעזולטאַט פון איר פאַרקערפּע־רונג, זיינען שוין אַלע איבעריקע פּרעלימינערע סאָציאַלע, פּסיכאָלאָגישע און אַסך אַנדערע באַדינגונגען ניט מער, ווי אַ טפל, און ווי אַ טפל, ווערן זיי פונעם מחבר פאַרצייכנט אין אייליקע שטריכן פון זיין לויפנדיקן עסקיז.

דעריבער איז שווער צו באַשטימען וואָס אָפּאַטאָשון אינטערעסירט מער און וואָס — וויניקער. וואָס אַרט אים מער אין אונדזער לעבן און וואָס וויניקער. ער איז בכלל ניט קיין שרייבער פון אַ וועלכער עס איז סאָצי־אַלער אָדער פּאָליטישער אָנגעהעריקייט צו אַן אידייע. ער האָט אין זיינע דערציילונגען ניט קיין באַזונדערע טענדענצן, וואָס זאָלן זיך, מער, אָדער וויניקער, אַדורכציען, ווי פעדים פון אַ באַזונדערן קאָליר, דורך דעם גאַנצן געוועב פון זיין קינסטלערישער טעטיקייט. ניט אַליין דער קינסטלער און

ניט זיינע העלדן פּרובירן זיך אַוועקשטעלן אויף דער הויך פון אַ וועלכן עס איז באַשטימטן אני־מאמין. און דעריבער ווערט קלאָר פאַרוואָס אַלץ, ממש אַלץ, קען ווערן די טעמע פון אָפּאַטאָשוס אַ דערציילונג. און לייענענ־דיק זיין בוך, איז מען, דעריבער, אויך אונטערן איינדרוק, ווי דער שרייבער וואָלט אַרומגעגאַנגען איבערן לעבן, ווי איבער אַ רייך־באַבלימלטן פעלד, און וואָלט געקליבן בלומען, — אַ בלום דאָ און אַ בלום — דאָרטן, גאַנץ צו־פעליק, לויטן בלויזן איינדרוק, וואָס די בלום מאַכט אויף זיין געמיט, אויף זיין אויג. און דעריבער דאַרף דער גאַנצער זין פון אָפּאַטאָשוס שאַפן גע־זוכט ווערן נאָר אין זיין קינסטלערישן מעטאָד און אין דער שטאַרקייט פון זיין טאַלאַנט צו געבן לעבן אין זיין סקולפּטורישער פאַרקערפּערונג.

אויסקלייבנדיק פאַר זיך אַ טעמע, טרעט אָפּאַטאָשו צו איר צו דירעקט, מיט זיין אימפּעטיקן, איילנדיקן טעמפּ, מיט זיין קורצן, שלאָגנדיקן זאַץ, מיט זיין עקזאַקטן וואָרט. און פון דעם ערשטן ביזן לעצטן זאַץ איז דער לייענער אונטערן איינדרוק פונעם שרייבערס גרויסער איילעניש, אַזוי ווי דער שרייבער וואָלט געוואָלט אין דער קירצסטער צייט און אין דעם קירצסטן אָפּשניט פון דערווירקלעקייט, אַריינפּאַקן וואָס מער דערציילערישן שטאָף. דערפאַר פּאַסירן טאַקע ביי אים אויף דער לענג פון די קורצע 4־5 זייטלעך גרויסע קאָנפליקטן און גרויסע טראַגעדיעס, גרויסע מענטשלעכע געראַנגלס צווישן לעבן און טויט, ברויזנדיקע טראַגיק און ברויזנדיקער גליק. מענטשן ליבן און האַסן, מענטשן ווערגן זיך מיט זייער טעגלעכן ברויט, ליידן פאַר יעדער רגע פון זייער לעבן, שטייגן־אויף און קומען־אום. גאַנצע ראָמאַנען פּרובירט אָפּאַטאָשו איינשרומפּן אין דער מיניאַטור פון זיין קורצער דער־ציילונג. נאַטירלעך, אַז אַזאַ אַרבעט פאָדערט, אַחוץ טאַלאַנט, אויך געשיקט־קייט און זיכערקייט אין דער האַנט, שנעלן טראַכטן, מעסטן און וועגן; אַ פעאיקייט צוצופּאַסן, אויף שנעל, דעטאַל צו דעטאַל. און מ׳פילט טאַקע דעם שרייבערס הייסן אָטעם, בעת אָט דער איילנדיקער אַרבעט. גאַנצע שטיקער ווערן פאַר אייך אָפּגעהאַקט מיט איין האַק, גאַנצע שטיקער רוים אָפּגעשניטן מיט איין שניט, מענטשלעכע לעבנס ווערן איבערגעוואָרפן, ווי פּילקעס, פון איין צייט אין דער אַנדערער, פון איין לעבנס־שטייגער אין אַ צווייטן און ווערן, גאַנץ אָפט, אַוועקגעשטעלט אין געוואַגטע, אפילו אומגלויבלעכע, אומדערוואַרטעטע סיטואַציעס. אָבער אָפּאַטאָשון מוז מען גלויבן. ווייל אָט שטייט ער דאָך פאַר אייך מיט זיין הייסן אָטעם, האַקט אויס פונעם לעבן אַרויס שטיקער לעבן. די גרונט־דעטאַלן זיינען דאָ. דער גרונט אמת איז אויך דאָ.

עס איז נאָר פאַרדריסלעך, וואָס דער מחבר פּרובירט שוין אַביסל צו־אָפט אַריינצוברענגען אין דערציילונג אין אַ צווייטער, פאַרפּלאָנטערן אין סוזשעט מיט אַ צווייטן, כדי צו דערגרייכן אַ געוויסן אומדערוואַרטעטן קלימאַקס. אַזוי שנעל טרייבט דער שרייבער זיין פען איבער אַלערליי

שווערקייטן צום קלימאַקס, אַז ער באַמערקט גאָר ניט די אויפטרייסלונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם נאַראַטיוו גופא. דערפאַר ענדיקן זיך ביי אים אַסך דערציילונגען אַזוי מעלאָדראַמאַטיש. און ס'איז ניט זעלטן פאַרדריסלעך, וואָס אין פיל דערציילונגען ווערט די קאָמפּאָזיציע צו־אַפּט איבערגעריסן דורך אַ פּלוצלעכן איבערגאַנג צו אַ פרעמדן סוזשעט־עלעמענט, צו אַ רעטראָספּעקט. דער נאַראַטיוו ווערט איבערגעריסן און אָפּגעפירט אין אַן אַנדער ריכטונג, כדי מיט אַמאָל צו איבערראַשן דעם לייענער מיט אַן אומגעוויינלעכן סוף־קלימאַקס. אין אַזאַ דערציילונג, ווי „אַ מאַמע" למשל, ווערט די גאַנצע מאַראַל, דער גאַנצער עמאָציאָנעלער אַנוואוקס פון בלויז דערמאָנטע, אינגאַנצן ניט־געשילדערטע, געשעענישן געבראַכט צו אַ מעלאָדראַמאַטישן בילד, וואָס איז אויסגעדריקט אין דער סקולפּטור־פאָרם, וואָס איז ספּעציפיש פאַר אָפּאַטאָשון: „ער האָט געטראָגן די מוטער, אַ קליינע, אַ פאַרסמאַליעטע, זי געטראָגן פעסט צום האַרצן, ווי אַ פרומער ייד טראָגט אַ ספר־תורה, וואָס ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון אַ שרפה."

אָפּאַטאָשו לאָזט זיך זעלטן אַרונטער אין די טאָלן פון מענטשלעכן לעבן און ליידן. ער גייט איבער די סאַמע העכסטע שפּיצן פון זייערע אויפגעוודערטע געמיטער, שפּרינגט פון איין באַרג־שפּיץ פון מענטשלעכער טראַגיק צו אַ צווייטן, ניט באַרירנדיק די אינעווייניקסטע, פאַרבאַהאַלטענע טראַגיק פון זיינע פאַרשוינען, כדי צו געבן דעם טראַגישן, אָדער דעם טראַגי־קאָמישן אויספיר, דעם סך־הכל. און דאָס אויך — אָן דער באַלעבנדיקער, אינדיווידועל־שרייבערישער באַציאונג. ער דערציילט מיט הייסן אָטעם, אָבער אַליין בלייבט דער שרייבער אינערלעך קאַלט. ער לאָזט ניט דורך די איבערלעבונג דורך דעם אייגענעם געמיט. ווי אַ געניטער כירורג, פירט ער דורך די שווערסטע אָפּעראַציע, אָן איבעריקע סענטימענטן, ווי אַ פליכט און ווי אַ געזעץ פון לעבן. דער „גערעכטער" און דער „אומגערעכטער" קריגן דערפאַר מצד דעם שרייבער די זעלביקע כירורגישע באַציאונג. ער האָט ניט קיין באַזונדער מיטלייד מיטן „באַליידיקטן" און דריקט ניט אויס קיין באַזונדערע אַנטיפּאַטיע צו דעם „באַליידיקער". און פון דעם נעמט זיך אויך, וואָס זיין באַציאונג צו די מענטשן איז אויף אַ האָר ניט אַנדערש, ווי די באַציאונג זיינע צו די חיות און אפילו צו דער טויטער וועלט. זיי זיינען ביי אָפּאַטאָשון נאָר שטאָף פאַר קינסטלערישע דערגרייכונגען.

אָפּאַטאָשו פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג, אָבער ניט קיין צו־שאַרפן אויער. ער גיט זיך דעריבער זייער ווייניק אָפּ מיט די טאָן־קוואַליטעטן פון וואָרט־קלאַנג, פון אינטאָנאַציע. אַלע זיינע דערציילונגען ווערן געשריבן ניט נאָר אין איין סטיל (וואָס דאָס איז שוין אַ חסרון). ווייל דער קלאַנג פון וואָרט איז אַ יש אין יעדן נאַראַטיוו. ער גיט פאַרב, ליכט און שאָטן, שפּיל און מיטשפּיל פון מוזיקאַלישן טעמפּאָ און ניואַנסירונגען, פון טאָנאַציע און אינטאָנאַציע. ביי אָפּאַטאָשון רעדן אַלע זיינע פאַרשוינען איין שפּראַך.

זיי רעדן די שפּראַך פון זייער אויטאָר, אָן דער אייגענער אינדיווידועלער טאָן־קוואַליטעט, אַ שפּראַך וואָס איז כמעט אַלע מאָל פּאַר זיי ניט כאַראַק־טעריסטיש, וואָס איז, אין עצם, ניט זייערע.

שטאַרק איז אָפּאַטאָשו מערסטנס אין זיינע שילדערונגען פון דער רויער נאַטור, אין דעם אויפבראויז פון די פיזישע נאַטור־כוחות, וואָס אַנטפּלעקן זיך דורכן מענטשן, אָדער דורך דער חיה. מענטשלעכע גבורה און חיהשע גבורה, מענטשלעכע בענקשאַפט און חיהשע בענקשאַפט אין לעבן און אין טויט — דאָס איז איין און דיזעלביקע זאַך. און כדי דאָס צו באַווייזן, האָט אָפּאַטאָשו ליב פריי צו לאָזן די חיה פון אירע קייטן און צאַמען און דעם מענטשן — פון זיינע פליכטן, פון זיינע אינגווייניקסטע און אויסווייניקסטע באַגרענעצונגען. און אין דעם סך־הכל ברענגט ער אַלעמאָל זיי ביידן צו דיזעלביקע קאָנפליקטן מיט דער נאַטור, מיט דערזעלביקער איינגעשטעלטער אָרדענונג און געזעצן אויף דער וועלט און אינעם לעבן. זייער גורל איז איין גורל. דעם מענטשנס עקשנות און גערעכטי־קייט („קיווקע") און דער געראַנגל פאַר נקמה און גערעכטי־קייט (אין „קיווקע") און דער געראַנגל פונעם ביק (אין אַ „ביק") קומען פונעם זעלביקן טראַגישן קוואַל. די בענקשאַפט פונעם מענטשן אין זיין סעקסועלן דראַנג זיינען פון דער זעלביקער שטאַרקייט און טראַגיק, ווי די בענקשאַפט פון אַ הונט צו זיין געליבטער („אין צוואַנציק מינוטן"). דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט איז טראַגיש. דער חיהס לעבן אויף דער וועלט איז טראַגיש. ביידע זיינען פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון קאָנפליקטן, צופאַלן, מיספאַרשטייענישן, פרעמדקייט, פאַרדאַרבנקייט, וואָס איז אומגע־רעכט צו זיי ביידן. אַ גורל, וואָס לויערט איבער זייער לעבן, פּייניקט זיי, מאַטערט זיי ביז אין זייער טויט אַריין.

זייער ווייניק שטעלט זיך, דעריבער, אָפּאַטאָשו אָפּ אויף די ספּעציפישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אורזאַכן, וואָס באַאיינפלוסן די ווירק־לעכקייט, די סביבה, אין וועלכער זיינע פאַרשוינען קומט אויס צו לעבן און אויסלעבן זיך, די באַזונדערע באַדינגונגען, אין וועלכע עס וואָרצלט זייער פיזישע און גייסטיקע עקזיסטענץ. יעדער העלד, יעדער עפּיזאָד, יעדע גע־שעעניש אין זיין דערציילונג איז ווי אַן אָפּגעשניטענער, אָדער אַן אַרויס־געריסן שטיק לעבן, וואָס, אין זיך אַליין, איז עס לעבעדיק נאָר דורך דעם קינסטלערישן באַנעם. ער לעבט אָבער ניט ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון אַ פולן, באַוואוסטזיניק־באַנומענעם לעבן.

אַרום און אַרום איז די זאַמלונג „מענטשן און חיות" אַ גאָר־געהויבענער ביייטראַג צום זשאַנר פון דער קורצער דערציילונג אין אונדזער ליטעראַטור. דער לייענער וועט אין דעם בוך געפינען אַסך פון די בעסטע מוסטערן פון אָפּאַטאָשוס פען און דער יונגער שרייבער וועט געפינען פון וואָס זיך אָפּצו־לערנען פון אָפּאַטאָשון אין פרט פון מייסטערשאַפט.

1939

בעלאַ שאַגאַלס צוויי ביכער

.1

אין דעם קורצן אַריינפיר צו איר בוך („ירושה״) זאָגט בעלאַ שאַגאַל: „... איך וויקל פאַנאַנדער מיין שטיקל ירושה, און צו דער נאָז הייבט זיך אויף דער ריח פון מיין אַלטער היים.״

דאָס זעלביקע וואָלט געקאָנט זאָגן דער לייענער, וואָס האָט אָנגעהויבן לייענען „די ברענענדיקע ליכט״ און פאַרזוכט דעם „היימישן״ טעם פון די וואונדערלעכע קאַפּיטלען פון אָט דער פרי־פאַרשטאָרבענער, זייער טאַלאַנטירטער שרייבערין.

בעלאַ שאַגאַל האָט געוואָלט שרייבן זכרונות פון אירע קינדערשע יאָרן, — און אין דעם בוך ווערט טאָקע מיט אַ סך איינצלהייטן דערציילט וועגן איר קינדהייט און אירע יונגע יאָרן, אין דער שטאָט וויטעבסק, אין דעם הויז פון אירע פרומע באַלעבאַטישע עלטערן, — אָבער עס האָט זיך באַקומען אַן אינטימע דיכטונג אַזאַ, אַ ליד, אַ געזאַנג אַזאַ, וועגן אַ קליין יידיש מיידעלע — באַשקע — וואָס איר צאַרט לעבן וואָרצלט טיף אינעם לעבן פון דער טיפיש־יידישער משפחה, אין דער טיפיש־יידישער סביבה, וואו זי האָט צום ערשטן מאָל פאַר זיך דערזען אַ וועלט פון יידישער פאָלקס־שיינקייט, אַ שיינקייט, וואָס זי הערט ניט אויף צו טראָגן אין זיך דורך אַלע אירע שפּעטערדיקע יאָרן, ווי אַ טייערן אוצר, כדי מיט אים צו טיילן זיך מיט איר מאַן, מאַרק שאַגאַל, און מיט דער גאַנצער וועלט.

אַ דיכטער, זאָגט מען, באַנעמט די אַרומיקע וועלט אַלעמאָל מיט אַ נייער פאַרוואונדערונג, ווי אַ קינד, וואָס דערקענט די וועלט צום ערשטן מאָל.

בעלאַ שאַגאַל האָט אין איר קינדהייט דערזען פאַר זיך דעם צויבער פון איר פרומער היים, דעם צויבער פון יידישן יום־טוב — און די קינדישע פאַרוואונדערונג איז מיט איר פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן, כדי זי זאָל עס נאָך אַמאָל איבערלעבן און אפילו אויסדריקן אין עקזאַלטירטע פּאָעטישע פאָרמען, אָבער מיט דערזעלביקער קינדערשער פאַרוואונדערטקייט, מיט

בעלאַ שאַגאַל — „ברענענדיקע ליכט״. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פאָלקס־פאַרלאַג ביים יידישן פּראָגרעסיוון פאָלקס־אָרדן. ניו־יאָרק, 1945.

דערזעלביקער לויטערער פּאַרגאַפּטקייט פאַרן מיסטישן צויבער פון גרויסע ייִדישע ווערטן, ווי אין דער קינדהייט.

אַזאַ לויטערע פּשטות איז אויסגעגאָסן איבערן גאַנצן בוך און איבער יעדן בילד באַזונדער — פּשטות פון פאָרם און פּשטות פון וואָרט, אַז ציטנווייז דוכט זיך אויס, אַז דאָס רעדט צו אייך אַ קינד. אַ ליטעראַריש געשולטע, פאַרגעסט בעלאַ שאַגאַל די כללים פון דער שרייבערישער לאַבאָראַטאָריע, וואַרפט אַוועק די פּשוטסטע עלעמענטן פון וואָרט־דערפינדערישקייט און פאַסט אַריין איר ווערק אין די ערשטע אומגעקינצלטע פאָרמען פון לויטערדיקן, קינדערשן פאָלקס־אידיאָם, וואָס איז פול מיט „היימישן" קינדערשן חן.

און דאָך איז דאָס בוך „ברענענדיקע ליכט", אינגאַנצן גענומען, אַ ווערק פון אַ באַדייטנדיקן קינסטלערישן פאַרנעם, סיי לויט דער פאָרם און סיי לויטן אינהאַלט. עס ווערט אין אים דערציילט וועגן דעם ייִדישן שטייגער־לעבן, אין צוזאַמענהאַנג מיט די ייִדישע יום־טובים. אַלע יום־טובים פונעם ייִדישן יאָר, דער יום־טוב און דער ערב־יום־טוב, ווערן געשילדערט מיט אַ סך אייגנצלהייטן. די בילדער וויקלען זיך פאַנאַנדער, ווי אויף אַ לייוונט. זיי דערציילן אַ מעשה וועגן אַ לעבן, וואָס איז געווען רייך מיט גרויסער פאָלקס־שיינקייט, אָבער יעדער דעטאַל באַזונדער — איז אַן אָפּגעזונדערטע קינסטלערישע אַנטפּלעקונג, וואָס אַנטפּלעקט אויך די אייגענע שיינקייט פון דער שרייבערינס אייגענער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. דער רע־אַליזם פון דעם געשילדערטן לעבן פאַרוואַנדלט זיך אין אַ געזאַנג, אין אַן אָדע, אויסגעזונגען און אויסגעמאָלן דורך פּרעכטיקער פּאָעטישער וויזיע.

באַשקע (בעלאַ שאַגאַל) אַליין, וואָס איז די רעאַלע פּערזאָן, וואָס לעבט זיך אויס, ווי אַלע ייִדישע קינדער, און באַנעמט די אַרומיקע וועלט דורכן לעבן פון די דערוואַקסענע און דורך זייער סביבה, איז אָבער אין דער אמתן ניט קיין געוויינלעך קינד. באַשקע איז אַ סימבאָל, אַ סובלימירטער אויס־דרוק פון יענע צאַרטע קינדערשע איבערלעבונגען, וואָס יעדער איינער טראָגט אין זיך פון זיינע קינדערשע יאָרן. באַשקע האָט אָט די אַלע איבער־לעבונגען דערהויבן ביז צו אַ קינסטלערישער הויך, געבנדיק זיי פאָרם, וויזיע און קאָלאָריט.

בעלאַ שאַגאַל, די אינטעליגענטע פרוי, מיט איר ברייטן אייראָפּייִשן וויסן, מיט איר אוניווערסיטעט־בילדונג, אַן אָנגעזאַפּטע מיט דער מאָדערנער וועלטלעכער קולטור, האָט מיט איין זשעסט אָפּגעוואָרפן פון זיך די פרעמד־אייגענע נייע וועלט, כדי זיך נאָך אַמאָל אומצוקערן צו איר קינדהייט אין דער שטאָט וויטעבסק, צו די שוועלן פון איר פרום־ייִדישער היים, צו דער סביבה, אין וועלכער זי האָט צום ערשטן מאָל דערקענט די וועלט. די שיינ־קייט פון יענער, כמעט פאַרגעסענער וועלט, האָט אויפגעפלאַמט איר וועזן צו נייער שעפערישקייט. זי איז געוואָרן צוריק די אַמאָליקע קליינע באַשקע,

דאָס קליינע טעכטערל פון דעם וויטעבסקער צירונג־סוחר, וואָס קוקט מיט פאַרוואונדערטע און אַנטציקטע אויגן אויף דער יידישער סביבה, וואָס זי האָט פאַרלאָזט מיט יאָרן צוריק.

מיט איר פרישן טאַלאַנט איז איר געלונגען צו רעסטאַווּרירן דאָס אַמאָ־ליקע לעבן ביז צו אַ מערקווירדיקער אמתדיקייט.

רעדנדיק וועגן בעלאַ שאַגאַל, איז שוין געוואָרן נאַטירלעך צו דערמאָנען איר מאַן, דעם וועלט־באַרימטן קינסטלער, מאַרק שאַגאַל. און ניט נאָר דערפאַר אַליין, וואָס אינעם בוך „ברענענדיקע ליכט" איז ער, אין אַ גע־וויסער מאָס, אַ מיטשאַפער. זיינע מערקווירדיקע צייכענונגען, מיט וועלכע עס זיינען באַצירט כמעט אַלע קאַפּיטלען פון בוך, גיסן זיך אַריין מיט האַר־מאָנישער פאַרביקייט אין דעם גאַנצן געוועב פון בוך. אפשר דערפאַר, וואָס דורך די יאָרן פון זייער צוזאַמענלעבן, האָבן די צוויי מערקווירדיקע מענטשן פאַרמאָגט אַזאַ גייסטיקע נאָענטקייט, וואָס איז געוואָרן אויך סימ־באָליש פאַר זייער שאַפן.

אין די שאַפונגען פון מאַרק שאַגאַל פרעדאָמינירט די סביבה פון דער שטאָט וויטעבסק, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן און האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם ספּעציפישן יידישן לעבנס־שטייגער, וועלכן ער האָט דערהויבן, שפּעטער אין זיין לעבן, דורך פאַרב און פאָרם און געשטאַלטונג ביז צו אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקער יידישער סימבאָליק, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע שאַגאַלס שאַפונגען.

און ס'איז נאַטירלעך, וואָס בעלאַ שאַגאַל איז אין איר בוך, ביז אַ גע־וויסן גראַד, באַווירקט געוואָרן, דאָ און דאָרט, דורך זיין קינסטלערישן מעטאָד. ווי אין זיינע מאָלערייען, געפינען מיר איר שטאָט וויטעבסק, מיט די יידן, יידישע יום־טובים, מנהגים, אַלע טראַדיציאָנעלע פאָרמען מיט פלאַמיקער פאַרביקייט און איינגעפּאַסט אין אַ ראַם פון טיפער פאַרערונג און התלהבותדיקייט. אויף דער קאַנווע פון לויטערן פאָלקס־רעאַליזם, אויף דעם געוועב פון אָפטע כמעט נאַטוראַליסטישע סיטואַציעס, געלינגט איר אַנצו־וואַרפן פאַרבן פון טיפער, רירנדיקער קוואַליטעט, פאַרוועבט מיט טרעפ־לעכע פאַרגלייכן און מעטאַפאָרן, מיט אַ דורכזיכטיקער בילדלעכקייט, וואָס קאָן נאָר זיין די גאָב פון קינדער און פּאָעטן. די שפּראַך אירע — די פשוטסטע פאָלקס־שפּראַך, הייבט אָן צו קריגן אַ נייעם קאָליר און די ווערטער — אַן אַנדער סימבאָלישע באַדייטונג.

„ברענענדיקע ליכט" איז אַ בוך, וואָס בעט זיך ציטירן. מען וואָלט געקאָנט ברענגען צענדליקער ציטאַטן צו באַשטעטיקן דאָס אויבן־געזאָגטע. אָבער דאָס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ. איך וועל דאָ ברענגען בלויז עטלעכע שטעלן, און פאַרן איבעריקן שיק איך אָפּ דעם לייענער צו דעם בוך אַליין.

אָט דערציילט זי אויפן ערשטן בלאַט, ווי ס'האָט אָפּגעגעסן וואָרמעס

די גרויסע משפחה, וואָס איז געזעסן אַרום טיש, און זיך צעגאַנגען. דער עס־צימער איז געוואָרן ליידיק: „דער ליידיקער טיש בלייבט שטיין, ווי אַן איבעריקער, אין מיטן צימער“. דאָס דינסטמיידל קומט אַריין אויסקערן דעם צימער: „זי קערט אויס דעם דיל, און מיטן מיסט קערט זי אויס די לעצטע קולות, וואָס האָבן זיך געהערט אין צימער...“

די בעדעריין, אין פירהויז, זיצט אין קאַלטן פּראָסטיקן טאָג אַן אָנגעפּעלצטע, „אַן איינגעוויקלטע, ווי אַ פּאַק סחורה, גיט זי זיך ניט אַ ריר פון אָרט... לעבן איר וואַלגערט זיך אַ פאַרפאַרערנער עפּל, אַ באַר, אַביסל בלויער קוואַס, בלוי פון פראָסט...“

באַשקע קוקט אויפן אַלטן מלמד, וואָס קומט צו זיי אין הויז לערנען מיט די קינדער: „...זיין פּנים איז אויסגעמאַטערט, דער האַלדז — אויסגעדאַרט. ער איז געלער פון דעם געלן סידור־בלאַט, וואָס איז געלעגן אַן אָפענער אויפן טיש. זיינע וואָנצעס, זיינע שפּיץ־פינגער — אויך געל, אָפּגעקראָכן פון טאַבאַק“. דער טאַטע מיט די ברידער גייען צו סליחות: „די וואָך פון סליחות — די אומרואיקע וואָך. דער טאַטע כאַפּט זיך אויף אינמיטן נאַכט, וועקט אויף די ברידער און זיי אַלע טוען זיך שטיל אָן און פאַרשווינדן, ווי גנבים, הינטער דער טיר. וואָס זוכן זיי אין דער קעלט, אין די פינצטערע גאַסן?“

עס קומט אָן דער יום־כּיפּור. די עלטערן בענטשן די קינדער: „אויף יעדערן לייגן די עלטערן אַרויף זייערע הענט בענטשן דעם אונטערגעשטעלטן קאָפּ. אפילו די דערוואַקסענע ברידער זעען אויס ווי קליינע קינדער אונטער די הענט פון עלטערן...“

אָט די מערקווירדיקע בילדלעכקייט איז צעגאָסן איבער אַלע קאַפּיטלען פון בוך, איבער יעדן באַזונדערן זייטל. בילדלעכקייט אויסגעמישט מיט גרויסער גייסטיקער עקסטאַטישקייט, מיט דער געמיטלעכקייט פון רייןקוואַליקן פאָלקלאָר.

2.

ווען איך וואָלט געלערנט יונגע מענטשן, אַספּיראַנטן פון דער שיינער ליטעראַטור, ווי אינטערעסאַנטער, פאַרכאַפּנדיקער צו שרייבן קינסטלערישע זאַכן, וואָלט איך פאַר זיי פאַרגעלייענט אַמווייניקסטן צוויי קאַפּיטלעך פון בעלאַ שאַגאַלס נייעם בוך דערציילונגען „די ערשטע באַגעגעניש“ *). און איך וואָלט דערביי אויסגעקליבן ערשטנס די דערציילונגען „די ערשטע באַגעגעניש“ און „דער זייגערמאַכער.“

אין אָט די צוויי דערציילונגען זיינען גראָד פאַראַן זייער ווייניק ביי־

*) בעלאַ שאַגאַל — „די ערשטע באַגעגעניש", מיט צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל, פאַרלאַג פון יידישן פּראָגרעסיוון [?] פאָלקס־אָרדן, ניו־יאָרק, 1947.

שפּילן פון די אַנגענומענע כללים פאַר קאָמפּאָזיציע. עס זיינען אין זיי פּאַראַן טענדענצן אַוועקצוגיין פון דעם אייגענעם אַנגעצייכנטן פּלאַן און ס׳איז אָר־מעטום דאָ די בכיוונדיקע אָפּווייכונג פון דער גלייכער ליניע, וואָס דאַרף פירן צו אַ קלימאַקס. און דאַך, ווען מ׳לייענט די דערציילונג (באַזונדערס די ערשטע) אויפמערקזאַם, פילט מען די גאַנצע צייט מיט וואָס פאַר אַ שטאַר־קע פעדעם יעדעס בילד און סיטואַציע איז געבונדן און געקניפּט גראָד מיטן הויפּט־ציל פון דער דערציילונג. יעדע אָפּווייכונג איז בלויז אַזאַ נשמה־זיגזאַג און דאָס אַוועקגיין איז גאָר אַ קומען, אַזאַ קונציקער וועג, אַ מערק־ווירדיק ניט־גלייכער, וואָס דערפירט סיי־ווי, וואוהין מ׳דאַרף — אַזאַ ניט־גלייכער־גלייכער גאַנג צו אַן אויסגאַנג...

און ניט נאָר אין נאַראַטיוו, נאָר אויך אין בילד קומען פאָר אָט די מאָדנע אָפּווייכונגען. ס׳בייטן זיך טאָנאַציעס, שטימונגען, ניואַנסן. און דאָס בילד איז דערביי פול מיט קלאַנגען. דאָס בילד רעדט שטיל און הויך אין איינעם מיט די טאָנאַציעס פון די פאַרבן. דערביי איז די בילדלעכקייט אַזוי בולט, אַז מ׳קען עס ניט נאָר זען און הערן, נאָר אויך ממש אָנטאַפּן מיט די פינגער...

דאָס נייע בוך איז אייגנטלעך אַ פאָרזעצונג, אָדער בעסער געזאָגט, אַ דערגאַנצונג פון בעלאַ שאַגאַלס ערשטן בוך „ברענענדיקע ליכט". פּונקט ווי אין דעם ערשטן בוך, גייט פאַרן לייענער דורך דאָס קינדערשע לעבן פון דער קליינער באַשקע—בעלאַ, וואָס אָט וואַקסט זי שוין דאַכט זיך אויס, און דאַך פאַרבלייבט זי פאַרוואונדערט ווי אַ קינד און באַצויבערט פון דעם אַרומיקן יום־טוב און ניט ווייניקער — פון דער אַרומיקער וואָך. דאָרטן אַנטפּלעקט זיך איר לעבן דורך דער פּריזמע פון די קאָלירפולע יידישע יום־טובים. און אין דעם נייעם בוך — דורך די פיר צייטן פון יאָר. און ווי אין יעדן יום־טוב איז געווען אַן אַנדער איבערלעבונג, אַזוי איז עס אין די באַזונדערע סעזאָנען. יום־טוב און וואָך גיסן זיך צונויפֿ און שאַפן אַ נייעם קאָלאָריט. דאָס אַלץ ברענגט בעלאַ שאַגאַל פאַרן לייענער דורך דער התלהבות פון אַן אויפגעברויזטער קינדערשער געמיטלעכקייט, מיט דער קינדערשער אויפריכטיקייט פאַרן אמת. און ווי אין ערשטן בוך, איז דאָס כאַראַקטעריסטישע אין אים דאָס יוגנטלעכע באַנעמען פון דער אַרומיקער וועלט. זי נעמט אָט די וועלט אַרום ניט מיט איין חוש אויף אַמאָל, נאָר מיט אַלע חושים אויף אַמאָל. אַלץ קוועלט אין איר אויף אויף אַמאָל, און זי וואַרפט זיך אַריין אין אָט דעם ים פון געפילן און געפינט פאַר זיי איין אויסדרוק, וואָס ווערט אויסגעדריקט דורך וויזיע, געהער, ריח, טעם און דורך באַרירונג — אויך אויף אַמאָל.

אַן אַנגעלייענטע און אַ געבילדעטע, האָט זי זייער גוט געוואוסט דעם מעטאָד פון שילדערן די נאַטור און סיטואַציעס. אָבער די שרייבער, וועלכע זי האָט געלייענט, האָבן אַלץ געשילדערט ווי „דערוואַקסענע", ווי „דער־

פאַרענע״ אין ליטעראַטור און לעבן. און זי קומט און רעסטאַוורירט אַליין ווי זי האָט עס געזען און באַנומען גראַד אין דער קינדהייט, ווי זי האָט עס געזען „צום ערשטן מאָל.״

און אַנדער שרייבער, אַז ער דאַרף עפּעס שילדערן, שטעלט ער זיך (עפּעס ווי פון זיך אַליין) אַוועק אויף אַ „נייטראַלער פּאָזיציע״ און „באַשרייבט״, וואָס ער זעט און הערט, אָדער וואָס ער האָט ווען עס איז געזען און געהערט. בעלאַ שאַגאַל אָבער זעט די וועלט אירע ניט נאָר פון דרויסן, נאָר הויפּטזעכלעך פון אינווייניק, פון איר אייגענעם געמיט. זי אַליין איז אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם פון געשילדערטן בילד, זי אַליין איז דאָ אַ טייל פון דער נאַטור און לעבן. מיט איר פּאַסירט פּונקט דאָס זעלביקע, ווי מיט איר מאַנס מאָלערייען, פון וועלכע מ׳קען ניט אָפּטיילן — ניט אין פאָרם און ניט אין אינהאַלט — זייער שאַפער.

ווי ביי אַ קינד ווערט די טויטע וועלט לעבעדיק, אַזוי ווערן אויך ביי איר טויטע זאַכן באַלעבט מיט אַ לעבן, וואָס זי אַליין גיט אין זיי אַריין. מ׳וואָלט פון אָט דער באַהויפּטונג געקענט געפינען אַ סך ביישפּילן, אָבער דאָס קאַפּיטל „דער זייגערמאַכער״ קען דינען ווי די בעסטע אילוסטראַציע פאַר קינדערשער פאַנטאַזיע און קינסטלערישער דערפינדערישקייט.

און וועגן וואָס זי זאָל ניט דערציילן, דערציילט זי עס מיט גרויסער אימפּעטיקייט, מיט אַן איבערפלוס פון געפילן. זי אַליין ווערט ממש פאַרכאַפּט פון דער גרויסער רייכקייט פון געפיל, פון דעם כוואַליעדיקן אַנלויף פון שטימונגען, בילדער, ווערטער, פון דעראינערונגען, און זי איילט זיך, איילט זיך אַלץ צו פאַרצייכענען, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט עפּעס פאַרגעסן, אַרויסלאָזן, אַז די גרויסע רייכקייטן וועלן אַרויספאַלן פון די הענט, וועלן אויסרינען צווישן די פינגער...

ס׳איז ניט שייך אין אָט דעם קליינעם אַרטיקל איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון די 29 דערציילונגען, וואָס זיינען אַריין אין בוך. באַזונדערס, ווען אָט ביי דער שרייבערין שפּילט דער סיפּור־המעשה אַזאַ קליינע ראָל. ביי איר איז ניט אַזוי וואָס זי דערציילט, נאָר גראַד ווי אַזוי זי דערציילט עס. און אָט דער „ווי אַזוי״ שפּרודלט מיט מערקווירדיקע פאַרגלייכן, אומגעריכטע מעטאַפאָרן, מיט אַלערליי קינסטלערישע וואָרט־קאָמבינאַציעס, וואָס פאַרוואונדערן און דערקוויקן דעם לייענער. און אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן:

„פון אַ ווינקל הימל קריכט שטיל אַרויס אַ בלאַסע לבנה, ווי אַ לאָמטערן, וואָס מ׳האָט פאַרגעסן אויסלעשן בייטאָג״... אַז ס׳קומט אָן דער פרילינג, „קומט אַלץ צוריק. און זי, די ערד, די גליקלעכע, די ליכטיקע, די וואַרעמע, צעפלאַנצט זיך, זופּט זיך אָן מיט זון און כוח, ווי ס׳פילט זיך אָן מיט פריידן אַן אַלטע שטוב, ווען אַלע אירע קינדער, אויסגעוואַקסענע און בלייענדיקע, קומען צוריק צו איר אַהיים״. זי שטייט אויף אַ בריק און קוקט אויפן וואַסער: „... אָט האָט זיך דער קלויסטער פונעם הויכן ברעג אי־

בערגעקוליעט אין וואַסער. זיין צלם ליגט שוין אָן אַ זייט און שווימט אַוועק אויפן רוקן פון אַ גרויסער כוואַליע. נאָכן צלם יאָגן זיך דיביימער פון שטאָט־גאָרטן... וואַקסן דאָרטן מיטן קאָפּ אַראָפּ, שאָקלען מיט די בלעט־טעלעך, ווי מיט גלעקעלעך". אָט איז זי אין אַ זעלצער־געשעפט: „זעלצער שיפּעט. גלעזער אויסגעשטעלטע, ווי אויף אַ חתונה. אַרום די ווענט וואַקלען זיך גרויסע סיפאָנען. דער קאַלטער קופּער שוויצט אַ באַ־גאָסענער מיט טראָפּנס. עפּנט מען אָפּ זיין קראַן — גיט ער ווי אַ שנייץ מיט דער נאָז. ס'וואַסער פּייפט אין גלאָז. טראָפּנס לויפן אַרויף, קלייבן זיך אָן אין אַ שוים, שפּרינגען אַריבער די גלאָז". און אָט פאַרריכט דער זייגערמאַכער אַ זייגערל: „...ער לייגט אים צו צום אויער, צו דער נאָז, ווי ער וואָלט וועלן זיך צוהערן צום זייגערלס אָטעם... דאָס זייגערל טוליעט זיך אין זיינע פינגער... דערהערט ער, אַז ביים זייגערל קלאַפּט צו־שוואַך דאָס הערצעלע, בויגט ער זיך איבער אים נאָך נידעריקער. גיט אים דאָ אַ שרויף, דאָ אַ דריי, קוליעט אים איבער פון פאָרנט אויפן רוקן, טרייסלט אים אויף און פליסט אים אין אויערל אַריין זיין אייגענעם אָטעם. ער וואַ־רעמט אים אָן. דאָס זייגערל, גלייך ווי אַ זויג־קינד, זופּט זיך אָן מיט גע־זונט און כוח..."

אָט מיט אַזעלכע בילדער איז ממש איבערגעפּילט דאָס בוך.

ווי געזאָגט, זיינען אין בוך אַריין 29 דערציילונגען. דאָס איז מסתמא די לעצטע זאַמלונג פון דער שרייבערישער ירושה פון דער פאַרשטאָרבענער בעלאַ שאַגאַל. צום בוך איז אויך צוגעגעבן אַ פאָרוואָרט פונעם גרויסן יידישן מאָלער מאַרק שאַגאַל, וועלכער דערציילט אין רירנדיקע ווערטער און פיינעם סטיל וועגן דעם לעבן און די לעצטע טעג פון דער פאַרשטאָר־בענער שרייבערין.

דאָס בוך איז אויך, ווי דאָס ערשטע, באַצירט מיט די וואונדערלעכע צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל — צייכענונגען, וואָס דערגאַנצן דאָס בוך, גיבן צו דעם נאַראַטיוו ליכט און דעם באַזונדערן שאַגאַלישן אָטעם, וואָס גיסט זיך צונויף מיטן אינהאַלט, ווי אין איין גאַנצן.

1947

ב. לאַפּינס „נייע לידער"

ב. לאַפּין גיט אַרויס זיינע לידער ניט צו־אָפּט. אין די איבער דרייסיק יאָר פון זיין דיכטערישן שאַפן זיינען דערשינען בלויז דריי זאַמלונגען פון זיינע אייגענע לידער און איין זאַמלונג איבערזעצונגען „(רוסישע ליריק"). פּאָר אַ דיכטער מיט אַ נאָמען און מיט אַן אייגענעם פּלאַץ אין דער יידישער פּאָעזיע, איז עס — קוואַנטיטאַטיוו גענומען — אַ גאַנץ־באַשיידענער ביי־טראָג, באַזונדערס, ווען מ'נעמט אין באַטראַכט די גרויסע פּרוכטבאַרקייט, מיט וועלכער עס האָט געשוויבלט און געגריבלט גראָד אין די פאַרגאַנגענע דרייסיק יאָר אין דער יידישער פּאָעזיע. דיכטער האָבן ממש פאַרפּלייצט אונדזערע זשורנאַלן און אפילו די טאָג־צייטונגען. ריכטונגען זיינען אויפ־געקומען און זיינען אונטערגעגאַנגען. אָבער לאַפּינס נאָמען האָט זיך זייער זעלטן געשטופּט אויפן טומלדיקן מאַרק פון דער יידישער פּאָעזיע. זיין ליד האָט זיך שטיל און באַשיידן באַוויזן אין די פאַרשיידענע צייט־שריפטן. דערפאַר האָט אָבער די קריטיק אים אַלעמאָל באַמערקט און זיך וואַרעם אָפּגערופן — אפילו אויף זיינעם אַן איינצלנעם ליד. אַזוי איז לאַפּין פאַר־בליבן אַ „לעבעדיקער" דיכטער צווישן אַ גרויסער צאָל פּאָעטן, וואָס זיינען געווען אפשר פּראָדוקטיווער פון אים, טומלדיקער פון אים, און זיינען דאָך כמעט פאַרגעסן געוואָרן.

אמת, צו אַ ברייטערער לייענערשאַפט, צו אַ מאַסן־אוידיטאָריע, האָט לאַפּין דורך די אַלע יאָרן ניט דערגרייכט. ער איז ניט געוואָרן דער דיכטער פון זיין צייט. ער איז אויך ניט געוואָרן קיין דיכטער פון אַ וועלכן עס איז באַשטימטן שיכט אין יידישן לעבן. ער איז ניט געוואָרן דער דיכטער פון אַ וועלכער עס איז סאָציאַלער אָדער נאַציאָנאַלער קרעדאָ, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט געשריבן אַ סך סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע לידער. מ'קען אויך ניט זאָגן, אַז ער האָט זיך דורך די אַלע יאָרן איינגעקריצט אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם לייענער מיט זיין באַזונדער, קלאָר־אויסגע־שפּראָכענער דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

ניט קיין דיכטער פון אַ ברייטער לייענערשאַפט און ניט קיין שליח־ציבור פון אַ וועלכן עס איז לעבעדיקן קאָלעקטיוו, האָט זיך ב. לאַפּין צייטנווייז אָפּגעגרענעצט פון דעם לייענער, באַהאַלטן זיך אין די ד' אמות פון זיין ליד און זעלטן געקומען, „וואו די מאַסן גייען אום". ער איז געווען

ב. לאַפּין, „נייע לידער", פאַרלאַג „אַטלאַנטיק", ניו־יאָרק, 1940.

צופיל אַריינגעטאָן אין זוכן זיין אייגענעם וועג אין דער דיכטונג, אין דער מיסטעריע, אין „דער אַלכעמיע פון וואָרט״, וואָס זאָל פאַר אים אויפדעקן די סודות פון לעבן און שאַפן. דערפאַר פלעגט זיך דער דיכטער, שוין אַביסל צו־אַפּט, אַוועקלאָזן אין די טונקעלע לאַבירינטן פון פּאָעטישע אַב־סטראַקציעס. דערפון איז ניט אַלץ געווען קלאָר אין זיין שאַפן און ניט צו־קלאָר איז געווען דער פּנים פון דעם דיכטער אַליין.

אין זיין נייער זאַמלונג „בייע לידער״ דערשיינט שוין לאַפּין קלאָרער — אי פאַר זיך, אי פאַר דעם לייענער. די בלאָנדזשעניש אין די טונקעלע לאַ־בירינטן פון האַלב־פּאָעטישע און האַלב־פילאָזאָפישע מעדיטאַציעס זיינען דאָ פאַרביטן געוואָרן מיט עקספּעדיציעס, אמת, זייער פאַרזיכטיקע, אין לעבן אַריין. אין זיין נייעם בוך געפינט איר אַ פּרואוו צו געבן געשטאַלטונג אַן אויסגעחלומטן וועלט־באַנעם און אַ פּרואוו אויסצומאָלן אַ בילד פון פּאָ־עטישער וויזיע אין לעבעדיקע פאָרמען. דער מעטאָד צו געבן דאָס בילד איז האַלב־טאָן און צו פאַרטונקלען דאָס רעאַלע מיט אַ וואואַל פון קוים דורכזיכטיקער געדאַנקלעכקייט איז נאָך ביים דיכטער פאַרבליבן. אָבער ער האָט שוין קיין מורא ניט „אַנצורופן זאַכן מיט זייערע נעמען״. איר גע־פינט שוין דאָ ביי אים גאַנצע אָפּטיילונגען, אין וועלכע ער רעדט „קלאָרע דיבורים״ וועגן מענטשלעכע קאַמפן, וועגן דעם מענטשלעכן געראַנגל פאַרן שטיקל טאָג־טעגלעכן ברויט. ער זינגט פון אַרבעט און אַרבעטער, פון יאָך און עקספּלואַטאַציע און פאַר די פּשוטע רייד זיינע געפינט ער שוין אויך אַ פּשוטע דערקלערונג:

„...נישט פאַר אונדז צו רעדן שיין,\
מיר — מיט די אויסגעפליקטע קני! — ״

אמת, אויך איצט „פאַרשפאַרט ער זיך אין אייגענעם הייל״ צו זוכן „די אַלכעמיע פון וואָרט״, אָבער איצט איז שוין דאָס וואָרט אַליין ניט קיין אַבסטראַקציע. עס איז שוין געוואָרן אין זיך אַליין — אַ טאַט.

„...דאָס וואָרט האָט געקראָגן אַ גוף\
און דער פייער פון ברעניקער זון...

— — — — — — — — — — — —

און פון יעדן געבוירענעם וואָרט\
ווערט אַן אַנדער גערויש אין דער לופט —\
די, וואָס זיינען נאָך ווייניק געקלאָרט —\
ווערן ווידער אַמאָל אויסגעפּרואווט...״

„...וואָרט איז ניט גרודיקער ליים,\
וואָס דערוואַכט אונטער פינגער-געקנעט.\
וואָרט באַשאַפט דעם באַשאַפער אַליין\
און מאַכט לעבעדיק דעם, וואָס עס רעדט...״

אין דעם נייעם בוך, פּרובירט נאָך דער דיכטער, פון צייט־צו־צייט, אַלץ צו צעשטויבן דאָס וואָרט „אין אַ דינעם „אַטאָמען־געשטויב", ער צע־שלייפט זיינע ווערטער ביז דער דינסטער פּראָבע (איך וואָלט געזאָגט: ביז דער דינסטער אומקלאָרקייט!). אָבער דאָס איז שוין ניט אַזוי צוליב דער בלויזער אַבסטראַקציע פון פּאָעטישן וואָרט, ווי צוליב די קלאָרע סימ־באָלן, אין וועלכע דער דיכטער וויל אויסדריקן זיין קוק אויף דער וועלט, זיין קרעדאָ אין דעם גרויסן זין פון מענטשלעכער שעפערישקייט אויף דער וועלט.

די וועלט איז פאַרן דיכטער נאָך אַלץ אַ מיסטעריע. דאָס לעבן איז פאַר אים אַ מיסטעריע. און אויך דאָס וואָרט איז נאָך מיסטעריע.

אין זיין נייער לידער־זאַמלונג דערזעט דער דיכטער די וועלט אין איר ניי־געבוירן. די וועלט, וואָס איז שוין מיליאָנען יאָרן אַלט, ווערט ערשט איצט געבוירן אין זיין דיכטערישער וויזיע. ער אַנטדעקט די וועלט און נעמט זי אויף אין דער פייערלעכער ניי־אַנטדעקונג:

„... אַט איצט ווערט אַלץ געבאָרן
מיט ערשטן אויסגעשריי,
כאָטש דער טראָט פון טויזנט יאָרן
האָט פאַרשטיקט געערדט פון זיי.
טויער אָפן איז געשטאַנען,
דורכגאַנג צו דער רויער וועלט.
איך בין ערשטער מענטש צו שפּאַנען
אין נאָך קיינעמסנישט געצעלט."

און ווי צום ערשטן מאָל אין אַן אייביקן וואַנדער דורך פינצטערניש „באַשווערט ער" די זון זי זאָל אַרויסקומען, „אַ קלאָרע". ער רופט צו דער זון אין אַ שטילן, מינאָרנעם טאָן („אין שטילקייט האָב איך זי באַשוואָרן") און אין שטילקייט נעמט ער אויף איר ליכטיקייט. אָבער זיין רוף ווערט דערהערט אין זיינע בלאָנדזשענישן אין דער אומבאַקאַנטער „רויער וועלט" און ער דערזעט פאַר זיך שוין „די וויזיע פון רויטן רעגנבויגן". און כאָטש עס איז אים נאָך ניט קלאָר פונוואַנען זי קומט און מיט וואָס —

„ווּעמעס פלאַמיקע נבואה
קומט מיט בלוטיק־רויטן סימן? — "

אָבער ער ווייס שוין, אַז די זון גייט־אויף און עס ווערט אַ נייע וועלט געבוירן. און ער נעמט זי אויף מיט אַן אָפענעם האַרצן און מיט אַ פלאַ־מיקן געמיט.

ב. לאַפּין איז אַן אָפּטימיסט, אַ גלויביקער. ער גלויבט אין גאָט און

אין דעם מענטשן. ער גלויבט אין יושר, אין דעם נצחון פון מענטשלעכקייט. די ערד וועט אַרויסגעבן געוניג פרוכט און שפּייזן אַלעמען צוגלייך:

„ס'איז אַלעמענס די מאַמע-ערד
און זי דאַרף יעדן מאַכן זאַט."

און אויב עס זיינען נאָך פאַראַן הונגעריקע און אויב דער שונא דריקט נאָך אויפן מענטשלעכן לעבן — וועט עס ניט איביק זיין אַזוי. צוליב דעם זיג פון פולער מענטשלעכקייט און יושר באַרעכטיקט ער די רעוואָלוציאָנערע טאַט:

„היינט זאָל הבל זיין קין,
ס'איז אַ גערעכטער געשלעג...

— — — — — — — — — — — — — —

ביז ס'וועט זיך איינטונקען אין ליכט
דער וועלט באַפרייענדיקער טראַט..."

אין בוך געפינט דער לייענער אַ היפּשע אָפּטיילונג פון אַרבעטער-לידער און שטאָט-לידער, וואָס זיינען, סיי אינהאַלטלעך און סיי טעמאַטיש דורכגעפלאָכטן מיט דעם דיכטערס פּערזענלעכן לעבן, מיט זיינע איבער-לעבונגען אין דעם טאָג-טעגלעכן קאַמף פאַר ברויט און אין זיינע איבער-לעבונגען ווי אַ יחיד קעגן דער גרויסער פיל-מיליאָניקער שטאָט. דער דיכטער האָט פיינט זיין ביטערע אונטעריאָכונג דעם שונא, און ניט ווייניקער האָט ער פיינט די שטאָט, אין וועלכער עס פלאַדיעט זיך די אָרימקייט, די נויט, גרויזאַמע געזעצן פון גרויסשטאָטישן לעבן. ער האָט פיינט דעם הו-האַ, דעם געבראַזג פון שטיין און שטאָל. און זיין לעבן —

„מיינע טעג, האַרבע טעג —
גרויע שטיינער פון ברוק.
ציין פון בייזיקער זעג —
שטענדיק גרייט צו פאַרצוקן."

און כאָטש ער באַרעכטיקט דעם בלוטיקן קאַמף קעגן שונא, איז אָבער זעלטן דאָ אין זיין ליד דער דירעקטער רעוואָלוציאָנערער רוף צו דער טאַט. אפילו אין זיין פּערזענלעכן פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג פון זאַכן איז אויך ניטאָ קיין רעוואָלוציאָנערער רוף צו דער טאַט. זיין וואָרט איז, מערסטנס, אַן אויסדרוק פון שטילן צער, פון שטילן איינגעהאַלטענעם געוויין קעגן אַן אומגערעכטיקייט, פאַר וועלכער ער געפינט אין זיך ניט קיין פייערדיקן אָפּקלאַנג. דערפאַר רעדט ער אַלעמאָל שטיל, אפילו ווען זיך אַליין און ווען די אייגענע ליידן. און עס דוכט זיך אָפט, אַז אים אַרט ניט, אויב זיינע ליידן וועלן ניט דערזען ווערן און זיין קול וועט ניט דערהערט ווערן.

פון דעם ליידן אַלע זיינע אַרבעטער־לידער און אויך די שטאָט־לידער. אים איז ניט געלונגען אָנצושלאָגן אַ נייעם טאָן אין דער פּשטות פון זיין טעמע. אַלץ וואָס ער זאָגט וועגן דער מענטשלעכער אונטערדריקונג איז שוין געזאָגט געוואָרן — אפשר שטאַרקער, הייס־בלוטיקער און אַלץ, וואָס ער זאָגט וועגן שטאָט איז אויך געזאָגט געוואָרן, און געזאָגט געוואָרן ניט בלויז אין נעגאַטיוון זין, נאָר אויך — אין דעם פּאָזיטיוון זין. ניט אַלץ אין דער שטאָט איז צום שילטן. עס איז אין איר אויך דאָ גענוג — צום בענטשן.

ב. לאַפּין איז אָמבעסטן אין זיינע וויזיאָנערישע לידער, אין דעם ליד פון זיין חלום. אין זיי איז ער שעפּעריש. זיין חלום איז דער חלום פון אַן עטישער פּערזענלעכקייט.

לאַפּינס ליד ווערט אַלעמאָל באַהויכט מיט אַ שטילן טרויער און דורכ־געדרונגען מיט אַ שטילער, דורכזיכטיקער לירישקייט, מיט אַ טאָן פון ווייטער פּאַסטאָראַלער מוזיק. ציטערדיקע פּערזן, וואָס רירן אייך אַמאָל מיט זייער פּשטות, מיט זייער אומגעקינצלטקייט און אַמאָל מיט דער שטילער געמיטלעכקייט, וואָס פירט אייך אַוועק גראָד אין אַ טונקלקייט, אין אַן אומ־קלאָרקייט, אָבער ברענגט אייך צוריק אַ געלייטערטן.

דאָס בוך „נייע לידער" דאַרף געלייענט ווערן. און אַזעלכע לידער ווי „די זון", „אַ טויער", „וויזיע פון אַ רעגנבויגן", „באַלאַדע פונעם ריטל" און אַ צאָל אַנדערע — דאַרפן געלייענט ווערן און איבערגעלייענט ווערן. אין זיי האָט ב. לאַפּין דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון פּאָעטישער גבורה.

1940

אונטער דער אייגענער לאַסט

דער טאַלאַנטפולער דיכטער אַלטער עסעלין, וואָס האָט פונקט מיט צען יאָר צוריק אַרויסגעגעבן זיין ערשטע לידער־זאַמלונג, איז לעצטן יאָר אַרויס מיט אַ נייער, אַביסל אַ גרעסערער, זאַמלונג פון זיינע לידער אונטערן נאָמען "אונטער דער לאַסט."

אין זיין נייער זאַמלונג איז דער דיכטער, אַן צווייפל, שטאַרק געוואַקסן, איז געקרעפטיקט געוואָרן אין זיין וואָרט און האָט אין אַ היפּשער צאָל לידער אפילו דערגרייכט אַ געוויסע מייסטערשאַפט, וואָס ווערט באַשטימט דורך דער איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט, וואָס איז דאָ צווישן דעם אינהאַלט און דער פאָרם. ס'זיינען פאַראַן אינעם בוך אַ צאָל לידער, וואָס מ'קען צו־רעכענען צו די סאַמע בעסטע, וואָס דער דיכטער האָט ווען אָנגעשריבן אין זיין גאַנץ־לאַנגער דיכטערישער קאַריערע.

ס'איז אָבער אַ בוך (און פונקט ווי זיין ערשט בוך), וואָס באַשווערט דעם לייענער, מ'קען זאָגן, פון דער ערשטער שורה, מיט גאַנצע בערג פּע־סימיסטישע געדאַנקען, מיט מיסטיציזם און ביטערן פּאַראָורטייל צו אַלץ, מיט וואָס עס לעבט און אָטעמט דאָס מענטשלעכע ווזן אויף דער וועלט. ס'איז אַ ביטערע אָנקלאָגע אויפן מענטשלעכן מין, מיט זיינע אַלע קאַמפן, מיט זיינע הייליקסטע שטרעבונגען, מיט זיין אויפריכטיקסטן גלויבן און האָפענונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט.

אַלטער עסעלין עפנט זיין בוך מיט אַן עפּיגראַפישן ליד, אין וועלכן ער "באַשווערט" זיינע לידער, אַז זיי זאָלן גרייכן „נאָר זיין (דעם דיכטערס) שוצלאָזן גלייכן", וואו „עס איז היימיש דער יאוש און וואו צאַנקען ביז פערציק איז וואונדער און וואו טרוקן ברויט — איז יום־טוב."

אָבער אָט די לידער זיינע וועלן ברענגען אַ קנאַפּע טרייסט און נאָך ווייניקער היילונג צו די, וואָס „צאַנקען אין יאוש". פאַרקערט. צו זייער שווערקייט און צו זייער ביטערניש וועט צוקומען נאָך אַביסל פאַרצווייפ־לונג און נאָך אַביסל גאַל. און נאָך מער: זיי וועלן אויפשטעלן קעגן דעם אומגליקלעכן אַ גאַנצע וועלט, אַ וועלט, לעבן וועלכער דער דיכטער אַלטער

„אונטער דער לאַסט", לידער, פון אַלטער עסעלין, פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1937.

עסעלין האָט מיט אַ ברייטן פּיר פון זיין דיכטערישער האַנט אויסגעלייגט אַ לאַנגן, האַפענונגלאָזן אַפּלייקענונג־צייכן. פאַר זיי וועט אַנטפּלעקט ווערן אַ וועלט, וואו ס׳איז ניטאָ קיין יושר און קיין רחמנות, וואו עס געוועלטיקט די ממשלה פונעם פּיליסטער און לומפּ, וואו איבער אַ מענטשנס לעבן לויערט און הויערט שטענדיק דער אייביקער פּאַטום פון טויט, פון וועלכן דער דיכטער אַליין האָט אַלע מאָל געזוכט אַן אויסוועג און ענדלעך געמוזט זיך אונטערגעבן און אפילו איינלאַדן אים, ווי אַ גוטן גאַסט:

„... איך בין גרייט צום שניט, ווי רייפע קאָרנזאַנגען.
איך וואַרט אויף דיר. צו וואָס זיך אויסבאַהאַלטן?
צום לעצטן מאָל כאַטש דעמאַסקיר דיין פּנים —
אפשר קענסטו און — ווערסטו מיך
מיט דעם ניט געפונענעם באַקענען ..."

און אָט דער „ניט־געפונענער", מיט וועמען דער דיכטער וויל זיך באַ־קענען, איז ניט קיין אַנדערער ווי גאָט אַליין, וועמען אַלטער עסעלין זוכט זיין גאַנץ לעבן און צום ווינציקסטן אין אַ העלפט פון זיינע לידער

„ווי אַ טרינקענדיקער זינקט —
וואָכזאַמער פון אַלץ וואָס לעבט,
צאַפּלט מיט די האַרוואַרצלען,
זוכט מיט די פינגער אָטעם —
אַזוי זוך איך דיך,
האַר מיינער, גרויזאַמער און גוטער."

נייך. ס׳איז שווער היינטיקע צייטן צו געפינען גאָט. ס׳איז אפילו שווער פאַר אַ היינטצייטיקן דיכטער אויסצודיכטן אַ גאָט. אָבער אַלטער עסעלינס בענקשאַפט נאָך אים איז אַזוי גרויס, אַז ער געפינט אַן עצה: ער גייט אַוועק פונעם היינט. ער אַנטלויפט צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו דער צייט, ווען גאָט האָט נאָך געלעבט, צו דער ראָמאַנטיק פון אַמאָל, ווען טעמפּל איז געווען טעמפּל און ווען דעם דיכטערס ליד האָט געקלונגען, ווי אַ תפילה און אַ נבואה. ער קערט זיך אום מיט זיין פלאַמיקן געמיט צו דער ראָמאַנטיק פון אַלטע ריטואַלן און סימבאָלן, וואָס ווייטער פון די טעמפּלען פון היינט, וואו „ס׳איז ניטאָ שוין קיין כהן, קיין לעמל אין משכן און דער אורים־ותומים איז לאַנג שוין צעשמאָלצן און ניטאָ ווער ס׳זאָל שטראָפן, ניטאָ ווער ס׳זאָל בענטשן"... איצט ציט צו דער ראָמאַנטיק פון זיין זיידן, פון תפילין־זעקל, צו דעם ניגון פון דער מלוה־מלכה. ער בענקט נאָך אַ משל פונעם דובנער מגיד און ס׳וואַרפט נאָך אים איצט אַריין אין אַ הייליקן ציטער די מיטנאַכטיקע תפילה פון זיין פרומען זיידן.

אַלץ וואָס איז היינט, איז וואָכעדיק. דער דיכטער זעט ניט, אָדער וויל

ניט דערזען, די ראָמאַנטיק פון דער היינטיקער צייט. ער פילט ניט, אָדער וויל ניט דערפילן, דעם פולס פון די געשעענישן אין דער גרויסער עפּאָכע פון העראָאישע טאַטן. פאַרקערט: ער וויל פון דעם אויסבאַהאַלטן זיין לעבן און ער רופט, ווי אַלע מאָל, צו גאָט:

„עפן דיינע תהומען פאַר מיין איינזאַמקייט,
נעענטער, נעענטער צו דיר.
וואָס וועל איך טאָן, מיין גאָט —
באַלד ווייזן זיך די לייט
מיט רויש פון גאַס און לאַסט פון טרייסט."

און אַז פאַר אַ דיכטער בלייבט נאָר אין לעבן צו ראַטעווען זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין תהומען פון איינזאַמקייט, מיט דער אייביקער מורא פאַרן פאַטום — טויט, און דאָך פאַרבלייבן מיט זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי יעדער בשר־ודם, אין דער אַרומיקער סביבה מיט אַלע אירע שוועריקייטן און דראַנגען — מוז מען פון דעם לײדן, ליידן פון אַ אינערלעכן ווידערשפּרוך. און ס'איז שוין נאַטירלעך, אַז פון אַלץ, צו וואָס דער דיכטער אַלטער עסעלין רירט זיך צו, זאָל ווייען מיט אַ ביטערן, קרענקלעכן פעסימיזם. אַלע זיינע לידער אָטעמען מיט געפאַלנקייט, איינזאַמקייט, פאַרלאָרנקייט און יאוש. ס'איז ניטאָ קיין טרייסט פאַרן מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. ניטאָ קיין דערלייזונג. ס'איז נאָר דאָ ליגן און באַטרוג — און אומקום. דאָס לעבן איז אַ וויסטער מדבר, וואו עס בלאָנדזשעט אַרום אין אייביקע ליידן דאָס מענטשלעכע וועזן, אָן ציל און אָן ברעג, אַרומגערינגלט מיט שרעקלעכע מיראַזשן, וואָס אָט לאַכן זיי אויס און אָט — פאַרפאַלגן זיי ביזן טויט אַריין. און שרעקלעכער פון אַלץ איז דאָס, וואָס ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַרן עלנטן. אפילו ניט גאָט. און אָט די ביטערע פילאָזאָפיע ציט זיך — פון ליד צו ליד, כמעט איבערן גאַנצן בוך, איבער אַלע אָפּטיילונגען פונעם בוך. און ניט נאָר אין זיין לעבנס־פילאָזאָפיע איז דער דיכטער איבערגעשראָקן אויף טויט, נאָר טאַקע אינעם לעבן גופא: ער גייט ביינאַכט אַליין איבער דער גאַס. ס'איז ליכטיק פון לבנה־שטראַלן. ער זעט די גאַס. אָבער אים דוכט זיך, אַז „ס'שפּרינגט אַ טיגער אויף זיין נאַקן און מיט אַ האַק אַ שיכור שווינגט...."

פאַרלירנדיק יעדן אינהאַלט אין לעבן, ניט האָבנדיק קיין אָנגעהעריקייט צו אַן אידייע, צו די אידעאַלן פון אַ קלאַס, אַליין אַ פרעמדער צום לעבן, אין וועלכן ער לעבט, און אַן איינזאַמער, זינגט דער דיכטער אַ ליד צו דעם „איינזאַמען" אויף דער וועלט. ער ווידמעט אים אפילו אַ גאַנץ ליד: „סאַלוט צו דעם, וואָס שטייט ביים ראַנד פון אונטערגייין", אין וועלכן ער בענטשט דעם טרוימער, וואָס קען זיך אָפּנאַרן און „גלויבט נאָך אין דעם נס, וואָס

מאַכט, אַז דער דערנידעריקטער ווערט דער הערקולעס״. און עסעלינען פאַלט גאָר ניט איין, אַז כדי דער דערנידעריקטער זאָל ווערן הערקולעס — דאַרף ער עפּעס טאָן, דאַרף ער אויסקעמפן, ניט וואַרטנדיק אויפן נס.

ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס דער דיכטער קערט זיך אום אין זיין בוך אַזוי פיל מאָל צום טויט, כמעט אַזוי פיל מאָל ווי צו גאָט. ניט זעענדיק דאָס לעבן, זייענדיק פאַרלאָרן און ניט וועלנדיק אָננעמען דאָס לעבן, מוז מען זיך דערנעענטערן צום לעצטן אויסוועג — צום טויט. און אין דער הינזיכט איז ער גוואַלדיק נאָענט צו יענער טראַדיציע פון אַ ריי יידישע דיכטער פון דער ניט גאָר ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען די הערשנדיקע טעמע פאַרן ליד איז געווען ליבע און טויט, טרויער־טרערן און ליידן אָן אַן אורזאַך, דאָס וועלקן פון בלום אין די האַרבסטן און די מורא פאַרן טויט. יענע דיכטער האָבן שוין, אין אַ גרויסער מאָס, אָוועקגעוואָרפן אָט די „אייביקע״ טעמאַטיק. אָבער אַלטער עסעלין איז איר נאָך געבליבן געטריי ביזן לעצטן וואָרט.

מ׳מוז אָבער זאָגן און אונטערשטרייכן דאָס געזאָגטע: אַלטער עסעלין איז אַ טאַלאַנטפולער ליריקער, אַ דיכטער, וואָס האַלט הויך זיין דיכטערישע פאָן. אַ פּאָעט, וואָס באַציט זיך מיט דרך־ארץ צו זיין פּאָעטישן באַרוף און טראָגט אים מיט ווירדע דורך זיין לעבן ווי אַ גורל. דאָס בוך זיינס, „אונטער דער לאַסט״, ווייזט־אָן אויף קלאָרע סימנים פון שרייבערישער קולטור, אויף אַ שטאַרק אַנטוויקלטן חוש פאַר וואָרט און קלאַנג און ריטם. און אויך פאַר מאָס. ער פאַרמאָגט אַלע אַטריבוטן פון אַ דיכטער, וואָס וואָלט געקענט פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין אונדזער דיכטונג.

און אויב ער איז עס ניט געוואָרן, איז עס אַדאַנק זיין דערווייטערן זיך פונעם רעאַלן לעבן אין זיינע אייגענע, דיכטערישע דלד־אמות, אין אַ וועלט פון הוילע אַבסטראַקציעס, וואו לעבן און טויט און מענטשלעכע ליידן אויף דער וועלט זיינען אויסגעטראַכט און אויסגעדיכטעט און האָבן מיט אונדזער רעאַלן לעבן, מיט די אמתע ליידן אונדזערע, גאָרניט וואָס צו טאָן. און זיין דיכטערישער קאַמף פאַר עפּעס אַ יושר און עפּעס אַ גערעכטיקייט — איז ניט מער ווי אַ פיקציע, אַן אָרומגעפּוצטע מיט קאָלירטע זייפנבלאָזן, וואָס אָט זיינען זיי דאָ און אָט זיינען זיי גאָר ניטאָ. ווייל ס׳איז ניט פונעם לעבן, נאָר פון ערגעץ איבערן לעבן.

אַלטער עסעלינס געשטאַלט, ווי אַ דיכטער, שאַדט אויך, אין היפּשער מאָס, דער שטאַרקער איינפלוס פון מ. ל. האַלפּערן, וואָס לאָזט ניט דעם דיכטער גאַנץ אָפט צו אַנטפּלעקן זיין אייגן פּנים. זיין קול ווערט אָפטמאָל פאַרקלונגען מיט דעם קול פון מ. ל. האַלפּערן און זיין וואָרט פאַרלירט, שוין אַביסל צו־אָפט, זיין אייגענעם קאָלאָריט.

אָבער פון דעם וועט זיך דעם דיכטער ניט שווער זיין צו באַפרייען. ער האָט עס שוין באַוויזן אין אַ צאָל לידער.

ווי נאָר ער באַפרייט זיך אויף אַ ווײַלע פון זײַנע מיסטיש־אויפגעבלאָזענע דיכטערישע אַבסטראַקציעס, ווערט ער נעענטער, היימישער און ס׳דערהערט זיך אין זיין דיכטונג אַ פריש קול, אַן אייגן קול און ס׳באַווייזט זיך אַן אייגן פנים פון אַן אַרבעטער־דיכטער, וואָס איז נאָך ניט געקומען צו דעם אַרבעטער מיט זיין וואָרט, נאָר וואָס, ווען ער קומט וואָלט ער געקענט ווערן איינער פון די קרעפטיקסטע פּראָלעטאַרישע דיכטער, ווייל ער פאַרמאָגט טעמפּעראַמענט, כאַראַקטער און מייסטערשאַפט פון אַ שלאָגנדיקן וואָרט, וואָס קען אויפרעגן און באַגייסטערן מיט זיין קלאָרקייט און מיט זיין אויפריכטיקייט.

1938

אַ נײַ בוך וועגן י. ל. פּרץ

נחמן מייזיל איז, אָן צווייפל, איינער פון די סאַמע אַרבעטזאַמסטע און איבערגעגעבנסטע פאָרשער אויף דעם געביט פון דער פּרץ־ביאָגראַפיע, דער וואַרעמסטער פאַרערער פון פּרצעס שעפערישער פּערזענלעכקייט און פון זיין ליטעראַרישער ירושה. אויף דעם זאָגן עדות די גרויסע צאָל אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען און די גרויסע צאָל וויכטיקע מאַטעריאַלן, וואָס אָט דער שריפטשטעלער און ליטעראַטור־קריטיקער האָט אין משך פון כמעט צוויי צענדליק יאָר געשאַפן און געזאַמלט וועגן דעם גרויסן יידישן קלאַסיקער.

און איצט, צו דער געלעגנהייט פון פּרצעס 30טן יאָרצייט, האָט נ. מייזיל באַוויזן אַרויסצוגעבן צוויי זייער וויכטיקע ביכער: „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ" און דאָס ערשט דערשינענע בוך: „י. ל. פּרץ, זיין לעבן און שאַפן, אָפּהאַנדלונגען און מאַטעריאַלן", אין וועלכן דער לייענער געפינט אַ שלל מיט אויטענטישער אינפאָרמאַציע וועגן דעם לעבן און שאַפן פון דעם פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור, און קען אַריינבליקן אין די וויכטיקסטע פּראָצעסן און עטאַפּן פון זיין גרויסער שעפערישקייט.

פּרצעס שאַפן איז בלויז טיילווייז אָפּגעשאַצט געוואָרן ביי זיין לעבן. אויך זיין ביאָגראַפיע איז געווען צעוואָרפן איבער אַ קליינער צאָל ליטעראַרישע זשורנאַלן. פּרץ אַליין האָט זיך זייער ווייניק אָפּגעגעבן מיט זיין ביאָגראַפיע, און האָט ערשט אין די לעצטע פּאָר יאָר פאַר זיין טויט אָנגעהויבן שרייבן זיינע זכרונות, וועלכע ער האָט דערפירט נאָר ביזן צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן. און אויך נאָך זיין טויט איז אַ ברייטערע אָפּשאַצונג פון זיין גייסטיקער ירושה אַנטשטאַנען אַרום דעם צענטן יאָרצייט און נאָך שפּעטער — צום 15טן יאָרצייט, און ערשט איצט, צום 30טן יאָרצייט, האָט זי באמת דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט.

און כאָטש נחמן מייזיל זאָגט אין דעם אַריינפיר צו זיין בוך גאַנץ באַשיידן, אַז „...ס'איז ניט קיין איינהייטלעכע מאָנאָגראַפיע פון פּרצעס לעבן און שאַפן", אַז די מערסטע קאַפּיטלען זיינען פון אים געשאַפן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן און זיינען שפּעטער געזאַמלט געוואָרן אין

*) נחמן מייזיל — „י. ל. פּרץ, זיין לעבן און שאַפן, אָפּהאַנדלונגען און מאַטעריאַלן", „איקוף"-פאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1945, 368 זייטן.

בוך־פאָרם (1931) און אַז אין בוך זיינען איצט צוגעגעבן געוואָרן בלויז איניקע קאַפּיטלען, מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז דאָס בוך אַזוי ווי עס איז, איז דאָס סאַמע פולסטע, דאָס סאַמע אַרומנעמענדיקע ווערק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן וועגן פּרצן.

אין בוך זיינען אַריין 26 קאַפּיטלען. יעדער קאַפּיטל פאַרנעמט זיך מיט אַ באַזונדערן פּעריאָד פון פּרצעס לעבן און שאַפן. דאָ געפינט איר פּרצן אין זאַמאָשטש, דעם העברייאישן פּעריאָד פון זיין שאַפן, זיין איבערגאַנג אויפן ברייטן שליאַך פון יידיש, די יאָרן אין וואַרשע, ווען פּרצעס לעבן איז פּלוצלונג באַרייכערט געוואָרן מיט נייער ענערגיע, מיט נייע קוואַלן פון קינסטלערישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. איר זעט פּרצן צווישן זיינע קאָלעגן, די יידישע און העברייאישע שרייבער, צווישן די קינסטלער און בויער פון דער ניי־אויפקומענדיקער יידישער קולטור. דאָ דערזעט איר פּרצן דורך זיין שאַפן, דורך זיינע ווערק, דורך זיינע איבערגאַנגען און פאַרוואַנדלונגען — אַלץ געבראַכט צום לייענער דורך די סאַמע ערשטע מקורים.

און כאָטש אַלע קאַפּיטלען אין בוך פאַרנעמען זיך מיט אָפּגעזונדערטע געשעענישן און עטאַפּן אין פּרצעס לעבן און שאַפן, איז אָבער דעם מחבר געלונגען צו שאַפן די נויטיקע המשכדיקייט, אַ שטייגנדיקע געבונדנקייט, אין וועלכער איין קאַפּיטל ווערט דערגאַנצט פון אַ צווייטן, און אַלע קאַפּיטלען וועבן זיך אַריין איינע אין די אַנדערע מיט אומציילקע פעדים און שאַפן איין גאַנץ און קאָלירפול געוועב, דעם גאַנצן קאָלאָריט פון פּרצעס שאַפן און לעבן. דער מחבר לאָזט ניט דורך קיין איין וויכטיקע דאַטע, קיין איין עטאַפּ, וואָס זאָל ניט באַלויכטן ווערן פון אַלע זייטן דורך אַן אויטענטישן דאָקומענט, דורך אַ לעבעדיקן עדות, אָדער דורך אַ ציטאַטע. אַזוי אַרום איז נחמן מייזילן געלונגען דורך ערלעכער פאָרשערישער אַרבעט און דורך דער ליבשאַפט צום מאַטעריאַל, — ברענגען דעם לייענער אַ גאַנץ בוך, אין וועלכן ער וועט געפינען ניט נאָר די געשטאַלט פון פּרצן, דעם גרויסן זייל, אויף וועלכן עס האַלט זיך די טראַדיציע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך די גאַנצע עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געווירקט, די סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט און אַן אָפּשאַצונג פון די וויכטיקסטע ווערק, וואָס זיינען פון אים געשאַפן געוואָרן. אין איינעם מיט דעם וועט זיך דער לייענער קענען לייכט שאַפן אַ בילד פון אַ גאַנצער גאַלערייע מיטצייטלער, שריפטשטעלער, וואָס האָבן, אין איינעם מיט פּרצן, געהאָלפן לייגן דעם יסוד פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

צו פּרצן דעם מענטשן און שאַפער קען מען צוגיין מיט אַ שווערן אויסטייטשנדיקן און אַריינטייטשנדיקן מעטאָד. מ'קען פּרצן באַנעמען דורכן פּסיכאָגראַפישן מעטאָד, געבן זיינע פּסיכישע כאַראַקטער־שטריכן,

אָפּגעבן זיך מיט זײַן טעמפּעראַמענט, מיט זײַן פּערזענלעכער באַציאונג צו אינערלעכע און אויסערלעכע דערשײַנונגען, אָדער מען קען זיך ספּע־ציעל אָפּגעבן מיט דער אויפקלערונג פון די פילאָזאָפישע אַספּעקטן פון זײַנע ווערק מיט די קאָמפּליצירטע פּראָצעסן פון זײַן וועלט־באַנעם, פאַר־נאַנדערטײלן זײַן גאַנצע שעפערישע ירושה אויף באַזונדערע טײלן, אויס־טײלן פאָרמען, שטרעמונגען און ווירקונגען. בײַ פּרצן איז לײַכט צו אַנט־דעקן די עלעמענטן, וואָס צײכענען אָפּ יעדן פּעריאָד פון שאַפן, ווען ער איז פון דעם סאַטיריקער און דעם רעאַליסט איבערגעגאַנגען צום ראָמאַנ־טיזם און נאָך שפּעטער אַרײַנגעבראַכט אין זײַנע ווערק דעם סימבאָליזם אין אײנעם מיט די עלעמענטן פון מיסטיציזם און אפילו טראַנסצענדענ־טאַליזם. צוגײן צו פּרצן אַזוי וואָלט געווען — צוגײן צו אים מיטן שווערערן וועג. אַזוי האָט מען שוין טאַקע פּרובירט צוקומען צו אים און מען וועט נאָך אויך אין דער צוקונפט פּרובירן באַנעמען זײַן ליטעראַרישע ירושה. דאָס וועט אפשר מיט דער צײַט אויך מײזיל טאָן.

אָבער דערווײַל איז נ. מײזיל צוגעקומען צו דעם פּראָבלעם פּרץ און זײַן שאַפן מיטן לײַכטערן וועג. ער האָט געזוכט צו רעסטאַווירן די די עפּאָכע פון דעם קלאַסיקערס לעבן אין דער ראַם פון זײַן צײַט און סביבה, צוגעבן אין דער פולער מאָס די רעאַלע מאָמענטן פון זײַן לעבן און שאַפן אין אײנעם מיטן הינטערגרונט און פאָדערגרונט פון די אַלע אויסערלעכע באַדינגונגען פאַר זײַן וואוקס און אַנטוויקלונג. פון דעם איז פּרצעס גע־שטאַלט אַרויס פולער, גאַנצער און פאַרשטענדלעכער פאַר אַ ברײטערן קרײז לײענער. דער מחבר זאָגט טאַקע אין זײַן אַרײַנפיר צום בוך, אַז ער האָט געהאַט בדעה „צו געבן בעיקר מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס קאָנען באַלויכטן דעם גאַנג פון פּרצן אין לעבן און שאַפן... האַרטער בײַ דער ערד, נעענטער צו פּרצן גופא, צו זײַנע איבערלעבענישן און צו זײַנע ממשותדיקע באַציאונגען מיט וועלט און קינסטלער — דאָס איז געווען פאַר מיר די ריכט־ליניע בײַם צוזאַמענשטעלן דאָס בוך".

און מיר קענען נאָר צוגעבן, אַז דאָס איז אים געלונגען אין דער פולער מאָס. פּרץ, דער פאַרשײדנאַרטיקער, פילפאַרביקער קינסטלער, אין אַלע זײַנע ליטעראַרישע פאָרמען, ווי אויך די אײגנאַרטיק־אינדיווידועלע קינסט־לערישע פּערזענלעכקײט, איז אַרויס פון אונטער זײַן פּען קלאָר, פאַר־שטענדלעך און אין זײַן פולער גרויס.

י. ל. פּרצעס געשטאַלט האָט זיך גראָד אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווײַט נאָך זײַן טויט, זיך שטאַרק צעוואַקסן. ער איז אויסגעוואַקסן כמעט צו דער מדרגה פון אַ לעגענדע. אויך זײַן ירושה איז ניט געבליבן אין דער פאַר־גליווערטער, סטאַטישער גאַנצקײט, צו וועלכער דער אָפּשאַצער קען צוקומען מיט פאַרטיקע מאָסן און וואָגן. זײַן ירושה איז גראָד פון אַזאַ גײַסטיקער קוואַליטעט, וואָס האָט אין זיך די אײגנשאַפט פאַנאַנדערצובליען

זיך מיט יאָרן, מיט דער ענדערונג פון צייט. זי האָט זיך אַריינגעוואָקסן מיט לעבעדיקע וואָרצלען אין דעם פרוכטבאַרן באָדן פון דער ניי־אויפ־געקומענער ליטעראַטור און איז נאָך אַליין אַ לעבעדיקער, באַווירקנדיקער כוח אין דעם יידישן שאַפן. דעריבער איז עס ניט פון די גאָר לייכטע אויפגאַבן פאַר דעם פאָרשער אָפּצוטיילן זיך פון דעם נאָך לעבעדיקן י. ל. פרץ און אינגאַנצן אַוועק אין זיין רעטראָספעקט, ניט באַנעמענדיק אים אויך אין דער פערספעקטיווער ווירקונג. פאַרן פאָרשער שטייט פאַר אַ גרויסער נסיון צו געבן פרצן און זיין שאַפן דורך זיין רעאַלן לעבן, אין דער רעאַלער ראַם פון זיין צייט.

און אין דעם איז דער גרויסער אויפטו פון זיין בוך.

עס איז אמת, אַז אפשר צוליב דעם, וואָס דאָס בוך איז ניט איינצייטיק געשריבן געוואָרן, רייסן זיך אין אים אַריין, גאַנץ אָפט, איבערחזרונגען, פאַקטן און אפילו ציטאַטן, וואָס זיינען שוין פריער געגעבן געוואָרן. אָבער אַזוי ווי דער מחבר אַליין איז גאַנץ באַוואוסטזיניק איבער אָט דעם פאַקט און דערקלערט עס אין זיין אַריינפיר צו דעם בוך, איז אפשר איבע־ריק צו האָבן צו אים טענות. פונדעסטוועגן זיינען זיי גאַנץ אָפט איבער־פליסיק און שטערן דער גאַנצקייט, וואָס עס איז בפירוש פאַראַן צווישן די אָפּגעזונדערטע קאַפּיטלען.

און צום סוף מוז געזאָגט ווערן, אַז דאָס דאָזיקע בוך, אין איינעם מיט דער זאַמלונג פון פרצעס בריוו און רעדעס, מיט די צוגעגעבענע ביבלי־אָגראַפישע דאַטעס, איז אַן אויפטו וואָס דאַרף מיט דאַנקבאַרקייט פאַר־צייכנט ווערן. און אין דער היינטיקער שווערער צייט פון יידישער בוך־פאַרלעגעריי איז עס אַ טאָפּלטער אויפטו.

1945

נחמן מייזילס „נאָענטע און אייגענע״

1.

איך עפן דאָס בוך, און נאָך אידער מיין בליק האָט צייט צו באַטראַכטן דעם שער־בלאַט, ציט צו מיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אַנטקעגנדיקן זייטל אַ צעטל פון אַנדערע ווערק פונעם מחבר. עס הייבט זיך אָן מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דוד בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען״, געשריבן אין 1913. דאָס צעטל איז לאַנג און אימפּאָזאַנט און עס דערציילט וועגן אַ לאַנגן וועג פון אַ סך אַרבעטן אויפן פעלד פונעם יידישן וואָרט, אין דער ספערע פונעם רוב מנין און רוב בנין, פאַרשטייער פון אונדזער ליטעראַטור. עס איז אַ וואָגיקע רשימה פון אומדערמידלעכן שאַפן, פון אַרבעט און גרויסער ליבשאַפט צום יידישן שעפערישן לעבן. ס׳איז כמעט אויסגעלאָזט קיין איין וויכטיקער שרייבער און דיכטער, וואָס האָט באַווירקט אונדזער לעבן דורך זיין קינסטלערישן וואָרט.

נחמן מייזיל איז אַריינגעקומען אין דעם היכל פון דער יידישער ליטעראַטור איינצייטיק מיט איר אויפקום, שנעלן פאַנאַנדערבלי און מיט דער קערנדיקער פרוכטבאַרקייט. עס איז אויך געווען די צייט, ווען דער בליק אויף דער ליטעראַטור האָט זיך באַפרייט פון די אַמאָליקע אויפקלערערישע מעטאָדן, ווען צו אַ ליטעראַריש ווערק האָט מען זיך באַצויגן בלויז מיט פשוטער מבינות, און ווען מען איז אַרויף אויפן וועג פון אמתער שעפערישער קריטיק.

עס איז אויך געווען די צייט, ווען די יידישע ליטעראַטור האָט זיך שוין געהאַט איינגעוואָרצלט דורך די דריי גרויסע „פאַטערס״ אונדזערע און זיך אויך פרעכטיק פאַנאַנדערגעבליט דורך די ניי־צוגעקומענע שרייבער — שלום אַש, אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, דוד בערגעלסאָן און אַ גאַנצע פלעיאַדע אַנדערע, וואָס האָבן מיט זייער קומען אַ שטאַרקן שטויס געטאָן

---

*) „נאָענטע און אייגענע״ — פון יעקב דינעזאָן ביז הירש גליק, איקוף־פאַרלאַג, 1957, 384 ז״ז.

די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג פון ל. באַנוקאָוו איז געשריבן געוואָרן דורך אים אויפן קראַנקן בעט, עטלעכע וואָכן פאַר זיין פריצייטיקן טויט. די אָפּהאַנדלונג ווערט געדרוקט פון מאַנוסקריפּט.

די אַנטוויקלונג פון אונדזער שעפערישן וואָרט. און נחמן מייזיל, אַליין אַ יונגערמאַן און אַן אימפּעטדיקער, האָט געגומען שטעלן וואָגיקע טריט ניט נאָר אויפן געביט פון יידישער קריטיק, נאָר אויך ווי אַן אומדערמיד־לעכער טוער פאַר דעם אויפבוי און אַנטוויקלונג פון אונדזער ליטעראַטור־בנין. אַ חוץ אַ קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער, איז ער באַלד גע־וואָרן אַ רעדאַקטאָר, אַ ביכער־אַרויסגעבער, אַ זאַמלער, אַן אַרבעטער אויף פאַרשיידענע געביטן פון אונדזער קולטור, אַ פּובליציסט און לסוף — אויך אַן אַנטאָלאָגיסט...

.2

ווען מ׳גיט אַ טראַכט, ווי ווייניק קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער עס זיינען ביי אונדז פאַרבליבן, איז באמת אַ טרייסט צו עפענען און צו בלעטערן נ. מייזילס ביכער אויף דעם געביט פון ליטעראַטור־פאָרשונג, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, און אודאי — זיין ניי בוך „נאָענטע און אייגענע". דער לעבעדיקער שרייבער פילט זיך ניט אַזוי פאַריתומט, ווייל די וואָס זיינען אַוועק פון אונדז, זיינען ניט פאַרגעסן. נ. מייזיל ברענגט זיי ווידעראַמאָל אַרויס ווי לעבעדיק־שעפערישע געשטאַלטן פאַרן לייענער און ער וועקט ביי דעם לייענער אַ באַנייטן אינטערעס און באַגייסטערונג פאַר די שרייבער.

נחמן מייזיל האָט אַ דורכאויס פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער יידישער ליטעראַטור. אירע שעפער זיינען אים טייער, נאָענט און אייגן. די מערסטע שרייבער און דיכטער פון זיין דור — און זיי זיינען גרויס אין צאָל און וויכטיק אין זייערע שעפערישע דערגרייכונגען, — האָבן געווירקט פאַר זיינע אויגן. ער האָט נאָכגעפאָלגט זייערע ערשטע טריט און נאָכדעם — זייער גאַנג, — יעדערן אויף זיין באַזונדערן וועג אויפן דרך המלך אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט די מערסטע געקענט פּערזענלעך, רעדאַק־טירט און געדרוקט זייערע ווערק, געשטאַנען אין דער נאָענטסטער באַרי־רונג מיט זייער שאַפן, פריער אין קיעוו, ווי דער אָנפירער אין „קולטור־ליגע"־פאַרלאַג, דערנאָך אין וואַרשע ווי דער לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פונעם ב. קלעצקין־פאַרלאַג און ווי דער רעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע בלעטער" און שפּעטער — ווי דער רעדאַקטאָר פון דעם „איקוף"־זשורנאַל „יידישע קולטור" און פונעם „איקוף"־פאַרלאַג. און ניט נאָר ווי אַ רע־דאַקטאָר, קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער, נאָר אויך ווי אַ קולטור־טוער, וואָס האָט געהאָלפן בויען אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן דינען ווי טעמפּלען פאַר דער אויפהיטונג פון שאַפונגען אויף אַלע געביטן פון דער יידישער קולטור. ער פירט אַרויס דורות שאַפער אין די פאַרשיידענע תקופות, ער האָט זייער טרעפלעך אויפגעכאַפּט און כאַראַקטעריזירט די וויכטיקע פּראָצעסן, וואָס יעדערער פון די שרייבער האָט דורכגעמאַכט, און

ער שטעלט אַוועק יעדן איינעם פון זיי אין דער ראַם פון זיין צייט און סביבה, ווייל, ווי ער באַמערקט אינעם פאָרוואָרט צו „נאָענטע און אייגענע“, „הגם דער אָדער אַנדערער שרייבער האָט וועגן דעם אפשר ווייניק אָדער גאָרניט געטראַכט, איז ער אין תוך דער פּירזאָגער פון זיין דור, דער פאַר־שטייער פון זיין אַרומיקער וועלט“. און ווייטער: „און אין סך־הכל קומט אויס, ווי איין שרייבער דערגאַנצט דעם צווייטן, כדי אַזוי־אַרום זאָל דאָס אַלגעמיינע בילד וועגן אונדזער לעבן און שטרעבן אַרויסקומען וואָס־פולער, וואָס־גאַנצער, וואָס־אַלזייטיקער“ (ז״ז 8־9).

3.

אחריות צו דער ליטעראַטור און צו אירע שעפער, דער שטענדיקער נאָענטער אינטערעס, די שטענדיקע זאָרג פאַרן יידישן וואָרט — דאָס אַלץ טרייבט נ. מייזילן צו טאָן טאָג־טעגלעכע קולטור־אַרבעטן און גלייכצייטיק האַלטן שטענדיק די ליטעראַטור און יעדן שרייבער באַזונדער אויפן אויג. אָט די אחריות און אָט דער אינטערעס וועקט און טרייבט אים צו פאַר־צייכענען אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער קולטור־שעפערישער וועלט, אויפ־וועגן און אָפּמעסטן אַלץ מיט דער מאָס פון איינעם, וואָס טוט אַן עבודת הקודש. דאָס אָפּהיטן, דאָס אָנזאַמלען, דאָס פאַרוואַלטן מיט דער ליטעראַ־טור־באַלעבאַטישקייט — דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון נ. מייזילס טאַלאַנט. און ער מאַכט ניט קיין „אָנשטעלן“, ער טראָגט ניט קיין מאַסקע פון אַן עקספּערט־גריבלער.

פאַראַן ביי אים דאָ און דאָרטן שטרענגקייט, נעגאַטיווע באַהאַנדלונג אין געוויסע פּרטים. אויב אָבער ער איז, למשל, שטרענג צו ז. סעגאַלאָוויטשן, געפינט ער אָבער אויך פאַר אים אי אַ פאַרענטפערונג, אי אפילו אַ פּאָזי־טיוון שטריך, און דערמיט — אַ זכות פאַר זיין שרייבערישן מהות. עס זאָגט נ. מייזיל: „ז. סעגאַלאָוויטש האָט אָפט געשפּילט אַ ,קידער־ווידער׳ מיט זיך אַליין, ווען ער האָט אַלץ געפּרוּווט פאַרמינערן די פליכטן, די אחריותן, די אויפגאַבן פון דעם שרייבער אין זיך. ער האָט אָפט פאַרזען דאָס גרויסע, וויכטיקע, וואָס ער גופא האָט געשעפּט פונעם לעבן, פון די פאָלקס־אוצרות, פון די אַרומיקע געשעעניש, און געפּרוּווט איינרעדן זיך און דעם לייענער, אַז דאָס אַלץ האָט צו אים קיין שייכות ניט“ (ז״ז 191־192).

אויב ער איז, למשל, שטרענג צו דוד פּינסקין און ער ברענגט אפילו אַ היפש ביסל ציטאַטן פון פאַרשיידענע קוואַלן „אונטערצושפּאַרן“ זיין טיילווייזן נעגאַטיוון צוגאַנג צום שאַפן פון אָט דעם שרייבער, גיט ער אָבער אויך אַ געלעגנהייט דעם שרייבער אַליין זיך צו פאַרטיידיקן. ער ברענגט ציטאַטן פון דוד פּינסקיס ענטפערס צו די קריטיקער און אויך געוויסע דערקלערונגען פאַר איינצלנע ווערק, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ

קאָנטראַוועסאַלע באַציאונג (זע די זייטן 100, 101 און 106). ער גיט פינסקין די פולע געלעגנהייט צו פאַרטיידיקן זיך סיי פון די קריטיקער, סיי פון זיין, מייזילס, אייגענער באַהאַנדלונג. עס שרייבט נ. מייזיל אין סוף פון זיין פינסקי־אָפּהאַנדלונג: „און פון דאַנען נעמט זיך אויך, וואָס ביי דוד פינסקיס שאַפן איז ניטאָ קיין דירעקטער המשך, קיין פאַלגלעכע פאַר־זעצונג פון איין ווערק צו דעם צווייטן... — — אַ שטענדיקער אָנלאָד פון איינדרוקן, פון איינפלוסן, פון סכעמעס און טעמעס, און דערביי — אַ כסדרדיקער אויסלאָד אין די פאַרשיידענע ווערק, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, אָפטמאָל מיט אַ שטאַרקן אימפעט און מיט אַ שטראָמיקער האַסטיקייט" (ז' 107).

4.

נחמן מייזיל האָט ניט אָנגענומען קיין איין באַשטימטן קריטישן מע־טאָד אין זיין עסיי, אין זיין שאַפן. איך וואָלט געזאָגט, אַז ער ווענדט אָן אַלע באַקאַנטע מעטאָדן, כדי אַלזייטיק צו אַנטפּלעקן דעם אינדיווידועלן כאַראַקטער, דעם מהות און דעם קינסטלערישן ווערט פון יעדן שרייבער, געבנדיק אין דער זעלביקער צייט אַן אַלזייטיקן אַנאַליז פון דער קינסטלערי־שער פּערזענלעכקייט. ער קאָן שרייבן וועגן נאָענטע און אייגענע אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אַביסל דערווייטערט, און ער קאָן זיי אָפּשאַצן פון אַ פּערספּעקטיוו. זיין ליבשאַפט איז — די יידישע שפּראַך, די פאָלקישקייט. ער איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער יידישער ליטעראַטור און מיטגעגאַנגען מיט איר אַנטוויקלונג צוזאַמען מיט פיל שרייבער, וואָס ער רעדט וועגן זיי. ער דערציילט וואָס־מער פּרטים, און אָפט אין קליינע ראַמען, כדי מען זאָל קאָנען דערזען דאָס גאַנצן בילד מיט אַלע נויטיקע דעטאַלן. אפילו ווען ער האָט בכיוון אויסגעמיטן דעטאַלן, דערזעט מען זיי אין אַ גוט געצייכנט בילד. פּרטים, אינפאָרמאַציע, באַקאַנטשאַפט וואַרפן אַ ליכט אויף דעם סאַמע תוכיקן.

נחמן מייזיל רעדט דירעקט, ער קומט צום אויסדרוק אינטים, פשוט, ווי איינער וואָס וויל דערציילן דאָס סאַמע תוכיקע, דאָס אינטערעסאַנטסטע, אָן דעם איבעריקן באַלאַסט פון סטיל־אָנגעצויגנקייט. דערביי ווייסט ער, אַז ער שרייבט ניט קיין מאָנאָגראַפיע, וואו דעטאַלן שפּילן אַ ראָלע. אָבער, ווי געזאָגט, ווייסט ער אויך, אַז געוויסן דעטאַלן זיינען צו־וויכטיק, מען זאָל זיי אויסלאָזן. און אַזוי אַרום באַקומט זיך סיי־ווי אַ גאַנץ בילד.

עס זיינען פאַראַן ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס אין זייער שאַפן לעבן זיי זיך אויס, ווי געוויסע דיכטער, בלויז אויפן אָלימפּ, אָדער אין אַ מין העלפאַנט־ביין טורעם, וואו זיי דינען זייערע אייגענע געטער. זיי קלייבן אויס פאַר זיך אָט די געטער און דינען זיי געטריי אַ גאַנץ לעבן, זיי פּוצן

זייערע געטער און בויען פאַר זיי טעמפּלען. נחמן מייזיל האָט דורך זיין גאַנץ שאַפן געלעבט „אויף דער ערד". ער האָט די געטער זיינע אַראָפּגעבראַכט פון די הויכע הימלען און זיי פאַרמענטשלעכט. ער האָט זיי געשענקט אַ סך ליבשאַפט, ער האָט זיי אַרומגערינגלט מיט גרויסער פאַרערונג, מיט גרויסער געטריישאַפט, מיט פאַרכטיקייט, אָבער ער האָט זיי דאָך געלאָזט לעבן ווי מענטשן צווישן מענטשן.

אַזאַ געטריישאַפט צום שרייבער־דיכטער האָט נאָך קיין איין קריטיקער ניט אַרויסגעוויזן. זעלטן־זעלטן כאַפּט זיך אַרויס ביי נ. מייזיל אַ „קריטיש" וואָרט. פאַר אַלץ האָט ער אַ פאַרענטפערונג, אַן איינשטעלעניש, אַ זכות. די שרייבער דינען ביי אים דעם מענטשן. דורך די שרייבער איז נ. מייזיל אַליין אַ דינער פונעם מענטשן. ער שרייבט ניט קיין פאַרנאַסישע אָפּהאַנדלונגען, ער פאַרשאַטנט ניט דעם שרייבער מיט מעטאַפיזיש־מיסטישע אייגנשאַפטן. ער אַנטפּלעקט אים פאַרן לייענער, ער לערנט דעם לייענער צו דערקענען דעם שרייבער, פאַרשטיין און באַנעמען, אין די סאַמע פשוטסטע באַגריפן, דעם ווערט פונעם שרייבער.

און אויב מ'האָט אַ שרייבער שלעכט אָפּגעשאַצט אָדער ניט דערשאַצט אָדער פאַרשפּרייט ווערגן אים אַ בלבול, אָדער אפילו ערגעץ־וואו, אויף אַ וועלכן עס איז אופן, געקריוודעט — קומט נ. מייזיל מיט זיין פאַרטיידיקונג. און טאָמער האָט ער ניט גענוג קיין אייגענע אַרגומענטן, ברענגט ער אַ שלל באַווייזן פון אַנדערע קוואַלן, פון אַנדערע קריטיקער פון אַ פאַרקערטער מיינונג. זע זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן יעקב דינעזאָן, מ. ספּעקטאָר, מ. וואַרשאַווסקי, דוד פּינסקי און אַנדערע.

בכלל איז נ. מייזיל ניט נאָר נאָענט, נאָר אינטים מיטן שרייבער. די מערסטע האָט ער דאָך געקענט פּערזענלעך, געלעבט און מיטגעשאַפן מיט זיי. און אויב ער האָט אַנדערע שרייבער ניט געקענט פּערזענלעך, איז זיין טאָן סיי־ווי אַן אינטימער, אַ נאָענטער. איז ניט קיין קאַלטער אָב־יעקטיווער פאַרשער, כאָטש ער גיט פיל אָביעקטיווע אינפאָרמאַציע אָנ־געלאָדן מיט אַ סך סוביעקטיווער באַציאונג און נאָענטער פאַראינטע־סירטקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ נאָענטן מענטשן, אַ קרוב, אין וועמעס גורל מ'איז בלוטיק פאַראינטערעסירט. ער ווייזט אַרויס אַן אומגעהויערן וויסן אין דער יידישער און אויך אין דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור, אַ וויסן, וואָס איבערראַשט אָפטמאָל מיט דער געוואַלדיקער פּינקטלעכקייט און מיט די פאַרשיידענע פּרטים. און דערביי אינטערעסירן אים די גייסטיקע און אידייאישע מאָמענטן, וואָס קאָנען וואַרפן וואָס־מער ליכט אויפן שרייבער און אויף דער סביבה און צייט, ווען ער האָט געשאַפן. ער איז דערצו אין זיין שרייבן אימפּעטדיק, באַגייסטערט...

5.

אין משך פון זיין פאַרשערישער אַרבעט פאַר דער יידישער ליטע־ראַטור, האָט זיך נחמן מייזיל אויסגעצייכנט מיט זיין פלייסיקער אַרבעט אַרויפצוהויבן די חשיבות פון דער ליטעראַטור און פון אירע שאַפער. מיט דעם איז מיטגעגאַנגען זיין ליבשאַפט צום יידישן וואָרט, זיין גלויבן אין דער אידייאישער גאַנצקייט, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט געטראָגן דורך אירע לעצטע שעפערישע דורות. — די אַלטע און די יונגע.

זיין פאָרשונג איז ניט קיין פועל יוצא פון טרוקענער אָביעקטיווקייט, פאַרקערט, ער איז אַליין וואַרעם־אימפעטדיק און שטאַרק פאַראינטערעסירט אין יעדן שרייבער און דיכטער. ער באַמיט זיך דעם און יענעם אַוועק־צושטעלן אין אַ ראַם פון זיין סוביעקטיווער באַציאונג און אָפּקלייב. און דאָס ווערט געטאָן ניט בלויז צוליב דער סוביעקטיווקייט אַליין, צוליב „נאָענטקייט" אָדער „אייגנקייט" פונעם שרייבער, נאָר גראָד אויף דער באַזע פון פאָרשערישער אַרבעט, אויפן גרונט פון ביאָגראַפיע, פון געזעלשאַפט־לעכער סביבה, פון געשיכטלעכע פאַקטן, דורך פריערדיקע אָפּשאַצונגען פון אַנדערע, און ערשט נאָכדעם דורך דעם אייגענעם צוגאַנג, דורך דער אייגענער אַלזייטיקער אָפּשאַצונג.

אַזאַ מעטאָד פון קריטישער באַהאַנדלונג פון אַ שרייבער און פון זיינע ווערק איז דער סאַמע ערלעכסטער און פאַרלאָזלעכער פאַרן לייענער. ווייל דער לייענער זעט פאַר זיך שטענדיק דעם אויפריכטיקן פרואוו אַריינ־צודרינגען אין דעם שרייבערס לעבן, אין דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט און געשאַפן, ווי אַנדערע האָבן אים געזען און אָפּגעשאַצט, ווי ער האָט געווירקט אויף אַנדערע און ווי אַנדערע האָבן געווירקט אויף אים. פאַר נ. מייזיל איז אַ ליטעראַרישע פערזענלעכקייט ניט נאָר אַ שאַפער פון ליטעראַטור־ווערטן, נאָר הויפּטזעכלעך — אַ מענטש וואָס ראַנגלט זיך מיט אַלערליי לעבנס־דערשיינונגען, ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין, מיט דער סביבה, מאַכט טעותים, לעבט דורך טראַגעדיעס און צוליב דעם אַלעמען פאַרלירט אַמאָל אַ ווערק די קינסטלערישע שלימות. און נ. מייזיל פּרובירט עס פאַרשטיין און צוליב דעם — אויך פאַרגעבן.

6.

נחמן מייזיל האָט ליב צו רעדן וועגן אַ שרייבער פשוט, און ער טרעט צו גלייך צום ענין. אָט דעם דירעקטן מעטאָד ווענדט אָן נ. מייזיל אַליין בעת ער זעצט זיך אַוועק שרייבן וועגן אַ שרייבער. קודם־כל טרעט ער צו מיט דער פולער געמיטלעכקייט, מיט אַ האַרץ, פול מיט ליבשאַפט, אָבער אין דער זעלביקער צייט — מיט דעם כוח פון פאַקטישן וויסן און מיט אידייאישער אָנגעלאָדנקייט, וואָס גיט מאָס און וואָג, און אַ באַזונדערן

שוואונג זײַן יעדן עסיי. ער האָט ניט קײן אײן־אײנציקן סוביעקטיוון שליסל צו עפענען די וועלט און אַנטפּלעקן די שרײַבערישע פּערזענלעכקײט, ווי עס טוען אַ סך קריטיקער. זײַן מעטאָד איז אויך אַ מער דירעקטער — ער געפינט פּאַר יעדן שרײַבער דעם ריכטיקן שליסל. ער דערזעט און דער־פילט דאָס עיקרדיקע, דאָס תוכיקע, דאָס אײגנאַרטיקע בײַ יעדן אײנעם. ער וועט ניט איבעררײַסן זײַן טעמע ביז אָט די אײגנשאַפטן זײַנען פולקאָם ניט אויסגעשעפּט געוואָרן. אַלץ וואָס איז זײַטיק, ניט וויכטיק, לאָזט ער אויס, ווײַל ער איז ניט אויסן צו שרײַבן „אַ באַזונדער בוך..."

ווער פון אונדז ווייסט ניט און פילט ניט די קעלט, וואָס האָט אַרומגע־נומען די יידישע סביבה צו אונדזערע שעפער און צו דער גאַנצער ליטע־ראַטור. עס הערשט צווישן אונדז אַזאַ קלימאַט, וואָס פאַרטעמפּט דעם אינ־טערעס, וואָס טויט־אָפּ בײַם שרײַבער דעם ווילן צו שרײַבן און אוודאי — בײַם לייענער דעם אינטערעס צו זײַן שרײַבער.

אָט גראָד אין אַזאַ צײַט קומט נחמן מייזיל און לאָזט אַרײַן אַ שטראָם ליכט און וואַרעמקייט מיט זײַן פאַנאַנדערוויקלען פאַר אונדזערע אויגן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די אָנגעזאַמלטע אוצרות פון אונדזער ליטעראַטור און ניט נאָר די ליטעראַטור, נאָר ער ברענגט אין דער לעבעדיקער געשטאַלט זייערע שעפער — ברענגט זיי אין זייער לעבן, אין זייער שאַפן, אין זייער ווירקן אויף דעם לעבן.

אין משך פון זײַן גאַנץ לעבן, שוין צענדליקער יאָרן, האָט ער פאַרבונדן אין אײן גאַנצן ניט נאָר די נאָענטע און אײגענע, נאָר אויך די ווייטע און דער־ווײַטערטע ווערן אונדז נאָענט דורך זײַנע אַרבעטן... ער איז דורך די יאָרן באמת געשטאַנען „צווישן חורבן און אויפבוי". ער האָט געזען דעם אויפשטײַג פון דער יידישער ליטעראַטור און ער האָט אויך געזען דעם גרויסן חורבן, וואָס האָט אָפּגעווישט פונעם לעבן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און אומגעבראַכט אַזויפיל שעפערישע כוחות.

דורך דער פּערזענלעכקייט פונעם דיכטער, דורך זײַנע אינדיווידועלע שטריכן, דורך זײַן סביבה און ביאָגראַפיע דעקט נחמן מייזיל אויף פאַר אונדז דעם קינסטלערישן פּנים פון דער אַרויסגעבראַכטער געשטאַלט.

„נאָענטע און אײגענע" איז אַ בוך, וואָס יעדער סאָרט לייענער וועט קאָנען לייענען, פאַרשטיין און פון אים הנאה האָבן. סײַ דער פאָלקס־מענטש, סײַ דער געבילדעטער און אינטעליגענטער לייענער. ס׳איז אַ בוך, וואָס מ׳דאַרף האָבן אין הויז, אויב דאָס הויז לעבט נאָך מיטן יידישן וואָרט, מיטן יידישן שאַפן, מיט דער יידישער קולטור.

1958

אַלעקסאַנדער גראַנאַך

דאָס אויטאָביאָגראַפישע ווערק פון דעם פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם יידישן שוישפילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, „אָט גייט אַ מענטש", איז אָן שום צווייפל איינס פון די אייגנאַרטיקסטע מעמואַרן־ביכער אין דער יידישער ליטעראַטור. אין אים זיינען, ווי אין אַ פּריזמע, קלאָר און קענטלעך קאָנצענטרירט אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אָט דער דינאַמישער פּערזענלעכקייט, זיינע גרויסע מעלות און היפשע חסרונות, אַלע זיינע פּערזענלעכע ראַנגלענישן מיט זיך אַליין און מיט דער סביבה, אין וועלכער עס איז אים באַשערט געווען צו לעבן, זיין גרויסע ליבשאַפט און זיין גרויסע שנאה, זיין אומבאַגרענעצטער שוואונג — ווי מ׳זאָגט אין ענגליש — „צו דערלאַנגען די שטערן". אַלץ ווערט אין אָט דער אויטאָביאָגראַפיע אַנטפּלעקט אין די פּשוטסטע ליטעראַריש־בעלעטריסטישע פאָרמען מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט, מיט אַזאַ נאַקעטער אמתדיקייט, אַז עס געווינט דעם לייענער און האַלט זיין געשפּאַנטקייט ביזן סאַמע לעצטן זייטל.

עס זיינען באַקאַנט עטלעכע פאָרמען פון אויטאָביאָגראַפישע ווערק. די מערסטע מעמואַריסטן דערציילן זייער לעבנס־געשיכטע אין דער ערשטער פּערזאָן — ווער מער סוביעקטיוו און ווער מער אָביעקטיוו, ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרצייכענען אַ לעבן פון אַ דריטער פּערזאָן, האַלטנדיק זיך אַזוי נאָענט צו פאַקטן, אויף וויפל עס איז בכלל מעגלעך, איינער מיט מער קינסטלערישן פּאַטאָס, אַן אַנדערער — מיט ווייניקער. עס זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאַרמאַסקירן זייער אויטאָביאָגראַפיע דורך אַ בעלעטריסטישער פאָרם, אָנרופנדיק זיך מיט אַ פיקטיוון נאָמען, און ניט נאָר זיך, נאָר אויך די נאָענטסטע פּערזאָנען, באַנוצנדיק דערביי אַלע קינסטלערישע פרייהייטן פון אַ סתם־קינסטלערישן ווערק. איןביידע פאַלן באַמיען זיך די מעמואַריסטן צו שילדערן זייער לעבן אַזוי, אַז ס׳זאָל זיך דורך זיי אַנטפּלעקן אין בוילעטער פאָרם ניט נאָר זייער אייגענע פּערזענלעכקייט, נאָר אויך די סביבה און די צייט, און די גאַנצע קולטור־שעפערישע אַטמאָספערע, אין וועלכער זיי איז אויסגעקומען צו לעבן. אין אַלע פאַלן ווערט באַצוועקט צו

אַלעקסאַנדער גראַנאַך — „אָט גייט אַ מענטש". איבערגעזעצט פונעם דייטשישן אָריגינאַל דורך יעקב מעסטל, מיט אַ נאָכוואָרט פון נחמן מייזיל (מיט בילדער). איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1948.

דערגרייכן אײן ציל — צו באַווייזן אויף וויפל אַ געוויסע סביבה, אָדער עפּאָכע, האָט געהאַט אַ השפּעה אויף דעם יחיד, אָדער אויף וויפל דער יחיד אַליין האָט אויסגעאיבט אַ געוויסע השפּעה אויף דער סביבה און צייט־אָפּ־שניט, אָדער אויף וויפל זיי ביידע האָבן קעגנזייטיק באַווירקט די אַרומיקע ווירקלעכקייט.

א. גראַנאַך האָט אָנגעשריבן זיין אויטאָביאָגראַפיע מיטן אייגנטלעכן ציל איבערצוגעבן די וויכטיקסטע עטאַפּן פון זיין לעבן. דאָס קאָן מען אַרויסזען פון דער פאָרם, אין וועלכער דאָס ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן. אָבער אין דעם בוך געפינט מען סיי־ווי־סיי די וויכטיקסטע עלעמענטן פון אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, אַריינגערעכנט אויך, אין אַ היפּשער מאָס, די בעלעטריסטישע, ריין־קינסטלערישע פאָרמען און עלעמענטן.

מיט דער געניטקייט פון אַ געשולטן בעלעטריסט הייבט ער אָן צו שיל־דערן די סביבה, אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, און אפילו וועגן זיין געבורט אין מזרח־גאַליציע, אין דאָרף וויערזשבאָווצע. ער דערציילט די געשיכטע פון זיין קומען אויף דער וועלט מיט די פּאַסירונגען אין יענער צייט, אין זיין היים, אין זיין הויז־געזינד, פאַר און נאָכן געבורט. די אַלע פאַרשוינען קומען ביי אים אַרויס לעבעדיק־גלויביק אין זייערע האַנדלונגען, אין זייער באַציאונג צו דער פּאַסירונג. מיט דערזעלביקער דערפאַרענער האַנט פון אַ בעלעטריסט מאָלט ער די אַרומיקע סביבה — די מזרח־גאַלי־ציישע נאַטור, די יידן און גויים און די נאָענטע מענטשן פון זיין הויז־געַ־זינד — דעם טאַטן, די מאַמען, די ברידער, זיין שוועסטער און אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן פון וואַנדערנדיקע יידן, וואָס יעדער פון זיי טראָגט אין זיך פאַרבאָרגענע גייסטיקע רייכקייטן.

„דער בעסטער ביאָגראַף וועט אונדז ניט געבן קיין מער אויספירלעכע און כאַראַקטעריסטישע סביבה־שילדערונג, ווי עס גיט אונדז א. גראַנאַכס אויטאָביאָגראַפיע אין ערשטן אָפּשניט פון זיין לעבן", — זאָגט אין זיין פאָרוואָרט יעקב מעסטל. — „יעדע ביאָגראַפישע דאַטע וואָלט דאָ אויסגעַ־קוקט נישטיק קעגן דער וואונדערלעכער באַשרייבונג פון זיין קינדהייט און זיין רייף־ווערן."

גרויס איז געווען די ליבשאַפט גראַנאַכס צו דער מזרח־גאַליצישער מאַמע־ערד, אויף וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן. אָט די ליבשאַפט האָט אים באַגלייט אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען איבער דער ברייטער וועלט. פון אומעטום קערט ער זיך אום צו איר אין מאָל און נאָך אַמאָל. ער באַ־שרייבט זי מיט פיל צערטלעכקייט און קינסטלערישער גבורה שוין אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון זיין בוך: „די ערד אין מזרח־גאַליציע איז שוואַרץ און זאַפטיק און קוקט שטענדיק אויס אַביסל שלעפעריק, ווי אַ גוטע, פעטע קו, וואָס שטייט רואיק און לאָזט זיך געמיטלעך מעלקן. די ערד איז דאַנק־באַר פאַר אַלץ, וואָס מ'לייגט אין איר אַריין, און גיט עס פילפאַכיק צוריק.

זי איז רייך און פאַרשווענדעריש. זי באַזיצט פעטן אויל און געלן טיטון, שווערע זאַנגען תבואה און אַלטע, פאַרחלומטע וועלדער, טייכן און אָזערעס, און איבערהויפּט שיינע, געזונטע מענטשן׳: אוקראַינער, פּאָליאַקן און יידן.״

די עלטערן זיינע, פשוטע דאָרפישע און פרומע יידן, מיט זייערע אַכט קינדער, האָבן געלעבט אין אָרימקייט. די אייביקע ראַנגלעניש מיט נויט, מיט דער גויאישער שכנהשאַפט, מיט אַ לעבן, וואָס האָט געבראַכט איין טראַגעדיע נאָך דער אַנדערער אין אַ פרעמדער, פיינטלעכער וועלט, צווינגט די פאַמיליע אַרויסצואוואַנדערן פון איין וואוינאָרט אין אַן אַנדערן אין גערעג נאָך חיונה. דער קליינער שייע (גראַנאַך), אָדער ״שאַיקע ממזר״, ווי מ׳האָט אים געגעבן אַ צונאָמען אין זיין היים, וואו אַלע קינדער האָבן געהאַט זייערע טשיקאַווע צונעמעניש׳ן, האָט מיט זיין שאַרפן אויג, שוין פון דער פריער קינדהייט, באַנומען דאָס טראַגישע לעבן פון זיין האָרע־פאַשנער מוטער, פון זיין פרומען פאָטער און פון די עלטערע ברידער, וואָס האָבן זיך געהאַדעוועט און געוואַקסן אויף גאַטס באַראַט, ווי פאַרוואָרלאָזטע ביימלעך אין פעלד, אָן בילדונג, אָן צוגרייטונג פאַרן לעבן, אָן האָפענונג, און צווישן זיי — ער אַליין, ״שאַיקע ממזר״, אַ הפקרדיקער ייגגל מיט אַן אומרואיקן טעמפּעראַמענט.

אָט איז די פאַמיליע שוין אין שטאָט. זי באַזעצט זיך אין האָראָדענקאָ. דאָ איז אויך ניט בעסער. און אָט וואָס פאַר אַ פאַראַלעל גראַנאַך פירט דורך צווישן דאָרף און שטאָט: ״אין דאָרף איז אויך געווען אָרים און רייך, אָבער, ס׳איז געקומען אַ האָגל, אַ טריקעניש, אָדער אַ מגפה אויף בהמות, האָט ער געטראָפן אַלעמען, אַלע באַגלייך. האָט מען זיך אַרויסגעהאָלפן איינער דעם אַנדערן, וואָרים דערויף איז מען דאָך שכנים״. אָבער אין שטאָט איז געווען אַנדערש: ״דאָ האָט מען געלעבט נישט פון דער ערד, נאָר פון מענטשן״. אין שטאָט איז אין דער שפּיץ געווען דער גוטבאַזיצער און דער יידישער באַנקיר. ״זיי האָבן זיך געהאַט זייערע פאַרוואַלטער און מעק־לערס, וועלכע האָבן געקאָנט פאַרטיילן גוטע שטעלעס צו אַנדערע. פון אָט די אַנדערע האָבן געלעבט נאָך אַנדערע, פון זיי ווידער — ווייניקער גליקלעכע, און ערשט אַרום זיי האָבן געפּאַדיעט די אָרימסטע פון די אָרימע״. און זיין משפחה איז געווען פון דער סאַמע לעצטער קאַטעגאָריע.

אָבער דערפאַר האָט דאָ דער קליינער שייע געטראָפן אַ סך אינטערע־סאַנטע פאַרשוינען צווישן קינדער און דערוואַקסענע, וואָס האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין זיין זכרון, כדי זיי זאָלן שפּעטער ווידעראַמאָל אויפלעבן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, געצייכנטע און געמאָלענע מיט זייערע סאַמע קענטיקסטע אייגנשאַפטן. צווישן אָט די מענטשן זיינען געווען גוטע און פאַרדאָרבענע. א. גראַנאַך מאָלט זיי ווי ער האָט זיי באַנומען אין דער קינדהייט: די גוטע סובלימירט ער ביז הייליקע, וועבט אַרום זיי לעגענ־דעס; די פאַרדאָרבענע מאָלט ער אין זייער פולער אָפּשיילעכקייט. צווישן

די הונדערט פֿאַרשוינען, וואָס ער ברענגט אַרויס, זיינען דאָ מאָדנע מענטשן, אומוויסנדיקע, אומשולדיקע און סתם אומגליקלעכע, אַ סך קראַנקע נשמות, צעבראָכענע לעבנס, פּערווערזע, אויסגעליידיקטע פֿון יעדן זין פֿון לעבן. אָט די אַלע קינדער און דערוואַקסענע האָבן, אַחוץ זייערע אייגענע נעמען, אויך געטראָגן אַלערליי טשיקאַווע צונעמענישן: „גאָט־צו־דאַנקען", „רחמנותל", „רויטער בורעק", „משה ברעכט מען שויבן", „דאָס פּעסל", „חזיר", „שמור־ליק דער קאַניוך", „דער דאַטש מיט די מיליאָנען", „דער שטשאַר", „יערוכעמניק", „חוה שד" און אַנדערע.

צוליב דער ביטערער אָרימקייט צעפֿאַלט די משפּחה. די עלטערע ברידער און די שוועסטער אַנטלויפֿן, גנבענען זיך אַרויס פֿון דער היים, „גייען אַוועק אין דער ברייטער וועלט"... זיי גייען אַוועק אַזוי, ווי זיי וואַלטן זיך געראַטעוועט. ער האָט זיי אַלעמען געזען אומרואיקע, מגושמ־דיקע פֿאַרשוינען, מיט אונטערדריקטע אינסטינקטן — אומוויסנדיקע און רויע, ווי די גאַליציאַנער ערד, — יעדער אויף זיין שטייגער האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ מיאוסע זאַך, אַוועק פֿון דער היים, פֿאַרשוואונדן ערגעץ צו זוכן גליק, ביז זיי פּלעגן זיך, העט שפּעטער, ווידער אויפֿזוכן ערגעץ אין אַ וויי־טער שטאָט. ער אַליין איז עטוואָס מזלדיקער פֿון זיינע ברידער. ער אַליין לערנט פֿריער אין אַ חדר מיט אַ גוטן מלמד און אַביסל שפּעטער — אין אַ „באַראָן הירש שולע", אָבער ער אַליין אַנטלויפֿט אויך פֿון דער היים קיין סטאַניסלאַוו, פֿאַדינגט זיך פֿאַר אַ בעקער־יונג, ליידט הונגער און נויט, לעבט אין אַ באָרדעל צווישן פּראָסטיטוטקעס, און ראַטעוועט זיך פֿון דאָרטן אַרויס מיט דער הילף פֿון איינעם פֿון זיינע באַליבטע ברידער, לייבטשען, אַ סאָלדאַט. עס ציט אים, ווי זיינע ברידער, „אין דער וועלט", און ער ווערט פֿאַרוואָגלט אין לעמבערג־לוואָוו, וואו ער ווערט ווידער אַ בעקער־אַרבעטער.

אין לעמבערג געשעט מיט אים „אַ גרויסער וואונדער", וואָס האָט אים געגעבן דעם ערשטן שטויס צו זיין שפּעטערדיקער קאַריערע פֿון אַ שוישפּי־לער. ער האָט צום ערשטן מאָל געזען טעאַטער, מ'האָט געשפּילט יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", און ווען די פֿאָרשטעלונג איז פֿאַרענ־דיקט, בלייבט ער אַ פֿאַרגאַפֿטער: „וואָס פֿאַר אַ וועלט! אין קוים דריי שעה — אַ גאַנץ לעבן!"

פֿון יענעם ערשטן אָוונט אין טעאַטער דערפֿילט א. גראַנאַך, אַז זיין אָרט אין לעבן איז אין דער „וואונדערלעכער וועלט". דאָרטן וועלן אויסגעע־בענקט ווערן זיינע בענקשאַפֿטן, פֿאַרענטפֿערט ווערן די פּראָבלעמען פֿון זיינע יונגע ראַנגלענישן מיט זיך און מיט דער וועלט. ער באַזוכט דעם טעאַטער, און מיט יעדן באַזוך ווערט ער אַריינגעצויגן מיט לייב און לעבן אין דעם גרויסן טרוים אַליין צו ווערן אַ שוישפּילער. זיין טרוים ווערט אָבער ערשט מקוים אין בערלין, וואוהין ער פֿאָרט אַוועק מיט זיינעם אַ פֿריינט זוכן גליק.

דאָ הייבן זיך אָן נייע ראַנגלענישן. ער דאַרף זוכן פּראָטעקציע, פאַר־בינדונגען. ער דאַרף לערנען די דייטשישע שפּראַך, טעאַטער־טעכניק, אַר־בעטן און שטודירן. זיין גרעסטער, זיין געוואַגטסטער דראַנג איז געווען צו דערגרייכן דעם ריינהאַרט־טעאַטער, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען באַרימט איף דער גאַנצער וועלט. אויך דאָס דערגרייכט ער דורך זיין גרויסן נייגיר, דורך זיין עקשנותדיקן דראַנג צו דערגרייכן דעם העכסטן שפּיץ פון דערפאָלג.

זיין נאָמען צעוואַקסט זיך זייער שנעל. אָנשטאָט שאַיע גראַנאַך ווערט זיין נייער נאָמען אַלעקסאַנדער גראַנאַך — געדרוקט מיט גרויסע אותיות אויף די אַפישן אין צענדליקער פּיעסן פון אַ רייכן אייראָפּייִשן רעפּער־טואַר. ער גייט איבער פון איין טעאַטראַלישן זשאַנר צו אַ צווייטן, פון איין כאַראַקטער־ראָל צו אַ צווייטער. אָבער זיין הויפּט־ליבשאַפט איז פאַרבליבן אין זיין האַרצן — די ליבשאַפט צו דער היימישער יידישער סביבה, צו דער „היימישער״ יידישער שפּראַך, מיט וועלכער ער האָט געמאַכט זיינע טריט אין לעבן אַריין אין מזרח־גאַליציע, צווישן די פּשוטע האָרעפּאַשנע יידן.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה ברעכט־אויס איז ער געצוואונגען אומ־צוקערן זיך אַהיים און אַריינטרעטן אין דער אַרמיי. ער ווערט געפאַנגען אין איטאַליע און לעבט דאָרטן ווי אַ קריגס־געפאַנגענער אַ יאָר און אַ האַלב. שפּעטער געלינגט אים צו אַנטלויפן, ווידער אַריין אין דער אייגענער אַרמיי, און ביים סוף פון דער מלחמה לאָזט ער זיך אַוועק צוריק קיין דייטשלאַנד, וואו ער ווערט אויפגענומען אין דער טעאַטער־וועלט. ער הויבט אָן אויפסניי זיין קאַריערע. ווידער שפּילט ער זיין „יידישסטע״ ראָל אויף דער דייטשישער בינע, „שיילאָק״. דערביי ווערט איבערגעריסן זיין אויטאָביאָגראַפיע. וועגן זיין ווייטערדיק לעבן דערוויסן מיר זיך שוין פון אַנדערע קוואַלן, וואָס ער האָט שוין ניט באַוויזן אַריינצושרייבן אין בוך „אָט גייט אַ מענטש״. וועגן זיינע ווייטערדיקע וואַנדערונגען, וואַנדלונגען און פאַרוואַנדלונגען דערוויסן מיר זיך פון די עטלעכע אַרטיקלען און רעדעס, וואָס זיינען צוגעגעבן צום בוך, און גאָר באַזונדערס — פון די צוויי וויכטיקע אַרבעטן: „אַלעקסאַנדער גראַנאַך״ — מענטש און קינסטלער״ פון יעקב מעסטל, און „אַלעקסאַנדער גראַנאַך — מענטש און קינסטלער״ פון נחמן מייזיל — צוויי אויספירלעכע אַרבעטן, געשריבן מיט אַ סך ליבשאַפט און אחריות פאַר דעם קינסטלער און מענטש א. גראַנאַך.

דאָס בוך „אָט גייט אַ מענטש״ איז אַן אינטערעסאַנט בוך פון אַ סך שטאַנדפּונקטן — פון קינסטלערישן, קולטורעל־נאַציאָנאַלן און ריין־ליטע־ראַרישן. אין אים איז פאַראַן אַ סך פונעם פאַרכאַפּנדיקן, שפּאַנענדיקן, איב־האַלטלעכן מאַטעריאַל, אַ רייצנדיקע ביאָגראַפיע פון אַן אינטערעסאַנטער פערזענלעכקייט. אין אים וועט דער קולטור־היסטאָריקער געפינען אַ סך מאַטעריאַל פאַר קולטור־פאָרשונג. דער ליטעראַטור־קריטיקער וועט אין אים געפינען נאָך אַ ווערק פון אַ באַדייטנדיקער שרייבערישער קוואַליטעט

— אַ קוואַליטעט, וואָס פאַרוואונדערט מיט אָפּטער בעלעטריסטישער גבורה.

אָן די צוויי אַרבעטן פון יעקב מעסטל און נחמן מייזיל וואָלט די גראַ־נאַכישע ביאָגראַפיע געווען ווייט ניט פאַרענדיקט. ערשט דורך זייערע באַמיאונגען אויפצוזוכן פיל צעוואָרפענע פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם קינסטלערס לעבן און שאַפן אין משך פון די ווייטערדיקע יאָרן, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט „אַהיים״, צו זיין יידישן לעבן, צום יידישן טעאַטער און צו די ברייטע יידישע מאַסן און זייער קולטור, — ערשט דורך זייערע אַרבעטן שטייט אויף פאַרן לייענער אין דעם פולן וואוקס די קינסטלערישע פערזענלעכקייט אַלעקסאַנדער גראַנאַך. אָט די צוויי וואַרעם־געשריבענע אַרבעטן פילן אויס אַ סך בלויזן אין דער אויטאָביאָגראַפיע און דערפירן זי ביז צו דער צייט פון זיין טויט. דאָס גיט צו דעם בוך אַ גאַנצקייט, און דער לייענער דאַרף זיין דערפאַר זייער דאַנקבאַר די צוויי מחברים.

מעסטלס איבערזעצונג איז ביז גאָר געראָטן. דעם לייענער פאַלט קיין איין מאָל ניט איין, אַז ער לייענט אַן איבערגעזעצט ווערק. ס׳איז דאָ מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט אָפּגעהיט דער יידישער אידיאָם. קיין איין ספּעציפיש־יידיש קנייטשעלע ווערט דאָ ניט פאַרגלעט. יעדע שורה אָטעמט מיט יידישן ניואַנס און קלאַנג.

1948

פ. בימקאָ

פ. בימקאָ איז אַ מאָדנער שרייבער. ער האָט געשריבן אַ סך. ער איז טעטיק ווי אַ שרייבער צענדליקער יאָרן. (דעביוטירט אין דעם „לאָדזשער טאָגעבלאַט" אין יאָר 1909). ער האָט שוין פאַרעפנטלעכט צען וואָגיקע בענד דראַמען, דערציילונגען און נאָוועלן, — פונדעסטוועגן האָט אונדזער קריטיק — די אָפיציעלע און די אומאָפיציעלע — אים נאָך ניט אויפגענומען, ווי עס באַדאַרף צו זיין און אוודאי — נאָך ניט אָפּגעשאַצט.

אפשר איז זיין ליטעראַרישער גאַנג געווען צו־ווינקלדיק, אָן דער זייט פון דעם שרייבערישן דרך־המלך? אפשר איז זיין קול ניט געווען גענוג הויך, מ'זאָל אים קלאָר אַרויסהערן פונעם כאָר פון דער יידישער ליטעראַטור? און אפשר איז אים כלל שווער אָפּצושאַצן צוליב זיין סוזשעטישער ענגקייט און צו־רייכער ווערטערדיקייט, וואָס פּאַסט זיך קיין מאָל ניט אַריין אין דער ראָם פון זיין טעמע און קריכט אַרויס און אַריבער אירע גרענעצן? און קריטיקער האָבן זיך גראָד ליב צו קלעפּן צו ווערק און צו שרייבער, ביי וועמען די פאָרם און דער אינהאַלט שאַפן אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט. ווייל עפּעס אַ מאָס מוז דאָך פאָרט דער קריטיקער האָבן פאַר זיך, מיט וואָס צו מעסטן און וועגן אַ ווערק. עס מוז דאָך זיין אַ קריטעריע, וואָס זאָל קאָנען, ווי אַ שליסל, עפענען פאַר אים דעם שרייבערס וועלט.

און פ. בימקאָ איז אַ „שווערער" שרייבער. לייענען בימקאָן איז ווי קלעטערן אויף בערג פון נאָך ניט־באַאַרבעטע, רויע שרייבערישע שטאָפן, געשטרויכלט ווערן איבער הרודעס ניט אויפגעקלערטע געדאַנקען, ניט געליי־טערטע אָנונגען. דערצו דאַרף מען זיך נאָך ראַנגלען מיט אַלערליי שפּראַך־קאַפּריזן, מיט אַ מאָדנער גראַמאַטיק און נאָך אַ מאָדנערן סינטאַקס, מיט אַ שלל פּראָווינציאַליזמען, וואָס רייסן זיך ביי אים אַריין אינעם ראַפינירטן יידישן אידיאָם און מיט אַ ליטעראַרישער שפּראַך, וועלכע ער לאָזט פאַרוואַקסן ווערן, ווי מיט אַ כיוון, מיט אַ מאָדנעם שפּראַך־געוויקס.

דאָ, אין אַמעריקע, איז פ. בימקאָ, אין אָנהויב, באַקאַנט געוואָרן מיט זיינע דראַמאַטישע ווערק, — באַזונדערס מיט זיינע דראַמעס „גנבים" און „דעמ־בעס", וואָס זיינען מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אינעם יידישן קונסט־טעאַטער. אָבער אין פּוילן, פון וואַנען ער איז אַהער געקומען, איז ער שוין געווען ברייט באַקאַנט, אויך ווי אַ דערציילער און נאָוועליסט פון אַ באַדייטנדיקער גרויס.

אידייאיש און קינסטלעריש איז פ. בימקאָ צו־אַלגעמיין, אַז מ׳זאָל אים קאָנען אַוועקשטעלן גאָר באַזונדער צווישן יידישע שרייבער. פונדעסטוועגן זיינען אין זיין שרייבן פאַראַן אַ סך עלעמענטן, וואָס שטעלן אים אַוועק צווישן אונדזערע גאָר־גאָר וויכטיקע שאַפער, און דאָס איז זיין ערנסט, מיט וועלכן ער טרעט־צו צו בויען זיין ווערק, די טיפע אויפריכטיקייט, וואָס רייסט זיך צום העכסטן תיקון פון קינסטלערישקייט, פון געפיל־אויסדרוק. זיין שפּראַך, וואָס איז מגושמדיק־פּראָזאאיש, געלינגט אים אָפּט צו דערהויבן ביז דעם טאָן פון נבואה און פּאָעזיע. עס גיט אַ קלונג אַ טאָן פון מערקווירדיקער ריינ־קייט און וויזיע, באַזונדערס דאָרטן, וואו ער ברענגט אַריין זיינע אָפּטע פּאַר־גלייכן, וואָס גרענעצן זיך מיט פּאָעטישן מעטאַפאָר. ווערטער, בילדער און סיטואַציעס ווערן פאַרוואַנדלט אין סימבאָלן. אַ פּאָעטישער הויך פּאַרציט דעמאָלט אַלע פּראָזאאיזמען, די אָפּטע אומגעלומפּערטקייטן, אומרעגלמעסי־קייטן פון זיין שווערן סטיל.

בימקאָ האָט אַ סך געלערנט ביי פּרצן, אָבער ער האָט פון אים קיין זאַך ניט אָפּגעלערנט. — ניט יענעמס רואיקן מעטאָד פון דערציילן און איבער־לעבן דאָס דערציילטע דורך אייגענער טיפער דערהויבנקייט. בימקאָ איז אַ סך אימפּעטיקער און געאיילטער און איז שטענדיק פּאַטאַל אין זיינע קלי־מאַקסן. דאָס איז אפשר דערפאַר, וואָס פּרץ האָט געגלויבט אינעם מענטשן, אים פאַרערט און דערהויבן ביז געטלעכקייט. בימקאָ, פאַרקערט, האָט ניט קיין גלויבן אינעם מענטשן און נאָך ווייניקער — אינעם כלל. און כאָטש בימקאָ האָט פון פּרצן איבערגענומען געוויסע אויסערלעכע פאָרמען, איז ער אין תוך געבליבן ווייט פון יענעמס גייסט. דאָ און דאָרט, דוכט זיך אָפּטמאָל אויס, איז ער אויך אונטערן איינפלוס פונעם אַשישן ראָמאַנטיזם, אָבער אויך דאָ איז ער אַן אַנדערער, אַ שרייבער פון אייגענע קאַפּריזן און פריייקייטן, וועלכע שטעלן אים אַוועק אינגאַנצן באַזונדער.

בימקאָן איז אויסגעקומען צו לעבן און שאַפן אין דער תקופה אין — און צווישן — די צוויי גרויסע מלחמות. ער איז, אינאיינעם מיט זיין פאָלק, גע־שטאַנען פאַר אויפרודערנדיקע נסיונות. שוין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען מענטשלעכע און געטלעכע געזעצן פאַר זיינע אויגן פאַרלעצט געוואָרן. אייביקע מידות זיינען געטראָטן געוואָרן מיט די פיס. דער מענטש האָט, צייטנווייז, פאַרלאָרן זיין מענטשלעכן פּרצוף. דער מענטש איז אַרויסגעע־שלאָגן געוואָרן פון זיין עקוויליבריאום און נאָך מער — דער קלאַס, צו וועלכן דער שרייבער האָט געהערט. ער איז אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז די טיפסטע טיפענישן. ניט גלויבנדיק אינעם מענטשן און ניט שטייענדיק אויף אַ וועלכן עס איז אידייאישן באָדן, האָט ער פאַר זיך געזען אַ הפקרדיקע מאַסע, צווישן וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט מגושמדיקע פּאַרשוינען, וואָס זיינען ניט מסוגל צו ברענגען די העלדישע טאַט, ווערן געטראָגן ווי פון אַ סטיכישן כוח צו רויער נאַקעטקייט פון זייער נאַטור. אַזוי אין זיינע מערסטע דראַמאַטישע

ווערק און אַזוי אויך אין זיינע גרעסערע ווערק וועגן מלחמה (אין די צוויי בענד אונטערן נאָמען „קעלץ"), און ניט ווייניקער אויך אין דעם גרויסן באַנד דערציילונגען פון דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן. דער הויפּט־העלד איז אומעטום די מאַסע, אָדער אַזעלכע יחידים, וואָס דריקן אויס דעם כאַראַקטער פון דער מאַסע. דאָס זיינען שטיקער צייט־אָפּשניטן מיט שטיקער סביבה־לעבן. אין באַוועגונג זיינען אַ סך זאַכן: מענטשן, געדאַנקען, קאָנפליקטן, אָבער פּאַסירן פּאַסירט קיין זאַך ניט. ס'איז עפּעס ווי אַ פּאַטאָלער פּראָצעס, אַן עפּידעמישע צעטומלעניש, וואָס רודערט אויף דאָס גאַנצע לעבן, טרייסלט אויף דעם באָדן אונטער די פיס פון דער מאַסע, אַן אַ וועלכער עס איז טיפער סיבה, אָן אַן אָפּשאַצונג פון אַ וועלכן עס איז שטאַנדפּונקט, אָן דער באַלייכטונג פון אַן אידייע, אָן אַ קריטישער פאַרשטענדעניש פון געשעענישן, היסטאָרישע, אָדער פּסיכאָלאָגישע. אַלץ איז אַוועקגעשטעלט אין ליכט פון הוילן פאַטאַליזם. אין אַלץ פילט זיך די טאָטאַלע רעזיגנאַציע, ווי צו אַ כוח, וואָס איז העכער פונעם לעבן, קעגן וועלכן ס'איז גאָרניט שייך צו קעמפן און באַקעמפן און וועלכן מ'דאַרף אָננעמען אָדער מיט אַ טראַגישער רעזיגנאַציע, אָדער מיט דעם ציניזם און חוזק פון אַ געפאַלענעם אין שטויב.

און דער שרייבער ראַטעוועט זיך און — צום טייל — זיין ווערק, דורך אַוועקשטעלן זיך אָן אַ זייט און מאָלן מיט אַ חוזק־שמייכל סיי דאָס טראַגישע, סיי דאָס קאָמישע פון דער מאַסע. דורך בייסיקן סאַרקאַזם ווערט געשילדערט דאָס גרויסע און דאָס קליינלעכע, ווי אין דעם אַליין וואָלט שוין אויך געווען אַ פּערזענלעכע באַפרידיקונג. די מלחמה־איבערלעבונגען זיינען דאָס טראַגישע אין זיין שאַפן. אָבער זיין באַנעמען די טראַגעדיע לאָזט זיך אויס נאָך פילאָזאָפירן און חקרנען זיך דורך פיל סאַרקאַזמען, אויף הונדערטער זייטן, מיט דעם ענדגילטיקן, ניט אַרויסגעזאָגטן אָפּן „הכל הבל" („ברייוולעך").

ניט אַנדערש איז ער אין זיינע דערציילונגען וועגן די אַמעריקאַנער יידן. אַמעריקע איז אים בכלל ניט געפעלן. נאָך ווייניקער — די אַמעריקאַנער יידן. דאָס זיינען צו־ערדישע מענטשן, און אפילו די ערד, אויף וועלכער זיי לעבן, איז אויך ניט קיין זיכערע היים. דער מענטש איז דאָ קליינלעך און נאַריש. די סביבה — אַ קאָרופּטירטע. ניטאָ פּאָר איר קיין הייליקייטן. דער „באָס" איז אַ קליינלעכער הערשער און נאָך קליינלעכער איז זיין שקלאַף, דער אַרבעטער. די מאַסע איז אַ מין סטאַדע שאָף, וואָס ווערט געטריבן פון דער בייטש פון מיזערנע נויטווענדיקייטן. אין דעם קאַמף פונעם אַרבעטער מיט די באַלעבאַטים איז נאָר דאָ איין אידעאַל — „דער שטיקל ברויט". פאַרשטאָפּט מען אים דאָס מויל מיטן ביסן — איז ניטאָ קיין קאַמף. דערפאַר גיסט ער אויס אויפן אַרבעטער זיין פולע מאָס סאַרקאַזם, שטעלט אים אַוועק אין גראָטעסקע סיטואַציעס, שאַרזשירט אים אויף אַלערליי אופנים, כדי ער זאָל אויסקוקן לעכערלעכער. דער אַרבעטער איז קאָמיש אין שאַפּ און נאָך קאָמישער ביי זיך אין דער היים. און וואָס

פאַר אַן אַרבעטער — אַזעלכע יוניאַנס. און וואָס פאַר אַ יוניאַנס — אַזעלכע פירער. אַזאַ חוזק נעמט אים אַרום, ווען ער באַטראַכט דעם יידישן אַרבעטער דאָ, אַז אפילו אָרימקייט רופט ביי אים ניט אַרויס קיין מיטגעפיל, אָדער רחמנות. דער אויבערטאָן איז אומעטום פּאַראַכטונג — אַמאָל אַן אָפענע און אַמאָל — אַ באַהאַלטענע. דער „גאַנצערער" מענטש איז ביי אים אַלע מאָל דער מגושמדיקער פּאַרשוין, דער נאַקעטער כאַראַקטער. באַזונדערס גראַטעסק שילדערט ער די יידישע „איסט-סאַיד". דאָ זיינען שוין בכלל אַלע זולל־וסובאניקעס, וואָס ליידן אויפן מאַגן, וואָס פרעסן זיך ממש איבער ביז אינעם טויט אַריין...

פונקט ווי ער האָט ניט באַנומען די מלחמה מיט אַ טיפערן באַוואוסט־זיין וועגן די כוחות, וואָס טרייבן די וועלט צו דער קאַטאַסטראָפע, און האָט נאָר אויף אַ קינסטלערישן אופן אָפּגעשילדערט די טראַגישע רעזולטאַטן אירע, וואָס זיינען גורם יסורים און טויט, פּונקט אַזוי זעט ער די אויסער־לעכע ראַנגלענישן פונעם יידישן מענטשן אויפן נייעם אַמעריקאַנער באָדן אָן טיפערן באַוואוסטזיין. אין דער מלחמה זעט ער דעם קליינעם און דעם גרויסן סוחר, וואָס האָבן פלוצלונג פאַרלאָרן זייער באָדן, דעם האַנדל־וואַנדל, און האָבן זיך פלוצלונג אויסגעגלייכט מיטן קבצן. אין אַמעריקע זעט ער דעם אַרבעטער און קליינעם ביזנעסמאַן, וואָס קלעטערן, קלעטערן און ווערן געשטרויכלט פון אַלערליי אומשטענדן און פאַלן אַרונטער, און אין דעם איז אויך ניט מער ווי אַ בלינדער פאַטאַליזם, וואָס קרוינט אַלץ מיט דער פילאָזאָפיע פון „הכל הבל."

העלדישקייט? קאַמף? העכערע טאַט? קאַמף פאַר אַ גערעכטער וועלט? דאָס האָט דעם מחבר זייער ווייניק פאַראינטערעסירט. אויב די זאַכן זיינען ערגעץ דאָך פאַראַן אינעם מענטשן אין דער מאַסע — רופט עס ביי בימקאָן אַרויס בלויז סקעפּטיציזם און ווערט אפילו אַ טעמע פאַר אַ שאַרזש.

גראָד אין זיינע קלענערע דערציילונגען גיט אַמאָל אַ לייכט אויף דאָס ליכט פון גלויבן אינעם מענטשן און די האָפענונג פאַר זיין לעבן אויף דער וועלט. עס זיינען ביי אים דאָ געציילטע יחידים, וואָס ראַטעווען זיך. אָבער אויך זייער רעטונג איז אַ פאַטאַלע. דאָס זיינען, געוויינלעך, מענטשן מיט אַסקעטישע נאַטורן, וואָס געפינען זייער גאָט דורך אַנטלויפן אין זיך אַליין, צו עפּעס אַ מיסטישער וועלט, וואָס ווערט דער הויפּט־דראַנג פון זייער גאַנ־צער עקזיסטענץ. אָט די מענטשן שוועבן ווי צווישן הימל און ערד. זיי האַלט אויף עפּעס אַ כוח אַן „אור־אור ווייטער, קדמונימדיקער, פון פאַר דער וועלט־באַשאַפענער און אַריבער דער וועלט פאַרגייענדיקער..." אַ וועלט פון „אַזאַ הויכער מנוחה, וואו ס׳זיינען בכלל קיין יסורים ניטאָ..." אין אָט די קלענערע אַרבעטן איז ער דינער, קינסטלעריש־ראַפינירטער, ווי ער וואָלט געשריבן אַ פרומע פּאָעמע. פּונקט ווי ער איז אין זיינע גרעסערע אַרבעטן אַן עקסטראַ־ווערט, וואָס באַקוקט די אַרומיקע וועלט און ווערט פאַרכאַפּט אין די נעצן

פון אירע איינפלוסן, אַזוי איז ער אין די קלענערע דערציילונגען, פאַרקערט, אָן אינטראָווערט, וואָס וויל אַנטלויפן אין זיך אַליין, ראַטעווען זיך אין דער „מנוחה" פון דער אייגענער נשמה. אָט די אַמביוואַלענטקייט קען זיך, פאַר־שטייט זיך, ניט איינלעבן אין אים, און דערפאַר איז דאָ אַזאַ סתירהדיקייט אין זיין שאַפן. דאָס דרויסנדיקע דאָמינירט אַלע מאָל.

אַ סך גאַנצער איז בימקאָ, אין זיינע דראַמעס. אין זיי איז ער קאָנצענ־טרירטער, קלאָרער און קינסטלעריש־באַוואוסטזיניקער. וויניקער אויפגע־רודערטע געדאַנקלעכקייט און מער אַקציע. זיינען אַנדערע גרעסערע אַרבעטן זיינען ווי אַן אַנזאַמל פון רויע מאַטעריאַלן, וואָס דאַרפן ערשט גערייניקט ווערן פאַר קינסטלערישער און דראַמאַטישער לייטערונג. דאָ פאַרפירט אים אַ געדאַנק אָן אַ זייט און דאָרט, וואו די סיטואַציע ווערט דערפירט צו אַ גע־וויסן קלימאַקס, צו אַ שאַרפקייט פון קאָנטורן, קומט אַ שלל פון גרויסער ווערטערדיקייט און פאַררעטושירט און פאַרווישט די ווינקלדיקע קאָנפליקטן. פון דעם קומט שוין במילא אויס, ווי ער וואָלט ניט געשילדערט סיטואַציעס, נאָר געטראַכט וועגן זיי אין אַ צושטאַנד פון אַ טראַנס. זיינען דערפאַר טאַקע די געדאַנקען אי אָפּגעריסענע, אי צוזאַמענגעפּרעסטע. אָט, דוכט זיך, גע־לינגט אים זיי צו פאַרבינדן און אָט— רייסן זיי זיך ווידער איבער און ווערן פאַרלאָרן. און ס'איז אָפּט שווער צו רעסטאַווּרירן אַ בילד, פאַרבינדן אַ סיפור־המעשה, אפילו באַלד נאָכן לייענען.

זיין זשאַנער איז אַ געמיש פון חסידיש־משכילישן כאַראַקטער, פון די צוויי ריכטונגען, וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון אונדזער קינסטלערישן שאַפן נאָך אין פאַריקן יאָרהונדערט. סימבאָליק ווערט צונויפגעוועבט מיט שטרענגן רעאַליזם און אפילו מיט נאַטוראַליזם. דער מוסר־השכל רייסט זיך צום פאָדערגרונט דורכן קלוגן יידישן אידיאָם, דורך אַ חריפות, וואָס דער־מאָנט אָפּט מענדעלעס מעטאָד פון „רעדן" און „באַרעדן" און „פאַררעדן זיך" ביז אַ „ניט דאָס בין איך אויסן...." („קעלץ־בריוועלעך"). אָט די גרויסע באַרעדעוודיקייט איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון זיין גאַנצן סטיל, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט לאַנגע, פאַרפלאָנטערטע זאַצן און פאַרפלייצט מיט אומנויטיקע, אינגאַנצן איבעריקע פונקטואַציעס. אַ סינטאַקס, וואָס פאַר־שלינגט אַ וועלט מיט פּינטעלעך, קאָמאָס, שטריכעלעך און בינדשטריכעלעך און קאַלאָנס און האַלב־קאַלאָנס, וואָס צעטיילן דעם זאַץ אויף טיילן און טייל־כעלעך און פאַרגעסן זיך צו פאַרבינדן אין איין קלאָר־אויסגעדריקטן גע־דאַנק. אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן:

„די מלחמה האָט אין זיך עפּעס אַזוינס, כ'ווייס נישט: ווי אַזוי כ'זאָל דיר דאָס אָפּשטעלן, — ס'זאָל זיך דיר לייגן אויפן שכל; ווייסט וואָס אַ סאַלאַמאַנדרע איז? אין אַ הוטע, וואו מ'בלאָזט־אויס גלאָז פון קרייטעכער מיט גלאָז, זיבן יאָר נאָכאַנאַנד, — שפּאַצירט זיך אַרויס פון אויוון אַזאַ מין באַ־שעפעניש, וואָס האָט אויגן פון פייער, פיס פון פייער, אַ לייב און לעבן פון

פייער, און, דער עיקר: ס׳אָטעמט מיט פייער; וואו עס גייט, טרעט, — צינדט עס אָן אַ פייער, און מען קאָן עס ניט לעשן, נאָר מיט פייער!״

„און דו קומסט מיר נישט אַנדערש אַפיר: ווי מיט יענעם, וואָס מ׳האָט אים געגעבן צו לייענען אַ בוך; ער האָט געלייענט און געלייענט, געשלונגען די בלעטער, און צום סוף, פרעג אים בחרם, — ער ווייסט נישט פון זיינע הענט און פיס צו זאָגן; האָט מען אים אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, — אַז דו ווייסט נישט, איז בחינם דיר דאָס צו פאַרטייטשן; לייג אַוועק דעם בוך און זאָג: ער איז ניט פאַר דיר געמאַכט געוואָרן.״

אָט איז פון דעם אַריינפיר צו אַ בוך:

„די אַלע זאַכן, וועלכע קומען דאָ אַריין, אין די צוויי ביכער, זיינען געשריבן געוואָרן אין יענע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און וועגן דער מלחמה; עס ברויך אין זיי זיין דער יוגנטלעכער ברען און קוק אויף אַלעס, — אין ליכט פון יענער צייט; דעריבער וועט דאָס איצט אויסקומען, — ווי כ׳זאָל זאָגן גוטס אויף די דייטשישע תליינים, וואָס האָבן אָן רחמנות פאַרשניטן דאָס יידישע לעבן; און לאָזן פאַלן אַ שלעכט וואָרט אויף יידן, וואָס האָבן זיך אויך דערנצמאָל גענוג געראַנגלט מיטן מלאך־המות.״

דאָס זיינען איינצלנע זאַצן, וואָס אילוסטרירן דעם סטיל און סינטאַקס פונעם שרייבער, וואָס איז אימפעטיק־קאַפריזנע און ניט געלייטערט, ווי עס איז ווייניק געלייטערט דער ווערטפולער מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין זיינע צען בענד.

עס איז שווער צו געבן אַ פולע אָפשאַצונג וועגן אַ שרייבער און זיינע ווערק אין אַ קורצער אָפהאַנדלונג. נאָך שווערער אָפצושאַצן אַזאַ שרייבער, ווי פ. בימקאָ, וואָס פאַרמאָגט אַלע אַטריבוטן פון אַ מענטשן מיט אַ סך טאַלאַנט, וואָס האָט אָבער ווייניק געאַרבעט איבער זיך, געלאָזט זיך פירן פון זיין אימפעטיקן געמיט אָן דער מינדסטער זאָרג פאַר קינסטלערישער פאָרם, וואָס האָט אפילו דורך זיין גאַנצער קאַריערע ניט געקעמפט פאַר אַן אייגענעם אָרט אין דער ליטעראַטור און איז געבליבן ווילנדיק אָפגעזונדערט, און הערט ניט אויף צו גיין זיין אייגענעם וועג, אָן דער זייט פון דרך־המלך פון דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער אומקערן זיך צו אים נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל וועט מען מוזן.

1950

אַ סימפּאָניע פון בלוט

אהרן קורץ געהערט צו די סאַמע באַוואוסטזיניקע שעפער אין דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. ער איז באַוואוסט־זיניק אין זיין דיכטערישן מעטאָד, אין זיינע באַזונדערע דיכטערישע צילן, ווי ער איז באַוואוסטזיניק אין זיין אידעאָלאָגישן איינשטעל. לייענסט קורצן, בוך נאָך בוך, און דו האָסט דעם איינדרוק, ווי דער דיכטער וואָלט שטיין אין סאַמע צענטער פונעם לעבן מיטן אויג אויף די געשעענישן פון דער צייט, מיט האַרץ און באַוואוסטזיין אויף דער אַרענע פון מענטשלעכן קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר יושר און פאַר גערעכטיקייט. ער שטייט אין צענטער פון די געשעענישן און האַלט וואַך, אויף דער זייט פון דער אונטערדריקטער, גע־פּייניקטער מענטשהייט און, וואַכנדיק, לאָזט ער ניט דורך קיין איין פּאַסי־רונג פון וויכטיקער באַדייטונג, פון סאָציאַלן, פון געזעלשאַפטלעך־פּאָלי־טישן כאַראַקטער אָן זיין דירעקטן דיכטערישן אָפּרוף. ווי אַ דעליקאַטער סייסמאָגראַף פאַרצייכנט ער יעדע אויפטרייסלונג, פאַרצייכנט און באַשטימט דעם כוח, די באַדייטונג און די ווירקונג פון יעדער געשעעניש אינעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. אויף אַלץ רעאַגירט זיין פען מיט דעם זעלביקן אימפּעט, מיט דעם זעלביקן ברען, מיט דער זעלביקער אידעאָלאָ־גישער גאַנצקייט און באַוואוסטזיין.

לייענסט זיינע לידער, גייסט איבער פון בוך צו בוך, און וואונדערסט זיך: וויפל גלויבן, וויפל דיכטערישע ענערגיע דער דיכטער דאַרף פאַר־מאָגן, כדי צו געפינען אין זיך דעם פולן אָפּקלאַנג, דעם לעבעדיקן אָפּרוף אויף אַלץ, וואָס באַוועגט, וואָס רודערט אויף, וואָס שווינגט אויף אונדזער לעבן אויף זיין וועג צו דער פולער באַפרייאונג! פאַר די אויגן שטייט אויף, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע פון געשעענישן, געגעבן אינעם ליכט פון אַ פּראָלעטאַרישער וועלט־אַנשויאונג. דאָס לעבן פון דער גאַנצער וועלט גייט דורך, ווי אין אַ פייערדיקן קאַליידאָסקאָפּ אין די סאַמע וויכטיקסטע מאָמענטן פון מענטשלעכן אויפברויז, פון מענטשלעכן קאַמף און געראַנגל.

און דערפאַר איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אהרן קורץ האָט זיך אַזוי

אהרן קורץ — „נאָ פּאַסאַראַן", לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס פון שפּאַנישן פאָלק און זיין קאַמף קעגן פאַשיזם — קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־פאַרלאַג פון א. אַ. אָ., ניו־יאָרק, 1938.

בריט פאַרנומען אין זיין אָפּרוף אויף די שפּאַנישע געשעענישן. שפּאַניע איז געוואָרן די טעמע פון אַ גאַנצן בוך לידער, געווידמעט דעם הערויִשן קאַמף פון דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע קעגן דעם מאָנסטערישן אָנפאַל פון פאַשיזם. דאָ האָט דער דיכטער געפונען אַ קוואַל פון דער סאַמע לעבעדיקסטער קינסטלערישער באַגייסטערונג. דאָ האָט ער געפונען די ראָמאַנטישע פיגורן פון דער גרויסער העלדישקייט אויף דעם אייגנאַרטיקן, מאָלעריש־רייכן שפּאַנישן פּייזאַזש. דאָ האָט ער דערהערט דעם באַזונדערן קלאַנג און דעם אייגנאַרטיקן ניואַנס פון דער שפּאַנישער ליריק, און האָט זיך אויף דעם אַלעם אָפּגערופן מיטן גאַנצן פייער פון זיין דיכטערישן טעמפּעראַמענט.

אין דעם בוך „נאָ פּאַסאַראַן" איז דעם דיכטער געלונגען צוזאַמענצוגיסן די שווערקייט פון דער צייט, די ברוטאַלעווירקלעכקייט פון דעם שפּאַנישן קריג מיט דער ווייכקייט פון דער שפּאַנישער נאַטור, מיט דער רואיקער שיינקייט, מיט דער געמיטלעכקייט פון די שפּאַנישע פעלדער און פּרוכט־גערטנער, מיט דער הערלעכער שפּילעוודיקייט פון זון אויף די שטילע וואַסערן אַרום די מאָלערישע ברעגן פונעם איבערישן האַלב־אינדזל. די טראַגיק פון בלוטיקע מלחמה־טעג ווערט באַגלייט מיט אַ ליכטיקן גלויבן אין זיג, מיט בילדער פון האָפענונג, מיט ליבע און אָפּערווילקייט פאַרן שפּאַנישן מענטשן און פאַר דער שפּאַנישער ערד.

אָט אַזוי הויבט דער דיכטער אָן די אידיליע פונעם שטעטל סאַנטאַ יולאַליאַ:

„די זון האָט זיך געוויגט
אויף ווייסע זעגלען
פון טויזנט קליינע פישער־שיפלעך.
געשפּיגלט זיך אין בלאָע וואַסערן
פון מיטללענדישן, —
אַ מוזיקל אין דער משפּחה אינדזלען באַלעאַרישע,
וואו פישער טראָגן אום אין בוזעם די לבנה,
טעפּער פלאַנצן בלומען און פּרעגן רעטענישן,
מיידלעך פלעכטן נעצן
און פלעכטן זינגענדיק אַ טרוים אַריין.
קינדער זעען יענע, יענע
יענע ווייטע זייט,
פון ווייטע, ווייטע ימיק־הימלדיקע ווייטן,
וואו טרוימען רייטן אויף די שטראַלן פון דער זון
און אַלע, אַלע
לעבן אויף ברויט מיט פיש און טרוים מיט ליד."

די שיינקייט פון דער נאַטור איז אייביק. ווי אייביק עס איז די באַ־לעבנדיקע ווירקונג פון דער זון אויף אונדזער פּלאַנעט. אָבער אין דער צייט פון קריג באַקומט די ערד און די זון גאָר אַן אַנדער פּנים. אינאיינעם מיטן לעבן קריגן זיי אַן אַנדער זין און ברענגען מיט זיך אַ נייעם אינהאַלט. און דער דיכטער, וואָס שטייט אויף דער ערד מיט זיינע פיס און מיטן פּנים צו דער וועלט, הייבט־אָן אינאיינעם מיט זיינע העלדן צו זען פאַר זיך נייע וויזיעס. אין קאָפּ קומען נייע אידייען־פאַרבינדונגען, נייע געדאַנקען־סיס־טעמען פלעכטן זיך איבער מיט נייע טרוימען. דאָס מאַלערישע אין די בילדער־פּיזאַזשן ווערט אָנגעטאָן אין נייע פאַרבן־קאָמבינאַציעס. די נאַטור אַליין קריגט־צו נייע סימבאָלן. עס אַנטשטייען נייע באַגריפן פון שיינקייט, פון יושר, פון טויט און פון לעבן. נייע באַגריפן פון קאַמף, פון מענטשלעכן פאַלן און פונעם מענטשלעכן שטייגן.

ווייל וואָס איז שיינקייט, אַז —

„דער הימל איז צעשפּאָלטן.
פון יעדן שפּאַלט זעצט אַ הייסער וואָלקן.
דורך יעדן וואָלקן פליען
טאָנען טויט.
דער טויט צייטיקט אויס דאָ יעדן טאָג
פרישע פעלדער — בית עלמינס,
וואָס וואַקסן אין דער זון, ווי פעלדער ברויט...״

און וואָס איז שיינקייט, אַז —

„קעגן אָפענעם טאָג, קעגן אָפענעם הימל —
דער הילפלאָזער העלד — די מאַמע — קאַרמענסיטאַ:
דער וועלטס אויפגעשניטן האַרץ, די טיפסטע וואונד פון טאָג —
ווי ס'זאָל די גליענדיקע זון דאָ ליגן אויסגעשניטן.״

און וואָס זיינען אַלע נאַטור־שיינקייטן, אַז —

„באַגינען. זומער־פעלדער זינגען
מיט וואָרעמהאַרציקייט פון סאַמע־ערד און ברויט.
אין יאָג באַהאַלטנדיק זיך צווישן פעלדער זאַנגען
אַנטלויפט אַן אַמבולאַנס פון טויט.
זינגען זאַנג־פעלדער זומערדיקס און זוניקס.
דעם טרייבערס ברוסט ברענט סמ'ענדיקער שרויט.
נאָר ס'מוז זיין אַמבולאַנס צום פעלד־שפּיטאָל קומען! —
און — שטאַרבנדיק — יאָגט ער אַריבער דעם טויט.״

אַזאַ ענדערונג איז פאָרגעקומען אין שפּאַניע, אַזאַ ענדערונג איז פאָר־געקומען אין דער וועלט צוליב שפּאַניע, אַזאַ וואונד איז צוליב איר נאָך אַמאָל אַנטפּלעקט געוואָרן און אַזאַ סכנה האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער גאַנצער וועלט, אַזאַ געפאַר האָט אַ לויער געטאָן איבער דער פלאַך פון דעם ערד־קיילעך, אַז דער דיכטער זעט באַשיינפּערלעך אין מיטן פון שטאָט ניו־יאָרק פאַר זיינע אויגן לעבעדיק דעם היינטצייטיקן שפּאַנישן פּייזאַזש:

„אין יאָרקוויל זע איך בורגאָס,
אין לאָנג־איילאַנד — סאַלאַמאַנקע.
אין שוי־פּענטער די זייד־זאַבן
פאַרוואַנדלען זיך אין בלוטיקע באַנדאַזשן.״

איינע פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אהרן קורצעס שאַפן איז די אוניווערסאַלקייט פון זיין טעמע. אָבער ניט ווייניקער כאַראַק־טעריסטיש איז אויך זיין ספּעציפיש־יידישער צוגאַנג צו די געשעענישן אויף דער וועלט, זיין באַזונדער יידישער באַנעם פון זאַכן, די פאָרם פון זיין ליד, וואָס איז אין איר אונטערטאָן — דורכאויס יידיש. דערפאַר האָט ער שטענדיק ליב צו ציען פּאַראַלעלן צווישן די טראַדיציאָנעל־יידישע סימ־באָלן און די סימבאָלן פון דער היינטצייטיקערווירקלעכקייט. און דערפאַר האָט ער אַזוי ליב צו באַנוצן זיך מיט דעם יידישן אידיאָם, מיטן יידישן ווערטל און מיט יידישן מאָטיוו. און אין זיין בוך „נאָ פּאַסאַראַן״ געפינט ער גאָר אַסך געלעגנהייטן צו געבן אויסדרוק די גאָר באַזונדערע יידישע סענטימענטן, וואָס גייען ביי אים צוזאַמען מיט דעם געשיכטלעכן גורל פונעם שפּאַנישן פאָלק, וואָס גייט דורך דורך יסורים פון קאַמף און אונ־טערדריקונג. דאָס גיט דעם דיכטער אַ מעגלעכקייט צו קומען מיט זיין ליד: „כל נדרי״ („פון כל נדרי ביז נאָ פּאַסאַראַן״) דאָס ליד פון אַלע אונטער־דריקטע, וואָס גיבן די אייביקע שבועה:

„. . . אַלע נדרים
און אַלע איסורים,
וואָס מיר האָבן גענומען אויף זיך — זיינען בטל.
מיר זיצן אויף אונדזערע קברים.
מירן אויסשטיין אַלע יסורים
און היטן יהוהס געבאָטן.״

דאָס גיט אים אויך די געלעגנהייט אַרויסצוברענגען אַ גאַנצע ריי יידישע קעמפער, וואָס אַחוץ זייער מענטשלעכן דראַנג צו קעמפן דעם גרויסן מענטשלעכן קאַמף, קומען זיי אויך אויסקעמפן זייער אייגענעם יידישן קאַמף פאַר באַפרייאונג אויף די שפּאַנישע פראָנטן. דאָס זיינען העלדן פון אַלע ווינקלען פון דער יידישער צעשפּרייטקייט, וואָס זיינען געקומען אַריינגיסן

זייער בלוט אין דעם בעכער פון שפּאַנישע ליידן. דאָ איז „דוד זאַרכי", דער קלויזניק, דער עקסטערן, דער חלוץ־ציוניסט און דאָ איז „הערי", וואָס האָט אין שפּאַניע דערזען „זיין אייגענעם גערּאַנגל" און דאָ איז „לייבל", וואָס שרייבט זיין פייערדיקן בריוו צו זיין געליבטער און דאָ איז „מאָוזי", וואָס האָט אויף שפּאַנישע פראָנטן געלערנט, אַז „עס קען זיך פאָרן טויט מיט שטאָלץ און אַז שיינקייט ווערט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן", און דאָ איז „באָדי", וואָס „זיין זיידע האָט אַמאָל מאַראַנען געדינט אויף פלאַנדער־ערד און איצט פאַרטיידיקט ער זיין שונא". און טאָני און „די ברידער שטיין — יתומים פון פּאָגראָמען"... און דאָ איז „דער בריגאַדיר שאַיע קינדמאַן", וואָס „מעסט דעם מענטשן מיט שפּאַנישע טראַגעדיעס" און נאָך און נאָך...

יידן אין שפּאַניע — דאָס איז דעם דיכטערס באַזונדער פרייד און שטאָלץ, דאָס זיינען די לעבעדיקע סימבאָלן פונעם גרויסן דראַנג נאָך באַ־פרייאונג, נאָך דערלייזונג, נאָך יושר, נאָכן אמת, וואָס לעבן אַלעמאָל אין די טיפענישן פון די פאָלקס־מאַסן און ווילן קיינמאָל ניט שטאַרבן. דערפאַר גיט ער זיי וואַרעמע אינטימקייט, די סימפּאַטיע פון אַ ברודער צו זיינע ברידער, וואָס גייען זיך מקריב זיין פאַר אַ גרויסן אידעאַל, פאַר זיין אידעאַל.

די יידן און ניט־יידן זיינען אין איין און דעמזעלביקן קאַמף — טיילט דער דיכטער זיי ניט פאַנאַנדער. פאַרקערט, ער בינדט זיי צונויף אינאיינעם מיט די שטאַרקסטע פעדים פון גרויסער פאַרברידערונג, אַ פאַרברידערונג פון בלוט, אין לעבן און אין טויט. דורך לעבן, וואָס גייט דורך אַלע סכנות און ווערט געלייטערט אין אַלע פייערן, און דורך טויט, וואָס ווערט דער־הויבן דורך יסורים צו אַ וועלט־באַפרייענדיקער אידייע. און דערפאַר גיסן זיך אַזוי אָפט צוזאַמען אַסך לידער וועגן לעבן און טויט אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט און שאַפן אַ סימפאָניע פון בלוט, פון גרויסער העראָאישער אי־בערלעבונג.

דערפאַר קען דער כירורג אַזוי אַלץ־ארומנעמענדיק זאָגן:

„אַ נאַכט
איז אַ וואַלד שלאָפלאָזיקייט.
נאָר ווען דו באַנדאַזשירסט אַ קאָפּ,
איז ווי דו וואָלסט מיטן באַנדאַזש די גאַנצע וועלט אַרומגענומען,
די ערד, די וועלט,
וואָס איז מיט לעצטן טויט און פרייהייט אויף דער צייט."

און דערפאַר קען אַ סאַניטאַר אַזוי באַוואוסטזיניק איבערן לעבן און טויט, זאָגן:

„כ'בין שטאַרקער פון געפאַר
און טויט
און צער:

איך טראָג מיט פרייד די ווירדע פון אַ סאַניטאַר, —
איך האָב די גרויסקייט פון דעם מענטשן
אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע אָפּגעמאָסטן."

אהרן קורץ האָט צוזאַמענגענומען די לעבעדיקע פאַקטן פון דער שפּאַנישער ווירקלעכקייט, מיט אירע אמתע, ניט אויסגעטראַכטע העלדן, די גאַנצע גאַלעריע פון מענטשן, וואָס פיגורירן מיט זייערע אייגענע נעמען און מיט זייער אייגן לעבן, און האָט זיי דערהויבן צו דער הויך פון העראָאישקייט, צו דער הויך פון אַ אידייע, וואָס שטייט העכער פון דער ווירקלעכקייט. ער האָט זיי געגעבן אין זייער העכערער אַנטפּלעקונג, אין זייער גרויסן פּאַטעטישן אויפשטייג אויף דער פּאַן פון דער געשיכטע.

די געשעענישן אין שפּאַניע זיינען אין זייער כאַראַקטער, אין זייער געשיכטלעכן פאַרנעם, נעענטער צו דער עפּיק פון דער עפּאָכע, אָבער עס איז אומגעהויער שווער צו געבן די עפּיק צוליב איר נאָענטקייט, וואָס שליסט אויס די מעגלעכקייט פון אָביעקטיווער און רואיקער באַמייסטערונג פונעם מאַטעריאַל. און דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין שפּאַניע שפּרודלט מיט דירעקטער איבערלעבונג, מיט הייסן, לעבעדיקן אָטעם פון דעם מאָמענט, מיט פרישקייט פון קאַמף, וועלכן דער דיכטער אַליין לעבט איבער טיף־סוביעקטיוו און אוממיטלבאַר אין דער פולער עקסטאַטישקייט פון זיין אויפגערודערטן געמיט. דעריבער איז נאַטירלעך, אַז עס זאָל ביי קורצן אַרויס אַ בוך פון ריינסטער ליריק, אין וועלכן דער דיכטער זאָל אויסדריקן ביזן סאַמע דינסטן ניואַנס זיין צער און זיין צאָרן אַזוי סוביעקטיוו, ווי זיין אייגן לעבן וואָלט זיך געוויגט אויף דער וואָגשאָל פון לעצטן געראַנגל.

און דעריבער איז טאַקע שווער צו זאָגן מבינות וועגן אַזאַ בוך, ווי עס איז אהרן קורצעס „נאָ פּאַסאַראַן", אָפּצוטיילן דאָס גוטע ליד באַזונדער און דאָס שלעכטע — באַזונדער, און אָנווייזן אויף חסרונות. עס זיינען אין בוך פאַראַן, צווישן אַ גרויסער צאָל זייער גראַטעוועדיקע לידער, אויך אַזעלכע לידער, וואָס זייערע מאָטיוון ווערן צו־אָפּט און צופיל איבערגעזונגען. עס זיינען דאָ לידער, וואָס קלינגען גאַנץ־אָפּט צו נאַאיוו אין זייער איבערגעטריבענער האָפערדיקייט, צו־רעזאָנירנדיק און צו־פּלאַקאַטיש. אַ סך בילדער אינעם בוך ווערן געמאָלן און איבערגעמאָלט צו־אָפּט אין איינע־און־דיזעלביקע טאָן־קאָלירן, ביז אַ געוויסער מטושטשקייט פון קאָלאָריט.

עס קען זיך אויך אויסדוכטן, אַז קורץ פּרובירט בכלל געבן אַביסל צו־פיל, פאַרכאַפּט צו־פיל טעריטאָריע פאַר איין בוך, וועלנדיק אויפגראָבן מיט איין מאָל דעם ריזיקן באַרג פון סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג דורכן מעדיאום פון ריינער ליריק. נאָך אַלעמען, איז דאָך די ליריק אין זיך אַליין באַגרענעצט. דערצו קען זי ניט פאַרטראָגן, ווען אַ דיכטער גייט איבער אירע גרענעצן, אָדער

ווען ער טראָגט אַריין פרעמדע פאָרמען און פרעמדע עלעמענטן פון אַרטיקולאַציע. אַ ליריש ליד, ווי נאָר עס שפּאַנט אַריבער די אינערלעכע מאָס, צעפּרייט זיך אין דער ברייט, אָדער אין דער לענג, פאַרלירט עס אין זיין הויפּט דימענסיע, — אין זיין טיף.

קורצעס בוך פאָדערט אָבער צו זיך גאָר אַ באַזונדער צוגאַנג. עס מוז גענומען און באַנומען ווערן אין זיין סימפאָנישער גאַנצקייט און יעדעס ליד מוז באַטראַכט ווערן, ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון אַ סימפאָניע. דעריבער זיינען די ווידערהאָלונגען און די איבערחזרונגען אין בוך, גאַנץ אָפט, ווי סימפאָנישע וואַריאַציעס פון איין־און־דעמזעלביקן לייט־מאָטיוו, וואָס פאַרבינדט באַזונדערע טיילן, טעמפּאָס, ניואַנסירונגען און שאַפט דעם פולן סינטעז.

און נעמענדיק דאָס בוך אין אָט דער גאַנצקייט קען מען זאָגן, אַז דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז צוגעקומען אַ ניי, אינטערעסאַנט און וויכטיק ווערק און דעם דיכטער — אַ נייע דערגרייכונג.

1939

אהרן קורץ און מאַרק שאַגאַל

דער באַרימטער יידישער מאָלער מאַרק שאַגאַל האָט אויף דער קאַנווע פון יידישן פאָלקס־קאָלאָריט אויסגעמאָלן אַ וואונדערלעכע מעשה.

ער האָט גענומען זיין יידישע שטאָט וויטעבסט מיט אירע אָרימע געצעלטן, מיט דער מאַטעריעלער ענגשאַפט פון איר סביבה און האָט מיטן כוח פון זיין אינטואיציע אַנטפּלעקט אין איר גרויסע גייסטיקע רייכקייטן און אַ רחבות, וואָס שפּרייט זיך איבערן גאַנצן יידישלאַנד, פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן. ער האָט גענומען דעם פּשוטן פאָלקס־און דאָרפס־מענטשן, מיטן אָנגעזאַמלטן אוצר פון זיין פאָלקס־קולטור, מיט זיין וואָרט און ווערטל, מיט זיין ליד און גאָט־געבעט, מיט זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער, און האָט מיט כישוף פון פאַרב און ליניע באַקרוינט אים מיט געטלעכער סימבאָליק. און ניט נאָר דער מענטש אַליין, נאָר אויך זיינע בעלי־חיים, און אפילו די אַטריבוטן פון דער טויטער וועלט האָט ער באַלעבט און פאַרוואַנדלט אין סימבאָלן פון דער שאַגאַלישער וואונדער־מעשה.

איז איצט געקומען דער דיכטער אהרן קורץ און דערציילט אונדז אין וואונדערלעכע פערזן אַ מעשה וועגן אָט דעם מעשה דערציילער מאַרק שאַגאַל, „וועגן דעם יידישן וויטעבסקער מלך און זיין כלה", און זיין גאַנצן יידישן קעניגרייך:

„. . . אַ מעשה,
אַ מעשה אין אַ מעשה פון
אַ מעשה,
די מעשה פון
דער וועלט מיט אונדזער טרויער,
די מעשה פון
דער וועלט מיט אונדזער דויער,
פון אַ פאָלק,
וואָס קען זיך אויף משיחן ניט דערוואַרטן."

און ווי אין יעדער מעשה האָט דאָ פּאַסירט נאָך אַ וואונדער: — צוויי שוועסטער־קונסטן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, האָבן זיך דערקענט

אהרן קורץ — „מאַרק שאַגאַל" — (פּאָעמע) — פאַרלאַג „מיינע לייענער", ניו־יאָרק, 1946.

און האָבן זיך פאַראייניקט אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט. דאָס דיכ־טערישע וואָרט־און־קלאַנג האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן שאַגאַלישן פאַרב־און־טאָן און זיך אַנטפּלעקט אין אַ נייעם קינסטלערישן עקספּערי־מענט, אין אַ נייער קונסט־דערפאַרונג.

וועגן מאַרק שאַגאַלן האָט מען שוין אַ סך געשריבן — דאָ און אין אייראָפּע. וועגן זיינע שאַפונגען זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אַ סך ביכער. און וויפל שלייערן מ׳האָט ניט פּרובירט אַרונטערנעמען פון זיין טיף־יידישער פאָלקס־סימבאָליק, וואָס וויקלען אַרום זיינע בילדער, האָט מען זיך נאָך אַלץ ניט דערגרונטעוועט ביז דער רעאַליטעט פון זיין קינסטלע־רישן אויסדרוק. עס האָט באַדאַרפט קומען דער דיכטער און מיטן וואונדער פון פּאָעטישן וואָרט, וואָס איז אַליין סימבאָל, מיטן כוח פון אימאַזש און מעטאַפאָר, ווי מיט שליסלען, עפענען די טיר צו זיין סודותדיקייט. אין די רייך־פאַרביקע פאָלקס־טאַנאַציעס האָט דער דיכטער אַריינגעגאָסן די זינגעוודיקע פאָלקס־מעלאָדיע און אין דעם ברייט־פאָלקישן קאָלאָריט — דעם נאַראַטיוו פון יידישן שטייגער־לעבן, און די מאָטיוון פון ליניעס האָט ער אָנגעלאָדן מיט צאַפּלענדיקן יידישן פאָלקס־אידיאָם. און אַזוי האָט חלום אַראָפּגענידערט פון די הימלען צו די אָרימע געצעלטן פון מענטשן, און די וואָר האָט זיך דערהויבן צו די הימלען.

אהרן קורץ האָט פאַר זיך ניט געהאַט קיין לייכטע אויפגאַבע. זיין ווערק איז בשום אופן ניט קיין נאַראַטיווע פּאָעמע וועגן אַ מענטשנס לעבן, אַ ביאָגראַפיע פון דעם קינסטלער מאַרק שאַגאַל. דאָס וואָלט געקענט טאָן יעדער דיכטער — בעסער, אָדער ערגער. די ביאָגראַפישע עלעמענטן, וואָס מ׳טרעפט־אָן דאָ און דאָרט אין דער פּאָעמע, זיינען פאַרן דיכטער אַ ביי־זאַך. די הויפּט־זאַך איז די שעפערישע פּערזענלעכקייט פונעם מאָ־לער, זיין קינסטלערישער מעטאָד און זיין קינסטלערישע אַנטפּלעקונג דורך דער יידישער סאָציאַלער טעמע, דורך דער רייך־יידישער סימבאָליק, דורך אירע עטישע און עסטעטישע ווערטן, וואָס זיינען הויפּטזעכלעך אויך דער אויסדרוק פונעם דיכטערס וועלט־באַנעם.

דערצו האָט נאָך דער דיכטער באַדאַרפט געפינען דעם גליקלעכן קינסטלערישן באַלאַנס צווישן זיך און זיין גרויסער טעמע. דער עמאָצי־אָנעלער און אינטעלעקטועלער אויסדרוק האָט באַדאַרפט האַרמאָנירן מיט זיין אייגענעם אינטעלעקטועלן און עמאָציאָנעלן מעטאָד. די רעאַלע קאַנווע, דאָס יידישע שטעטל מיט זיין ספּעציפישן שטייגער־לעבן, מיט אַלע אַטרי־בוטן פון יידישער געשטאַלטונג און סימבאָליק האָט דער דיכטער באַדאַרפט איבערדיכטן און פאַרוואַנדלען אין אַן עקזאַלטירטער, פּאָעטיש־סובלימיר־טער רעאַליטעט, וואָס זאָל זיין אי שאַגאַליש, אין אהרן קורציש. די שאַ־גאַלישע אָנווענדונג פון פאַרב, קאָנטור, ליניע, פאָרם און אינהאַלט, קאָלאָ־ריט און אידייע האָט באַדאַרפט געפונען ווערן אין דער אָנווענדונג פון קינסט־

לערישן וואָרט, וואָס זאָל אין זיך טראָגן אָט די אַלע עלעמענטן אינאיינעם מיטן גאַנצן סך־הכל, סיי אין דער באַזונדערקייט פון איינצלנע ווערק, סיי אין זייער קאָלעקטיווער אַנזאַמלונג.

און קורצן איז דאָס געלונגען. ער גייט נאָך מיט זיכערע טריט דעם גרויסן מייסטער, טראָט נאָך טראָט, און וויקלט פאַנאַנדער סוד נאָך סוד, פאַרהוילנקייט נאָך פאַרהוילנקייט און ברענגט־אַראָפּ, אינאיינעם מיטן קינסטלער, דעם וואונדער צו דער נאַטירלעכקייט פונעם טאָג־טעגלעכן און דאָס טאָג־טעגלעכע — צו קינסטלערישן וואונדער.

פאַר קורצן איז שאַגאַל דער גרויסער מכשף —

„מכשף
פון שיינקייט, וואָס איז גוטסקייט
און גוטסקייט, וואָס איז שיינקייט.
מכשף פון ברייטהאַרציקע וועלטן,
וואָס וואַרטן אָפן אויף אַלעמען,
וואָס זוכן זיך אַליין אַרום אין שווערע נעפּלען.
מכשף פון די פליענדיקע פאַרבן־רוימען
וואָס וויקלען איין די פאַרוויינטע וועלט.
— — — — — — — — — — — — —
„די נשמה יתירה פון געניאַלן אַנדערש.
נשמה יתירה פון איבערגעפאַרבטער וועלט.
נשמה יתירה פון גאַנצער, פאַרליבטער
מענטשלעכער גוטסקייט צו
באַקליידן ערד און מענטש און זאַכן
לכבוד יום־טוב...״

„די נשמה יתירה פון געניאַלן אַנדערש״ האָט שאַגאַל געפונען אינעם שעפערישן גייסט פון אָרימען יידישלאַנד. און ווי שאַגאַל, ווערט אהרן קורץ אַ שותף צום יידישן פאָלקלאָר. ווי דעם מאָלערס סימבאָלישע געשטאַל־טונגען און זאַכן — די ציג און די קו, דער האָן און די פידל; מענטשן און פערד־און־וואָגן; חתן־כלה און דער ייד, וואָס דאַוונט, וואָס ראַטעוועט די ספר־תורה, וואָס שטאַרבט אויף קידוש־השם; דער קלעזמער און דער זייגער מיטן פיש; דער מלאך און דאָס פאַרליבטע פּאָרל, דער בית־עולם און דער בית־מדרש, די כאַלופּע און דער אייפל־טורעם, וויטעבסק און פּאַריז — קומען צום קינסטלערישן אויסדרוק דורך דער רייכער פאָלקס־געמיטלעכקייט, דורך וואָרט און ווערטל, דורך ליד און שטייגער־ריטואַל, אין דעם מעדיאום פון פאַרביקער אַנטפּלעקונג, פּונקט אַזוי בויט דער דיכ־טער זיין פּאָעמע. ער נעמט צונויף דעם שאַגאַלישן פאָלקס־אוצר און אַראַנזשירט זיינע טיילן, סינכראָניזירט פאַרב־ניואַנס מיט וואָרט־ניואַנס,

פאַרב־אימאַזש־מעטאַפאָר ביז עס באַקומען זיך נייע מוזיקאַלישע טענער. די האַרציקע קינדער־לידער, חתן־כלה־לידער, „אַמאָל איז געווען אַ מעשה — די מעשה איז גאָר ניט פריילעך", „אונטער ישראליקס וויגעלע שטייט אַ קלאָרוויס ציגעלע", „ציגעלע מיגעלע קאַטינקע, רויטע פּאָמעראַנצן", „העי, העי, העמערל, קום צו מיר אין קעמערל"; „יידל מיטן פידל, בערל מיטן באַס", „גיי איך מיר אַרויס אויפן גאַניקל דאָס שטעטעלע באַקוקן" און „ניט קיין געבעטענע, אַליין געקומען", — אַט די אַלע יידישע מעלאָדיעס גיסט דער דיכטער איבער אין זיין אייגענער פאָלקס־געמיטלעכקייט, בייט זייער טאָן און טעמפּאָ, די מעלאָדיש־רואיקע אַדאַזשיאָס און לאַרגאָס פאַר־וואַנדלט ער אין אָפּגעריסענע סטאַקאַטאָס און די שפּילעוודיקע אַלעגרעטאָס דערפירט ער ביז צו פאַרטע־פאָרטיסימאָ. און אָט די באַרייכערטע פאָרמען פון זיין פערזן־אָרקעסטראַציע שאַפן די קאָמפּליצירטע סימפאָניע „מאַרק שאַגאַל", אַ סימפאָניע פון יידישער פריידיקער געמיטלעכקייט און טראַגי־שער יידישער עקסטאַטישקייט.

קורץ האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט דערקענען דעם מאָלער שאַגאַלן — איז ער געקומען מיט זיין פּלאַמיקן טעמפּעראַמענט אין שאַגאַלס וואונ־דער־וועלט. ער איז געקומען אין זיין וועלט, ווי צו זיך אַהיים. ווייל שאַגאַלס סביבה, די פּאַטריאַרכאַלע און די פאָלקישע, זיינען דעם דיכטער אַלעמאָל געווען נאָענט דורך דער אייגענער גייסטיקער ירושה און דורך דער אייגע־נער פאָלקישער געמיטלעכקייט. די זעלביקע מאָטיוון האָט ער שוין פריער ניט איינמאָל אַריינגעוועבט אין זיינע צאָלרייכע סאָציאַלע לידער. דער גאַנ־צער שאַגאַלישער קאָלאָריט איז אים געווען נאָענט און אייגן. און ס'איז באַטירלעך, וואָס אויף יעדן בילד האָט ער זיך אָפּגערופן מיט ליד. עפּיק האָט זיך צעזאַמענגעטראָפן מיט עפּיק, און ליריק — מיט ליריק. אינטע־לעקט האָט באַגריסט אינטעלעקט און עמאָציע האָט זיך צוגעטוליעט צו עמאָ־ציע. און אַזוי האָט זיך די פאַרביקע סימפאָנישקייט פון שאַגאַלס פּאַליטרע צוזאַ־מענגעגאָסן מיט דעם דיכטעריש־סטיליזירטן וואָרט און ס'איז אַרויסגעקו־מען אַן עפּיש־לירישע שאַפונג פון אַ נייעם יידישן מיטאָס פון היינט און פון נעכטן, וואָס איז דורכגעהויכט מיטן תנ"כישן געזאַנג פון די לוויים, מיט דער מעלאָדיק פון שיר השירים און געקרוינט געוואָרן מיט דער צאַר־טער געמיטלעכקייט פון פאָלקס־ליד.

קורץ איז אַ דיכטער פון בוילעטער אינדיווידואַליטעט. זיין וואָרט וויל זיך קיינמאָל ניט אַריינפּאַסן אין פאַרטיקע פאָרמען. אָבער אין דער פּאָעמע זוכט ער בכיוון צו פאַרברידערן זיין אינדיווידואַליטעט מיט דעם שאַגאַלישן באַנעם פון יידישלאַנד און מיט זיין פאָלקשפּעדישקייט, וואָס איז קאָלעק־טיוו אין קאָלאָריט און אינדיווידועל אין אויסדרוק. ער גייט מיט דעם העלד פון זיין טעמע דורך אַלע זיינע פאַרוואַנדלונגען אין ערדישן און אין פאַנ־טאַסטישן, פון דעם וויטעבסקער שטיבל ביז פּאַריזער קינסטלערישע אַטעליעס

און ביז דער סימבאָליק פון „תולה ארץ על בלימה”. עס פליט שאַגאַלס זייגער „צוזאַמען מיט דער צייט”, „אויף פליגלען גייט דער ייד איבער דער שטאָט, איבער דער וועלט. אויף פליגלען פליט די כלה צו איר חתן” — און דער דיכטער אַליין טוט אויף זיך אַן וואונדער־פליגלען און פליט מיט אים אין דעם פאַנטאַסטישן פלי, און דערפליט.

ער איז מיט אים אויף דער שטעטלשער חתונה, און ער צעזינגט זיך עכט־פאָלקיש:

„אין שטעטל איז אַ יום-טוב,
אין שטעטל איז פריילעך,
אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר
ווערט היינט אַ מלך,
דאָס שטעטעלע פאַרפוצט זיך,
די קלייטעלעך פאַרשלאָסן,
דאָס שטעטל מחותנים
פאַרט באַגעגענען דעם חתן . . . "

און אַט איז ער מיט אים אויף די וואָכעדיקע שטעטלשע גאַסן, וואו —

„מיט אַ טלית-זעקל קינות גייט דער ייד
איבער דער שטאָט.
די קינות קלאָגן, נאָר דער ייד —
ער גייט און זינגט.
פון זיין קאַפעליוש און קאַפאָטע
קאַפּעט שווערער צער,
נאָר די אויגן טראָגן אין זיך אַלע צוזאָגן
פון וואַרטנדיקע וויטן . . . "

ער גייט מיט אים צו פרצן און צו מענדעלען און צו שלום עליכמען — אומעטום וואו יידיש לעבן האָט געפונען אַ געשטאַלטונג, דורך פרייד און דורך צער, דורך געפאַלנקייט און דורך גבורה, פון געלייטערטער טראַגיק צו געלייטערטער פרייד, פון אורוואַלד צו צויבערוואַלד, פון באַנייאונג צו באַנייאונג. און ביידע — אי קורץ, אי שאַגאַל — זיינען האָפערדיק און גלויביק, ביידע זיינען יונג און קעמפעריש, ווייל —

„די וועלט
קען ניט ווערן אַלט. צו לעבן —
מוז זי ווערן ייִנגער — און זי ווערט.
— — — — — — — — — — —
ניטאָ קיין אונטערגאַנג.
קיין זאַך
גייט דאָ ניט אונטער."

ווי אין לעבן, אַזוי אין שאַפן איז שאַגאַל ניט אַליין. מיט אים איז אַלעמאָל געווען זיין וואונדערלעכע „מלכה", זיין געליבטע און זיין כלה, זיין לעבנס־באַגלייטערין און חבר — בעלאַ שאַגאַל, וועלכע איז געוואָרן די הויפּט־טעמע און דער הויפּט־סימבאָל פון זיין שאַפן. אהרן קורץ באַזינגט זייער ליבע אין די צערטלעכסטע טענער. אין טאָן פון שיר השירים זינגט ער וועגן בעלאַן:

„שיר השירים אשר משירי שירים שיר.
אירע אָקסלען זיינען זיינע פליגלען.
איר פּנים איז זיין פּאַליטרע.
אירע פינגער — זיינע פּענדזלען,
איר קאָפּ איז דער צויבערשפּיל
פון זיין פאַנטאַסטישן אוצר.
און זי איז זיין אייביקע
הימל־בלויע פידל..."

דער פּלאַץ דערלויבט ניט ברייטער אָפּצושטעלן זיך אויף קורצעס שאַפן בכלל און בפרט — אויף זיין מעטאָד פון ווערזיפיקאַציע. — עס ווילט זיך אָבער דאָ דערמאָנען זיין דינאַמישקייט, זיין גרויסע פאָרם־ווירטואָזיטעט, וועלכע האָט אין אָט דער פּאָעמע דערגרייכט איר אַפּאָגעי. אַ סך דיכטער דערלערנען די כללים פון ווערזיפיקאַציע, פון מעטריק און גראַם און בלייבן ביי זיי אויף זייער גאַנצן לעבן. קורץ האָט אָבער אין משך פון דריי צענד־ליק יאָר פון זיין שאַפן געזוכט צו „אַנטלערנען", אַזוי צו זאָגן, די מעטאָדן פון זיינע ערשטן טריט אין דער יידישער דיכטונג און פּרובירט געפינען זיינע אייגענע אויסדרוקס־פאָרמען. זיין מעטריק און גראַם האָט ער פאַר־ווירקלעכט דורך נייע האַרמאָניזירנדיקע שייכותן. ביי אים האָט זיך דער יאַמב און דער כאָרעי, דער אַנאַפּעסט און דער העקזאַמעטער ברידערלעך אויסגעטוישט מיט ערטער און, באַפרייטע פון אַלע אויסערלעכע צאַמען, האָבן זיי זיך אינערלעך פּאַראייניקט, ווי איין נאָענטע משפחה. זיי האָבן זיך געפונען אין אַ נייער, אינערלעכער ריטמיק, און די גראַמען און אַסאָנאַנסן — ניט דווקא צום סוף פון דער שורה, נאָר אומעטום, וואו זיי זיינען נויטיק פאַרן וואוילקלאַנג, אפילו אינווייניק אין דער שורה, אַבי זיי פּאַסן זיך אַריין אין דער קלאַנגען־קאָמבינאַציע, אין דער האַרמאָניע פון דער גאַנצער אָר־קעסטראַציע פון ליד. קורץ ברעכט זיינע שורות אָפט גאַנץ אומדערוואַר־טעט, אָטעם־פאַרכאַפּנדיק און שווונגיק; ער קען זיי פאַרקירצן ביז אַן איינציקן וואָרט, ביז אַן איינצלנער זילבע, און נאָכדעם באַלד אַ הייב טאָן זי ביז דער העקזאַמעטרישער הויך און נאָך העכער.

אין דער פּאָעמע „מאַרק שאַגאַל" האָט ער אָנגעווענדט ממש צענדליקער פאָרמען פון ווערזיפיקאַציע. ניט נאָר האָט ער יעדן שאַגאַלישן בילד איינ־

געפּאַסט אין זיינע אייגענע אינדיווידועלע פֿאָרמען, נאָר ער האָט רעסטאַוו־רירט אַ סך פֿאָרמען פֿונעם יידישן פֿאָלקס־ליד פֿאַר נייע אינהאַלטן. אין דער פּאָעמע זיינען פֿאַראַן לידער וואָס זינגען סאָלאָ — אָן אַקאָמפּאַנימענט און מיט אַקאָמפּאַנימענט, און גייען איבער פּלוצלונג צו כאָראַלער פֿולקייט מיט דער באַגלייטונג פֿון אַ מולטי־אינסטרומענטאַלער אָרקעסטראַציע.

אָט איז אַ ליד (און אין דער פּאָעמע זיינען פֿאַראַן נאָך אַזעלכע), וואו דער סאָלאָ־מאָטיוו פֿון זיין רעכטער האַנט ווערט רייך אַקאָמפּאַנירט פֿון דער לינקער — דאָס ליד וועגן די קלעזמער:

„...און זיי זיצן און
זיי שפּילן. (אויף אַלע דעכער, אויף אַלע קוימענס).
און זיי שטייען און
זיי שפּילן. (אין אַלע וועלדער, אין אַלע הויפֿן).
און זיי ליגן און
זיי שפּילן. (אין בייזע זאַווערוכעס און פֿרידלעכע שנייען).
און זיי גייען און
זיי שפּילן. (באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ,
קאָפּ אַרויף און קאָפּ אַראָפּ)."

וועגן דער פּאָעמע וואָלט מען געקענט רעדן זייער אַ סך. — סיי וועגן איר אינהאַלט און סיי וועגן אירע פֿאָרמען. דאָס וועט מען נאָך דאַרפֿן טאָן. אָבער צו דעם שוין געזאָגטן מוז מען צוגעבן, אַז די פּאָעמע איז אַ דערגרייכונג אין דער יידישער דיכטונג. דאָס בוך דאַרף ברייט אויפֿגענומען ווערן און ברייט געלייענט ווערן.

1946

מאַרק שאַגאַל

צווישן די הונדערטער אויסשטעלונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט אין ניו־יאָרק אויפן געביט פון פּלאַסטישער קונסט, איז אַן אויסשטעלונג פונעם באַרימטן יידישן מאָלער מאַרק שאַגאַל אַלעמאָל אַ געשעעניש אין דער קונסט־וועלט. זיינע אַן אויסשטעלונג, וואו זי זאָל ניט פאָרקומען — דאָ, צי אין איראָפּע — ווערט געקרוינט מיט גאָר אַ באַזונדער אינטערעס און אַנזען, און ס'איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס די איצטיקע רעטראָספּעקטיווע אויסשטעלונג פון אַרום הונדערט בילדער זאָל צוציען צו זיך אויפגערודערטן אינטערעס סיי צווישן קונסט־קריטיקער, סיי צווישן ליבהאָבער פון דער פּלאַסטישער קונסט, און פאַרוואַנדלען די אויסשטעלונג אין אַ געשעעניש.

און ניט אומזיסט. מאַרק שאַגאַל איז אין זיינע גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען ניט נאָר ניי, נאָר אויך אומאָפּהענגיק. אין זיין פאָרם, ליניע, פאַרב און טעמאַטישן מאַטעריאַל שטייט ער אינגאַנצן באַזונדער, אומאָפּהענגיק פון אַ וועלכער עס איז שול, אָדער ריכטונג. ער איז געקומען מיט זיין אייגנאַרטיקער טעמאַטיק, מיט זיין אייגענעם סטיל און מיט גאָר אַן אייגענער פאַרב־און־קאָלאָריט אַנווענדונג. און וויפל מ'זאָל ניט פּרוּוון אַריינטייטשן אין זיינע בילדער אַ וועלכן עס איז איינפלוס און געפינען אַ וועלכן עס איז שפּור, וואָס זאָל אים פאַרבינדן מיט אַ שול, אָדער ריכטונג, איז עס נאָך ביז איצט קיינעם ניט געלונגען. שאַגאַל און שאַגאַליזם איז געבליבן אַן אַלייניקע, אינגאַנצן אָריגינעלע דערשיינונג.

און איצט צו דער אויסשטעלונג. זי איז זייער רייך. זי שפּרודלט מיט פאַרשיידנאַרטיקע פּלאַסטישע מעדיאומס: דאָ זיינען אייל־מאָלערייען, וואַסער־פאַרבן, אַלערליי צייכענונגען און ראַדירונגען — אַ רייכקייט פון אַרום פינף־און־צוואַנציק יאָר שעפערישער אַרבעט. אָבער די רייכקייט איז ניט אַזוי אין דער גרויסער צאָל אַרבעטן, ווי הויפּטזעכלעך, אין דער גרענעצלאָזער וויזיאָנערישקייט, אין דער אינטואיטיווער גבורה און סימ־פאָנישער זינגעוודיקייט פון פאַרבן. דאָס איז דער כוח פון דער קינסט־לערישער פּערזענלעכקייט, וואָס שפּרייזט אַריבער גרענעצן — מאַטעריעלע און גייסטיקע. דער כוח און דער כישוף פון שאַגאַלס שעפערישער אינטור־איציע, וואָס קאָן אַראָפּברענגען די סימבאָליק פון די הימלען צו די אָרימע געצעלטן פון דער וויטעבסקער ווירקלעכקייט, דער קינסטלערישער וואונ־דער, וואָס שאַפט אָפּ גרענעצן צווישן צייט און רוים, צווישן רעאַלן און פאַנ־

טאַסטישן, כדי דאָס נאַטירלעכע זאָל ווערן וואונדער און דער וואונדער — אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. מאַרק שאַגאַל באַזיצט אין זיך דעם כישוף אי זיך אומצוקערן צו דער וויטסטער פאַרגאַנגענהייט, אי אַריינצודרינגען אין דער צוקונפט, אי פאַרבינדן זיי ביידע אין אַ היינט, וואָס פאַרקערפערט אין זיך מענטשלעכע דערפאַרונג, דעם אמת פון אַל־לעבעדיקן. פאַנטאַזיע אוןווירקלעכקייט זיינען ביי אים ניט קיין צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס, דעם אמת פון וועלכע מ׳קאָן נאָר געפינען אין זייער באַזונדערקייט, נאָר, פאַרקערט, איין גאַנצקייט — דאָס מענטשלעכע לעבן אויף דער וועלט.

מאַרק שאַגאַל איז אַ קאָמפּליצירטער, טיף־פאַרוויקלטער קינסטלער. און דער געוויינלעכער צושויער פון זיינע בילדער, אפילו דער ליבהאָבער פון דער מאָדערנער קונסט, קאָן ניט אַזוי לייכט אַריינטרעטן אין דעם היכל פון זיין קונסט־באַנעם. צו דער טיר, אָדער צו די עטלעכע טירן פון זיין היכל, דאַרף מען פאַרמאָגן עטלעכע „שליסלען". פריער דאַרף מען געפינען דעם צוגאַנג צו זיינע פאַרבן, — און וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע וועלט דאָס איז! איר בלייבט שטיין פאַר דעם דראַמאַטישן שפּיל פון קאָלירן, ווי פאַר אַ מערק־ווירדיקער נאַטור־דערשיינונג. נאָכדעם ווערט איר פאַרכאַפּט פון דער שאַגאַלישער גראַפישער מייסטערשאַפט, פון פאָרם־רייכקייט, וואָס כישופט אַרויס פון יעדן בילד, פון יעדן באַזונדערן דעטאַל. זיין בילד האָט ניט קיין איין־אייציקן ווינקעלע, וואָס זאָל ניט איבערראַשן מיט זיין אייגענער פול־קאָמענער מייסטערשאַפט. און נאָר נאָכדעם — דער טעמאַטישער מאַטע־ריאַל, וואָס איז דורכאויס — יידיש לעבן. יידיש לעבן פון דורות. אַ לעבן פון יחיד און אַ לעבן פון כלל. דאָס לעבן דורך ליבשאַפט, דורך טראַגיק, דורך גלויבן און האָפענונג — פון געבורט ביזן טויט. אַזוי ספּעציפיש־יידיש איז שאַגאַלס שאַפן, אַז ניט פאַריז מיט דער גאַנצער אוניווערסאַל־קינסטלערישער וועלט, ניט בכלל די אייראָפּייאישע קולטור און אוודאי ניט דער איינפלוס פון דער מאָדערניסטישער קונסט זיינען ווען עס איז געווען בכוח צו אַסימילירן זיין געמיט, אָדער ביז צו אַ ווועלכן עס איז גראַד צו „אַנטשיידן" זיין טיף־יידישע געמיטלעכקייט, אין אַלע אירע קינסטלע־רישע מאַניפעסטאַציעס. אפילו די סורעאַליסטישע אימפּולסן, דער דראַנג צו אונטערבאַוואוסטזיניקע אַנטפּלעקונגען, וואָס זיינען ביי שאַגאַלן פאַראַן לרוב אין די מערסטע בילדער, אין די שוועבנדיקע פיגורן, געשטאַלטן מיט אָפּגעטיילטע קעפּ, דאָפּלטע געשטאַלטונגען, די פאַרמענטשלעכטע בעלי־חיים, די אומגעבוירענע, אָבער שוין אין דער וויזיע לעבנדיקע וועזנס, — דאָס אַלץ ברענגט שאַגאַל צו דעם איינציקן צענטער, צו דער איינציקער אידייע, וואָס באַשטימט זיין שעפערישן עצם, צום יידישן לעבן. אַלץ וואַקסט אַרויס פון דעם איין־איינציקן אַספּעקט — יידישער באַוואוסטזיין. איר שטייט פאַר אַ בילד און איר פילט, ווי פון די האַרמאָנישע מוזיק־טאָנאַציעס, וואָס זינגען אַרויס פונעם לייוונט, שיילן זיך אויס לעבעדיקע געשטאַלטונגען,

באַהויכטע מיט יידישן קאָלאָריט, און וועקן אין אייך אויף נאָסטאַלגישע בענקשאַפטן.

די, וואָס קומען זען שאַגאַלן און ווילן זיך אַריינבּרייסן אין זיין וועלט מיט די געוויינלעכע אַקאַדעמישע מאָסן, וואָס פּרובירן אים איינשליסן אין דער פאָרמולע פון קוביסטישער, אימפּרעסיאָניסטישער, אָדער עקספּרעסיאָניסטישער קונסט, ווערן צעטומלט. אין קיין איינע פון די „מאָסן״ פּאַסט זיך שאַגאַל ניט אַריין. שאַגאַל האָט זיין אייגענע מאָס. נאָך מער: ער איז דער „שליסל״ און די „מאָס״ פאַר זיין שעפערישער פּערזענלעכקייט. ער איז אי דער ייד, אי דער יידישער סימבאָל. דאָס אַבסטראַקטע און דאָס קאָנקרעטע אין אים האָבן זיך גליקלעך צוזאַמענגעטראָפן און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ בריק צווישן דעם רעאַלן און דעם אינטואיטיוון, צווישן ווירקלעכקייט און חלום, און דער וואָס קען זיך אַ לאָז טאָן איבער דער בריק, דערגרייכט פונעם מענטשלעכן צום געטלעכן דורך דעם וואונדער פון שאַגאַלס יידישער סימבאָליק, ווי דורך אַ הייליקן שם־המפורש. דאָס איז מענטש־סימבאָליק, פייגל־סימבאָליק, כלה־סימבאָליק, פידל־סימבאָליק, חופּה־סימבאָליק, קו־סימבאָליק, פערד־סימבאָליק, האָן־סימבאָליק און איבער אַלץ — חתן־כלה־סימבאָליק, וואָס קומט אַריין אינעם יידישן לעבן מיטן געבורט פון ערשטן קינד און בלייבט לעבן אינעם יידישן באַוואוסטזיין, און שטאַרבט ניט אין דעם גאַנג פון דור־דורות. אָט די אַלע יידישע סימבאָלן — דאָס זיינען די אייביקע הייליקע „כלים״, מיט וועלכע דאָס פאָלק האָט דורכגעשפּאַנט, דורך בלוט און פייער, דורך די יאָרהונדערטער, און איז געבליבן לעבן.

שאַגאַל גייט ניט פון רעאַלן צום אַבסטראַקטן, נאָר פאַרקערט, אַלע זיינע אַבסטראַקטע פאָרמען פאַרוואַנדלט ער אין קאָנקרעטע געשטאַלטונגען. דאָס פאַנטאַסטישע פון אַלע זיינע סימבאָלן, „קלערט ער אויף״ דורך די פּשוטסטע לעבנס־פאָרמען און ברענגט זיי אַראָפּ פון די הימלען צו די ברעגן פון מענטשלעכן לעבן. די גרויסע פאַרוואונדערונג, וואָס ער האָט געהאַט ביים סאַמע אָנהויב פון זיין לעבן אין וויטעבסק פאַרן וואונדער פון מענטש און וועלט איז אין שאַגאַלן געבליבן אויף אייביק. אָבער צו אָט דעם וואונדער האָט ער נאָך צוגעגעבן נאָך אַ וואונדער — זיין אייגענע שעפערישקייט.

1946

ברוך גלאַזמאַן

1.

ס׳זיינען שוין אַריבער צען יאָר זינט ס׳איז געשטאָרבן דער דערציילער און עסייאיסט ברוך גלאַזמאַן. ער איז געשטאָרבן אין אַ גאַנץ יונגן עלטער פאַר אַ שעפערישער פּערזענלעכקייט, צום צוויי־און־פופציקסטן יאָר פון זיין לעבן. און ווי מאָדנע עס זאָל ניט קלינגען אַזאַ באַהויפּטונג, איז עס אָבער אַ פאַקט, אַז ביי אַלעמען איז ביי זיין טויט געווען אַ געפיל, אַז פון אונדז איז אַוועק אַ שרייבער, וועמעס שרייבערישע קאַריערע איז שוין ווי פאַרענדיקט, און ווען ער לעבט אפילו לענגער, וואָלט ער אפשר מער קיין וויכטיקע ווערק ניט געקאָנט שאַפן.

זיין לעצט ווערק „אין גאָלדענעם זומפּ״, איז שוין אין זיך אַליין געווען אַ מין סך־הכל און אַן עפּיטאַף אינאיינעם. ס׳איז געווען אַ חשבון און אַן אָפּרעכענונג מיט זיך אַליין און מיט דער וועלט אַרום זיך. דאָ זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן זיינע אינערלעכע ראַנגלענישן, זיין פּיינלעכע פאַרביטערטקייט קעגן קאָלעגן, קעגן דער סביבה, אין וועלכער ס׳איז אים אויסגעקומען צו לעבן און צו שאַפן, אַ „שוואַנען־ליד״, אין וועלכן עס פּרעדאָמינירט דער טאָן פון ביטערער רעזיגנאַציע פאַרן אָנבליק פון זיינע דורכגעפאַלענע פּלענער און האָפענונגען.

אָט דער שרייבער מיט אַ היפשן טאַלאַנט און מיט גאָר גרויסע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן האָט אין זיין גאַנצן לעבן געזוכט און האָט קיין מאָל ניט געקענט געפינען קיין שלימות, — ניט אין זיין שאַפן און ניט אין זיין פּערזענלעכן לעבן. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט באַשטימען דעם גורל פון זיין גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין פּערזענלעכן לעבן.

ברוך גלאַזמאַן האָט געהערט צו יענע שרייבער, וואָס זייער לעבן מיט זייער שאַפן איז ווי אַ באַצווינגענדיקער כוח, וואָס לאָזט זיי ניט צורו ביי זייער יעדן ווענד און קער. ער האָט זיין באַרוף אָנגענומען ווי אַ מין גורלדיקע דערשיינונג, און ער האָט אָט דעם גורל אָנגענומען מיט אַ סך ליבשאַפט און אויך מיט ניט ווייניק פאַרדרוס. אין אים האָט דערפאַר געלעבט אַ שטענדיקע ראַנגלעניש, — פריער פאַר אַן אייגענעם סטיל, וועלכן ער האָט באַמיט זיך צו געפינען און נאָכדעם — פאַר אָנערקענונג, וואָס פאַר אים

איז זי קיין מאָל ניט געווען קיין גאַנצע. די מאַטערנישן פאַר סטיל האָבן אים פאַרביטערט קעגן זיך אַליין און די ניט פולע אָנערקענונג האָט אים שטענדיק געמאַטערט מיט אַ טיף־פאַרבאָרגענער שנאה צו זיינע קריטיקער און קאָלעגן.

די קריטיק האָט זיך צו אים שטענדיק „געטשעפּעט״, געזוכט ביי אים אַלערליי באַרעכטיקטע און, אַפּט, אומבאַרעכטיקטע פגימות. און אים האָט זיך געדוכט, אַז זיינע חסרונות האָט מען בכיוון אָוועקגעשטעלט אונטער אַן איבערגעטריבענעם ליכט, זיי שטאַרק אַקצענטירט און בכלל געהאַט צו אים אומזיסטע טענות.

אַ פאַרליבטער אין דער יידישער שפּראַך, אַן „אידעאָלאָג״ און אַדוואָ־קאַט פאַר איר ריינער אָפּגעהיטקייט, האָט ער אָבער אַליין בשום אופן אין זיך ניט געפונען קיין כוח זי צו באַלעבן מיט אַ נייעם ניואַנס, מיט אַ פאַ־עטישן הויך, און ער האָט עס אַליין מסתמא געוואוסט. זיין כוח איז געווען ניט אין מייסטערשאַפט און ניט אין באַזונדערן סטיל, נאָר בעיקר אין די פּראָבלעמען, וואָס האָבן אים געמאַטערט אין אַלע זיינע ווערק, פּראָבלעמען פון יידיש אין אַמעריקע, פּראָבלעמען פון איבערבראַך אין דעם היגן יידישן לעבן, צעפאַלונג פון טראַדיציע, דער אויפקום פון דעם „אַלרייטניק״, די גראַדועלע פאַרביליקונג פון דורות אָנגעזאַמלטע ווערטן.

אַליין אַן אינטעליגענט, אָנגעלאָדן מיט וויסן, מיט געדאַנקען, מיט אַלערליי אינטעליגענטיש־קינסטלערישע ראַנגלענישן, האָט ער אין זיין סביבה ניט געפונען קיין היים. יידן אין אַמעריקע זיינען פאַר אים ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן פאַרבליבן אַ מאַסע צעטומלטע אימיגראַנטן, וואָס זיינען זיך אַהער צונויפגעלאָפן פון אַלע עקן פון דער וועלט און האָבן אין זייער צעטומלעניש און דראַנג פאַר אַ נייער צופּאַסונג, זיך צו־שנעל און צו־וויליק זיך אָפּגעזאָגט פון אידעאַליזם, פון איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס, פון די שיינע חלומות פון אַמאָל און זיינען דאָ שנעל אויסגעליידיקט געוואָרן פון אַלץ וואָס איז געווען שיין אין יידישן לעבן. זיי זיינען פאַר אים געווען אַ מין ערב־רב, מיט וועלכן ער האָט ניט געקאָנט שליסן קיין שלום און דערנעענטערן זיך צו זיי, כדי צו פאַרשטיין און צו באַרעכטיקן זייער גע־ראַנגל פאַר עקזיסטענץ און לעבן.

ברוך גלאַזמאַן איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך גאָר אַ יונגער בחור. ער איז געקומען מיט אַ היפּשן באַגאַזש פון וויסן און חלומות. ישיבה און וועלטלעכע בילדונג האָבן דאָ פאַר אים באַדאַרפט עפענען טירן. אָבער די ערשטע יאָרן זיינען געווען שווערע. ער האָט געמוזט, ווי אַלע אימיגראַנטן פון יענער צייט, אַרבעטן ביי פאַרשיידענע פאַכן. דערצו האָט ער נאָך אויך געוואָלט לערנען, און ער איז באַלד פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער וויטער פּראָווינץ, געוואָרן אַ העברייאישער לערער און אָנגעהויבן צו באַזוכן אַן אוניווערסיטעט. ער האָט זיך זייער שנעל אויסגעלערנט ענגליש און האָט

אפילו אַ געוויסע צייט געטרוימט צו ווערן אַן ענגלישער שרייבער. ער האָט שוין אויך באַוויזן אָפּצודרוקן עטלעכע זאַכן אין פֿאַרשיידענע ענגלישע צייט־שריפֿטן. אין די קרייזן פֿון יידישע שרייבער האָט מען אויף אים אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויף דעם צוקונפֿטיקן ענגלישן שרייבער. אָבער פֿון דעם האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט. גלאַזמאַן האָט דערפֿילט, אַז צו שאַפֿן אין ענגליש איז ניט גענוג בלויז אַ גרינטלעכע שפּראַך־קענטשאַפֿט. מ׳האָט באַדאַרפֿט זיין אויך איינגעוואָרצלט אין לעבן גופֿא. און פֿאַרוואָרצלט איז ער גראָד געווען אין יידישן לעבן, אין דער יידישער סביבה, אין דער ריין־יידישסטער סיטואַציע, און אויף דער וועלט האָט ער געקוקט מיט יידישע אויגן. ער האָט אויך געוואוסט, אַז זיין ערשטע און שטאַרקסטע ליבע איז פֿאָרט געווען זיין יידיש לשון. האָט ער דערפֿאַר אינגאַנצן אויפֿגעגעבן אָט דעם חלום און זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן צו ווערן אַ יידישער שרייבער און אַ שרייבער פֿאַר יידן, און דערצו אויך — דער אַמעריקאַנער יידישער שרייבער.

זיין ערשטע און שטאַרקסטע ליבע איז געווען יידיש־לשון. אָט דעם לשון האָט ער צוגעטיילט זיין גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט, און ניט נאָר ווי אַ שרייבער. ער האָט אויך ליב געהאַט צו טעאָריזירן איבער אים, קעמפֿן פֿאַר דער ריינקייט און גאַנצקייט פֿון זיין וואוקס און אַנטוויקלונג. אָבער די יידישע שפּראַך איז דאָ געלעגן אין די הענט פֿון יענע, וואָס האָבן דאָ געפֿירט „די גרענדע": די פֿאַרשוונדעוועטע צייטונג־אַרויסגעבער, די כלי־קודש, די בעזגראַמאָטנע סאָסייעטי־פֿירער, דער פֿאַרביליקטער טעאַטער, דער שאַפּ, די גאַס. די שפּראַך פֿון די מאַסן האָט אים געגרילצט אין די אויערן. ער האָט געזען די פֿאַמעלעכדיקע טענדענץ פֿון שפּראַך־אַסימילאַציע צווישן די רייכערע עלעמענטן און צווישן דער יוגנט. און ער האָט געבענקט נאָך דעם מאַמע־לשון, וואָס האָט נאָך פֿריש געלעבט אין זיין געדעכעניש. צוליב דעם טאַקע האָט ער אויף אַ צייט פֿאַרלאָזט אַמעריקע און איז אָפּגעפֿאָרן קיין פּוילן. דאָרט האָט ער געפֿונען אַן עולם צווישן דער אינטעליגענץ און אויך צווישן דער אַרבעטער־מאַסע, וואָס האָט לעבעדיק געטראָגן די וואונדערלעכע פֿאָלקס־שפּראַך אויף זיין צונג, אַ לשון, וואָס האָט פֿאַר גלאַזמאַנען געקלונגען ווי מוזיק און געהאַט דעם טעם פֿון עלטסטן, ריינסטן וויין. יידיש האָט נאָך זיס געקלונגען אין די מיילער פֿונעם יונגן דור און אפֿילו אויף די ליפּן פֿון קליינע קינדער. דאָרטן האָט ער אויך געפֿונען אַ שרייבערישע אַטמאָספֿערע, וואָס האָט זיך לעבעדיק געקאָכט איבער אַלערליי שרייבערישע און געזעלשאַפֿטלעכע ענינים. ס׳איז געווען וואַרשע און ווילנע. און נאָכדעם — מינסק און מאָסקווע — צו יענער צייט גרויסע צענטערן פֿון שעפֿערישע פֿאַרמעסטן. אים האָט זיך דעמאָלט געגלויבט, און ער האָט אין דעם געגלויבט באמונה שלימה, אַז די צוויי צענטערן פֿון יידישער קולטור וועלן סוף־כל־סוף משפּיע־זיין אויך אויף ניו־יאָרק. אויך דאָ וועט זיך איינשטעלן אַ גאַנץ יידיש לעבן, ווייל אויך דאָ זיינען שוין פֿאַר דעם

געווען בוילעטע סימנים: ס׳איז געווען אַ שול־ווען, אַ לעבעדיקער טעאַ־טער, ציימונגען און זשורנאַלן און איבער אַלץ האָט געבליט אַ יונגע יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אין אַ קורצער צייט צעבליט מיט רייכסטע קאָלירן.

דאָס זיינען געווען סימנים פון גרויסע האָפענונגען, און ברוך גלאַזמאַן איז געקומען צוריק קיין אַמעריקע, מיט זיין פרוי, שוין צו בלייבן אויף אַלע מאָל. און געקומען איז ער אַהער מיט אַ וויזיע פון דער גרויסער טעמע און אַ סך שרייבערישער טעטיקייט. און פאַר דעם איז ער געווען געהעריק צוגעגרייט. ער האָט געהאַט אי טאַלאַנט, אי וויסן. ער איז אויך געווען גרינטלעך באַקאַנט מיט אַלע מעטאָדן פון זיין שרייבערישן באַרוף און מיט אַ שלל גרויסע פּלענער. פּלאַנירט האָט ער זיינע ווערק ווייט אין פאָראויס, אויסגעטראָגן זיי אין זיך, געערעדט וועגן זיי צו קאָלעגן. ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זיין שרייבן, שטענדיק געטראַכט וועגן זיין שרייבן. זיינע קעשענעס זיינען פול געווען מיט צענדליקער שטיקלעך פּאַפּיר, אויף וועלכע ער האָט מיט אַ בלייער און מיט דריבנע אותיותלעך פאַרשריבן אַלץ, וואָס ער האָט באַמערקט: איינדרוקן, סיטואַציעס, געדאַנקען, איינפאַלן. ער האָט זיך מיט אָט די צעטעלעך אַרומגעטראָגן חדשים־לאַנג ביז די פּאַ־פּירלעך זיינען צעריבן געוואָרן און די שריפט איז כמעט אָפּגעמעקט געוואָרן. אָבער ער האָט זיי אָפּגעהיט ווי קליינע ציגל פאַר זיין גרויסער געביידע.

.2

און וואָס איז דאָ געווען דאָס פּראָבלעם, וואָס האָט אים אַמשטאַרקסטן גערעגט? פון איין זייט האָט ער געזען פאַר זיך דעם ביטערן געראַנגל פון די מאַסן פאַרן פּשוטן שטיקל ברויט און פון דער צווייטער זייט — די חוצפּהדיקע הערשאַפט פונעם צופרידענעם, אַרויפגעאַרבעטן אַלרייטניק, וואָס האָט אין זיין איבערגעזעטיקטקייט ציניש עקספּלואַטירט זיין אָרימען ברודער און, אין דערזעלביקער צייט, אויך פּרובירט זיך צו דערווייטערן פון אים און צו אַנטלויפן פון אַלץ, וואָס איז געווען ווירדיק אינעם יידישן לעבן, מאַסקירנדיק זיך מיט אַלץ, וואָס איז געווען ניט־יידיש. אָט דעם פיליסטער האָט ער פיינט געקראָגן מיט זיין גרעסטער שנאה. ער האָט אים כמעט אין אַלע זיינע ווערק אַרויסגעשלעפּט פון זיין רייכן אַפּאַרטמענט, ווי אַ טונקעלן ווינקל, און אַוועקגעשטעלט פאַרן ליכט פון דער ווירקלעכקייט. אָבער גלאַזמאַנס טראַגעדיע איז געווען, וואָס גראַד אָט די „עפנטלעכקייט" איז ניט שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון אָט די אַנטפּלעקונגען. ער האָט דער־פילט ווי זיין שטימע איז אַ קול אין מדבר און ער איז פון דעם געווען זייער אומגליקלעך.

צווישן זיינע אַמאָליקע גאָר נאָענטע מענטשן זיינען אויך געווען אַזעלכע,

וואָס האָבן אין זייער יוגנט געחלומט און דאָ זיינען זיי פאַר זיינע אויגן געוואָרן „פּראַקטישע" מענטשן, האָבן זיך „אַמעריקאַניזירט" אין דעם סאַמע ערגסטן זין פונעם וואָרט, זיינען געוואָרן זאַטער, פעטער, צופרידענער און האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זייערע חלומות האָבן אַמאָל באַדאַרפט איבערגעזעצט ווערן אין מעשים. און נאָך מער: זיי האָבן אָנגעהויבן אויס־צולאַכן יידישע און מענטשלעכע אידעאַלן און זיך אַריינגעפּאַסט זייער לייכט אין דעם באַקאַנטן טיפּ קליינע קרעמערלעך, קליינע מאַנופעקטשורערלעך, קענדי־סטאָרקיפּערס, קליינע גבאימלעך, סאָסייעטי־פּרעזידענטלעך און קליינ־לעכע עקספּלואַטאָטאָרס. איז שוין געווען נאַטירלעך, אַז ווען ברוך גלאַזמאַן האָט זיי „אַריינגענומען אין זיינע הענט" זיינען זיי געוואָרן ממש גייסטיקע פאַרזעענישן. ער האָט פאַר זיי ניט געפונען קיין ביסל רחמנות אין זיין האַרצן. ער האָט זיי אפילו ניט געוואָלט פאַרשטיין צו געפינען פאַר זיי אַ וועלכן עס איז זכות. ער האָט זיי אויסגעלאַכט אויף דעם ברוטאַלסטן אופן, כדי נאָך מער אונטערצושטרייכן זייער גייסטיקע אויסגעליידיקטקייט, לאָזט ער זיך מיט זיי אַרויס אפילו אויף ווייטע רייזעס אויף שיפן, ברענגט זיי צו זייערע אַמאָליקע היימען אויף קבר־אבות, שטעלט אַוועק זייער „פּאָמפּ" אַנטקעגן דער שלימות פון פּרימיטיוון היימישן לעבן, אַנטקעגן דעם פּשוטן מענטשן.

ברוך גלאַזמאַן האָט געוואָלט זיין אַן אַמעריקאַנער יידישער שרייבער. ער האָט זיך באַוואוסטזיניק דערווייטערט פון דער הערשנדיקער טעמע פון זיינע קאָלעגן־פּראָזאַאיקער, וואָס האָבן זיך בשום אופן ניט געקענט אָפּ־רייסן פון דער „אַלטער היים", פון דער סביבה פונעם שטעטל. ער האָט אין זיינע ווערק געגעבן ניט נאָר דעם מענטשן פון ניו־יאָרק, נאָר אויך פון דער פּראָווינץ. ער האָט געמאָלן מיט גרויס ליבשאַפט דעם אַמעריקאַנער פּיי־זאַזש, שטעט און שטעטלעך, טייכן און פּרעריס און אפילו יידישע טיפּן, וואָס זיינען שוין דאָ געווען פאַרוואָרצלט הונדערטער יאָרן, יידישע פאַר־מערס, יידישע אַרבעטער און קליינבירגער, יידן אין זייער סביבה און יידן צווישן ניט־יידן. אַלץ האָט אים דאָ אינטריגירט, אָבער צו אַלץ האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ געוויסן פאַרדאַכט — צו זיין טיפּאַזש און אויך צו די מענטשן, וועמען ער האָט געקענט פערזענלעך.

די גרויסע איבערלעבונג זיינע איז געווען דאָס דערנעענטערן זיך צו דער אַרבעטער־טעמע. צום ערשטן מאָל האָט ער דערפילט אַ זיכערקייט אין זיין שרייבן, אַן אָנגעהעריקייט צו אַ קלאַס, וואָס האָט אויפריכטיק גע־טראָגן אינאיינעם מיט זיין געראַנגל, דעם חלום פון אידעאַליזם. צום ערשטן מאָל האָט ער מיט אַ פולן מויל דעקלאַמירט זיין ווילִיקייט צו שטעלן זיך אין די רייען פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. דאָ האָט ער געפונען די פולע ליבשאַפט צו דער יידישער שפּראַך. זיין אַריינקומען אין דער „פרייהייט" איז פאַר אים געווען אַ געשעעניש, וואָס האָט אים באַלד אַ

שטויס געטאָן צו גרויסער פּראָדוקטיוויקייט. אינאיינעם מיט קלענערע דער־ציילונגען, וואָס זיינען דערשינען אין דער צייטונג רעגלמעסיק, האָט ער אויך געדרוקט זיינע לענגערע נאָוועלן אין פאָרזעצונגען. ער האָט אויך געאַרבעט אויף זיין גרויסן ראָמאַן (אין צוויי בענד) „לענדער און לעבנס״, וואו ער האָט אַוועקגעשטעלט אַן אַמעריקאַנער אַלרייטניק קעגן די נייע באַ־דינגונגען, אין וועלכע עס לעבט אַ סאָוועטישער מענטש. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און ס׳זיינען דערשינען — פריער אַ זאַמלונג נאָוועלן „אַנטרונענע״ און שפּעטער דער ראָמאַן.

אָבער ניט אַלץ איז געגאַנגען כשורה. ס׳איז געווען אַ גרויסע אָרימקייט. דער קריזיס און אַרבעטלאָזיקייט האָט געדריקט אויף דער צייטונג און אויף די לייענערס. אַרבעטער האָבן געפאָדערט אַ קעמפערישן שטאָף פון זיינע שרייבער, און גלאַזמאַן האָט זיך גראָד שעפעריש געגריבלט אין פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען פון זיינע מענטשן, אויפגעזוכט ווייטלעכע סיטו־אַציעס, האָט זיך ליב געהאַט צו „פּאַררעדן״, אַוועקלאָזן זיך אויף פּסיכאָ־אַנאַליטישע עקסקורסיעס. דער פאָדים, וואָס האָט געבונדן זיין נייעם ליי־ענער מיט אים, דעם שרייבער, האָט זיך גענומען רייסן. די ליבע האָט זיך גענומען קילן און האָט קוים געקענט אויסהאַלטן דעם ערשטן שטאַרקערן קאָנפליקט. דערצו איז דער לוין פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט געווען זייער אַ מאַגערער, כדי שלום צו מאַכן מיט קאָמפּראָמיסן. און ס׳האָט געמוזט קומען צו אַ שיידונג.

און גלאַזמאַן איז אַוועק פון וואַנען ער איז געקומען, אָבער די סביבה, צו וועלכער ער האָט זיך צוריקגעקערט האָט אים אויפגענומען מיט אַ קעלט, וואָס איז שווער צו באַשרייבן. ווי ווייניק זיינע קאָלעגן האָבן אים פריער ליב געהאַט, האָבן זיי אים, דעם „זינדיקן״, איצט פיינט געהאַט פאַר זיין „אוואַנ־טורע״ מיט די „לינקע״. פאַר אַזעלכע „זינד״ דאַרף מען דאָך ממש טאָג־טעגלעך קלאַפּן זיך אין האַרצן דעם „על חטא״, און גראָד איז גלאַזמאַן ניט געווען דער מענטש, וואָס האָט אפילו אין זיין פאַרביטערטקייט, געקענט זאָגן: „חטאתי״! ער האָט אָט די סביבה זייער גוט געקענט און זי גרינטלעך פיינט געהאַט, האָט ער בעסער גענומען און אָנגעשריבן וועגן איר אַ ראָמאַן „אין גאָלדענעם זומפּ״ און איז געוואָרן נאָך איינזאַמער, ווי ער איז ווען עס איז געווען אין זיין לעבן.

און אַן איינזאַמער איז ער געשטאָרבן, נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, אַ שרייבער מיט אַ סך טאַלאַנט, אָבער אָן אַן עקוויליבריאום, וואָס זאָל געבן אַוועלכן עס איז אַנהאַלט צו זוכן און צו געפינען אַ זין און אַן אינהאַלט אין לעבן.

1946

ז. וויינפּער

(צו זיין 25־יאָריקן פּאָעטישן שאַפן)

ז. וויינפּער איז געקומען אין אונדזער דיכטונג מיט אַ פולן האַרץ מיט פרייד. פאַר זיינע ברייט־געעפנטע אויגן איז געווען אַ וועלט, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. די זון האָט געשיינט. די גאַנצע נאַטור האָט גע־שפרודלט מיט שיינקייט. די לופט איז פול געווען מיט לעבעדיקע קלאַנגען. מ׳האָט נאָר באַדאַרפט אָט די אַלע שיינקייטן איבערגיסן אין דיכטערישע וואָרט־פאָרמען, אין האַרמאָנישע קלאַנגען — און וויינפּער האָט גענומען זיין יונגע לירע אין דער האַנט אַריין און גענומען זינגען. שרייבן לידער איז פאַר אים געווען די סאַמע עסענץ פון לעבן. ער איז געוואָרן דער דיכטער פון געזונטער פריידיקייט, דער דיכטער פון האַרמאָנישער גאַנצקייט צווישן דעם מענטשן און דער נאַטור. זיין ליד איז געוואָרן אַ פייערלעכער ווילן צום לעבן און צו דער נאַטור, דאָס מענטשלעכע לעבן — אַ פריידיקע אידיליע און דער זין פון זיין לעבן — די יוגנטלעכע באַוואונדערונג פון דעם גרויסן יום־טוב, וואָס מענטשן האָבן גערופן וועלט. אַלץ איז אין דער וועלט געווען פול מיט וואונדער. דער מענטש איז געווען וואונדערלעך און נאָך וואונ־דערלעכער איז געווען זיין ליבע. און וואונדערלעכער נאָך פון ליבע איז געווען גוטסקייט. דאָס גוטע אויף דער וועלט איז געווען פון גאָט און דאָס שלעכטע — פונעם טייוול. דערפאַר האָט דער דיכטער געבענטשט אַלץ, וואָס ס׳איז געווען פון גאָט און אָפּגעקערט זיך פון אַלץ, וואָס ס׳איז געווען פונעם טייוול.

ערשט שפעטער, אַ סך יאָרן שפעטער, איז דער דיכטער ז. וויינפּער געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז גוטסקייט, יושר און שיינקייט, וואָס ווילן זיך מאַניפעסטירן אין יעדער שטרעבונג פונעם מענטשלעכן גייסט צו העכערער אַנטפּלעקונג, זיינען אַ רעזולטאַט פון רעאַלער דערפאַרונג, פון אַ לאַנגן און ביטערן גערונגל פאַר פרייהייט. דאָס, וואָס ס׳איז פריער געווען אַן אַבסטראַקטער באַגריף, האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אַנטפּלעקן פאַר זיין אויג אין רעאַלע פאָרמען פון מענטשלעכן לעבן. דער וואונדער פון לעבן איז שוין ניט געווען אין דער אַבסטראַקטער שיינקייט און אין איר באַוואונדערונג פון דעם דיכטער דורך דעם מעדיאום פון ליד. דער וואונ־דער איז גאָר געווען אין דעם מענטשלעכן קאַמף מיט די כוחות, וואָס האָבן

געזוכט צו צעשטערן די פונדאַמענטן פון יושר און האַלטן די מענטשהייט אין שטענדיקער אונטערדריקונג. פריער האָט דער דיכטער באַדאַרפט אַוועקגיין פונעם לעבן, דערוווייטערן זיך אין זיינע דיכטערישע הימלען, כדי צו באַזינגען דעם מענטשן און די נאַטור. איצט האָט ער זיך באַדאַרפט דערנעענטערן, אַריינגיין טיף אין לעבן אַריין, באַהעפטן זיך מיט די ווירקנדיקע כוחות, און אַליין ווערן אַ ווירקנדיקער כוח צווישן „ראַסן און קלאַסן״. צו דערגרייכן דעם מענטשן אין זיך, צו דערגרייכן דעם מענטשן אויסער זיך איז געוואָרן דער ציל פון זיינע סאַמע העכסטע דיכטערישע אַספּיראַציעס. עס איז פאַר אים געוואָרן קלאָר, אַז אַלץ, וואָס ס'איז פונעם מענטשן און פאַר דעם מענטשן איז דער זין און דער ציל פון מענטשלעכער עקזיסטענץ. אפילו די גרויסקייט פון דער נאַטור אין אַלע אירע וואונ־דערלעכע אַנטפּלעקונגען איז ניט מער ווי אַ רעזולטאַט פון דעם מענטשנס באַוואונדערונג, פון דעם רייכן אינהאַלט, וואָס ער האָט איר געגעבן דורך זיין אייביקן שטרעבן צו אַ העכערן גליק, צו העכערע מענטשלעכע ווערטן.

דער דיכטער האָט דערזען: סאָציאַלע אונטערדריקונג איז מיאוס. עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן איבערן צווייטן איז מיאוס. אונטערדריקונג פון מענטשלעכער פרייהייט איז מיאוס. דאָס אַלץ לייגט אַוועק טונ־קעלע פלעקן אויף דער ליכטיקער זון און צעלייגט זיך מיט פינצטערע שאָטנס אויף דער נאַטור, אויף דעם גורל פון מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. און זיין ליד האָט געגומען קלינגען מיט אַנדערע טענער. ער שרייבט אַן אַ גאַנץ בוך מיט לידער, וואו עס ווערט אויסגעדריקט דורך פּיין פון גע־לייטערטקייט דעם דיכטערס גאַנג צו אַ נייעם באַנעם פון דער וועלט, אין וועלכער ער לעבט. אין 1934 דערשיינט זיין בוך „אונטערוועגנס״, אין וועלכן ער רעדט צו זיך אַנדערע רייד. און ניט נאָר צו זיך. צו זיינע קאָ־לעגן־דיכטער, אַלימפּיקער, זאָגט ער:

„אַ מענטש וואָס קאָרטשעט זיך פון קעלט,
צעקאָרטשעט דאָך אַ טייל פון אונדזער וועלט.
איז וואָס-זשע זאָל מען טאָן? — מען דאַרף
פאַרלאָזן אויף אַ ווייל די האַרף
און נעמען נאָדל-פאָדים אין די הענט, —
עסטעטן און פּאָעטן, אַלע, וואו איר זייט,
איז דען אַ בושה אויסצוקערן אייגן הויז?״

יאָ. ז. וויינפער האָט דערזען באַשיינפערלעך, אַז די צייט צו זינגען, „ווי עס זינגט אַ פויגל״, איז אַריבער. אַז די צייט פון אַ גרינטלעכער רע־וויזיע אין דעם שאַפן פון אַ דיכטער איז געקומען. און ער נעמט זיך אונטער צו מאַכן די רעוויזיע, קודם־כל אין זיין אייגענעם שאַפן. אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען זיינען געוואָרן ניט סתם סאָציאַלע פּראָבלעמען, נאָר זיינע

אײגענע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן געפינען זײער לײזונג פריער פון אַלץ פאַר אים אַלײן, ווי אַ דיכטער, ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. און ער הײבט אָן צו באַרירן יעדע וויכטיקע געשעעניש אינעם יידישן לעבן און אינעם אַלגעמײנעם לעבן.

די רעוויזיע מאַכט דער דיכטער ניט נאָר פון דעם איצט, נאָר אויך, אין רעטראָספּעקט, פון זײן נעכטן. ער זאָגט:

„נו, יאָ, איך בין אַ זון פון אַ טאַטן, וואָס האָט באַטראַכט
שמולקע דעם שוסטער און יאָסל דעם שנײדער פאַר קלענער פאַר זיך,
באַטש יענע האָבן אַזעלכע שײנע מלבושים און שיך
פאַר אונדזער גאַנצער משפּחה אויף יום-טוב געמאַכט."

דער וועג, אויף וועלכן דער דיכטער איז אַרויף אין זײן בוך „אונטער־וועגנס", איז געווען ניט קײן לײכטער. עס איז אים ניט לײכט געווען דורכ־צומאַכן דעם גײסטיקן איבערבראָך: „ניט הײמיש איז מיר נאָך דער נײער וועג, נאָר אַלטער האָט נישט מער, ווי חלום בלויז געהאַט..." אָבער ער זעט שוין:

„...אין אַזעלכע טעג, ווי קאַמיש מוז זײן יעער זינגער,
וואָס טרילט צו דעם זונשײן אויף אײגענעם פענצטער, —
מעג זײן יענער זינגער דער פײנסטער, דער שענסטער..."

און אין זײן „אני־מאמין" אין דעם זעלביקן בוך זאָגט ער, אַז ער איז —

„...בציבור מיט די, וואָס בלײבן נישט פון הינטן,
מיט די, וואָס שלאָגן זיך מיט בײזע ווינטן,
באַזיגן זײ און לאָזן זײ פון הינטן..."

איצט איז שוין פאַרן דיכטער געווען לײכט צו קומען צו זײן נײעם בוך „פיניע". די פריערדיקע ניט צו־קלאָרע, ניט צו־זיכערע בלאָנדזשעניש זײנען פאַריבער. די פריערדיקע אומרואיקײט האָט זיך פאַרביטן מיט קלאָרן באַוואוסטזײן פון ציל. פון דער כאַאָטישקײט, וואָס האָט געשטרויכלט זײן גאַנג אין דער צײט פון איבערבראָך, האָט זיך געגומען פאַרמירן אָרדענונג, אָפענע פערספּעקטיוו. עס איז אים מיט אַמאָל לײכט געוואָרן צו שרײבן וועגן די שווערסטע זאַכן. די יוגנטלעכע שטימונגען זײנען צוריקגעקומען באַרײכערטע מיט נײער דערפאַרונג און מיט נײער דערקענטעניש. די שווע־רע טעג פון „אונטערוועגנס" זײנען פאַרביטן געוואָרן מיט דער געזונטער האַפערדיקײט פון קאַמף. אין דעם נײעם ווערק איז דער דיכטער געקומען ווי צו זיך אַהײם, דערפילט די וואַרעמקײט פון דער אײגענער הײם, די פולע נאָענטקײט פון דער אײגענער סביבה און פון די מענטשן אַרום זיך. ווײנפּער איז געקומען צו זיך, צו זײן אײגן לעבן.

זײן לעבן איז פול געוואָרן מיט דער קלאָרער וויזיע פון אמת, מיט פולער

אחריות פאַרן מענטשלעכן לעבן און פאַר דעם אייגענעם קינסטלערישן גאַנג אין דעם לעבן אַריין. אָבער איצט איז ער שוין ניט אַליין: פּיניע —

„... . הערט דאָס גיין
פון טריט,
און אַ ליד,
גייט אויף פון זיין געמיט
צו זיי,
ווי נאָך טראָט אין דער ריי ... ."

דער דיכטער דערפילט מיט אַלע זיינע חושים דעם אמת פון לעבן. אַלע פּראָבלעמען, אַלע פראַגן רעדוצירן זיך פאַר זיינע אויגן צו איין פּראָבלעם. אַלע ראַסן־אומגלייכקייטן, אַלע קלאַסן־אומגלייכקייטן, דער גאַנצער געראַנגל פון מענטשלעכן לעבן זיינען אַ רעזולטאַט פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, און דער ציל און דער אינהאַלט פונעם מענטשלעכן לעבן מוז ווערן די באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. פּיניעס —

„אויגן הייבן אָן זען, זיינע אויערן — הערן,
און זיין האַרץ באַנעמען הייבט אָן
דעם זין פון דער פאָן,
וואָס שמעלצט די מאַסן
פון פעלקער און ראַסן
אין יהבל געברויז."

דער דיכטער הייבט אָן צו רעדן אַן אַנדער שפּראַך. זיין דיכטונג ווערט נעענטער צום לעבן, צו דער ווירקלעכקייט, ווערט אַנגעטאָן אין פלייש און אין בלוט פון אַלץ, וואָס לעבט און קעמפט און באַלעבט דאָס אַרומיקע מיט אויסדרוק און מיט ציל־באַוואוסטקייט.

פאַרן דיכטער קומט־אָן אַ נייער טאָג. עס קומט־אָן אַ נייער פרימאָרגן. אין אַזאַ פרימאָרגן דערזעט ווינפּער דאָס לעבן קלאָרער. קלאָרער פאַר זיך און פאַר אַנדערע. אין אַזאַ פרימאָרגן איז לייכט און גוט און וואַרעם־געמיטלעך אויפן האַרצן. עס איז לייכט צו רעדן וועגן די שווערסטע זאַכן און עס ווילט זיך אַ שפּיל טאָן מיט אַ פרישן וואָרט־קלאַנג, מיט אַ לייכטער וואָרט־קאָמבינאַציע. און ווינפּער דערציילט זיין מעשה, די מעשה פון זיין אייגענעם לעבן מיט אַ לייכטן, שפּילעוודיקן הומאָר, מיט סובטילער אייגנעהאַלטנקייט, מיט אַ מעלאָדישן אומגעקינצלטן נאָכקלאַנג, פון אַ פרישן, אומגעצוואונגענעם גראַם.

דעם דיכטערס לעבן גייט דורך פאַר די אויגן פון דעם לייענער אין אַ מאָדנעם שפּילעוודיקן געלאַף. בילדער פון היינט ווערן פאַרביטן מיט די בילדער פון נעכטן און אייערנעכטן. גאַנץ אָפט ווערט אויך דער לייענער

מיד פון דער בײַטעניש פון געשעענישן, פון דער איבערפליסיקייט, אין וועלכן דאָס בוך איז געשריבן. אָבער ער ווערט כמעט אויף יעדן זײַטל באַלויכטן דורך אַ טרעפלעכן וואָרט, דורך אַ חנעוודיקן דיכטערישן ניואַנס און דורך אַ בילד, וואָס דערנעענטערט איך צום דיכטער, ווי צו אַן אייגענעם, און זײַן אינטימע איבערלעבונג ווערט אַ טייל פון אייער אייגענער איבערלעבונג.

„פיניע" איז אַ בוך, וואָס אָטעמט מיט דעם אָפּטימיזם פון ווײַנפּערס ווידמונג פיניען, זײַן צווילינג, אין וועלכן ער זאָגט:

„און זײַנען אונדזערע וועגן פאַרהילט
אין פלאַם און אין רויך,
איז אָבער אונדזער כּוח
איצט אַ צעוואַכטער.
דער נעכטיקער טרוימער און טראַכטער
איז הײַנט אויך אַ טוער, —
מיר וועלן נאָך דערלעבן
זינגען ה ל ל ו י ה
צום לעבן."

מיט אָט דער האָפערדיקייט הייבט ער אָן זײַן אויטאָביאָגראַפיע און מיט דער האָפערדיקייט פאַרענדיקט ער זי ביז דעם יאָר ניינצן נײַן און דרײַסיק, אַ יאָר, וואָס איז געוואָרן אַ וויכטיקער עטאַפּ אויפן וועג צו אַ נײַעם פרוכטבאַרן, שעפערישן לעבן פאַרן דיכטער ז. ווײַנפּער.

1940

ז. וויינפערס „דער גילדענער האָן"

די יידישע קינדער־ליטעראַטור, און באַזונדערס — די קינדער־פּאָעזיע, זיינען די יינגסטע צווייגן אויף דעם בוים פון דער יידישער שעפערישער קולטור. אָט די צווייגן האָבן אַרויסגעשפּראָצט ערשט מיטן אָנקום פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און מיטן אויפקום פון דעם מאָדערנעם יידישן שול־וועזן אין אייראָפּע און אַמעריקע.

אין די אַמאָליקן צייטן האָט דאָס יידישע קינד פאַר זיך געהאַט נאָר דעם ספר פון זיינע עלטערן. און אַ ספר האָט מען באַדאַרפט לערנען און דערלערנען צו אַ תכלית — מערסטנס אָן דער עסטעטישער הנאה, אָן דער פרייד פון שעפערישן וואָרט. שוין אין די ערשטע לידער, וואָס אַ קינד האָט געהערט זינגען ביי זיין וויגל, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער גרעסטער אידעאַל פון זיינע טאַטע־מאַמע איז די שווערע פליכט צו דער תורה, און אַז דער ציל, צו וועלכן ער דאַרף שטרעבן, איז — צו ווערן אַ רב, אָדער אַ סוחר.

דער איינציקער קוואַל, פון וועלכן דאָס קינד האָט שפּעטער געקאָנט ציען די גייסטיקע נאַרונג פאַר זיין פאַנטאַזיע, איז געווען דער חומש, די נביאים ראשונים און טיילוויז — די כתובים. אָבער אויך אָט די ווייטע און אויסטערלישע מעשיות האָט מען געמוזט לערנען און איבערלערנען, פּסוק נאָך פּסוק, אונטערן רבינס שטרענגען טייטל און מיט דעם רבינס סקאַרבאָווע פּאַרטייטשונגען, מיט די שטענדיקע איבערחזרונגען, וואָס האָבן די הנאה גרינטלעך צעשטערט.

זיין אייגענע קינדערשע וועלט, זיין קינדערשע געמיטלעכקייט, האָט דאָס קינד ערשט געפונען אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און פּאָעזיע (און גאָר באַזונדערס — ביי שלום עליכמען). דאָ האָט עס געפונען זיינע אייגענע פריידן און זאָרגן, וויל מיט אים האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן זיין לשון, ניט ווי דערוואַקסענע מיט מינדעריעריקע, נאָר ווי גלייכע צו גלייכע, — שרייבער, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אין זיין אייגענער געמיטלעכקייט, געשוועבט אין דער זעלביקער רעאַלער און פאַנטאַסטישער אַטמאָספערע פון עכטער קינדערשער איבערלעבונג.

ז. וויינפער — „דער גילדענער האָן". איקוף־פאַרלאַג, בוענאָס־איירעס, 1948.

אָט די אַלגעמײנע באַטראַכטונגען זײַנען מיר געקומען אין זינען, בעת איך האָב געלײענט ז. ווײַנפּערס בוך קינדער־לידער „דער גילדענער האָן" אין דער צווײטער, היפּש־פאַרגרעסערטער, אויפלאַגע, וואָס דער אָרגענ־טינער איקוף האָט מיט געשמאַק און ליבע איצט אַרויסגעגעבן. דאָ געפינט דער לײענער די באַקאַנטע לידער פון דער ערשטער אויפלאַגע און אויך אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין געוואָרן אײַנגעלײגטע געסט אין די שול־כרעסטאָ־מאַטיעס, און אויך אַ צאָל, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַנדערע וואַריאַציעס צווישן זײַנע לידער־זאַמלונגען, לכתחילה געשאַפן פאַרן דערוואַקסענעם לײענער.

ז. ווײַנפּער איז געקומען אין דער ייִדישער פּאָעזיע מיט אַ פול האַרץ מיט פרייד און ליבע פאַר דער נאַטור און פאַרן מענטשן. מיט ברייט־גע־עפנטע אויגן האָט ער, ווי אַ קינד, וואָס זעט צום ערשטן מאָל אַ וואונדער, באַטראַכט די וועלט אַרום זיך, און זי איז אים געפעלן געוואָרן. זײַן ליריש ליד (באַזונדערס אינעם ערשטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן) האָט זעלטן אויפ־געכאַפּט עלעגישע טענער. ער איז געוואָרן דער דיכטער פון געזונטער פריידיקייט. דאָס לעבן איז פאַר אים געווען אַ פריידיקע אידיליע, וואָס האָט געוועקט זײַן לירע צו לעבעדיק־שפּילעוודיקע קלאַנגען, צו זאָרגלאָזיקייט, צו קינדערשן געלעכטער און שפּיל.

ס'האָט אַזוי פּאַסירט, אַז כמעט גלײַכצײַטיק מיט זײַן קומען אין דער ייִדישער דיכטונג איז ווײַנפּער אויך געוואָרן אַ ייִדישער לערער אין די פּיאָנערן־יאָרן פונעם ייִדישן שול־וועזן אין אַמעריקע. אַ לערער — אַ דיכטער, האָט ער אין דער קינדערשער סביבה באַלד אָנגעקניפּט ביי־פּעדים פאַר זײַן ליד. די נאַטירלעכע קינדערשע חכמה, די אומגעקינצלטע דערפינדערישקייט, זייער זוכנדיקער מוח און האַרץ, און מיט דעם אַלעם — זייער דראַנג נאָך פריידיקער איבערלעבונג, האָט אינעם דיכטער געפונען אַ נאָענטן אָפּרוף. ער האָט זיך שנעל באַפרייט פון די „פּעדאַגאָגישע נאַר־מעס", וואָס זײַנען אומפאַרמײַדלעך אין אַ פּיאָנער־אַרבעט, און האָט אויסגע־נוצט זײַן דיכטערישן צוגאַנג צום קינד אויף דעם פרייסטן אופן. ער האָט ניט געזוכט דאָס קינד צו „לערנען" צו „פריידיקן" פאַר אים אַ מאָראַל, צו „דערציִען" אים אויף אַ וועלכן עס איז אָפענעם אָדער באַהאַלטענעם אופן. ז. ווײַנפּער האָט בחוש דערפילט, אַז דאָס קינד איז אַ סענסיטיווער לײענער, וואָס דערפילט באַלד, וואָס עס איז עכט און וואָס עס איז פּסולת; אַז דאָס קינד האָט פּײַנט אַלץ, וואָס ס'איז פאַר אים, ווי פאַר אַ קינד, צוגע־פּראַוועט מיט איבעריקער זיסקייט, כדי עס זאָל אײַנשלינגען, ווי אַ באַזיסטע פּיל, אַ פּאַרטיקע מאָראַל, מיט וועלכער דער דערוואַקסענער וויל אים, דעם מינדעריעריקן, „אַרײַנבאַרן אין זאַק"... דערפאַר זײַנען די מערסטע לי־דער פון יענעם ערשטן פּעריאָד פון ווײַנפּערס שאַפן פול מיט שפּילעוודיקער

דערפינדערישקייט, מיט אַקציע, מיט קלינגענדיקן גראַם מיט שפּילעוו־דיקער ווערזיפיקאַציע, מיט געזונטן אָפּטימיזם:

„איינס און צוויי,
איינס און צוויי,
איינס און צוויי איז דריי,
זון באַהעלט
אונדזער וועלט,
לעבן איז בדאי."

ז. ווײַנפּער האָט זייער ליב דעם גראַם און ער ווייסט, אַז קינדער האָבן הנאה פונעם גראַם — שפּילט טאַקע דער גראַם אין זיין ליד אַלע מאָל די ערשטע פידל. ער גראַמט אַליין, לאָזט דעם לערער זיך שפּילן מיט גראַמען — אין שול, און דעם פאָטער — אין דער היים:

„שפּילן קינדער זיך אין גראַמען,
הערן זיי ניט אויף צו ליאַרמען:
— — — — — — — — — — — — — —
און זיי שיינען, פלאַמען,
און זיי האָבן טויזנט טעמען!"

אַז ער רופט די קינדער „אין שול אַריין!" — קומט אים צונויף דער גראַם, ווי אַ ריטמישער גלאָקן־קלאַנג, וואָס צעשרייט איבער גאָר דער וועלט דעם רוף:

„אין שול אַריין!
אין שול אַריין!
וואו איר זאָלט ניט זיין,
אין לאַנד פון פיין,
אין לאַנד פון שיין,
זאָל אונדזער שול
זיין פול.
— — — — — — — — — — —
אין שול אַריין!
אין שול אַריין!
וואו מען זאָל ניט זיין —
ביים בירא, ירדן און ביים האָדסאָן,
ביים סענא, ווייסל און לאַפּלאַטאַ,
וואַקסן מיר און שפּראָצן:
פון אַ מיידעלע — אַ מאַמע, פון אַ ייִנגעלע, אַ טאַטע."

ז. װײַנפּער זעט און באַנעמט די װעלט, די נאַטור און די מענטשן אַרום אים, װי אַ קינד: — אַלע מאָל, װי צום ערשטן מאָל, אַלע מאָל מיט אַ נײַער פּאַרװאונדערונג און באַװאונדערונג, מיט אַ באַנײַטער הנאה. אַלע סעזאָנען זײַנען פֿול מיט זײער באַזונדערער פֿרייד פֿאַרן קינד. דער זומער איז בײַ אים באַזונגען אין אַלע זײַנע פֿריידן, אָבער ניט װײניקער איז באַזונגען דער קאַלטער, שטרענגער װינטער. און װי צו באַװײַזן, אַז צװישן אים און דעם קינד איז ניטאָ קײן מחיצה, אַז זײַן געמיטלעכקייט איז די געמיטלעכ־קייט פֿון יעדן קינד, איז װײַנפּערן איצט ניט שװער געװען אַרײַנצונעמען אין זײַן קינדער־זאַמלונג אַ סך אַזעלכע לידער, װאָס זײַנען פֿריער לכתּחילה געשריבן געװאָרן פֿאַרן דערװאַקסענעם לײענער און האָבן זיך געפֿונען צעשפּרײט אין זײַנע לידער־זאַמלונגען אין עטװאָס געענדערטע װאַריאַנטן.

פֿאַר װײַנפּערן און פֿאַרן קינד זײַנען אַלע נאַטירלעכע דערשײַנונגען פֿון דער װעלט װאונדערלעך, אָבער דער מענטש איז נאָך װאונדערלעכער. און אָט דער מענטש איז אױך דאָס קינד. ניט נאָר האָט עס אַלע אײגנשאַפֿטן פֿונעם דערװאַקסענעם, נאָר עס איז נאָך גאַנצער. עס איז נאָך ניט גע־בראָכן פֿון צװײפֿל און ציניזם און עס װײסט װי אױפֿצונעמען די אמתע, אומגעקינצלטע פֿרייד און האַרציק בענקען זײַנע אױפֿריכטיקע בענקענישן, און דער דיכטער פֿירט טאַקע אַרױס אַ גאַנצע גאַלערײע קינדער־טיפּן, געצײכנט מיט שאַרפֿע, קענטלעכע שטריכן. דאָ איז דער טעמפּער ײנגל בערל, װעמען דער טאַטע רופֿט „בערולע״ און די מאַמע — „מײַן גדולה״. און דאָ איז דאָס מײדעלע האָדעלע, װאָס איז שטיפֿעריש־צעלאָזן און „שטעכט װי אַ נאָדעלע״, און לײזער דער פֿאַנטאַזיאָר, װאָס שװעבט אין די הימלען, און מינדעלע די דינע מיט „אַ פּנימל, װי אַ לימענע אַ גרינע״, און שמילקע מיט דער פּילקע, און כאַנקע די ציגאַנקע מיט אױגן — „צװײ שװערדלעך בלאַנקע״, און חוה, אַ מײדעלע אַ ברען — „ממש אַ שטיק לאַװע״, און סעמי דער שיך־פּוצער, װאָס איז אַ פּראָלעטאַר אַ פֿאַרזאָרגטער פֿון זײַן אָרימער הײם, און דער װײסער שלעגערל, װאָס שלאָגט דעם נעגערל „מיט די טרױ־עריקע אױגן״, און אַ פֿאַסטוכל אַ טרױמער, װאָס האָט זיך פֿאַרטרױמט און פֿאַרזען, װי די װעלף האָבן פֿאַרצוקט זײַנע שעפּעלעך...

ז. װײַנפּער רעדט ניט אַלע מאָל צו די קינדער, װי אַ גלײַכער צו גלײַכע. אַמאָל צערעדט ער זיך װי אַ דערװאַקסענער. דערפֿאַר איז ער אָבער אַלע מאָל הײמיש אין דער סביבה פֿון קינדער. ער איז װי אַן עלטערער, מער דערפֿאַרענער, ברודער אָדער חבר, אַ קינדיש־שטיפֿערישער חבר אַזאַ, װאָס האָט ליב צו פֿאַרברענגען מיט ײנגערע קינדער און שפּילן זיך מיט זײ, װי מיט גלײַכע, און הנאה האָבן מיט זײער הנאה. זײַנע רייד, זײַן באַנעמונג, זײַן „דערװאַקסענע חכמה״, דערמאָנען טאַקע אין זײַן עלטערקייט, אָבער אַז ער איז סײ־װי־סײ אַ גרױסער שטיפֿער, איז צװישן זײ און אים קײן צו־גרױסע מחיצה ניטאָ. און אפֿשר איז גוט, אים אין זײַן דערװאַקסנקייט,

ווייל ער קען אַלע מאָל אַנטדעקן אַ „נעיים וואונדער״ אין דער נאַטור און אין דעם מענטשן, וואָס איז „אַליין אַ וואונדער שבוואונדער.״

עס וועט אָבער זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז ז. ווינפער איז דורכאויס שטיפעריש. עס זייגען אינעם בוך פאַראַן אַ סך לידער פון אַ טיפן ערנסטן כאַראַקטער, איבער וועלכע עס שוועבט אַ שטילער אומעט, אַ פאַרטראַכט־קייט וועגן לעבן און מענטשן, וועגן זיינע פריידן און ליידן, וועגן זיין גע־ראַנגל פאַר דער פרייד פון לעבן, פונקט ווי ווינפערס גאַנצע שאַפונג קאָן איינגעטיילט ווערן אין צוויי פעריאָדן, — אין דעם ערשטן, ווען ער האָט געזונגען לידער, ווי עס האָט זיך געזונגען, פריי פון די עלעמענטן פון באַ־וואוסטזיין און ציל אין זיין דיכטערישן שאַפן, און אין דעם צווייטן, ווען זיין ליד האָט אויך געגומען באַלייכטן דאָס ליכט פון אַן אידייע, אַ באַוואוסטזיין איבערן גורל פונעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. אָט די צוויי פע־ריאָדן וועט דער אויפמערקזאַמער לייענער לייכט קאָנען אויסטיילן און אָפּ־טיילן אויך אין דער קינדער־זאַמלונג „דער גילדענער האָן״. עס איז דאָ ניט אַלע מאָל די שפיל פון וואָרט און גראַם, ניט אַלע מאָל די שפיל פון ליכט, נאָר אויך די שפיל פון שאָטן און דאָס וואָרט פון אחריות. פריער איז געווען דער בלויזער גלויבן:

„זינג, זינג מיין האַרץ
אַזוי, אַזוי, אַזוי:
דאָס שוואַרץ
וועט ווערן בלוי,
וואָס שווער,
וועט ווערן גרינג...״

אָבער שפּעטער זינגט ער שוין און רופט צו דער טאַט:

„לאָמיר אונדזער לעבן טראָגן
און דאָס ניט צעפּאַטערן,
לאָמיר פלאַטערן,
ווי פאָגען צו די ווייטן.״

— — — — — — — — — —

„... שפרייט און ברענג דעם וואונדער
איבער יעדן סקוועער און גאָס, —
מיד שוין, מיד שוין פון באַזונדער,
מיד שוין פון דעם האָס...״

דאָ הייבט שוין אָן זיין ליד צו רעדן ניט נאָר צום קינד, נאָר נאָך מער — צו דעם דערוואַקסענעם. באַזונדערס אין אַזעלכע לידער ווי: „זינג צום גלאָקן־ציער״, „פיאַנערן״, „בציבור״, „שלום על ישראל״ און אַ סך אַנדערע.

אָבער אויך אָט די לידער זײַנען באַהויכט מיט ספּעציפֿישן וויינפּערישן לייכט־שפּילעוודיקן מעטאָד פֿון וואָרט־שפּיל און וואָרט־קלאַנג, וואָס זינגט אַרײַן די אידייע אינעם קינדס האַרצן, אָנשטאָט אַרײַנצוזאָגן זי. און ניט אומזיסט זײַנען אַ צאָל פֿון וויינפּערס לידער געוואָרן לידער צום זינגען, ווי, למשל: „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער", „טויבן", „איינס און צוויי" א. א.

ז. וויינפּער קאָן אויך דערציילן אַ מעשה, און די מעשה איז מערסטנס גראָד אַן ערנסטע, כאָטש ס'איז אין איר דאָ אַ סך וויניקער שפּיל און מער מעשה מיט אַ סאַטירישן אונטערטאָן. אַזעלכע ערנסטע מעשיות זײַנען פֿאַראַן עטלעכע אין דעם בוך. די סאַטירע ווערט באַהויכט פֿון אַ שטילן, עלעגישן טאָן, פֿון אַ שטילער פֿאַרטראַכטקייט, וואָס איז אָפֿט ווירקזאַמער ווי די סאַטירע — צוליב פּאָעטישער שלימות.

דאָס בוך וועט געפֿינען אַ דאַנקבאַרן לייענער ניט נאָר צווישן קינדער, נאָר ניט וויניקער אויך — צווישן די דערוואַקסענע, וואָס וועלן הנאה האָבן פֿון די גאָר־לייכטע קינדער־לידער און אויך פֿון די ערנסטערע.

1949

מ. גיציס און זיין ראָמאַן „דער וועג צום באַרג"

מ. גיציס געהערט צו דער גרופּע שיקאַגער שרייבער, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן מיט אַ צאָל ביכער, וואָס ער האָט דורך דער צייט אַרויסגעגעבן, טאַקע אין שיקאַגע („גלאָקן" — 1926; „באַוועלן" — 1932; „די זון אין מזרח" — 1936; „בטחון" 1939), און אַ היפּשע צאָל דערציילונגען, געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און זשורנאַלן.

מיט אָט די ווערק זיינע (אפילו אין אַ וועלט פון גלייכגילט, וואָס די יידישע קריטיק ווייזט אַרויס צו אַ שרייבער פון דער פּראָווינץ) האָט מ. גיציס באַוויזן צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער בעסערער לייענערשאַפט און, טיילוויז, אפילו פון דער קריטיק, מיט אַ צאָל דערציילונגען, וואו ער שילדערט גאַנץ־אָריגינעלע סיטואַציעס, מיט אַ חוש פאַר פרישער טעמאַטיק, וועלכע ער פאַרפיקסירט מיט אַ לעבעדיקן, אימפּעטיקן דראַנג צו אויסדרוק און פאַרטראַכטקייט. און כאָטש אָט די דערציילונגען האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט זייערע אָריגינעלע שילדערונגען, האָבן זיי אָבער עדות געזאָגט אויף באַזונדערע פעיאיקייטן און טאַלאַנט.

דערפאַר איז געווען אַ פרייד צו זען פאַר זיך אַ היפּשן ראָמאַן (קנאַפּע 300 זייטן פון גרויסן פאָרמאַט) מיט אַ היינטצייטיקן אינהאַלט, געשריבן מיט אַ לייכט־פּולסירנדיקער שפּראַך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר גיציסעס פען. עס האָט זיך געוואָלט פאַרבינדן דעם גוטן איינדרוק פון זיינע בעסערע דערציילונגען מיט זיין נייעם ווערק.

די מאָס, מיט וועלכער מיר מעסטן אַ קורצע דערציילונג, קאָן ניט אָנגעווענדט ווערן אויף אַ ראָמאַן. די מאָסן זיינען באַזונדערע. ווייל דאָרט, וואו אַ דערציילונג איז פאַראינטערעסירט צו פאַרפיקסירן אַן איינצלנע, אָפּגעזונדערטע סיטואַציע אין אַ קירצערן צייט־אָפּשניט, דאַרף דער ראָמאַן אָפּשפּיגלען דאָס לעבן אין אַ גרעסערן צייט־אָפּשניט. אַ ווערק, אין וועלכן יעדעס קאַפּיטל, יעדער טייל זיינער, מוז זיין אַן אינטעגראַלער טייל פון אָט דער גאַנצקייט. יעדע סיטואַציע מוז דאָ האָבן אַן אַבסאָלוטע שייכות און אַנריר־פּונקטן מיט דער הויפּט־טענדענץ, מיט דער אידייע פונעם בוך. אין דעם זין איז דער ראָמאַן אַ גאַנץ־קאָמפּליצירטער אָרגאַניזם און פאַדערט, נאַטירלעך, אויך אַן אַנדער צוגאַנג.

אָבער קודם־כל וועל איך דאָ איבערגעבן, אין קורצן, דעם אינהאַלט:

אַ ניו־יאָרקער יידישער שרייבער (באַראַש) און זיין פרוי (אַדאַ) האָבן

צווי קינדער, אַ זון און אַ קליין טעכטערל. דער זון, אַ ניינצן־יעריקער בחור, אַ רעוואָלוציאָנער, שליסט זיך אָן אין דעם שפּאַנישן בירגער־קריג און קומט דאָרטן אום אויף אַ טראַגישן אופן. אַ קורצע צייט שפּעטער גיט באַראַש אַרויס אַ בוך, אין וועלכן עס פיגורירט אַלס הויפּט־העלדין זיין געוועזענע געליבטע (שעליאַ). אַדאַ דערוויסט זיך וועגן אָט דער ליבע, פאַרלאָזט זי דעם מאַן און פאָרט אַוועק מיטן טעכטערל קיין קאַליפאָרניע, צו איר מוטער. באַראַש בלייבט אַן איינזאַמער. באַשליסט ער אָפּזאָגן זיך פון זיין שפּעפערישער פאַרגאַנגענהייט און אָנהייבן אַ ניי לעבן. ער פאָרט אַוועק אין אַ קליין, פאַרוואָרפן שטעטל, ווייט פון זיין אייגענער סביבה, לעבט אונטער אַ פּיקטיוון נאָמען, הייבט אָן צו שרייבן אַ סענטימענטאַלן טאָג־בוך. אינעם שטעטל באַקאָנט ער זיך מיט אַן איינזאַמער יידישער פאַמיליע, אַ יונגע אלמנה (סטעלאַ) און איר פאָטער, אַן אַרבעטער אין אַ פאַבריק, און ווערט אַן אָפטער אַריינגייער צו זיי אין הויז. באַלד הייבט זיך אָן וועבן אַ ליבע צווישן באַראַשן און דער יונגער אלמנה. דורך דער צייט פּאַסירט, אַז באַראַש ווערט אויפגעטרייסלט פון די אַנטיסעמיטישע רעדעס פון איינעם יאָהאַכים. ער קערט זיך אום אויף אַ קורצער צייט אין ניו־יאָרק. דאָ געפינט ער אויס, אַז זיין פרוי מיטן טעכטערל איז אין ניו־יאָרק און זי גיט אַרויס זיין לעצט ווערק מיט פיל פיעטעט און ליבע. באַראַש בלייבט אָבער אין באַהעלטעניש. ער באַשליסט, נאָך אַ געוויסער ראַנגלעניש, צו דערשיסן דעם אַנטיסעמיט, יאָהאַכימען. נאָכן אַטענטאַט קערט ער זיך צוריק אום אינעם קליינעם שטעטל, לאָזט איבער דער געליבטער סטעלאַן זיין טאָג־בוך, אין וועלכן עס ווערט אַנטפּלעקט דער סוד פון זיין לעבן, און באַגייט זעלבסט־מאָרד דורך פאַרסמען זיך.

אָט דאָס איז די קאַנווע, אויף וועלכער דער שרייבער האָט פּרובירט אויסוועבן אַ זייער קאָמפּליצירטן געוועב פון פּסיכאָלאָגישע און געדאַנק־לעכע קאָנפליקטן. אין אָט דעם געוועב האָט ער פּרובירט אַריינפלעכטן אידייען, באַגריפן, פאָראורטיילן, סיטואַציעס, וואָס וואָלטן געסטייעט ממש אויף צענדליקער ווערק. דאָ קענט איר געפינען פילאָזאָפישע עסייען וועגן לעבן, וועגן ליבע, וועגן גליק, ליטעראַטור און קונסט, און אָפּהאַנדלונגען וועגן רעליגיע, אַנטיסעמיטיזם, יידישע ליטעראַטור, וועגן קולטור און מאָראַל, עטיק און עסטעטיק, יושר און אומרעכט, טויט און לעבן, העראָ־אישקייט און געפאַלנקייט, אמת און שקר, גאָט און טייוול, אילוזיע און ווירק־לעכקייט, שעפערישע וויזיע און רעאַליזם, — און וואָס ניט? עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט אויסצורעכענען דאָ אַלע פּראָבלעמען, וואָס ווערן אָנגעהרודעט אויף דער זייער פּשוטער קאַנווע פון דעם ראָמאַן. עס עפענען זיך פאַר אייך קוואַלן פון „אייביקע“ פּראָבלעמען, וואָס פליסן און פאַרפלייצן דעם גאַנג פונעם ראָמאַן.

מענטשן ווילן אין דעם ראָמאַן ניט רעדן קיין געוויינלעכע, מענטש־

לעכע רייד. זיי מוזן דווקא „פילאָזאָפירן", אַרויסברענגען פילאָזאָפישע טראַקטאַטן און פאַרמאַטערן אייך מיט זייער חכמה, מיט זייערע אַפאָריזמען. אַלע רעדן זיי „הויכע" פראַזן, באַנוצן אַ „הויכן" טאָן. אַלע, ממש אַלע מענטשן, זיינען דאָ אַזעלכע „חכמים", וואָס אין יעדער פראַזע זייערער ליגט אַ וועלט מיט ערודיציע, פּאָעטישע וויזיאָנערישקייט, אינטעליגענץ און לעבנס־דערפאַרונג, אַז רעדן פשוטע רייד פּאַסט גאָר ניט צו זייער פּנים...

אַנשטאָט לעבן, הערט איר נאָר ווי מענטשן רעדן וועגן לעבן.

אַנשטאָט ליבן, הערט מען נאָר רייד וועגן ליבע. אַנשטאָט ראָמאַנסירן — רעדט מען נאָר וועגן ראָמאַנסירן. דעם מענטשן אַליין זעט מען ניט, נאָר מ'הערט זיינע רייד. און ווען עס הערט־אויף צו רעדן איין מענטש, הייבט אָן צו רעדן אַ צווייטער, אָבער אין די רייד איז גאָר ניטאָ קיין אונטערשייד, ווי זיי אַלע וואָלטן געווען איין מענטש.

אַלץ דרייט זיך אין דעם ראָמאַן אַרום דעם הויפּט־העלד, דעם שרייבער באַראַש. איז ווער איז ער דאָס, אָט דער העלד, וואָס אַרום אים דאַרף זיך אַלץ דרייען, ווי די פּלאַנעטן אַרום דער זון? ער איז אַ שוואַכער מענטש, וואָס פאַרפּלאָנטערט זיך אַליין מיט אַלערליי אויפגעבלאָזענע מאַטערנישן, ראַנגלט זיך מיט עפּעס אילוזאָרישע באַריערן, און איר ווייסט ניט צוליב וואָס די פּלאָנטערניש, די מאַטערניש און די ראַנגלעניש, אין דער צייט וואָס פאַר אים זיינען דאָ אַזוי פיל לייכטע אויסוועגן. איר פרעגט זיך: וואָס וויל ער? פאַר וועלכער אידייע קעמפט ער? פאַר זיינע אויגן גייט דורך אין קאַליידאָסקאָפּ אַן אויפגעברויזט לעבן. פאַשיזם און מלחמה. פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. קאַמף פאַר אידייען. שעפערישער געראַנגל. פאַר זיינע אויגן ברעכט זיך די וועלט. עס ברעכט זיך זיין אייגענע יידישע וועלט, און ער האָט בלויז פאַר דעם באַנאַלע רייד, און אין מיטן פון דעם אַלעמען הערט ער זיך ניט אויף צו יאָגן נאָך עפּעס, פאַר וואָס ער אַליין האָט ניט קיין נאָמען, פאַר וואָס ער אַליין קאָן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן ניט געפינען קיין זין, קיין רעאַלן אָנהאַלט.

און ווי דער הויפּט־העלד, אַזוי אויך די אַנדערע מענטשן אינעם בוך. זיי אַלע „טרוימען", „פאַנטאַזירן", „חלומען", „מאָראַליזירן", זוכן אַן אַבסטראַקטן „יושר", אַן אילוזאָרישן „אמת", יאָגן זיך נאָך „הויכע אידעאַלן" און בלייבן ביי זייערע רייד — אָט פונקט אַזוי ווי דער הויפּט־העלד.

אַז איר פאַרענדיקט דאָס בוך, פרעגט איר: פאַרוואָס זוכט ער אַ זין און אַן אינהאַלט אין לעבן אַזש ביז אין די קאָסמישע טיפקייטן, ווען דער זין און דער אינהאַלט איז אָט דאָ לעבן אים, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען? ער האָט זיך זייער לייכט געקאָנט אומקערן צום אייגענעם ווייב, ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז זי איז אים געטריי און איבערגעגעבן. אָדער ער האָט זיך געקאָנט פאַרבינדן מיט סטעלאַן, וועלכע איז פאַר אים געווען אַן אידעאַלע פּערזאָן. אָט בענקט ער, למשל, זייער שטאַרק נאָך דער יידישער סביבה,

נאָך דעם ידישן יום־טוב, מאַטערט ער זיך אין דער פרעמד, רעדט וועגן זיין בענקשאַפט נאָך אַט די הייליקע זאַכן. ווילט זיך פרעגן: פאַרוואָס, צו אַלדי גוטע יאָר, קויפט ער ניט קיין באַן־בילעט, פאָרט ניט אַריבער קיין ניו־יאָרק, פאַרבינדט זיך מיט זיין אייגן לעבן, און אַ סוף זאָל עס נעמען!

און ווען בעראַש באַגייט זעלבסטמאָרד, פרעגט איר ווידער: פאַרוואָס? אפילו אין זעלבסטמאָרד דאַרף זיין אַ זין, אָדער אַן אורזאַך. און ווען איר זעט, אַז אפילו דער טראַגישער טויט פונעם איינציקן זון לאָזט ניט איבער קיין דויערנדיקן איינדרוק אויף דעם עגאָאיסטישן טאַטן, פרעגט איר ווידער.

ווייל אָנוואַרפנדיק אַ שלל מיט פראָבלעמען און סיטואַציעס האָט אונדז דער מחבר ניט געגעבן קיין שליסל צו די טירן און טירעלעך, וועלכע ער האָט פאַרשלאָסן מיט אַלערליי קונציקע שלעסעלעך פון אויפגעבלאָזענער רעטאָריק. איר זייט דערפאַר די גאַנצע צייט אונטערן איינדרוק, אַז ניט דער שרייבער פירט דעם העלד איבער אַט די מאָדנע עקסקורסיעס פון געדאַנקלעכע און עמאָציאָנעלע בלאָנדזשענישן צוליב בלאָנדזשעניש, נאָר פאַרקערט, אַז זיין העלד, אַט דער ווייך־רוקנדיקער, ווייבלעכער, זייער סענ־טימענטאַלער און זייער עגאָאיסטישער באַראַש, צווינגט דעם מחבר אָנצו־נעמען זיין באַנאַלע פּראַזעאָלאָגיע פאַר גוט געלט און אָננעמען זיינע פאַלשע אָנשטעלן פאַר גאַנצע אמתן.

און קומען קומט עס פון דעם, וואָס מ. גיציס איז צוגעטראָטן צו זיין ראָמאַן אָן אַן אידייע. ער האָט זיך ניט געשטעלט קיין באַשטימטע אויפגאַבע און זיינע העלדן האָט ער ניט געגעבן קיין פונקציעס, וואָס זאָלן קאָנען פאַר־ענטפערן אַט די אויפגאַבע. זיי זיינען ניט קיין לעבעדיקע געשטאַלטן, וואָס אָטעמען, לעבן און ראַנגלען זיך פאַר עפּעס, נאָר זיינען ראָבאָט־מאַשינקעס, וואָס וואַרפן אָן טויזנט פּראָבלעמען אויף אַ מאָל און לעבן זיך אין זיי ניט אויס.

אַט האָט זיך גיציסן פאַרגלוסט צו געבן זיין באַראַשן אַ פונקציע פון אַ „בונטאַר״, אַ „טראַבל־מאַכער״ אין אַ פאַבריק. איר דערהערט אָט דעם מענטשן רעדן „רעוואָלוציאָנערע״ רייד.

עס איז אַ בוך פון כולו טראַגעדיע, אָבער קיין טראַגיזם איז דאָרטן ניטאָ. עס איז אַ בוך פון „פּראָבלעמען״, אָבער קיין פּראָבלעמאַטיק איז דאָרטן ניטאָ. עס איז אַ בוך מיט ״אידייען״, אָבער קיין אידייע איז דאָרטן ניטאָ. אַט ווי גיציסעס העלד שרייבט:

„...אָ, אָדם, אָדם!... אין דיינע אָרעמס איז געלעגן די אייביקע חוה און די זאַפטיקע עפּל אירע האָבן געוואַרט אויף דעם ביס פון דיינע ציין... ווי צוויי שלאַנגען האָבן זיך אירע צעפּ געוויקלט אַרום דיין האַלדז און געלאַשטשעט די באַקן מיט זיידענע פונקען... ווי צוויי אָנגעצויגענע סטרונעס האָבן אירע פיס וויברירט אונטער דיינע הענט און אירע אָרעמס האָבן ווי צוויי ווייסע פליגל געפלאַטערט ביי דיין הייסן פּנים... און די רגע, די רגע איז געווען אַזוי נאָענט... אָ, אָדם, אָדם! הער ווי דער אָפּגע־

נאַרטער איך וויינט אין איר און אין דיר! פאַרוואָס האָסטו מיך באַרויבט פון געניוס? פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געלאָזט אויסברענען, ווי אַן אָנגעצונדענע ראַקעט, און באַלויכטן מיין הימל מיט אויסגעחלומטע שטערן?... פאַרוואָס האָסטו געלאָזט אונדזערע נשמות וויגן זיך אין ווינט פון צעפלאַקערטן כאַאָס?...״ (די פינטעלעך זיינען גיציסעס).

אָט אין דעם פאַטעטישן סטיל איז אָנגעשריבן דאָס גאַנצע בוך, וואָס זיין קאַנווע איז אַ רעאַליסטישע, און האַלט זיך אויף אין אַ ראַם פון געוויינלעכע מענטשלעכע ראַנגלענישן פון היינטיקער צייט. אָבער אויף אָט דער קאַנווע האָט זיך דער מחבר דווקא פאַרוואָלט אָנוואַרפן „אויזאָרן״ פון איבער־סובלימירטע אַבסטראַקציעס, וועלכע לאָזן איבער דעם לייענער אומבאַפרידיקט, ווי ער וואָלט נאָך לאַנגע בלאָנדזשענישן — אין ערגעץ ניט דערגאַנגען.

און עס איז אַ שאָד. ווייל מ. גיציס פאַרמאָגט טאַלאַנט. ער דאַרף זיך נאָר באַפרייען פון דעם עמאָציאָנעלן דראַנג צו שיין־קלינגענדיקער פראַזעאָלאָגיע, פון איבעריקער פאַטעטישקייט און באַפליגלטן וואָקאַבולאַר, וואָס אָנשטאָט צו אַנטפּלעקן דעם אמת פון דער ווירקלעכקייט, וויקלען זיי אים דאָס רעאַלע אין אַ טומאַן, פאַרוואַרפן עס מיט טונקעלע קאַלדרעס, פון אונטער וועלכע מ׳קאָן ניט אַרויסזען ניט דעם מענטשן און ניט די אידייע.

1944

שלמה וואַסערמאַנס „היימישע מענטשן"

אין אונדזער שעפערישער ליטעראַטור ווייזן זיך די לעצטע יאָרן אַלץ ווייניקער ריין־בעלעטריסטישע ווערק. די דערציילונג, די נאָוועלע און באַזונדערס — דער לענגערער ראָמאַן, זיינען געוואָרען פון די זעלטענע געסט. אפשר דערפאַר איז די בענקשאַפט אַזוי גרויס נאָך אַ ווערק, וואָס זאָל אין זיך אַריינגעמען גרעסערע שטחים פון צייט און סביבה, וואָס זאָל טיפער שילדערן כאַראַקטערן און ברייטער אָפּשפּיגלען דאָס יידישע לעבן ביי אונדז אין אַמעריקע.

אונדזער ליטעראַטור איז געוואָרן אַ זינגעווּדיקע, אַ דעקלאַמאַטאָרישע, אַן ענג־עמאָציאָנעלע, און דערפאַר — אַ קורץ־אָטעמדיקע. זי באַמיט זיך אפילו גאַנץ־אָפּט אויסצופילן די פונקציעס פון דער פּראָזע. זי פּרואווט דערציילן אַ מעשה, פריידיקן אַן אידייע, און שילדערן סביבות, כאַראַקטערן דורך קלינגענדיקן וואָרט און זינגעווּדיקן פערז. אמת, דאָס געלינגט איר ניט אַזוי אָפּט, אָבער זי פּרואווט...

ס'איז דערפאַר אַ פרייד צו באַגעגענען אַ בוך פּראָזע צווישן דעם שלל לידער־זאַמלונגען, און דערצו נאָך — אַ בוך פון אַ נייעם שרייבער, פון כמעט אַ פּנים חדשות. מיט אָט דעם פריידיקן געפיל און נייגער האָב איך באַגעגנט דאָס בוך דערציילונגען „היימישע מענטשן" פון שלמה וואַסערמאַן.

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ טראַגישער הייליקונג, — ווי אַ סך יידישע ביכער אין אונדזער צייט, — „אין ליכטיקן אָנדענק פון מיין ברודער און דריי שוועסטער מיט זייערע משפחות אין פּוילן, וואָס האָבן געטיילט דעם טראַגישן גורל פון זעקס מיליאָן קדושים". ס'איז דערפאַר באַטירלעך, וואָס דער לייענער געפינט אין בוך אַ היפּשע צאָל דערציילונגען, וואו דער מחבר זוכט אַ קינסטלערישן אויסדרוק פאַר זיינע טיפע איבערלעבונגען.

שלמה וואַסערמאַן באַצייכנט די זאַכן, וואָס זיינען אַריין אין דער זאַמלונג, ווי דערציילונגען. אָבער ווייט ניט אַלץ, וואָס ס'איז אַריין אין בוך, קאָן צוגערעכנט ווערן צו אָט דעם זשאַנר. פאַרקערט, מ'געפינט ביי אים מער פאַרצייכענונגען פון דעם כאַראַקטער „געזען, געהערט און פאַרצייכנט", — סיי צוליבן אינהאַלט און סיי צוליב דער פאָרעם. עס איז אַ מאַטעריאַל, וואָס דער מחבר האָט גענומען פון דער אַרומיקער סביבה: אין שאָפּ, אויף

שלמה וואַסערמאַן — „היימישע מענטשן". דערציילונגען. ניו־יאָרק 1948.

דער גאַס, אין דער היים פון די „נעקסטדאָריקע״, אין סאָבוועי. ער האָט פאַרצייכנט אַלץ, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ געוויסן איינדרוק, אָן אַ באַזונדערן איבערקלייב און אָפּקלייב, אין שייכות מיט צייט און סביבה און טיפערער איבערלעבונג. עס איז געצייכנט פון אַ צו־נאָענטער דיסטאַנץ, אָן דער קינסטלערישער פּערספּעקטיוו, וואָס איז אַבסאָלוט נויטיק אין אַ דערציילונג. אַ מאָלער, וואָס מאָלט אַ בילד, אַפילו פון נאַטור, וועט שטענדיק האָבן אין זינען דעם וויכטיקן עלעמענט פון פּערספּעקטיוו, ווייל דער לייענער, ווי דער „צושויער״, דאַרף ניט נאָר דערזען און באַנעמען דאָס בילד, נאָר אויך די סביבה־שייכותן, מיט וועלכע עס איז אַרומגערינגלט.

די וועלט איז פול מיט דערפאַרונגען, איבערלעבונגען, אידייען, וואָס וואַרטן אויף דעם שעפערישן אָפּקלייב פונעם קינסטלער. און דאַרף נאָר דערפילן און באַנעמען דאָס אָפּגעקליבענע און געפינען פאַר דעם אַ פּאַסיקן אויסדרוק, די פּאַסיקע פאָרם.

דאָס האָט שלמה וואַסערמאַן אַליין אויף אַ געלונגענעם אופן באַשטעטיקט אין איינער פון זיינע בעסטע דערציילונגען אין בוך — „אַ פרילינג־קאָנצערט אַזאַ״. ס׳איז אין אָט דער דערציילונג (אגב, אויך פון אַ לאָקאַלן כאַראַקטער) פאַראַן די פולע האַרמאָניע צווישן דעם, וואָס מיר רופן אָן „פאָרם און אינהאַלט״. נאָך מער: דער מחבר האָט אין דער דערציילונג אַריינגעפלאָכטן אַ סך קינסטלערישע עלעמענטן, וואָס העלפן אַרויסצוברענגען די הויפּט־אידייע: די סימבאָליק פון וואָרט און די סימבאָליק פון קרובה־שאַפט צווישן פאָטער און טאָכטער, וואָס הייליקן דעם אָנדענק פון די קדושים דורך יידישן לעבן, וואָס איז ידישער המשך — די אידייע פון „עם ישראל חי״. אין אָט דער רירנדיקער דערציילונג האָט דער מחבר, אָן קלאָג־געוויין, אָן „רעזאָנערישע רייד״, געבראַכט צום אויסדרוק די טיפסטע איבערלעבונג. ער האָט אין דער פּראָזע באַוויזן צו פאַרמישן פונקט אַזוי פיל עלעמענטן פון פּאָעזיע, וויפל אַ גוטע דערציילונג דאַרף האָבן.

צווישן די נאָענט צו דרייסיק דערציילונגען אינעם בוך „היימישע מענטשן״ וועט דער לייענער, באַזונדערס — דער אַרבעטער־לייענער און דער „היימישער מענטש״, געפינען נאָך אַ צאָל גרעסערע דערציילונגען, וואָס שטרייכן אונטער די ערלעכע שרייבערישע כוונות, וואָס דער מחבר האָט פאַר זיך געשטעלט. ער וועט דאָ געפינען די אַביסל־פאַרנאַכלעסיקטע שאָפּ־טעמע, וואָס איז, אפשר צוליב דער צייטווייליקער „פּראָספּעריטי״, אַראָפּ פון דער טעמאַטישער סצענע... די פאַרדינסטן — אַביסל גרעסערע, די „שטונדן״ — אַביסל קירצערע, האָבן פאַרן שרייבער ווי צוגענומען די „טראַגיק״ פון דעם אַרבעטערס דאָליע. פאַר שלמה וואַסערמאַנען אָבער, וואָס איז אַליין אַ שאָפּ־אַרבעטער, איז שאָפּ נאָך אַלץ — שאָפּ. פאַרמאָן און באָס און מאַשין־גערוידער, די צוואַנג פון דער אַרבעט־שעה, די יאָגעניש

נאָכן „באַנדל", אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט — דאָס אַלץ זויגט סיי־ווי אויס דאָס בלוט פונעם אַרבעטערס אָדערן, פאַרקירצט זיינע יאָרן.

אָט ווי ער באַשרייבט די געפילן פון אַן אַרבעטער אין דער קורצער דערציילונג „אין מיטן דער אַרבעט": „זיינע אויגן האָבן זיך באַהעפט מיט דער שפּרינגענדיקער בלאַנקער נאָדל פון פיר טויזנט שטעך אַ מינוט, — אַ נאָדל, וואָס טאַנצט־אויס אַזוי געשיקט דעם 'דעזיינערס' פאַנטאַזיע, גע־בראָכענע, קאַפּריזנע ליניעס; גלייכע, האַלב־רונדע שפּיצן, קוואַדראַטן — אָט אַזוי און ניט אַנדערש!... שנעל! שנעל איז דער ריטם — דער ריטם היפּנאָטיזירט, מעקט אויס אַלץ פון מוח... די ווייזערס אויפן גרויסן זייגער זיינען ווי שאַרפע שפּיזן, וואָס שטעכן דורך די צייט, דאָס לעבן. אַלע גע־דאַנקען און געפילן ווערן צוזאַמענגעוויקלט, צוזאַמענגעקנוילט אין אַ 'באַנדל'..."

נאָך אַ טאָג שווערער, אָנגעשטרענגטער אַרבעט, פּאָרט דער אַרבעטער אַהיים מיט דער געפּאַקטער סאָבוועי, וואוהין מ'האָט אים „אַריינגעקנאָטן, ווי אַ שטיקל טייג אין דער פולער דייזשע אַריין". ער איז דענערווירט, אַלץ רופט זיך אין אים אָפּ מיט ווייטיק. אין קאָפּ קומען פאַרדאַכטן. דער נאָ־ענטסטער שכן אין סאָבוועי קאָן ווערן אַ שונא... אפילו דאָס פּלאַפּלען פון אַן אומשולדיק קינד דענערווירט אים... ערשט, ווען דאָס קינד, פאַרן אַרויסגיין פון וואַגאָן, גיט אַלעמען אַ וואָרף איר חנעוודיקן 'גוד־באַי!' — ערשט דאַן באַרואיקט ער זיך: 'אַ קינד, אַ נאַרעלע, אַ פּלאַטערל, אַ שטיק פרייד, האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער זיין שווערן געמיט'..." („נצחון").

אַזוי נאָענט־אינטים שרייבט שלמה וואַסערמאַן זיינע פאַרצייכענונגען פונעם לעבן און סביבה, אין וועלכער ער לעבט, אַז צווישן אים און זיינע כאַראַקטערן זיינען גאָר ניטאָ קיין מחיצות. די יחידישע און כלל־איבער־לעבונגען נעמט ער אויף אין נאָענטסטן באַריר און מיט דער באַנעמונג פון אַ פאָלקס־מענטשן, מיט ליבע און פאַרגעבונג. דער צער און די פרייד, דער אייביקער געראַנגל פונעם פּשוטן „היימישן מענטשן" אין די ברוטאַלע באַדינגונגען פון צייט און סביבה — דאָס זיינען זיינע אייגענע פריידן און ליידן, זיינע אייגענע איבערלעבונגען אין די סאָציאַלע באַדינגונגען פון דער גרויסער שטאָט.

און דערפאַר מסתמא די „לאָקאַלקייט" פון זיין טעמע און איר באַ־האַנדלונג. אין זיין שרייבן איז ניט אַזוי דער קאָלאָריט, ווי די לאָקאַלע איבערלעבונג, וואָס איז דורכאויס אויף דעם אויבערפלאַך פון לעבן פונעם אַרבעטער־מענטשן. אַזוי אינטים־לאָקאַל פאַרצייכנט ער צענדליקער ביל־דער, אַ גאַנצע גאַלערייע „באַקאַנטע" טיפּן פון דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס — מענטשן, וואָס טראָגן פאַראויס זייער אידעאַל, ווי אַ פאָן, און מענטשן אַנטוישטע, פאַרגרעבטע, פאַרבאַהאַלטענע אין זיך אַליין, קאַרגע

און פֿאַרדעכטיקע, ניט־פֿאַרגינערישע. מענטשן, וואָס זײַנען אַרויס פֿון די נסיונות פֿון לעבן גאַנצע, געלײַטערטע, און מענטשן, וואָס זײַנען „אויסגעאַרבעט”, וואָס האָבן אָוועקגעגעבן זייערע פֿיזישע און גײַסטיקע כּוחות דעם שאָפּ און זײַנען אַליין געבליבן אויסגעליידיקטע, אַביסל קראַנקע נערוון.

זײַנען אַלע אָט די מענטשן אַרויס מיט אַבסאָלוט־קענטיקע שטריכן? וועלן אָט די מענטשן אויף לאַנג קאָנען פֿאַרבלײַבן אין זכּרון פֿונעם לייענער? לאָזן זיי איבער אַ דויערנדיקן אײַנדרוק צוליב זייערער אַ ספּעציפֿישער אַנדערשקייט, אָדער צוליב דער ספּעציעלער ראָם, אין וועלכער דער מחבר האָט זיי אײַנגעראָמט?

בלויז געציילטע דערציילונגען פֿאַרמאָגן אין זיך אָט דעם כּוח. די מערסטע, ווי שוין געזאָגט, זײַנען ניט מער ווי פֿאַרצייכענונגען, בעסערע און ערגערע, וואָס טראָגן דעם צו־בוילעטן כאַראַקטער פֿון אַן ענגן צײַט־אָפּשניט און לאָקאַלקייט. דערפֿאַר אָבער פֿאַרמאָגט שלמה וואַסערמאַן די מעלה פֿון קענען אַרײַנברענגען אין זײַן דערציילונג דעם לעבעדיקסטן אידיאָם פֿון דער יידישער שפּראַך און צונויפֿגיסן אים מיטן שאָפּ־זשאַרגאָן, אין דער טערמינאָלאָגיע און נאָמענקלאַטור פֿון זײַן פֿאַך אַזוי, אַז עס באַקומט זיך קאָליר.

די גרעסטע מעלה זײַנע איז די פּשטות, מיט וועלכער ער הייבט אָן זײַן דערציילונג; די ערלעכקייט, מיט וועלכער ער באַהאַנדלט אפֿילו די נעגאַטיווע כאַראַקטערן. ער האָט זיי ניט פֿײַנט, נאָר ער באַדויערט זיי. ער געפֿינט אפֿילו אַ זכות פֿאַר זייער געפֿאַלנקייט. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל ער האָט ליב דעם מענטשן. ער טראָגט אַ וואַרעמקייט פֿאַר אים, ווי פֿאַר אַ קינד. אָט די אינטימקייט דערלויבט אים אָפּצודרוקן אַן אמת־אינטימע מעשה, בײַ דער געלעגנהייט פֿון אָפּוואַרטן זײַן ברודער, דעם דיכטער שניאור וואַסערמאַן, פֿון אַרגענטינע, נאָך פֿינף־און־צוואַנציק יאָריקער אָפּגעשיידטקייט, שטריכן פֿון זײַן אייגענער און דעם ברודערס לעבן אין רעטראָספּעקט.

פֿאַר דעם בוך קומט דעם מחבר אי דערמוטיקונג, אי גרעסערע, שטרענגערע פֿאָדערונגען פֿאַר גרעסערער אחריות פֿאַר דער יידישער פּראָזע, וואָס דאַרף נײַע כּוחות און באַנײַטע קינסטלערישע אָנשטרענגונגען.

1949

ש. בודין

כאָטש דאָס איז ש. בודינס ערשטע לידער־זאַמלונג, איז אָבער דער דיכטער ניט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער פּאָעזיע. מיר האָבן אין משך פון אַ דריי צענדליק יאָר געלייענט זיינע לידער אין פאַרשיידענע צייט־שריפטן און אוודאי אין דער „יידישע קולטור" און מיר זיינען אין אַ היפּשער מאָס באַקאַנט געוועזן מיט די הויפּט־שטריכן פון זיין דיכטערישער פּערזענ־לעכקייט און מיט זיין דיכטערישן מעטאָד.

אָבער אַן ערשט בוך איז סיי־ווי, פאַר זיך אַליין, אַ געוויסע אַנטפּלעקונג און אויך — אַ צוזאָג. אַן אַנטפּלעקונג, ווייל דער דיכטער אַנטפּלעקט זיך פאַר דעם לייענער אין זיין „פולער געשטאַלט", און אַ צוזאָג, ווייל אין דעם ערשטן בוך זיינע כמעט אַלע מאָל איינגעשלאָסן, אינאיינעם מיט דער טעמע, מיט זיין אינדיווידועלן פּנים, אויך די פּאָטענצן פון זיין שפּעטערדיקער שע־פערישקייט. דערפאַר איז צו עפענען אַן ערשט בוך אַ גאָר באַזונדערע איבערלעבונג פאַרן לייענער. מ'איז פאַראינטריגירט מיט דעם פאַקט אַליין, וואָס דאָ זוכט דער דיכטער צו פאַרנעמען אַ „פּאָזיציע". עס קומט צום אויסדרוק זיין לעבן ווי אַ דיכטער צווישן דיכטער און זיין בוך — צווישן ביכער.

דאָס גיט אונדז אַ געלעגנהייט אויך צו באַפרייען זיך פון די פראַגמענ־טאַרישע איינדרוקן, וואָס מיר האָבן געהאַט פון לייענען דעם דיכטער דאָ און דאָרט און אין פאַרשיידענע צייט־אָפּשניטן. ש. בודין האָט אַזוי איינגע־טיילט זיינע לידער, אַז מ'קאָן מיט אַ געוויסער פּינקטלעכקייט נאָכפאָלגן זיין גאַנג — פון דער יוגנט ביזן היינטיקן טאָג.

ש. בודין איז דורכאויס אַ ליריקער, און זיין צוגאַנג איז, אין אַלע זיינע פאָרמען, איין ליד וועגן דער אינטימסטער וועלט פון זיינע איבערלעבונגען. און אַלע מאָל איז דאָס אַ ריטמיש געזאַנג, וואָס וויל זיך באַפרייען פון די איינגעשטעלטע כללים פון ווערזיפיקאַציע און געפינען אַן איבערלעכן ריטם און מאָס. דאָס געלינגט אים אָבער ניט אַלע מאָל, לאָזט ער זיך זייער אָפט אַוועק אויפן לייכטערן וועג פון „רעטשיטאַטיוו", פון זאָגן און דערציילן. און דערציילן האָט ער אַ סך. ווייל די טעג פון זיין לעבן, אַפילו די ווייטסטע,

---

ש. בודין — „טעג און לעבן" — אַרויסגעגעבן דורכן איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1955.

שטייען פאַר אים קלאָר, ווי אוממיטלבאַרע איבערלעבונגען. דער פרי־מאָרגן פון זיינע קינדער־יאָרן זוניקט נאָך אין זיין געמיט מיט טויזנט זונען, און זיין יוגנט בליט־אויף פאַר זיינע אויגן מיט גאָר דעם קאָלאָריט פון יענע טעג ווען ליבע און פריינטשאַפט האָבן זיך געחברט מיט העלדישקייט פון דער טאַט, און מיט אַן ארויסרוף צום לעבן.

ש. בודין פאַרמאָגט אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט פאַר אַלץ, וואָס איז שיין און גוט אין דער נאַטור און אינעם מענטשן. ער טראָגט אַט די ליב־שאַפט ווי אַ טייערע גאָב און פילט־אַן זיינע לידער מיט אַט דער ליבשאַפט. פאַר זיינע אויגן בליען טעג און יאָרן און אַרום אים איז אַן אייביק־יונגע וועלט, פאַר וועלכער ער שטייט אַן אייביק־פאַרוואונדערטער, אַזוי ווי אין דער קינדהייט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען פאַר זיך אָט די וואונדערלעכע וועלט. דערפאַר זינגט ער אַזוי פיל אָדעס און דיפיראמבן דער זון און דעם הימל, די בערג און טאָלן, דעם פויגל און דער חיה, די ברייטע לאַנען און די ימען און נאָך מער — צו דעם מענטשן, וועמען ער וויל באַ־שענקען מיט וואַרעמקייט פון דער זון און מיט די טויען פון די הימלען, כדי ער זאָל, אַזוי ווי ער, דער דיכטער, קאָנען באַנעמען דעם וואונדער פון לעבן.

אין פרימאָרגן ציט אים די באַרג־פרייד צו דער זון:

„מיט טאָג מיט ליכטיקן,
מיט לויטערן, מיט גרינעם,
געקומען איז צו מיר אַזאַ באַגער:
אָנטאָן אויף מיינע פיס צווייַ רינגען
און אַרויפקייקלען זיך צו דער זון."

אין דער קינדהייט איז דאָס פאַר אים געווען „מעגלעך", פאַרוואָס זאָל עס אים איצט ניט געלינגען? אָט זעט ער דאָך אין די „ווייסע נעכט" און זייער „באַשיינפערלעך" ווי:

„וואונדערלעך פיין-געשניצטע בילדער
אויסגעהאָנגען זיינען אויף מיין סטעליע
און אויף מיינע ווענט.
אַ גרינער אָדלער שלעפּט אַ וואָגן
אָנגעלייגט מיט מירמלשטיין.
אַ זעגל-שיף שווימט אַרום אין בלויען וואַסער
און פון איר מאַסט-בוים שיינט אַראָפּ
אַ גאָלדענע קרוין . . . "

ש. בודין האָט זיך זייער אָפט ליב אומצוקערן צו די בילדער און צו די שטימונגען פון זיין קינדהייט און יוגנט. דאָרט איז דער קוואַל פון זיינע

דיכטערישע אַספּיראַציעס. פון דאָרטן קומט זיין ליבשאַפט צו אַלץ און אַלעמען און דאָרט האָט זיך פאַרמירט דער דויערנדיקער איינדרוק פון דער וועלט, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען און זיך אין איר פאַרליבט. דאָרט האָבן זיך אויך אָנגעהויבן די ערשטע קאַמפן פון מענטשן פאַר אַ בעסער לעבן אויף דער וועלט, פאַר ברידערלעכקייט פון פעלקער. אין זיין ליד „תקיעת־כף" זינגט ער אַן אָדע צו דער טאַט פון ברידערלעכקייט, ער דערציילט ווי:

„מיטיא דעם שינדערס, וואַניא דעם מילנערס,
טראַכים דעם הינט-כאַפּערס,
און איך מיט זיי אין דער מיט,
ווי מיר האָבן אויפגערופן אויף די ווענט אויפגעשריבן,
תקיעת-כף זיך געגעבן,
אַז בייז בלוט זאָל ניט געוועלטיקן
אין אונדזער שטאָט.
— — — — — — — — — — —
ווי מיר האָבן פון שטעטלשער יוגנט בריגאַדעס געשלאָסן.
מיט זיי געקנעלט,
מוט און פרייד אין זייער לעבן אָנגעגאָסן..."

ווען ש. בודין איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער דאָ געמוזט איבער־פלאַנצן זיין לעבן אין אַ נייעם באָדן. דער באָדן איז געווען אַ גינסטיקער. זיין לעבן האָט זיך דאָ אויפסניי צעבליט. אַ יונגער און „אַן אָנגעגאָסענער מיט לעבנס־פרייד", האָט ער זיך דאָ באַהעפט מיט דער יונגקייט פון זיין נייער היים, — און אַמעריקע איז געוואָרן זיין נייע ליבשאַפט. אויך איר הייבט ער אָן צו זינגען פייערלעכע אָדעס. ער זינגט צו די גרויסע מענטשן אירע, צו די כוחות, וואָס שאַפן און שאַפן־איבער, ברענגען נייע ווערטן און אַנטפּלעקן נייע האָריזאָנטן פאַרן מענטשלעכן לעבן. ער שטייט ווידער אַ פאַרוואונדערטער פאַר איר, ווי אַ ניי־געבוירן קינד, וואָס קאָן זיך קיינמאָל ניט אָפּוואונדערן, ווייל, ווי ער זאָגט אַליין: „שוין אַזוי פיל מאָל, אַז כ'וועך אויפסניי געבוירן..."

אָבער עס זיינען דאָך פאַראַן, אינאיינעם מיט דער שיינקייט און וואונ־דערלעכקייט און גוטסקייט, אויך אַ סך צעשטערנדיקע כוחות אויף דער וועלט און צווישן מענטשן זיינען נאָך פאַראַן בייזוויליקע פאַרדאַרבער פונעם מענטשלעכן לעבן, און ס'איז דאָ אַזוי פיל שלעכטס און אַזוי פיל טונקעלע פלעקן אויף דער זון פון זיין נייער געליבטער אַמעריקע. טרעפט דערפאַר זייער אָפט, אַז דער לויטערער הימל פון זיין ליד ווערט פאַרצויגן מיט שווערע וואָלקנס. זיינע לויטער־פאַרוואונדערטע אויגן ווערן פאַרטונקלט מיט פיינלעכע בילדער: בייזע כוחות ווילן אומברענגען אַלדאָס גוטס, וואָס

דער מענטש האָט מיטן בלוט פון זיין האַרצן און מיטן שוויס פון זיין פּנים געשאַפן פאַרן וואוילזיין פון לעבן. דאָס מענטשלעכע אין לעבן ווערט באַדראָט. און שוין אין די ערשטע סאָציאַלע לידער פאַלט אַראָפּ די האָפערדיקייט פון זיין ליד. ש. בודין זאָגט, רעדנדיק וועגן זיך:

„אַ מענטש האָט געטראָגן ליבע אין האַרצן
און אין אויגן געפירט האָט ער פעסלעך גליק.
געוואָלט האָט ער פון שיינקייט טראַכטן
און גוטסקייט אָפּגעבן יעדערן אויף זיין וועג. . . "

אָבער „אַ יענקישער גאָלד־קאָפּ האָט די ליפּן פאַרצויגן" און זיין אויסלענדישע חברותא מיט אים רייסט זיך אַרום איבער דער צעטיילונג פון מענטשלעכן רייכטום:

„. . . וועמעס ערד און וועמעס קוילן,
וועמעס פיש און וועמעס אוילן,
וועמעס הימלען, וועמעס ימען, —
אַלץ צעמאָסטן, אַלץ אַרומרינגלען מיט צאַמען,
אָדער אומברענגען מיט אַטאָם־פלאַמען ! "

דערפאַר איז ניט שייך בלויז צו זינגען דאָס האָפערדיקע ליד אַליין און בלויז צו די שיינקייטן פון דער וועלט:

„איך צי מיין האַנט,
וואָס האָט געשפּילט אויף פידלען, —
איך צי זי אויס מיט שרפהדיקן גראַנאַט."

ש. בודין בלייבט אַלץ סיי־ווי־סיי אַ דיכטער פון רואיקער אָפּטימיסטישער געמיטלעכקייט. ער ווייסט, אַז אינעם לעצטן סך־הכל וועט דאָס שיינע און דאָס גוטע אינעם מענטשן און אין דער נאַטור טריאומפירן אין דעם גרויסן קאַמף פאַר לעבן, אַזאַ געמיטלעכקייט אין די לידער, אַז אָפטמאָל דוכט זיך אפילו אויס, אַז דער דיכטער שטייט עפּעס ווי פון דער זייט, כאָטש זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס זיינען אומעטום קלאָר און קענטיק אויסגעדריקט. ער מיידט אויס, כמעט אומעטום, אַריינצופאַלן אין דעם הילכיקן פּאַטאָס פון אַ דיכטער, וואָס שטייט אין סאַמע מיטן פון אַ ביטערן סאָציאַלן געראַנגל. אפילו צו דעם אָפענעם שונא רעדט ער מיט אַן איינגעהאַלטענער שטים. ער וואַרפט אים ניט אין פּנים אַריין קיין שאַרפע פיילן פון זיין קללה, כאָטש עס איז קלאָר, אַז זיין שנאה איז אַ טיפע און דויערנדיקע. אין זיין האַרציקן ליד „ווילי מעקגי", למשל, איז ער איבערגעפילט מיט אויפריכטיקער סימפּאַטיע פאַרן קרבן. אָבער די שנאה פאַר זיין מערדער בלייבט פאַרהוילן און ניט אויסגעדריקט.

ש. בודין איז פריער פון אַלץ אַ ליריקער און ערשט נאָכדעם — אַ סאָציאַלער דיכטער. אָבער גראָד דער סאָציאַלער אינהאַלט באַשטימט די וואָג און די מאָס פון זיין דיכטערישער פערזענלעכקייט און גיט־צו חשיבות זיין בוך, ווייל נאָך אַלעמען זיינען געפילן און אידייען, אין זייער קינסטלעריִשן אויסדרוק, ניט עפּעס אַזוי באַזונדערע זאַכן. זיי זיינען מערסטנס, איינגעשלאָסן איינע אין די אַנדערע אין איין גאַנצקייט, און ווען מ׳טיילט זיי ביידע פֿאַנאַנדער, זעט מען ערשט איין, אַז זיי קאָנען ניט לעבן איינע אָן דער אַנדערער, ווייל די אידייע אָן געפיל איז אַן — אַבסטראַקציע און געפיל אָן דער אידייע איז אַ שאָטן, וואָס האָט ניט קיין ממשות.

פּאָעזיע, אין אירע לאַבאָראַטאָרישע פּראָצעסן, קאָן זיין אַ לייכטע פאָרם פון שאַפן און אויך אַ זייער שווערע. מ׳קאָן זיך ממש „אויסלערנען" די פֿאַרשיידענע כללים פון ווערזיפיקאַציע, פון מעטריק און גראַם, און אויף אַזאַ אופן, ספּעציעל אין לירישע פאָרמען, אויסדריקן געפילן און אידייען — פון דער שפּילעוודיקייט פון אַ קינד ביז דער טראַגיק פון אַ וועלט־אונטערגאַנג. אָבער מ׳קאָן זיך שוין גאָר ניט אַזוי לייכט אויסלערנען צו באַגיין זיך אָן אַ גראַם און מעטריק און אַרויסווייזן אַ מאָס פון אינדיווידואַליטעט. ש. בודין האָט אָבער, ווי שוין געזאָגט, זיך, אין מערסטע פאַלן, באַפרייט פון אַ סך פאַרעלטערטע פאָרמען, און זיין ליד האָט פון דעם אַ סך געוואונען.

אַרום און אַרום בלייבט ביי דעם לייענער דער איינדרוק נאָכן איבערלייענען דאָס בוך, אַז מ׳האָט פאַר זיך אַן ערלעכן ליריקער, וואָס זוכט ניט צו שאַפן חידושים, וואָס איז אָבער אויפריכטיק אין זיינע געפילן און אין זיין אידייאישער איינשטעלונג.

1955

מ. גאָלדשטיין

אַרום דער טעמע ביראָבידזשאַן האָט זיך שוין ביי אונדז אָנגעזאַמלט אַ היפּשע ליטעראַטור. ביראָבידזשאַן איז געוואָרן אַ דאַנקבאַרע טעמע ניט נאָר פאַר די יידישע שרייבער און דיכטער פון סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. עס זיינען דער דאָזיקער טעמע געווידמעט געוואָרן אַ סך גאַנצע ביכער, אין ליד און אין פּראָזע, רעפּאָרטאַזשן, רייזע־באַשרייבונגען.

איינער פון די שרייבער, וואָס האָט כמעט אויסשליסלעך געשריבן וועגן ביראָבידזשאַן, איז געווען דער ניט לאַנג־צוריק פאַרשטאָרבענער דערציילער מ. גאָלדשטיין. אָט דער שרייבער איז אַליין געווען איינער פון די איינגע־וואַנדערטע פּיאָנערן־בויער פון ביראָבידזשאַן. ער איז אַהין אָנגעקומען, קאָן מען זאָגן, אין די שווערסטע יאָרן, ווען מ'האָט ערשט אָנגעהויבן די אור־אַלטע ווילדערניש פאַרוואַנדלען אין קליינע אינדזלען פון ציוויליזאַציע. מ. גאָלדשטיין האָט באַלד ביי זיין אָנקומען באַנומען די גרויסע באַדייטונג פון דעם נייעם יידישן ישוב און האָט אים געווידמעט זיין פּען. אַליין אַן אַר־בעטער, אַ קעמפער און אידעאַליסט, האָט ער אפשר בעסער ווי אַנדערע פאַר־שטאַנען די ערשט־אָנקומענדיקע האָרעפּאַשנע מאַסן, וואָס זיינען געקומען אין דעם ווייטן לאַנד פון אַלע ווינקלען פון זייער צעשפּרייטקייט צו מאַכן די ערשטע טריט אין דער צוקונפט אַריין.

מ. גאָלדשטיינס אויפמערקזאַם אויג, זיין רעאַליסטישער באַנעם פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט און אויך זיין רעאַליסטישער סטיל, האָט אונדז דורך די אַכט פון די צען דערציילונגען אין בוך געגעבן גאַנצע שטיקער פון דעם ביראָבידזשאַנער פּיאָנערן־לעבן, וואו מ'האָט זיך באַדאַרפט צופּאַסן צו נייע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, צו דער ווילדער טייגע, צו דעם שטרענגן סיבירישן קלימאַט, צו פאַרשיידענע אויסברוכן פון נאַטור־כוחות. און ניט נאָר פיזיש האָט מען זיך געמוזט צופּאַסן, נאָר אויך גייסטיק.

מ. גאָלדשטיין האָט אָט דעם קאַמף פון די ערשטע יאָרן באַשריבן אין זיינע דערציילונגען. אין זיי ווערט רעאַליסטיש געשילדערט אי דער קאַמף

מ. גאָלדשטיין. „ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור און אַנדערע דערציילונגען". מיט אַ פאָרוואָרט פון נחמן מייזיל, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קול-טור-פאַרבאַנד „איקוף", ניו-יאָרק, 1944.

מיט די רויע נאַטור־כּוחות, אי דער אומפּאַרמיידלעכער קאַמף צווישן מענטש און מענטש אין דער ראַם פון אומגעווינלעכע באַדינגונגען פון מענטשלעכן לעבן. אויף אַזאַ אופן ווערט אַרויסגעבראַכט אַ גאַלערייע געשטאַלטן, וואָס זיינען פון איין זייט באַוואוסטזיניקע בויער, אידעאַליסטן, גלויביקע, און פון דער אַנדער זייט — צופעליק־פאַרבלאָנדזשעטע, שוואַכע, וואָס ווערן אַנטוישט און פאַרלאָרן ביי דער ערשטער גרעסטער שוועריקייט. צווישן דעם „שטאַרקן" און דעם „שוואַכן" קומט שטענדיק פאָר אַ קאַמף. און סוף־כל־סוף זעט איר ווי דער פאַרעקשנטער פּיאָנער בלייבט, וואַקסט־אַריין אין דעם נייעם באָדן און זיגט און דער „שוואַכער און אַנטוישטער" פאַלט אַרויס פון דער גרויסער דראַמע פון פּיאָנערן־לעבן.

מ. גאָלדשטיין אַנטפּלעקט ווי אַ קרעפּטיקער רעאַליסט, וואָס באַפּוצט ניט זיינע העלדן, קעכלט זיי ניט, זינגט זיי ניט קיין דיפירעמבן. ער גיט זיי ווי זיי זיינען, מיט זייערע ליכטיקע און שאָטנדיקע זייטן. ער באַשטעקט אויך ניט „מיט פעדערן" דעם נעגאַטיוון טיפּ, פאַרקערט, ער זוכט אים צו פאַרשטיין און אפילו, טייל מאָל, צו פאַרענטפערן.

מ. גאָלדשטיין האָט ניט ליב געהאַט צו־לאַנג צו שילדערן אַ סיטואַציע, אָדער אַ טיפּ. ער האָט זיך אויך ווייניק אָפּגעגעבן מיט דער פולער פּערפעקט־קייט פון זיין סטיל. אָפטמאָל קומען אַרויס געוויסע סיטואַציעס סקיצירט און אפילו שאַרזשירט. אָבער דעם לייענער אַרט עס ניט. ווייל די רעאַליסטישקייט און די קלאָרקייט פון סטיל אַנטפּלעקן סיי די סיטואַציע ,סיי דאָס געשטאַלט אין אַ גענוגנדיקער מאָס צו דערזען און צו דערפילן דעם אמת.

איינע פון די מעלות פון מ. גאָלדשטיינס דערציילונגען באַשטייט אין דעם, וואָס דער שרייבער האָט באַוויזן צו באַהויכן יעדע פון זיינע דערציי־לונגען מיט דעם חן פון הומאָר. עס איז דער הומאָר, וואָס איז אַלעמאָל באַ־גלייט מיט וואַרעמען מיטגעפיל, מיט סימפּאַטיע פאַרן מענטשן, פאַר זיין געראַנגל. אינמיטן פון די סאַמע שווערסטע מאָמענטן גיט דער שרייבער זיין העלד גענוג הומאָר צו פאַרלייכטערן און אַריבערצוטראָגן זיינע ליידן און זיין פאַרצווייפלונג.

מ. גאָלדשטיין האָט ליב געהאַט דעם מענטשן. ער האָט געזען, אַז מענטשן קאָנען זיין אין שווערע סיטואַציעס בייז־פאַרביטערט, אומגעדולדיק, אומגע־רעכט און אפילו ברוטאַל. אָבער ער האָט אויך געזען, אַז מענטשן קאָנען גראָד אין אָט די סיטואַציעס ווערן מענטשלעך־וואַרעם, ברידערלעך־ווייך, נאָכגיביק, און ברענגען אַ גרויסן קרבן פאַר זייער חבר.

די אויפריכטיקייט, די אמתדיקייט, מיט וועלכער ער באַהויכט זיין דער־ציילונג, מאַכט אויך דעם לייענער אינטים־נאָענט צו די פּערסאָנאַזשן, וועל־כע מ. גאָלדשטיין שילדערט. אין דער קליינער דערציילונג „דאָס ערשטע לעמפּעלע", למשל, שפּילט זיך אָפּ אַ קליינע דראַמע צווישן אַ פּאָר פאַלק, וואָס קאָן זיך בשום אופן ניט צופּאַסן צום דאָרפישן לעבן. זיי באַשליסן אַוועק־

צופאָרן אין שטאָט. דערוויל איז דער מאַן זייער פאַרנומען מיט איינשטעלן דאָס ערשטע עלעקטרישע לעמפל, וואָס דאַרף באַלייכטן דאָס דאָרף. ער זאַמט זיך צו קומען אַהיים. זיין פרוי איז בייז, אומגעדולדיק, קאָן זיך ניט דערוואַרטן, קאַכט זיך קעגן דעם מאַן: „אַ וויסטן סוף וועט ער ביי מיר האָבן...״ זי קערט וועלטן קעגן איר מאַן. זי לאָזט זיך אַוועק אים זוכן. זי געפינט אים אויף די הילצערנע קאָנסטרוקציעס פאַר דער באַלייכטונג, אַ פריידיקן, אַ שיינענדיקן. „אַ וויסטן סוף וועסטו ביי מיר האָבן, מאַן מיינער!״ שרייט זי צו אים. ער ענטפערט איר: „זע, דבורה, עלעקטרע!...״ און שוין יענעם אָוונט, ווען דאָס ערשטע עלעקטרישע ליכט האָט צעשניטן דעם פינצטערן אַרום, ווערט דבורה דערהויבן מיט דער דערהויבנקייט פון דעם גרויסן מאָמענט: ליכט אין דער טייגע! זי ווערט ווייך, ליבלעך, יום־טובדיק געשטימט און פרייט זיך מיט אַלעמען, מיט זיך, מיטן מאַן, מיט די קינדער, וואָס שרייען: „איליטשעס לעמפלעך האָט מען אָנגעצונדן!...״

אין דער זאַמלונג זיינען אויך אַריין צוויי דערציילונגען „אַן איינפאַל פון אַ דייטש״ און „דער מאַמעס וואָרט״, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער איצטיקער מלחמה. זיי צייכענען זיך אויס מיט דערזעלביקער פשוטקייט, אומ־מיטלבאַרקייט פון שילדערונג, ווי די ביראָבידזשאַנער דערציילונגען. אויך אין זיי איז דאָ די גרויסע געמיטלעכקייט פון קאַמף און פון גלויבן.

צו דער זאַמלונג איז צוגעגעבן אַ זייער גוט־אָנגעשריבענער פאָרוואָרט פון דעם שריפטשטעלער נחמן מייזיל, וועלכער גיט אַ טרעפלעכע אָפּשאַצונג פונעם שרייבער מ. גאָלדשטיין און ברענגט עטלעכע וויכטיקע ביאָגראַפישע פאַקטן פון זיין לעבן און זיין שרייבערישער קאַריערע.

1945

איציק פעפער

אין דעם יידישן ליד האָט שטענדיק דאָמינירט דער מאָטיוו פון דער אייביקער יידישער אויסגעוואָרצלטקייט, דער מאָטיוו פון באָדנלאָזיקייט, פון פיזישן און גייסטיקן קלעם, אין וועלכן אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך געצאַפּלט דורך טויזנטער יאָרן אין אַ פרעמדער, אומפריינטלעכער וועלט. דער טאָן פון קינות איז געוואָרן דער לייט־מאָטיוו פון אונדזערע געמיטלעכע גע־זאַנגען, דער צערפּולער קרעכץ איז געוואָרן דער באַגלייטער פון אונדזערע געזאַנגען, פון דורות, וואָס זיינען געגאַנגען דורכן לעבן, ווי דורך אַן אומ־ענדלעכער וויסטעניש. ביטערע האָפענונגסלאָזיקייט האָט געפונען איר שטאַרקסטן אויסדרוק אין דעם יידישן פאָלקלאָר, אין דער דיכטונג פון אונדזערע פּאָעטן, און אייניקע אונדזערע נאַציאָנאַלע פּאָעטן האָבן אָט דעם מאָטיוו אפילו אַרונטערגעבראַכט ביז צו דעם פאַרצערנדיקן געזאַנג פון אונדזער אומקום און אונטערגאַנג.

נאָך דער גרויסער רוסלענדישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, מיטן אויפ־קום פון אַ גאַנצער פּלעיאַדע סאָוועטישע דיכטער, האָבן מיר דערהערט גאַנץ נייע טענער אין דער יידישער פּאָעזיע. שוין אין די ערשטע לידער זייערע האָט אָנגעהויבן קלינגען פריי און ברייט דאָס געזאַנג פון גרויסער האָפענונג און גלויבן אין דעם מענטשן, וואָס איז אויפגעשטאַנען אין קאַמף קעגן דער וועלט פון אונטערדריקונג און פּיין, אין דעם מענטשן און אין די פעלקער, וואָס זיינען געקומען ברענגען דעם גרויסן נצחון און מיט אים — די באַפרייטע וועלט.

דער דיכטער איציק פעפער, וואָס איז געקומען אין דער סאָוועטישער דיכטונג אינאיינעם מיט דער רעוואָלוציע און וואָס האָט אין איר געפונען זיין דיכטערישן וועג, האָט נאָך שטאַרקער ווי אַנדערע צעקלונגען אין האָפערדיקע טענער דעם אָנקום פון אָט דער נייער וועלט. ער האָט אין די צאַרטסטע און קרעפטיקסטע טענער אויסגעזונגען זיין לויב צו דער ליכטיקער זון, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן איבער זיין פאָלק און איבער זיין לאַנד.

אַ פאָלקס־מענטש, וואָס איז געקומען פון זיינע טיפעניש, איז ער

איציק פעפער — „היימלאַנד" — צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל — אַרויס־געגעבן פון „איקאָר", ניו־יאָרק, 1944.

געוואָרן דער דיכטער פון דעם פאָלקישן רעוואָלוציאָנערן ליד, דער באַזינגער פון דעם פאָלקס־קאַמף און פון זיינע נצחונות, און שפּעטער — אויך דער באַזינגער פון דעם איינגעשטעלטן, באַרואיקטן, גליקלעכן לעבן פון זיינע ברידער צווישן די באַפרייטע פעלקער פון זיין לאַנד.

אין דער נייער לידער־זאַמלונג, וואָס דער „איקאָר" האָט איצט אַרויס־געגעבן, קומט שוין צו אונדז איציק פעפער טאָקע הויפּטזעכלעך מיט זיין ליד וועגן דעם יידישן מענטשן, וואָס איז געזונט געוואָרן מיט אַרבעט, בויאונג און גליק.

מיט אַן אָפענעם האַרצן און מיט אַ ליכטיק־פריידיקן פּנים, אַ געלייר־טערטער, אינאיינעם מיט זיין פאָלק, דורך די שווערע קאַמפן, זעען מיר אים גיין מיט אַ לייכטנדיקן בליק אַנטקעגן די ברייטע, ליכטיקע האָריזאָנטן, זיין טראָט איז האַפערדיק, זיין געזאַנג טראָגט זיך מיט פריידיקע טענער איבער אויפגעאַקערטער, פריש־פאַרזייטער ערד, וואָס זיינען באַלעבט גע־וואָרן מיט מענטשלעכער פראַצע.

אין אָט די לידער, אפשר מער ווי אין אַנדערע לידער זיינע, געפינען מיר, אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם, פעפערס אַלע פּאָעטישע מעלות, זיין גרויסע מייסטערשאַפט, זיין דיכטערישע קרעדאָ, די אַנטפּלעקונג פון זיין קאָלירפולער דיכטערישער פערזענלעכקייט. דאָ אַנטפּלעקט זיך אויך זיין גרויסע ליבע צו זיין פאָלק, מיט וועלכן ער איז געבונדן מיט יעדן אָטעמצוג, מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן.

אַ דיכטער פון פאָלק, האָט ער אַריינגעפלאָכטן אין זיין ליד דעם לעבע־דיקסטן פאָלקס־אידיאָם, זיין טויזנט־יאָריקע דערפאַרונג, זיין חכמה און זיין הומאָר, און אין די דורותדיקע פאָלקס־מאָטיוון האָט ער אַריינגעהויכט אַ נייעם אָטעם פון ערדישער פרייד, פון זון און פון גליק.

אָנשטאָט לידער פון צער און פון קינות הערן מיר דאָס לוסטיקע גע־זאַנג פון אַרבעט, פון בויאונג, פון זוניקע האָריזאָנטן, פון ברייטע שטחים פרוכטבאַרער ערד, דאָס פליסן פון טייכן און דעם אָטעם פון אויפגעוועקטע טייגע־וועלדער אין בירָאָבידזשאַן. דאָס געזאַנג פון יידישע שניטער, וואָס טראָגט זיך איבער זוניקע ווייטקייטן.

דער דיכטער שפּאַנט מיט לוסטיקן טראָט איבער דער באַנייטער ערד, אַליין אַ באַנייטער, און רופט אייך מיט זיך אין פעלד און אין פּאַרק, צום טייך און פאַרבעט אייך, נאָכדעם, צו זיך אין זיין שטוב („דאָס איז מיינס"):

„גיי אַריין אין מיין שטוב, טו אַ קוק,
ווי כ'בין שטאַרק, ווי כ'בין פעסט, ווי כ'בין לייביק,
טו אַ קוק אויף מיין שטוב, אויף מיין לאַנד,
וואָס איז מיין שוין אויף אייביק,

אומעטום, וואו איך קום קאָן איך זאָגן מיט שטאָלץ:
דאָס איז מיינס!"

היימלאַנד — דאָס איז זיינס! זיינס איז דער הימל און די ערד. זיינס איז די פריידיקע שפע פון דער ערד און דאָס ליכט פון דער זון. זיינס איז דער היינט און דער מאָרגן.

אָט דאָס געפיל פון זיכערקייט, פון רייכקייט, פון אָנגעהעריקייט, פון איינ־געוואָרצלטקייט אין אַ גרויסער צוקונפט, אין דער אייביקייט אַריין, אָט דאָס געפיל איז אויסגעשפרייט איבער אַלע פעפערס לידער. איר דערפילט, אינאיינעם מיטן דיכטער, ווי עס פאַלן פון אייך אַרונטער די דורותדיקע שווערקייטן פון פרעמדן יאָך, פון דערנידעריקונג, און, אַ באַפרייטער, גיט איר זיך איבער דעם גרויסן וואונדער פון דער וועלט, וואָס איז „מיינס און אויף אייביק!"

דאָ דערפילט איר מיט אַלע חושים דעם גרויסן וואונדער פון היימלאַנד פאַר אַ יידן, וואָס זיין גורל איז געווען דורך טויזנטער יאָרן צו וואָגלען. אין צענדליקער לידער צעזינגט ער אָט דאָס וואונדערלעכע געפיל פון דעם יידן, זיין טראָט, זיין אַרבעט, זיין געזאַנג און זיין פראַצע אויף דער נייער ערד וואָס רופט זיך ביראָבידזשאַן, וואָס איז געקומען לעבן און אויפלעבן אויף דער נייער ערד.

אָט דאָס געפיל פון היימלאַנד באַגרענעצט זיך ניט ביי פעפערן בלויז אויף ביראָבידזשאַן. עס איז ברייטער. עס נעמט אַריין די גרענעצן פונעם גרויסן לאַנד, פון וועלכן ביראָבידזשאַן איז בלויז אַ טייל. עס נעמט אַריין דעם גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו דער ייד האָט געפונען זיין היים.

פעפערס ליד איז פול מיט צאַרטער ליבשאַפט פאַרן מענטשן און פאַר דער נאַטור. פאַר זיי טראָגט ער אין זיין האַרצן דעם קאָלירפולסטן ווערטער־אוצר. דעם מענטשן וויל ער זען שטענדיק יונג, כדי ער זאָל קענען געניסן פון דער שיינקייט און רייכקייט פון לעבן. ווי אַ קינד פון דער פאָלקס־מעשהלע, וואָס געפינט אַ באַזונדער גליק אין יעדן סעזאָן פון יאָר, בעט זיך דער דיכטער ביים פרילינג, ביים זומער, ביים האַרבסט און ביים ווינטער, אַז זיי זאָלן צו־שנעל ניט אַוועקגיין:

נו, צו וואָס די פלינקע בייטן,
און ווער טרייבט אייך אַלע, ווער?
אין אונדזערע גוטע צייטן
ווילט זיך לעבן מער און מער.

אַזוי פריידיק־געזונט איז דאָס לעבן אַרום, אַז אים ווילט זיך לאַכן מיט יענעם פולברוסטיקן געלעכטער און מיט יענער געזונטער הנאה,

וואָס פון דעם ווייסן נאָר געזונטע, גליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן געפונען אַ זין און אַן אינהאַלט אין לעבן:

טרויער?
פּאַסט ניט אונדזער פּנים!
טרערן?
זאָלן וויינען שונאים —
לאָמיר לאַכן, מיינע פריינט!

ווען האָט מען עס אויף רואינען
נייע וועלטן אויפגעשטעלט?
יאָ, מיר קאָנען זיך פאַרגינען
אַזאַ לאַך טאָן אויף דער וועלט,
אַזאַ הילך טאָן אויף די שליאַכן,
ווי מ׳האָט קיין מאָל ניט געלאַכט!

קוקט, ווי אַלטע וועלטן קראַכן,
ווי עס גייט אויף זיי די נאַכט!
לאָמיר לאַכן, לאָמיר לאַכן!
דער געלעכטער העלפט אין שלאַכט!

אָט די געבראַכטע ציטאַטע איז כאַראַקטעריסטיש כמעט פאַר אַלע לידער אין דער זאַמלונג, וואָס איז ממש איבערגעפילט מיט אימפּעטיקן שוואונג, מיט געזונטן אָטעם, מיט אַ ריטם, וואָס קלינגט פאַנאַנדער פרייד און ליב־שאַפט צו אַלץ, וואָס לעבט. זיין וואָרט איז דאָ פריש מיט דער פרישקייט פון יונגן פרילינג, זיין נאַטירלעכער, ניט צוגעטראַכטער מעטאַפאָר צע־וועבט פאַר אייערע אויגן קאָלירפולע פּאַנאָראַמעס פון אומגעזעענע שיינקייטן.

צו די גרויסע דיכטערישע מעלות פאַרמאָגט פעפער אויך די גרויסע מעלה, וואָס ער איז דורכאויס אַ פאָלקס־פּאָעט. אין אַלע זיינע לידער, אין די רעוואָלוציאָנערע, אין די עפּישע, און אפילו אין די סאַמע לירישסטע, האָט ער אַריינגעוועבט די געמיטלעכקייט פון דעם יידישן פאָלקסטאָן, די יידישע מעלאָדישקייט. אין זיין נאַראַטיוו האָט ער אַריינגעפורעמט די תמימות פון דער פאָלקס־מעשה, דעם טראַדיציאָנעלן מנהג, דעם ספּעציפיש־יידישן טעם, דאָס יידישע שטייגער־לעבן. דערפאַר קלינגט אונדז אַזוי נאָענט זיין „ביראָבידזשאַנער פריילעכס״, אין וועלכן דער דיכטער רופט אויס צו די קלעזמאָרים: „שפּילט אַ פריילעכס! אין דער ראָד אַריין געשווינד! אַלע פאָלעס און פאַטשיילעס, ווי די זעגלען אויפן ווינט!״ און דערפאַר איז אונדז אַזוי אייגן זיין „ביראָבידזשאַנער חתונה״, וואו דער דיכטער מאָלט פאַר אונדז אויס אין די בונטסטע קאָלירן, מיטן גאַנצן אַלטן חן, אַ חתונה,

וואָס איז גאַנץ אין איר קלאָריט און איז נאָך באַגייט מיט דער נייער סביבה, אויף דער נייער ערד.

דורך זיינע לידער וועגן ווייטן ביראָבידזשאַן האָט פעפער אונדז דער־נעענטערט, געמאַכט פאַר אונדז היימיש די ברעגן פון אַמור, די סיבירער טייגע מיט די ברייטע סטעפּעס און צעוואָרפענע סאָפּקעס, די טייכן בירא און בידזשאַן, דעם אַמורזעט און ביראַקאַן, וואו די יידישע איינגעוואַנדערטע בויען זייערע פּרעכטיקע ישובים, אַקערן און זייען, און גראָבן אויס רייכ־טימער פון דער ערד, האַקן אין גראַניט און אין שטאָלענער רודע. מיט זיין ליד דערנעענטערט ער אונדז דאָס געזאַנג פון די ביראָבידזשאַנער מיידלעך, וואָס צעטראָגט זיך איבערן סטעפּ, און דאָס געקלאַנג פון האַק און זעג אין דער אוראַלטער טייגע — אַ געזאַנג פון לעבן, וואָס רופט צו אונדז דורך פעפערס ליד:

לאָמיר הייבן דאָס קול,
זאָל עס האַרט זיין ווי שטאָל,
זאָל עס צאַרט זיין ווי זייד.

„הימלאַנד” איז אַ בוך, וואָס מ'וואָלט געקענט ציטירן און ציטירן, ליד נאָך ליד. אין יעדן ליד איז דאָ אַ באַזונדער שיינקייט, וואָס זינגט איר אייגענעם געזאַנג און צעזינגט די גלאָריע פון לעבן. מיר שיקן דעריבער דעם לייענער דירעקט צו דעם בוך, וואָס וועט אים באַצויבערן מיטן צויבער פון פעפערס קלינגעוודיקן וואָרט, מיט די פּרעכטיקע קאָלירן פון זיינע פּיזאָזשן און מיט אַזאַ לירישער געמיטלעכקייט, וואָס צו איר איז כמעט ניטאָ קיין גלייכן אין דער יידישער פּאָעזיע.

דאָס בוך איז באַצירט מיט די פּרעכטיקע צייכענונגען פון דעם גרויסן יידישן מאָלער מאַרק שאַגאַל, וואָס זיינען מיט זייער אייגענער רייכער לי־רישקייט און וואונדערלעכער געמיטלעכקייט אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער פּאָעטישער רייכקייט פון דעם בוך.

איציק פעפער און מאַרק שאַגאַל — וואָס פאַר אַ פיינע קאָמבינאַציע!

1944

מנשה אונגער

די חסידישע באַוועגונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אָנהייב פונעם 18טן יאָרהונדערט אין אוקראַינע, פּאָדאָליע און וואָלין און וואָס האָט זיך אַביסל שפּעטער שנעל פאַרשפּרייט אין פּוילן און אַנדערע לענדער, האָט פאַרצייכנט איינעם פון די שענסטע קאַפּיטלען אין די אַנאַלן פון דער יידישער געשיכטע. מיט איר יידיש־פאָלקישן דעמאָקראַטיזם און אויפגעלעבטן רע־ליגיעזן באַוואוסטזיין, האָט אָט די באַוועגונג אַריינגעשטראָמט אַ נייעם כוח אין דער מיטלאַלטערלעכער אָפּגעשטאַנענקייט פון די נידעריקערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

און ניט אומזיסט האָט זיך די דעמאָלטדיקע רבנישע וועלט אַזוי שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט די הויפּ־פּרינציפּן פון חסידות און אין משך פון אַ סך יאָרן געפירט קעגן איר אַ שטענדיקן קאַמף. די לומדים און רבנים, וואָס האָבן דורך אַלע צייטן פּרובירט איינצאַמען דעם פרומען יידישן גלויבן און איינ־האַלטן אים אין די ענגע גרענעצן פון איינגעשטעלטע דאָגמעס, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט צו האַלטן, ווי אַ בייטש פאַרן אויג פון דעם המון, די אייביקע תרי״ג מצוות, האָבן פאַר זיך דערזען אַ געפאַר אין דעם אָפענעם דעמאָקראַטיזם פון חסידות.

די חסידישע באַוועגונג, פון איר זייט, האָט מיט איר בלויזער עקזיס־טענץ אונטערגעשטראָכן די אומצופרידנקייט און דעם רעוואָלט קעגן דער אומבאַגרענעצטער הערשאַפט פונעם רבניזם, מיט זיינע דאָגמעס, וואָס זיינען הונדערטער יאָרן געשטאַנען אויף דער וואַך פון יידישן דעמאָקראַטיזם דורך דער פאַרהערלעכונג פון ריינער לומדות. אָט די אומצופרידנקייט און דער שטילער רעוואָלט פון די מאַסן האָט זיך רעגיסטרירט נאָך אַ סך פריער פאַרן אויפקום פון חסידות, דורך אַלערליי רעליגיעזע זוכענישן און דראַנג צו דערלייזונג. באַזונדערס בולעט זיינען זיי אַרויסגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך בעת די פאַרשיידענע משיח־באַוועגונגען און גאָר באַזונדערס — צווישן די שבתי־צביניקעס און פראַנקיסטן. חסידות האָט מיט זיין אויפקום געפונען אַ רייפן באָדן. און די נייע אידייען זיינע וועגן דער געטלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה און דער נאַטור אַרום, די לערע זיינע, אַז די

וועגן בוך „חסידות און לעבן", פון מנשה אונגער, ניו-יאָרק, 1946, 230 זייטן. מיט אַ בילד פון מאַרק שאַגאַל.

דערנעענטערונג צו גאָט קען קומען נאָר דורך דער באַהעפטונג מיט דער נאַטור, דורך פרומער תפילה, דורך התלהבות און גאָר באַזונדערס — דורך גרויסער ליבשאַפט צום מענטשן, דורך צדקה און מעשים־טובים — זיינען געווען ווי געזונטע קערנער פאַר אָט דעם פרוכטבאַרן באָדן.

דאָס פּראָסטע פאָלק, וואָס האָט אין זיין גרויסער אונטערדריקטקייט, אין זיין אייביקן געראַנגל, פאַרגלוטט און פאַרפרעמדט אין אַ פיינטלעכער גויאישער וועלט, האָט דורך לאַנגע דורות געטראָגן אין זיך די בענקשאַפט נאָך דערלייזונג און באַהעפטונג מיט גאָט. עס האָט געדולדיק געוואַרט אויף גאָטס וואונדער — אויף משיחן. עס האָט געבענקט נאָך דער אַנטפּלעקונג פונעם רוח־הקודש און פאַרהערלעכט דעם בעל־מופת, וואָס האָט אים גע־קענט פאַרבינדן מיט די הימלען. אַזאַ מענטש האָט געקענט זיין נאָר דער בעל שם טוב. — אַ גרויסער צדיק, אַ בעל־מופת, און אין דער זעלביקער צייט, אַ קינד פונעם פּשוטן פאָלק, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די געטלעכקייט אין דער טראַדיציע פון רבי שמעון בן יוחאי און דעם „זוהר."

און די לערע האָט זיך אָנגענומען. גאָט, נאַטור און דער מענטש האָבן געפונען זייער אייביקן קאָנטאַקט. דער מענטש איז דערהויבן געוואָרן ביז די הימלען און דער הימל איז דערנעענטערט געוואָרן צו די אָרימע געצעלטן פונעם מענטשן, — אַלץ דורך דעם פרייען אויסדרוק, אומבאַגרע־נעצטן גלויבן און געטלעכער אינטואיציע. און ס'איז שוין געווען באַטיר־לעך, אַז אָט אויף דעם באָדן זאָלן אויפקומען נייע פאָרמען פון לעבן און לעבנס־שטייגער און מיט זיי — אַן אַלזייטיקע גייסטיקע שעפערישקייט. עס איז שעפעריש געוואָרן דער כלל און ס'איז שעפעריש געוואָרן דער יחיד. עס איז אַנטשטאַנען אַ רייכער, פאַרשיידנאַרטיקער פאָלקלאָר, וואָס האָט איינגעזאַמלט אין זיך ברייטע שטרעקעס פאָלקס־לעבן, לעבן און חסידות. די עטיק און די עסטעטיק פון דורות האָבן געפונען זייער פולן אויסדרוק אין חסידות. גאָט און מעשים־טובים, גאָט און די נאַטור, פּאָעזיע און גע־זאַנג, דראַמע און קאָמעדיע, טראַגיק און גאולה — דורך דעם אייביקן גע־ראַנגל פון אַ גאַנצן פאָלק — דאָס אַלץ איז די לעגענדע און די מעשה פון חסידות.

און דאָס אַלץ איז געוואָרן די באַזע און דער קוואַל, פון וועלכן מנשה אונגער האָט געשעפּט דעם מאַטעריאַל פאַר זיין בוך „חסידות און לעבן". דאָ האָט דער מחבר געפונען אַ גאַנצן ים פון קאָלירפולער שעפערישקייט, וואָס שוויבלט און גריבלט מיט ערדישן רעאַליזם און מיט הימלישן ראָמאַנ־טיציזם. דאָ האָט ער געפונען געלייטערטע רעליגיעזע עקסטאַטישקייט, קוואַלן פון מיסטישן טראַנסצענדענטאַליזם אינאיינעם מיט די פּשוטסטע ערדישע־מעשים־מצוות. אַ מין טעגלעכער געראַנגל פונעם מענטשן פאַרן שטיקל ברויט. דאָ האָט ער געפונען דעם יידן, וואָס שטעלט זיך אַוועק פנים אל פנים מיט גאָט אין זיין גרויסער התלהבות און, אין דער זעלביקער

צייט, זיין געפּאַלנקייט אין דער נעץ פון וואַקסנדיקן פאַנאַטיזם, אַ פּאַרוועבטן אין פינצטערע אָבערגלויבנס, גרויסע גייסטער, פּאַרבאַרגענע צדיקים, ריזן פון מענטשלעכן גייסט און געלט־גייציקע, זעלבסטזיכטיקע רביים פון קעמפנדיקע „הויפן" פאַר העגעמאָניע.

דאָס איז די באַזע. און וואָס זיינען די צילן, וועלכע דער מחבר האָט פאַר זיך געשטעלט? אויף דעם גיט מנשה אונגער אַ קלאָרן ענטפער אין זיין קורצן אַריינפיר צום בוך. ער זאָגט דאָרטן: „מיט דעם בוך האָט דער מחבר געוואָלט אָנווייזן אויף די גרויסע שנויים, וואָס חסידות האָט אַריינ־געבראַכט אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון די ייִדן און די באַציאונג פון חסידות צו פאַרשיידענע שיכטן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט אין איר אַנטשטייאונג און בלי־פעריאָד". צוליב דעם מאַנגל אין אַרכיוו־מאַטעריאַלן האָט זיך דער מחבר געמוזט איינגאַנצן וועגדן צו דעם רייכן פאָלקלאָר, „זיך באַנוצן מיט חסידישע תורות, חסידישע לעגענדעס און ווערטלעך און דורך זיי פּרואוון אויסגעפינען די סאָציאַלע סיבות פון דער אַנטשטייאונג פון חסידות, די סאָ־ציאַלע פונקציעס, וואָס חסידות האָט דורכגעפירט אין ייִדישן לעבן."

דאָ איז דער מחבר אַריין, ווי אין אַ רייך־באַפרוכפּערטן גאָרטן מיט אַלערליי פּירות. יעדע מעשה און יעדע לעגענדע טראָגט אין זיך, נאָך מער ווי אַ דאָקומענטאַלער באַוויז, די פאַרשיידענע שייכותן פון חסידות צום לעבן און צו די אָביעקטיווע באַדינגונגען אינעם לעבן גופא צו חסידות. אין דער כאַאָטישער אָנגערודערטקייט פון אָט דער רייכקייט, האָט ער נאָר באַדאַרפט אַריינברענגען אָרדענונג; סאָרטירן דעם מאַטעריאַל, קלאַסי־פיצירן אים און אויסשטעלן אים אין זיינע שייכותן צו שיכטן און דער־שיינונגען אינעם ייִדישן לעבן. זוכנדיק אַן אינהאַלט אין דער נאָך־לעבעדיקער געשיכטע פון חסידות און אין דער לעגענדע, האָט מנשה אונגער, ווי אומיסטן, פּרובירט אויסמיידן דעם ברייטערן וויסנשאַפטלעכן מעטאָד. און ס'איז דעריבער אַרויסגעקומען אַ ווערק מער פון עטיש־עסטעטישן כאַ־ראַקטער, ווי אַ פאַרשונג פון יענע טיפערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אור־זאַכן, וואָס האָבן גורם געווען די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון חסידות. ס'איז אַרויסגעקומען אַ ווערק, וואָס גרענעצט זיך ערגעץ־וואו צווישן וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג און סאָציאַלער קריטיק.

און דורך אָט דעם מעטאָד דערוויסט איר זיך זייער אַ סך. מנשה אונגער האָט פּלייסיק אָנגעזאַמלט אַ שלל אילוסטראַטיוון מאַטעריאַל, וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף אַלע דערשיינונגען אינעם סאָציאַלן לעבן אין דער ספערע פון חסידות — אויף די פּאָזיטיווע און אויך די נעגאַטיווע. איר באַקענט זיך מיט דער חסידישער לעגענדע־פאַרשונג בכלל און מיט דער באַציאונג פון חסידות צום פאָלקס־מענטשן, צום דאָרפס־ייִדן, צום אָרימאַן און צו דעם גביר, צום בעל־מלאכה און צום למדן. איר באַקענט זיך מיט דער

באַציאונג צו דער פרוי, צו צדקה, צו תפילה און תשובה, צו שבת און יום־טוב, צו טאַנץ און צו נגינה. דער מחבר ציט אויך אַ שאַרפע ליניע צווישן דעם אויפקום און בליאונג פון חסידות און איר גייסטיקער ירידה, ווען זי קומט צו צאָלרייכע העגעמאָניעס אין די באַזונדערע „הויפן", ווען זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ באַהערשנדיקער באַוועגונג, מיט מאַכט־זוכנדיקע דינאַסטיעס און מיט דער אומפאַרמיידלעכער קאָרופּציע פון די ריינע אידעאַלן, וואָס זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אינעם יסוד אירן דורך די גרויסע באַגרינדער פון דער באַוועגונג. אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל שטעלט זיך דער מחבר אָפּ אויף דעם ביטערן קאַמף צווישן דער באַוועגונג מיט דער השכלה.

אַט די אַלע פּאַזן פון חסידות ווערן באַהאַנדלט אין באַזונדערע קאַפּיטלען. די קורץ־אָנגעוואָרפענע טעזיסן אין אָנהייב פון יעדן קאַפּיטל דינען דעם לייענער ווי אַן אַריינפיר צום אילוסטראַטיוון מאַטעריאַל, מיט וועלכע דער מחבר דערקלערט זיינע טעזיסן. אַט דער אילוסטראַטיווער עלעמענט, ווי געזאָגט, איז די הויפּט־באַזע פונעם גאַנצן בוך.

אין אַ פּשוטער, אומגעקינצלטער שפּראַך, אינעם טאָן ווי די מעשה ווערט דערציילט אין פאָלק, דערציילט איבער דער מחבר די לעגענדע. ווי ער וואָלט אין זיך באַקעמפט דעם דראַנג פון יעדן שרייבער אַרויפצוצווינגען אויפן פאַרטיקן נאַראַטיוו זיין פּערזענלעכן טאָן. ער מיידט־אויס אַריינצוברענגען אַ וועלכע עס איז אייגענע ניואַנסירונג, אַן אייגענע קינסט־לערישע באַלייכטונג. די קוואַלן וועלכע האָבן באַפרוכפּערט צענדליקע יידישע דיכטער און שרייבער פון דער מאָדערנער צייט, לאָזן איבער דעם מחבר אין די גרענעצן פון זיינע פאַרשעריִשע אויפגאַבן. און דאָס איז גוט. אַז ניט וואָלטן מיר פאַר זיך געהאַט אַ האַלב־וויסנשאַפטלעך ווערק, וואָס וואָלט ניט פאַרענטפערט די אויפגאַבן, וועלכע דער מחבר האָט פאַר זיך געשטעלט. אים איז געגוג, אַז די מעשה זאָל רעדן פאַר זיך אַליין. ער לאָזט איר „אויסרעדן זיך" און אַנטפלעקן זיך פאַרן לייענער אין איר אייגענער פאָלקלאָריסטישער אמתדיקייט.

אויף אַזאַ אופן האָט מנשה אונגער בשום אופן ניט געזוכט עפּעס מחדש צו זיין. ער איז פּשוט געקומען צו די פאָלקס־קוואַלן, וואו די לעגענדע איז נאָך לעבעדיק און, צום טייל, אפילו ווירקזאַם, אַרויסגענומען דאָס סאַמע וויכטיקסטע פון איר סאָציאַל־עטישן ווערט, האָט סיסטעמאַטיזירט אירע ווערטן ביז דער סאַמע נויטיקסטער קלאָרקייט און געשאַפן אַ בוך, וואָס אַ יעדערער דאַרף לייענען, כדי צו האָבן אַ פולן באַגריף וועגן דעם לעבן אין חסידות. און ס'איז באמת צו באַוואונדערן, ווי אַזוי מנשה אונגער, וואָס איז אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון דורות פון פירנדיקע חסידים, האָט זיך אָפּגעהיט פון אַריינצופאַלן אין דער באַזונדערער חסידישער התלהבות, באַווירקט ווערן

פון דעם „חסידישן ברען", וואָס מוז לאָקן יעדן חסיד, וואָס קומט אין באַרירונג מיט אַזאַ מאַטעריאַל.

אַנשטאָט דעם איז דער מחבר געבליבן טריי דער אידייע פון זיין בוך — ניט אַזוי צו שילדערן בלויז דעם רעליגיעזן עקסטאַז, ניט בלויז די התגלות פון פרומקייט, וואָס צייכנט אַזוי אויס דעם חסידיזם, נאָר אָנצואווייזן אויף די וויכטיקע סאָציאַלע מאָמענטן, וועלכע האָבן באַווירקט דאָס יידישע לעבן אונטער חסידות. ניט אַזוי צו שילדערן די מיסטישע גלויבונגען, וואָס חסידות האָט מיט זיך געבראַכט, ווי די לעבעדיקע רעאַליטעט, די מעשים פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין דער באַציאונג צווישן כלל און כלל, און צווישן מענטש און מענטש, צווישן האַרץ און האַרץ — אין אַלע פאַזן פון יידישן צוזאַמענלעבן. צו באַווייזן, אַז די פרומקייט אין חסידות איז ניט אַזוי צוליב „יענער וועלט", ניט דער בטחון אין דעם שכר, ניט אין דעם עולם הבא, נאָר צוליב די מעשים טובים אַליין, צוליב דעם סאָציאַלן אמת פון יושר און גערעכטיקייט, וואָס דאַרף הערשן אויף דער וועלט.

דעם מחבר איז געלונגען פון דעם ים אָבערגלויבנס און מיטלאַלטערלעכן פאַנאַטיזם אויסצושיילן אַזעלכע פאַקטן, וואָס אילוסטרירן דאָס סאַמע קערנדיקע אין חסידות. אַ סך פאַרבאָרגענע ווינקלען, וואָס זיינען געווען איינגעהילט אין פינצטערניש זיינען דורך זיין מעטאָד באַלויכטן און אויפגעקלערט געוואָרן ביז דער לעצטער אויטענטישקייט. עס ווערן קלאָר אַ סך מנהגים און טראַדיציעס, וואָס זיינען אויפגעקומען אין חסידות און זיינען געוואָרן אַ טייל פון יידישן לעבנס־שטייגער. עס ווערט קלאָר דער גאַנצער קאָמפּלעקס אידייען, וואָס זיינען געבליבן אין פאָלק לדור דורות.

אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג, צום סוף פון בוך, האָט דער מחבר, אונטערן נאָמען „פאָלקס־רביים", געבראַכט אַ גאַלעריע פון זיבן רביים „וואָס האָבן געלעבט אין פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע לענדער", וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן זיי אויסגעצייכנט פון אַנדערע מיט זייער אָפּשטאַם, מיט זייער אָריגינעלער אויפפאַסונג פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, אָדער מיט זייער פילאָזאָפיע פון לעבן. דאָ געפינט איר דעם „שרף" פון סטרעליסק, וועלכער איז געווען אַ זון פון אַ פּראָסטן שניידער און איז מיט דער צייט געוואָרן איינער פון די גרעסטע רעליגיעזע פירער און דענקער פון אָרימע חסידים; רב נטע פון כעלעם, וועלכער איז געווען אַ מלמד און דאָרפישע פויערים האָבן אים געמאַכט פאַר אַ רבין; אַ רבי, וואָס איז געווען אַ דאָקטאָר און אַ רבי, וואָס האָט ניט גענומען קיין קוויטלעך, — אַלץ אַזעלכע רביים, וואָס אַרום זיי האָבן זיך געשאַפן וואונדערלעכע לעגענדעם, ווע‌מעס תורות און ווערטלעך, אין איינעם מיט זייער מאָראַלישער גבורה, האָבן זיי גרויס געמאַכט אין זייער דור און זייער אָנדענק איז אויף לאַנגע צייטן פאַרבליבן לעבעדיק אין דעם זכרון פון דורות.

אונגער האָט וועגן זיי אויפגעקליבן אַ סך אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל, זיי באַוויזן אין זייער לערע און אין זייערע מעשים, געגעבן מוסטערן פון זייער דענקען.

אַרום און אַרום וועט דאָס בוך, אָן צווייפל, געפינען זייער פיל לייענער. עס וועלן זיך מיט אים פאַראינטערעסירן אַ סך פאַרערער פון חסידיזם און אויך דער געוויינלעכער לייענער וועט אין אים געפינען גענוג פאַרכאַפּנדיקן שטאָף און וועט קענען לערנען איינעם פון די שענסטע קאַפּיטלען פון דער יידישער געשיכטע, וואָס איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרענדיקט און ווירקט נאָך איצט, אפילו אין זיינע פאַרענדערטע פאָרמען, אויף אַ געוויסן שיכט פון יידישן פאָלק.

1950

שלום שטערן

דאָס נייעסטע בוך פון שלום שטערן, „אינדערפרי", איז איינגעטיילט אין דריי באַזונדערע ציקלען: „עפן אויף", „נאָענטע רייד" און „דערמאָנט". אָט די אָפּטיילונגען האָבן לויט זייער גרויס, לויט זייער גאַנץ־באַזונדערן כאַראַקטער און לויט זייער טעמאַטיק באַדאַרפט אַרויסגעגעבן ווערן אין באַזונדערע ביכער. איינגעפּאַסט צווישן צוויי טאָוולען זיינען די דריי אָפּטיילונגען אַביסל פרעמדלעך איינע צו די אַנדערע און הויזן דעריבער ניט צו גוט צווישן זיך.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג („עפן אויף") האָט שלום שטערן צונויפגעזאַמלט אַלע לידער, דורך וועלכע דער דיכטער גיט אויסדרוק די טראַגישע געשעענישן פון אונדזער פאָלק אין די בלוטיקע היטלער־יאָרן. דאָ געפינט דער לייענער דעם דיכטערס געוויין, זיין ביטערן פּראָטעסט און אויך זיין ביטערסטע קללה אויף די קעפּ פון די מערדער אינאיינעם מיט דער ברכה אויף דעם אָנדענק פון אונדזערע הייליקע מאַרטירער.

אין דער צווייטער אָפּטיילונג („נאָענטע רייד") גייען אַריין רייך־לירישע לידער, וועלכער דער דיכטער האָט געשאַפן אין משך פון יאָרן, מערסטנס קורצע לידער פון אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער, לידער פון פרייד און פון טרויער, פון שטילער, רואיקער בענקשאַפט, פון צאַרטער פאַרליבטקייט.

די דריטע אָפּטיילונג („דערמאָנט") איז אַ זאַמלונג פון לענגערע לידער אויף ביבלישע מאָטיוון, לידער וועגן דעם אַלטן יידישן שטייגער־לעבן, און געזאַנגען וועגן גרויסע העלדן פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון היינט.

ווי געזאָגט, דריי באַזונדערע ביכער. צווישן דער צווייטער און דריטער אָפּטיילונג קען נאָך דער לייענער געפינען אַ נאָענטקייט. ס'איז דאָ דער עצם־כאַראַקטער פון שלום שטערנס דיכטונג. אויף זיי איז אויסגעשפּרייט, אַזוי צו זאָגן, דער אָטעם פון דער זעלביקער דיכטערישער פּערזענלעכקייט. אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש, איז אָבער די ערשטע אָפּטיי־

שלום שטערן — „אינדערפרי" — אַרויסגעגעבן פון קאַנאַדער „וואָכנבלאַט", מאָנטרעאָל, 1945, 286 ז"ז.

לונג, וואָס רייסט זיך אַריין אין דעם גאַנצן געוועב פונעם בוך, ווי אַ דיסאָ־נאַנס, און צעשטערט די גאַנצקייט פונעם בוך.

דערפאַר וואָלט גוט געווען אָנצוהייבן לייענען דאָס בוך פון דעם ציקל „נאָענטע רייד״, לייענען ביזן סוף און ערשט נאָכדעם, אָדער גאָר שפּעטער, אומצוקערן זיך צום סאַמע אָנהויב.

שלום שטערן איז אַ פּאָעט אַ ליריקער. נאָך מער: ער איז דער ליריקער פון שטילער, איינגעהאַלטענער געמיטלעכקייט, פון פּאַסטאָראַלע טענער, פון ציטעריקער פאַרליבטקייט אין דער נאַטור, אין דער ברייטקייט פון פריד־לעכע טאָלן, אין דעם פאַרחלומטן קלאַנג פון קליין־פעלזיקן וואַסערפאַל אין די אָוונטן, אין דער רואיקער פרייד פון ערד און הימל. ער האָט ליב דעם אויפציטער פון די פרימאָרגנס, ווען די זון גייט־אויף צו דערפרייען די ערד. ער האָט ליב די זון, וואָס צינדט־אָן אין די פאַרנאַכטן מיט בונטע קאָלירן, כדי זיך ביסלעכווייז אויסצולעשן און פאַרגיין הינטערן ווייטן באַרג־שפּיץ.

ער האָט ליב אָנצוהייבן זיין ליד מיט איינגעהאַלטענע טענער און איינ־וועבן זיין וואָרט אין דער ערשטער פשוטסטער ווערזיפיקאַציע:

„טונקעלע גרינקייט פאַרשמעקט דעם צעגרינטן וואַלד.
מיינע טריט פּייכטן אין די ווייסע טויען,
קלאָרע, אויסגעשליפענע הימלען בלויען.
סאַמעטענער מאָך ביים טייכן־ברעג.
עס גאָלדיקן די זאַמדיקע דנאָיען.
אַ מידער הונט דעם וואַסער־פלאַך לעקט.
אָ, געבענטשטע, זינגענדיקע שעה׳ן ! . . . ״

און ווי ער האָט ליב די שיינקייט פון דער נאַטור, האָט שלום שטערן נאָך ליבער די פשטות פון נאַטור־לעבן, די אידיליע פון דעם אורמענטשן, די מיסטעריע, וואָס האָט אַריינגעוועבט דאָס מענטשלעכע לעבן אין דעם אייביקן רוף פון באַרג און טאָל, פון ערד און הימל, פון וואַלד און סטעפּ. ער האָט ליב די בענקשאַפט נאָך אַ ווייטן חלום, דעם אייביקן דראַנג אין זיך צו אַנטפּלעקן סודות, דעם געטלעכן באַנעם, דעם ציטער פון אויפגע־פלאַמטע באַגערן צווישן מאַן און פרוי, דעם מיסטישן טריב צו פאַרונג אין אַלדעם לעבעדיקן.

אַז ער זינגט דאָס געזאַנג וועגן דעם פּאַסטוך דוד, וואַרפט ער אַראָפּ פון אים דעם פּאַנצער פון מלחמה־העלד, דעם מאַן פון שווערד און בלוט־טיקן קאַמף, וויקלט אים איין אין דעם קאָלירפולסטן געוועב פון דער פאַר־ציטיקער פאַרערונג־לעגענדע און זינגט וועגן אים אַ ליד אין די צערט־לעכסטע טענער.

אַז ער זינגט וועגן אברהמען און זיין דינסט הגר, זינגט ער דאָס איי־ביקע געזאַנג פון לײדנשאַפט, וואָס רייסט דורך צאַמען, ברעכט מענטשלעכע געזעצן, כדי צו ברענגען מיסטעריע אין לעבן אַריין. און אָט ווי ער דער־ציילט וועגן דעם:

פּאַרנאַכט. רויט אַנגעצונדן דער מערב־ראַנד,
זי טראָגט דעם וואַסער־קרוג אויפן קאָפּ.
זי נידערט אין טאָל צו די געצעלטן אַראָפּ.
דער שפּאַרבער פּאָכעט מיט די פליגל.
אברהם קומט פון גרינעם בערגל.
אין זיינע אויגן ברענט די לוסט.
פאַרשעמט זי רוקט אַרויף דעם גרינעם בלאַט.
אויף אירע בריסט.

אָט די פּשטות פון פאָרם און אינהאַלט איז דאָס כאַראַקטעריסטישע אין שטערנס ליד. ער האָט ליב צו מאָלן און צו דערציילן, ניט בײטנדיק די פאָרמען פון זיין פערז. שלום שטערן האָט ליב אָנצוהייבן אַ דיכטונג אין שטילע טענער, כמעט דערציילעריש, און אַריינציִען ביסלעכווייז זיין שיל־דערונג אין אַ געמיטלעכן נאַראַטיוו. און אין צענדליקער לידער טרעפט איר ביי אים אָן דאָס וואָרט שלווה.

אָבער אין אָט דער רואיקער געמיטלעכקייט פון זיין דיכטערישער לאַ־באַראַטאָריע, האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעריסן אַ מוראדיקער געקראַך פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע. צו זיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן דאָס געשריי פון פאַרפּייניקטע. אַנשטאָט די פילפאַרביקייט פון רעגנבויגן האָט אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן איין קאָליר: בלוט! אַנשטאָט דער פאַרחלומטער דעמערונג האָט זיך אויף זיין לעבן אַראָפּגעלאָזט אַ פינצטערע נאַכט פון קאָשמאַרן. דער פּיין־געשריי פון געפּייניקטע ברידער און שוועסטער, דאָס געשריי פון בלוט. בלוט פון נאָענטע. אַנשטאָט צאַרטער ליבע — האָט אַ כלינע געכאַן ביטערער האַס. אַנשאָט האַרמאָניע — פאַרצערנדיקער כאַאָס — די בלוטיקע אויסראָטונג פון אייגענעם פאָלק.

אַזוי שטאַרק איז געווען דעם דיכטערס אויפטרייסלונג און דערשיטערונג, אַז ער קאָן שוין ניט געפינען קיין באַשטימטן דיכטערישן אויסדרוק. ער פאַרלירט דעם פאָדים צו זיין ליד, צו זיך אַליין, צו זיין וואָרט. און ניט נאָר ער אַליין, נאָר דער גאַנצער דור יידישע דיכטער אַרום אים קען ניט געפינען קיין אויסדרוק פאַר דער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז שטאַרקער פון יעדן מענטשלעכן באַנעם, פון יעדן מענטשלעכן וואָרט. ביי אים האָבן געקענט זיין אַ סך אימפּולסן: רייסן קריעה, צעשרייען זיך אין טאָן פון קינות, קלאָגן און יאָמערן, בעטן רחמים ביי גאָט און ביי מענטשן, רופן צו הייליקע, צו

לעגענדאַרישע העלדן פון דער געשיכטע, צו די בעלי־מופתים, נאָר כדי זיך אַליין, ווי אַ דיכטער, ראַטעווען דורך אַ וועלכן עס איז אויסדרוק. און ער האָט זיך אָט די אַלע אימפּולסן אונטערגעגעבן.

דערפאַר איז די גאַנצע ערשטע אָפּטיילונג איבערגעפילט מיט די גרוי־זאַמע שילדערונגען, מיט בלוט און מאָרד, מיט פרומער תפילה און בלוטיקער קללה, ווי דער דיכטער וואָלט אַליין זיך וועלן אויסקויפן דורך פּייניקן זיך, כמעט מאַזאָכיסטיש, מיט נאַקעטער וואַקכאַנאַליע. ער הייבט אָן די אָפּטיי־לונג „עפן אויף״, ווי זיין פּאַטעטישער שטייגער, מיט שטילער הכנעה:

אָ, גאָט, עפן אויף פאַר מיר
פון רחמים דעם טויער,
לאָמיך זיין דער קרבן טהור.
— — — — — — — — — — —

שפּעטער ווערט אָבער זיין קול שטייפער. ער פאָדערט:

גאָט, שפוך חמתך על הרוצחים,
נעם נקמה פון די אכזורים.

און נאָך שפּעטער הייבט ער שוין אָן האָבן טענות צו גאָט:

האָסט ניט געהערט די תפילות
פונעם עם קדוש וטהור.

אָבער די פרומקייט, וואָס האָט דעם דיכטער אַרומגעכאַפּט אין דער עת־צרה לאָזט אים שוין ניט אָפּ. זי גייט מיט אים נאָך אויף די בלוטיקסטע וועגן פון דער שרעקלעכסטער ייִדישער אויסראָטונג. ער איז מיט גאָט אין דער ברכה און אין דער קללה. מיט אים אינאיינעם זיינען די פּאַרציי־טיקע הייליקע העלדן, גרויסע לעגענדאַרישע געשטאַלטן, אַלע די, וואָס זיינען בייגעשטאַנען גרויסע ייִדישע גזירות. און איבער זיי אַלעמען, אויף יעדן בלוטיקן טראָט, שוועבט דאָס סודותדיקע וועזן פון גאָט.

אַזוי אַריינגעטאָן איז ער אין דער וועלט פון פרומער איבערלעבונג, אַז זיין ליד ווערט צונויפגעגאָסן מיט די געבעטן פון דער פרומער, לאַנג־פאַרגאַנגענער וועלט, ווערט פאַרוועבט מיט פסוקים פון תהילים, מיט דער לעגענדאַרישער גבורה פון פאַרהייליקטע ייִדישע געשטאַלטן, מיט זייער טאָט און מיט זייער וואָרט. אַזוי ווייט, אַז דער דיכטער פאַרגעסט אינגאַנצן דעם לעבעדיקן, דעם ווירקלעכן קאַמף קעגן דעם שונא און אפילו די מיליאָנען מאַרטירער, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס צו נעמען די גרויסע נקמה און אומברענגען דעם שונא אַליין.

פון איבערפלוס פון עמאָציע רייסט זיך אין זיין פערז אַריין איבער־

חזרונג. שלום שטערן האָט בכלל ליב איבערחזרונגען. ער קומט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל צו זיין באַליבטער שורה און צו זיין באַליבטן מאָטיוו און זיגט אים איבער. איז אפשר אַזאַ איבערזיגגען אין די לירישע לידער פאַר־געבלעך. אָבער די שטענדיקע איבערחזרונגען דאָרטן, וואו דער דיכטער איז געצוואונגען צו שילדערן כמעט די זעלביקע בלוט־קאָשמאַרן, ווערן זיי פאַרן לייענער אַ באַלעסטיקונג, און שוואַכן אָפּ דעם איינדרוק.

דאָס בוך דאַרף געלייענט ווערן. עס איז אַ העכערער שטאַפּל אין דעם דיכטערס גאַנג צו גרעסערע דערגרייכונגען.

1946

מ. א. סול

דער דיכטער מ. א. סול האָט שוין אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג „דאָס ליכט אויף מיין גאַס", וואָס איז דערשינען מיט צוויי יאָר צוריק אַרויס־געוויזן אַ רייפקייט, אַ קלאָרקייט פון פּאָעטישן סטיל און אַ מערקווירדיקע פֿולקאָמענקייט פון אויסדרוק. אין יענער ערשטער זאַמלונג האָט מען שוין פאַר זיך געזען אַ דיכטער מיט אַן אויג פאַרן אַרומיקן לעבן, מיט אַ שאַרפן אויער פאַר ריטם און קלאַנג פון וואָרט און איבער אַלץ — אַ באַוואוסטזיניקן פּאָעט מיט אַ אידייע, מיט אַ טיפער אָנגעהעריקייט צו אַ קלאַס, צו דעם אַרבעטער־קלאַס. און כמעט פון דעם ערשטן ליד זיינעם איז זיין דיכטע־רישער גורל געבונדן און געקניפּט מיט די פרייַדן און ליידן פון די ברייטע האַרעפּאַשנע מאַסן. ער האָט כמעט אינגאַנצן געווידמעט זיין טאַלאַנט דעם רעוואָלוציאָנערן דראַנג פון זיין קלאַס צו פרייהייט און גליק. ניט אומזיסט טאַקע איז זיין פּאָפּולאַריטעט אַזוי שנעל געוואַקסן צווישן די ברייטסטע שיכטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

אָבער ווי רייף ער איז געווען אין זיין ערשטן בוך, דערשיינט ער איצט אין זיין צווייטער לידער־זאַמלונג, „דעם טאָג אַנטקעגן", נאָך רייפער, נאָך קלאָרער אין אויסדרוק, נאָך רייכער אין פּאָעטישע מיטלען און אין דיכטע־רישער אַרטיקולאַציע. דאָ דערזעען מיר אים שוין אין דער פולער גע־שטאַלט פון זיין שעפערישער פּערזענלעכקייט, געלייטערט דורך לעבנס־דערפאַרונג, מיט אַ גאַנצער שטים, מיט גרעסערער פּאָעטישער דערפאַרונג, מיט עכטער דיכטערישער איבערלעבונג.

אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג האָט זיך מ. א. סול מערסטנס פאַר־נומען מיט דער טעמע פון דירעקטן, ניט איבעריק־סובלימירטן באַנעם פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, מיט וועלכן ער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן יעדן טאָג פון זיין לעבן. און טעמעס זיינען געווען אַ סך. דאָס לעבן האָט אים יעדן טאָג אונטערגעטראָגן אַ געשעעניש, וואָס האָט געוועקט דירעקטן אָפּרוף. דער אָפּרוף איז כמעט אין אַלע פאַלן געווען אַ פּאַרטיקער און האָט דערפאַר כמעט אַלעמאָל אַרויסגערופן ביים דיכטער אַ פּאַרטיקן, פּלאַקאַטישן אָפּרוף. און ניט קיין וואונדער: — דער דיכטער האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין די אוממיטלבאַרע קאַמפן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זיין פּאָעטיש וואָרט איז געוואָרן — זיין טאַט, זיין ביישטייַער צו דעם געראַנגל פון זיין קלאַס פאַר אַ בעסערער וועלט. דערפאַר האָט ער זיך זייער וויניק

אָפּגעגעבן מיט די באַזונדערע קינסטלערישע אַטריבוטן פונעם ליד. אַ מעטאַפאָר, אַן אימאַזש, געשליפנקייט פון פאָרם און וואָרט, וואָס פאַרנעמט געוויינלעך די אויפמערקזאַמקייט פון אַ דיכטער, איז אינעם ערשטן בוך אַ זעלטנקייט. ער האָט געזונגען אַזוי, ווי ס'האָט זיך געזונגען, אונטער־געבנדיק זיך נאָר דעם אוממיטלבאַרן דראַנג פון דירעקטן אויסדרוק. און דאָס, וואָס זיין פּאָעטישע שטים האָט זיך דאָך אויסגעטיילט און האָט זיך אויפגעהויבן העכער פון דעם אַלגעמיינעם כאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג איז געווען צו פאַרדאַנקען בלויז זיין היפשן לירישן טאַלאַנט, וואָס פאַרמאָגט אַ כאַראַקטעריסטישע טאָן־קוואַליטעט, אַ זעלטענע מעלאָ־דישקייט, וואָס איז בשום אופן ניט פאַרטושט געוואָרן דורך דער פלאַקאַ־טישקייט פון דער טעמע.

זיין צווייט בוך הייבט אָן מ. א. סול מיט אַן אַריינפיר־ליד „דעם טאָג אַנטקעגן.״

„... זייגער קלאַפּ — און, האָרץ מיינס, שלאָג !
די צייט איז היים, מען טאָר ניט פאַלן אונטערוועגנס.
אַ גרוס דיר, נייער קומענדיקער טאָג !
איך גיי מיט נייע, פרישע לידער דיר אַנטקעגן.״

ער ווייסט שוין פון וואָס צו זינגען און פאַר וועמען צו זינגען. זיין וועג איז נאָך פון פריער אָנגעצייכנט און זיין ציל איז אָפן פאַר זיין בליק. זיין געמיט איז אויפגערודערט מיט קאַמף און מיט די לעבעדיקסטע פּראָבלעמען פון זיין צייט. און „וואויל איז דעם, וואָס זינגט אין היינטיקן יאָרהונדערט״, וואָס איז די לאָקנדיקע גרענעץ, די איבערגאַנג־צייט, צו דעם ליכטיקן טאָג אַנטקעגן:

„דאָס אויג איז קלאָר און דער געדאַנק איז ניכטער.
דאָס האַרץ איז רייף און לויטער דאָס געמיט.
איך ווייס וואָס ס'מיינט צו זיין אַצינד אַ דיכטער:
איך ווייס, וואָס ס'הייסט איצט אָנשרייבן אַ ליד.״

עס איז ניט סתם געזאַנג צוליב דעם שיינעם קלאַנג. עס איז ניט סתם אַ שיינקייט צוליב דער שיינקייט אַליין. עס איז דאָס און נאָך עפּעס, וואָס שטייט העכער, וואָס גיט דער שיינקייט אַ זין און אַן אינהאַלט. עס איז דער הערצאישער געראַנגל פון זיין „שטאַם״ פאַר דעם ליכטיקן טאָג, וואָס קומט אַנטקעגן מיט אַ נייער שיינקייט פון מענטשלעכן גליק און גרויסער מענטשלעכער חשיבות. דערפאַר איז זיין ליד ניט אויסגעוועבט פון דיכ־טערישע פליטער־פלאַטער אַבסטראַקציעס. זיין קול קומט ניט פון די הויכן פון אָלימפּישע ווייטקייטן. זיין געזאַנג איז דאָס געזאַנג פון דעם אייגענעם שטאַם, וואו ער שעפּט זיין דיכטערישע אינספּיראַציע. עס איז דאָס ליד פון דער גאַס, אויף וועלכער ער וואוינט, דאָס ליד פון אָרימען הויז פון זיין

שכן, פון דער קעלער־שטוב, וואו עס נעסטלט די נויט פון זיין חבר, פון די „פוירנישד רומס״, וואו ס׳לעבט אויס זיין עלנט דער פאַרגעסענער, אָפּגע־נאַרטער ברודער זיינער.

דער דיכטער קומט אַריין אין יעדער גאַס, אין יעדער שטוב מיט זיין ליד. זיין וואָרט שלאָגט־אָן אין יעדן שוועל און טיר און לאָזט איבער פרייד און דערהויבונג און גלויבן. זיין וואָרט וועקט־אויף צו טאַט און צום לעבן. ער טראָגט מיט זיך שטענדיק דעם וואונדער פון דער גרויסער זינפולער אידייע. און אַז ער קומט אַריין אין קעלער־שטוב פון אַן אָרימער, געפּאַ־לענער פאַמיליע, ברענגט ער אַהין אַריין מיט זיך, ווי אַ מעכטיק געווער, דאָס וואָרט פון האָפענונג אַנטקעגן יעדער געפאַלנקייט, דאָס וואָרט פון דערהויבונג אַנטקעגן יעדער עלנטקייט, דאָס וואָרט פון קאַמף און פון לעבן אַנטקעגן יעדן אומגלויבן און אַפּאַטיע:

„ — איך קום צו אייך פון מיין פּאַרטיי
און כ׳האָב אַ וואָרט מיט זיך געבראַכט.
אַ וואָרט —
וואָס טרייבט אַרויס פון העלן טאָג די נאַכט.
דאָס וואָרט איז בוים און שאָף און רינד,
דאָס וואָרט איז שיכלעך פאַרן קינד,
דאָס וואָרט איז זון און הימל-בלוי,
און בלומען פריש פון קילן טוי.
דאָס וואָרט איז ברויט און פלייש און זאַלץ,
דאָס וואָרט איז אַלץ,
וואָס איז מיט לעבן בלויז אַ גראַם.
דאָס וואָרט איז דו, און דו און איך,
דאָס וואָרט איז אונדזער שטאַם! ....״

דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע ביי אַ רעוואָלוציאָנערן דיכטער איז אפשר דאָס, וואָס ער איז קיינמאָל ניט אַליין. ער איז ניט איינזאַם אין זיין אַרבעט. ער איז ניט פאַרוואָגלט אין זיין לעבן. ער איז אַלעמאָל פאַרבונדן מיט אַ קאָלעקטיוו און טראָגט אין זיך זיין אַנגעהעריקייט צו זיין קלאַס ווי אַ ריזיקן קאָלעקטיוון כוח. דערפאַר זינגט מ. א. סול נאָך אַ פינף־און־צוואַנ־ציק־טויזנט קעפּיקער פאַרזאַמלונג פון זיין פּאַרטיי אַ פייערדיקע אָדע, און ער זאָגט אַזוי:

„אַ מענטש האָט פיינט דאָס האַרץ זיינס
בלויז אין זיך צו טראָגן:
ער טראָגט עס אויף אַ פאָן
און זינגט עס אויס דער וועלט.

— — — — — — — — — — —

און איך האָב ליב די פּאָן פון אַלע פּאָנען,
די פּאָן פון איין-און-איינציקן קאָליר.
און שטאָלץ בין איך, ווען כ'טו זיך נאָר דערמאָנען,
אַז ס'רינט איר פאַרב אין יעדן אָדערל אין מיר

— — — — — — — — — — — — — — —

אין פינף-און-צוואַנציק טויזנדיקן באַר..."
דערפאַר האָט זיך מיין שטים אַזוי פאַרמאָסטן

אַזוי נאָענט איז דעם דיכטערס לעבן געבונדן מיט זיין פּאַרטיי, אַז ער האָט פאַרגעסן זיין געבוירן־טאָג, ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי. פון יענעם טאָג ציילט ער די יאָרן פון זיין לעבן — אַ טאָג, וואָס האָט באַ־שטימט זיין גורל אויף דער וועלט, וואָס האָט געגעבן זין און אינהאַלט זיין לעבן צווישן מענטשן אויף דער וועלט. און נאָר אָט דעם טאָג ווידמעט דער דיכטער זיין פייערדיקן ליד.

און ווי פייערדיק עס איז דעם דיכטערס ליריק אין מאָמענטן פון גרויסער דערהייבונג, קען ער זיך אָפט אויך אַראָפּלאָזן צו די טאָלן פון שטילער מעדיטאַציע, צו דעם שטילן, אומעטיקן מעלאָדישן ליד. זיין ליד טוט זיך דאַן אָן אין אַ קלייד פון רואיקער געמיטלעכקייט און ער קען שוין אפילו וועגן אַ שרייענדיקער אומגערעכטיקייט זינגען אין שטילע, געלאַ־סענע טענער און אפילו מיט אַן איינגעהאַלטענעם פּראָטעסט:

„דער ווינטער שטייט שוין ביי דער שוועל
מיט פראָסט-צעפּלאָמטן פּנים
און מיט קאָלנער אויפגעשטעלט.
אָט, אָט,
דאָס לעצטע בלאַט פאַרוועלקט,
דער לעצטער טאָג פון האַרבסט צערינט.
איז וואָס וועט זיין מיט די,
וואָס וואוינען אין דער גאַנצער שטאָט
און דעקן זיך צו מיטן ווינט?
כ'האָב ליב ווען דעבער שטעלן אוים די לאַנגע סטראָמפּאַל-ציין,
ווען רינעס ווערן קאַפּנדיק פאַרפראָרן,
ווען אויף שויבן-קאַנוועס מאָלט דער ווינטער זיך אַליין
אין פראַסטיקע אוזאָרן.
נאָר וואָס וועט זיין,
אָ, וואָס וועט זיין,
מיט די, וואָס הילן זיך אין צייטונגס-שאַלן איין
און דרימלען שטייענדיק אין פרעמדע קאָרידאָרן?..."

און אפילו אין דער גאַנצער סעריע „פוירנישד רומס״, אין וועלכער ער צייכנט אַ גאַנצע גאַלעריע מענטשן, מערסטנס געוועזענע מענטשן, בילדער פון אָרימקייט און נויט, געבנדיק די מענטשן און די בילדער אין דער גאַנצער טראַגישקייט אַנטקעגן אַ פּאָן פון אַן אומגערעכטער, גלייכ־גילטיקער ווירקלעכקייט —— אפילו דאַן קען מ. א. סול איינהאַלטן אין זיך דעם שאַרפן פּראָטעסט. בלויז איין מאָל אין דער גאַנצער סעריע גיט ער אַ קער זיין פאַרצאָרנטן בליק אַן אַ זייט צו די בירגערלעכע דיכטער און שרייט אויס:

„אָ, איר, זינגט אַ הימנע צו דער זון,
און פלעכט פון אירע שטראַלן אויס
סאָנעטן-קרענץ אַ פולן קויש,
צי ווייסט איר ניט דערפון,
צי ווייסט איר ניט דערפון,
אַז די זון איז אויף דער פריי נאָך ניט אַרויס?"

און רעדנדיק וועגן דער סעריע „פוירנישד רומס״ מוז געזאָגט ווערן, אַז גראַד אין אָט דער סעריע שטייען ניט אַלע לידער אויף דער הויך פון סולס דיכטערישער קוואַליטעט. דער דיכטער ליידט דאָ פון אַ געוויסער סכעמאַטישקייט, וואָס בינדט אים צו דער טעמע, לאָזט ניט זיין ליד אויסלעבן זיך פריי. דאָס ליד ליידט פון אַן איבערפלוס פון וואָרט און אַן אָפּפלוס פון פאַרטיפונג, פון עכטער קינסטלערישער איבערלעבונג. די ליריק גיסט זיך דאָ אין אַ טעמפּ פון מאָנאָטאָנער מעדיטאַציע וועגן דעם גורל פון מענטשן, און פאַלט ניט זעלטן אַריין אין אַ טאָן פון אַ פּאַרדריסלעכער רע־טאָריק. עס איז אפשר דערפאַר, וואָס די ליריק — און סול איז הויפּטזעכלעך אַ ליריקער — האָט ניט ליב קיין מעשה, סיידן די מעשה טראָגט אין זיך די הויפּט־עלעמענטן פון אַ באַלאַדע. אָבער דאַן פאָדערט זיך שוין אַן אַנדער אינהאַלט און גאָר אַן אַנדער מעטאָד פון דיכטערישער אַרטיקולאַציע. אָבער אויך אין דער סעריע איז ווערט צו פאַרצייכענען אַמווייניקסטן איין ליד (עס זיינען פאַראַן נאָך), וואָס קען צוגערעכנט ווערן צו די סאַמע בעסטע, וואָס דער דיכטער האָט אָנגעשריבן. דאָס איז „דער פוירנישד רום פאָר־טרעט״ (בילד).

צום סוף פון בוך געפינט דער לייענער אַ ציקל ליבע־לידער, אַ פּראַכט־פולער בינטל פון געלייטערטער ליריק. לייענסט ליד נאָך ליד, און ס׳ווערט דיר אייגן, אינטים־נאָענט דעם דיכטערס ליבע — אַזאַ אינטימקייט איז דאָ אין יעדן פערז, אין יעדער שורה. און כאָטש די ליבע־שעה איז שוין פאַר־איבער און פאַרלאָרן אין דעם דיכטערס האַרצן, פונדעסטוועגן איז ניטאָ אין אים קיין ביטערניש, קיין געפּאַלנקייט, ניט קיין פאָדערונג און ניט קיין

טענה. עס איז נאָך דאָ די גלייטערטקייט פון שטילן צער און איבער איר — די האָפענונג און די טרייסט.

„וויפל זומערס אין אַ לעבן ?
אין אַ זומער — וויפל שעה ?
כ'האָב אַ זומער דיר געגעבן —
פאַר אַ זומערדיקער שעה.
איז די שעה שוין לאַנג אַנטלאָפן —
נאָר דער זומער איז נאָך דאָ."

אַרום און אַרום קען וועגן מ. א. סולס בוך געזאָגט ווערן, אַז עס איז אַ בוך פון גאָר היפשער פּאָעטישער קוואַליטעט, אַז פון דעם דיכטער קען מען נאָך דערוואַרטן אַ סך וויכטיקע ווערק, וואָס וועלן באַרייכערן די יידישע פּאָעזיע און אַז צו אים וועט זיך אונדזער קריטיק דאַרפן נאָך אומקערן און אומקערן.

1938

חיים גראַדע

איר עפנט אַ זאַמלונג לידער פון אַ דיכטער, און ניט אַלע מאָל ווילט זיך אייך אָנהייבן פונעם ערשטן ליד. לידער איז גוט צו לייענען בלעטערנדיק, שפרינגענדיק פון איין ליד צו אַ צווייטן, פון איין ציקל צום צווייטן, ווי עס טוט אַ בין, וואָס קומט צופליען אויף אַ רייך־באַבלומטען פעלד. זי זעצט זיך ניט אַוועק אויף דער ערשטער בלום, כדי פון איר אַריבערצופליען באַלד אויף דער צווייטער און דריטער אָנצוזעטיקן זיך מיט איר זאַפט. זי קלייבט אויס אירע בלומען צופעליק, וואו עס מאַכט זיך, אָן אָרדענונג, און דאָך קערט זי זיך צוריק אָן אָנגעזעטיקטע מיט איר בלומען־זאַפט. אַזוי איז אָפט גוט צו לייענען אַ לידער־זאַמלונג: — ניט כסדר, ניט אין אָרדענונג, נאָר אַריבערשפרייזנדיק בלעטער, לידער און ציקלען און נאָכדעם אומקערן זיך צוריק, נאָכפאָלגנדיק אָן אייגענעם, אינסטינקטיוון געפיל פאַר אויסוואַל און אָפקלייב.

אָבער חיים גראַדען מוזט איר לייענען כסדר, פון אָנהייב ביזן סוף. איר מוזט די לידער לייענען, ווי די לידער וואָלטן אייך דערציילט אַ מעשה, געשילדערט אַ לעבן. און דאָס לעבן וואָס ווערט דאָ געשילדערט איז פון אַן אינטערעסאַנטער פערזענלעכקייט, וואָס איז רייך מיט דערפאַרונגען, מיט אינערלעכע ראַנגלענישן, וואָס זיינען אייך נוגע, ווייל דאָס זיינען די דער־פאַרונגען און ראַנגלענישן פון אַ גרויסן דיכטער, פון חיים גראַדע.

איר הייבט אָן לייענען דאָס ערשטע ליד, און באַלד דערפילט איר דעם דיכטערס שווער־געלאָדנקייט, די פיינלעכקייט פון זיין געמיט, די ראַנגלע־ניש פון וואָרט און קלאַנג און בילד. איר דערפילט: ער איז איריטירט. עפעס טוט אים וויי. ער טראָגט אין זיך אַ ווייטיק, וואָס איז אומהיילבאַר. אויף אַלע מאָל. אַ ווייטיק, וואָס שרייט אויס אַן אייגנגעהאַלטענעם געשריי און ווערט קיינמאָל ניט דערלייזט דורך אַן ענטפער, אָדער דורך אַ פאַר־ענטפערונג, און הערט ניט אויף צו מאָנען די פולע דערלייזונג.

חיים גראַדע איז קיינמאָל ניט געווען קיין אָנהייבער. עפעס איז ער אַריינגעקומען אין דער יידישער דיכטונג באַלד פון אָנהייב אַ רייפער דיכ־טער. און אַזאַ רייפער איז ער שוין פאַרבליבן, סיי לויט דער פאָרם, סיי לויטן אינהאַלט און סיי לויט דער קוואַליטעט. און אפילו לויט זיין גאַנצן

„דורות" (לידער און פאָעמען), איקוף־פאַרלאַג, 1943.

וועלט־באַנעם, אַ שווערער וועלט־באַנעם, וואָס קומט פון האַרבסטיקער קעלט, וועלכע הערט ניט אויף צו לעשן דעם דיכטערס אויפגעברויזטע פלאַמיקייט, וואָס קומט פון פאַטאַלער פאַרלוירנקייט פון אַ מענטשלעכער נשמה אין די אייביקע געזעצן, פון קאָסמישע געזעצן.

„עס בליט און עס פינקלט דער שטערן אין צפון, —
אַזוי וועט ער פינקלען מיט טויזנט יאָר שפּעטער;
מיין האַרץ וועט אָבער ווי אַ וואונד בלייבן אָפן,
און קלאָגן אַזוי ווי דער ווינט אין די בלעטער."

דערצויגן צווישן צוויי וועלט־מלחמות, אַן איבערגעלאַדענער מיט דער טראַגיק פון אַרומיקן לעבן, מיט דער טראַגיק פון אַ גאַנצן יידישן דור, וואָס האָט זיך געראַנגלט צווישן די ווידערשפּרוכן פון קאַטאַסטראָפאַלע היסטאָרישע געשעענישן, איז ער געקומען אין דער יידישער דיכטונג מיט דער טראַגיק פון זיין אייגענעם לעבן, וואָס האָט זיך געוואָלט אַרויספּלאָנטערן פון די ווידערשפּרוכן פון חיים גראַדע, דעם „מוסרניק", און טראַגיק איז געוואָרן דער אויסדרוק פון זיין קינסטלערישן געמיט, וואָס הערט ניט אויף צו זוכן „אין וועלט־קאַטאַסטראָפעס דעם ווידערגעבורט פון אַ געטלעכן וואונדער", די אייביקע טראַגיק פון הבלן, וואָס וויל מוחל זיין דעם ברודער קין דעם ברודער־מאָרד, נאָר עס זאָל אָנקומען אויף דער וועלט די האַר־מאָניע פון שלום.

„זאָגט הבל: איך טראָג ווי אַ בלינדער אַ שמייכל
און קלאַפּ אין דער טיר פון דער פינצטערניש: קין !
איך בין דיר מיין בלוט דאָס פאַרגאָסענע מוחל,
קום אונדזער פאַרברידערונג ווידער באַנייען.

בליצן אין נאַכט אויף באַלויכטענע שלעסער,
און קין אַ שיכורער, האַריקער, רויטער,
לויפט מיר אַנטקעגן אַרוים מיט אַ מעסער...
אַ שניט — און איך פאַל אום אַ טויטער..."

אַ קינד פון אַ קראַנקער צייט צווישן צוויי מלחמות, פון אַ צייט פון גרויסע מענטשלעכע און יידישע קאַטאַסטראָפעס, וועלכע ער האָט איבער־געטראָגן אויף זיין גוף און נשמה, איז ער געקומען מיט דער שרעק אין זיין האַרצן — אויף אייביק אַ דערשראָקענער. אַ קינד פון אַ פינצטערן קעלער־שטוב, טראָגט ער די פינצטערניש דורך זיין גאַנצן לעבן: שרעק און פינצטערניש אין דער היים און שרעק און פינצטערניש אין דער פרעמד. ער בליט אומעטום, ווי יענער בוים, וואָס ער באַמערקט דורך דעם פענצטער פון דער לויפנדיקער באַן, „וואָס יאָגט דעם וואַלד און קען אים ניט דער־

יאָגן און בלייבט פאַרטרויערט, שטיל, אַן איבעריקער אוי ף דער וועלט״. ער זאָגט:

„איך טראָג דעם יום טוב פון דער פרעמד,
ווי ס'טראָגט אַ נשרף אַ געשענקטע העמד.״

ווייל וואוהין ער קומט און וואָס ער טוט פאַרפאָלגט אים דער חושך פון קעלער, וואו ער האָט צום ערשטן מאָל דערקענט דער מאַמעס טראַגישן לעבן און באַנומען די טראַגיק פון זיין פאָטער און דערזען דאָס קראַנקע מיידעלע, וואָס איז געשטאַנען ביינאַכט מיטן בלאַסן פנים צום קאַלטן ליכט פון דער לבנה, „און געזוכט די קאַלטע שטראַלן אַזוי ווי פון אַ טעלער...״

ער האָט זיך געלערנט ביי די „מוסרניקעס״ צו לעשן זיינע פיינען מיט נאָך גרעסערע פיינען און צו שטילן זיינע צווייפלענישן — מיט נאָך טיפערע צווייפלענישן. און ווי אַ שיכור זוכט זיין דערלייזונג אין נאָך אַ גרעסערער שיכרות, אַזוי זוכט דער בלאָנדזשענדיקער דיכטער צו פאַרלירן זיך אין נאָך טיפערע דזשאַנגלס. ווי איוב, האָט ער נאָך אין זיין פריער יוגנט אויפגעהויבן די אויגן פון דעם חשכות פון קעלער צו די ליכטיקע הימלען און הערט ניט אויף צו פרעגן: פאַרוואָס? אָבער בשעת איוב האָט דער־וואַרט אַן ענטפער און אַ פאַרענטפערונג, ווייס חיים גראַדע, אַז קיין ענטפער איז ניטאָ, ווייל „דעם הימל איז די ערד עגאל. ער איז איר קאַלטע אַנטי־טעזע״. דער דיכטער פון גרויסער וויזיאָנערישקייט, פילט אַלע מאָל אַרום זיך דעם אמת, וועלכן ער זוכט, אָבער וואָס איז די פעולה, אַז „מ'קאָן דער־גרייכן דעם אמת אין איין שעה, אָבער אים איינצוהאַלטן — דאַרף מען ראַנגלען זיך אַ גאַנצן לעבן״. רעוואָלטירט ער קעגן דעם פאַטאַליזם פונעם איביקן געראַנגל און לייזט־אויף זיין פּראָטעסט אין עפּעס אַן אַבסטראַק־טער אַליין־פּייניקונג.

חיים גראַדעס ליד איז טראַגיש מיט דער טראַגיק פון זיין לעבן. אָבער ער איז זיך קיינמאָל ניט מייאש, בייגט ניט אַראָפּ דעם קאָפּ און לאָזט ניט אַראָפּ די הענט, כדי זיך איבערגעבן דעם אומפאַרמיידלעכן. דאָס איז די דערלייזונג פון אַ קעמפער, וואָס, אין זיין גרעסטער פאַרצווייפלונג, פאַרוואַנדלט ער זיין געוויין אין אַ קללה, וואָס וועקט און רופט און לאָזט ניט רוען.

„איך וויל מיינע טרערן ווי קערנער פאַרזייען
און שפּעטער, ווען ווידער דער פרילינג וועט קומען,
זאָל פול זיין דער גאָרטן מיט מיינע געשרייען,
וואָס וועלן זיך גיפטיק צעוואַקסן אין בלומען.״

ער גיט זיך ניט איבער דעם אומפאַרמיידלעכן ווי אַ פאַטאַליסט, ווייל ער וויל לעבן. און לעבן מיינט גלויבן, און גלויבן — מיינט קעמפן:

„דער פויגל אין זיין פרילינגפלי אפילו
איז דאָך אויך ניט פריי אין זיין געזאַנג.
איך, דער אייניקל פון דער גלאָריע,
זע די גאַנצע וועלט אין איר צוזאַמענהאַנג.

גאָטס זינגעוודיקער גוף אין העכסטן פורעם, —
בין איך דער קראַנקער מענטשביים בלויען שויב.
יאָ! — דאָס איז דער פריי-געשריי פון שטורעם, —
צו דעם גרויען ווערימל אין שטויב.

יאָ! — דאָס ענטפערן די שטערן: אמן,
אויף מיין יאָמער, וואָס פאַרקליידט זיך אין געזאַנג.
אַלץ, וואָס האָט אי יאָ אי ניט קיין נאָמען,
קעמפט אין מיר אַנטקעגן אונטערגאַנג.

איך ווייס: די שטערן זיינען ווייט און אייביק,
נאָר איך, דער קראַנקער מענטש ביים בלויען שויב,
וועל מיין האַרץ, וואָס איז ניט מוטיק און ניט גלויביק,
אפילו מיט געוואַלד באַפעלן: גלויב!

גלויב: — די פינגער מיינע ציען זיך ווי שטראַלן,
ווי טרערן רינט פון מיין געזיכט דער בלאָ.
מיין האַרץ דערשלאָגט זיך צו דעם קוואַל פון אַלע קוואַלן, —
דערשלאָגט זיך צו דעם ערשטן זאָגנדיקן: יאָ!"

דער דיכטער ווייס, אַז ער האָט „אין נעכט פאַרוואַלקנטע געלערנט האָפן, — האָט ער אַ הימל פול מיט שטערן אויסגעבענקט. ווייל וואָס איז ער געווען און וואָס איז ער איצט?

„פון דזשונגל-חשכות — דורכן מילכוועג — צו אַ וועלט אַ נייער,
גייען מיינע בלוט-טראָפנס ווי שטערן אויף.
אַ גאָט צו ווערן איז דער מענטש נאָך צופיל חיה, —
שטייג איך מיטן ליד פון אייביקן אַרויף."

דערפאַר, אין מיטן פון אַלע פיינען, איז ער דאַנקבאַר דעם באַשעפער פאַרן דיכטערישן גורל: „אָ, גאָט, איך בין פאַר דיינע רייד נאָר פורעם און דו ביסט אין מיין מויל — דער פלאַם."

וואָס מאַטערט דעם גרויסן דיכטער חיים גראַדע? אַ סך זאַכן מאַטערן אים. איבערהויפּט — דאַכט זיך אויס, אַז ער האָט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט באַפרייט פון יענע יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער סביבה פון זיינע „מוסרניקעס". צווייפלעניש, פּרעגעניש, פייניקונגען וועגן דער תורה, העכערער מאָראַל, וועגן גאָט, כלל און פרט, עבירה און שטראָף, גוטס

און שלעכטס, וועגן קדושה און געפּאַלנקייט, קנאה און אָפּערווילקייט, חרטה און תשובה. אַ קינד פון יידישע זיידעס, וואָס זיינען געגאַנגען אויף קידוש השם, איז ער געפּאַנגען אין טיפער יידישער טראַדיציע פון דורות צו קעמפן און שטאַרבן פאַר אַ העכערן זין פון לעבן. אַ דיכטער מיט אַ גרויס האַרץ, קען ער דורך זיין קרעפטיקן וואָרט שטורעמען און איבערקערן וועלטן און ווערן מיט אַמאָל מילד און צאַרט־זינגענדיק אין זיינע לירישע געזאַנ־גען, ווי אַ פאָלקס־דיכטער. אָבער דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר זיין ליד איז דער אַלאַרם־רוף, די וואָרנונג ווי פאַר אַ פאַרצערנדיקער שרפה. ער רודערט אויף, וועקט אויף דורך זיין אומרואיקן בלוט צו מאָנונג, ווי אַ שטורעם־אָנזאָגער, ווי אַ נביא, וואָס קען צו גאָט אַליין זאָגן: „לאָז פאַר־שמידן דיינע פיס, די באָרוועסע, אין קייטן, בלוטיק מיט אונדז צוגלייך אין דיין נסיון, זאָל זען דאָס פאָלק אַ ליידנדיקן גאָט...״ אַ קינד פון דעם פילגעפּלאָגטן יידישן פאָלק, וואָס האָט דורך ליידן דערגרייכט צו דער העכסטער לייטערונג, וואָס זיין וועג איז אַלע מאָל איבער שטיינער און שפּיציקע דערנער און דער גייסט — אין די הימלישע ספערן, האָט חיים גראַדע אין זיך עפּעס פון דעם פאַרצייטיקן יידישן נביא. צווייפל און האָ־פענונג, פיין און לייטזעליקייט, שטראָף און טרייסט־וואָרט — דאָס איז די גאָב פון דעם נביא און פון דעם דיכטער חיים גראַדע.

אויך אין דער סאַמע לעצטער תקופה פון זיין שאַפן, אין די יאָרן פון דער עוואַקואַציע אין וויטן סיביר, אין די ביטערע יאָרן פון מלחמה און בלוטיקער אויסראָטונג, טראָגט זיין וואָרט אין זיך די נביאישע גבורה. עס איז אָבער אָפּגעפרישט געוואָרן מיט אַ נייער קלאָרקייט. דאָס ליד האָט זיך באַפרייט פון איבערחזרונגען און האָט זיך אָנגעטאָן אין נייע קאָלירן — די קאָלירן פון וויטע שטחים, מיט מזרחדיקער קרעפטיקייט און בילד־לעכקייט, ווי עס זאָגן עדות זיינע פּרעכטיקע לידער „סילסעלאַי קוהי היסאַר״, „די רייטער פון פּאַמיר״, „אין וויטן אַשכאַבאַד״, „טאַדזשיקיסטאַנער האַרבסט״ און אַנדערע, וואָס קענען פאַררעכנט ווערן צווישן די בעסטע שאַפונגען אין דער יידישער פּאָעזיע.

חיים גראַדע איז איינער פון די גרעסטע דיכטער פון אונדזער צייט. זיין ליד מוז געלייענט ווערן. עס איז אַ ליד, וואָס לויט זיין קרעפטיקייט קען עס פאַרגליכן ווערן נאָר מיטן ליד פון אַזאַ ריז, ווי ביאַליק.

1946

דוד אָפּאַטאָשו

איך האָב גענומען לייענען דוד אָפּאַטאָשוס בוך „צווישן ים און מדבר" מיט אַ גאָר באַזונדערער פאַראינטערעסירטקייט. און ס'איז נאַטירלעך: דער מחבר איז אַ הי־געבוירענער, דער זון פון יוסף אָפּאַטאָשו. דערצו בין איך פערזענלעך באַקאַנט מיטן יונגן שרייבער זינט זיינע יונגע יאָרן, שפּעטער נאָכגעפאָלגט זיין אַנטוויקלונג און וואוקס ווי אַ שוישפּילער אינעם „אַרטעף"־טעאַטער, און נאָכדעם מיט פרייד באַגעגנט זיינע ערשטע דערציילונגען אין זשורנאַלן.

און אַט דערלעבט מען דעם נחת צו האַלטן אין האַנט דאָס ערשטע בוך פון איינעם פון די ערשטע יידישע הי־געבוירענע שרייבער!

ס'איז ניט לייכט צו זיין אַן ערשטער. ס'איז אין דעם פאַראַן אַ סך אחריות — פאַר זיך און פאַר דער סביבה, אַ ניט־געשריבענע אחריות פאַרן נייעם לעבן־איינשטעל, וואָס איז אין אונדזער צייט דורכגעוועבט מיט שווערע פּראָבלעמען פון קיום, פון המשכדיקייט אויף אַ נייעם באָדן — המשכדיקייט אין לעבן און אין דער ליטעראַטור. ס'איז שווער, אָבער ס'איז אַ פּריווילעגיע און אויך אַ געלעגנהייט. עס עפענען זיך נייע פּערספּעקטיוון, עס ברייטערן זיך אויס נייע האָריזאָנטן, און ס'איז איצט דאָ אַזוי פיל אָרט פאַר דער באַנייאונג אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור! די עלטערע יידישע שרייבער, די ברייט־אָנערקענטע, האָבן אויפגעהערט צו זוכן אַ נייע טעמאַטיק און נייע פאָרמען פון אויסדרוק. זיי רוען אונטער זייערע „לאָרבער־קרענץ". זיי קענען זייער שרייבערישן וועגן אַזוי גוט, אַז זיי גייען שוין אויף אים מיט פאַרמאַכטע אויגן. די קריטיק שטעלט זיי ניט קיין פאָדערונגען, רוען זיי אין דעם ווייכן בעט פון רום און אָנערקענונג און חלומען זייער חלום, ניט געשטערט פון דער יידישער איינגעשרומפּענער לייענערשאַפט.

און אַט איז געקומען דוד אָפּאַטאָשו מיט זיין בוך דערציילונגען. מ'איז נייגעריק צו זען מיט וואָס פאַר אַ „באַגאַזש" ער איז געקומען. ס'האָט זיך געוואָלט האָפן, אַז זיין פרישׂ וואָרט וועט אויפטרייסלען די סטאַגנאַציע אין אונדזער ליטעראַרישער ווירקלעכקייט. אפשר וועט ער גאָר משפּיע־זיין אַ נייעם אָנהייב, אַן אויפלעבונג, אַ נייעם תיקון? אפשר וועט ער

*) דוד אָפּאַטאָשו — „צווישן ים און מדבר", דערציילונגען. ציקאָ-ביכער-פאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1947.

„אויסקויפן" צוויי דורות אַמעריקאַנער־געבוירענע יידן, וואָס האָבן מיט קיין איין ווערק ניט באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור, ניט געהאָלפן ממשיך־זיין די פיינע טראַדיציעס פון דעם אימיגראַנטישן דור שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן דאָ אַזוי פיל אויפגעטאָן.

צום באַדויערן אָבער ווערן אַט די אַלע האָפענונגען צערונען שוין נאָכן איבערלייענען די ערשטע עטלעכע דערציילונגען. ס'איז קלאָר: דוד אַפּאַטאָשו וויל אַריין אין דער ליטעראַטור אויף אַ לייכטן וועג. ער הייבט אָן זיין בוך מיט אַ סעריע פון זעכצן דערציילונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אינטימער טעמע (ער איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה) פון דער מלחמה־איבערלעבונג. ס'איז גראָד אַ שווערע טעמע, וואָס דער מחבר באַהאַנדלט אָבער אויף אַ לייכטן, לויפנדיקן, כמעט שפּילעוודיקן אופן. ער לאָזט זיך גיין דעם שווערן וועג פון טיפער מענטש־לעכער איבערלעבונג, פון טראַגישע מאָראַלישע און פיזישע קאָנפליקטן, אָבער פון אונטער זיין פען קומען אַרויס לייכטע, אויבנאויפיקע פאַרצייכע־נונגען — דאָס אַלץ, וואָס איז שוין געוואָרן אַ „שטאַמפּ" אין אַלע ליטעראַטורן אויף אַט דער טעמע: די הפקרדיקייט פון דעם סאָלדאַטישן לעבן אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט. אַט די טעמע אין אַן אוניווערסאַלע. זי איז אויסגענוצט געוואָרן פון הונדערטער שרייבער באַלד נאָך ביידע מלחמות, אָבער געבליבן אין דער ליטעראַטור זיינען בלויז געציילטע שרייבער, וואָס האָבן אין זיך פאַרמאָגט גרויסע שעפערישע כוחות און וואָס האָבן באַנומען די טראַגיק פון מלחמה אינעם ליכט פון אַ גרויסער אידייע.

דוד אַפּאַטאָשו גייט „מיטן וועג פון לייכטערן ווידערשטאַנד". ער כאַפּט אויף אַן עפּיזאָד און פאַרצייכנט אים מיט אייליקע שטריכן. דעריבער בלייבט אויך ביים לייענער דער איינדרוק אַ לייכטער, ניט קיין דויערנדיקער. ער רופט קוים־קוים אַרויס אַן אָפּרוף, אפילו מיט די נאַקעטע שילדערונגען פון מענטשלעכער געפאַלנקייט, מיט זיינע פרייגעלאָזענע אינסטינקטן פון עראָטיק און פּערווערזיע.

וועגן דעם אָפּוואָרפן זיך פון אַלע מענטשלעכע געזעצן איז ניט שייך צו דערציילן אין אַ לייכטער, אַנעקדאָטישער שפּראַך, — פאַר דעם דאַרף מען זוכן און געפינען די פּאַסיקע פאָרם, דעם פּאַסיקן סטיל, וואָס זאָל דעם אינהאַלט, אין אַלע זיינע דעטאַלן, געבן די גאַנצקייט פון אַן אידייע. ביי דעם יונגן דוד אַפּאַטאָשון איז אָבער ניט צו געפינען קיין פּרוּוו צו פאַרטיפן דעם אינהאַלט פון זיינער אַ דערציילונג. אפילו די עראָטיק, וואָס שפּילט דעם הויפּט־טאָן כמעט אין יעדער דערציילונג, דערפירט ער ביז אַ ביליקן אַנעקדאָטישן וואָרט־שפּיל, ווי אין דער דערציילונג „צווישן ים און מדבר", וואו די סצענע פון פאָרן די הינטלעך נעמט אָן כמעט פאַרנאָגראַפישע פאָרמען. דאָס אַלץ ווערט געשילדערט, דאַכט זיך, צו מאַכן אַן איינדרוק פון טראַגי־שער מענטשלעכער געפאַלנקייט, אָבער עס לאָזט איבער דעם שוואַכסטן

איינדרוק, ווייל אפילו דאָס ביסל טראַגישע אין דעם ווערט פאַרטושט צווישן גאָר־וויניק־קינסטלערישן אמת און גאָר אַ סך אומקינסטלערישער איבער־געטריבנקייט. אין אָט דער דערציילונג — אגב, די לענגסטע אין בוך — וויל ער דערציילן אַ מעשה וועגן אַן אויפריכטיקער, טראַגישער ליבע, מיט אַן עראָטיק, וואָס קומט פון די טיפענישן פון מענטשלעכער בענקשאַפט נאָך ליבע, נאָך באַהעפטונג מיט מענטש און נאַטור אין אַ וועלט פון צע־ריסנקייט און אַנאַרכיע. אָבער אויך אין איר זיינען קוים צוזאַמענגעבונדן די אָפּגעזונדערטע, צעוואָרפענע עפּיזאָדן, וואָס זיינען איבערגעפילט מיט אַן אָפּגעריבענעם דיאַלאָג, וואָס שטרייכט אונטער נאַאיוויטעט, קינסטלע־רישע אומרייפקייט און געאיילטקייט.

דוד אָפּאַטאָשו קויפט־אויס אָפט אָט די שוואַכקייטן דורך דעם אויפ־ריכטיקן לירישן טאָן, וואָס אים איז געלונגען אריינצוזינגען אין זיין נאַ־ראַטיוו און אין זיין דיאַלאָג. אָט איז אַ דערציילונג „רעגן־רומבאַ״. ס׳איז ניט קיין נייע טעמע וועגן אַ טעמפּעראַמענטפולן מעקסיקאַנער, וואָס זיין האַרץ שלאָגט צום ריטם פון מוזיק און זיינע בלוטן גלידער צעשפּילן זיך און צעיאָגן זיך אין אַ ריטמישן טאַנץ ביז צו גרויסער עקסטאַטישקייט. דער מחבר ווערט דאָ אַליין פאַרכאַפּט פון אָט דער עקסטאַטישקייט, און זיין וואָרט ווערט דאָ אָנגעפילט מיט ריטמישקייט, הייבט אָן צו טאַנצן אין איינעם מיט דער רומבאַ: „רומבאַ, רומבאַ, העי! רומבאַ, רומבאַ, העי!... עס פאַנגט זיך אָן מיט די פיס, אַרויף צו די היפטן, אַריין אין בויך, אַרויס דורך די אַקסלען, און פּרעסטאָני ווערט איין שטיקל טרייסל... שוויס און היץ, היץ און שוויס, און רעגן אויפן דאַך פון באַראַק פייקלט אַ טעמפּן באַראַבאַן צום רומבאַ, רומבאַ, רומבאַ, העי! רומבאַ, רומבאַ, העי!״

דער יונגער שרייבער וויל דערציילן אַ סך. מערסטנס וועגן זיינע אייגענע אינטימע איבערלעבונגען אין דער אַרמיי. אים ווילט זיך איבער־געבן יעדע אינטימע אַנונג, יעדן טרוים, יעדע מורא און שרעק און יעדע אומקלאָרע דערוואַרטונג, וואָס האָט אויפגערעגט זיין האַרץ אין מאָמענטן פון פרייד און פון אַנגסט, — אַלץ, וואָס ס׳האָט אויפגערעגט זיינע בלוטן מיט פרייד און צער און ליבע און שנאה — אַלץ וויל ער דערציילן אין אַ מעשה. אַלץ וויל ער דערציילן וועגן זיך. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ מעלה. ווייל יעדער אמתדיקער שרייבער דערציילט, קודם־כל, וועגן זיך אַליין. ער געפינט אַלערליי קינסטלערישע מיטלען, וועגן און אויסוועגן, ווי צו פאַרבאָרגן זיין סוביעקטיוויטעט אונטער שלייערן דורך מולטיפּליצירונג, דורך אומצאָליקע פערסאָנאַזשן. אין דעם ליגט דער כוח פון דער קונסט און קינסטלער צו געבן זיך אַליין אין אַלערליי געשטאַלטונגען, צו אַנט־פּלעקן אומדירעקט די פילזייטיקייט פון זיין כאַראַקטער, פון זיין קינסטלע־רישער פערזענלעכקייט, און דאָך בלייבן אויף אַן אָביעקטיווער פּאָזיציע. דוד אָפּאַטאָשו גיט נאָך אָבער זיינע אַלע העלדן בלויז די אויסערלעכע

אַנדערשקייט. די אינטימסטע כאַראַקטער־איבערלעבונג איז אומעטום די זעלביקע. ס׳איז די איבערלעבונג פון איין פערזאָן אין פאַרשיידענע סיטואַציעס. ס׳זיינען די רייד פון איין כאַראַקטער אונטער באַזונדערע אומשטענדן, אַ כאַראַקטער, וואָס איז נאָך ניט קלאָר, וואָס האָט זיך נאָך ניט אויסגעפורעמט אין אַ באַשטימטער געשטאַלט און אידייע.

דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, גורם דעם פאַקט, וואָס דעם שרייבערס ייִדישקייט פילט זיך אַבסאָלוט ניט אין זיינע מלחמה־דערציילונגען. ניט דורך וואָרט, ניט דורך אינהאַלט און פאָרם און ניט אין דער אידייע אַנטפּלעקט זיך דעם שרייבערס אָנגעהעריקייט צו אַ סביבה, אַ כלל, אַ וועלט־אַנשויאונג, אַחוץ אין דעם בריוו „יום־כיפור תש״ח״, וואָס איז פאַראיינזאַמט צווישן די אַנדערע פופצן דערציילונגען. האָבן דאָך גראָד די מלחמה־יאָרן אַרויסגערופן אַזאַ טיפע פּראָבלעמאַטיק אין דער ייִדישער ווירקלעכקייט — אויף דער גאַנצער וועלט און אויך אַרום אונדז אין אַמעריקע. ס׳איז, ווי אומיסטן, אויסגעמיטן געוואָרן די פּראָבלעמאַטיק פונעם שרייבערס דור, וואָס איז אין אָט די מלחמה־יאָרן ווייטיקדיק אויסגעוואַקסן ביז צו טראַגישטרייענדיקע פּראָפּאָרציעס. און גראָד דאָס ווילט זיך אַזוי געפינען ביי אַ הי־געבוירענעם שרייבער, וואָס קומט אין אונדזער ליטעראַטור ממשיך־זיין די גרויסע ייִדישע ליטעראַטור־טראַדיציע פון פאָלקישער אינטימיטעט.

דוד אַפּאַטאָשו שרייבט, ווי געזאָגט, מיט אַ לייכטער, געאיילטער האַנט. דער זאַץ איז אַ קורצער, אַן אַפּגעהאַקטער. דער דיאַלאָג נאָך אַ קירצערער. מענטשן רעדן מערסטנס מיט אַ וואָרט און צוויי און דריי. די שילדערונגען קורצע, ווי זיי וואָלטן געוועזן צוגעשניטן פאַר אַ סצענאַריאָ פאַר אַ פילם. אַלץ איז דאָ איינגעראַמט אין קליינע ראַמלעך. ס׳איז אפילו ניט קיין דערציילונג, נאָר אַן עפּיזאָד, כמעט אַ קינסטלעריש־דערציילטער אַנעקדאָט וועגן דער הפקרדיקייט פון אַ מענטשן אין אַן אויפגעבראַוזטער צייט. אָט דעם מעטאָד האָט דער שרייבער גענומען טיילוויז ביי זיין אייגענעם פאָטער (אין יענעמס קורצער דערציילונג) און טיילוויז ביי געוויסע אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס מאַכן־נאָך העמינגווייַ. דאָס ליגט ממש אויבנאויף. אָבער אומעטום איז דאָ ניט אַזוי די נאַטירלעכע לייכקייט פון סטיל ווי די געמאַכטע לייכטקייט, דער מאַניער דורכן קורצן זאַץ און וואָרט־אַנדייטונג צו געפינען אַ לייכטערן אויסוועג פון אַ שווערער סיטואַציע. אָפטמאָל זעט עס אויס, ווי דער שרייבער וואָלט זיך שטענדיק „געראַטעוועט״ פון דער געפאַר אַריינצופאַלן אין אַ געראַנגל מיט אַ טיפערער וואָרט־מאַטעריש, מיט גערדיכטערע וואָרט־מאָדולאַציעס, וואָס מוזן קומען פון אַ גרעסערער טיפקייט פון געמיט.

אָט דער מעטאָד פון לייכטקייט, ווי דער שרייבער וואָלט בכיוון געוואָלט בלויז באַרירן, ניט אָנטאַפּן, ניט באַנעמען מיט אַלע חושים אַ סיטואַציע, נאָר אויבנאויפיק פאַרצייכענען די ווירקלעכקייט, לאָזט ניט זיינע פערזאָנען

צו קומען צום פולן אויסדרוק. ער לאָזט זיי ניט אויסלעבן זיך. איידער זיי באַוויזן זיך, מוזן זיי שוין אַראָפּ פון דער סצענע, און דער לייענער פאַרגעסט זיי זייער שנעל.

אין די אַכט דערציילונגען, וואָס קומען צום סוף פון בוך און האָבן ניט צו טאָן מיט דער מלחמה־טעמע, איז דוד אַפּאַטאָשו גאָר אַן אַנדערער. אויך דאָ זיינען די זאַכן קורצע סקיצן, אָבער זיי זיינען שוין אָנגעשריבן אַ סך געדיכטער. דאָ פילט זיך אַ געוויסע ערנסטקייט, אַ פּרואוו צו פאַרטיפן זיך אין אַ סיטואַציע, אין אַ כאַראַקטער. ער איז דאָ נעענטער צו אַ באַשטימטער סביבה און מענטשן־מאַטעריאַל. אמת, אין אַט די דערציילונגען איז ער נאָך שטאַרקער אונטערן איינפלוס פון זיין פאָטער. דאָ דערקענט דער אויפמערקזאַמער לייענער יוסף אָפּאַטאָשון ניט נאָר אין זיין טעמע, אין דעם מעטאָד פון שילדערן, נאָר אפילו אין די נעמען פון זיינע העלדן, אין דער באַמענקלאַטור פון זאַכן און בעלי־חיים.

אָבער סטיל־איינפלוס איז נאַטירלעך צו געפינען ביי יעדן אָנהייבער. ס'איז ניט אַלע מאָל דורכאויס אַ נעגאַטיווער שטריך. יעדער אָנהייב איז שווער. זוכט דער אָנהייבער אַן אָנשפּאַר־פונקט און אַ כוח, וואָס וויגט פאַרנאַנדער דעם שוואונג פאַר די אייגענע כוחות. וואָס אונדז אינטערעסירט איז די מעשה, וואָס דער ניי־אָנגעקומענער האָט צו דערציילן.

וואָס וויל אונדז דוד אַפּאַטאָשו דערציילן? מיט וואָס קומט ער צו דער וועלט צו פאָדערן אַן אָרט אין דער ליטעראַטור? וואָס איז זיין קינסטלערישער אני־מאמין? אויף דעם איז שווער צו ענטפערן. אויף דעם געפינט דער לייענער ניט קיין ענטפער — ניט אין די מלחמה־דערציילונגען און ניט אין די ריין־סביבהשע. דאָס איז נאָך דערוויל ניטאָ. אפשר וועט עס קומען אין אַ צווייטן, אין אַ דריטן בוך?

האָט דער יונגער אַפּאַטאָשו טאַלאַנט? אויף דעם איז לייכטער צו ענטפערן פּאָזיטיוו. ער האָט זיכער אין דעם בוך „צווישן ים און מדבר" דאָס באַוויזן דורך קענטשאַפט צו באַהערשן די יידישע שפּראַך און אויף אַן אימפּרעסיאָניסטישן אופן אויפכאַפּן די רעאַלע ווירקלעכקייט מיט אַ זעענדיקן אויג און מיט אַ לירישן האַרץ. און אויב ער וועט ניט זוכן דווקא אויף אַ „לייכטערן וועג" אַריינקומען אין דער ליטעראַטור, קאָן מען האָפן, אַז ער וועט ווערן אַ שרייבער ביי יידן. און פאַר אונדז אַלעמען, וואָס פרייען זיך מיט יעדן צוגעקומענעם כוח, וועט ניט זיין קיין גרעסערער גליק ווי צו זען אים וואַקסן און אַנטוויקלען זיך פאַרן כבוד פון אונדזער היגער יידישער ליטעראַטור.

1948

לאַראַ האָבסאָנס „דזשענטלמענס אַגרימענט"*)

אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע — דער אָפענער און דער, וואָס פּרובירט זיך נאָך באַהאַלטן אונטער אַ צודעק פון „לייטישקייט" — איז אין דעם פאַרגאַנגענעם צענדליק יאָר געוואָרן אַ פּיינלעך־רעאַלער פאַקט. ביסלעכווייז, בהדרגהדיק האָט ער זיך איינגעגעסטלט אין פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן פון לאַנד און געפונען זיין אויסדרוק דורך חוצפּהדיקע דיסקרימינאַציעס קעגן דער אַזוי־גערופענער „יידישער ראַסע" אין די געביטן פון בילדונג, קאָמערץ און אַלערליי געזעלשאַפטלעכע פונקציעס פון היגן לעבן. אין דער גאָר־לעצטער צייט האָט ער שוין אפילו געפונען אַן אָפענע פּלאַטפאָרמע אויף די טריבונעס פון דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס און סענאַט, וואו די רענקינס און בילבאָס פון אַלע מינים קומען אַרויס מיט גיפטיקע טיראַדעס קעגן יידן, און וואָס ס'איז נאָך טרויעריקער — די „הייזער" רופן זיך אָפּ אויף די טיראַדעס מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן...

די עקלהאַפטע סימפּטאָמען פון אַנטיסעמיטיזם זיינען שוין איצט געוואָרן אַזוי קענטיק אויפן קערפּער פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, אַז עס איז שוין ניט שייך צו פאַרשוויגן די פּראָבלעם, אָדער אויסצובאַהאַלטן זי. און די וואָס האָבן פּרובירט „פאַרענטפערן" די פּראָבלעם דורך אַלערליי „לאָגישע" דערקלערונגען און געפינען אפילו אַ לייזונג אין דער האָפענונג, אַז די יידן אין אַמעריקע וועלן זיך סוף־כל־סוף סיי־ווי אַסימילירן אין דעם אַמעריקאַנישן „שמעלץ־טאָפּ" — זיינען שוין אויך היפּשלעך אַנטוישט אין זייערע דערוואַרטונגען, און גראָד זיי אַליין זיינען געוואָרן די ערשטע קרבנות פון דער חולאת.

ס'איז נאַטירלעך דעריבער, אַז אַנטיסעמיטיזם זאָל ווערן אַ ברענענדיקע טעמע פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קינאָ. די פאַרגאַנגענע פּאָר יאָר האָבן אונדז טאַקע געבראַכט אַזעלכע ווערק, ווי מילערס „פאָקוס", דעם פילם „קראָסספייער" און איצט — דעם ראָמאַן פון לאַראַ ז. האָבסאָן, „דזשענטלמענס אַגרימענט", אַ ווערק, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ רושם אין דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט. אין אַ קורצער צייט האָט דאָס בוך דורכגעמאַכט צוויי באַדייטנדיקע דערפאָלגן: פריער — ווי אַ ליטעראַריש

---

*)GENTLEMEN'S AGREEMENT, by Laura Z. Hobson. Simon & Schuster, Publishers. New York, 1947.

ווערק, און איצט — ווי אַ פילם. סיי דאָס בוך, סיי דער פילם האָבן היפשלעך אויפגערודערט די אַזוי־גערופענע אַנגלאָ־זאַקסישע אַפּאַטיע צו דער פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם. די פראַגע איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג. עס האָבן זיך באַוויזן הונדערטער אַרטיקלען אין צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זוכן צו „דערקלערן", אָפּשוואַכן אָדער פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס צום אַמעריקאַנער אַנטיסעמיטיזם.

לאָראַ האָבסאָן, די שרייבערין פון בוך, איז אַ יידישע פרוי (די טאָכטער פון באַוואוסטן שריפטשטעלער דר' זאַמעטקין, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אויף דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס מיט אַ דור פריער). „דזשענטלמענס אַגרימענט" איז ניט סתם אַ בוך וועגן אַנטיסעמיטיזם, ווי ער איז באַקאַנט אין זיינע ברוטאַלע פאָרמען. עס איז דורכאויס וועגן דעם „שטילן", באַהאַלטענעם, „פיינערן", „אָנשטענדיקן" אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט פּראַקטיצירט שוין אַ סך יאָרן פון דער קריסטלעכער ליבעראַלער געזעלשאַפטלעכקייט פונעם העכערן שטאַפּל. דאָס איז דער אַנטיסעמיטיזם פונעם „רעספּעקטאַבעלן" מיטגליד פון דער „קריסטלעכער ציוויליזאַציע", וואָס קערט זיך כלומרשט אָפּ מיט עקל פון אַגרעסיוון, זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס קענען אַפילו פון צייט צו צייט אַרויסקומען מיט אַ וואָרט פון פאַרדאַמונג אויף אַ ברוטאַלן אַקט קעגן דער „יידישער ראַסע."

אין דער ווירקלעכקייט געהערן אָבער אָט די מענטשן אַליין צו די, וואָס פּראַקטיצירן דיסקרימינירנדיקע מעטאָדן קעגן זייערע יידישע שכנים, פירן דורך די „קאַלטע פּאָגראָמען" קעגן די סאַמע ערשטע מענטשלעכע רעכט בנוגע צו יידן, פאַרברעכן קעגן זייערע אייגענע פּרינציפּן פון „גלייכהייט" צווישן מענטש און מענטש און צווישן פאָלק און פאָלק, וואָס איז אַזוי הויך פּראָקלאַמירט אין זייער געזעלשאַפטלעכן און מאָראַלישן קאָדעקס.

איך וועל קורץ איבערגעבן דעם אינהאַלט פונעם ראָמאַן.

קעטי לאַסי, אַ יונגע גרושה, אַ פלימעניצע פונעם רעדאַקטאָר פון אַן איינפלוסרייכן אַמעריקאַנער זשורנאַל „סמיטהס וויקלי", שלאָגט־פאָר איר אָנקל אַן אידייע פאַר אַ דערפאָלגרייכער סעריע אַרטיקלען פאַר זיין זשורנאַל. די טעמע זאָל זיין אַנטיסעמיטיזם. דער רעדאַקטאָר גיט איבער די אויפגאַבע אָנצושרייבן די סעריע דעם יונגן זשורנאַליסט, פיליפּ גרין, וואָס האָט זיך פריער קונה־שם געווען מיט זיינע צוויי סעריעס אַרטיקלען וועגן דעם לעבן פון קוילן־גרעבער און וועגן די „אָקיס" (וואַנדערנדיקע פאַרמערס, וואָס זיינען פריער רואינירט געוואָרן און לאָזן זיך אַוועק אין דער וועסט צו זוכן בעסערע גליקן). פאַר פיליפּ גרינען איז דער ענין אַנטיסעמיטיזם אַ פרעמדער. ער ווייס ניט ווי צוצוקומען צו דער טעמע. ער פילט, אַז סתם מאַכן אַן אויספאָרשונג און ברענגען פאַקטן איז ניט גענוג. זיינע אַרטיקלען דאַרפן זיין אַ דרייסטע „עקספּאָזע" פון אַ ברייטערן און טיפערן

כאַראַקטער. ער דערמאָנט זיך, אַז כדי צו שרייבן זיינע צוויי פריערדיקע סעריעס, וועגן די קוילן־גרעבער און די „אָקיס", האָט ער באַנוצט אַ די־רעקטן מעטאָד — ער איז געוואָרן אַליין אַ קוילן־גרעבער און נאָכדעם אַ וואַנדערנדיקער „אָקי", געוואַנדערט מיט זיינע מיטמענטשן ביז קאַליפאָרניע. אים פאַלט דעריבער איין צו ווערן אויף אַ קורצער צייט אַ „ייד", לעבן ווי אַ ייד צווישן זיינע קריסטלעכע שכנים, כמעט ווי דער העלד אין דער באַרימטער שלום־עליכם קאָמעדיע „שווער צו זיין אַ ייד."

פיל גרין פאַרטרויט דעם סוד צו געציילטע פריינט זיינע: דעם רע־דאַקטאָר, וואָס איז אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער ליבעראַל, צו זיין מוטער און צו זיין פריינדין קעטי לאַסי, וואָס איז שוין צו יענער צייט זיין געליבטע.

ווי אַ „ייד", שטויסט זיך גרין אָן אויף יעדן טראָט מיט אָפענעם און באַהאַלטענעם אַנטיסעמיטיזם, אין אָפיס פון רעדאַקציע, וואו ער אַרבעט, אין די האָטעלן, וואו ער קלייבט זיך צו פאָרן מיט זיין געליבטער, אין די רעסטאָראַנען, וואו ער עסט מיט זיינע פריינט... אומעטום! אפילו אין דער אייגענער משפחה, וואו זיין אייגענע שוועסטער פירט אַנטיסעמיטישע „שטיק" אין דער רייכערער געזעלשאַפט. ניט נאָר ער אַליין, ווי אַ „ייד", ווערט אַ קרבן פון אַלערליי פאַרפאָלגונגען, נאָר אויך זיין זיבן־יאָריק קינד הייבט־אָן ביטער צו ליידן פון זיינע שול־חברים צוליב זיין טאַטנס „יידיש־קייט". ער אַנטדעקט, צו זיין וויטיק, די קערנער פון אַנטיסעמיטיזם ביי זיין געליבטער, קעטי לאַסי, וואָס איז אַליין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין סעריע אַרטיקלען, וואָס דאָס ברענגט שוין צו אַ דראַמאַטישן ריס צווישן אים און איר (ביז זי רעהאַביליטירט זיך דורך אַ מענטשלעכער טאָט צום סאַמע סוף פון בוך).

צווישן אָט די פערזענלעכע און אידייאישע ראַנגלענישן ווערט ענדלעך אָנגעשריבן די סעריע אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען: „איך בין אַכט וואָכן געווען אַ ייד", און אָט די סעריע שטעכט דורך, ווי אַ שאַרפע נאָדל, דעם בלאָטער פונעם העכערן, „איידעלערן" אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, און ס'ווערט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אויפגעקלערט די עקלהאַפטע אַפּאָלאָ־געטיק פון די „שטילע" אַנטיסעמיטן בנוגע דעם ענין: „אייניקע פון מיינע בעסטע פריינט זיינען יידן..."

אינעם בוך פיגורירן עטלעכע „אמתע" יידן: פיל גרינס נאָענטסטער פריינט, דעיוו גאָלדמאַן, וועלכן לאָראַ האָבסאָן סטאַרעט זיך מיט אַלע כוחות אויסצומאָלן ווי אַ מענטשן „גלייך מיט אַלע מענטשן", וואָס זיין „יידיש־קייט" מאַכט אים בשום אופן ניט אַנדערש פון זיינע קריסטלעכע פריינט; דער יידישער פּראָפעסאָר ליבערמאַן, וואָס שפילט אַ צופעליקע ראָל אינעם בוך, און נאָך עטלעכע פאַרשטעלטע יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונטער אָפענע אָדער באַהאַלטענע סימבאָלן און מיטלען. אָבער זיי אַלע, כאָטש זיי

ווערן סימפּאַטיש געמאָלן, גיבן צו זייער ווייניק און העלפן ניט דער פאַר־ענטפערונג פון דער פּראָבלעם יידן־האַס, ווי עס איז באַקאַנט אונדז, יידן.

וואָס זיינען די פּאָזיטיווע און די נעגאַטיווע זייטן פון „דזשענטלמענס אַגרימענט" לויט אונדזער איגענעם, יידישן שטאַנדפּונקט?

די גרעסטע מעלה פון בוך איז, וואָס ס'איז אָנגעשריבן... און ס'איז גוט, וואָס ס'האָט געמאַכט אַזאַ רושם, געוואָרן אַ „בעסט סעלער" און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דערפאָלגרייכן פילם, וואָס וועט קענען דערגרייכן מיליאָנען מענטשן און אַנטפּלעקן פאַר זיי דעם העסלעכן פּנים פון ראַסן־האַס און דיסקרימינאַציעס. דאָס בוך איז, אָן צווייפל, אַ באַדייטנדיקער בייטראַג אינעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. הלוואַי וואָלטן זיך געפינען נאָך אַזעלכע שרייבער מיט אַזאַ טענדענץ! דאָס בוך איז הויפּטזעכלעך געשריבן פאַר קריסטן און צילט, וואָרשיינלעך, צו דערגרייכן וואָס־מער די „גויאישע" וועלט. און דאָס איז, אין זיך אַליין, אַ גרויסע מעלה. ס'איז גאָר ניט קיין שלעכטע לעקציע אין טאָלעראַנץ.

דער חסרון איז נאָר אין דעם, וואָס די שרייבערין סטאַרטעט זיך מיט אַלע כוחות צו באַווייזן, אַז יידן זיינען דווקא „גלייך מיט אַלעמען", אַז זיי זיינען „ניט קיין באַזונדערע ראַסע" (וואָס איז איבערפלעכלעך אפשר קאָרעקט), און אַז שוין צוליב דעם אַליין איז אַנטיסעמיטיזם אַ טעות, אַ בילבול און אַן אומרעכט. אַזאַ צוגאַנג צו דער פּראָבלעם קען אַמאָל לייכט צוזאַמענפאַלן מיט דער טענה פון געוויסע אַנטיסעמיטן, פאַרוואָס יידן אַסימילירן זיך ניט וואָס שנעלער, ווייל נאָר דאַן וועט פאַרשווינדן די יידן־פראַגע. אפשר אומבאַוואוסטזיניק, אָבער לאָראַ האָבסאָן דערפירט די אידייע פון דער „יידישער גלייכקייט" ביז צו דער אידייע פון „שמעלץ־טאָפּ", וואָס איז שוין היפשלעך פאַרעלטערט און שטייט שוין לאַנג אין דער קאַטעגאָריע פון בפירוש־רעאַקציאָנערע שטרעמונגען. „שמעלץ־טאָפּ"־גלייכהייט איז אין דער אַבסטראַקציע ניט מער ווי דער טרוים פון די „הונדערט־פּראָצענטיקע" אַמעריקאַנער וועגן אַן אַמעריקאַניזם, ווען אַלע פעלקער דאָ וועלן זיך צוזאַמענשמעלצן אין איין נאַציע.

ווען די שרייבערין וואָלט אָבער באַוואוסטזיניק און פּראָגרעסיוו באַנומען דאָס פּראָבלעם, וואָלט דאָס בוך אַרויס וואָגיקער און זי וואָלט אַזוי לייכט ניט געקומען צו די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן. דער טיפערער יידישער שטאַנדפּונקט האַלט זיך בעסער אויפן באָדן פון דעם אַמעריקאַנער קולטור־פּלוראַליזם, וואו יעדע אַזוי־גערופענע „פרעמדע" מינאָריטעט מיט איר קולטור, די יידישע אַריינגערעכנט, זאָל זיין אַן אינטעגראַלער טייל פון אַ רייכער, פילפאַרביקער אַמעריקאַנער קולטור, וואָס איז ניט איינהייטלעך אַקצענטירט. פאַר אַ יידן „אויסצוגלייכן זיך" לויט דעם טיפּ דעיוו גאָלדמאַן, אָדער פּראָפעסאָר ליבערמאַן און אַנדערע — מיינט אויפצוהערן צו זיין

יידן, ווייל זיי סטאַרען זיך אינאיינעם מיט דער שרייבערין צו איבערצייגן די קריסטלעכע שכנים, אַז זיי זיינען יידן בלויז אינעם נאָמען און אַז ווען ניט די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען קעגן זיי, וואָלטן זיי געווען שוין לאַנג „אויסגעגלייכט"... זייער גאַנצע פילאָזאָפיע אַרום יידישקייט רעדוצירט זיך צו די באַרימט־געוואָרענע צוויי (היפש־פאַלשע) ווערטלעך, איינס אין ענגליש און דאָס צווייטע אין יידיש: „דזשוס אַר דזשאַסט לאַיק עווריבאַדי עלס, איווען מאָר סאָ", און: „אַלע פעלקער זיינען גלייך, נאָר דאָס יידישע פאָלק איז אַ ביסעלע גלייכער."

אין איין אָרט אין בוך זאָגט דעיוו צו פיל גרינען: „איך שטיי אָן אַ זייט פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז דיין קאַמף, ברודער!" דאָס איז אויך ניט אינגאַנצן ריכטיק. דער קאַמף קעגן דער פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם איז אויך, און אפשר נאָך מער, אונדזער קאַמף. דער ייד קען ניט און טאָר מער ניט זיין קיין שפּילכל אין דער אַנטיסעמיטישער שפּיל. ער טאָר ניט דערלאָזן, אַז די שפּיל זאָל זיך נאָך אַמאָל דערקייקלען ביז די זאָאָלאָגישע פאַרמען. נאָך די גרויסע קרבנות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געבראַכט אין אָט דער שפּיל, איז אָפענער און אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמף דאָס געבאָט פון יעדן יידן באַזונדער און פון דעם גאַנצן כלל. די צייט פון סתם „גוד־וויל" רייד און „פאַרשטענדעניש" און סתם „טאָלעראַנץ" צוליב דער שיינקייט פונעם וואָרט איז פאַריבער. נאָך די „הייסע פּאָגראָמען" פון אויסראָט־פּראָפּאָרציעס איז שוין פאַר אונדז שווער געוואָרן אַריבערצוטראָגן די „קאַלטע פּאָגראָמען", וואָס מאַסקירן זיך אין שיינע פראַזן און באַהאַלטן צוקונפטיקע מיאוסע טאַטן...

דאָס בוך בכלל איז אָנגעשריבן אין וואַרעמען, לייכטן סטיל, וואָס לאָזט זיך לייענען מיט פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס. דער לעבעדיקער, זעלטן צעצויגענער דיאַלאָג איז קאָנצענטרירט אַרום דער הויפּט־טעמע, אַרום דעם אינהאַלט. אויך די סיטואַציעס, ווי צעוואָרפן זיי זיינען איבערן בוך, ווערן שטענדיק געבראַכט צו דער הויפּט־טעמע. דאָ און דאָרטן ווערט דער לייענער אָפּט איבעררעשט מיט אַ געלונגענעם אויסדרוק, מיט וואַכזאַמער געדאַנקלעכקייט און ניט זעלטן — מיט אַ בייסיקן הומאָר.

אויך די כאַראַקטערן פון אַלע העלדן, פון וויכטיקע און אויך פון די ווייניקער־וויכטיקע, זיינען געצייכנט גאַנץ קענטלעך, אַזוי, אַז מ'קען זיי לייכט דערקענען סיי דורך זייערע רייד, סיי דורך זייער האַנדלונג. פונדעסטוועגן פילט זיך די גאַנצע צייט אַ געוויסע קורץ־אָטעמדיקייט, דער ניט צו־ברייטער שוואונג פון פענדזל, וואָס דערלאָזט ניט זען אין דער גאַנצער ברייט און טיף די געזעלשאַפטלעכע שיכטן, וועלכע זי ברענגט אויפן לייוונט. עס פעלן דעטאַלן, עס פעלט פּערספּעקטיוו. דער לייענער פאַרענדיקט דאָס בוך מיט אַ צווייענדיקן געפיל: ער איז צופרידן מיט דעם, וואָס די ריזי־

קאַלישע פּראָבלעם ווערט געבראַכט אין קאָנצענטרירטער פאָרם, און איז אַנטוישט, וואָס גראָד אַזאַ ווערק לאָזט אויס די גוטע געלעגנהייט צו ברענגען אויף דער אַרענע אויך דאָס יידישע פאָלק, דעם אמת יידישן טיפּ, די יידישע סביבה, ווייל אינעם בוך איז דער ייד כמעט ניטאָ, סיידן מ׳זאָל אָננעמען, אַז די פאַר אַסימילירטע יידן און די פאַר האַלבע יידן זיינען אויך יידן...

1947

די נעגער־פּראָבלעם אין סינקלער לואיסעס ניי בוך*)

דאָס נייע בוך פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער שרייבער סינקלער לואיס, „קינגסבלאָד ראָיאַל" איז אין משך פון אַ פּאָר וואָכן געוואָרן אַ „בעסט סעלער". און ס'דאַרף קיינעם ניט וואונדערן. ס'איז אַ בוך, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט היינטצייטיקער ווירקלעכקייט, מיט דינאַמישקייט און ליידנשאַפט. אין אַמעריקע פּאַסירט זייער זעלטן, ווען אַ שרייבער פון לואיסעס אָנזעעוודיקייט זאָל זיך פאַרנעמען אַזוי אָפן און דרייסט צו באַהאַנדלען די נעגער־פּראָבלעם אין אונדזער לאַנד.

אמת, פריער זיינען, פון צייט צו צייט, דערשינען ביכער פון אַן אָביעקטיוון און אפילו פון פּאָזיטיוו־פריינטלעכן כאַראַקטער צו דער נעגערשער ראַסע. אָבער אין דעם פאַל איז עס ניט נאָר נאָך אַ בוך וועגן דער נעגער־פּראָבלעם, נאָר אַ בוך פון אַ דירעקטער, שאַרפער און אומקאָמפּראָמיסלעכער אָנקלאַגע קעגן די „ווייסע דזשענטללייט" פון אונדזער צייט און סביבה, וואָס זוכן דורך ברוטאַלער מאַכט צו איזאָלירן דעם נעגער פון געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. דאָס בוך איז אַן אויסדרוק פון די פאַרשאַרפטע באַציאונגען, וואָס די „ווייסע" מאַניפעסטירן אין דער לעצטער צייט אַנטקעגן דער נעגערשער ראַסע. דאָס בוך איז ניט נאָר אַן אָנקלאַגע, נאָר אויך אַ וואָרנונג — אַ וואָרנונג פון איינעם פון די גרעסטע שרייבער אין אַמעריקע, אַ שרייבער, וואָס איז געווען דער ערשטער צו קריגן דעם נאָבעל־פּרייז פאַר ליטעראַטור אין אַמעריקע (אין 1930).

סינקלער לואיס האָט ביז איצט פאַרעפנטלעכט 20 ביכער. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען: „מעין־סטריט", „בעביט", „עלמער גענטרי", „אַראָוסמיט", „דאַדסוואָירט", „ען וויקערס", „איט קען'ט העפּען היר", „קעס טימבערלעין" און איצט — „קינגסבלאָד ראָיאַל". אָט די ביכער האָבן לואיסן אַוועקגעשטעלט אין סאַמע פראָנט פון דער מאָדערנער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און אים אויך באַרימט געמאַכט אין אויסלאַנד.

סינקלער לואיס איז כמעט אין אַלע זיינע ווערק טיילווייז אַ שרייבער פון דער „אַמעריקאַנער פּראָבלעם", אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. שוין אין זיינע ערשטע ווערק „מעין־סטריט" „בעביט" האָט ער אויפן שאַרפסטן אופן אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון דעם אַמעריקאַנישן קליינבירגערטום. מיט בייסיקער סאַטירע און מיט ברייטן שוואונג האָט ער געשילדערט

*) KINGSBLOOD ROYAL by Sinclair Lewis. Random House, New York, 1947.

און געאורטיילט דאָס קליינלעכע, פּוסטע, מאָנאָטאָנע און דורכאויס שטאַמ־פּאָווע לעבן פון דעם ביזנעסמאַן און פּאָליטישן, וואָס לעבן זיך אויס אין שטענדיקן „נאָכלעבן", נאָכקרימען זייערע שכנים, וואָס זיינען, ווי זיי אַליין, אָפּגעשטאַנען, פאַרגרעבט, ענגהאַרציק און קליינקעפּיק. מ׳האָט ניט שטאַרק ליב דעם מחבר פאַר אָט דער „קריטיק". פריינט און שונאים זיינען געווען שאָקירט פון זיין אָפנקייט. עס דערמאָנט זיך, אַז דער נאָבעל־פּריז, וואָס ער האָט געוואונען און האָט מיט דעם געבראַכט כבוד דער אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור, האָט ניט זייער שטאַרק אימפּאָנירט די היגע עפנטלעכקייט. עפּעס האָט עס קיינעם ניט דערפריים. מ׳האָט אפילו ביי אָט דער געלעגנהייט לואיסן באַשולדיקט (נאָך אַמאָל), אַז ער אַליין איז ניט נאָר אַן אָפּשפּאָטער פון דעם צעפּוילטן קליינבירגערטום, נאָר אויך אַ טרעגער פון איר אידייענלאָזיקייט און איז דער אויסגעשפּראָכנסטער טיפּ פון אָט דער אָפּשיילעכער סביבה...

און כאָטש ס׳איז ביז צו אַ געוויסן גראַד אמת, אַז אָט דער שרייבער האָט זיך קיינמאָל ניט דערהויבן ביז צו אַ גרויסער אידייאישקייט און איז אוודאי ניט געווען קיין טרעגער פון באַשטימטע פּראָגרעסיווע אידייען, איז ער אָבער אַלע מאָל געווען דער ערשטער אויפצוכאַפּן אַן אַנגעוויטיקטע פּראָבלעם און, דורך זיין גרויסן שעפערישן כוח, ברענגען זי צו דער עפנטלעכקייט. דערצו איז ער געוואָגט. ער פאַרכאַפּט ברייטע שטחים פון זיין לאַנד אַמעריקע. וואָס ער האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך ליב. און אפשר טאָקע צוליב אָט דער ליבשאַפט זיינער איז זיין קריטיק אַזוי ווירקזאַם. ער שרייבט אין דעם איינפאַכסטן סטיל און אין אַ שפּראַך, וואָס איז צו־גענגלעך פאַר יעדן מין לייענער. יעדעס ווערק זיינעס איז אָנגעלאָדן מיט אויפפאָדערונג און וואָרנונג, וואָס רירט־אָן די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

איצט איז דערשינען דאָס בוך „קינגסבלאָד ראָיאַל" — ווידער אַ בוך פון אַ גרויסער אַמעריקאַנער פּראָבלעם, אַ באַשולדיקונג־אַקט קעגן די ווייסע יענקיס, וואָס דערנידעריקן, פאַרפאָלגן און באַגייען גוואַלדטאַטן קעגן דער נעגערשער מינאָריטעט. און אָט איז, אין קורצן, דער אינהאַלט:

ניל קינגסבלאָד, אַ געוועזענער אַרמיי־קאַפּיטאַן, קומט צוריק פון דער מלחמה אין זיין היים־שטאָט, אין מינעסאָטאַ. ער איז אַ יונגער, קרעפטיקער און זייער שיינער יונגערמאַן און שטאַמט פון אַן אָנגעזעענער משפחה. ער ווערט פון אַלעמען געליבט און געאַכט. מאַטעריעל איז ער אויך גוט פאַר־זאָרגט דורך זיין שטעלע אין אַ באַנק, מיט גוטע אויסזיכטן אין אַ קורצער צייט „אַרויפצואַרבעטן זיך" ביז צו דעם וויצע־פּרעזידענט פון דער באַנק. ער פירט אַ גליקלעך לעבן מיט זיין שיינער פרוי און קינד אין אַן אייגענעם באַקוועמען הויז, אין אַ פיינער סביבה.

נילס פאָטער איז אַן אָנגעזעענער דענטיסט אין שטאָט. זיין שווער איז דער פּרעזידענט פון דער עלעקטרישער קאָמפּאַניע און אויך זיינע אַלע

באַקאַנטע און פריינט געהערן צו דעם רייכערן עלעמענט אין שטאָט. דער־צויגן אין אַזאַ סביבה, איז נאַטירלעך, אַז ער זאָל אינאיינעם מיט זיינע פריינט באַציען זיך צו דער נעגערשער ראַסע מיט פאָראורטייל און אפילו מיט פיינטשאַפט און אומטאָלעראַנץ, ווי צו דער „נידעריקער ראַסע.״

אַזוי שטאַרק איז אין דער משפחה דער שטאָלץ מיטן אייגענעם יחוס און די איינגעגלויבטקייט, אַז דער נאָמען „קינגסבלאַד״ — קעניגלעך בלוט — איז דער באַווייז דערפאַר, אַז ניל הייבט־אָן, לויט דעם אויפטראַג פון זיין פאָטער, נאָכצוזוכן זיין יחוס־בריוו אין די אַרכיוון פון דער היסטאָרישער ביבליאָטעק. און דאָ הייבט זיך אָן די טראַגעדיע: ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז איינער פון זיינע עלטער־זיידעס פון דער מוטערס צד איז גאָר געווען — ניט מער און ניט ווייניקער — אַ פולבלוטיקער נעגער! און וואָס מער דער יונגער ניל האָט זיך געגריבלט אין די דאָקומענטן, אַלץ זיכערער האָט זיך אַרויסגעוויזן דער ביטערער אמת: ער פאַרמאָגט אין זיך נעגעריש בלוט! אָט די אַנטדעקונג האָט אים צעטומלט. ער האָט זייער געליטן און מורא געהאַט צו אַנטפּלעקן דעם סוד פאַר די אייגענע.

ער האָט זייער לייכט געקאָנט פאַרשוויגן דעם אמת, ווי ער טוט עס טאַקע די ערשטע צייט, און אויסלעבן זיינע יאָרן, ווי מ׳זאָגט, „אין עושר און אין כבוד״. אָבער דאָס טאַקע האָט דער מחבר בכיוון ניט געוואָלט. סינקלער לואיס האָט געוואָלט אַרויסרופן די טראַגעדיע צום לעבן, ברענגען זיינע מאַטערנישן צו אַ קאָנפליקט. און ער טוט עס מיט דער כאַראַקטע־ריסטישער, פאַר דעם שרייבער, דרייסטקייט. ער ברענגט זיין העלד אין דעם נעגערשן קוואַרטאַל, באַקענט אים מיט דער נעגערשער סביבה און באַשענקט אים מיט אַ וואַרעמער נאָענטקייט און ליבשאַפט צו דער פאַר־פאָלגטער און אונטערדריקטער ראַסע. ער הייבט־אָן פּסיכאָלאָגיש זיך צו פילן ווי אַ נעגער. ס׳האָט זיך אים געגומען דוכטן, אַז מ׳דערקענט אין אים דעם נעגער. און ווען עס פאַסירט, אַז אין זיין אַריסטאָקראַטישן קלוב האַלט איינער אַ רעדע, איבערגעפילט מיט אַנטי־נעגערשע העצעס און באַשול־דיקונגען, שפּרינגט ער אויף אָן אויפגערעגטער, אָן אָנגעצונדענער, פון די אונטערדריקטע געפילן, וואָס האָבן אים געמאַטערט, און זאָגט עפנטלעך אויס זיין גרויסן סוד.

און דאָ הייבן זיך שוין אָן די אמתע צרות פאַר ניל קינגסבלאַד. די אַנטדעקונג רופט אַרויס אַ גוואַלדיקע סענסאַציע אין שטאָט. נאָענטע און פריינט האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן צו דערווייטערן, אפילו אויסגעמידן אים צו באַגעגענען, ווי אַ מצורע. ער האָט אָנגעהויבן קריגן אַנאָנימע בריוו און טעלעפאָנען מיט דראָאונגען, פאַראַכטונגען און שנאה. אַנשטאָט צו שטייגן אויפן לייטער פון „סוקסעס״, האָט ער געגומען פאַלן אין אַן אָפּגרונט... ער פאַרלירט זיין שטעלע, וואַרפט זיך פון איין אַרבעט צו אַ צווייטער, און אומעטום פאַרלירט ער צוליב דער „ווייסער״ אומטאָלעראַנץ. די איינציקע

טרייסט בלייבט פאַר נילן זיין געטרייע פרוי, וואָס שטימט־איין צו טראָגן מיט אים אַלע איבערלעבונגען.

אין דער זעלביקער צייט קומט־פאָר אַ קאַמף מצד דער נעגערשער באַפעלקערונג אַנטקעגן זייערע ווייסע אונטערדריקער, וואָס זוכן מיט אַלע אומריינע מיטלען צו פאַרטרייבן די נעגערס פון דער שטאָט. קעגן די נע־גערס ווערן אָנגעווענדט אַלע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע רעפּרעסיעס. מ׳וואַרפט זיי אַרויס פון פאַבריקן, פון וואוינונגען. אַן אָפענער ראַסן־געיעג. און אויך ניל מיט זיין ווייב און קינד ווערן, סוף־כל־סוף, באַפאַלן אין זייער היים דורך אַן אָרגאַניזירטער באַנדע. אָבער איצט איז שוין ניל גרייט צו פירן דעם קאַמף אויף לעבן און טויט. און מיט דער הילף פון זיינע נע־גערשע פריינט שטעלט ער זיך אין אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן די אָנפאַלער, ווערט פאַרוואונדעט און פאַרוואונדעט עטלעכע אָנפאַלער.

דאָס איז, בקיצור, דער אינהאַלט פון דעם בוך.

אין אונדזער צייט פון אויפגערודערטע געמיטער און אפשר — אויך אין אַ צייט פון טראַכטן, ווען אויפן אַמעריקאַנער האָריזאָנט האָבן זיך גע־נומען באַווייזן שרעק־צייכנס פון ראַסן־האַס, מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, — אין אַזאַ צייט איז זיכער דערפרייענדיק צו דערהערן די שטים פון אַ גרויסן אַמעריקאַנער, וואָס שטעלט זיך איינגאַנצן אויף דער זייט פונעם פאַרפאָלגטן און באַליידיקטן נעגער. און ס׳איז אפשר גוט, וואָס די סיטואַציעס זיינען אינעם בוך גוואַלדיק איבערגעטריבן, פאַרשאַרפט, געשטעלט ווי אויף „דער לעצטער קאָרט״. די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לאַגע פונעם נעגער פאָ־דערט אַ שטאַרק וואָרט, אַ געוואַגט וואָרט און אַ געוואַגטן צוגאַנג. און דאָס האָט סינקלער לויט געטאָן מיט אַזאַ ברייטן שוואונג און רעאַליסטישער קרעפטיקייט, אַז געוויסע נאַאיוויטעטן מוזן פאַרזען ווערן.

אמת, דער פּסיכאָלאָגישער איבערגאַנג פון שנאה צו ליבשאַפט מצד נילן קומט־פאָר אַביסל צו־שנעל. אין משך פון אַ פּאָר וואָכן ווערט ער פאַר־וואַנדלט פון אַ „ווייסן דזשענטלמען״ אין אַ גאַנצן נעגער, וואָס דאָס איז שווערלעך צו גלויבן. ס׳איז אויך שווער צו גלויבן, אַז די ווייסע, ווי גרויס עס זאָל אין זיי ניט זיין די שנאה צו די נעגערן, זאָלן אַזוי שנעל פּסיכאָלאָגיש פאַרוואַנדלט ווערן אין חיות־רעות בנוגע זייער באַליבטן ניל קינגסבלאָד, אַז זיי זאָלן קאָנען דעם מענטש פאַרשאַפן אַזעלכע צרות. ס׳איז אָבער דערביי גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז לויט האָט דאָ בכיוון אויפגעבויט אַזאַ עקסטרעמען פאַל, כדי צו אילוסטרירן שאַרפער דעם נעגערשן גורל אין לאַנד און דורך דעם אויפוועקן דאָס געוויסן פון אַמעריקע צו אַ שרייענדיקן אומרעכט. אין דעם זין איז דאָס בוך אַן אָפענע וואָרנונג צו אַמעריקע און צו דער אַמערי־קאַנער עפנטלעכקייט. אַזאַ בוך וועט מוזן אויפוועקן דאָס געוויסן.

1947

נאָרמאַן מעילערס „די נאַקעטע און די טויטע״*)

די אַמעריקאַנער בעלעטריסטיק האָט אין דעם פאַרגאַנגענעם צענדליק יאָרן דורכגעמאַכט אַ פעריאָד פון אַ דייטלעכער שעפערישער ירידה. דורך דער צייט זיינען דערשינען זייער אַ סך ביכער, אפשר מער ווי אין די פריערדיקע יאָרן. עס זיינע רעגלמעסיק געדרוקט געוואָרן די „בעסט־סעלער״־ליסטעס, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז די ביכער ווערן פאַרשפרייט אין גרויסע צאָלן, אָבער אין דער אמתן זיינען אָט די אַלע ביכער געווען פון אַ דורכשניטלעכער, מיטלמעסיקער — און ווייניקער פון מיטלמעסיקער — קינסטלערישער קוואַליטעט. ס׳איז דורך דער צייט פאַקטיש ניט דערשינען קיין איין באַדייטנדיק ווערק, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט סטיינבעקס „גרעיפּס אָוו רעטה״, אָדער מיט העמינגוועיס „פאָר הום די בעל טאָלס״. און אפילו די פאָר נאָוועלן, וואָס סטיינבעק האָט ביז איצט פאַרעפנטלעכט, שטייען אויך קינסטלעריש אַ סך נידעריקער פון זיינע פריערדיקע ווערק. און העמינגוועי האָט בכלל לעצטנס ווייניק געשריבן. און נאָך גרעסער איז דער חידוש, ווען מ׳נעמט אין זינען די וועלט־אויפטרייסלענדיקע געשעענישן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שלל פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, אויף וועלכע דער אמתער קינסטלער האָט זיך געמוזט אָפּרופן, פאַר וועלכע ער האָט געמוזט זוכן דעם טיפערן קינסטלערישן אויסדרוק.

ס׳האָבן באַדאַרפט אַריבערלויפן גאַנצע דריי יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה ביז עס איז געקומען דער יונגער, פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער ברוקלינער יידישער יונגערמאַן, נאָרמאַן מעילער, מיט זיין גרויס ווערק „די נאַקעטע און די טויטע״, וואָס האָט אויפגעטרייסלט און אויפגעוועקט די מאָדערנע אַמעריקאַנער ליטעראַטור פון איר סטאַגנאַציע־צושטאַנד. דאָס בוך איז אין געציילטע טעג נאָך זיין דערשיינען געוואָרן אַ סענסאַציע. די קריטיק האָט זיך אין אָנהויב ווי דערשראָקן, געווען צעטומלט, ניט געוואוסט, צי זי זאָל דאָס בוך רימען, אָדער גאָר אַרונטעררייסן. דער אינהאַלט און די פאָרם פון דעם ראָמאַן האָבן די מערסטע אַזוי איבערראַשט מיט נייער געוואַגטקייט, מיטן גרויסן פאַרנעם, מיטן שניידנדיקן רעאַליזם און נאַטוראַליזם, און איבערהויפּט — מיט אַזאַ קענטשאַפט פונעם אַמעריקאַנער יחיד און כלל אין אַלע שאַטירונגען, אַז מ׳האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן

*) THE NAKED AND THE DEAD, by Norman Mailer, Rinehart & Co., New York, 1948.

און זיך טיף פאַרטראַכטן. אייניקע האָבן אַפילו געוואָגט צו פאַרגלייכן די נאָוועלע מיט טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום“, כאָטש אַזאַ פאַרגלייך איז, פאַרשטייט זיך, אַן אַבסורד, ווייל דאָס זייַנען ווערק פון צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס צוליב פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן. אָבער סיי די פאָזיטיווע קריטיק און סיי די נעגאַטיווע האָט געמוזט אָנערקענען דאָס בוך צווישן די סאַמע וויכטיקסטע אין דער מאָדערנער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג האָט דאָס ווערק געמאַכט צווישן דער ברייטער לייענערשאַפט. אין די ערשטע פאַר וואָכן האָט עס פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן צווישן די „בעסט־סעלערס“. די ביכער־געשעפטן קאָנען זיך ניט פאַרזאָרגן מיט גענוג קאָפיעס און אין די ביבליאָטעקן מוז מען וואַרטן חדשים אויף דער ריי צו קריגן דאָס בוך.

עס איז כדאי איבערצוגעבן, כאָטש אין קורצן, עטלעכע פאַקטן פונעם מחברס ביאָגראַפיע.

נאָרמאַן מעילער, ווי געזאָגט, איז אַ ברוקלינער יידישער יונגערמאַן. ער שטאַמט פון אַ טיפיש־קליינבירגערלעכער יידישער סביבה. ער האָט געקראָגן אַ געוויינלעכע אַלגעמיינע דערציאונג אין פאַבליק־סקול און אין האַי־סקול און נאָכדעם אַריינגעטראָטן אינעם אוניווערסיטעט, אין האַרוואַרד, מיטן צוועק צו ווערן אַן אינזשעניער. אָבער אויף זיין פאַקולטעט האָט ער זיך ניט לאַנג געהאַלטן. אים האָט געצויגן צו ליטעראַטור. איז ער אַריבערגעגאַנגען אויפן פאַקולטעט פאַר ליטעראַטור און דראַמע, און ביסלעכווייז זיך גענומען צו שרייבן בעלעטריסטיק. עטלעכע מאָל אַפילו פרובירט צו שיקן זיינע ערשטע דערציילונגען צו פאַרלעגער, אָבער אָן דערפאָלג. לערנענדיק אין האַרוואַרד, האָט ער אין באָסטאָן זיך באַגעגנט אויף אַ קאָנצערט מיט אַ דאָרטיקער יידישער מיידל און מיט איר געהייראַט. נאָך דער חתונה איז ער אַריינגעטראָטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי ווי אַ „נאָן־קאָם“ און אָפגעשיקט געוואָרן קיין לוזאָן. דאָרטן איז אים אויסגעקומען אַ היפשע צייט צו אַרבעטן אין די קאַנצעלאַריעס ווייט הינטער די שלאַכטפעלדער. דאָס האָט אים געלאַנגווייליקט. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט פאַרזוכן דעם טעם פון „אמתער מלחמה“. ער האָט געפועלט מ'זאָל אים צושרייבן צו אַ „רעקאָן“־פלאַטון (אַ ראָטע פאַר אויסשפיר־אַרבעט). דאָרטן באַקענט ער זיך נעענטער מיטן אמתן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, דערזעט אים אין די ביטערע באַדינגונגען פון קריג, און אויך אין זיין פאַרגאַנגענהייט. ער הייבט־אָן צו פאַרצייכענען עפיזאָדן, טיפן און ספעציפישע מלחמה־סיטואַציעס, וועלכע ער פלעגט אַריין אין די בריוו צו זיין פרוי, וואָס איז, אגב, צו יענער צייט אַליין אין דער אַרמיי. אָט די אַלע פאַרצייכענישן זיינען שפעטער געוואָרן אַ טייל פון דעם ראָמאַן „די נאַקעטע און די טויטע“ — אַ בוך פון איבער 700 זייטן.

ווען דאָס בוך איז שוין געווען פאַרענדיקט, האָבן זיך פאַרן יונגן מחבר

אָנגעהויבן די אמתע שווערקייטן. דער מאַנוסקריפּט איז געגאַנגען פון איין פאַרלעגער צו אַן אַנדערן. אָבער דאָס איז געווען ניט צוליב דעם עצם פונעם ווערק — די קינסטלערישע קוואַליטעט האָט גראָד אויסגע־נומען. די פאַרלעגער האָבן געהאַלטן אין צוריקווייזן דעם מאַנוסקריפּט צוליבן נאַטוראַליסטישן סאָלדאַטישן זשאַרגאָן, צוליב דעם אומדרוקבאַרן, גראָבן „סלענג״, מיט וועלכן ער איז געווען איבערגעפילט. ענדלעך האָט דער „ריינהאַרט־פאַרלאַג״ אָנגענומען דאָס בוך מיטן באַדינג, אַז אַ גרוי־סער טייל פון דעם גראָבן זשאַרגאָן זאָל אַרויסגענומען ווערן, כדי ניט צו שאָקירן דעם לייענער, און אפשר צוליב דער מורא פאַרן וואַכזאַמען אויג פון דער „פרומער״ צענזור. אָבער אויך נאָכן „ריייניקן״ איז אין בוך נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ סך פון דעם נאַטוראַליסטישן סאָלדאַטישן זשאַרגאָן — אפשר מער, ווי עס איז נויטיק.

אָט איז, אין קורצן, דער אינהאַלט פון בוך:

אַן אַמעריקאַנער אַרמיי־דיוויזיע דרינגט־אַריין אויף דעם פּאַסיפישן אינדזל אַנאָפּעי, וואָס ווערט געהאַלטן פון די יאַפּאַנעזער סאָלדאַטן אונטערן גענעראַל טאָיאַקו. די דיוויזיע פאַרנעמט אירע פּאָזיציעס, שטעלט איין ביוואַקן און מאַכט אירע פּרעלימינערע צוגרייטונגען פאַר אַן אַטאַקע. דער אַמעריקאַנער גענעראַל, קאַמינגס, מיט זיין סטעף אָפיצערן אַרבעטן אויס זייער סטראַטעגיע.

דאָס איז די הויפּט־קאַנווע פון דעם ווערק, אָבער די גאַנצע האַנדלונג ווערט הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אויף איין־איינציקן פּלאַטון — אַ צוועלף־פּערזאָן סאָלדאַטן, וואָס האַלט־אויס פריער אַ נאַכט־אַטאַקע מצד דעם שונא און וואָס נאָכדעם לאָזן זיי זיך אַרויס אין אומדורכדרינגלעכע בערג אויף געוואַגטער פּאַטראָל־אויסשפּירונג הינטער די ליניעס פון די יאַפּאַנעזער. אַרום אָט דעם פּלאַטון, אַרום דעם לעבן פון אָט דער גרופּע און אַרום יעדן זעלנער באַזונדער, וויקלט דער שרייבער פאַנאַנדער אַ קאָלעקטיווע און אַן אינדיווידועלע דראַמע. דער שרייבער שילדערט אין דער נאַקעטסטער אמתדיקייט די איבערלעבונגען פון מענטשן אַריינגעכאַפּטע אין די קלאַמערן פון דער אומברחמנותדיקער מלחמה־אַטמאָספערע, ווען דער מין מענטש ווערט, צוליב די אומשטענדן, פאַרוואַנדלט אין אַ חיה. דאָס אַטאַוויסטישע ווערט אויפגעוועקט צוריק צום לעבן. אַ מענטש טראָגט בלויז אַ דינע, היפּאָקריטישע מאַסקע איבערן טונקעלן אָפּגרונט פון זיין נשמה. ער שיל־דערט די אָפּשיילעכסטע אייגנשאַפטן פונעם מענטשן אין די אוממענטשלעכע באַדינגונגען צווישן לעבן און טויט, ווען דער יחיד און דער כלל פאַרלירן דעם אָנהאַלט אָן מענטשלעכע און געטלעכע געזעצן.

אָבער ווי נאָרמאַן מעילער וואָלט געוואָלט אַריינברענגען ליכט אין דעם חושך פון דער מענטשלעכער טראַגיק אויפן פאַרוואָרפענעם אינדזל פון פּאַסיפיק, טראָגט ער אַריבער יעדן העלד פון זיין דראַמאַטישער דער־

ציילונג, רעטראָספּעקטיוו, צוריק צו זיין היים, וואו ער איז געבאָרן גע־וואָרן, אויפגעוואַקסן און געלעבט ביז זיין אַריינטריט אין דער אַרמיי. אַזוי אַרום דערגרייכט דער שרייבער צו געבן, דורך אַן אַמביוואַלענטן מע־טאָד, די גאַנצקייט פון דער געשילדערטער פּערזאָן: פון איין זייט — די הפקרדיקע דערציאונג פונעם יחיד און די סביבה אין אונדזער כאַאָטישער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, און פון דער צווייטער זייט — די מאַטערנישן פון אַט דעם יחיד אויף די שלאַכטפעלדער, אין די פייערן פון גיהנום, צוליב עפּעס אַן אומקלאָרן ציל, וואָס איז פאַרנעפּלט דורך אומוויסנקייט און אומ־באַוואוסטזיין, מיט דעם איינציקן חיהשן אינסטינקט צו אַנטרינען פון טויט און צו דערשלאָגן דעם שונא, וואָס לויערט איבער אייגענעם לעבן. ווי אַ געניטער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, טוט ער אויס די מענטשלעכע נשמה ביז איר פולער נאַקעטקייט — כמעט ביז ברוטאַליטעט.

דערפון נעמט זיך, וואָס דער לשון פון די סאָלדאַטן איז דורכאויס אַ פּראָפּאַנישער. ביי דער פולער „נאַקעטקייט”, איז נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן רעדן די גראָבסטע מענטשלעכע רייד, אויסנוצן די אָפּשיילעכסטע אויס־דרוקן, וואָס זאָלן אויסשעפּן ביזן גרונט די ביטערניש צווישן לעבן און טויט. ס'איז אַזוי ווי יעדערער פון זיי וואָלט דורך דעם געשטילט זיין פּסיכאָלאָגישן הונגער נאָך ריינקייט, היימלעכקייט און אָנשטענדיקייט. דער הונגער נאָך סעקסועלער אויסלעבונג, די בענקשאַפט נאָך ליבע און צערטלעכקייט — ווערט ביי זיי אויסגעלעבט דורכן גראָבן סעקסועלן אַנדייט. פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער צאָל סעקס־עפּיזאָדן און צו־אָפענעם נאַ־טוראַליזם, איז דאָס בוך ניט פּאָרנאָגראַפיש. אַלץ איז אין אים פאַרבונדן מיט דער טיפער מענטשלעכער איבערלעבונג.

אין דעם פּלאַטאָן פירט־אַריין דער מחבר זין פון אימיגראַנטישע על־טערן. דאָ איז פאַראַן אַ פּאָליאַק, אַ מעקסיקאַנער און צוויי יידן. דער פּאָ־ליאַק און אפילו דער מעקסיקאַנער, לעבן זיך איין מיט די אַנדערע סאָלדאַטן גאַנץ לייכט. אַנדערש איז מיט די יידן. אויך דאָ פילן זיי זיך פאַרפרעמדט צווישן די מגושמדיקע פאַרשוינען מיט זייערע פרייגעלאָזטע אינסטינקטן. די יידן זיינען מער איינגעהאַלטן. זייער העכערע דערציאונג, זייער היימישע יידישע נאָרמאַלע סביבה דערלאָזט זיי ניט, פּסיכיש, צו רעדן און האַנדלען, ווי די אַנדערע. זיי זיינען סענטימענטאַל, טראָגן זיך אַרום מיט נאָסטאַל־גישע געפילן נאָך זייער היים, נאָך די נאָענטע. צוליב דעם און נאָך מער — צוליב זייער יידישקייט, האָט מען זיי פיינט און מ'טראָגט קעגן זיי אָפענע און פאַרבאָרגענע אַנטיסעמיטישע געפילן. די יידן זיינען פיזיש די שוואַ־כערע, און איינער, ראָט, קומט טאַקע אום צוליב זיין פיזישער שוואַכקייט אויף אַ טראַגישן אופן. אָבער דער צווייטער, גאָלדשטיין, ווייזט־אַרויס אי פיזישע, אי גייסטיקע גבורה און האַלט־אויס מיט כבוד די פּראָבע פון אמתער מענטשלעכער ווערדע ביזן לעצטן מאָמענט.

דער מחבר קערט זיך אום עטלעכע מאָל צו דער שילדערונג פון דעם גוט־באַקאַנטן — אָפענעם און איינגעהאַלטענעם — אַנטיסעמיטיזם. ער שילדערט אים אין דער היים, אין דער אַרמיי, צווישן דעם פּראָסטן סאָלדאַט, און צווישן די אָפיצערן. אָבער טיפער גיט ער אים (כאָטש ניט דירעקט) דורך דער פּערזאָן פון דעם גענעראַל קאַמינגס, אַ פּראָטאָטיפּ פונעם צו־קונפטיקן, אויסגעקריסטאַליזירטן, „גאַנצן" אַמעריקאַנער פאַשיסט. דורך אים רעדט דער מיליטערישער „טיפּ" פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס זוכט צו באַהערשן דורך מאַכט די וועלט. פאַרן מחבר איז ער דער „אַרכי־טיפּ" פון דעם אַנקומענדיקן מענטשן אין אַמעריקע, וואָס איז גע־פערלעך. אָט דער גענעראַל קאַמינגס רעדט ביי אים, אין אַ געשפּרעך מיט אַ ליבעראַלן אָפיצער (הוירן) אַזעלכע רייד: „...איך האָב איך פּרובירט צו איבערצייגן, אַז די איינציקע מאָראַלע זאַך פון דער צוקונפט איז אַ מאַכט־מאָראַליטעט, און אַ מענטש, וואָס קאָן זיך ניט אַריינפּאַסן אין איר, איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג. אין מאַכט איז פאַראַן איין כאַראַקטע־ריסטישער אמת: עס קאָן נאָר שטראָמען פון אויבן אַרונטער. ווען ס'זיינען אויפן וועג פאַראַן קליינע קעגנערישע שטרעמעלעך, פאָדערט עס נאָך מער מאַכט, וואָס זאָל אָנגעווענדט ווערן ביז אַרונטער, כדי אָט די קעגנערשאַפט צו פאַרניכטן." ... „אַ מענטש איז דער איבערגאַנג צווישן חיה און גאָט... ס'איז ניט ליבע און ניט העכערע גייסטיקייט, נאָר מאַכט." ער לאַכט זיך דעריבער אויס פון די אַלערליי ראַנגלענישן קעגן מלחמה — צוליב מאָראַ־לישע גרונטן, און האַלט, אַז די ערשטע דערקלערונג פון קריג מצד דער מאַכט וועט אָפּוואַשן, ווי אַ מעכטיקע כוואַליע, יעדן פּרוּוו פון ווידערשטאַנד...

נאָרמאַן מעילער באַרירט זייער אַ סך געביטן פון וויסן און וויסנשאַפט. ער ווייזט דערביי אַרויס אַ מערקווירדיקע קענטשאַפט, מ'קאָן זאָגן — אַן אַלזייטיקע ווערסאַטיליטעט, אפילו אַן איבערראַשנדיקע קענשאַפט פון מלחמה־סטראַטעגיע. דאָס אַלץ זיינען גוטע צוגאָבן צו זיין קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. אָבער זיכער וועלן ניט אַלע איינשטימען מיטן שרייבער, אַ זאַ גערעכנגל קאָן באַווירקן דעם גורל פון פעלקער. יעדער בר־דעת ווייסט, אַז מלחמות זיינען אַ רעזולטאַט פון טיפע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבות, וועלכע שפּילן אַ דעטערמינירנדיקע ראָל אין דעם צו־זאַמענלעבן פון פעלקער. דאָס בוך, אין אַלגעמיין, איז איינס פון די בעסטע אַנטי־מלחמה־ווערק, וואָס וועט העלפן אַראָפּרייסן די מאַסקע פון דער בי־ליקער פּאַטריאָטיש־היפּאָקריטישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט וועלכער מ'קאָר־מעט דעם ברייטן עולם, באַזונדערס אין צייט פון קריג.

ס'איז אַ בוך, וואָס דאַרף געלייענט ווערן.

1948

דר׳ יהושע ל. ליבמאַנס בוך „פּיעס אָוו מאַינד״

דר׳ יהושע ל. ליבמאַן, דער באַרימטער אַמעריקאַנער ראַבאַי, דער מחבר פון דעם סאַמע פאַרשפּרייטסטן ענגלישן בוך אין אַמעריקע אין דער היינטיקער צייט, „פּיעס אָוו מאַינד״ (גייסטיקע רו), איז פּלוצלונג געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע. די ידיעה וועגן זיין טויט האָט שווער געטראָפן די גרויסע צאָל פאַרערער, וואָס האָבן מיט באַוואונדערונג נאָכגעפאָלגט דעם וואוקס פון זיין מערקווירדיקן טאַלאַנט און זיין שנעלן שטייגן ווי אַ גייס־טיקער פירער פון זיין סביבה, ווי אַן אָראַטאָר, שריפטשטעלער און גע־לערנטער.

די ידיעה וועגן זיין טויט האָט מיך געטראָפן בעת איך האָב געהאַלטן אין שרייבן אַן אָפּהאַנדלונג איבערן בוך „פּיעס אָוו מאַינד״, א בוך, וואָס איז פאַר זיך אַ מערקווירדיקע דערשיינונג אין דער ליטעראַטור פון אָט דעם מין, סיי לויט זיין סטיל און אינהאַלט, סיי לויטן אָפּרוף, וואָס עס האָט געקראָגן צווישן לייענער פון פאַרשיידענע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

צווישן דעם מחבר און זיין ווערק זיינען פאַראַן פיל וויכטיקע שייכותן, פּערזענלעכע און אידעאָלאָגישע, אַז ס׳איז כדאי זיך אָפּשטעלן, כאָטש בקיצור, אויף דער פּערזענלעכקייט דר׳ יהושע ליבמאַן, אויף זיין סביבה און לעבן.

דר׳ י. ליבמאַן איז געבאָרן געוואָרן אין האַמילטאָן, אָהייאָ, מיט איין־און־פערציק יאָר צוריק. סיי די מוטער, סיי דער פאָטער האָבן געצויגן זייער יחוס פון באַרימטע ראַבאַיס, וואָס האָבן געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פונעם רעפאָרמירטן יידנטום אין אַמעריקע. זייער געראָטן יינגל, וואָס איז צו צען יאָר אַריינגעטראָטן אין „האַי־סקול״, האָט זיך פרי אָנגעהויבן צו גרייטן צו אַ רבנישער קאַריערע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער שוין אַ סטודענט פון דעם „היברו יוניאָן קאַלעדזש״ און גלייכצייטיק — פון דעם אוניווערסיטעט פון סינסי־נעטי, און אין ביידע אינסטיטוציעס האָט ער אַרויסגעוויזן זיינע גלענצנדיקע פייאיקייטן. אין אוניווערסיטעט איז ער דערווילט געוואָרן צו דער „פּי בעטאַ קאַפּפּאַ סאָסייעטי״ און פון דעם „היברו יוניאָן קאַלעדזש״ האָט ער געקראָגן דעם דאָקטאָראַט פאַר זיין וויכטיקן בוך „די רעליגיעזע פילאָזאָפיע פון אהרן בן אליהו״, — אַ ווערק פון איבער זעקס הונדערט זייטן וועגן די הויפּט־קאָנצעפּציעס פון דער מיטלאַלטערלעכער יידישער רעליגיעזער

פילאָזאָפיע, אין שייכות מיט די איינפלוסן מצד אַזעלכע גריכישע דענקער, ווי פּלאַטאָ און אַריסטאָטל. ליבמאַנס דראַנג צו דערלערנען זאַכן ביזן גרונט, האָט אים געבראַכט אין די באַרימטע אוניווערסיטעטן פון לאַנד — קאָלומביאַ און האַרוואַרד, וואו ער האָט, צו זיינע צענדליקער אויסצייכענונגען, אויך געקראָגן די „לעאָ וו. סיימאָן טראַוועלינג פעלאָושיפ״, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און צו שטודירן אין דעם העברייאישן אוניווערסיטעט.

קומענדיק צוריק קיין אַמעריקע, זיינען פאָרן יונגן טאַלענטפולן יהושע ליבמאַן געווען אָפן אַלע וועגן צו דערפאָלג. טעמפּלען פון אַ סך גרעסערע יידישע צענטערן איבערן לאַנד האָבן זיך נאָך אים געיאָגט, ווי נאָך אַן אבן־טוב. ער איז געוואָרן ראַבאַי אין שיקאַגע און נאָכדעם — אין באָסטאָן, אין דעם ברוקלאַינער „איזראַעל־טעמפּל״, וואו ער איז פאַרבליבן ביזן טויט, כאָטש דער ניו־יאָרקער „טעמפּל עמאַנועל״ האָט אים אָנגעבאָטן גאָר גרויסע פּריווילעגיעס.

ער איז געווען טעטיק אין אַ גרויסער צאָל געזעלשאַפטלעכע און לערן־אינסטיטוציעס, האָט געשריבן ביכער און אַרטיקלען, זיך באַטייליקט אין עפנטלעכע דעבאַטעס, און אין משך פון יאָרן (1939־1946) אויפגעטראָטן אויף דער „נעשאָנאַל בראָדקעסטינג קאָמפּאַני״. זייענדיק דערביי אויך אַ „פּריידיקער״ פאַר עטלעכע אוניווערסיטעטן אין די מזרח־שטאַטן, אַ פּראָפעסאָר פון עטלעכע יידישע טעאָלאָגישע סעמינאַרן, איז דר׳ ליבמאַן אויך געווען פּראָפעסאָר פון די קריסטלעכע „אַנדאָווער־ניוטאָן טעאָלאָדזשיקאַל סעמינאַרי״ און „באַנגאָר טעאָלאָדזשיקאַל סעמינאַרי״.

דר׳ יהושע ליבמאַן איז געווען איינער פון די געציילטע ראַבאַיס אין אַמעריקע, וואָס איז געבליבן געטריי דער מאָטאָ פון דעם „היברו יוניאָן קאָלעדזש״: „יודאַאיזם איז אין גייסט און אין דער ווירקלעכקייט אַ שטענדיק פּראָגרעסיווע רעליגיעזע דיסציפּלין, וואָס דאַרף זיין אַלע מאָל ליבעראַל און גייסטיק וואַכזאַם, און אויב אים איז באַשערט צו לעבן אין אַמעריקע, מוז ער זיין אָפן פאַר יעדן פּאָזיטיוון איינפלוס פון מאָדערניזם, מוז זיך צופּאַסן צום וואוקס פון וויסנשאַפטלעכן דענקען...״

ער האָט געזוכט אַ סינטעז צווישן דער רעליגיע און דער וויסנשאַפט, אין זיינע רעדעס, אין זיין פּריידיקן, אין זיינע אַרטיקלען. ער האָט ניט אויפגעהערט צוזאַמענצוברענגען אָט די צוויי, דאַכט זיך, גאָר פיינטלעכע וועלטן. אָבער גאָר באַזונדערס האָט ער פּרובירט מאַכן שלום צווישן דער אַלטער טעאָלאָגישער לערע און דער מאָדערנער פּסיכאָאַנאַליטיק אין זיין באַרימטן בוך „פּיעס אָוו מאַינד.״

דאָס בוך איז דערשינען אין מערץ 1946 און איז גלייך געוואָרן אַ „בעסט־סעלער״, און איז נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט אַראָפּ פון דער ליסט, שוין נאָכדעם ווי ס׳האָט אויסגעהאַלטן אַכצן אויפלאַגעס. דורך דער צייט

איז „פיעס אָוו מאַינד" איבערגעזעצט געוואָרן אין צענדליקער שפּראַכן און איז אויך אין אַנדערע לענדער געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע ביכער.

מיט וואָס קען מען דערקלערן אַזאַ דערפאָלג? דעם ענטפער דאַרף מען זוכן ניט נאָר אין דער קוואַליטעט פון בוך אַליין, נאָר אויך אין די אויסער־לעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן דאָס בוך געבראַכט צום לעבן. דאָס בוך איז דערשינען נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער געגאַרטער שלום האָט מיט זיך געבראַכט די שרעק פון אַ נייער, נאָך אַ שרעקלעכערער, קאַ־טאַסטראָפע, וואָס די אַטאָמישע באָמבע האָט מיט גרויזאַמקייט אָנגעצייכנט. די ליכטיקע האָפענונגען און אילוזיעס, וועלכע מ'האָט דעם מענטשן צוגע־זאָגט אין משך פון דער מלחמה, זיינען פאַרשוואונדן. נאָך די אַלע קרבנות, וואָס די מענטשהייט האָט געבראַכט, איז דער מענטש געבליבן אָפּגענאַרט. די, וואָס האָבן אים צוגעזאָגט דעם געגאַרטן שלום, האָבן גאָר אָנגעהויבן צו גרייטן פאַר אים אַ נייע שחיטה. דער יחיד, וואָס איז ניט געקרעפטיקט מיט קיין אידעאַל, האָט זיך דערפילט ווי דער באָדן אונטער אים וואָלט צע־טרייסלט געוואָרן.

דער עיקר איז געטראָפן געוואָרן דער קליינבירגער, וועלכער האָט ניט קיין אָנגעהעריקייט צו אַ קעמפערישן אידעאַל. ער צווייפלט אין דער ליבע, אין זיין גלויבן אין גאָט. ער געטרויט ניט דעם מיטמענטשן. מיט איין וואָרט, ער האָט פאַרלאָרן דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט. אַזאַ מענטש קאָן פּלוצלונג איבערגעטריבן־פרום ווערן, אַריינפאַלן אין אַ רעליגיעזן טראַנס, זוכנדיק שוץ ביי דער גאָטלעכקייט. אָבער די מערסטע, די וואָס האָבן ניט קיין באַזונדערע נייגונג צו פרומקייט, וועלן זיך ווענדן צו אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער, וואָס זאָל מיט כוח פון זיין וויסן עפענען די פאַרבאַר־גענע און טונקעלע תהומען פון זייער געפייניקטער נשמה. צו העלפן אָט דעם געפייניקטן מענטשן איז אויך געקומען דר' י. ליבמאַן.

ער גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז ניט רייכקייט, און ניט טאַלאַנט, און ניט ליבע, און ניט אפילו אומבאַגרענעצטע מאַכט קאָן ברענגען אַ פולקאָמען גליק דעם מענטשן און אַז דער מענטש קאָן באמת און אַבסאָלוט זיין גליק־לעך נאָר דאַן, ווען ער דערגרייכט די געבענטשטע אינערלעכע רו, דעם שלום מיט זיך אַליין. ער פאַרזיכערט אין דער פאָררעדע, אַז ער אַליין איז מיט אַ צייט צוריק געווען אַ קרבן פון אינערלעכע פּסיכאָלאָגישע און רעלי־גיעזע קאָנפליקטן. ער זאָגט: „אין דעם בוך פּרוביר איך ברענגען עטלעכע ענטפערס, וואָס האָבן מיר אַליין געהאָלפן אין די אוניווערסאַלע מענטשלעכע דילעמאַס אין שייכות מיט געוויסן, ליבע, מורא, זאָרג און גאָט — הויפּט־פּראָבלעמען, פון וועלכע עס איז קיין שום געזעלשאַפטלעכער שיכט ניט פריי, און קאָן ניט זיין פריי, כל־זמן דער מענטש איז אַ מענטש". בלויז פאַר־בייגייענדיק גיט ער צו, אַז סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומשטענדן און באַ־דינגונגען שפּילן אַ ראָל אין דער באַשטימונג פונעם גראַד פון מענטשלעכן

גליק אויף דער וועלט, אַז עקאַנאָמישע אומזיכערקייט שאַפט אַ באָדן פון נעוראָזיס, שלעכטער צוגעפּאַסטקייט, געפעלנקייט. דאָס הויפּט־געוויכט לייגט ער אָבער אויף דעם מענטשלעכן שטרעבן צו געפינען דעם גלויבן אין גאָט, אַריינברענגען אים אין דעם אייגענעם לעבן אַריין, וואָס נאָר דאָס אַליין קאָן פאַרענטפערן אַלע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון מענטשלעכער מאַטעריעלער און גייסטיקער אומצופרידנקייט.

ער זוכט צו מאַכן ניט נאָר אַ שלום צווישן דעם מענטשלעכן וואונדער מיטן געטלעכן, נאָר אַ פולקאָמענעם סינטעז, וואָס זאָל דינען דעם מענטשן אין זיין געראַנגל מיט די גרונט־דילעמאַס פון זיין גייסטיקן לעבן אויף דער וועלט. אַט די צוויי כוחות זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן דערגאַנצן איינע די אַנדערע און זאָלן קומען ווי אויסלייזערס פון דעם מענטשן, וואָס זוכט אַ רעטונג פון זיינע צווייפלענישן. ער זאָגט: „עס זעט אויס, אַז רעליגיע און פּסיכיאַטריע זיינען צוויי צווילינג־מלאכים, וואָסביידע בויגן זיי זיך איין, כדי אויפצוהייבן דעם קראַנקן, דעם צעטומלטן מענטשן.״

צוליב אַט דעם גלויבן זיינעם האָט דר׳ ליבמאַן געפּרואווט צו מאַכן, פריער פון אַלץ, אַ שלום צווישן דעם „אומגלויביקן״ זיגמונד פרויד, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן באַקעמפט די רעליגיע, טאַקע מיט דער זעלביקער רעליגיע.

שטאַרק איז דעם מחברס דראַנג צו ברענגען צו אַן ענדגילטיקן שלום צווישן אַט די קעגנגעזעצטע עקסטרעמען און אייביקע שונאים. ער גיט אַוועק פיל אָרט צו איבערצייגן דעם לייענער, אַז ס׳זיינען אין דער אמתן ניטאָ קיין סיבות, פאַרוואָס דער קריג זאָל ווייטער אָנהאַלטן; אַז דער שלום צווישן זיי קאָן ניט נאָר ברענגען נוצן זיי ביידע, נאָר אויך זיין אַ רעטונג פאַר דער גאַנצער געפּלאָגטער מענטשהייט. קיין אַנדער רעטונג פאַרן יחיד און פאַרן כלל זעט ער ניט. פאַרקערט, ער האַלט גאָר, אַז קיין שום פער־מאַנענטער וועלט־שלום און קיין שום קאָאָפּעראַציע קאָן ניט פאַרמירט ווערן פון מענטשן, וואָס ווערן קאָנטראָלירט פון יחידים, וועלכע האָבן ניט גע־פונען אין זיך קיין גייסטיקע רו און האָבן ניט איינגעשטעלט אַ שלום מיט זיך אַליין, באַזירט אויף דעם טיפן רעליגיעזן גלויבן אין אַ גאָט, דעם פאָטער פון אַלעם לעבעדיקן.

צו פאַרשטאַרקן זיין אַרגומענטאַציע, באַנוצט זיך דער מחבר ניט נאָר מיט באַווייזן פון הייליקע ספרים, אָדער פון אַזעלכע פּסיכאָאַנאַליטיקער ווי פרויד, הורני און מענינגער, נאָר אויך מיט הונדערטער אינטערעסאַנטע ציטאַטן פון שרייבער און דיכטער פון אַלע צייטן. זיין טיפע לאָגיק און ערודיציע פאַרוואונדערט דעם לייענער.

זיין לייכטער, אין דער זעלביקער צייט קאָלירפולער סטיל און רייכע שפּראַך האַלטן דעם לייענער אין געשפּאַנטקייט. אָבער נאָכן איבערלייענען

דאָס בוך, נאָך דער עקספּעדיציע אין דער וועלט פון עמאָציעס, געטלעכע אַנטפּלעקונגען, פּסיכאָאַנאַליטישע וואונדערס און נאָכן קומען פּנים אל פּנים מיט גאָט, פאַר וועמען דער מחבר האָט דעם לייענער אַזוי דראַמאַטיש אַוועקגעשטעלט, בלייבט ער באַשווערט מיט פראַגעס. ער הייבט־אָן זען, אַז דער מחבר האָט געלייגט אַ סך געוויכט אויף די סימפּטאָמען און פאַרגעסן די סיבות פון די קראַנקהייטן פון אונדזער צייט; אַז ער האָט די גאַנצע צייט געהאַט אין זינען דעם העכערן מיטל־קלאַס מענטשן, דעם געבילדעטן, דעם אינטעליגענטן, וואָס אין זיין אָפּגעריסנקייט פון אַ באַשטימטן אידעאַל, גיט ער אָפּ אַ סך פון זיין פרייער צייט פאַר אַבסטראַקטע גריבלענישן אין פראַגן פון רעליגיע, זין פון לעבן און אויך אויף גריבלענישן אין זיין איי־גענער פאַרצווייפלטער נשמה.

יאָ, די הויפּט־סיבה פון אונדזער קראַנקער געזעלשאַפט איז דער מחבר פאַרבייגעגאַנגען, ווי ער וואָלט אומיסטן זיך פון זיי אָפּגעקערט — די סאָ־ציאַלע און עקאָנאָמישע אומזיכערקייט, די אומיושרדיקע צעטיילונג פון רייכטימער, די עקספּלואַטאַציע, די פאַרפאָלגונגען פון מינדערהייטן, וואָס דריקט זיך אויס אין אַזוי פיל פאָרמען. זיינען די פּראָבלעמען פון אָט די מאַסן — און זיי זיינען דאָך אַ גרויסע מערהייט! — גאָר קיין פּראָבלעמען ניט? און צי קאָנען די הייל־מעטאָדן זיין די זעלביקע, אי פאַר דעם רייכן פּוסט־און־פּאַסניק, אָדער אַ זון פון אַ באַלעבעסל, אי פאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן, וואָס אָנשטאָט גריבלען זיך אין „אייביקע פּראָבלעמען", איז גאָר זייער פּראָבלעם דאָס פּראָבלעם פון דער וואָך, פון דעם אינדערוואָכן?

און נאָך אַ פראַגע: דאַרף מען די היילונג פון דער געפּייניקטער נשמה זוכן אין דער אַבסטראַקטער געטלעכקייט? דאַרף מען ניט זוכן די היילונג אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט פון זאַכן? אין אַרבעט פאַרן וואוילזיין פון די מאַסן, אין די אידעאַלן פון אַלמענטשלעכער פאַרברידערונג, פאַר די אידעאַלן פון סאָציאַליזם? איז דען ניט דער קאַמף פאַר אַן אידעאַל דער זין און דער אינהאַלט פון לעבן?...

1948

נ. קאַטקאָוו „אַן אָדלער ביי מיינע אויגן" *)

דער מחבר פון בוך „אַן אָדלער אין מיינע אויגן", נאָרמאַן קאַטקאָוו, איז נאָך אַ יונגער בחור, אַ פּראָדוקט פון דער אַמעריקאַנער יידישער סביבה. ער רעדט אפילו, זאָגט מען, אַ נישקשהדיקן יידיש. ער איז אַ זון פון אימיגראַנטישע עלטערן, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע פון דער אוקראַינע און האָבן זיך דאָ באַזעצט אין סעינט פּאָל, מינעסאָטאַ, וואו דער מחבר האָט געקראָגן זיין דערציאונג און שפּעטער געלערנט אין דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק און איז איצט אַ מיטאַרבעטער אין דער ניו־יאָרקער „וואָרלד־טעלעגראַם."

„אַן אָדלער ביי מיינע אויגן" איז זיין ערשט בוך. ביז איצט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ היפּשע צאָל דערציילונגען אין די זשורנאַלן: „קאָליערס", „עסקווייער", „סאַטורדעי איווינינג פּאָסט" און אַנדערע. אָבער זיין גרעסטע אָנערקענונג האָט ער איצט געקראָגן פאַרן בוך, וואָס האָט באַלד ביי זיין דערשיינען אַרויסגערופן אַ געוויסן רושם און איז שיר ניט געוואָרן קיין „בעסט־סעלער."

דער יידישער לייענער, וואָס לייענט איבער דאָס בוך, וועט בלייבן אַנטוישט, שאָקירט און אפילו אין כעס. עפּעס האָט מען אים דאָ אונטערגעטראָגן מיט יידישע הענט אַ פּאַרציע אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז נאָך ביטערער פונעם ניט־יידישן...

צוויי הויפּט־פּראָבלעמען ווערן הויפּטזעכלעך באַרירט אין ראָמאַן געמישטע חתונות און אַנטיסעמיטיזם. און דאָ ווייזט זיך בולעט אַרויס דעם מחברס עם־הארצות בנוגע דעם יידישן פאָלק און יידישן מענטשן. מיר זעען אַז אים איז כלל פרעמד אַ וועלכע עס איז יידישקייט. ער איז אפילו ניט באַקאַנט מיט די סאַמע עלעמענטאַרסטע אמתן, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן לעבן.

עס איז שווער צו זאָגן וואָס פאַר אַ יידישע דערציאונג דער שרייבער האָט געקראָגן. אָבער איין זאַך איז זיכער: ער האָט זיך אָנגעהערט אַ סך יידישע קללות, האָט געגעסן „קאָרן־ביף" מיט „פּיקלס", אָנגעהערט זיך וועגן „שיקסעס", אַז זיי זיינען „הורס" און אַז אַ יידישער בחור פאַרליבט זיך אין

---

*) EAGLE AT MY EYES by Norman Katkov. Doubleday & Company, Garden City, N.Y., 1948.

אַ „שיקסע״ און הייראַט נאָך מיט איר, איז אַזוי ווי ער וואָלט געשטאָרבן מיט אַ מיאוסן טויט, און אַז בכלל איז דאָ צווישן ייד און גוי אַן אייביקער ריס, וואָס אַ ייד טאָר אפילו ניט וואַגן צו פאַרריכטן... און נאָך: יידן זיינען אומוויסנדיק, וואולגאַר, אומטאָלעראַנט, אָנגעפּילט מיט אייביקע נקמה־געפילן, מיט שנאה צום „גוי״, זיינען עפּעס ווילדע מענטשן, וואָס שרייען, זידלען, שילטן, מאַכן היסטערישע שטיק.

מיר וועלן אין קורצן איבערגעבן וואָס נאָרמאַן קאַטקאָוו וויל אונדז דערציילן.

דזשאָו גודמאַן, אַ ייד, אַ צייטונג־שרייבער אין סעינט פּאָל, מינעסאָטאַ, באַגעגנט זיך אויף אַ גאַנץ צופעליקן אופן אין זיין רעדאַקציע מיט אַ קריסט־לעך מיידל, מערי סטימסאָן.ביידע געפעלן איינער דעם אַנדערן און עס וואַקסט־אויס צווישן זיי אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע. אָבער די ליבע ווערט געשטערט פון דעם, וואָס ער איז אַ ייד און זי — אַ קריסטין. דער מיידל אַרט עס גראָד זייער ווייניק. זי ווייזט אַרויס טאָלעראַנץ. אויך אירע על־טערן נעמען אויף דער טאָכטערס געליבטן מיט אַ סך וואַרעמקייט. די צרה איז נאָר מיט די יידישע עלטערן. זיי זיינען קעגן דעם שידוך. די מעגלעכע הייראַט פון זייער זון מיט אַ „שיקסע״ איז אַזוי ווי שטאַרבן אַ מיאוסן טויט... באַזונדערס שאַרף טרעט אַרויס די יידישע מוטער. (אגב שילדערט זי דער שרייבער ווי די פאַרקערפּערונג פון שנאה און בלינדער אומטאָלעראַנץ). פאַר איר איז דער גוי די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָסבייז. אָט די שנאה פּרו־בירט דער מחבר דערקלערן מיט אַ מעשה פונעם עבר — אַן איבערלעבונג פון אַ פּאָגראָם אין די צאַרישע צייטן, פון וועלכע זיינע עלטערן זיינען אַרויס קוים מיטן לעבן.

אַלע אין דער משפחה קערן זיך אָפּ פון דזשאָוען. אַלע באַקאַנטע אין דער יידישער סביבה דערווייטערן זיך פון אים. ער ליידט פון דעם שטאַרק. ער מאַנעווורירט די גאַנצע צייט, ער זאָל ניט צופיל אויפרייצן זיינע עלטערן. ער ציט אָפּ די הייראַט. זוכט פאַרשיידענע תירוצים, וואַקלט זיך צווישן יאָ און ניין און ווייזט דערביי אַרויס שוואַכקייטן, ווילנסלאָזיקייט, זעלבסט־זיכטיקייט.

אויך מעריס פאָטער בייט פּלוצלונג זיין פריינטלעכע באַציאונג צו זיין צוקונפטיקן איידעם. אָבער דאָס איז שוין ביי אים ניט אַזוי צוליב יענעמס „יידישקייט״, ווי צוליב זיינע געמיינע האַנדלונגען בנוגע זיין טאָכטער. ער באַליידיקט אים און קערט זיך אָפּ פון אים מיט טיפער פאַראַכטונג. און שוין נאָכדעם ווי דאָס פּאָרל הייראַט אָפיציעל, בלייבט דזשאָו גודמאַן אַן אומגליקלעכער: ער פאַרלירט זיינע עלטערן, ער האָט ניט קיין כוח אויסצוקעמפן אַן אָרט אין דער פרויס סביבה. אַלע באַמיאונגען מצד מערין צו דערנעענטערן איר מאַן צו זיינע עלטערן און נאָכדעם — צו אירע, לאָזן זיך אויס מיט גאָרניט. מערי פאַרלאָזט אים. זי גיט אים אַ מעגלעכקייט

צו קומען צו איר דורך אַננעמען איר סביבה. נאָך לאַנגע וואַקלענישן און אפילו מיט דער גוטער הילף פון זיין פאָטער, וואָס איז צו אים אַלע מאָל פריינטלעך, באַשליסט ער צו גיין צו איר. דאָס פּאַסירט אין די סאַמע לעצטע שורות פון בוך, און דער לייענער איז נאָך אַלץ ניט זיכער, צי ס'וועט פון דעם עפּעס זיין...

און אַזוי בלייבט אַלץ ווי געווען. דאָס פּראָבלעם געמישטע היראַט ווערט נאָך מער פאַרטונקלט. דער אַנטיסעמיטיזם ווערט מיט קיין זאַך ניט פאַר־ענטפערט. דער ראָמאַן בלייבט אין זכרון פונעם לייענער ווי אַן אָפּגעריסענער, אומקלאָרער עפּיזאָד, וואָס דאַרף ערשט אויסגעפּלאָנטערט ווערן פונעם קנופּ, וואָס נאָרמאַן קאַטקאָוו האָט פאַרפּלאָנטערט.

אינעם ראָמאַן זיינען פאַראַן סימנים פון אויטאָביאָגראַפישע עלעמענטן, וועלכע דער שרייבער פאַרמאַסקירט מיט סטיליסטישע קונצן. די ערנסטע סאָציאַלע פּראָבלעם פון געמישטע היראַטן אין אַמעריקע ווערט צוגעשטעפּט צום לייכטסטן פערדל — צום אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז איצט אַן אָנגעווייטיקטע פראַגע, אָבער דער שרייבער טרעט צו דעם צו אָן אַן אידייע, אָן פאַרשטענדעניש פאַר סאָציאַלן אמתן. פאַרן לייענער בלייבט דער מאָד־נער נאָך־טעם, אַז דער העלד (און זיין יידישער מחבר) ליידט פון אַן אינ־פעריאָריטעט־קאָמפּלעקס און... פון אַן אייגענעם, מאָדנעם „יידישן" אַנ־טיסעמיטיזם. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דעם „יידן", דזשאָו גודמאַן, אַרט ניט וואָס מ'דיסקרימינירט קעגן יידן. אים אַרט ניט, זאָגט ער, וואָס מ'נעמט ניט אַריין קיין „היביס" אין די מעדיקאַל־סקולס. אים אַרט אויך ניט, וואָס אַ משוגענער אַנטיסעמיט שטעלט זיך אַוועק אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ און פּריידיקט פּאָגראָמען אויף יידן. און אַז אַ ריי קאָמפּאַניס שטעלן ניט אָן קיין יידן אין זייערע פירמעס — אַרט עס אים אויך ניט. „זאָל זיך וועגן דעם זאָרגן דער בני־ברית..." אים „אַרט" נאָר, וואָס ער איז, צו זיין אומגליק, געבאָרן געוואָרן אַ ייד און דאַרף, נעבעך, טראָגן אָט די יידישקייט און ליידן צוליב איר. ער ווייזט דערביי אַרויס די גאַנצע צייט אַ גרינגשע־צונג, אַ שנאה און פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס איז יידיש אין זיין סביבה, אַז איר ווילט זיך פון אָט דעם יידן אָפּקערן מיט עקל.

איר זעט ווי אָט דער מענטש רייסט זיך צו אַנטלויפן פון דער יידישער סביבה. פון דער „הדסה", וואו יידן קומען זיך פאַרזאַמלען, וויכט ער. פון די יידישע מיידלעך מאַכט ער חוזק. אַ טאַנץ אין דער „הדסה" פאַר־גלייכט ער מיט „טויזנטער ניט־פאַרהייראַטע צויגן, וואָס זוכן צו געפינען אַ מאַן אין דריי טעג"... מ'וואָלט דאָ געקענט ברענגען צענדליקער ציי־טאַטן, וואָס באַליידיקן דעם יידן. ער פאַרגעסט אפילו ניט איבערצוקרימען דעם אָרימען ענגליש פון זיינע עלטערן, די אימיגראַנטן. וואו נאָר אַ ייד מוז ער פון אים אָפּחוזקן, וואו נאָר אַ יידישע סביבה — מוז ער זי פאַר־וואַרפן מיט בלאָטע. בלויז דזשאָוס פאָטער קומט אַרויס אַביסל מענטשלעכער

פון אונטער קאַטקאָווס פען. דאָס איז אַ גוטער טאַטע, באַזעלט מיט דער פשוטער חכמה פון לעבן און ליידן. אָבער אויך ער איז מער סטיליזירט, ווי אמתדיק. און אפילו ער איז פרעמד זיין זון, ווי ער וואָלט געווען גאָר פון אַן אַנדער וועלט. אַלע אַנדערע יידן זיינען גראָבע מענטשן, אָן מאַניערן, און די גאַנצע יידישקייט זייערע באַשטייט אין דעם, וואָס זיי עסן „געפילטע פיש" אויף שבת, האַנדלען און וואַנדלען, זונדערן זיך אָפּ פון גוים און שילטן זיי ביי יעדער געלעגנהייט מיט ביטערע קללות. פאַרקערט, די גוים קומען ביי אים אַרויס, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, גאַנץ פיינע מענטשן. זיי קענען מוחל זיין, זיי קענען העלפן און ליבן אויפריכטיק, און בכלל אויפפירן זיך ווי מענטשן.

פון דעם אַלעם איז קלאָר די פּערזענלעכקייט פונעם העלד, דזשאָו גודמאַן. ער איז אַ שוואַכלינג, אַ טרוס. ער זאָגט ליגן. ער באַהאַלט זיך אויס, וואו ער קען נאָר, פונעם אמת. ער נאַרט־אָפּ מיט פאַלשע צוזאָגן די אויפריכטיקע ליבע פון זיין געליבטער. ער איז אַ צעטומלטער נפש, וואָס פאַרראַט זיין אייגענעם שטאַם ניט אַזוי צוליב דער היירעט מיט אַ קריסטלעך מיידל, ווי גראָד צוליב דעם, וואָס ער מאַכט פון דעם אַ קרענק־לעך־איבערגעטריבענעם ווענז, וואָס ער פּרובירט אַראָפּצוּנעמען פון זיך אַלע מענטשלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן און זיי אַרויפוואַרפן אויף דער יידיש־קייט פון זיינע עלטערן און אויפן יידישן כלל, וואָס ער זעט און באַנעמט אים בלויז פון אַ וואולגאַר־ענגן „געפילטע פיש און קאַרן־ביף"־שטאַנדפונקט. קיין אַנדערע ווערטן געפינט ער ניט אין זיין סביבה.

אין סך־הכל בלייבט איין איינדרוק: איר שטייט פנים אל פנים מיט אַ פּראָדוקט פון דער דעגענערירטער אַמעריקאַנער האַלב־אַסימילירטער יידישקייט. איר האָט פאַר זיך אַ טיפּ פון אַ יידן, וואָס האָט קיין עכטע יידיש־קייט ניט פאַרזוכט אפילו אויפן שפּיץ־מעסער; אַ מענטשן, וואָס האָט ניט געוואוסט פון אמתער יידישער דערציאונג, וואָס האָט פאַרלאָרן די פאַר־בינדונג מיט זיין פאָלק, מיט זיינע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. אַ פאַרזעעניש אַזאַ, וואָס איז אינערלעך ניט קיין ייד און ניט קיין גוי; אַ צעריסענע פּערזענלעכקייט אָן אַ באָדן אונטער די פיס און אָן אַ הימל איבערן קאָפּ. אַ הפקרדיקער טיפּ, וואָס קאָן אונדז קיין נחת און קיין כבוד ניט ברענגען. און אפשר איז נאָרמאַן קאַטקאָוו אַליין אויך דער אויסדרוק פון אָט דער, מ'שטיינס־געזאָגט, „יידישקייט."

אַנגעשריבן איז דאָס בוך גראָד ניט שלעכט. דער מחבר האָט סטיל, קאָן שילדערן אַ סיטואַציע און אַרויסברענגען גאַנץ רירנדיקע מאָמענטן צוליב דעם מעטאָד פון נאַקעטער אַנטפּלעקונג, ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט דערציילט אַן איבערלעבונג פאַר אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, אָפּן, אָן רעזער־וואַציעס, געטריבן פון אַ שטאַרקן עמאָציאָנעלן דראַנג אַלץ צו דערציילן,

אַליץ צו אַנטפּלקען פון די סאַמע טיפענישן. אין דעם ליגט אפשר דער סוד, וואָס דאָס בוך האָט געמאַכט אַ רושם. עס לייענט זיך געשפּאַנט אפילו ווען אַ סך זאַכן שאָקירן אייך.

אָבער ניט פאַרמאָגנדיק הינטער זיך קיין אידייע, קיין קענטלעכן יסוד, אויף וועלכן עס קאָן זיך אָנהאַלטן אַ סאָציאַל ווערק, וועט דאָס בוך פאַרגעסן ווערן, סיידן אין אונדזער הו־האַ געזעלשאַפטלעכקייט זאָל דעם שרייבער געלינגען צו געפינען חן אין די אויגן פון האליוואוד, וועט דער אינטערעס צו אים נאָך אַ געוויסע צייט אָנהאַלטן. אָבער אויך דער צושטייער וועט פון דעם סאָציאַלן און יידישן שטאַנדפּונקט זיין אַ דורכאויס נעגאַטיווער.

1948

„איסט סייד—וועסט סייד" פון מאַרשיאַ דעווענפּאָרט

מאַרשיאַ גלוק דעווענפּאָרט איז געקומען אין דער אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור אין יאָר 1932 מיט אַ זייער געלונגענער ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן דייטשישן קאָמפּאָזיטאָר, מאָצאַרט. קיינער האָט דעמאָלט ניט דערוואַרט, אַז זי וועט אַריבערגיין אויפן ריין־בעלעטריסטישן פעלד. אָבער אין פיר יאָר אַרום איז דערשינען איר בוך „וועגן לינאַ געיער", אַ ווערק, וואָס האָט באַלד געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק. ווען ס׳איז דערשינען איר בוך „דהי וועלי אָוו דיסיזשאָן" און איז געוואָרן אַ „בעסט־סעלער", איז שוין דער נאָמען פון דער שרייבערין באַרימט געוואָרן איבער גאַנץ אַמע־ריקע. האָליוואוד האָט פונעם בוך געמאַכט אַ דערפאָלגרייכן פילם און מיט דעם אַ שטויס געטאָן איר פּאָפּולאַריטעט פאָראויס. אַזוי, אַז ווען ס׳איז דערשינען איר בוך „איסט סייד—וועסט סייד" און איז אויך באַלד געוואָרן אַ „בעסט־סעלער", האָט זי שוין פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַמעריקאַנער בעלעטריסטיק.

אין איר בוך „איסט סייד— וועסט סייד" ווערט נאָך אַמאָל, און אויף אַ בוילעטערן אופן, געשילדערט די צעטיילונג פון די צוויי קלאַסן — די רייכע און די פאָלקס־מאַסן. די „איסט־סייד", וואָס איז, געוויינלעך, דער סימבאָל פון די אָרימערע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, און די „וועסט־סייד", וואָס איז דער סימבאָל פון דער אַזוי־גערופענער „העכערער" געזעלשאַפט, פון די רייכע, די „אויסדערוויילטע", די באַלעבאַטים פון אַלץ, וואָס טראָגן מיט זיך די באַגריפן: לוקסוס, מאַכט, אויבערהערשאַפט.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די אונטערשיידן צווישן אָט די קעגנגעזעצטע קלאַסן ליגן ניט נאָר אין די אויסערלעכע פאָרמען פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, נאָר פיל טיפער — אין דעם פסיכישן באַנעם פון זאַכן און ווערטן, אינעם אידעאָלאָגישן איינשטעל בנוגע דערשיינונגען פון לעבן. און ס׳איז נאַטירלעך, אַז צווישן אָט די צוויי געזעלשאַפטלעכע קאַטעגאָריעס זאָלן זיך איינשטעלן געוויסע פאָראורטיילן און אַנטאַגאָניזמען, וואָס זאָלן זיך אויס־דריקן אין אַ שטענדיקן קאַמף, מערסטנס אין אַ שטילער, פאַרבאָרגענער פיינטשאַפט און אַמאָל אפילו — אין אַן אָפענעם קאַמף.

אָט וועגן די אונטערשיידן האָט מאַרשיאַ דעווענפּאָרט אָנגעשריבן איר בוך. די הויפּט־העלדין פון איר ראָמאַן, דזשעסי באורן, איז אַ קינד פון דער איסט־סייד, פון האַלב־יידישער אָפּשטאַמונג (איר מוטער איז געווען אַ יידישע, דער פאָטער — אַ קאַטאָליק). איר איז באַקאַנט דאָס לעבן פון דער

*) EAST SIDE-WEST SIDE by Marcia Davenport. Charles Scribner's Sons, New York.

אימיגראַנטישער באַפעלקערונג פון דער איסט־סייד, דער פאָלקישער כאַ־ראַקטער פון דער סביבה, אין וועלכער איר מוטער, ראָזי לאַנדאַו, אַ דער־פאָלגרייכע אַקטריסע, איז דערצויגן געוואָרן און שפּעטער אויך זי דערצויגן. נאָך אַ יונג מיידל, ווערט דזשעסי אַריינגעצויגן אינעם לעבן פון דער אימי־גראַנטישער אינטעליגענץ און ווערט שפּעטער אַ מיטאַרבעטערין פון דער באַרימטער ליבעראַלער צייטונג „וואָרלד". איר געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע ברענגט צו איר הייראַט מיטן רייכן פּוסטעפּאַסניק ברענדאַן באורן, וועלכער פירט זי אַריין אין זיין געזעלשאַפט אויף דער רייכער וועסט־סייד. זי לעבט אין אומבאַשרייבלעכן לוקסוס, זי איז אַרומגערינגלט מיט דינערס און באַדינערס, אָבער אינערלעך איז איר לעבן פּוסט. אין איר האַרצן טראָגט זי, ווי אַ טייערע גאָב, די זכרונות פון איר לעבן מיט דער יידישער מוטער, אין דער סביבה פון די פּשוטע, האַרעפּאַשנע, אידעאַליסטישע מאַסן, וואָס לעבן זיך אויס אין שווערן עקאָנאָמישן קאַמף, וואָס זיינען אָבער איבערגע־פולט מיט אידעאַליזם, מיט אַן אייביקן דראַנג נאָך וויסן און קינסטלערישן אויסדרוק. אָט יענע וואַרעמע אַטמאָספערע פון מענטשן, וואָס שטרעבן צו אַ ציל, וואָס זוכן דעם זין פון לעבן און וואָס געפינען אים אין לערנען, אין שעפערישקייט, אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער, אין קונסט. די אָרימקייט, וואָס רייסט זיך פון פינצטערניש צו ליכט.

אָט די אָרימשאַפט, באַוואָפנט מיט קרעאַטיווע כוחות, וואָס קעמפט פאַר יושר און מענטשלעכקייט און גלויבן, שטעלט אַוועק די שרייבערין אַנטקעגן דער פוילער, צעלאָזענער, ציניש־ציללאָזער געזעלשאַפט פון די געלט־זעק, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז אַריינגעטאָן אין לוקסוס, אין ווילדע הוליאַנקעס, טייערע געטראַנקען און איבער אַלץ — אין סעקסועלער פּערווערזיטעט, וואָס דריקט זיך אויס אין אָפענעם פאַרראַט פון די סאַמע נאָענטסטע און אין שטענדיקן ברעכן פון אַלע מענטשלעכע און געטלעכע געזעצן. אָט די מענטשן, וואָס זיינען כלומרשט די „אמתע" אַמעריקאַנער, זיינען סוף־כל־סוף אינגאַנצן אויסגעוואָרצלט פון אַלע אידעאַלן פון זייער לאַנד. זיי האָבן קיין שום אינגווייניקסטן צובונד ניט צו זייער אַמעריקאַנישקייט, אַחוץ צו די רייכע ירושות, די מאַיאָנטקעס און די פאַרכאַפּטע פּאָזיציעס. אין דער צייט, ווען גראָד די אַזוי־גערופענע „פרעמדע", וואָס זיינען אַהער געקומען פון אַזוי פיל לענדער, זיינען דער וויכטיקסטער קערן פון אַלץ, וואָס איז שיין און ווירקזאַם אין דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט.

דזשעסי לעבט־אָפּ מיט איר מאַן בראַנדאָן איבער צוואַנציק יאָר. איר ליבע צו אים איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן צוליב זיין פאַרראַט, צוליב זיינע אָפענע ליבעס מיט אַנדערע פרויען. זי ליידט פון דעם, אָבער אָט די „קרענק" איז אַן אָנגענומענע זאַך אין איר „העכערער" געזעלשאַפט. אַלע מענער „פאַרראַטן" זייערע פרויען און לעבן זיך אויס אין דער געזעלשאַפט פון אויסגעלאַסענע פרויען, זיינען שפּעקולאַנטן, גנבים און געמבלערס —

מוז זי שווייגן. אַזוי לעבט זי ביז זי טרעפט זיך, באַלד נאָך דער מלחמה, מיט אַן אַמעריקאַנער גענעראַל, מאַרק דוואַיער, אַ פּראָדוקט פון דער טשעכישער אימיגראַנטישער איסט־סייד, וועלכער וועקט אין איר אויף אירע אַלטע בענקשאַפטן און ברענגט זי צוריק צו איר רייכער, קאָלירפולער פאַרגאַנגענהייט, צו די מענטשן פון דער איסט־סייד, יידן און ניט־יידן, וואָס האָבן געבראַכט קיין אַמעריקע זייערע בעסטע האָפענונגען, זייערע וויזיעס, זייער טאַלאַנט און אַרבעט. אָט די באַגעגעניש מיט דעם אידעאַליסטישן מענטשן ברענגט זי צוריק צום לעבן, און דזשעסי רייסט איבער מיט דער וועלט פון ציניזם, באַטרוג און מאָרד, אין וועלכער זי האָט אַזוי פיל יאָרן געלעבט.

„איסט סייד—וועסט סייד" איז אַ בוך וועגן מענטשן, וועגן אַ סך מענטשן, אָבער איבערהויפּט — וועגן דער שטאָט ניו־יאָרק, וועגן דער שטאָט פון ריזיקע קאָנטראַסטן. און די שרייבערין קען די שטאָט אין אַלע אירע פּאָזעס, אין אַלע אירע שאַטירונגען און איר גאַנצן קאָלאָריט. ניו־יאָרק איז פאַר איר אַ ריזיקע קאָלעקטיוו באַשעפעניש, וואָס לעבט אַ שפּרודלדיק לעבן. זי שילדערט אירע אַלע אינערלעכע קאָנפליקטן, ווי די קאָנפליקטן פון אַן איינצלנער קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט. אין איר גרויסער קענטשאַפט פון ניו־יאָרק, גיט די שרייבערין מיט דער פולער האַנט אַלץ, וואָס זי ווייס וועגן איר אינערלעכן לעבן, וואָס זי האָט אין איר געזען, געפונען, מיט וואָס זי איז אַנטציקט און פון וואָס זי קערט זיך אָפּ מיט עקל.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון קינסטלערישן אמת איז „איסט סייד—וועסט סייד", אַן צווייפל, אַ פּאָזיטיוו בוך, אַ בוך וואָס שילדערט דאָס לעבן רעאַליסטיש, אַנטבלויזט אַ סך וואונדן פון אונדזער קראַנקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. וואָס עס פעלט אינעם בוך איז אידייאישער באַוואוסטזיין, וואָס באַשטימט דעם פולן ווערט פון אַ קינסטלערישן אויסדרוק. עס פעלט דעם מחברס אני־מאמין, וואָס זאָל אַוועקשטעלן דאָס בוך אין אַ ליכט פון רעאַלער פאָדערונג. אַזוי ווי עס איז געשריבן, איז עס אַ שילדערונג אָן אַ באַטאָנטער אידייע און דעריבער אָן אינערלעכן ליכט, וואָס זאָל קאָנען באַלויכטן און געבן זין דעם גאַנצן אינהאַלט.

אָנגעשריבן איז דאָס ווערק אין דער געוויינלעכער קאָנווענציאָנעלער פאָרם פון דעם רוב אַמעריקאַנער נאָוועלן, אָן אַ וועלכן ס'איז פּרוּאוו צו באַלעבן דעם נאַראַטיוו מיט אייגענער סטיל־קוואַליטעט. אָבער צוליב דער רייכקייט פון אינהאַלט און צוליב דער פייאיקייט פון דער שרייבערין צו שילדערן מיט קענטלעכע שטריכן און כאַראַקטערן, לייענט זיך דאָס בוך מיט אַ געוויסער געשפּאַנטקייט. אָבער צי עס איז באַרעכטיקט דער טומל אַרום דעם בוך — דאָס איז אַ צווייפל.

„די וואַנט" פון דזשאָן הוירסי

דזשאָן הוירסי האָט אין די פאַרגאַנגענע זיבן־אַכט יאָר שוין עטלעכע מאָל איבערראַשט די אַמעריקאַנער ליטעראַרישע קריטיק מיט ווערק פון אַ באַדייטנדיקן קינסטלערישן ווערט. אין משך פון אַט דער צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט פינף ביכער: „מען אָוו באַטאַן", „אינטו טהי וועלי", „עי בעל פאַר אַדאַנאָ", „הירָאָשימאַ" און איצט דאָס מאָנומענטאַלע ווערק — „טהי וואָל."

„די וואַנט" איז ניט קיין געוויינלעך בעלעטריסטיש ווערק, וואָס קאָן באַהאַנדלט ווערן, הויפּטזעכלעך, פון אַ קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. ס'איז אַן עפּאָפּייע פון אַ גרויסן טייל פון אַ פאָלק, וואָס איז, אין אַן עפּאָכע פון גרויסע היסטאָרישע אויפטרייסלונגען, אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער ערשטער קרבן פון אַ דעספּאָטישער הערשאַפט און ברענגען די גרעסטע קרבנות צו אַ מאַכט, וואָס האָט געזוכט צו באַהערשן דורך בלוט און שווערד די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. און די וואַנט, וועלכע האָט אַרומגערינגלט די וואַרשעווער געטאָ, איז איצט געוואָרן דער הויפּט־סימבאָל פון אַ ווערק, וואָס שילדערט דעם טראַגישסטן מאָמענט אין דעם לעבן פונעם יידישן פאָלק.

דזשאָן הוירסי איז אין 1945 געווען דער אויסלענדישער קאָרעספּאָנ־דענט פון דעם זשורנאַל „טאַים" און זיך געפונען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. באַלד נאָך דער באַפרייאונג פון פוילן, האָט די סאָוועטישע רעגירונג דורכ־געפירט אַ טור מיט די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן איבער די באַפרייטע לענדער צו אינספּעקטירן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די ערטער, וואו די דייטשן האָבן דורכגעפירט זייערע סיסטעמאַטישע אויסראָטונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג. הוירסי איז געווען צווישן די קאָרעספּאָנדענטן און האָט שוין דעמאָלט אָנגעזאַמלט אַ שלל מיט מאַטעריאַלן, וועלכע ער האָט אין משך פון עטלעכע יאָרן אויסגענוצט פאַר זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט. אָבער די מאַטעריאַלן זייַנען געוואַקסן און געוואַקסן און אויסגע־וואַקסן ביז אַזאַ גרויס, אַז זיי וואָלטן געווען גענוג פאַר אַ קאָלאָסאַלער פאַר־שונג־אַרבעט. אָבער הוירסי איז ניט נאָר אַ זעלטענער זאַמלער און פאַר־רעגיסטרירער פון פאַקטן, נאָר אויך אַ גרויסער קינסטלער, וואָס האָט באַלד דערפילט, אַז ער קאָן אין אַט די אַלע מאַטעריאַלן אַריינהויכן דעם אָטעם פון לעבן, רעסטאַוורירן אַלע פאַקטן אין אַ קינסטלערישער געשטאַלטונג, כדי זיי זאָלן אויפלעבן אין אַ קינסטלערישן ווערק. און ער האָט געפונען

זיין מעדיאום אין דעם יידן נח לעווינסאָן, וואָס ווערט ביי אים דער פּאַרציי־כענער פון די היסטאָרישע געשעענישן לדור־דורות.

אָט דער נח לעווינסאָן, אַ מיטגליד פון דעם „יודנראַט", אַ מחבר פון צוויי וויכטיקע ביכער, „דיאַספּאָראַ" און „מנהגים", אַרבעט אַרום די אַר־כיוון פון אָט דער אָרגאַניזאַציע. לעווינסאָן באַשליסט צו פאַרשרייבן אַלע איינצלהייטן פונעם יידישן לעבן אין דער געטאָ. אין משך פון דריי און האַלב יאָר, ביז דער פאַרניכטונג פון דער געטאָ, שרייבט ער אָן איבער פיר מיליאָן ווערטער און באַהאַלט זיינע מאַנוסקריפּטן אינאיינעם מיטן גאַנצן אַרכיוו, וואָס איז געווען אין זיינע הענט, אין דער ערד. נאָך דער באַפרייאונג פון דער שטאָט, ווערן די אַרכיוון אויסגעגראָבן פון אונטער די רואינען און זיי ווערן דער באַזיס פון דעם ווערק „די וואַנט."

לעווינסאָן שרייבט ניט קיין געשיכטע, און אפילו ניט קיין טאָג־בוך, אין דעם געוויינלעכע זין. ער שרייבט אויך ניט קיין רעפּאָרטאַזש, אָדער אַ וועלכע עס איז אַנדער כראָניק. דאָס זיינע באַזונדערע עפּיזאָדן, הונדער־טער עפּיזאָדן, וואָס ווערן דורך דזשאָן הוירסיס קינסטלערישער האַנט צו־זאַמענגעבונדן אין איין גרויסן ווערק, וואָס איז אי געשיכטע, אי טאָג־בוך, אי רעפּאָרטאַזש, אי געבונדענע כראָניק, וואָס דערציילט אַ מערקווירדיקע מעשה פון אַ צוויי צענדליק מענטשן און זייערע ראַנגלענישן אין די נעגל פונעם שונא, וואָס קעמפן, קומען אום און ראַטעווען זיך, כדי צו לעבן אין דער אייביקייט מיט זייער טאַט און זייער מאַרטירערשאַפט.

הוירסי האָט באַזוכט וואַרשע שוין נאָכן חורבן. פונעם יידישן לעבן דאָרטן זיינען פאַרבליבן בלויז בערג מיט אַש און שטיינער און ציגל. אָבער דער חורבן האָט אים דערציילט די שוידערלעכע מעשה פון גרויסן יידישן אומקום. פון אָט דעם פיזישן כאַאָס פּרוּווט דער מחבר ברענגען צום לעבן שטיקער פון דער ווירקלעכקייט. ניט קיין ייד און זיכער ניט קענענדיק אינטים־נאָענט די יידישע סביבה פונעם מזרח־אייראָפּייאישן יידנטום, איז אים פונדעסטוועגן, דאָ און דאָרט, דאָך געלונגען צו שאַפן אַ בילד פון יידישן שטייגער־לעבן, פון יידישע מנהגים און טראַדיציעס, פון יידישן אידעאַליזם און דעם אידייאישן קאַמף זייערן פאַר באַזונדערקייט און פאַר אייניקייט מיט דער וועלט, אין וועלכער זיי לעבן.

ווי אין זיינע פריערדיקע ווערק, האָט הוירסי אויך אין אָט דעם בוך אין רירנדיקע סיטואַציעס אַרויסגעהויבן דעם אייביקן דראַנג און כוח פונעם יידן צו לעבן און צו קעמפן. די יידן, וועלכע הוירסי זעט פאַר זיך, זיינען מענטשן, וואָס גראַד אין די אוממענטשלעכע באַדינגונגען ווייזן זיי אַרויס אַ פאַרשטאַרקטע וויטאַליטעט, אַ דראַנג צו היילן די טויטלעכע וואונדן און דורך איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג איבערצולאָזן וואָרצלען, וואָס זאָלן שפּעטער אויפגיין אין אַ באַנייטער בליאונג. ביי אים איז דער פּאָזי־טיוער העלד צווישן די אַלע יידן בלויז דער, וואָס איז אַ באַוואוסטזיניקער

טרעגער פון דער גרויסער אידייע פון דערלייזונג און גאולה. דערפאַר האָט אידייע פון קידוש השם נאָר דעמאָלט אַ זין, ווען זי איז אַ רעזולטאַט פון אַ העראָישער טאַט, וואָס דאַרף שפּעטער, ווי אַ קערנדל, אַריינגעוואָרפן ווערן אין דער ערד, אויפגיין נאָכאַמאָל און לעבן.

אָט די אידייע ווערט בולעט אַרויסגעבראַכט דורך עטלעכע צענטראַלע פיגורן. ערשטנס — דורך דעם הויפּט־העלד, נח לעווינסאָן. נאָכדעם דורך דאָלעק בערסאָן, רחל אַפּט, זילבערצווייג, ראַפּאָפּאָרט, סלאָנים, יצחק קאַץ און אַנדערע, וואָס אַלע אינאיינעם שטעלן זיי צונויף די אַזוי־גערופענע „פאַמיליע", וואָס לעבט, קעמפט אינאיינעם און ברענגט קרבנות פאַר דער איינציקייט, וואָס דאַרף אויסגעשמידט ווערן אין קאַמף קעגן שונא פון פאָלק. פון אָנהויב זיינען די פּאַרטייען געווען צעטיילט אויף די באַקאַנטע גרופּי־רונגען: בונד, פועלי־ציון, השומר הצעיר, דרור (וועגן דעם קאָמוניסטישן אַנטייל אין אויפשטאַנד רעדט דער מחבר ווייניק און כמעט אומעטום נעגאַטיוו, זיכער צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַר זיך געהאַט איינזייטיקע פאַקטן, וועגן וועלכע עס וועט אויסקומען צו רעדן שפּעטער).

די פאַרצייכענונגען פון נח לעווינסאָן האָבן זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1939, באַלד ווי די דייטשן האָבן איינגענומען וואַרשע. לעווינסאָן איז אַ מענטש מיט אַ שאַרפן קאָפּ און נאָך אַ שאַרפערן אויג פאַר די געשעענישן. ער פאַרשרייבט אַלץ עפּיזאָדיש, ער ווייס, וואָס עס איז וויכטיק און וואָס ער דאַרף דורכלאָזן. אָבער די הונדערטער עפּיזאָדן, ווען זיי ווערן צונויפ־געבונדן דורך הוירסין, שאַפן אַ גאַנץ בילד.

די ערשטע עטלעכע חדשים נאָכן פאַרנעמען די שטאָט, האָבן זיך די דייטשן געהאַלטן ביי אַ געוויסער „געזעצלעכקייט" און „אָרדענונג". די געזעצן פאַר די יידן זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ גרויזאַמער האַנט, אָבער יידן האָבן זיך צוגעפּאַסט. אַמאָל האָט אפילו שתדלנות געהאָלפן. מערסטנס האָבן זיך צוגעפּאַסט די רייכע. זייער געלט, זייער איינפלוס האָט נאָך אָנגעהאַלטן כל־זמן די דייטשן האָבן זיי געקענט אויסנוצן פאַר די אייגענע אינטערעסן. אפילו דער „יודנראַט", וואָס האָט איצט באַדאַרפט אויס־פילן די פליכטן פון דער געוועזענער קהילה, האָט זיך געקענט ווענדן צו דער מאַכט און אפילו אַרויסקריגן מינימאַלע „פאַרלייכטערונגען". אָבער, וואָס ווייטער האָט די מאַכט אַלצמער איינגעקלאַמערט דאָס יידישע לעבן אין אירע נעגל. זי האָט פאַרזייט אַ ביטערע שנאה מצד דעם ניט־ייד צום יידן. די פּוילישע באַפעלקערונג איז געוואָרן פיינטלעכער צו די יידן און אויפ־געהעצט צו פּאָגראָם־שטימונג. אָט די מחיצה האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט אין דער בויאונג פון דער וואַנט אַרום דער יידישער באַ־פעלקערונג און אין דער איינשטעלונג פון דער געטאָ. די וואַנט איז איצט געוואָרן דער סימבאָל ניט נאָר פון צעטיילונג, נאָר אויך פון פיינטלעכער דעגראַדירונג פאַר די יידישן מאַסן. יידן גופא האָבן גאַדאַרפט צושטעלן

די מאַטעריאַלן, מישן דעם צעמענט, לייגן די ציגל, און אפילו טאָן דאָס אונטער דער אָנפירונג פון יידן...

סיסטעמאַטיש האָבן די דייטשן עלימינירט דאָס ביסל „רעכט" און אָנ־פירערשאַפט פונעם „יודנראַט" ביז עס איז, לסוף, געוואָרן בלויז נאָך אַ געצייג אין זייערע הענט צו דערשטיקן אַלץ אין דער געטאָ. צוליב אַ זינד פון אַ יידישן בעקער ווערן אינמיטן דער נאַכט דורכגעפירט אויסשיסונגען פון אַלע בעקערס. צוליב אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן דער מאַכט ווערן אויסגע־שאָסן יידישע דרוקערס. רעכטלאָזיקייט, הונגער, שרעקלעכע עפּידעמיעס און טויט האָבן, ווי אַן אויפגעריסענע וואונד, געפּייניקט דעם יידישן גוף און נשמה. און אַט איז געקומען אויך די צייט פון דער אַזוי־גערופענער „סעלעקציע". די דייטשן האָבן, כלומרשט, באַשלאָסן צו ליקווידירן די געטאָ דורך איבערוואַנדערונג, דורך איבערשיקן יידן „צום מזרח" אויף „אַרבעט", אויף אַ „בעסער לעבן". מ'הייבט אָן מיט זעקס טויזנט אַ טאָג און נאָכדעם דערגרייכט די צאָל „סעלעקטירטע" ביז צו דרייצן טויזנט אַ טאָג. מ'זאַמלט יידן צו דעם „אומשלאַגפּלאַץ" וואו זיי ווערן געפּאַקט אין וואַגאָנען, און מ'פירט זיי אַוועק אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

די אויסגעמאַטערטע און אומזיכערע געטאָ־יידן גייען ווילִיק אין דער פּאַסטקע, וואָס דער שונא האָט פאַר זיי אָוועקגעשטעלט. אָבער דער אמת ווערט, סוף־כל־סוף, אויפגעדעקט דורך איינעם פון די העלדן, סלאַנים, וואָס גנבעט זיך אַרויס פון דער געטאָ און פאָלגט נאָך דעם מאַרשרוט פון די באַנען, וואָס פירן־אָפּ די „סעלעקטירטע" קרבנות צו זייער אומקום. יידן הייבן זיך אָן אויסצובאַהאַלטן. אָבער איצט מאַכן שוין די דייטשן אָבלאַוועס אויף גאַנצע גאַסן. פון דעם האַלבן מיליאָן יידן, וואָס האָבן זיך געשטיקט אין דער געטאָ, בלייבן שוין אין 1943 אַ וועלכע פערציק טויזנט פאַריאָגטע, אויסגעהונגערטע, אומגליקלעכע, וואָס קלאַמערן זיך אָן לעבן.

דזשאָן הוירסי פאַרצייכנט דורך נח לעווינסאָנען עטלעכע טראַגישע עפּיזאָדן, וואָס שטייען אויף אין בוך, ווי מייל־שטיינער, אויפן וועג פון דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע, וועלכע דער לייענער וועט לאַנג ניט פאַרגעסן: סאָקאָלטשיק, דער פאַרזיצער פונעם „יודנראַט" באַגייט זעלבסטמאָרד, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער „סעלעקציע"־גזירה. שפּונט, אַ קאָמיש יידל פון דער געטאָ, ווייזט אַרויס אַ העלדישקייט גראָד דורך זיין קאָמיזם. די דערנידע־ריקונג ווערט ביי אים דערהויבן ביז דער העכסטער מאָראַלישער הויך. מרדכי אפּט, וואָס איז פון אַ רייכן זינדל געוואָרן אַ מוליער און איז גע־צוואונגען צו בויען די וואַנט אַרום דער געטאָ, פאַרמאָגט נאָך דעם געזונטן יידישן הומאָר צו פילאָזאָפירן וועגן דער „וואַנט". דאָלעק בערסאָן רייסט זיך אַרויס פון דער וואַנט צו דער אַרישער זייט און זאַמלט, אויף אַ קאָנספּי־ראַטיוון אופן, דאָס ביסל געווער, וואָס מ'דאַרף פאַר דעם לעצטן קאַמף פון דער געטאָ. עס זיינען איינגעשטעלט קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירן, וואָס

זעען אויס ווי זיכערע באַהעלטענישן צווישן „פּריינטלעכע" פּאַליאַקן. אָבער יעדע באַהעלטעניש ווערט פאַר אים פאַרוואַנדלט אין אַ נעסט פון פאַרראַט, פון טויטלעכער געפאַר. ראַפּאָפּאָרט, דער סאָציאַליסט, קומט בעטן הילף ביי זיינע ניט־יידישע געגאָסן, און ער ווערט באַגעגנט מיט אויסער־לעכער גלייכגילטיקייט און באַהאַלטענער שנאה, ווי אַ פרעמדער, אַ פאַר־אורטיילטער... און אַזוי וואָלט מען געקענט איבערגעבן הונדערטער עפּיזאָדן, וואָס אילוסטרירן ניט נאָר די פיזישע וואַנט, נאָר אויך די סימ־באָלישע „וואַנט", וואָס דער פאַשיזם האָט אויפגעשטעלט צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק.

הוירסי ברענגט פאָרן לייענער אַ סך יידישע העלדן, אמתע קעמפער פאַר זייער פאָלק, אָבער ער פאַרמאַכט ניט די אויגן אויך אויף די קליינלעכע פאַררעטער, וואָס שטעלן זיך אין דינסט פון דער געסטאַפּאָ קעגן זייער אייגענעם פאָלק, כדי זיך אַרויסצוראַטעווען פונעם טויט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער טויט מיידט זיי אויך ניט אויס און זיי קומען אום מיט שאַנד, סיי דורך די דייטשן אַליין, סיי דורך דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס דערשיסט זיי אָן אַ משפּט. הוירסי שילדערט אויך מיט פאַראַכטונג די רייכע, די, וועמען די דייטשן האָבן אין סאַמע אָנהייב געגעבן ספּעציעלע פּריווי־לעגיעס, ווען זיי האָבן זיי געדאַרפט. אָט די רייכע האָבן זיך די ערשטע צייטן געקענט אויסקויפן מיט געלט. זיי האָבן אפילו זיך געקענט איינקויפן אָרישע דאָקומענטן, כדי צו ראַטעווען זייער ביסל לעבן. אין דער צייט פון דער טיפוס־עפּידעמיע קריגן זיי אַרויס אַנטיטאָקסינס, ווען די אָרימערע באַפעלקערונג איז געצוואונגען אויסצוגיין אין די איבערגעפאַקטע שפּיטאָלן, אויף די ברודיקע גאַסן פון דער געטאָ. און איינער, מאורוצי אפּט לאָזט איבער זיך אפילו דורכפירן אַן אָפּעראַציע אויף דער מילה, כדי ניט דער־קענט צו ווערן ווי אַ ייד, ווען ער אַנטלויפט אויף דער אַרישער זייט. אגב, לאָזט אָט דער ייד איבער זיינע אייגענע קינדער אין דער געטאָ צו אַלע געפאַרן...

נח לעווינסאָן, דורך וועמען הוירסי שילדערט דאָס לעבן פון דער געטאָ, אידעאַליזירט ניט די יידן סתם צוליב זיין אָנגעהעריקייט צו יידן. ער שיל־דערט געטריי דאָס גרויסע צוגלייך מיטן קליינלעכן. מאָמענטן פון גייס־טיקער דערהויבונג און מאָמענטן פון געפאַלנקייט.

צווישן די מעלות פון הוירסיס בוך, טרעטן אָבער אויך אַרויס עטלעכע וואָגיקע חסרונות: ערשטנס — דאָס שטענדיקע פאַרטושן דאָס קאָלעקטיווע פּנים פון די מאַסן. זיי זיינען ביי אים אין אַ טונקלקייט. אפילו ביים סאַמע אויפשטאַנד זעט איר פאַר די אויגן בלויז די צענטראַלע פיגורן. און צווייטנס — דער אָפּקלייב פון די העלדן. ווען זיינען זיי? דאָס זיינען אַלץ האַלבע און גאַנצע אינטעליגענטן, קינדער פון רייכערע עלטערן, מענטשן וואָס האָבן געקראָגן אַ בילדונג און אייניקע האָבן געענדיקט אוניווערסיטעטן אין

אויסלאַנד. נח לעווינסאָן איז אַ שרייבער, האָט געלערנט אין באָנער אוני־ווערסיטעט. רחל, מרדכי און האלינקא אפט — זיינען קינדער פון אַ רייכן צירונג־הענדלער. און אפילו די צוויי בונדיסטן, ראַפּאָפּאָרט און סלאָנים, זיינען אויך מענטשן „פונעם העכערן ראַנג", וואָס פאַרטרעטן די טעאָריע פון זייער אידייע און זייער ווייניק די פּראַקטיק, ווייל מיר זעען זיי ניט מיט זייער מאַסע, און שטענדיק — איבער דער מאַסע. די איבעריקע — דער דאָקטאָר, דער רב, דער אַנגעשטעלטער אינעם „יודנראַט" און די פאַמיליע מאַזור — זיי אַלע זיינען שוין אויך אַ העכערע קאַטעגאָריע. אפילו דער בעקער, מענקעס, איז אויך אַ טיפּישער קליינבירגער. און דער אַרבעטער, דער פאָלקס־מענטש איז כמעט ניטאָ.

די צוויי סאָציאַליסטן אינאיינעם מיטן כראָניקער הערן ניט אויף צו רעדן וועגן אַבסטראַקטן הומאַניזם. נח לעווינסאָן פאַראַדירט מיטן „הומאַניזם", מיטן מענטשלעכן „רעכט אויף זיין אייגן לעבן" אין סאַמע מיטן פונעם אויפשטאַנד, ווען דער שונא קוילעט אויס די מאַסן. דער אויפשטאַנד איז רעדוצירט צו די העלדישקייטן פון דער „פאַמיליע", און די מאַסן הינ־טער זיי פילט מען ניט. וועגן דעם אַנטייל פון די קאָמוניסטן ווערן דערמאָנט, פאַרבייגייענדיק, און אין אַ זייער נעגאַטיוון זין עטלעכע קאָמוניסטן.

עס איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס אַריינטרעטן אין קריג פון סאָוועטנ־פאַרבאַנד, וואָס איז בשכנות מיט פוילן און נאָכדעם — די זיגן פון סטאַ־לינגראַד, זאָל ניט שטאַרקן די האָפענונגען און ניט פאַרשטאַרקן דעם קאַמף צווישן אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, און אודאי און אודאי — צווישן קאָ־מוניסטן. נח לעווינסאָן גיט די קאָמוניסטן אָפּ, ביים סוף פון בוך, דריי שור־רות: „די קאָמוניסטן האָבן זיך לעצטנס באַוויזן צו זיין גאַנץ אַקטיוו צווישן אונדז. די נייעס וועגן די קאַמפן אין סטאַלינגראַד האָט זיי געגעבן אַ סך מוט. מ'מוז צוגעבן, אַמווייניקסטן, אַז זיי זיינען אומדערמידלעכע מענטשן". אָט דאָס איז אַלץ, וואָס הירסי זאָגט וועגן זיי אין אַ מאָנומענטאַל ווערק.

דער מחבר גיט־אָפּ אַ סך אָרט זיינע צענטראַלע העלדן, און ער שאַפט פון זיי גאַנצע, קלאָר־געמאָלענע פאָרטרעטן. יעדע פיגור ווייזט אונדז דער קינסטלער אין צענדליקער באַזונדערע סיטואַציעס און וואַרפט אויף זיי אַ סך ליכט, כדי קיין קלענסטע קלייניקייט פון זייער כאַראַקטער זאָל ניט פאַרלאָרן גיין. דאָלעק בערסאָן, איינער פון די אַקטיוווסטע מענטשן אין דער וואַרשעווער געטאָ, גייט דורך צענדליקער גילגולים, און דורך יעדער פאַר־וואַנדלונג וואַקסט זיין מהות אויס ביז הויכער מענטשלעכקייט. אַזוי איז אויך רחל אפט, דער ליבלינג פון דער „פאַמיליע", וואָס פון אַ ניט צו־שיינער, אָבער געבילדעט, רייך מיידל, ווערט זי אין דער געטאָ אַ מערקווירדיקע קעמפערין, וואָס איז ביי יעדער געלעגנהייט גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַרן כלל, צעשטראַלט זיך מיט אַ נייער שיינקייט, וואָס מאַכט זי פאַר אַ לעגענדע. אויך לעווינסאָן אַליין, וואָס זיין ראָל איז כמעט אַ פּאַסיווע,

אויך ער וואַקסט־אויס מיט די געשעענישן ביז גאָר אַ בוילעטער פּערזענ־לעכקייט פון אַ הויכער מאָראַלישקייט.

הוירסי מאָלט זיינע העלדן מיט אַ זיכערער האַנט. ער גיט זיי אַ סך געלעגנהייטן צו אַנטפּלעקן זייער גייסטיקן מהות. אויב ער האָט ערגעץ־וואו פּאַרזען זייערן אַ כאַראַקטער־שטריך, קענט איר זיין זיכער, אַז דער שריי־בער וועט זיך וועגן דעם דערמאָנען. און אַזוי פּאַסירט עס טאַקע. ביים סאַמע סוף פונעם בוך דערמאָנט ער זיך עפּעס וועגן אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, אַן אַנעקדאָט, אָדער אַ שטיקל סיטואַציע, וועגן דעם מענטשן און דאָס בילד איז פאַרענדיקט ביז דער קלענסטער קלייניקייט.

דאָס בוך לייענט זיך ניט צו־גרינג. עס איז אַ בוך פון הונדערטער עפּיזאָדן אויף אַ ריזיקן לייוונט. ביים לייענען דערשיינען די עפּיזאָדן ווי אָפּגעריסענע שטיקער, צעוואָרפענע אין אַן אומאָרדענונג, אָבער דער גוטער און אויפמערקזאַמער לייענער וועט גראָד הנאה האָבן פון אָט דער ניט־בהדרגהדיקייט, ווייל ער אַליין וועט ווערן דער מיטשאַפער מיט דעם מחבר, און ווי דער מחבר אַליין, וועט ער אַרומבלאָנדזשען אין די פאַרפּלאָנטערטע לאַבירינטן פון דער גרויסער שעפערישקייט און סוף־כל־סוף אַרויס אויפן ליכטיקן וועג פון קלאָרקייט און פולער באַנעמונג פונעם קינסטלערס וועג.

און לסוף: כאָטש הוירסי דער ניט־ייד האָט פאַר אונדז אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק וועגן דער געטאָ, פונדעסטוועגן בלייבט צו האָפן, אַז וועגן דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ זאָל דווקא געשריבן ווערן פון אַ גרויסן יידישן קינסטלער. ווייל ווי גרויס עס איז די מענטשלעכע סימפּאַטיע מצד הוירסין צו די יידן, פעלט דאָך אינעם ווערק די יידישע טראַגיק, דער יידישער פּאַטאָס און אין אַ סך פאַלן — אפילו דער יידישער אָטעם, וואָס זאָל באַהויכן און לעבעדיק מאַכן אַ ספּעציפישע יידישע סיטואַציע.

1950

ערנעסט העמינגוועי —
דער מענטש און דער קינסטלער

דער באַרימטער אַמעריקאַנער שרייבער ערנעסט העמינגוועי האָט הײַ־יאָר באַקומען די נאָבעל פּרעמיע פאַר ליטעראַטור. ער האָט נאָך פאַראַיאָרן געזאָלט קריגן אָט די פּרעמיע, ווען ס׳וואָלט זיך ניט אַרײַנגעמישט דער נאָמען פון סער ווינסטאָן טשוירטשיל, וועמען מ׳האָט, אין איילעניש, צוליב זײַן טיפער עלטער, געמוזט פריער צוטיילן די פּרעמיע. אויף אַזאַ אופן איז העמינגוועיס פּרעמירונג ניט געווען קיין צו־גרויסע איבעררעשונג. און כאָטש די פּרעמיע איז אים געגעבן געוואָרן פאַר זײַן לעצטן בוך „דער אַלטער מאַן און דער ים" („דהי אָלד מען ענד דהי סי"), וואָס האָט דאָ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויך געקראָגן דעם „פּוליצער פּרייז", דאַרף מען די גרעסערע קינסטלערישע דערגרייכונגען זוכן ניט אין דעם בוך, נאָר גראָד אין זײַנע פריערדיקע ווערק, וואָס האָבן אים, ווי אַ שרייבער, אַוועקגעשטעלט אין די ערשטע רייען פון דער אַמעריקאַנער און וועלט־ליטעראַטור, און וואָס האָבן אים, דעם מענטשן, דערהויבן ביז צו אַ לעגענדע.

ערנעסט העמינגוועי איז דער פינפטער אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס האָט געקראָגן די פּרעמיע. פאַר אים זײַנען פּרעמירט געוואָרן סינקלער לואיס, יודזשין אָ׳ניל, פּוירל באַק און וויליאַם פאָלקנער, און אָט די אַלע פינף האָבן טאַקע געהאָלפן, אַזוי צו זאָגן, „אַוועקצושטעלן די אַמעריקאַנער ליטעראַטור אויף דער מאַפּע". זיי זײַנען געוואָרן דער באַווייז, ווי אָט די יונגע ליטעראַטור, וואָס איר אויפשטייג האָט זיך גענומען מערקן ערשט מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די גרויסע און עלטערע ליטעראַטורן פון דער וועלט. אָבער אונדז אינטערעסירט איצט העמינגוועי, און ס׳איז כדאי אַ קוק צו טאָן אויף דער פאָליצע ביכער: „דריי דערציילונגען און צען לידער", „אין אונדזער צייט", „די שטורעמדיקע פרילינג־וואַסערן", „די זון גייט אויך אויף", „אַ זיי געזונט צום געווער", „די גרינע בערג פון אַפריקע", „די שנייען פון קילימאַנדזשאַראָ", „דער טויט אין אַ נאָכמיטאָג", „מענער אָן פרויען", „צו האָבן און ניט צו האָבן", „דער פינפטער קאָלום", „פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט", „איבער יענער זײַט טײַך און צווישן די ביימער" און „דער אַלטער מאַן און דער ים."

און איצט — אַ שנעל־לויף איבער זײַן ביאָגראַפיע.

ערנעסט העמינגוועי איז געבאָרן געוואָרן דעם 21טן יולי, 1898, אין

אָוק פּאַרק, לעבן שיקאַגאָ. זיין פאָטער איז געווען אַ דאָקטאָר, די מוטער — אַ זינגערין אין אַ קירך. דער פאָטער האָט געלערנט זיין יינגל כאַפּן פיש, ווען ער איז געווען קוים דריי יאָר אַלט, און צו שיסן חיות און פייגל, ווען ער איז געוואָרן צען. צו פערצן יאָר האָט זיך העמינגוועי אַריינגעוואָרפן אין דעם ספּאָרט פון פויסטן־קאַמף („באָקסינג”), אָבער כאָטש ער איז געווען אַ קרעפטיק בחורל, האָט ער זיך אין אָט דער „קונסט” ווייניק אויסגעצייכנט. דערפאַר איז ער אָבער געווען טעטיק אויף אַלע געביטן אין זיין מיטלשול: אין אָרעקסטער, אין די ספּאָרטן, אין רעדאַקטירן די שול־צייטונג. ער האָט זיך אין אַלע געביטן געוואָלט אויסצייכענען, אָבער ס'איז אים ניט גע־גאַנגען. אין אַ קאַלעדזש האָט ער ניט געוואָלט אַריינטרעטן און האָט, אין דער צווישן־צייט, באַוויזן צוויי מאָל צו אַנטלויפן פון דער היים. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פּרובירט העמינגוועי אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי, אָבער מ'האָט אים ניט אַריינגענומען. אַן אַנטוישטער, איז ער אַוועק קיין קענזאַס סיטי און איז דאָרטן געוואָרן אַ צייטונג־רע־פּאָרטער. אין 1918 האָט ער פאָרט באַוויזן אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי — אויף דעם איטאַליענישן פראָנט, אין אַן אַמבולאַנס יוניט פונעם רויטן קרייץ. דאָ ווערט ער שווער פאַרוואונדעט, און, שוין אַ פאַרוואונדעטער, ווייזט ער אַרויס גרויס העלדישקייט און קריגט אַן אויסצייכענונג פון דער פראַנצוי־זישער רעגירונג.

געקומען אַ צעקאַליעטשעטער נאָך דער מלחמה, באַזעצט ער זיך אין שיקאַגאָ, וואו ער באַקענט זיך מיטן אַמעריקאַנער נאָוועליסט שערוואוד אַנדערסאָן, וואָס העלפט אים אַריינצוקומען אין דעם קרייז פון שרייבער און קינסטלער און וואָס גיט אים, שפּעטער, אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו גערטרוד סטיין, די אַמעריקאַנער אולטראַ־מאָדערניסטישע שרייבערין, וואָס איז געווען די לערערין און וועגווייזערין פון די יונגע טאַלאַנטן אין די צוואַנציקער יאָרן, וועלכע פלעגן זיך אַרומדרייען אויפן פּאַריזער מאָנפאַרנאַס און קומען אין איר ליטעראַריש־קינסטלערישן סאַלאָן אָנצוזאַפּן זיך מיטן גייסט פון מאָדערניסטישער שפּעפערישקייט. ס'איז געווען די צייט פון אַנטוישונג, געפאַלנקייט, פון נאָך־מלחמהדיקער איבערשאַצונג פון ווערטן. אין אָט דער צעטומלעניש האָבן קינסטלער זיך גענומען דערוויטערן פון דער געזונטער אידייע אין זייערע ווערק און האָבן דעם הויפּט־טראָפּ גע־לייגט אויף דער פאָרעם און אפילו אויף אַלערליי דעקאַדענטישע מאַנע־ריזמען, אַבי צו באַפרידיקן די אייגענע פּוסטקייט אין דער אַרומיקער וועלט.

ווען העמינגוועי איז אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָט ער געאַרבעט ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ קאַנאַדער צייטונג. מ'דערציילט, אַז ער האָט אין יענער צייט אפילו ניט געטראַכט צו ווערן אַ שרייבער פון דער קינסטלע־רישער ליטעראַטור. ערשט ווען ער איז געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין גערטרוד סטיינס הויז און זיך דאָרטן געטראָפן מיט די, שוין צו יענער

צייט באַרימטע אַמעריקאַנער שרייבער, ווי פּיצדזשעראַלד, דאָס פּאַסאָס, עזרא פּאונד און מיט דעם ענגלישן שרייבער פאָרד מאַדאָקס פאָרד, וואָס האָט זיך מיט אים גאָר באַזונדערס פּאַראַינטערעסירט. האָט ער געוואָגט צו ברענגען זיינע ערשטע לידער און דערציילונגען פאַר זייער מבינות. גערטרוד סטיין איז געווען די, וואָס האָט אים געצוואונגען, ער זאָל אויפגעבן זיין ציַיטונג־אַרבעט און זיך אָפּגעבן אינגאַנצן מיט ליטעראַטור. איז שוין געווען נאַטירלעך, אַז דער יונגער העמינגוועי זאָל אין אָנהויב אַרונטערפאַלן אונטער דעם סטיל־איינפלוס פון זיינע וועגווייזער. זיין פּראָזע איז געווען אַ געמיש פון גערטרוד סטיינס אומקלאָרער שפּראַך־זוכעניש און פון שערוואוד אַנדערסאָנס ליריש־סענטימענטאַלן זאַץ־געבוי. ס׳האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און ער האָט געפונען זיין אייגענעם סטיל, אַ סטיל, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט מיט דער קלאָרקייט פון וואָרט, מיט דער עקזאַקטקייט פון דער שילדערונג און עמאָציאָנעלער קרעפטיקייט. ווען ער שילדערט עפּעס, דערוועקן זיך אין אים מיט איין מאָל אַלע חושים, און דערפאַר בלייבט ביים לייענער דער איינדרוק, אַז ניט נאָר זעט ער די אויסערלעכע פאָרמען פון דער נאַטור, אָדער דעם מענטשן, נאָר אַז ער קען דערפילן דעם ריח, דערהערן דעם קלאַנג און ממש אָנטאַפּן דעם רעאַלן אָנבליק פונעם גע־שילדערטן. אָט די אייגנשאַפט זיינע האָט מען שוין באַמערקט אין דער צווייטער זאַמלונג פון זיינע דערציילונגען, „אין אונדזער צייט״ („אין אור טיים״). אָבער אויף אַ ברייטערער אָנערקענונג האָט העמינגוועי געמוזט וואַרטן ביז עס איז דערשינען זיין ערשטע נאָוועלע „די זון גייט אויך אויף״ („דהי סאַן אָלסאָ רייזעס״, 1926).

אָט דאָס בוך האָט אים באַלד אַוועקגעשטעלט צווישן „די גרויסע״ פון זיין צייט. עס האָט אים געבראַכט, אי כבוד, אי געלט, אי אַ רייכן אָפּרוף מצד דער קריטיק, וואָס האָט ווי געוואַרט אויף אַזאַ אייגנאַרטיקן קינסטלער. אין אָט דעם בוך פיגורירט אַ גרופּע אַמעריקאַנער אינטעליגענטן, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט די גרוילן פון מלחמה, אָבער האָבן ניט באַנומען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זיי שטעלן אַ סך פראַגן און געפינען ניט אויף זיי קיין ענטפער. זייער וועלט איז פּוסט. זייער געמיט איז געפאַלן. זיי לעבן אָן האָפענונג און גלויבן. ניט האָבנדיק עפּעס וויכטיקעס צו טאָן, לאָזן זיי זיך אַוועק קיין שפּאַניע אָנצוקוקן דעם אָקסן־קאַמף. עס אַנטוויקלען זיך ליבעס, וואָס זיינען קיין ליבעס ניט, און טראַגעדיעס, וואָס זיינען קיין טראַגעדיעס ניט. דאָס גאַנצע בוך לאָזט איבער אַ ביטערן נאָך־טעם. עס בלייבט בלויז דער שטאַר־קער איינדרוק פון קינסטלערישער מייסטערשאַפט, מיט וועלכער דאָס בוך איז געשאַפן געוואָרן.

נאָך אַ גרעסערן אָנזען האָט העמינגוועי באַקומען, ווען ס׳איז דערשינען זיין צווייטע נאָוועלע „אַ זיי געזונט צום געווער״ („פערוועל טו אַרמס״, 1929). דאָ האָט העמינגוועי פּרובירט אויף אַ ברייטן פאַרנעם צו שילדערן

די גרוילן פון מלחמה, די אינערלעכע קאָנפליקטן צווישן מענטש און מענטש אין כאַאָס פון אַ בלוטיקן געראַנגל. דער הויפּט־העלד איז דאָ דער יונגער אַמעריקאַנער לייטענאַנט, וואָס ווערט שווער פאַרוואונדעט, און ליגנדיק אין שפּיטאָל, פאַרליבט ער זיך אין אַן ענגלישער נוירס. אָט דער ליבע האָט העמינגוועי געווידמעט די מער־געלונגענע זייטן פון זיין ראָמאַן. אָבער די ליבע ענדיקט זיך טראַגיש, ווי אַלץ, צו וואָס זיין קינסטלעריש־אומברח־מנותדיקע האַנט רירט זיך צו: דער העלד דעזערטירט מיט זיין געליבטער פון קריג, ער מאַכט זיין „סעפּאַראַטן שלום", די געליבטע שטאַרבט אין קימפּעט, און אַלץ אויף דער וועלט בלייבט האָפענונגסלאָז אומקלאָר, ווייל אויך אין אָט דעם ווערק איז ניט געוועזן קיין באַשטימטע, פירנדיקע אידייע, וואָס זאָל געבן אַ זין די מייסטערישע שילדערונגען.

נאָך די ערשטע גרויסע דערפאָלגן האָט זיך ביסלעכווייז גענומען באַ־ווייזן פאַר דער עפנטלעכקייט אויך העמינגוועי דער מענטש. מ׳האָט אים דערזען אין זיינע עקסטראַוואַגאַנטע הוליאַנקעס, אין זיינע אָפטע היראַטן, אין זיינע ליידנשאַפטן צו פיש־פאַנג, אין יאַגד, און וואַנדערונגען פון די שפּאַנישע אָקסן־קאַמפן צו דער פאַרוואָרפנסטער אַפריקע, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט „גרויס־יאַגד", ווי מ׳רופט עס אין אַמעריקע. פון די אָקסן־קאַמפן איז געקומען צו זיין ברייטער לייענערשאַפט דאָס בוך „דער טויט אין אַ נאָכמיטאָג" („דעטה אין דהי אַפטערנון") און פון זיינע אַפריקאַנישע דערפאַרונגען — „די גרינע בערג פון אַפריקע" („דהי גרין הילס אָוו אַפ־ריקאַ") און „די שנייען פון קילימאַנדזשאַראָ" („דהי סנאָוס אָוו קילימאַ־דזשאַראָ").

אינעם בוך „טויט אין אַ נאָכמיטאָג", וואָס שילדערט דעם ברוטאַלן ספּאָרט פון אָקסן־קאַמף מיט אַ מין ריטואַלער עקסטאַטישקייט, קומט דער מחבר צום אויספיר, אַז „הרגענען ריין (דאָס הייסט, „ספּאָרט־מעסיק") און אויף אַן אופן, וואָס זאָל דיר געבן אַן עסטעטישע הנאה און אַ שטאָלץ, איז אַלע מאָל איינס פון די גרעסטע פאַרגעניגנס פונעם גרעסטן טייל פון דער מענטשהייט". דערפאַר, ווען אַ פערד, געריטן פון אַ טאָרעאַדאָר, ווערט טויטלעך פאַרוואונדעט פון די הערנער פון אַן אויפגערייצטן אָקס און פון זיין אויפגעריסענעם בויך שלעפּן זיך נאָך די געדערים און דרייען זיך אַרום דעם געיאָגטן פערד, באַשרייבט עס העמינגוועי מיט ברוטאַלסטער נאַטור־ראַליסטישער הנאה. די זעלביקע בילדער רייצן־אויף זיין שרייבערישן אַפּעטיט די יאַגדן אין אַפריקע. דאָרטן האָט ער הנאה פון דעם ווי „קאָמיש" עס זעט אויס די טויטלעך־פאַרוואונדעטע חיה, ווי זי מאַטערט זיך אויפצו־שטיין פון דער ערשטער קויל, הייבט־זיך און קוליעט־זיך איבער, שלעפּנדיק נאָך זיך אירע געדערים, פּרובירנדיק זיי צו פאַרצערן. די ברוטאַלקייט פון דער מלחמה טראָגט העמינגוועי אַריבער אין לעבן בכלל. זיינע העלדן זיינען געוואָרן אַלערליי פערווערזע נאַטורן: שיכורים, גייסטיק־קראַנקע, פּראָס־

טיטוטקעס, צעקרימטע נשמות, ביי וועמען ס׳איז ניט געבליבן קיין סימן פון מענטשלעכקייט. זיין טעמע איז געוואָרן — פאַרברעכן און טויט, מאַסן־טויט, און יחידישער טויט. און שנאה. שנאה צווישן מענטש און מענטש, צווישן מאַן און פרוי. פונקט ווי ער האָט ליב צו שילדערן דעם אָקסן־קאַמף, אַזוי האָט ער ליב צו שילדערן געשלעג און מאָרד.

עס איז ניט שייך צו פרעגן: פאַרוואָס נעמט זיך העמינגוועי גראָד פאַר אַזעלכע טעמעס? אויף דעם וואָלטן די ווערק אַליין באַדאַרפט געבן אַן ענטפער. אָבער זיי גיבן ניט. דערפאַר מוז דער לייענער אַליין קומען צום אויספיר, אַז דער מחבר לאָזט זיי קעמפן און מאַטערן זיך, שיכורן און באַגיין אָפּשיילעכקייטן און אומווירדיקייטן, ווייל זיי האָבן ניט קיין אויסוועג פון דעם גרויליקן לעבן, אין וועלכן העמינגוועי פירט זיי באַוואוסטזיניק אַריין. עס איז ניטאָ קיין אַרויסגאַנג, און זיי מוזן דערפאַר אונטערגיין. אפילו אין דעם בוך „צו האָבן און ניט האָבן” („טו העוו ענד טו העוו נאָט”), וואָס די קריטיק האָט ביי זיין דערשיינען צום ערשטן מאָל געוואָלט דערזען העמינגוועיס קער צו דער סאָציאַלער טעמע, צום געראַנגל פונעם פשוטן מענטשן פאַר זיין רעכט און גליק. דער כלומרשט „פּאָזיטיווער” העלד איז אויך אַ פאַרברעכער און שטאַרבט פון דער קויל פון אַ מערדער און, אַ שטאַרבנדיקער, געפינט ער ניט קיין אַנדער וואָרט, ווי אויסמורמלען אַ קללה צום לעבן פאַר דער איינזאַמקייט פונעם מענטשן אויף דער וועלט.

דער בעסטער און אמתדיקסטער ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס העמינגוועי נעמט זיך פאַר אַזעלכע טעמעס און ברענגט זיינע ווערק צו אַזאַ האָפענונגלאָזן קלימאַקס, ליגט אין זיין אידייענלאָזיקייט. ער איז אַ שרייבער, וואָס האָט קיינמאָל ניט באַנומען דעם העכערן זין פון מענטשלעכן לעבן, ער איז קיינמאָל ניט צוגעשטאַנען, באַוואוסטזיניק, צו אַ וועלכער עס איז געזעלשאַפטלעכער שטימונג. ער האָט פאַר זיך געזען אַן עפּאָכע פון מוראדיקע סאָציאַלע קאַמפן און האָט זיי ניט באַנומען. ניין, ער איז פאַר זיי געשטאַנען אַ בלינדער און אַ טויבער. אפילו ווען ער האָט אַליין געקעמפט איןביידע מלחמות און זיך באַטייליקט אין שפּאַנישן קריג, אַ סך מאָל איינגעשטעלט זיין לעבן, האָט ער עס, מערסטנס, געטאָן, ווי אַן אַוואַנטוריסט, אַ זוכער פון שטאַרקע איבערלעבונגען און געפאַרן, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ געפערלעכער פיש־פאַנג, אָדער אַן אַפריקאַנישער יאַגד־אַרויספאָר.

אוודאי האָט העמינגוועי, קעמפנדיק אין די מלחמות, געהאַט זיינע אויסגעשפּראָכענע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס און אוודאי איז ער געווען אויפריכטיק אין זיינע קאַמפן און אין זיין איינשטעלן דאָס לעבן פאַר אַמעריקע, אָדער פאַר די לאָיאַליסטן. ער האָט אפילו אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט און פאַרגאָסן בלוט. אָבער דאָס האָבן דאָך אויך געטאָן מיליאָנען אַנדערע. פון אַ שרייבער מיט אַזאַ גרויסן טאַלאַנט מוז מען אָבער פאָדערן ניט נאָר דאָס שיינע וואָרט און קרעפטיקע שילדערונגען, נאָר אויך די גרויסע אידייע

הינטערן וואָרט, וואָס דאַרף די אידייע פאַרוואַנדלען אין דער גרויסער טאָט פאַר אַן אויסגעלייזטער מענטשהייט.

צווישן העמינגוועיס בעסטע מלחמה ראָמאַנען איז זיכער זיין גרעסט און געראָטנסט ווערק „פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט", וואו ער שילדערט דעם העראָאישן קאַמף אין שפּאַנישן בירגער־קריג. די העלדן פון דעם ראָ־מאַן זיינען ווי אויסגעהאַקטע פון שטיין. זיי וואַקסן־אויס אונטער דער קרעפּ־טיקער האַנט פונעם גרויסן מייסטער, ווי מאָנומענטן, און ווי העראָאישע מאָנומענטן וועלן זיי פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון יענע גרויסע קאַמפן. העמינגוועי ווערט אין אָט דעם קריג אַליין דערהויבן ביז צו דער מאָראַ־לישער הויך פון יענע פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר דער גרויסער אידייע פון פרייהייט קעגן פינצטערן שטראָם פון גוואַלד. מען לייענט עס אַרויס פון אַ סך זייטן פונעם בוך. ער קעמפט אינאיינעם מיטן פּשוטן מענטשן און ליידט מיט זיינע ליידן. און דאָרטן, וואו ער דער־פילט זיין גרויסע פליכט, און דאָרטן, וואו ער איז אויפריכטיק, דערהערט מען דאָס קול פונעם מענטשן, וועמען דאָס הומאַניטאַרע באַוועלטיקט מיט אַ גרויסער ליכטיקייט. אָבער אויך אין אָט דעם ראָמאַן לאָזט ער זיך אָפּט אַוועק אויפן וועג פון נאַטוראַליסטישע שילדערונגען, אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק אַ סך פון די בילדער און כאַראַקטערן, וואָס מ'באַגעגנט, אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט, אין זיינע פריערדיקע ווערק.

אָט דער ראָמאַן, ווען ער וואָלט געהאַט אונטער זיך אַ שטאַרקן אידיי־אישן אָנשפּאַר, וואָלט זיכער געקאָנט ווערן דער ראָמאַן פון אַן עפּאָכע. דורות וואָלטן אין אים געקאָנט זען די ערשטע קאַמפן פאַר דער גרעסערער אידייע פון מענטשלעכער באַפרייאונג, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם אומפאַרגעסלעכן שפּאַנישן בירגער־קריג. אַזוי ווי ער איז, מיט זיינע שטאַרקע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, איז עס נאָך איין מלחמה־ווערק פון דעם ספּעציפישן, העמינגוועיאישן כאַראַקטער, מיט זיינע מעלות און חסרונות.

דער גרעסטער חסרון דאָ, ווי אין די מערסטע ווערק זיינע, איז דער פאַטאַליזם, דער אומגלויבן אין מענטשן, אפילו ווען דער מענטש דערהייבט זיך פאַר זיינע אויגן ביז צו דער העכסטער מאָראַליטעט. פונקט ווי מיט יאָרן צוריק, אין דער נאָוועלע „אַ זיי געזונט צום געווער" זאָגט זיין העלד: „אויב די מענטשן ברענגען אַזוי פיל העלדישקייט צו דער וועלט, דאַרף די וועלט זיי הרגענען, כדי זיי צו צעברעכן, הרגעט זי זיי... זי הרגעט אַוועק די סאַמע בעסטע און די סאַמע בראַווסטע... דו קאָנסט זיין זיכער, אַז זי וועט דיך אויך דערהרגענען"... פונקט אַזוי טראַכט ביי אים אויך ראָבערט דזשאָרדאַן, אין „פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט": „זיי (די מענטשן) זיינען קעגן דיר. זיי זיינען קעגן יעדן איינעם. זיי זיינען אפילו קעגן זיך אַליין. ווען דו האָסט דריי אינאיינעם, וועלן זיך די צוויי פאַראייניקן קעגן

איינעם, און נאָכדעם וועלן די צוויי פאַרראַטן איינער דעם אַנדערן...״

דער בירגער־קריג אין שפּאַניע איז געווען איבערגעפּילט מיט יחידי־שער און געזעלשאַפטלעכער דראַמע. אין אים איז געווען אַזוי פיל דינאַ־מישקייט, אַז מ׳וואָלט געקאָנט שאַפן אַ סך גרויסע ראָמאַנען. פאַר העמינג־וועיען האָט זיך אָט דער קריג, אין אָנהויב, אויסגעדריקט אין דער שוואַכ־לעכער דראַמאַטישער פּיעסע „דער פינפטער קאָלום״, וואָס איז געשריבן געוואָרן נאָענט צו די געשעענישן, אָן דעם מינימאַלסטן פאַרשטייַן פון דעם סאַמע עצם פונעם קאַמף, און נאָר דאָס בוך „פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט״ האָט געקענט גוטמאַכן דעם דורכפאַל פון זיין פּיעסע.

די קריטיק האָט אין לויף פון יאָרן געפּרוווט געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס העמינגוועי וואַרפט זיך אַזוי גערן אין די גע־פאַרן פון מלחמות און פאַרוואָס ער זוכט אויס אַזעלכע ערטער און סיטואַציעס, וואָס זאָלן זיין לעבן אָוועקשטעלן פנים אל פנים מיט טויט און בלוט־פאַר־גיסונג. מ׳האָט געוויינלעך פּרובירט צו געפינען דעם ענטפער אין דעם פאַקט, וואָס ער איז אַ ראָמאַנטיקער און אַן אינדיווידואַליסט, און ס׳איז „נאַטירלעך״, אַז אַזאַ שרייבער זאָל אויסזוכן אין לעבן דאָס סאַמע עקזאָטישע, דאָס סאַמע דערווייטערטע פון לעבן פון זיין סביבה. צוליב זיין אינדיווי־דואַליסטישקייט, האָט ער זיך, ווי אַ שרייבער, ניט געקאָנט אַריינלעבן אין דער גרעסערער קאָלעקטיווער דראַמע פון אַ וועלט־מאַסשטאַב, און זיך אַליין געמוזט ראַטעווען אין עקזאָטיק, אָט ווי יעדער געמאַטערטער פון זיין געוויסן, ווי איינער וואָס זוכט זיך צו ראַטעווען אין אַ שיכרות, אין אַפּגרונט פון פאַרטויבונג און פאַרגעסונג, אָדער דורך אַ ברוטאַלער נקמה, אפילו, ווען זי דריקט זיך אויס דורך זיין וואָרט־טאַט. ס׳איז דאָ זיכער אַ מין נקמה און אַ ביטערניש ביי אַ שרייבער פון העמינגוועיאישן כאַראַקטער, ווען ער קאָן זיך וועגן ליבע אויסדריקן אַזוי („דהי טאָרענטס אָוו ספּרינג״):

„ליבע, אַ שמוץ־פלעק. ליבע — נאָך איין שמוציקער ליגן. ליבע זיינען ערגאָאַלע פילן, אַז איך זאָל ניט פאַרשווענגערן, ווייל דו האָסט ניט געוואָלט קיין קינד. ליבע — דער שמוציקער אַבאָרט־גרויל, צו וועלכן דו האָסט מיך געפירט. ליבע — דאָס איז מיין אינגעווייד, צערודערט און צעמישט. ס׳איז האַלב קאַרטערערס און האַלב — דושן. איך קען זי, די ליבע, זי הענגט זיך אַלע מאָל אויף הינטער דער באָד־צימער־טיר, זי שטינקט ווי לאַיסאָל. צום טייוול מיט ליבע.״

העמינגוועי, דער מענטש, אַנטלויפט שטענדיק ערגעץ ווייט. ער איז מער אין אויסלאַנד, ווי אין זיין היימלאַנד. די מאַסן פון זיין לאַנד קאָנען אים בלויז פון די ווערק און פון די סענסאַציאָנעלע בילדער, וואָס ווערן געדרוקט אין זשורנאַלן וועגן זיינע אַוואַנטורעס. ער טרעט ניט אויף אויף קיין פאַרזאַמ־לונגען. ער מישט זיך ווייניק אין די ענינים פון זיין לאַנד. זיין וואָרט האָט ער קיינמאָל ניט אָוועקגעלייגט אָפן אויף דער וואָגשאָל פון אַ גרויסער אידייע.

איצט לעבט ער אין קובע, לעבן האַוואַנע, אין זיין רייכער ווילע, וואָס איז זיין העלפאַנט־ביינערנער שלאָס, מיט זיין פערט ווייב. מיט עטלעכע און צוואַנ־ציק קעץ און אַ טוצן הינט, מיט אַן אייגענעם רייכן באַר פון שטאַרקע גע־טראַנקען, און פּרובירט זיך דערהאַלן פון צוויי עראָפּלאַן־קראַכן, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק איבערגעלעבט אין אַפריקע.

איינע פון די הויפּט־מעלות אין זיין שרייבערישער טעטיקייט איז זיכער דאָס, וואָס כאָטש ער זוכט אַלע מאָל דאָס עקזאָטישע אין לעבן, באַשרייבט ער קיין מאָל ניט קיין אויסגעטראַכטע, פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס האָבן ניט פּאַסירט, אָדער האָבן ניט געקאָנט פּאַסירן. פאַרקערט. ער שרייבט אַלע מאָל וועגן דערווירקלעכקייט און וועגן זאַכן וואָס ער ווייס, אין וועלכער ער אַליין האָט אַלע מאָל און אומעטום אָנטיילגענומען, — צי דאָס איז מלחמה, צי די ווייטע אַפריקע, צי אַ געפערלעכער ספּאָרט, צי אַ פאַרקרימטע ליבע, אָדער האַס. אַלע מאָל איז ער געטריי זיין שרייבערישן קרעדאָ, ווי ער האָט עס קלאָר אויסגעדריקט אין דעם בוך „טויט אין אַ נאָכמיטאָג״: „... די הויפּט־זאַך איז צו געדויערן און צו אַרבעטן און זען און לערנען און פאַרשטיין. און שרייבן וועגן זאַכן, וואָס דו ווייסט. און ניט פריער. און ניט צו־פאַרדאַמט שפּעטער... דעמאָלט וועט יעדער דעטאַל וואָס דו מאַכסט, רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע, אויב עס איז נאָר געמאַכט עכט. די הויפּט־זאַך איז צו אַרבעטן און צו לערנען עס צו מאַכן...״

און צו זיין שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער איז זיין גאַנץ לעבן גע־בליבן געטריי אויך זיין שרייבערישן מעטאָד. ער האָט טאַקע „מיט אַלע דעטאַלן״ באַשריבן, מערסטנס, די זאַכן, וועלכע ער האָט אַליין געזען מיט זיינע אויגן, אָדער וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט. און באַשריבן האָט ער עס מיט אַזאַ כוח, מיט אַזאַ לעבעדיקן נאַראַטיוו, מיט אַזוי פיל פּשטות און שיינקייט, וואָס איז שווער צו געפינען זייער גלייכן אין דער וועלט־ליטעראַטור, און אוודאי ניט — אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. די רייכע פּשטות פון זיין לשון לויכט אַרויס ממש פון אינווייניק מיט אַ באַזונדער ליכטיקייט און קלינגט־אָפּ מיט דער קלאָרקייט פון אַ גוטן מוזי־קאַלישן אינסטרומענט. דעם גוטן לייענער איז שווער זיך אָפּצוהאַלטן פון דעם נסיון נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערצולייענען די געראָטענע שטעלעס, ווי אַ ליבהאָבער פון גוטער מוזיק וועט זיך גערן אומקערן צום טיפן גענוס פון אַ טיף־רירנדיקער מעלאָדיע. אַ סך פון זיינע דערציילונגען זיינען, אין אַ געוויסן זין, טאַקע שטאַרק ענלעך צו מוזיקאַלישע קאָמפּאָזי־ציעס. אין זיי קאָנט איר געפינען, ווי אין אַ סימפאָניע, די פאָרטאַ־אַלעגרע־טאָס, די לאַרגאָ־אַדאַזשיאָס און איר קאָנט פאַרכישופט ווערן פון די קלאָר־דורכזיכטיקע פּאַסטאָראַלן. דער ענגלישער שרייבער פאָרד מאַדאָקס פאָרד זאָגט וועגן זיין סטיל: „...העמינגוועיס ווערטער איבערראַשן דיך, — יעדעס וואָרט, ווי זיי וואָלטן געווען קליינע קאָלירטע שטיינדלעך, אַרויסגע־

נומען פריש פונעם דעק פון אַ קלאָרן טייכל. זיי לעבן און שיינען, יעדער אויף זיין אָרט, אַזוי, אַז אַלע זייטלעך פאַרמאָגן דעם עפעקט פונעם גרונט פון אַט דעם קלאָרן טייכל, אין וועלכן דו קוקסט אַריין דורך דעם לויפנדיקן וואַסער. די ווערטער זיינע פאָרמירן קוואַדראַט־אויזאָרן, אין פּערפעקטער אָרדענונג, איינס לעבן דעם אַנדערן.״

אין דער טעלעגראַמע, וואָס העמינגוועי האָט געקראָגן פון דער נאָבעל־פּרייז־קאָמיסיע, ווערט, צווישן אַנדערן, געזאָגט, אַז די פּרעמיע ווערט אים געגעבן „פאַר זיין קרעפטיקער, סטיל־פאָרמירנדיקער מייסטערשאַפט פון זיין נאַראַטיוו אין ,דער אַלטער מאַן און דער ים׳.״ אָבער ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, איז אָט דאָס בוך, — אגב, אַ היפשלעך אויסגעצויגענע דערציילונג, — ניט פון זיינע סאַמע בעסטע. דאָס בוך האָט זיכער אַרויסגערופן דעם דער־פאָלג אַדאַנק אַ פריערדיקן גרויסן דורכפאַל, וואָס דער שרייבער האָט געהאַט מיטן בוך „פון יענער זייט טייך און צווישן די ביימער״, אין וועלכן העמינג־וועי האָט זיך היפשלעך געפּלאָנטערט און זיך פאַרפּלאָנטערט אין ריין־אינ־דיווידואַליסטישער, קליינבירגערלעכער און גאָרניט מיינענדיקער גייסטיקער אַקראָבאַטיק. אַוועקגעשטעלט קעגן אַזאַ ווערק, איז שוין „דער אַלטער מאַן און דער ים״ געוואָרן אַ מייסטער־ווערק. אמת, דאָ האָט מען געקאָנט נאָכאַמאָל דערפילן די קרעפטיקייט פון דעם פריערדיקן גרויסן שרייבער, אויף זיין גרויסער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען. דאָ האָט ער אויסגעמאָלן אַן אומפאַרגעסלעך בילד פון אַ מענטשן אין זיין גורלדיקן געראַנגל מיט דער אומברחמנותדיקער נאַטור, און איז אַרויס דער זיגער, כאָטש דער זיג, ווי אַלץ ביי אָט דעם שרייבער, לאָזט איבער אין דעם לייענער אַ געפיל פון גע־פאַלנקייט פאַר דעם האָפענונגסלאָזן גורל פון דעם מענטשן אויף דער וועלט. איידער דער העלד קומט אַרויס דער זיגער, איז ער שוין אַליין אַ באַזיגטער פון אַ כוח, וואָס איז אויסער זיין ווילן. דער אַלטער פישער, וואָס קעמפט ביזן לעצטן טראָפּן פון זיין לעבן צו געווינען זיין ביסל „מזל״, וועלכן ער האָט פאַר־לאָרן אין זיין פיש־פאַנג. ער געווינט טאַקע זיין „מזל״, דורך פאַנגען דעם גרויסן פיש, אָבער ער ברענגט צום ברעג בלויז די ביינער זיינע. דער גע־ווינס איז אַזוי אַרום אַן אילוזיע, ווי זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַן אילוזיע, און זיין העלד בלייבט ליגן מאַכטלאָז פאַרן פּנים פון הימל און ערד, און דאָס וואַ־כעדיקע אויג פונעם טויט וואַרט שוין רואיק אויף זיין סוף.

אַזאַ איז ערנעסט העמינגוועי, דער קינסטלער, און אַזאַ איז העמינגוועי, דער מענטש. אַ שרייבער אַן אַ ברייטערער וויזיע און אַ מענטש אַן אַ גרע־סערער אידייע.

1954

„ליטעראַרישע זאַמלונגען"

(דריטער באַנד, שיין געבונדן, 1946, 348 זייטן)

דאָס דריטע בוך „ליטעראַרישע זאַמלונגען" איז אַרויסגעגעבן דורך די צוויי שיקאַגער ענערגישע קאָלעגן מ. גיציס און מאַטעס דייטש, וועלכע האַלטן נאָך אויף די צעשאָקלטע ליטעראַרישע געביידע פון דעם יידישן מיטל-מערב.

די מערסטע אָנטיילנעמען אין די „זאַמלונגען" זיינען גראָד ניט קיין שיקאַגער. די איינגעלאַדענע „געסט" קומען פון אַנדערע נאָענטע און ווייטערע ליטעראַרישע סביבות. דאָ איז ב. אַלקוויט, דאָראַ טייטלבוים און נחמן מייזיל פון ניו-יאָרק; יצחק בערלינער און יעקב גלאַנץ פון מעקסיקע; שלום שטערן פון קאַנאַדע; איציק מאַנגער פון לאָנדאָן, ענגלאַנד. און נאָך פיר פון (אָדער אַרום) שיקאַגע. אויך אין די פריערדיקע „זאַמלונגען" האָבן געסט-שרייבער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט. אָבער ווי ברייט די גאַסט-פריינטלעכקייט איז — האַלטן איין די „זאַמלונגען" זייער אייגענעם פנים, כאָטש ניט צו-בוילעט אויסגעשפּראָכן, דורך אַ געוויסער קוואַליטעט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער גרופּע.

מיט יאָרן צוריק איז ביי אונדז שיער ניט געווען קיין „אינטערנאַציאָנאַלער" שטרייט פאַר העגעמאָניע אין דער יידישער ליטעראַטור. „וואַרשע", „מאָסקווע" און „ניו-יאָרק" האָבן זיך געריסן צום ליטעראַרישן אויבנאָן. ס'איז אפילו געווען אַ טענדענץ אויסצוטיילן אויך צווייטע ערטער, ווי: ווילנע, כאַרקאָוו, שיקאַגע. מיר דוכט, אַז עס זיינען אפילו געווען דריטע ערטער, ווי: לאָדזש, מינסק און לאָס אַנדזשעלעס... יענע צייט איז אָבער פאָריבער. די היסטאָרישע פאַסירונגען פון דער פאַרגאַנגענער דעקאַדע האָבן אָפּגעווישט אַ סך געאָגראַפישע גרענעצן און האָבן אוודאי אָפּגעווישט ביי אונדז אַלע — אמתע און צוגעטראַכטע — גרענעצן צווישן העגעמאָניעס, ריכטונגען און שולעס אין אונדזער שרייבערישער וועלט. און... עס בענקט זיך שטאַרק נאָך די אַמאָליקע „שטרייטיקייטן" צווישן ריכטונג און ריכטונג, „שולע" און „שולע" פאַר באַזונדערקייט און נאָך דער „אַנדערשקייט", וואָס געוויסע „געאָגראַפישע" צענטערן פלעגן אַריינטראָגן אין דעם אוצר פון אונדזער ליטעראַטור.

אָבער צוריק צו „ליטעראַרישע זאַמלונגען.״

דער באַנד עפנט זיך מיט דריי קורצע לידער־ציקלען פון דעם דיכטער איציק מאַנגער: „דער אַלטער אַנאַקרעאָן״, „ביבלישע מאָטיוון״ און „דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער זינגט״. אַ בינטל כאַראַקטעריסטישע מאַנגער־לידער, אויף וועלכע אפילו די גרויסע שטורעמס פון די ערשט־איבערגע־לעבטע יאָרן האָבן ניט אַרויפגעלייגט קיין צו טיפן צייכן. איבערגעפילט מיט זינגעוודיקן פאָלקס־מאָטיוו, אויסגעפוצט אין אַ לייכטן, דינעם פאָלקס־אידיאָם און באַהויכט מיט דער איינגעהאַלטענער סובטילער טראַגיק, זיינען אָט די לידער ווי אַרויסגעריסענע בלעטלעך פון די שוין־באַקאַנטע לידער־זאַמלונגען פון אָט דעם דיכטער. ס׳מאַכט ניט אויס צי מיר ווייסן, צי מיר ווייסן ניט פון דער פערזענלעכער טראַגעדיע אינעם דיכטערס לעבן. ער שפרייזט סיי־ווי־סיי אַריבער אַלע גרענעצן און קומט צו זיין אייגענעם דיכטערישן געצעלט, און בלייבט דער זעלביקער איציק מאַנגער.

מאַטעס דייטש קומט (דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל) מיט אַ היפּשער צאָל וויטמאַן־לידער, אַ טייל פון אַ גאַנצן בוך, וואָס דער דיכטער האָט איבער־געזעצט פון אָט דעם גרויסן אַמעריקאַנער דיכטער. וואָלט וויטמאַן איז איינער פון יענע אויסדערוויילטע דיכטער אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס קענען איבערגעזעצט ווערן צופרידנשטעלנדיק נאָר פון אַזעלכע דיכ־טער, פאַר וועלכע זיין שעפערישע פערזענלעכקייט איז זיי אַמנאָענטסטן, וואָס באַנעמען זיין אידייאישן מהות און וואָס זיינע אידעאַלן זיינען אין אַ גרויסער מאָס, אויך זייערע אידעאַלן. דעריבער קומט־אויס צו קוקן אויף יעדער וויטמאַן־איבערזעצונג פון אָט דעם אַספעקט און, צוליב דעם, מיט דער פראַגע: מיט וויפל פיעטעט איז דער דיכטער צוגעטראָטן צו דער איבערזעצונג? מאַטעס דייטש, דוכט מיר, איז גראָד אַמווייניקסטן — לויט די פאָרמען, וואָס באַהערשן זיין ליד, און לויט דעם אידעאָלאָגישן איינשטעל — דער פאַסיקער דיכטער פאַר אַזאַ איבערזעצונג. ס׳איז אמת, אַז ביי אַ פאָרזיכטיקן פאַרגלייך פון די טעקסטן, דערגרייכט נאָך ניט די שפּראַך צו יענער וואַרעמקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט וויטמאַנס אָריגינאַל. ס׳פילט זיך אַ געוויסע איינגעשרומפּנקייט אינעם ברייטן וויטמאַנישן שוואונג, אַ טיילווייזע אויסלעשונג פון דעם דיכטערס זינגעוודיקייט. אָבער מ׳דאַרף שטענדיק האָבן אין זינען, אַז אין דער סאַמע בעסטער איבערזעצונג מוז עפּעס געמינערט ווערן פונעם אָריגינאַל. ס׳מוזן אַמאָל אַוועק אין ביוועץ די פרעכטיקסטע ניואַנסן.

אָבער שוין אפילו פון די ערשטע מוסטערן פון מ. דייטשס איבערזעצונג איז פאַראַן גענוג גרונט צו דערוואַרטן, אַז דאָס גאַנצע בוך, וואָס וועט מסתמא באַלד דערשיינען, וועט זיין אַ געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור, און זאָלן דעם איבערזעצערס הענט געשטאַרקט ווערן.

נחמן מייזילס אָפּהאַנדלונג „ווען דאָס יידישע פּוילן האָט געלעבט און געשאַפן“, איז אַ גליענדיקער הספד אויף אַ לאַנגער תקופה פון גרויסער יידישער שעפערישקייט און קאַלירפולער יידישקייט אין פּוילן. דער שרייבער, וואָס האָט אַליין געלעבט און געווירקט אין דער ליטעראַרישער און קולטורעלער סביבה פונעם יידישן פּוילן, שילדערט מיט די וואַרעמסטע פאַרבן דאָס יידישע לעבן, וואָס איז באַקרוינט געוואָרן מיט גרויסער שעפערישקייט אין דעם לאַנד, וואָס איז איצט געוואָרן אַ ברודער־קבר פון איבער דריי מיליאָן יידן.

נחמן מייזיל, וואָס איז צוליב זיין טעטיקייט געווען אין סאַמע צענטער פון יידיש־פּוילישן לעבן אין משך פון אַ גאַנצן דור, דערצו נאָך אַזאַ דור, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די באַנייטע שעפערישקייט פון אַ רענעסאַנס־תקופה אין יידישן לעבן, שילדערט אַ לעבן, וואָס איז געווען פאַרשיידנאַרטיק אין פאָרם און יידיש־גאַנץ אין אינהאַלט. פאַר די אויגן פונעם לייענער וויקלט דער שרייבער פאַנאַנדער אַ קאַלירריך בילד פון אַ לעבן, וואָס איז רייך געווען מיט אַן אידעאַליסטישער יוגנט, מיט רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, מיט גרויסער שעפערישער אָנשטרענגונג, מיט מסירת־נפשדיקייט פאַר אַן אידייע, — אַ לעבן, וואָס וועט פאַרבלייבן אין דער יידישער געשיכטע ווי אַ נר־תמיד פאַר אַ סך שפּעטערדיקע דורות. איינאיינעם מיטן שרייבער בלייבן מיר שטיין מיט יראת־הכבוד און גרויסער געפּייניקטקייט פאַרן מוראדיקן פאַרלוסט וואָס מיר האָבן געליטן. אָבער מייזיל איז ניט נאָר אַ באַוויינער. ער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט אַ טיפן גלויבן אין דער שעפערישקייט פונעם יידישן גייסט און רופט דעם אויפגעשוידערטן לייענער צו בויאונג, צו נייער און באַנייטער אויפלעבונג. אַזוי אַרום איז מייזילס אַרבעט אין די „זאַמלונגען“ אי אַ קלעמיקע קלאָג־ליד נאָך אונדזער בראָך, אי אַ גליענדיקער רוף צום לעבן.

שלמה שוואַרצעס פּאָעמע, „אַ פליג איז געקומען אויף מיין פענצטער שטאַרבן“, איז אַ לידער־קראַנץ פון דער טראַגיק פון אונדזער לעבן. אָבער, ווי אין אַלע לידער פון אָט דעם דיכטער, איז שווער צו געפינען אַ וועלכע עס איז קלאָרקייט פון אויסדרוק, אָדער צונויפצובינדן די אָפּגעזונדערטע שורות, וואָס זאָגן עדות אויף אַ דראַנג צו נייע אויסדרוק־פאָרמען, בלייבן שטענדיק די שורות באַזונדער, צעשאָטן, און צווישן זיי בלייבט אַלע מאָל הענגען אַ נעפּל פון עפּעס אַן אַנונג, ווי דער דיכטער אַליין וואָלט געשטאַנען וויט אַהינטער דעם נעפּל און פון אים וואָלטן זיך געטראָגן בלויז אָפּגעריסענע קלאַנגען, וואָס רייסן זיך צום אויסדרוק, און בלייבן דאָך ניט־אַנט־פּלעקטע, ניט־אויפגעלויכטענע, ניט־אויסגעלייזטע פון זייער פאַרנעפּלטקייט.

די סעריע לידער פונעם מעקסיקאַנער דיכטער יצחק בערלינער, וואָס קומט באַלד נאָך שלמה שוואַרצן, זיינען שויך, פאַרקערט, לידער פון אַ דיכטער, וואָס האַלט זיך שטאַרק אָן די קלאַסישסטע פאָרמען פון ווערזיפיקאַציע

און אָן די געוויינלעכסטע אויסדרוק־מיטלען. און ווי פשוט ס'איז די פאָרם, איז נאָך געוויינלעכער זיין טעמע, די טעמע פון יעדן מענטשן, פון יעדן יידן, אין דער היינטיקער צייט. ער וואַרפט, ווי איעדער פון אונדז, אין פּנים פון שונא זיין פלאַמיקן: „איר וועט צאָלן!" און „איך בין ניט מוחל!" און האַלט שטאָלץ זיין קאָפּ אין „איך בין אַ ייד". אָבער דאָס אַלץ איז אויס־געדריקט אין אַזאַ געמיטלעכקייט, וואָס גייט ניט אַריבער קיין שום גרענעצן און לאָזט דעם לייענער זיך ניט אויפהייבן איבער זיין אייגענער אומרואיקייט, וואָס זוכט דורכן דיכטער אויסצולעבן און אויפלייזן זיין דראַנג צו אויסדרוק.

דער דיכטער און דערציילער ב. אַלקוויט איז פאַרטראָטן אין די „זאַמ־לונגען" מיט אַ זאַך, וואָס איז שווער סיי צו קלאַסיפיצירן, סיי צו קוואַלי־פיצירן. די זאַך איז אָנגעשריבן אין אַ דערציילערישער פאָרם און זי רופט זיך „מאָטיוון פון אַמאָל אין ניו־יאָרק". דאָ געפינט איר אַ סך געזונטע דערציילערישע עלעמענטן, און דאָך איז עס ניט קיין דערציילונג, אינעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט. דאָ געפינט איר אַ סך עלעמענטן פונעם לייכטן ליטעראַרישן פעליעטאָן, און דאָך איז עס ניט קיין פעליעטאָן. ס'זיינען אויך דאָ אין איילעניש אויפגעכאַפּטע שטריכן פון אַ פאַרצייכענונג, און דאָך איז עס ניט קיין פאַרצייכענונג. די אַלע עלעמענטן האָט אַלקוויט אָבער אַזוי געראָטן צוזאַמענגעוועבט, אַז אַלץ אינאיינעם באַקומט זיך אַ פיינער עקספּערימענט צו פאַראייניקן כאַראַקטער־שילדערונג, ניט דורך האַנדלונג, ניט דורך אויסלעבונג, נאָר דורך אינטעלעקטועלער אָפּשפּיגלונג פון גע־זעלשאַפטלעכער אויפרודערונג אין דעם געמיט פון דער יידישער אינטע־ליגענציע אין דער היינטיקער צייט. און גראָד אָט דאָס אַוועקגיין פון אַ וועלכער עס איז קאָנווענציאָנעלער פאָרם גיט אַלקוויטן אַ געלעגנהייט אַ שפּיל צו טאָן זיך מיט דעם רייכן קאָלאָריט פון דער יידישער שפּראַך־סימ־באָליק, וואָס רעדט ווייניק און זאָגט אַ סך און אַנטפּלעקט לעבן.

דאָרע טייטלבוימס עטלעכע לידער אין דער זאַמלונג זיינען כאַראַק־טעריסטיש, ווי אַלע מאָל, מיט איר אומרואיקער אימפּעטיקייט, וואָס רייסט זיך צו אויסדרוק און אַנטפּלעקונג, ווי צו אַ רעטונג. עפּעס אַזוי ווי דאָס לעבן וואָלט געהאַלטן די דיכטערין אין צאַמען, ביים סאַמע ברעג פון די געפאַרן, און זי וואָלט זיך באַדאַרפט פון אָט די צאַמען אַרויסרייסן צו ליכט, צו פרייהייט, צו אָפענע ווייטקייטן, צו דערלייזונג. איר פּען איז שטענדיק „הונגעריק" צו שיקן איר רוף פון איר געפאַנגנקייט, צו „שיקן מיין ליד, ווי אַ סיגנאַל פון אַ זינקענדיקער שיף, פאַרחתמעט אין אַ פלאַש, אפשר וועט זי ערגעץ־וואו אַ ברעג אַ ליכטיקן דערזען". אין די געציילטע עטלעכע לידער געלינגט איר מיט קאַלידאָסקאָפּישער איילקייט איבערצולויפן פון מענטשן צו דער נאַטור, איבער די שפּיצן פון דער יידישער געשיכטע, איבער דער העלדישער מאַרטירערשאַפט פון פאָלק, און דערגרייכן די ווייטסטע האָריזאָנטן און קומען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל צו זיך, צו דער

אייגענער יחידישקייט, פון וועלכער זי זאָל קענען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אויסשרייען איר „רוף."

שלום שטערנס לידערליידן פון לירישער איבערפּליסיקייט, פון פּיל־ווערטערדיקייט, פון איבערחזרונגען, פון איבערזינגונג. זיין ליריזם גיסט זיך אַריבער אַלע ברעגן און צעגיסט זיך אין טייכלעך פון מאָנאָטאָנע פּראָזאַיזמען. אין די עטלעכע לידער אין די „זאַמלונגען" ציט ער זיין ליד פון די לירישע קוואַלן, וואָס דער תהילים האָט דורכגעגראָבן אינעם פאָלק; און דער דיכטער פאַלט־צו צו אָט די קוואַלן מיט אַ מאַזאָכיסטישער עקסטאַטישקייט, פאַלט אַריין אין אַ טראַנס, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מעדיאום, פאַרלירנדיק זיין אינדיווידואַליטעט און ווערט פאַרלאָרן אין דעם גרויזאַמען איבערפלוס פון פאַקטועלקייט.

אַן אינטערעסאַנטן שנעל־לויף איבער דער יידישער פּאָעזיע צווישן די צוויי מלחמות („דאָס יידישע ליד צווישן צוויי מלחמות") מאַכט דער באַאַקנטער יידישער דיכטער פון מעקסיקע, יעקב גלאַנץ. זיין כוונה איז אַרויסצובריינגען דעם אידייאישן פּנים פון דער יידישער פּאָעזיע אין דעם צייטאָפּשניט, וואָס איז אַזוי פול מיט טיפער און שטורעמדיקער פאָלקס־איבערלעבונג. אויף דער קאַנווע פון די היסטאָרישע איבערלעבונגען פון אַ גאַנצן דור יידישע דיכטער וועבט ער אויס די וויכטיקסטע אוזאַרן פון יידישן שעפערישן באַוואוסטזיין. ניט אַלע קוואַלן, פון וועלכע ער שעפּט די פאַרבן פאַר זיין בילד, זיינען קלאָר־פאַרביק. ניט אַלע דיכטער און ניט אַלע ציטאַטן פון זייערע שאַפונגען פּאַסן זיך לייכט אַריין אין דער קאָנצעפּציע פון גלאַנצס אידייע. לויט זיין מעטאָד וואָלט מען ביי יעדן פון די הונדערטער דיכטער געקענט געפינען צופעליקע מאָטיוון, וואָס וואָלטן זיך געקענט אַריינפּאַסן אין דער סכעמע, אפילו ביי די „קונסט־לשם־קונסטניקעס", ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ סך פון אָט די דיכטער זיינען גראָד אין דער צייט פון מלחמות און רעוואָלוציעס געווען היפּשלעך אַריינגעטאָן אין „איכיקייט", פאָרמאַליזם און פּאָעטישן מאַנעריזם. דער טויבסטער פון אונדזערע פּאָעטן איז ניט געבליבן, האָט ניט געקענט בלייבן טויב צו אַזאַ טראַגעדיע, ווי ס'איז געווען אונדזער לעבן. אָבער דאָס וואָס זיי האָבן זיך פון צייט צו צייט, און אויף אַ וויילע, דאָך אויפגעכאַפּט פון זייער פּאָעטישן הינערפּלעט, גיט זיי נאָך ניט קיין רעכט צו פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די דיכטער, וואָס „זייער ליד איז אויך זייער טאַט". אין אַלעגעמיין אָבער איז גלאַנצס צוגאַנג אַ קאָרעקטער און דער אידייאישער איינשטעל — אַ ריכטיקער. אַ ביסל מער ספּעציפישקייט, אַ מער־פּרעציזער אָפּקלייב און אַן אָפּזאָג פון אָנצורופן אַן איבעריקן מאָל פּאָפּולערע נעמען אין דער יידישער דיכטונג, צי זיי פּאַסן זיך צום רומל, צי ניט, וואָלט די זאַך גאַנצער געמאַכט.

זעליג העלער האָט אין דעם זאַמלבוך אַ טייל פון אַ גאַנצער סעריע סאָנעטן־אָדעס, געשריבן אין העראָאישע העקזאַמעטערן וועגן אוניווערסאַל־

גרויסע פּערזענלעכקייטן אינעם שעפערישן לעבן. דאָ געפינען מיר אַ פּאָעמע אין דריי סאָנעטן וועגן (אָדער צו) דריי דיכטער: היינריך היינע, וואָלט וויטמאַן און י. ל. פּרץ. ס׳איז ניט שייך אָפּצופרעגן עפּעס פון אַן אָדע־געזאַנג, ווי ס׳איז אוודאי ניט שייך אָפּצופרעגן עפּעס פון דער אייגענער גרויסער פאַרערונג פאַר אָט די וועלט־מייסטערס. אָבער אָט די סאָנעטן זיינען פּאַרט, טיילנווייז, צו דיפיראַמביש. פונדעסטוועגן מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז זעליג העלער האָט זיך אין די לידער אַרויסגעהויבן פון דער ענג־קייט פון זיין אַמאָליקן ליד צו אַ גרעסערער ברייטקייט. און דאָס איז ווערט באַגריסט צו ווערן.

דער דיכטער אַלטער עסעלין איז אינעם זאַמלבוך פּאָרטראַטן מיט אַ צאָל לידער, וואָס זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן מהות פון אָט דעם דיכטער. דאָ זיינען פאַראַן זיינע „שוואַכקייטן" און זיינע „שטאַרקייטן". און אַלע מאָל, ווען איך לייען זיינע לידער, טראַכט איך, אַז ס׳איז מאָדנע, וואָס ביי אונדז אין דער דיכטערישער סביבה, וואו מ׳רעדט אַזוי פיל וועגן פּאָעזיע, האָט מען אַזוי ווייניק גערעדט וועגן עסעלינען. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס עסעלין איז אַ „מאָדנער" דיכטער. אַ דיכטער מיט טאַלאַנט, וואָס שרייבט אָפט, צווישן גאָר־גערעטענע לידער, אַ סך שוואַכע לידער, און אָט די „שוואַכע" לידער זיינען בפירוש אַ רעזולטאַט פון עפּעס אַ פּער־זענלעכער ביטערניש, צוליב עפּעס אַ פּערזענלעכער טענה צו דער וועלט און צום מענטשן. אָבער סיי אין די גוטע און סיי אין די שוואַכע לידער אינטריגירט איך אַלעמאָל די פּערזענלעכקייט אַלטער עסעלין, וואָס שפּרודלט מיט איינגעהאַלטענער חכמה און מיט פרייגעלאָזענער ביטערניש — ניט קיין צו געראָטענער זיווג.

וועגן מ. גיציסעס נאָוועלע „לבנה־ליכט אין בלוט" האָט מען באַדאַרפט רעדן אַ ביסל לענגער ווי ס׳דערלויבט אונדז דער פּלאַץ. אפשר וועט פאַר דעם קומען די געלעגנהייט. דערווייל וועט אפשר גענוג זיין צו זאָגן, אַז ס׳איז אַ זאַך געבויט אויף אַ זייער געראָטענער און דאַנקבאַרער טעמע. גיציס ברענגט צונויף אונטער איין דאַך אַ צאָל אינטערעסאַנטע (און רע־פּרעזענטאַטיווע) כאַראַקטערן פון דער יידישער קינסטלערישער סביבה און שאַפט אַ גוטן באָדן פון אינדיווידועלע און סאָציאַלע קאָנפליקטן. די גאַנצע זאַך איז גוט פאַרטראַכט געוואָרן. אַ יידישער מיליאָנער ברענגט צוזאַמען, צוליב סענטימענטאַלע סיבות, אַ צאָל פאַרשטייער פון דער יידישער קינסט־לער־וועלט, שרייבער, דיכטער, מאָלער, מוזיקער אויף זיין רייכן „עסטייט", ביים ים, כדי זיי זאָלן, געשטיצט פון זיין ברייטער פילאַנטראָפּישער האַנט, קענען זיך פריי אָפּגעבן זייער באַרוף, אָן זייטיקע שטערונגען, אָן דאגות־פּרנסה.

מ. גיציס גיט זיך אָפּ זיין טעמע מיטן גאַנצן אימפּעט פון זיין טעמפּע־ראַמענט. אים געלינגט, ווי געזאָגט, אָפּצוקלייבן פון דער קינסטלערישער

סביבה אַ צאָל מענטשן, וואָס זיינען (כאָטש גוואַלדיק סובלימירט) כאַראַק־טעריסטיש פאַר אונדזער שעפערישער סביבה. און ווי ווייט די טעמע איז, אין איר עצם, פון דערווירקלעכקייט, איז אפילו דער „אויסגעדיכטעטער" עקספערימענט אין זיך אַליין אינטערעסאַנט און איז אַ פיינער מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסן ראָמאַן, ווען דער שרייבער וואָלט זיך פאַרנומען אויף יענער ברייטקייט, אויף וועלכער די טעמע בעט זיך ממש זי אַרויסצופירן. אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. פון דער טעמע איז געבליבן די סכעמע און אפילו זי איז ברייטער פאַר דער ראַם, אין וועלכער זי איז איינגעפּאַסט. מ. גיציס האָט אַלע מאָל ליב „צו הערן" ווי זיינע העלדן רעדן „הויכע" רייד. אָבער דאָ האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ גרופּע מענטשן, וועלכע קומען דירעקט פון דער אינטעלעקטועלער וועלט, — האָט זיי דער שרייבער באַשאָנקען מיט אַזוי פיל „חכמה" און „הויכער" פּראָזעאָלאָגיע, אַז דאָס ביסל מענטשלעכע, מיט וואָס אפילו אַ קינסטלער ווערט באַשאַפן, ווערט פאַרלאָרן צווישן לאַנ־גע מינדלעכע דיסערטאַציעס. אָנשטאָט צו לאָזן זיינע העלדן אויסלעבן זיך, אַנטפּלעקן זיך דורך האַנדלונג, לאָזט ער זיי דערטרינקען זייער ביסל לעבן אין אַן אַוואַלאַנש פון באַרעדעוודיקייט. אַרום זיי ווערט, ווי אומיסטן, אויסגעלאָשן יעדע רעאַליטעט, כדי צו געבן זיי אַ געלעגנהייט צו רעדן די ניט־צו־אָריגינעלע רייד, וועלכע זאָגן נאָר עדות וועגן דער אָנגעלייענטקייט („אַנטוויקלטקייט ?) פונעם מחבר.

צווישן אַט די רייד כאַפּט מען זיך, אַז מ'איז שוין ביים סוף פון דער מעשה, כאָטש די מעשה האָט זיך דאָ ניט געטאָרט ענדיקן, ערשט איצט האָט זי זיך באַדאַרפט אַנטוויקלען.

איך האָב שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אָנגעוויזן אויף דעם איבער־פלוס פון „רייד" אין גיציסעס דיאַלאָג. איך האָב אָבער אויך אונטערגע־שטראָכן דעם פאַקט, אַז מ. גיציס איז בפירוש אַ טאַלאַנטירטער שרייבער מיט אַ שפּרודלדיקן טעמפּעראַמענט. די צרה איז נאָר, וואָס אין דעם אי־בערפלוס פון אימפּעטיקייט, ווערט ער, ווי אויף פליגלען, אַוועקגעטראָגן פון לעבן, פאַרגעסט די רעאַלע מאָס און וואָג פון לעבעדיקע כאַראַקטערן און שטעלט זיך אַוועק איבער יעדער ווירקלעכקייט. דערפאַר קומט שטענ־דיק אויס אַזוי, אַז וואָס איינער טוט, וואָלט אויך אַ צווייטער געקענט טאָן, און ס'וואָלט פאַרן לייענער געווען אַלצאיינס. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, איז אפשר ניט דאָ דאָס פּלאַץ צו רעדן. אָבער רעדן וועגן דעם האָט מען באַ־דאַרפט. ווייל, נאָך אַמאָל — מ. גיציס איז אָן ספק אַ טאַלאַנטירטער שרייבער.

1947

„אוצר פון דער יידישער שפּראַך"*)

פאַר מיר ליגט אַ מערקווירדיק בוך, אַ בוך פון טויזנט זייטן, אָנגעפּי־קעוועט מיט יידישע ווערטער, אידיאָמען, שפּריכווערטער און ספּעציפיש־יידישע אויסדרוקן — דער „אוצר פון דער יידישער שפּראַך" פון נחום סטוטשקאָוו. איך בלעטער דאָס בוך מיט אַ געפיל פון פרייד, פון באַגייס־טערונג און שטאָלץ. דאָס איז דאָך דער טייערסטער אוצר פון אונדזער פאָלק, אונדזער וואָרט, אונדזער שפּראַך!

איך גיי איבער פון איין גרופּע באַגריפן צו אַן אַנדערער, פון איין אַסאָ־ציאַציע פון ווערטער צו אַ צווייטער, און ס׳הייבן אָן פליסן, ווי פון אַ געעפנטן קוואַל, לעבעדיק־שפּרודלדיקע ווערטער, וואָס מיניען זיך אין אַ וואונדער־לעך־פאַרביקן קאַלאָריט. מיין אויג פאַלט אויף אַ וואָרט פון אַ גרופּע, וואָס איז געבונדן צו אַ באַגריף, און ס׳הייבן אָן אויפצולעבן סינאָנימען, ווערט־לעך, אידיאָמען און גלייכווערטלעך, וואָס זיינען אַליין פאַר זיך אַ קליינער אוצר. איך בלעטער און בלעטער, און הער ניט אויף צו באַוואונדערן די רייכקייט, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט דורך די לאַנגע דורות, וואָס מיר האָבן מיט אָט דער שפּראַך געלעבט, געפרייט זיך און געליטן.

איך בלעטער דעם „אוצר" און איך טראַכט: אָט איז געזעסן אַ מענטש, נחום סטוטשקאָוו, פופצן יאָר און מיט גרויסער ליבשאַפט און אחריות גע־זאַמלט די צעוואָרפענע ברעקלעך פון אונדזער שפּראַך — צעוואָרפענע אויפן גאַנצן וועג פון אונדזער טויזנטיאָריקן גאַנג איבער לענדער, פון עפּאָכע צו עפּאָכע, פון איין געאָגראַפישן עטאַפּ אין אונדזער געשיכטע צו אַ צווייטן. ער האָט דורכגענישטערט אונדזער נייע און אַלטע ליטעראַטור, געגריבלט זיך אין צענדליקער ווערק, האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דעם לעבעדיקן יידיש, וואָס דאָס פאָלק רעדט, שרייבט, זינגט. ווי אַן אַרבעטזאַמע בין זאַמלט געדולדיק איר נעקטאַר, פון ווייט און פון נאָענט, אַזוי האָט נ. סטוטשקאָוו צונויפגעזאַמלט אָט די טייערע יידישע ווערטער.

איך בין ניט קיין פילאָלאָג, איך בין ניט קיין לינגוויסט און מיט לעקסי־קאָגראַפיע אינטערעסיר איך זיך אויף וויפל איך נייטיק זיך אין איר אין

---

*) „אוצר פון דער יידישער שפּראַך" — פון נחום סטוטשקאָוו — אונטער דער רעדאַקציע פון מאַקס ווינרייך, אַרויסגעגעבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ), ניו־יאָרק, 1950, 936+50 זייטן.

מיין אַרבעט, ווי אַ שרייבער, און ווי אַ שרייבער קומט מיר אויס זייער אָפט צו פּייניקן זיך מיט דער אָפּוועזנהייט פון אַ פּרעציזן וואָרט, פון אַן אַדעקוואַטן אויסדרוק, וואָס זאָל ניט נאָר באַצייכענען די פלאַך פון אַ דערשיינונג, נאָר אויך איר הויך און טיף, וואָס זאָלן אַרויסאַנטפּלעקן אַלע ליכט־און־שאָטן אַספּעקטן, אַלע מאָדיפיקאַציעס, וואָס זיינען נויטיק, ניט אָנקומענדיק צו בלויזער פּאַראַפראַזירונג. איך הער ניט אויף צו זוכן בעסערע, אַדעקוואַטערע עקוויוואַלענטן, אָבער ווי אָפט ווערט מען געשטרויכלט!

דעם שרייבערס, דעם רעדנערס, דעם קולטור־טוערס מעדיאום איז דאָס וואָרט. פּונקט ווי אַ גוטער בעל־מלאכה דאַרף האָבן גוטע מאַטעריאַלן און אַלע נויטיקע געצייג־מכשירים, און פּונקט ווי אַ גוטער מאָלער קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַ וואַריאירטן אָפּקלייב פון פאַרבן, אַזוי קאָן זיך דער שרייבער ניט באַגיין אין זיין קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע אָן אַ גרויסן שפּראַך־רעזערוואואַר. אַזוי אויך אַ זשורנאַליסט, אַן איבערזעצער, אַ לערער, אַ סטודענט און בכלל אַן אינטעליגענטער געברויכער פון דער שפּראַך. מיט ווערטער באַקליידן מיר אַן אידייע און גיבן איר צו אַ צוציענדיקן כאַראַקטער. מיט ווערטער באַפליגלען מיר אַן אידייע און גיבן איר דעם כוח און די מעגלעכקייט צו דערגרייכן גרעסערע ווייטקייטן, דערגרייכן מער אויערן און אַ מער אויסגעברייטערטן שטח פון ווירקן.

די שווערסטע אַרבעט פונעם שרייבער קאָן זיך אַמאָל אויסדריקן אין דעם פּיינלעכן זוכן דאָס פּרעציזע וואָרט, דעם וואָרט־ניואַנס, וואָס זאָל געבן פולן אויסדרוק זיין געדאַנק און געפיל און שאַפן די פולסטע האַרמאָניע צווישן זיי. אָבער ווי אָפט פּאַסירט, אַז דער קלאָרסטער געדאַנק, דער קלאָרסטער עמאָציאָנעלער באַנעם און וויזיע ווערן פאַרשאָטנט דורך שאַבלאָנער פּאַראַפראַזירונג... און לאָמיר שוין ביי דער געלעגנהייט אויך זאָגן, אַז יידישע שרייבער זינדיקן טאַקע היפּשלעך בנוגע שפּראַך. זיי גייען שטענדיק מיטן לייכטערן, שוין צו־לייכטן וועג. זיי באַנוצן אַלץ, וואָס קומט לייכט אונטער דער האַנט: אַ „דייטשמעריזם", אַן אַרכאַאיש וואָרט, אַ פּראָווינציאַליזם, אַ לאָקאַליזם. פון געוואוינהייט וועלן זיי נוצן די ווערטער: „הינזיכט", „זאָגאַר", „אויסגאַבן", „מאַנכע", „זאַפּאַרט", „אומפּאַסן", „צייגן", „אויסטערליש", „באַטרוג" א. אַ. אָט די ווערטער איז לייכט צו פאַרבייטן מיט עכט־יידישע, וואָס זיינען שוין אַריין אין דער כלל־און ליטעראַטור שפּראַך פון אונדזער פאָלק.

שפּראַך איז ניט קיין גרעסערע, אָדער קלענערע קאָלעקציע פון ווערטער, מיט וועלכע איין מענטש גיט איבער אַ צווייטן זיינע געדאַנקען און געפילן און ציט יענעמס אויפמערקזאַמקייט אויף דער אַרומיקער וועלט, אָדער דערקלערט די פאַרשיידענע דערשיינונגען, וואָס ליגן אויף דער פלאַך פון זיינע פינף חושים. שפּראַך איז אויך די מאָס, מיט וועלכער מיר מעסטן די מדרגות פון מענטשלעכער דערפאַרונג, פון זיין קולטור, פון זיין דינאַמישן

גאַנג פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט. אויף אַזאַ אופן זיינען ווערטער קולטור־אַנזאַמלונגען, שאַפונגען און איבערשאַפונגען, וואָס דער מענטש (דאָס פאָלק!) האָט אָנגעזאַמלט אויף זיין לעבנס־וועג, צייכנס פון מאַטערי־עלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג און וואוקס. און וואָס עלטער און „דער־פאַרענער" עס ווערט אַ וואָרט אַלץ נעענטער ווערט עס צו דעם, וואָס מיר רופן סימבאָל. אין דעם שפיל פון וואָרט, אין דער רייכקייט פון סינאָנימען, ניואַנסן, אידיאָמען, ווערטלעך און גלייכווערטלעך אַנטפּלעקט זיך דאָס גע־ראַנגל פון דורות פאַר קינסטלערישער געשטאַלטונג פון לעבן.

אָט די עטלעכע אַלגעמיינע באַטראַכטונגען זיינען מיר געקומען אין זינען בלעטערנדיק איצט דעם „אוצר פון דער יידישער שפּראַך". און וואָס מער איך בלעטער, אַלץ קלאָרער ווערט מיר זיין קולטור־היסטאָרישער און פּראַקטישער ווערט.

אָט איז מיין אויג געפאַלן אויף אַ פּאָר גרופּעס ווערטער, לויט באַגריפן, און אַזעלכע גרופּעס זיינען דאָ גאַנצע זעקס הונדערט און צוואַנציק! איך הייב אָן מיטן וואָרט „אינטעלעקט". אפשר וויל איך דאָ, אומבאַוואוסטזיניק, מעסטן מיין אייגענעם ווערטער־שאַץ אַרום אָט דעם באַגריף. און אפשר וויל איך דאָ גלייך עפּעס „אָפּלערנען", צוגעבן צו מיין ווערטער־שאַץ הוספות, מאַכן תיקונים... געפין איך דאָ הונדערטער ווערטער, וואָס דער־קלערן, פאַרטייטשן, פאַרבייטן, ניואַנסירן דעם באַגריף אין אַלע מעגלעכע פאָרמען. עס דאַכט זיך, אַז דער ענין איז שוין פול אויסגעשעפּט. ס'ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ווייט נאָך ניט. ווייל ערשט איצט שיקט מיך אָפּ דער צוזאַמענשטעלער צו די שייכותדיקע גרופּעס: „געדאַנק", „פאָרשונג", „אורטייל", „אויסגעפינען", „וויסן", „קלוגשאַפט", „פאַנטאַזיע", „פייאיקייט", און אין יעדער פון אָט די נייע גרופּעס זיינען ווידער דאָ הונדערטער ווער־טער, וואָס טייטשן, פאַרבייטן, דערקלערן, און אַזוי ווערט אַרום דעם וואָרט „אינטעלעקט" אויפגעבויט אַ קאָלירפולע גייסטיקע געביידע פון טויזנטער ווערטער־ציגל, וואו יעדער ציגל פאַרמאָגט זיין באַזונדער קאָליר, זיין באַ־זונדער ליכטיקייט און אַלץ אינאיינעם — אַ גייסטיקע גאַנצקייט — אינ־טעלעקט!

אָבער דאָס איז שוין אַ צו „וואָגיק" וואָרט. נעם איך אַ געוויינלעך וואָרט — „דנאָ". אַרום אָט דעם וואָרט גרופּירן זיך אינגאַנצן אַ וועלכע צען־צוועלף ווערטער, וואָס שעפּן אויס גאַנץ גוט דעם ענין. אָבער איר זייט נאָך אויך מיט אָט דעם וואָרט ווייט ניט פאַרטיק. דער צוזאַמענשטע־לער שיקט אייך איבער צו נאָך אַ גרופּע שייכותדיקע ווערטער: „אָנשפּאַר", וואו איר געפינט אַרום הונדערט ווערטער, אָבער אויך פון דאָרטן ווערט איר איבערגעשיקט צו אַנדערע גרופּעס: „געביי" און „הילף", און אַזוי ווייטער און ווייטער — און דאָס איז ניט מער, ווי „דנאָ..."

פון די „וואָגיקערע" באַגריפן קלייב איך אויס „ליכטיקייט", „פאָרעם".

פון די „לייכטערע" — „ברעג", „גיין", „פאָרן", „קאָכן". און ס׳חזרט זיך איבער דאָס זעלביקע: עס קומען אייך אַנטקעגן, ווי אַלטע גוטע פריינט, טויזנטער ווערטער, אויסדרוקן, אידיאָמען, גלייכווערטלעך, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן דורך זיין דערפאַרונג און חכמה. אפילו די ווערטער, וואָס קלינגען שוין איצט אַביסל אַרכאַאיש, קלינגען אין דער חברותא מיט אַנדערע ווייניקער אַרכאַאיש, ווייל אָט זיינען זיי דאָך גאָר ניט לאַנג צוריק געווען טיילן פון אונדזער כלל־שפּראַך און אפילו פון דער ליטעראַטור.

ס׳איז געווען אַ צייט, ווען ביי אַנדערע פעלקער האָט זיך די קולטור־שפּראַך כמעט ווי אָפּגעגרענעצט פון דער כלל־שפּראַך, פון דער שפּראַך פון די מאַסן. פאָרגעקומען איז עס, הויפּטזעכלעך, צוליב דעם, וואָס די שעפער פון זייער ליטעראַטור האָבן, כמעט אויסשליסלעך, געהערט צו דער העכערער געזעלשאַפטלעכער שיכט, צו דער אַריסטאָקראַטיע. שפּעטער אָבער, צוליב דער טיילווייזער דעמאָקראַטיזירונג, וואָס די שפּעטערדיקע דורות האָבן געבראַכט, איז די שפּראַך פון די מאַסן אַלץ מער אַריינגעדרונגען אין דער ליטעראַטור. די שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור זיינען אָבער פון אָנהויב־אָן געקומען פון די טיפעניש פון פאָלק, פונוואַנען זיי האָבן גענומען זייער שפּראַך, מיט וועלכער ער האָט געלעבט און זיך אויסגעלעבט. דערפאַר איז אונדזער שפּראַך טאַקע אַזוי דורכגעדרונגען מיטן פאָלקס־גייסט, מיט זיין חכמה און מיט זיין לעבנס־באַנעם.

אונדזער לעקסיקאָגראַפיע איז נאָך זייער אָרים. מיר האָבן נאָך ניט כמעט קיין געוויינלעכן ווערטער־בוך (אַחוץ דעם היפשלעך־פאַרעלטערטן ווערטער־בוך פון א. האַרקאַווי). עס איז ממש שווער צו גלויבן איצט, ביי דער דערשיינונג פון „אוצר", אַז מיר האָבן אַזוי ווייניק אויפגעטאָן אויפן געביט פון אונדזער שפּראַך־קולטור. דערפאַר איז די פרייד צוליב דער דערשיינונג פונעם „אוצר" אַזוי גרויס, ווייל פונקט ווי אַ מער־ווייניקער אינטעליגענטער מענטש קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַ געוויינלעכן ווערטער־בוך, קאָן ער זיך אָבער אויך ניט באַגיין אָן דעם אוצר פון דער יידישער שפּראַך. אוודאי קאָן איינס ניט פאַרבייטן דאָס אַנדערע. אין אַ ווערטער־בוך זוכן מיר דאָך, סוף־כל־סוף, אַ וואָרט, וואָס מיר ווייסן, פאַר וועלכן מיר זוכן נאָר דעם ריכטיקן טייטש. אין דעם „אוצר" זוכן מיר, פונקט פאַרקערט, ווערטער, וואָס זיינען אונדז אומבאַקאַנט, אָדער מיר האָבן זיי פאַרגעסן און זיי זיינען ניטאָ ביי דער האַנט, און מ׳דאַרף זיי ערשט אָפּקלייבן לויטן באַגריף, אָדער אידייע.

אין דעם „אוצר" איז פאַראַן כמעט דער גאַנצער מאַטעריאַל פאַר יעדער כלל און קולטור־שעפערישער אַנווענדונג. דאָ געפינט איר ווערטער פון טאָג־טעגלעכן געברויך אין אַרבעט און האַנדל, פון יעדער פאַזע פון מענטשלעכער טוּאונג און געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. דאָ געפינט איר אַלע נויטיקע ווערטער פאַר נביאישער עקסטאַטישקייט, פון פּאָעטישער אָנגע־

הויכקייט, טערמינען פון וויסנשאַפט, פון טעכניק, פון דער פלאָראַ און פאונאַ און אויך די טערמינאָלאָגיע, וואָס דאָס פאָלק אַליין האָט באַשאַפן פאַר זיין טעגלעכן געברויך. דאָ גייט אינאיינעם דער לומדישער יידיש מיטן פאָלקס־יידיש, דאָס וואָגיקע וואָרט מיטן לייכט־געפליגלטן, דאָס שווער־באַלאָדענע וואָרט מיטן מליצהדיק־בלומיקן. איר דאַרפט נאָר קאָנען אונטערשיידן און אָפּקלייבן. און כאָטש דער „אוצר" איז בשום אופן ניט קיין לערנבוך פאַר מאָרפאָלאָגיע, גראַמאַטיק און סינטאַקס, פאַר סטיל און מעטריק, וואָס זיינען אַטריבוטן פון דער שרייבערישער לאַבאָראַטאָריע, דערפאַר אָבער איז עס אַ ריזיקער ווערטער־שאַץ, וואָס וועט געפינען ביי אונדז אַ גוואַלדיקע פּראַקטישע אָנווענדונג אין דער לייטערונג פון אונדזער שפּראַך אויף יעדן געביט פון שעפערישער אַרבעט.

איך בלעטער דעם "אוצר" און איך טראַכט:

שפּראַך־קולטור איז אַ רעאַליסטישע שאַפונג פון פאָלק, אַ פּראָצעס פון אָפּקלייב, פון שאַפונג און איבערשאַפונג, פון שאַצונג און איבערשאַצונג פון לעבנס־ווערטן. און די שפּראַך פון אַ פאָלק איז דערפאַר, אין זיך אַליין, אַ קונסט־ווערק.

יידיש איז אונדזער גרעסטע קונסט־ווערק, געשאַפן דורך טויזנט יאָר פון לעבן, אין פריידן און אין ליידן. דערפאַר איז אונדז יידיש טייער און ליב און אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. מיר האָבן ליב אינטים־נאָענט אונדזערע ווערק, געשאַפן אין אָט דער שפּראַך, און מיר זיינען שטאָלץ מיט דער אַנט־וויקלונג און וואוקס פון אונדזער יידיש. פאַר אונדז איז יידיש ניט בלויז אַ לבוש, אָדער אַן אינסטרומענט אין דער באַציאונג פון מענטש צו מענטש, — פאַר אונדז איז עס, ווי יעדע קונסט־ווערק, אויך אַ קוואַל פון טיפער איבער־לעבונג און אַנטפּלעקונג פון שיינקייט און וואונדער. און דערפאַר איז אַ פרייד, וואָס גראָד איצט, ווען עס לויערט די סכנה אויף אונדזער יידיש מצד דער נעגירנדיקער קולטור־אַסימילאַציע, צו זען פאַר זיך אַזאַ פּאָזיטיוו ווערק.

זאָל דערפאַר אָפּגעשאַצט ווערן די אומדערמידלעכע אַרבעט פון דעם צוזאַמענשטעלער פון דעם „אוצר פון דער יידישער שפּראַך", נחום סטוטשקאָוו, וואָס האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און געדולד און מיט פולער אחריות פאַר אונדזער קולטור, געגעבן אונדז אַ ווערק, וואָס איז דערווייל איינציק לויטן פאַרנעם אין אונדזער לעקסיקאָגראַפיע.

1950

די אַנטאַלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט"

א.

איך נעם אַריין דאָס וואָגיקע בוך מיט דרך־ארץ און גרויסער ליבשאַפט אין מיינע הענט, און אײדער איך פאַרנעם זיך צו לערנען פון די טיפעניש פונעם ספר, בלעטער איך, בלאַט נאָך בלאַט, באַגעגן די טייערע נעמען און פנימער פון אַ צוויי הונדערט שאַפער. איך ווער אַריינגעצויגן און ווער פאַרלאָרן אינעם קאַליידאָסקאָפּ פון אַ דינאַמישער שאַפונג פון אַן עפּאָכע, וואָס האָט זיך, דורכן לעבעדיקן יידישן וואָרט, אויפגעשטעלט אַן אייביקן, אומצעשטערבאַרן מאָנומענט.

גרויס איז דער מאָנומענט מיט דער גרויסקייט פון אַ פאָלקסשאַפונג און רייך־קאָליריק מיט דער צאָלרייכקייט פון די כוחות, וואָס האָבן, יעדער אויף זיין אופן, צוגעטראָגן, דעטאַל נאָך דעטאַל, צו דעם גרויסן גאַנצן פונעם בנין, פאַר וועלכן איך שטיי מיט פאַרוואונדערונג און גרויסער פאַר־ערונג.

ערשט נאָכן ערשטן גרויסן איינדרוק, וואָס באַהערשט מיך אַ היפּשע צייט, קאָן איך זיך אַוועקזעצן לייענען און לערנען. און לערנען איז דאָ אַ סך וואָס. שוין דער פאָרוואָרט „צו די לייענער" פונעם צונויפשטעלער, נ. מייזיל, איז פאַר זיך אַליין, אַ טיפער עסיי, וואָס וויקלט פאַנאַנדער און אַנטפּלעקט, טראָט נאָך טראָט, דעם גאַנג פון די היסטאָרישע געשעענישן פון אַ פאָלק אין גרויסן געראַנגל, אין זיין שעפערישן דראַנג נאָך לעבן און אויסדרוק. מיט ליבע און טיפן באַוואוסטזיין טרעט צו דער צונויפשטעלער צו זיין היס־טאָרישער אַרבעט, און די אַלע דיכטער און שרייבער, וואָס פילן אָן די קנאַפע ניין הונדערט גרויסע זייטן, ווערן, דורך זיין געדולדיקער האַנט, פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן באַוואוסטזיניקן שעפערישן קאָלעקטיוו. אויף אַ ברייטן היסטאָרישן הינטערגרונט לעבן־אויף בילדער פון אימיגראַציע, סביבה און לעבנס־שטייגער, דער דינאַמישער שוואונג פון אַ מאַסע, וואָס האָט אין קורצע צענדליקער יאָרן, אויף אַ נייעם באָדן, דורכגעמאַכט אַלערליי ענדערונגען, גרופּירונגען און איבערגרופּירונגען, און אינאיינעם מיט דעם אַלעם — די ענדערונגען און די אַנטוויקלונג פונעם יידיש־שעפערישן וואָרט, וואָס האָט אין איינעם מיט נייעם אינהאַלט געפונען אויך נייע פאָרמען פון אויסדרוק.

עס אַנטוויקלט זיך די גרויסע דראַמע פון אַ תקופה, די גרויסע האַנדלונג פון אַ פאָלק, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ באָדן, אין וועלכן עס איז אַזוי פיל הונדערטער יאָר געווען פאַרוואָרצלט און האָט דורך גרויזאַמען צוואַנג און דורך אייגענעם ווילן און דראַנג צו לעבן און געדייען, אַרויסגעצויגן זיינע וואָרצלען און זיך איבערגעפלאַנצט אויף אַ נייעם באָדן, אין דעם פרוכטבאַרן באָדן פון אַמעריקע. און אַמעריקע, די נייע, ברייטע בינע, אויף וועלכער די דראַמע האָט באַדאַרפט געשפּילט ווערן, איז נאָך אין יענער צייט ניט געווען אינגאַנצן אויפגעבויט. אינמיטן פון דער גרויסער האַנדלונג האָט מען באַדאַרפט אויפשטעלן ווענט און דעקן דעם דאַך, מאָלן דעקאָראַציעס, און מיט דער טראַנספאָרמאַציע פון דער בינע, איז פאָרגעקומען אַ שטענדיקע ענדערונג אויך אין דעם שעפערישן פּראָצעס פונעם אינהאַלט און פאָרעם פון דער דראַמע. וואָס פאַר אַ מערקווירדיקער פּראָצעס!

אַלע מענטשלעכע טואונגען און אויפטוען פון אַ גייסטיקן כאַראַקטער זיינען, פאַרשטייט זיך, אַ צושטייער צום אוצר פון קולטור פון אַ פאָלק. די אויפטוען קאָנען זיך אויסדריקן דורך פאַרשיידענע גייסטיקע אַקטיוויטעטן און פאָרמען פון קולטור־טעטיקייט, וואָס פאַרסכ־הכלען די דערגרייכונגען אויפן געביט פון קולטור. אָבער די גרויסע מאַסע אימיגראַנטן, וואָס האָט אַהער אַריינגעשטראָמט, האָט צוליב די באַזונדערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען דאָ, געמוזט קאָנצענטרירן איר קולטור־שאַפערישע טעטיקייט, הויפּטזעכלעך, אויפן געביט פון קינסטלערישער וואָרטשאַפונג. דאָס קינסטלערישע וואָרט איז געוואָרן דער גייסטיקער באָדן, אויף וועלכן דאָס פאָלק האָט זיך אויסגעלעבט. די טעגלעכע צייטונג, דאָס ליד, די דערציילונג, — אַלץ וואָס האָט אויסגעדריקט דאָס רעאַלע לעבן און שטרעבן, איז געוואָרן די ערשטע קולטור־באַדערפעניש.

און קולטור איז קיינמאָל ניט סטאַטיש, און אוודאי קאָן קיין איין אַטריבוט אירער ניט זיין סטאַטיש, ווי עס קאָן ניט זיין סטאַטיש דאָס לעבן אַליין, און אוודאי און אוודאי — דאָס קינסטלערישע וואָרט, וואָס זיין אייגנטלעכע ווירקונג ליגט אין עצם פון זיין דינאַמישקייט, אין דער קוועלנדיקער אַנטפּלעקונג פון מענטשלעכן גייסט.

ב.

די אַנטאָלאָגיע הייבט זיך אָן מיטן פּראָלאָג פון דער גרויסער דראַמע: די געזעגענונגס־טרערן, די טיפע ליבשאַפט צו „דער אַלטער היים", צו די פאַרלאָזטע ערטער און די מורא פון שרעק פאַרן „גאָלדענעם לאַנד", די מאַטערנישן אויפן „טרערן־אינדזל" נאָך אַ לאַנגן וועג אויף די אָרימע אימיגראַנטן־שיפן, וואָס האָבן זיי געבראַכט צו די אומבאַקאַנטע ברעגן פון אַ נייעם לעבן. עס קלאָגט מאַרק וואַרשאַווסקי אין זיין ליד „די שיף":

„דאָרט זיצט אַן אלמנה, אַ מוטער,
דאָס אָרימע קינד אויף איר שויס
זי וויינט אַזוי שטאַרק, אַזוי ביטער,
צי ווייסט איר — איר אומגליק איז גרויס!

דאָרט, וואו זי איז געוואָקסן, געבוירן —
פאַרלאָזט טאַטע-מאַמע אליין,
זי האָט זיי אויף אייביק פאַרלאָרן,
זיי וועלן זיך שוין מער ניט זען!

אַ ייד וויינט מיט ביטערע טרערן,
פאַריאָמערט, פאַרוואָגלט, פאַרשמאַכט:
„וואָס וועט מיט די קינדער דאָרט ווערן,
זיי בלאָנדזשען, ס'איז פינצטער די נאַכט..."

די זעלביקע קלאָג־טענער זיינען דאָ אין די באַשרייבונגען פון די וואָג־לער ביי י. קאָפּעלאָוו, י. א. קאַצאָוויטש און ביי אַ סך אַנדערע, וואָס דער גרויסער שטראָם האָט זיי אינאיינעם מיט אַ סך טויזנטער, געבראַכט אויף די אימיגראַנטן־שיפן קיין אַמעריקע.

און נאָכדעם — דער ערשטער עטאַפּ און די ערשטע פּראָצעסן פון לעבן אויף דעם נייעם באָדן. די ערשטע ביטערע ראַנגלענישן אין די ערשטע אַנטוישונגען. אליקום צונזער, וואָס איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1889, דערציילט אין זיין ליד „דאָס גאָלדענע לאַנד", אַז נאָך אין זיין פריער קינדהייט האָט ער געהערט מענטשן רעדן:

„ווי גליקלעך מען לעבט אויף קאָלאָמבוסעס ערד, —
דאָס איז אַ גאָלדן לאַנד".
איך בין אַהער געקומען, דעם ספר דורכגעקוקט,
טרערן, טרויער איז אויף יעדן בלאַט געדרוקט.
אין די ענגע גאַסן, וואו די מאַסע שטייט געדיכט,
פיל אָרימע, פינצטערע, דער אומגליק ליגט אויפן געזיכט;
שטייט פון פרי ביז ביינאַכט,
די ליפּן פאַרברענט און פאַרשמאַכט.
דער איז מפקיר זיין קינד פאַר אַ סענט,
דעם וואַרפט מען פון וואוינונג פאַר רענט,
פיל גרינע מיט שווערן געמיט
פאַלן פון הונגער אין סטריט,
פון דלות מיט קראַנקהייט באַנאַנד,
אַלץ אין דעם גאָלדענעם לאַנד..."

די אומברחמנותדיקע עקספּלואַטאַציע, דער שװערער גערּאַנגל פון דער אימיגראַנטן־מאַסע פאַרן אָרימען שטיקל ברויט האָבן טיף געריהרט די דיכ־טער פון יענער צייט, באַזונדערס — יענע דיכטער, װאָס זיינען אַליין געװען אַרבעטער אין אַ שאַפּ. זיי האָבן אַלע אין רירנדיקע פערזן געשילדערט דעם ביטערן גורל פון דעם אַרבעטער אין די „סוועט־שעפּער" און זייער אָרימען לעבן אין די היימען. באַזונדער טיף־רירנדיק זיינען די לידער פון די באַרימטע אַרבעטער־דיכטער, מאָריס ראָזענפעלד, מ. װינטשעװסקי, ד. עדעלשטאַט און י. באָװשאָװער, װאָס האָבן שוין ניט נאָר באַװיינט און באַקלאָגט דעם שװערן גורל פון דער אימיגראַנטן־מאַסע, נאָר האָבן אויך גערופן צום אָפענעם קאַמף קעגן דעם „סוועט־שאַפּ" און זיינע באַלעבאַטים. אין דער פּראָזע האָבן געװירקט: ז. ליבין, לעאָן קאָברין, א. אַנ., װאָס האָבן אַריינגעשריבן זייער װאָרט אינעם ערשטן אַקט פון דער גרויסער דראַמע פון עטאַבלירן זיך, צופּאַסן זיך, איינלעבן זיך און איינװאָרצלען זיך אויף דעם נייעם באָדן. און ניט אַלע װאָרצלען האָבן זיך געװאָלט, אָדער געקאָנט „אָננעמען". עס איז געװאָרן אַן אינערלעכער קאַמף: די ראָמאַנטישע ליב־שאַפט צום „אַמאָל" און די גרויסע װירקלעכקייט, װאָס האָט אַרויסגערופן פּיינטשאַפט, האָבן צװישן זיך ניט געקאָנט לעבן בשלום.

אָבער דאָס לעבן איז געגאַנגען פאָראויס. דער אַמעריקאַנער יידישער צענטער איז געװאַקסן און זיך אַנטװיקלט. עס זיינען אַהער אָנגעקומען אַ סך נייע שעפערישע כוחות, װאָס האָבן דאָ פאַרלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די יידישע מאַסן האָבן גענומען זיך דערנעענטערן צום היגן לעבן, האָבן אָנגעהויבן פילן אַ זיכערן באָדן אונ־טער די פיס. עס האָבן זיך גענומען װייזן סימנים פון ברייטערער און טי־פערער קלאַסן־צעטיילונג צװישן דער אימיגראַנטישער מאַסע. עס איז געװען דער אַרבעטער און דער אַרויפגעאַרבעטער, דער עקספּלואַטירטער און דער „אָלרייטניק", דער יידישער פּראָפעסיאָנאַל, דער יידישער פונקצי־אָנער ביי אַלע געזעלשאַפטלעכע טואונגען. און אַלץ אינאיינעם — סימנים פון פאַרװאָרצלטקייט: דער אָנהויב פון אַ צװייטן אַקט! די דיכטער הייבן אָן צו באַזינגען די אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט, װאָס איז שוין געװאָרן אייגן, און די אַמעריקאַנער טראַדיציע. נייע שעפערישע כוחות קומען קיין אַמע־ריקע, פאַרבינדן זייער לעבן מיט זייערע ברידער, גרויסע שרייבער און דיכטער מאַכן אַמעריקע פאַר זייער היים — און עס צעבליט זיך אַ יידיש לעבן אין אַלע „קאָלירן פונעם רעגנבויגן!" דער צװייטער אַקט פון אונדזער דראַמע!

דאָ שילדערן שוין דיכטער און שרייבער רייכקייט און אָרימקייט, די גרויסע קאַמפן פאַר לעבן, װי דאָאיקע און װי אייגענע און װי גלייכע אין דעם בוי פון אַמעריקע, עפּעס אַזוי, װי זיי װאָלטן דאָ געבאָרן געװאָרן און מיט דער מאַמעס מילך איינגעזאַפּט אין זיך די יניקה, װאָס גיט זייערע

וואָרצלען אַ ניי און זיכער לעבן. ווייל דאָ האָט מען שוין פאַרגאָסן בלוט, געבראַכט קרבנות און דורכגעגאַנגען די שרפה פון דעם „טרייענגל־פייער“ און געפייערט אַ סך נאַציאָנאַלע און אַרבעטער־יום־טובים, און דערמוטיקט דעם טיפן געפיל פון דערנעענטערונג צו די אוניווערסאַלע און נאַציאָנאַלע אידייען פון דעמאָקראַטיע פון פּעין און דזשעפערסאָן, פון לינקאָלן און וויטמאַן און מיטן גערעכטיקייט פון אַלבערט פּאַרסאָנס, דזשאָן בראַון און אַ סך אַנדערע, וואָס איבער זיי אַלעמען האָט זיך דערהויבן די ריזיקע „סטאַטוע פון פרייהייט“, וואָס האָט זיי אַמאָל באַגעגנט ביי די ברעגן פונעם נייעם לאַנד...

אמת, ניט אַלע דיכטער האָבן אָנגענומען אַמעריקע. אַ סך האָבן קעגן דער אידייע פון „אָננעמען“ געקעמפט און דורך זייער וואָרט ניט אויפגעהערט אויסצודריקן די בענקשאַפטן נאָכן טייערן „אַמאָל“, נאָך „דער היים“. עס וויינט שאַרקאַנסקי: „מאַמע מיינע, ווי מיט פייגל וואָלט איך די מינוט פליען צו מיין אַלטן וויגל“, און עס וויינט שמולעוויטש און ס'פאַרלאָזן ניט יוסף יפהן „עריבערונגען קינדערשע, הערלעכע נאָך לעבן אין האַרצן ביי מיר“. און אַ סך אַנדערע קענען זיך נאָך ניט באַפרייען פון די פעדים, וואָס בינדן צום עבר, סיי אין דער טעמע, סיי אין דער פאָרעם. און ווי אַנדערש האָט עס געקאָנט זיין, אַז ס'האָט נאָך ביי אַ סך אין די הערצער זיך אָפּגערופן דער רעפריין: „אָ, עליס איילאַנד! די גרענעץ פון פריילאַנד, ווי גרויזאַם, ווי שרעקלעך דו ביסט!“ (שמולעוויטש). אָבער די הויפּט־טעמע איז פאָרט אַמעריקע. אַמעריקע פון גרויסע מאַסשטאַבן. פון גרויסער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, פון ריזיקע שטעט און פילשטאָקיקע געביידעס, פון סאָבוועיס און בריקן, פון וועלט־אויסשטעלונגען, פון היסטאָרישע דענקמעלער, און פון דעם לעבן פון יידן אין אָט דער נייער וועלט, זייער לעבן אין שאַפּ, אין די טענעמענט־הייזער, אין זייער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ג.

אין דער זעלביקער צייט איז די עמיגראַציע קיין אַמעריקע שטענדיק געוואַקסן. אינאיינעם מיט זייערע אָרימע פעקלעך, האָבן זיי אויך אַהער געבראַכט דעם רייכן אוצר פון דער יידישער פאָלקס־שפּראַך, וואָס איז געווען פריש און שעפעריש. אָט דער שטראָם האָט אַהער אויך פאַרטראָגן גרויסע יידישע שרייבער און דיכטער, עלטערע, ייִנגערע און גאָר יונגע, וואָס האָבן ערשט דאָ אָנגעהויבן צו שאַפן און ווירקן, שאַפן גרופּירונגען, ליטעראַרישע ריכטונגען.

איך לייען די נעמען פון די ניי־צוגעקומענע, די דאַטעס פון זייער אָנקום קיין אַמעריקע, וואָס פאַר אַ גרויסע צאָל! אָט קומען די „יונגע“, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט אַ „רעוואָלוציע“ קעגן די איינגעשטעלטע קלאַסישע פאָרמען און אינהאַלטן פון דעם פריערדיקן דור דיכטער. זיי האָט זיך גע־

וואָלט לייגן דעם הויפּט־געוויכט אויף דער פרייער קינסטלערישער אַנט־פּלעקונג. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פּאַרוואַנדלען זייען „פּען” אין אַ מיטל צו „לערנען” זייערע לייענער, אָדער צו קעמפן מיט זייער וואָרט פאַר אַ וועלכן ס'איז סאָציאַלן יושר, אָדער פאַר אַ באַשטימטער אידייע, ווי עס האָבן געטאָן זייערע פאָרגייער אין אַמעריקע. זיי האָבן נאָר געוואָלט זוכן די ראַפינירטע אַנטפּלעקונג פונעם יידישן וואָרט גופא, צו פּאַרוואַנדלען דעם יידישן לשון אין אַ פיינעם אינסטרומענט, כדי טיפער אויסצודריקן די יחידישע מענטשלעכע איבערלעבונג. אָבער דאָס לעבן אין דער גרויס־שטאָט, דער גרויסער שפּעריש־רוישנדיקער קאָלעקטיוו, רייסט זיך אַריין אין זייערע לעבנס, שטעלט זיי אַוועק פּנים אל פּנים מיט דערווירקלעכקייט און צווינגט זיי צו עפענען אויג און אויער צו דעם אַרום. בלויז געציילטע באַוויזן אויסצולעבן זיך מיטן יחידישן ליד. די מערסטע רופן זיך אָפּ אין גרויסער פּאַרוואונדערונג פאַר אַלץ, וואָס זייער אויג דערזעט: די גאַסן און מויערן, דעם מאַסן־לעבן, און אפילו מאַני לייב זינגט אַן אָדע צו ניו־יאָרק:

„... פון דיינע נעכט דער גאָלד פון ליכטער,
איין ים צעצונדן אין איין ליכט:
מיליאָנען אויגן און געזיכטער,
וואָס וואַכן אין דיין אָנגעזיכט!
— — — — — — — — — — — — —
דיין יעדן פוס פון דיינע שטיינער
האָב איך געהייליקט מיט דיין גרויס!"

און מיט אים — ראובן אייזלאַנד, מ. ל. האַלפּערן, משה נאַדיר, י. י. שוואַרץ, י. קיסין און אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אָן דער ריכטונג „יונגע”. און כאָטש גרויסשטאָט איז דאָמינירנדיק אין זייער טע־מאַטיק, שרייבן שוין אַ סך פון זיי וועגן אַמעריקע בכלל. דער גרויס־אַמעריקאַנער פּייזאַזש רייסט זיך אַריין אין זייער וואָרט, ווי אַ פרישער שטראָם לופט פון די ברייטע פליינען פון דעם וויטן אַרום.

אויך די גרופּע „אינזיכיסטן” איז אין דער אַנטאָלאָגיע זייער גוט פאַר־טראָטן. אָט די גרופּע האָט דאָ אויך געבראַכט איר פּראָקלאַמירונג: דער אינהאַלט, די אידייע איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז בלויז די פאָרעם. זיי אינטערעסירט נאָר די ריין־יחידישע איבערלעבונג פונעם דיכטער. קיין זאַך אויף דער וועלט איז ניט וויכטיק, קיין שום געשעעניש, סיידן די גע־שעעניש רירט־אָן דירעקט דעם דיכטער אַליין און פּערזענלעך. אָבער אין די לידער פון בערנאַרד לואיס, אפּראַנעל, ראובן לודוויג שפּירט מען אַ פּראָטעסט ניט נאָר פון אַ יחידישן כאַראַקטער, נאָר אַ פּראָטעסט פון אַ ברייטן סאָציאַלן כאַראַקטער, און יעקב סטאָדאָלסקי וואָגט אפילו צו שרייבן אַ ליד וועגן דעבסן, אין וועלכן ער זאָגט:

„עפנט אויף די טויערן פון תפיסות
און לאָזט אַלע פאַרברעכער אַרויס —
און ווי ענלעך וועט איר זיין צו זיי —
און אונדז אַלע פאַרשפּאַרט,
אונדז אַלע."

די דעקלאַראַציעס סיי פון די „יונגע", סיי פון די „אינזיכיסטן" זיינען באַלד געבליבן ניט מער ווי ציטווייליקע מאַניפעסטאַציעס, ווייל די מערסטע האָבן, נאָך אונטערן קלאַנג פון דער אַבסטראַקטער פראַזעאָלאָגיע, שוין גע־זוכט אַרויסצושלייכן זיך פון דעם ראַם און אָנגעהויבן צו שאַפן אינדיווידועל, לויט זייער אייגענער וויזיע, טאַלאַנט און איינשטעלונג. ניט אַפּאַטאָשו, ניט ראַבאָי און אוודאי — ניט מ. ל. האַלפּערן און משה נאַדיר ביי די „יונגע" האָבן זיך געקאָנט איינהאַלטן אין דער באַגרענעצטקייט פון דער ליטעראַרישער פּראָזע. און אַזוי אויך אַ סך „אינזיכיסטן". און ס'האָט אַזוי געמוזט זיין, ווייל די דעקלאַראַציעס האָבן הינטער זיך און אין זיך ניט געהאַט קיין אַנהאַלט אינעם לעבן און דערפאַר ניט געטראָגן מיט זיך קיין לעבעדיקע אידייע פון רעאַליטעט. זיי האָבן לאַנג זיך ניט געקאָנט איינ־האַלטן אויף די וואַקלדיקע שטאַלצן פון אַן אַבסטראַקציע. און אַן אַן אידייע קאָן קיין קאָלעקטיוו שאַפן ניט געמאָלט זיין. דערפאַר האָבן זיי זיך באַלד צעשאָטן אויף זייערע טיילן, און יעדער שעפערישער טאַלאַנט האָט געמוזט „מאַכן שבת פאַר זיך."

ריכטונגען זיינען אויפגעקומען און ריכטונגען זיינען צעפאַלן. געבליבן איז איין גרויסע, יונגע, קרעפטיקע ליטעראַטור, וואָס איר ווירקונג האָט זיך גענומען אויסברייטערן איבער דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן און אויך באַווירקן אַ סך אַנדערע צענטערן אין דער גרויסער יידישער צעשפּרייטקייט. צווישן אַט דעם יונגן שעפערישן וואַלד האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געווירקט און זיך דערהויבן, ווי אַלט־איינגעוואָרצלטעביימער, אונדזערע קלאַסיקער און עלטערע דיכטער און שרייבער, וואָס האָבן אויך אין אַמעריקע געפונען אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַר זייערע שאַפונגען. אין דער אַנטאָלאָגיע געפינען מיר טאַקע זייערע נעמען: שלום־עליכם, שלום אַש, דר' חיים זשיטלאָווסקי, אברהם רייזען, ל. שאַפּיראָ, יונה ראָזענפעלד, פּרץ הירשביין א. אַנ. זיי אַלע, אַלע האָבן געווירקט און מיטגעשפּילט אין אַלע אַקטן פון דער דראַמע פון אונדזער לעבן אין אַמעריקע.

ד.

דאָס יידישע וואָרט־שאַפן איז אין משך פון דער ערשטער העלפט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט גאָר באַזונדערס שנעל און שטענדיק געוואַקסן. די דיכטער און שרייבער, זיינען אַזוי ווי די פּיאָנערן, אַלע אַהערגעקומענע (אַחוץ ר. ז. ליליען, כייקע אייבלסאָן און אהרן קרישטאַלקע),

איז פאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן מיט גרויס באַוואונדערונג באַזונגען און געשילדערט, פריער פון אַלץ, די שטאָט ניו־יאָרק מיט אירע „הימלקראַ־צערס", סאָבוועיס, טאַימס־סקווער, באָוערי און קוני־אײלאַנד. וועגן ניו־יאָרק האָבן אַלע דיכטער געשריבן אַ סך און מערסטנס אין פאָרמען פון אָדעס און דיפיראַמבן: „אָ, ניו יאָרק!..." ווער עס האָט אין אָט דער שטאָט געזען בלויז דעם „מאָנסטער", דעם מולך, וואָס פרעסט־אויף מענטשלעך לעבן, און ווער עס איז געשטאַנען אין גרויסער פאַרוואונדערונג פאַר אירע שיינקייטן, פאַר איר פילפעלקערדיקייט (נפתלי גראָס, מ. קיש). אָבער באַלד הייבט מען זיך אָן אַרומצוקוקן, אַז די טעמע פון אַלע טעמעס ווערט די גרויסע אַמעריקע. ס'איז דאָ שיקאַגע און סאַן פראַנציסקאָ, קענטאָקי, קאָלאָ־ראַדאָ און מעין, און פלאָרידע. פריער איז נאָר געווען דער האָדסאָן, אָבער איצט איז שוין געווען מיסיסיפּי און אפילו מאָנאַנגאַהילא (ביי סולן). גאַנץ אַמעריקע איז געוואָרען די טעמע, אַמעריקע פון רייכקייט, פון רעוואָלוצי־אָנערער טראַדיציע, פון אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, פון גרויסע וואַנדע־רונגען און פרייהייט־באַוועגונגען, פון יוניאָניזם, פון מאַגנאַט און לויך־שקלאַף, פון פּאָליטישן ביז שטאַטסמאַן. די ערשטע צו דערקענען און „אָנ־נעמען" אַמעריקע האָבן געמאַכט די דיכטער א. ליעסין און ה. רויזנבלאַט. אָבער אַלע, אַלע „נעמען שוין אָן" דאָס לאַנד פאַר „אַ היים". „אַמעריקע, מיין לאַנד" (ביי א. קורצן), „אונדזער לאַנד אַמעריקע" (ביי ז. ווינפּערן), „אַמעריקע, מיין היים" (ביי ב. גרין), „כ'האָב דיך ליב, לאַנד מיינס" (חנה סאַפּראַן), „אויף דיין ערד, אַמעריקע" (ב. וויינשטיין), און אַזוי ביי י. א. ראָנטש און ביי צענדליקער אַנדערע דיכטער און שרייבער. אַמעריקע, — איר וואוקס — אונדזער אייגענער וואוקס; איר שיינקייט — אונדזער שיינ־קייט; דאָס גוטע אין איר — אונדזער גוטס; דאָס שלעכטע אין איר — אונדזער צער, ווייל זי איז דעם שעפער געוואָרן נאָענט דורכן בלוט און טרערן פון די דורות יידן, וואָס האָבן דאָ געלעבט און צוגעטראָגן זייער חלק צו איר וואוקס, דורך אייגענער שווערער פּראַצע, דורך אייגענעם גרויסן קאַמף.

באַזונדערס אַ סך גיבן־אָפּ אַמעריקע די גרויסע צאָל פּראָלעטאַרישע דיכטער, וואָס האָבן דאָ פייערלעך פאַרבונדן זייער לעבן מיט דער אידעאָ־לאָגיע פונעם קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס. עס איז ניטאָ קיין איין וויכטיקע קאַמף־פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער זיי קעמפן ניט פאַר די גרויסע אידעאַלן פון דער מענטשהייט.

און עס הייבן זיך אָן צו דערנעענטערן צו זייערע אידעאַלן אַ סך פון די עלטערע דיכטער און שרייבער, וואָס האָבן פריער געשאַפן אויסשליס־לעך אויף אינדיווידועלע און אַלגעמיינע טעמעס. פריער מ. ל. האַלפּערן, מ. באָריישאַ, און נאָך זיי — א. ראַבאָי, ברוך גלאַזמאַן, ל. כאַנוקאָוו, ל. מילער, אהרן קורץ, צבי הירשקאַן, ז. ווינפּער און אַ סך אַנדערע. די „סאַקאָ און וואַנזעטי"־אָפּערע, די גרויסע סטרייקן אין די קוילן־מינעס, אין די שטאָל־

און אויטאָמאָביל־פאַבריקן און גאָר באַזונדער — די סטרייקן אין די אַזוי־גערופענע יידישע „טרעידס" האָבן דאָ געשאַפן אַן עפּאָכע פון „שטורעם און דראַנג."

דער באַרימטער „וואָל־סטריט" קראַך און די ביטערע יאָרן פון קריזיס, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויף די געליטענע מאַסן, האָבן אָוועקגעשטעלט די אַרבעטער־דיכטער און שרייבער אין פאָדערגרונט פון די געשעענישן. דער אַרבעטער ווערט אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם „באָס", דער עקספּלו־אַטירטער אַנטקעגן דעם אונטערדריקער. אייניקע באַגנוגענען זיך מיט סימפּאַטיע, מיט מיטלייד צו דעם באַעוולטן (ווי ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און ב. לאַפּין א. אַנ.). און די מערסטע — מיט גרויסן, סאַנגוויניש קעמפערישן דראַנג (ווי י. גרינשפּאַן, א. קורץ, מאַרטין בירנבוים, מ. שיפּריס, י. א. ראָנטש, כאַווער־פּאַווער, חיים פּלאָטקין, שלום שטערן, דאָרע טייטלבוים, שרה באַרקאַן, מ. א. סול און ממש צענדליקער נאָך). און נאָך אַנדערע האָבן אויסגעדריקט זייער צאָרן אין טיפן פּראָטעסט דורך זייער בייסיק־קילער סאַטירע (ווי ביי ש. לעוו און אַלטער עסעלין).

און די גרויסע אַרענע פאַר אָט דעם אַלעם איז נאָך אַלץ דער גרויסער ניו־יאָרקער צענטער. דאָ איז דאָס אינטענסיווע יידישע און אַלגעמיין לעבן. דאָ קומען פאָר די ספּעקטאַקולערע אַרבעטער־מאַרשן, הונגער־מאַרשן, פּי־קעט־ליינס. גלייכצייטיק קומט דאָ פאָר דער שטענדיקער קאַמף פאַר מינאָ־ריטעטן־רעכט, פאַר די רעכט פון דעם יידן און פאַר דעם נעגער. און אין דער גאָר נאָענטסטער צייט — די טענער פון אונדזער גרויסער טראַגעדיע אויף יענער זייט ים (מאיר שטיקער, דוד סעלצער א. אַנ.), די טראַגעדיע פון די ראָזענבערגס און ווילי מעק׳גי (ש. בודין, מ. א. סול, ב. ד. קאַרמאַן, בער גרין, א. קרישטאַלקע), — אַלץ, אַלץ, וואָס ס׳האָט נאָר אַ שייכות צו די סאַמע עסענצן פון לעבן און קאַמף פאַר יושר און אמת, פּרעדאָמינירט אינעם שאַפן פון אונדזערע דיכטער. אָט דער גייסט פון דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע ציט זיך כמעט פון דעם אָנהייב פון דער אַנטאָלאָגיע, און איר הויפּט־צייכן, דורך די הונדערטער זייטן, איז אַלע מאָל דער גרויסער גע־ראַנגל פאַר אמתער דעמאָקראַטיע און פאַרן פּראָגרעסיוון אײנשטעל פונעם אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז אויך דער תוך פונעם דריטן אַקט פון אונדזער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַמעריקע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איינטיילן פון אָט דער עפּאָכע אין דריי אַקטן איז בלויז אַ סימבאָלישע, ווייל עס קאָנען ניט זיין קיין ספּעציפישע צעטייל־גרענעצן אין אַזאַ דינאַמיש־פליסנדיקער צייט. עס זיינען ניטאָ קיין אָפּגע־זונדערטע צייט־אָפּשניטן, און אַלע געשעענישן בינדן זיך, גיסן זיך צונויף איינע מיט די אַנדערע און ווערן פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן גאַנצן, וואָס שאַפט אָט די דראַמע. און עס איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז קיין שום אַנטאָ־לאָגיע קאָן ניט געבן קיין פולע סומע פונעם גאַנצן, און עס איז דערפאַר

פאַרשטענדלעך, אַז דער גאַנצער אוצר פון אונדזער לעבן דאָ, פון וועלכן די אַנטאָלאָגיע גיט אונדז נאָר מוסטערן. אָבער אפילו דאָס איז אומגעהויער גרויס, אַזוי גרויס, אַז עס קאָן ווערן אַ טעמע ניט פאַר איין דראַמע, נאָר פון גאַנצע טרילאָגיעס און טעטראַלאָגיעס, אין וועלכע עס זאָל זיך קאָנען אָפּשפּיגלען דער גרויסער וואונדער פון איבערפלאַנצן פון אַזאַ גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק אויף אַ נייעם באָדן. אָבער אפילו דאָס וואָס עס איז געזאַמלט אין דער אַנטאָלאָגיע, אין פּראָזע, פּאָעמעס, באַלאַדעס און ליריק — דאָס אַלץ איז, אין זיך אַליין, אַ גרויסע אומשטערבלעכע עפּאָפּייע פון אַט דער עפּאָכע.

דערפאַר איז גאָר־גאָר איבעריק צו זאָגן, אַז די אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט" דאַרף זיך געפינען אין יעדער יידישער ביבליאָטעק, אין יעדער יידישער היים און דאַרף געלייענט ווערן, דאַרף שטענדיק זיין פאַרן אויג פונעם גוטן לייענער, וועמען עס איז ליב און טייער דאָס יידישע וואָרט.

נחמן מייזיל און דער איקוף האָבן פאַר אונדז אויפגעטאָן אַ היסטאָרישע אַרבעט, וואָס וועט זיכער געפינען אָנערקענונג צווישן אַלעמען, וועמען עס איז טייער דאָס יידישע וואָרט.

1955

פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג

(צו דעם אַמעריקאַנער יידישן קולטור־צוזאַמענפאָר)

די יידיש־וועלטלעכע שול אין אַמעריקע, וואָס איר גרונט־יסוד איז אַוועקגעלייגט געוואָרן מיט איבער 35 יאָר צוריק, שטייט איצט פאַר אַ ריי זייערע שווערע פּראָבלעמען.

די פּראָבלעמען זיינען אויפגעקומען ניט אַזוי צוליבן וואוקס, אָדער צוליבן צוריקפאַל אין דער אַנטוויקלונג פונעם שול־וועזן גופא, ווי צוליב די גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען אין משך פון דער צייט פאָרגעקומען אינעם סאָציאַלן און אידעאָלאָגישן איינשטעל אין לעבן פון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע.

לאָמיר זען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

פריער, ביים סאַמע אָנהייב פון אויפקום פון די שולן, און יאָרן שפּעטער, איז דער עלעמענט עלטערן, וואָס האָט געשיקט די קינדער אין דער יידישער שול, געווען כמעט אויסשליסלעך אַן אימיגראַנטישער. די עלטערן זיינען געקומען פון דער „אַלטער היים". זיי האָבן נאָך אין די גרענעצן פון זייער היים און משפחה איינגעהאַלטן די יידישע שפּראַך און אפילו געוויסע עלע־מענטאַרע פאָרמען פון אַלטן, איינגעוואָרצלטן שטייגער־לעבן. אָט די סימנים האָט מען געפונען אויך אין דער ראַדיקאַלער היים, וואָס האָט אינגאַנצן אָפּ־געוואָרפן די רעליגיעזע צערעמאָניאַלן פונעם פריערדיקן דור. די קינדער האָבן נאָך טיילוויז אַליין גערעדט די שפּראַך פון זייערע עלטערן און האָבן זיך, אויך טיילוויז, אַליין אויסגעלעבט אין דער ספערע פון געוויסע נאַציאָ־נאַלע סימבאָלן — וואו מער און וואו ווייניקער. אַזעלכע קינדער, ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין דער יידישער שול, האָבן פאַרמאָגט אַ געוויסן איי־גענעם באַגאַזש פון יידיש־וויסן. זיי האָבן געקענט די שפּראַך. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך געוויסע פאָרמען פון יידישן לעבן, וועלכע זיי האָבן אײ־בערגענומען פון דער היים. די שול האָט נאָר באַדאַרפט אַריינברענגען קלאָרקייט און באַוואוסטזיין. די שול האָט באַדאַרפט באַרייכערן דעם קינדס שפּראַך דורך פיינע ליטעראַרישע מוסטערן פון יידישן שאַפן, באַקענען אים מיט דער געשיכטע פון זיין פאָלק, מיט די הערלעכע פערזענלעכקייטן און העלדן, וואָס האָבן באַווירקט דאָס יידישע לעבן דורך אַלע דורות, און באַטאָנען דעם אידעאָלאָגישן איינשטעל פון דער שול־סיסטעם.

דערביי זיינען צווישן דער היים און דער שול געווען אַ סך קעגנטיקע באַריר־פּונקטן, וואָס האָבן קעגנזייטיק דערגאַנצט די דערציאונג פונעם קינד. די שול איז, אַזוי צו זאָגן, געווען זיין צווייטע היים, אַ וואַרעמע היים, וואו דער לערער און דאָס קינד האָבן זיך אויסגעלעבט אין דער שול און אויסער דער שול אין און דערזעלביקער ספערע, אין דער נשמהדיקער נאָענט־קייט פון אמתע יידישע ווערטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ קעגנזייטיקן עמאָציאָנעלן אָפּרוף, וואָס האָט געקענט זיין דויערנדיק און אַפילו, ביז אַ געוויסן גראַד, אויך שעפעריש. ווייל, נאָך אַלעמען, איז דאָך דער ציל פון אַלע צילן אין דער דערציאונג — דאָס באַוואוסטזיניקע שטרעבן צו פאַר־בינדן דאָס יידישע קינד מיטן יידישן פאָלק, מיט זיינע אידעאַלן, שטימונגען, צו פאַרבינדן אים מיט אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט, מיט זייער קולטור, מיט זייער גורל אויף דער וועלט.

איצט איז אָבער די יידישע היים, באַזונדערס — די יידישע ראַדיקאַלע היים — גאַנץ, אָדער האַלב, אַמעריקאַניזירט (אין דעם ערגערן זין פון וואָרט). זי האָט זיך אויסגעליידיקט כמעט פון אַלע יידישע ווערטן. אין איר איז שוין כמעט ניטאָ די יידישע שפּראַך, דער יידישער נאַציאָנאַלער סימבאָל, אָדער אַ וועלכער עס איז אַנדער בוילעטער סימן פון יידישער אָנגעהערי־קייט. שוין אָפּגערעדט פונעם צווייטן דור הי־געבוירענע עלטערן, וואָס האָבן לכתחילה דאָס ביסל יידישקייט, וואָס זיי האָבן געירשנט פונעם פרי־ערדיקן דור, אין הויז אין גאַנצן ניט אַריינגעלאָזט. ס׳איז נאָר געבליבן דער ווייניק־באַוואוסטזיניקער, צו קיין זאַך ניט בינדנדיקער, באַדינג פון אַב־סטראַקטער אָנגעהעריקייט.

אָבער שוין אַפילו אָט די אַבסטראַקטע אָנגעהעריקייט גיט נאָך אַ היפּשע צאָל עלטערן געגוג ווילן צו שיקן זייערע קינדער אין דער יידישער שול. דערפאַר, אַז אַזאַ קינד קומט שוין אַריין אין דער שול, קומט ער גייס־טיק „הויל־נאַקעט״, ווי „די מאַמע האָט אים געהאַט״, אָן דער שפּראַך, אָן אַ געפיל פון וועלכער עס איז נאָענטקייט. די עלטערן, וואָס האָבן אים באַ־גלייט אין שול, האָבן אים קיין זאַך ניט מיטגעגעבן, וואָס זאָל קענען אין שול באַרייכערט ווערן, פאַרשענערט ווערן. דער לערער אין שול ווערט גע־שטעלט אין אַ געצוואונגענער לאַגע אָנצוהייבן פון סאַמע אָנהייב: צו קנעלן, אויסצולערנען צו פאַרשטיין און נאָכדעם אַביסל צו רעדן יידיש, כדי בכלל אויף וועלכן עס איז אופן אָנצוהייבן די לימודים פון דער שול. דאָס אויס־לערנען רעדן אַזאַ קינד איז באמת אַ מאַטערניש. ס׳מאַטערט זיך דער לע־רער און ס׳מאַטערט זיך דאָס קינד. און צו דערציען דאָס קינד ווערט אַ שווערע, כמעט אוממעגלעכע אויפגאַבע אפילו פאַרן דערפאַרענעם און אי־דעאַליסטישן לערער.

באַלד פון אָנהייב איז דער לערער געצוואונגען צו מאַכן קאָמפּראָמיסן, אין דער ערשטער ריי — צו ענגליש. די שול ווערט אַ צוויי־שפּראַכיקע.

דער ענין דערציאונג ווערט אָפּגערוקט אויפן צווייטן אָרט. און קיין קאָנ־טאַקט מיט דער היים, מיט די עלטערן, איז דאָך אוודאי ניטאָ. איז שוין נאַטירלעך, אַז די רעזולטאַטן זאָלן זיין קליינע. קלענער זיינען זיי אויך דערפאַר, וואָס דער נייער טיפּ עלטערן באַנוגנט זיך מיטן סאַמע מיני־מאַלסטן. זיי האָבן דאָך דאָס קינד אַריינגעגעבן אין דער שול נאָר צו באַ־רואיקן דאָס געוויסן... דאָס אַלץ איז גורם דעם פאַקט, וואָס אין שול קומען און פאַלן־אָפּ קינדער, ניט באַווייזנדיק צו פאַרענדיקן אפילו זייער עלעמענטאַרע דערציאונג. און אין רעזולטאַט זעט מען טאַקע, אַז בלויז אַרום צען פּראָצענט (און אפשר ווייניקער) גראַדואירן די שול און גאָר אַ נישטיקער פּראָצענט טרעט אַריין אין די מיטל־שולן. און אויך דאָס איז נאָר צו פאַרדאַנקען דער עקשנות פון די לערערס.

מיט איין וואָרט: אָנשטאָט די היים און די שול זאָלן איינע די אַנדערע דערגאַנצן און זיין איין קאַטעגאָריע אין דער דערציאונג, זיינען זיי געוואָרן צוויי באַזונדערע, אפילו קעגנזעצלעכע, קאַטעגאָריעס: דאָס ביסל דערצי־אונג, וואָס דאָס קינד קריגט אין דער שול, ווערט סיסטעמאַטיש אָפּגעטויט אין דער היים דורך דער אָפּוועזנקייט פון אַ וועלכער עס איז קולטורעלער יידישקייט און אין אַ סך פאַלן — דורך דער פולער נעגאַציע פון יידישע ווערטן.

אַז אַזאַ לאַגע קאָן פירן צו די סאַמע טרויעריקסטע רעזולטאַטן אינעם וועלטלעכן שול־וועזן, איז שוין קלאָר ניט נאָר פאַר די לערערס, נאָר אויך פאַר דער אַקטיווער טוערשאַפט. און זיי זיינען עס טאַקע איצט די, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון יידישער דערציאונג אויף דער טאָג־אָרדענונג אין איר גאַנצער שאַרפקייט, ווי אַ פראַגע פון קיום, אַ פראַגע פון לעבן און טויט אינעם לעבן פון וועלטלעכן ייד, פאַרן יחיד און פאַרן כלל.

אויף דער פּראָגראַם פון אַרבעט פאַר יידישער דערציאונג איז, נאַ־טירלעך, די יידישע שפּראַך אין פאָדערגרונט. יידיש — דאָס איז אַן אימ־פּעראַטיוו. עס קאָן ניט זיין קיין פולע יידישע דערציאונג אָן יידיש. אין אָט דער שפּראַך ליגט איינגעוואָרצלט די דערפאַרונג פון לאַנגע דורות פון אונדזער פאָלק. אין איר ליגט דער כוח, וואָס האָט באַווירקט אונדזער לעבן דורך הונדערטער יאָרן. זי איז באַווירקט געוואָרן פון לעבן און האָט אַליין באַווירקט דאָס לעבן פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. און אמתע פאָלקס־שעפע־רישקייט קאָן קומען נאָר אין דער אייגענער שפּראַך, אין דער שפּראַך, אויף וועלכער דער יחיד און דער כלל לעבט זיך אויס אין דער נאָענטסטער, אינטימסטער איבערלעבונג. יידישע שעפערישקייט קאָן קומען נאָר פון דער נשמהדיקער פאַרבינדונג מיט אַ המשכדיקן לעבנס־נוסח, וואָס דאָס פאָלק טראָגט אין זיך דורך אָנגעזאַמלטע קולטור־אוצרות. און כאָטש אונדזער לעבן איז אומעטום און אַלע מאָל געווען אונטערוואָפן דעם גורל צו לעבן אויף צוויי שפּראַכן (און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז גראַד די צוויי־שפּראַכיקייט

האָט באַרייכערט און באַווירקט צו ברייטערער אַנטוויקלונג פון גייסטיקן מהות פונעם יחיד און כלל). האָט זיך אָבער דער ייד נאַציאָנאַל־קולטורעל אויסגעלעבט נאָר אין יידיש. ס'איז אַלע מאָל געוועזן אַן אונטערשייד אין וואָס דער ייד האָט זיך אויסגעלעבט אין יידיש און אין וואָס — אויף דער צווייטער שפּראַך.

דאָ אין אַמעריקע איז אָבער געוואָרן אַ געפאַר, אַז גראָד די ענגלישע שפּראַך זאָל אינגאַנצן אָפּווישן יידיש, וואָס איז — און ס'קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין — די שפּראַך פון אונדזער המשכדיקייט. ס'איז דעריבער ניט קיין קאַמף קעגן צוויי־שפּראַכיקייט, נאָר אַ קאַמף פאַר לעבן, פאַר קיום. ס'איז דער קאַמף פאַר איינשטעלן גרענעצן צווישן די צוויי שפּראַכן אַזוי, אַז ענגליש זאָל אויספילן די פונקציעס אין איין ספערע פון לעבן און יידיש — אויסשליסלעך אין דער ספערע פון קיום.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויבן, ווערט איצט געפירט אַ העפטיקע דיסקוסיע אין אַלע קרייזן פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג. עס ווערן אָפּן איבערגעשאַצט ווערטן און אפילו רעווידירט פּראָגראַמען. ניט נאָר ווערן געשטעלט פראַגן, נאָר ס'ווערט געזוכט פאַר זיי אַ פולע פאַרענטפערונג. אויף פּעדאַגאָגישע קאָנפערענצן פון טוערס און לערערס שטייען דרינגענדיקע פּראָבלעמען, וואָס זוכן פאַר זיך אַ באַלדיקע ליייזונג.

אין די ראַמען פון אָט דעם אַרטיקל וועט אוממעגלעך זיין אָפּצושטעלן זיך באריכות אויף אַלע פאָרמולעס, פאָרשלאָגן, רעקאָמענדאַציעס, ווענדונגען און אָפּוועגדונגען.

דאָ וועט זיין גענוג אָפּצושטעלן זיך בקיצור אויף די הויפּט־פּראָבלעמען:

די יידישע היים. דאָס איז ניט נאָר די פּראָבלעם פון דער שול אַליין, נאָר אויך די הויפּט־פּראָבלעם פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע, פון דעם יידישן קולטור־לעבן בכלל. ס'איז די פּראָבלעם פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס קאָן דאָ ניט געפינען קיין לייענער און וואָס קאָן אויך שפּעטער ניט געפינען אינעם יידישן לעבן קיין באַ־שטימטע פאָרמען, וואָס זאָלן זיך לאָזן פאַרפיקסירן אין אַ קינסטלערישן ווערק צוליב דער סאָציאַלער צערודערטקייט און פנימלאָזיקייט.

פּראָבלעם פון יידישער דערציאונג בכלל. פון וואָס זאָל זיך אָנהייבן די דערציאונג פון יידישן קינד? — פון דערלערנען פריער דאָס יידישע לשון — ווי ס'איז געוועזן ביז איצט, — און ערשט נאָכדעם צוקומען צו די דערציערישע עלעמענטן, אָדער, פאַרקערט, אָנהייבן גראָד לכתחילה מיט דער דערציאונג, וואָס זאָל אינעם קינד אויפוועקן מיט דער צייט אַ דראַנג צו דערווערבן דאָס יידישע לשון? דערציען דאָס קינד אַזוי, אַז עס זאָל ליב באַקומען דאָס יידישע פאָלק און, שוין צוליב דעם אַליין, באַהעפטן זיך מיט

זיין שפּראַך. דאָס הייסט, כדי דאָס קינד זאָל אָנהייבן ליב צו האָבן דאָס פאָלק, זאָל מען אין אים דערוועקן דורך געפיל, דורך עמאָציאָנעלער אויסלעבונג, די קענטיקע סימנים פון אונדזער אַנדערשקייט.

לערערשאַפט און טוערשאַפט. אונדזער לערער, דאָס רוב אַ לאַנג־יאָריקער טוער און לערער אין די שולן, האָט זיך ווייניק געביטן. זיין פירונג, זיינע מעטאָדן זיינען געבליבן די זעלביקע אין דער צייט, וואָס אין דער סביבה, וואָס רינגלט אַרום די שול, זיינען פאָרגעקומען גוואַלדיקע ענדערונגען. נייע לערערס, דערצו — הי־געבוירענע, קומען ווייניק צו. און דאָס ביסל, וואָס איז יאָ צוגעקומען, זיינען נאָך אַלץ ניט פונעם אידעאַלן טיפּ. צו דעם קומט נאָך צו דער טרויעריקער פאַקט, וואָס ס'איז בכלל שטענדיק פאַראַן אַ מאַנגל אין לערערס. צוליב דעם ווערן אָפט שולן צוגעמאַכט און עס קאָנען זיך קיין נייע ניט עפענען. דער זעלביקער מאַנגל פילט זיך אויך אין טוערשאַפט. די איבערגעגעבענע, געטרייע און באמת אידעאַליסטישע טוער זיינען עלטער געוואָרן. זיי זיינען מיד. זיי האַלטן זיך נאָך ביי די שולן אַדאַנק דעם אַלטן אידעאַליזם. קיין נייע טוער קומען ניט צו. דער נייער טוער, וואָס וועט דאַרפן קומען, וועט מוזן זיין גאָר פון אַן אַנדער טיפּ, פון אַן אַנדער קאַטעגאָריע — אַן אַמעריקאַנער ייד, וואָס זאָל קאָנען שטיין אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער אַמעריקאַנער יידישער עלטערנשאַפט און קאָנען, אין דער זעלביקער צייט, געפינען די נויטיקע פאַרבינדונגס־פעדים, וואָס זיינען נויטיק צו פאַרבינדן דעם נייעם דור מיט זיין עבר, מיט די אידעאַלן, וועלכע ער זאָל קאָנען טראָגן אין דער צוקונפט אַריין.

שול־לאָקאַלן. אונדזער וועלטלעכע שול האָט זיך אַלע מאָל געפונען אין זייער אָרימע, ניט־צוגעפּאַסטע דירות. אַ „בעיסמענט”, אַ קראָם, אַ פאַרלאָזטער „פלעט”, אַ מיטינג־לאָקאַל — דאָס אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלאַס־צימער פאַר דער מאָדערנער שול. אַזעלכע שולן שטויסן־אָפּ דעם נייעם טיפּ טאַטע־מאַמע און קאָנען אוודאי ניט צוציען די קינדער אָדער אַרויסרופן ביי זיי דרך־ארץ. די ענגשאַפט דערלויבט ניט איינצושטעלן אַ סיסטעם פון צוויי אָדער מער לערערס, מיט צימערן פאַר צוגאָב־טעטיקייטן. דאָס רופט זיך אָפּ שלעכט אויף דער רעגיסטראַציע, דערלאָזט ניט דעם וואוקס פון דער שול.

טענדענץ פאַר נאָרמאַלע שולן. אָט די טענדענץ האָט געיערט אַ סך יאָרן אין דעם באַוואוסטזיין פון אַ סך לערערס און טוערס. די, וואָס האָבן ערנסט געטראַכט וועגן דעם יידישן שול־וועזן, האָבן אַלע מאָל געוואוסט, אַז די „צוגאָב־שולן” וועלן בשום אופן ניט קאָנען פאַרענטפערן די גאַנצע נויט פון יידישער דערציאונג. פריער האָט מען געזוכט מיטלען צו פאַרוואַנדלען די דריי־טאָגיקע שול אין אַ פינף־טאָגיקער. נאָך שפּעטער האָט מען איינגעזען, אַז פינף שעה אַ וואָך איז אויך ווייט ניט גענוג. מ'האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרלענגערן די שעה אויף אַ שעה־און־אַ־האַלב און אפילו אויף צוויי שעה, וואו ס'איז דאָ

אַ סיסטעם פון צוויי אָדער מער לערערס. איצט ווערט שוין געלייגט דער פונ־דאַמענט פון דער ערשטער נאָרמאַלער שול אין ניו־יאָרק („כנרת”), ביי די פּאַר־באַנד־שולן. אויך דער שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט האָט אויף זיין לעצטער קאָנפערענץ אָנגענומען פעסטע באַשלוסן צו בויען אייגענע גרעסערע בנינים פאַר די שולן מיטן אויסבליק צו פאַרוואַנדלען זיי מיט דער צייט אין נאָרמאַלע טאָג־שולן.

צו אָט די אָנגעוואָרפענע גרונט־פּראָבלעמען אויפן וועג צו אַן אויסגע־ברייטערטער אַרבעט אין דער יידישער דערציאונג גייען, פאַרשטייט זיך, אַריין אַנדערע, וואָס זיינען אַ פּועל־יוצא פון די אויבנדערמאָנטע: קינדערגאָרטנס און פאַרשול־קלאַסן, כדי די דערציאונג פון יידישן קינד זאָל זיך אָנהייבן פריער און אויף אַ נאָרמאַלן אופן; יוגנט־קלובן און געזעלשאַפטן, כדי סטודענטן, וואָס פאַרענדיקן אונדזערע מיטלשולן, זאָלן ניט אָפּגעריסן ווערן פון די ספערן פון יידישער קולטור, און, ס׳פאַרשטייט זיך, דער גאַנצער שלל פּעדאַגאָגישע, מעטאָדישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער אויס־געברייטערטער אַרבעט אין און אַרום אונדזער שול.

בקיצור: די יידישע שול שטייט איצט ניט נאָר אויפן שוועל פון רעוואָלו־ציאָנערע ענדערונגען, נאָר אפשר אויך פאַר אַ נייעם אָנהייב, וואָס וועט אפשר ברענגען בעסערע רעזולטאַטן.

מ׳מוז ווידעראַמאָל באַטאָנען דאָס וואָס ס׳איז גענוג קלאָר: כדי צו קאָנען לייזן אָט די אַלע גרויסע און וויכטיקע פּראָבלעמען, איז וויכטיק קודם־כל צו שאַפן אין מאָל פאַר אַלעמאָל אַ געמיינזאַמען קולטור־פראָנט, וואָס אין דער ערשטער ריי וואָלטן מיר אָוועקגעשטעלט פאַר אים די פראַגן פונעם יידישן שול־וועזן אין אַמעריקע.

און דאָס דאַרף זיין אַן ענין פאַר ערנסטער האַנדלונג אויפן אַמעריקאַנער יידישן קולטור־צוזאַמענפאַר.

1947

י. ל. פּרץ אין דער וועלטלעכער שול

א.

י. ל. פּרץ ווערט אַ סך און מיט אינטערעס געלייענט און געלערנט אין אונדזער וועלטלעכער שול אין אַמעריקע. אינאיינעם מיט שלום־עליכמען פאַרנעמט ער דעם סאַמע אָנגעזעענסטן אָרט אין די טעקסט־ביכער און כרעס־טאָמאַטיעס, וואָס די פאַרשיידענע ריכטונגען אין אונדזער שול־וועזן האָבן ביז איצט אַרויסגעגעבן, און די תלמידים פון דער עלעמענטאַרער שול, אַזוי גוט ווי די סטודענטן פון די מיטלשולן, לייענען זיינע ווערק מיט וואַרעמער פאַראינטערעסירטקייט און התמדה.

צום שבח פון אונדזערע כרעסטאָמאַטיע־צונויפשטעלער מוז געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר דעם „אַרכאַאישן" כאַראַקטער פון דער פּרצישער טעמע און טיפּאַזש, פאַר דער פרעמדלעכער סביבה, וואָס ער שילדערט אין זיינע ווערק, און האָבן אָפּגעקליבן פאַר דער שול כמעט דאָס סאַמע בעסטע, סיי פון זיינע חסידישע, סיי פון די פאָלקסטימלעכע געשיכטן און סיי פון זיינע רעאַליסטישע ווערק.

אונדזער שול האָט פון אָנהייב־אָן זיך געשטעלט ווי אַן ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע צו באַקענען אונדזערע קינדער מיט די בעסטע שאַפונגען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, און איבערהויפּט — מיט די בעסטע מוסטערן פון אונדזערע קלאַסיקער. נאָך מער: זי האָט באַוואוסטזיניק געזוכט צו געבן אַזעלכע ווערק, וואָס זאָלן וועקן אינעם יידישן קינד אַ טיפערן אינטערעס פאַרן יידישן לעבן, אַרויסהייבן אין די אויגן פון דער אַמעריקאַנער יוגנט יענע מוסטערן פון אונדזער ליטעראַרישן אוצר, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אי אַ גרויסן קינסטלערישן ווערט, אי אַ גרויסן מאָראַלישן מהות. עס איז געוואָרן די העכסטע אויפגאַבע פון אונדזער שול ניט נאָר צו געבן די שיינע מעשה, די פאַרווילערישע דערציילונג, נאָר, הויפּטזעכלעך, צו געבן אַ גייסטרייכע גאַלערייע פון געשטאַלטן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זאָל אַנטפּלעקן אַ העכערן עטישן טיפּ ייד, אַ טיפערן אויסדרוק פון אונדזער לעבן און פון אונדזער לאַנד.

צווישן די יידישע קלאַסיקער איז י. ל. פּרץ אפשר דער סאַמע קלאָר־סטער פאַרקערפּערער פון אידייאישער געשטאַלטיקייט. ער שטעלט אַוועק זיינע כאַראַקטערן אין קלאָרע, ניט־געקינצלטע סיטואַציעס, וויקלט פאַ־

נאַנדער אָפּענע פּערספּעקטיוון און ברענגט זיין דערציילונג, אינאיינעם מיט זיין לייענער, צו פאַרכאַפּנדיקע קלימאַקסן. און ס'איז דעריבער פאַרשטענד־לעך, וואָס גראַד פּרץ, וואָס פאַרנעמט זיך אין אַ סך פון זיינע דערציילונגען מיט גאַנץ־קאָמפּליצירטע פּסיכאָלאָגישע און דענקערישע גריבלענישן, מיט אַ צוגאָב פון אַ פרעמדלעכן פּייזאַזש און סביבה, פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פונעם אַמעריקאַנער קינד. פּרץ איז אַ ראָמאַנטיקער, וואָס שטייט אַלע מאָל פעסט אויפן רעאַלן באָדן. און וועלכע שפּרונגען ער זאָל ניט מאַכן אין סאַמע וויטסטע מרחקים פון סימבאָליק, איז ער שטענדיק פאַרוואָרצלט אין די רעאַלע אמתן פון דער נאָענטסטער מענטשלעכערווירקלעכקייט דורך בילד און סיטואַציע. די קאָמפּליצירטסטע געדאַנקלעכקייט ווערט ביי אים גע־שטאַלטיקט אין די פּשוטסטע פאָרמען פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט.

פּרץ דערציילט אַ מעשה אַזוי ווי קינדער האָבן זי ליב צו הערן. ער וויכט ניט אָפּ פון איר צענטראַלן פּונקט, לאָזט זיך ניט אַוועק אויף זייטיקע וועגן, פאַרנעפּלט ניט די מעשה מיט איבעריקע שילדערונגען. ער איז קאָנ־צענטרירט און האַלט דעם אינטערעס מיטן אימפּעטיק־איינגעהאַלטענעם אָטעם, מיטן ספּעציפישן פּרצישן אופן פון דערציילן, אַזוי ווי ער וואָלט דערביי אַריינגעקוקט דעם לייענער אין די אויגן און צוגעהאַלטן דעם צוהע־רער ביי אַ לאַץ... דערצו פאַרענדיקט זיך זיין דערציילונג מיט אַ „מאָראַל״, וואָס קינדער האָבן ליב. די קינדער האָבן ליב צו „דרינגען״ עפּעס פון אַ מעשה און אפילו לערנען. און פּרצעס אַ מעשה, אָדער אַ דערציילונג, „זאָגט״ עפּעס, לאָזט איבער עפּעס צו פאַרגעדענקען און צו טראָגן אין לעבן אַריין.

און פאַר דעם לערער אין קלאַס איז פּרצעס אַ דערציילונג שטענדיק אַ קוואַל פון פאַרלענגערטע שמועסן און דיסקוסיעס. אין זיין דערציילונג איז אַלעמאָל צו געפינען אַ גרויסע, אַן אויסערגעוויינלעכע טאַט, אָדער אַן אידייע, וואָס כאַראַקטעריזירט אַן אויסערגעוויינלעכן מענטשן. און פּרץ אַליין, זיין קינסטלערישע און אידייאישע פּערזענלעכקייט, איז כמעט אַלע מאָל אַ דאַנקבאַרע טעמע פאַר אַ שמועס. דער לערער, אויב ער איז אַ ליב־האָבער פון דער יידישער ליטעראַטור און אַ קענער פון פּרצעס שאַפן, האָט כמעט אַלע מאָל אַ געלעגנהייט צו דערציילן אַ סך וועגן פּרצן אי אַלס שרייבער אי אַלס מענטש. ער קאָן באַקענען מיט פּרצעס ווירקונג אויף דער יידישער ליטעראַטור, זיין פאָטערלעכע באַציאונג צו דער גאַנצער פּלעיאַדע יונגע דיכטער און שרייבער פון זיין צייט, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן די וויכטיקסטע טרעגער און שאַפער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור פון דער היינטיקער צייט.

ב.

אונדזער וועלטלעכע שול אין אַמעריקע איז אַ פּראָדוקט פון יענע סאָצי־אַלע און פּאָליטישע שטרעמונגען אינעם יידישן לעבן, וואָס זיינען אויפגע־קומען אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט אין אַמאָליקן רוסלאַנד און וואָס זיינען

אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין אַמעריקע אינאיינעם מיטן גרויסן אימיגראַ־ציע־שטראָם פאַר דער ערשטער מלחמה און אויך אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה. אַרום די שולן האָט זיך גרופּירט אַ פּאָליטיש־באַוואוסט־זיניקער עלעמענט, וועלכער האָט געוואָלט בויען אַזאַ מאָדערנע יידישע שול, אין וועלכער דער אויפוואַקסנדיקער דור זאָל, אינאיינעם מיט די אַלגעמיינע לימודים, אויך אַריינזאַפּן אין זיך די העכערע פּרינציפּן, פאַר וועלכע ער אַליין האָט געקעמפט מיט לייב און לעבן און וואָס האָבן אים דערנעענטערט צו די עטישע, עסטעטישע און סאָציאַלע ווערטן פון דער יידישער קולטור.

איז שוין געווען נאַטירלעך פאַר די צוזאַמענשטעלער פון אונדזערע כרעסטאָמאַטיעס אויך צו געבן פון אונדזער ליטעראַטור אַזעלכע ווערק, וואָס זאָלן אין זיך טראָגן די עלעמענטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך אַמשטאַרקסטן אין די ווערק פון די שרייבער. ביי פּרצן האָט דער צוזאַמענשטעלער געפונען אַ שלל נויטיקע מאַטעריאַלן. ביי אים האָט ער געפונען נויט און קאַמף, אָרימשאַפט און אַרבעט, ייד און גוי, יידישע מאָראַל, יידישע דערהויבנקייט און יידישע געפּאַלנקייט, יידישער צער און יידישער צאָרן, יידישער און בכלל מענטשלעכער פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אונטערדריקונג. ביי פּרצן האָט מען אויך געקאָנט געפינען טרייסט און האָפענונג, און גלויבן.

אָט די אַלע עלעמענטן געפינט מען ניט נאָר אין די ווערק, אין וועלכע פּרץ שילדערט אָרימקייט און קאַמף. די עלעמענטן זיינען צעוואָרפן איבער אַלע ווערק, אין אַלע פאַרשיידנאַרטיקע זשאַנרען פון זיין קינסטלערישן אויסדרוק, סיי אין זיינע רעאַליסטישע ווערק, סיי אין זיינע ראָמאַנטיש־סימבאָליסטישע. ווי רייך און פאַרשיידנאַרטיק ער איז אין זיין טעמאַטיק, אַזוי איז ער רייך אין די פאָרמען פון זיין אויסדרוק. אַ רעאַליסט און סאַ־טיריקער, אַ ראָמאַנטיקער און אַ סימבאָליקער — אומעטום איז פּרץ פאַר־וויקלט אין אַן אידייאישן געראַנגל, וואָס איז דער געראַנגל פון דעם מענטשן פאַר העכערע ווערטן אויף דער וועלט.

אין דער נויט און אָרימקייט פון די ברייטע יידישע מאַסן האָט ער גע־פונען דעם יידישן פאָלקס־מענטשן און האָט אים דערהויבן ביז אַ סימבאָל. ער האָט אָט דעם מענטשן אויפגעהויבן פון דעם שטויב פון דער ערד, האָט אים אויפגעהויבן ביז די הימלען און ביזן סאַמע כסא־הכבוד אפילו. ער האָט אין די פינצטערסטע ווינקלען פון מענטשלעכער דחקות פון די קעלער־שטובן אַנטדעקט נייע קוואַלן פון מענטשלעכער ליבשאַפט און מסירת נפש. פּרצעס ליבשאַפט און באַוואונדערונג פונעם פּשוטן מענטשן האָט זיך פון דאַן אָן אָנגעהויבן שפּרייטן דורך וואָרט און דורך טאַט איבער דעם משפּחה־לעבן פון די אָרימע פאָלקס־מענטשן, איבערן יידישן קינד, פאַר וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אַ סך לירישע לידער און דערציילונגען.

דערפאַר האָבן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן דערפילט אין פּרצן אַן אייגענעם, אַ נאָענטן שרייבער. זיי האָבן הויך געטראָגן די פאַרערונג פאַר

אים, ווי פאַר דער גרויסער פערזענלעכקייט, וואָס האָט מיט זיין רייכער שעפערישקייט אויסגעדריקט אַמבוילעטסטן זייערע אידעאַלן. ביי זיין לעבן און אויך נאָך זיין טויט האָבן זיי געטראָגן זיין וואָרט אין די טיפענישן פון זייער גייסטיקן לעבן, ווי אַ טייערן אוצר. און ס'איז געוועז נאַטירלעך, וואָס די יידישע שול, אַ קינד פון די אויפגעוואַכטע, באַוואוסטזיניקע אינטע־ליגענטע פאָלקס־מאַסן, זאָל אַריינעמען זיינע ווערק אין אירע ליטעראַטור־פּראָגראַמען.

ג.

איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען אין דער דערציאונג פון דעם אַמעריקאַנער יידישן קינד איז דער פּרוואו איינצופלאַנצן אין אים אַ געפיל פון קאָנטינואיטעט פונעם יידישן לעבן, אויפבויען אַ בריק צווישן דעם עבר און דעם היינט.

מ'קאָן לייכט דערקלערן און אָפּשאַצן פאַר די תלמידים די נאַציאָנאַלע ווערטן פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. מ'קאָן אויך גאַנץ לייכט דער־קלערן און אָפּשאַצן געוויסע סאָציאַלע עלעמענטן אין דער יידישער גע־שיכטע. נאָך לייכטער איז צו באַקענען דאָס קינד מיט טראַדיציאָנעלער יידישקייט, וועלכע דאָס קינד קאָן אגב אַליין אָנטרעפן דאָ און דאָרטן אויף דער יידישער גאַס. יעדער לערער וועט אייך אָבער זאָגן, אַז די הויפּט־שוועריקייט ליגט אין דעם, וואָס אונדזערע היגע קינדער דערפילן ניט, פאַרשטייען ניט און באַנעמען ניט גענוג טיף די סביבה און דעם לעבנס־שטייגער, וואָס אונדזערע קלאַסיקער האָבן געשילדערט אין זייערע ווערק. אָפטמאָל בלייבן זיי אפילו קאַלט צו יענע מאָמענטן, וועלכע דער לערער האַלט פאַרן סאַמע עצמדיקן, פאַרן סאַמע עיקרדיקן.

אין די אויגן פונעם היגן קינד איז פאַרן אַזאַ מהלך צווישן „אַמאָל" (וואָס איז אין דער אמתן גאָר ניט אַזוי ווייט) און דעם „היינט", אַז עס קאָן בשום אופן ניט אויפוועקן אין זיך דאָס געפיל פון אַ וועלכער עס איז פאַר־בינדונג, פון אַ המשך. ווי גוט דער לערער זאָל אים ניט קומען צו הילף מיט זיין פּעדאַגאָגישער „אַריינמישונג", מיט זיין אַנאַליז פון אַ ווערק פון דער אַמאָליקער יידישער סביבה, בלייבטביים קינד נאָך אַלץ אַ „מאָדנע" פאַר־שטעלונג וועגן דעם לעבן פון די יידן „אויף יענער זייט ים."

אַנדערש איז מיט פּרצן. די סביבה און דער לעבנס־שטייגער איז ביי אים סטיליזירט. דערפאַר איז אויך זיין סביבה ניט „פרעמד" און ניט „מאָדנע", נאָר אינטערעסאַנט, ראָמאַנטיש־פאַרכאַפּנדיק פאַרן הי־געבוי־רענעם קינד. עס זעט אין פּרצעס אַ ווערק קודם־כל די אויסטערלישקייט, די פאַנטאַסטישקייט — עפּעס ווי עס וואָלט דערזען בילדער און געשטאַלטן פון אַן אַנדער, אומבאַקאַנטער וועלט, וואָס האָט מיטן רעאַלע לעבן גאָרניט צו טאָן.

און דער רעאַליזם, אויף וועלכן עס האַלט זיך אויף פּרצעס אַ ווערק, ווערט איינגעאַנצן פאַרלאָרן אינעם פאַנטאַסטישן, אינעם אַלעגאָריש־סימבאָלישן, עס בלייבט בלויז די אידייע. עס בלייבט די העראָאישע געשטאַלט. עס בלייבט דער פיינער סטיליסטישער איינדרוק סיי פאַרן לערער און סיי פאַרן תלמיד.

דערצו קומט נאָך צו דער שטאַרקער סאָציאַלער פּראָטעסט, דער פּאַ־טעטישער טאָן פון פּרצעס שטאַרקן וואָרט, באַזונדערס אין די „צוויי ברידער״ (פון „ביים פרעמדן חופּה־קלייד״), „מיין נישט״, „פון יחזקאל״ א. אַ., וועל־כע ווערן אין די שולן זייער אָפט דעקלאַמירט און אויך אינסצעניִרט פאַר עפנטלעכע פאָרשטעלונגען, און די פּאָפּולערע לידער פון טרייסט און האָ־פענונג, ווי „לשנה טובה תכתבו״, „טרייסט״ א. אַ., וועלכע ווערן געלייענט און דעקלאַמירט מיט אַ סך פּאַטאָס.

ווי געזאָגט, ווערט פּרץ אין די שולן געלייענט און געלערנט. וואָלט כדאי געווען דאָ אויסצורעכענען דעם גאַנצן צעטל פון יענע ווערק, וואָס זיינען אַממערסטן באַקאַנט די תלמידים פון די פאָלק־שולן.

פּרץ האָט אַ סך געשריבן דירעקט פאַרן יידישן קינד, באַזונדערס לי־רישע לידער. אָבער אָט די לידער זיינען מערסטנס צוגעפּאַסט פאַרן ייִנגערן עלטער, אָדער פאַרן קינדער־צימער. אָט די לידער זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין די טעקסט־ביכער פאַר די אָנפאַנג־קלאַסן. אָבער גראָד אין אָט די קינדער־שאַפונגען פעלן די גרויסע פּרצישע מעלות. זיי זיינען קינסטלעריש שוואַכער פון אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, און טראָגן אויף זיך דעם צייכן פון ענגן לאָקאַליזם, סיי שפּראַכלעך, סיי אינהאַלטלעך. פון דער גרויסער צאָל מעשיות, וועלכע פּרץ האָט געשריבן פאַר „קליין און גרויס״, זיינען ווייניק אָדער כמעט גאָרניט אַריינגענומען געוואָרן אין די כרעסטאָ־מאַטיעס. דערפאַר ווערן מיט אמתער התמדה געלייענט די דערציילונגען, וועלכע זיינען, לכתחילה, געשריבן געוואָרן פאַר דעם דערוואַקסענעם לייַ־ענער. און אָט איז זייער צעטל:

„דער קונצנמאַכער״, „אין ערגעץ־לאַנד״, „נסים אויפן ים״, „דער דין־תורה מיטן ווינט״, „זיבן גוטע יאָר״, „אויב נישט נאָך העכער״, „דריי מתנות״, „ביים גוסס צוקאָפּנס״, „דער משולח״, „די צוויי ברידער״ (פון „ביים פרעמדן חופּה־קלייד״), „אין פאַבריק״, „דער תענית״ (אויטאָביאָגראַ־פיש), „באָנטשע שוויג״, „אין קעלער־שטוב״, „שלום־בית״, „דער אַרענדאַר״ און אַנדערע.

אין אַ סך העכערע קלאַסן פון דער פאָלק־שול און פון דער מיטלשול ווערן געלייענט אפילו אַזעלכע ווערק, ווי „אַ גלגול פון אַ ניגון״, „דער משוגענער בטלן״, „צווישן צוויי בערג״ און טיילן פון די דראַמאַטישע ווערק, ווי „די גאָלדענע קייט״ און אַנדערע.

ד.

ביי דער געלעגנהייט איז אפשר ניט איבעריק צו טיילן זיך מיט איינ־דרוקן און מיינונגען, וואָס די קינדער אין די קלאַסן זאָגן אַרויס וועגן די געלייענטע דערציילונגען פון י. ל. פּרץ.

„אין ערגעץ־לאַנד" ווערט געוויינלעך געלייענט פאַר קינדער אין עלטער פון עלף יאָר. אין אָט דער מעשה דערציילט פּרץ ווי צוויי גאָר קליינע קינדער, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, גראָבן־אָן מיט זייערע שוואַכע הענטלעך ליים און טראָגן עס אין אַ מולטער און שטאָט אַריין צו פאַרקויפן און פאַרן געלט צו קויפן אַ רפואה פאַר דעם מיידעלעס קראַנקער מוטער. אויפן וועג טרעפן זיי אָן אַן אויסטערלישן פרעמדן, וועלכער דערציילט די אָרימע קינדער וועגן אַ וואונדערלעכן לאַנד, וואו מ׳דאַרף ניט אַרבעטן, ניט האָ־רעווען און אַלדאָס גוטס איז דאָ לרוב צו עסן און צו טרינקען... מ׳דאַרף עס אפילו מיט די הענט ניט דערלאַנגען. אַלץ קומט צום מויל אָן דער מינדסטער באַמיאונג... די קינדער אין קלאַס ווערן פאַרכאַפּט פון דער שיינער שילדערונג פון דעם וואונדערלעכן גאָרטן, וואו עס „קוילערן זיך וואַסער־קוואַלן. מ׳גיט אַ רוף, קומט צו אַ קוואַל מיט פרישן קרישטאָל־וואַסער"... דער פרעמדער רופט די קינדער מיטגיין אין דעם וואונדער־לעכן לאַנד, אָבער די קינדער זאָגן זיך קאַטעגאָריש אָפּ, ווייל דער פרעמדער איז, לויט זייער מיינונג, „דער יצר־הרע פון ליידיק־גיין"... און זיי לאָזן זיך גיין זייער וועג.

די קינדער אין קלאַס בלייבן אַנטוישטע. זיי פאַרדריסט, וואָס די אָרימע, הונגעריקע קינדער בלייבן מיט זייער אָרימקייט און נויט. און אייניקע (דאָס פּאַסירט גאַנץ אָפט) זיינען מיט דער מיינונג, אַז די קינדער האָבן באַדאַרפט ווינציקער מאַראַליזירן און בעסער אַנטלויפן פון זייער פינצטערן לעבן...

„באָנטשע שוויג" ווערט שוין, געוויינלעך, געלייענט אין די עלטערע קלאַסן. די מיינונג וועגן דעם העלד איז דאָ כמעט אַלע מאָל אַ נעגאַטיווע. זייער זעלטן ביי וועמען עס ווערט אַרויסגערופן אַן אויפריכטיקע סימפּאַטיע צו אָט דעם אָרימאַן, ערלעכן דערשלאָגענעם מענטשן, וועלכער האָט זיך „פאַרדינט" דעם גן־עדן. אין אַ דיסקוסיע פּאַסירט אַלע מאָל, אַז די מער־הייט כאַראַקטעריזירט באָנטשען מיט עפּיטעטן, ווי „מענטש אָן אַ רוקן־ביין", „אַ קליין, נישטיק מענטשל, וואָס פאַרדינט ניט דעם גן־עדן", „אַ לעמעשקע", „אַ דאָמי"... זיין גאַנצע ערלעכקייט און הכנעה ווערט פאַרגעסן אין דעם שטראָם פון נעגאַטיווע מיינונגען, וואָס שטאַרקן זיך צוליב דעם „בולקע מיט פּוטער" קלימאַקס.

„אויב נישט נאָך העכער" איז, ניט קוקנדיק אויף דער פרעמדקייט פון דער סביבה, איינע פון די באַליבטסטע דערציילונגען אין קלאַס. דער

נעמיראָווער רבי, דער ליטוואַק, די פּאַרכאַפּנדיקע סיטואַציעס, געווינען דעם אינטערעס פון די קינדער. און דער קלימאַקס: „אויב נישט נאָך העכער!" — לאָזט איבער די קינדער אויף אַ רגע אין שטילקייט. אָבער באַלד נאָכדעם הייבט זיך אָן אַ דיסקוסיע. וועגן דעם רבין זיינען קיין צוויי מיינונגען ניטאָ: ער איז אַ צדיק... אָבער דער ליטוואַק אַמוזירט אַלעמען, סיי מיט זיין סקעפּטיציזם, סיי מיט זיין „נאָכשפּיאָנירן" דעם רבין. מיט זיין מוטיקן צוגעבן זיין טעות געווינט ער שוין דרך־ארץ.

„דער דין־תורה מיטן ווינט" איז אַ מעשה, וואָס פּאַרכאַפּט די קינדער ביז גאָר. די מעשה ווערט שיין פאַרבונדן און נאָך שענער אויפגעבונדן. דאָ זיינען פּאַראַן אַלע עלעמענטן, וואָס קאָנען פּאַראינטערעסירן קינדער פון יעדן עלטער און ניט ווייניקער אפילו דערוואַקסענע. די מעשה האָבן די קינדער אַליין ליב איבערצודערציילן פאַרן קלאַס. מיינער אַ תלמיד האָט אָט די מעשה דערציילט אין דער ענגלישער שול און האָט פאַר איר געקראָגן אַ הויכן „קרעדיט". די מיינונג פון די קינדער איז אַלע מאָל: „די שענסטע פּרץ־מעשה". און דאָס איז איינע פון די זאַכן, וואָס זיי ווילן לייענען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל...

צווישן די באַליבטסטע דערציילונגען איז אויך „די דריי מתנות". אַרום דער דערציילונג קומט אויס דעם לערער אַ סך צו רעדן. עס איז דאָ וואָס צו רעדן וועגן דעם זעקל ארץ־ישראל־ערד, וועגן דער מיטלאַלטערלעכער געטאָ, וועגן יידן־פּייניקונגען, פרומקייט און מסירת־נפש. לייענען די דערציילונג און נאָכדעם אַרומרעדן די דערציילונג פאַרציט זיך געוויינלעך אויף עטלעכע לעקציעס. און ביי פּרצן זיינען פּאַראַן אַ סך אַזעלכע דערציילונגען, וואָס ציען אַריין דעם לערער אין געשפּרעכן וועגן דעם יידישן פאָלקלאָר, וועגן ספּעציפישע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע, וועגן יידישער מאָראַל, און וואָס ניט?

און אַזוי איז כמעט אַלע מאָל, נאָכן איבערלייענען פּרצעס אַ דערציילונג, אָדער אַ מעשה, שטענדיק פּאַראַן דער עלעמענט פון קלאַס־דיסקוסיע, דער עלעמענט פון ניט נאָר לייענען, נאָר אויך פון לערנען.

און ווי דער דערוואַקסענער לייענער — באַזונדערס אין די דרייסיק יאָר נאָך פּרצעס טויט — האָט ניט אויפגעהערט צו לערנען נייע קאַפּיטלען פּרץ און אַנטדעקן אין אים אַלץ נייע, און נאָך נייערע, קוואַלן פון גרויסער שעפערישקייט, אַזוי קאָן דער ערנסטער כרעסטאָמאַטיע־צונויפשטעלער, דער פּאַראינטערעסירטער לערער, אינאיינעם מיט זיין קלאַס, געפינען נייע וועגן און שטעגן צו אָט די קוואַלן.

איז פּרץ אַ „שווערער שרייבער" פאַרן אַמעריקאַנער יידישן קינד? — אוודאי איז ער ניט פון די „לייכטע". פּרץ איז אָבער אויך ניט פון די „לייכטע" שרייבער פאַרן דורכשניטלעכן דערוואַקסענעם לייענער, צוליב זיין שטענדיקן גיין, אָדער אין דער טיף, אָדער אין דער הויך. דערצו טראָגט

פּרץ מיט זיך אַלע מאָל ניט ווייניקער גייסטיקן באַגאַזש אויף אָט די עקס־פּעדיציעס זיינע, ווי ער דערוואַרט צו געפינען אין זיינע זוכענישן, און דער וואָס גייט מיט אים דאַרף אויך מיטטראָגן אַ טייל פון דעם באַגאַזש... דערפאַר איז אָבער דער וועג אַליין, אויף וועלכן פּרץ פירט דעם לייענער, דער אופן פון דערציילן, די מיטלען פון קאָמוניקירן, אַזוי צו זאָגן, זיינען ניט קיין שווערע. פּרץ דערגרייכט „דעם הויכן פונקט, פון וועלכן דאָס אַלץ זאָל געזען ווערן״ מיט די לייכטסטע קינסטלערישע מיטלען, מיט דער פּשטות פון אַ מין באַנייטן ביבלישן נאַראַטיוו, וועלכער איז פונקט אַזוי צוגענגלעך צום קינד, ווי צו דעם דערוואַקסענעם.

לערנט מען פּרצן אין אונדזערע שולן? לערנט מען בכלל גענוג די יידישע ליטעראַטור אין אונדזערע שולן?

אוודאי ניט גענוג, ניט אין דער ברייט און ניט אין דער טיף. אונדזער שול איז, צום באַדויערן, נאָך אַלץ אַ צוגאָב־שול. זי איז באַגרענעצט אין צייט, אין גרעסערע צאָלן, אין אַלערליי פּעדאַגאָגישע און מעטאָדאָלאָגישע מיטלען. זי דאַרף זיך נאָך אַלץ ראַנגלען און קעמפן פאַר איר עקזיסטענץ אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן.

אָבער דאָס איז אַן אַנדער קאַפּיטל פון דער פּראָבלעם.

1945

שלום־עליכם אין דער יידישער שול

ביז דעם אויפקום פונעם וועלטלעכן שול־וועזן, דא און אין אייראפע, איז שווער צו שאפן זיך א געטרוי בילד פון א וועלכער עס איז ליטעראטור פארן יידישן קינד. דאס יידישע קינד האט געקליבן שטיקלעך און ברעקלעך פונעם טיש, פון וועלכן די דערוואקסענע האבן געגעסן — מערסטנס, פון דער אלטער רעליגיעזער ליטעראטור, אדער פון די מינדלעך־דערציילטע פאלקס־מעשות.

ערשט ווען ס׳האבן זיך גענומען עפענען די וועלטלעכע שולן האט מען זיך ארומגעזען, ווי ארים מיר זיינען אין קינדער־ליטעראטור. ס׳זיינען ניט געווען קיין ביכער, קיין קינדער־זשורנאלן, און אין פארגלייך מיט אנדערע, א סך יינגערע פעלקער, וואס האבן פארן קינד געשאפן פרעכטיקע זאכן אין ווארט און אין בילד — זיינען מיר געווען גוואלדיק הינטערשטעליק. פאר דער אלטער יידישער וועלט איז אפשר אזא צושטאנד געווען נארמאל: דאס יידישע קינד האט זיך געשפייזט מיט דער זעלביקער גייסטיקער שפייז, וואס דער דערוואקסענער, און עס האט זיך דעריבער באדארפט אויסלעבן אין די זעלביקע לעבנס־ווערטן, אין וועלכע ס׳האט זיך אויסגעלעבט דער דערוואקסענער. די נייע שול, וואס האלט זיך אויף די יסודות פון מאדערנער פעדאלאגיע און מעטאדיק, האט דעם קינד געוואלט צוריקגעבן זיין אייגענע וועלט — און קיין מיטלען פאר דעם האט זי ניט געהאט.

צום גליק איז אבער ביי אונדז געווען א שלום־עליכם. און ש״ע האט געשריבן ניט נאר פאר דערוואקסענע, נאר אויך פאר יידישע קינדער. און ניט נאר האט ער פאר זיי געשריבן, נאר ער האט פאר זיי אויך אנטדעקט א גאנצע קינדערשע וועלט, א קעניגרייך, וואס איז, אין זיך אליין, געווען וואונדערלעך. פון זיינע ווערק האט מען געקענט שעפן און שעפן. אפילו אין די ניט־קינדערשע ווערק האט מען געקענט געפינען גאנצע טיילן, וועלכע האבן זיך ארייגעפאסט אין דער קאנצעפציע „קינדער־ליטעראטור״ און זיי לייכט „אדאפטירן״ פאר דער קינדערשער ביבליאטעק.

און אזוי האט עס טאקע פאסירט, אז שלום־עליכם איז געווארן דער פאפולערסטער און באליבטסטער שרייבער אין אונדזער וועלטלעכער שול. די שול האט טאקע פאר אים ברייט געעפנט די טירן, און מיט אים האט געבומען ארייגשטראמען א ליכטיקייט אין די ארימע ווענט און א פרייד אין די קינדערשע הערצער. ער האט מיט זיך געבראכט א גאנצע גאלערייע

געשטאַלטן, וואָס האָבן מיט זיך מיטגעטראָגן שטיקער פון דער לעבעדיקער פאָלקס־סביבה מיטן גאַנצן קאָלירטן קלאַפּערגעצייג פון דער פאַרכאַפּנדיקער קינדער־סצענירונג.

איבערהויפּט — קינדער, אַלערליי קינדער: רייכע און אָרימע, גליק־לעכע און געקריוודעטע; קינדער מיט זייערע זאָרגן און פריידן, מיט זייער אייגענעם גערשאַנגל פאַר אַן אייגענעם אָרט אינעם לעבן פון די דערוואַקסענע. מיט שלום־עליכמען איז אין דער שול אויך געקומען דער יידישער יום־טוב, אַ יום־טוב, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט פאַרן קינד מיט דער פיל־קאָליר־לעכקייט פון צערעמאָניאַל און שפּיל. ביי שלום־עליכמען איז עס ניט בלויז אינעם סוזשעט־סביבהשן זין פון וואָרט, נאָר אינעם זין פון פאָרם, פון דער נאָסטאַלגיש־לירישער שטימונג, וואָס איז אַרויסגעהויכט אין זיינע מעשות וועגן די יום־טובים, וואָס מ׳געפינט זי באַזונדערס שטאַרק אין דער ראָ־מאַנטישער דערציילונג „שיר השירים״. אָט דאָס ליריש־אידילישע, וואָס ש״ע האָט אַזוי קינסטלעריש אַריינגעוועבט אינעם גאַנצן אוצר פונעם יידישן לעבן, וועקט־אויף אינעם קינד אַ לעבעדיקן אָפּרוף סיי פאַרן נאַטירלעכן, סיי פאַרן וואונדערלעכן. חלום ווערט וואָר און וואָר — חלום.

דעם לערער פון די אַמעריקאַנער יידישע קינדער קומט־אויס, גאַנץ אָפט, זיך צו וואונדערן, וואָס די הי־געבוירענע קינדער האָבן אַזוי ליב שלום־עליכמען. ש״עס אַ ווערק האָט, דאַכט זיך, לאַגישערוויז, פאַרן קינד באַדאַרפט זיין פרעמדלעך; די סביבה איז אַ פרעמדע; דער טיפּאַזש — אַ פרעמדער; די סיטואַציעס — דערווייטערטע, קוים פאַר אים פאַרשטענד־לעכע. אפילו די שפּראַך, אָט די לעבעדיקע, מיט טויזנט חנען אָנגעפּילטע, ווי אַ רייפער מילגרוים מיט קאָלירפולע קערנדלעך, איז שוין פאַר אים אויך — באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן — געוואָרן עקזאָטיש. אין זיין געמיט פאַלן אַריין נאָר שטיקלעך און ברעקלעך פון דער מערקווירדיקער גאַנצקייט פונעם וואונדערלעכן מייסטערווערק — די שפּראַך פון ש״ע. אָבער אפילו אָט די שטיקלעך און ברעקלעך זיינען אַזוי פּאָטענציעל־לעבעדיק, אַז דאָס קינד איז נאָך אַלץ מסוגל פון זיי צו שאַפן פאַר זיך אַ בילד און פון דעם בילד הנאה האָבן.

ווי האָט עס געקאָנט פּאַסירן? דער ענטפער ליגט טאַקע אין דעם וואונדערלעכן עצם פון שלום־עליכמס שאַפן, אין זיין אוממיטלבאַרקייט, אין זיין מערקווירדיקער נאָענטקייט צום קינדס געמיטלעכקייט. ווי נאָענט שלום־עליכם קען זיין פאַרן דערוואַקסענעם, איז ער נאָך נעענטער צום קינד מיט זיין אויפריכטיקער תמימותדיקייט, מיט זיין אָפן־פנימדיקייט און אָפן־האַרציקייט. ווייל ש״ע רעדט ניט צו אים פון ערגעץ פון אַ הויך, פון אַן אינטעלעקטועל־שרייבערישער הויך, ווי ס׳איז שוין שטענדיק דער פאַל מיט קינסטלער פון אַ העכערער מדרגה. ער רעדט ווי אַ גלייכער צו גלייכע. מיטן דערוואַקסענעם איז ער אַ גוט־ברידערלעכער דערוואַקסענער און מיטן קינד

— אַ גוט־חבריש קינד. דערפֿאַר באַגעגנט אים אי דער דערוואַקסענער, אי דאָס קינד ווי אַן אייגענעם. פֿאַרן קינד איז ער ווי אַ גוטער חבר, וואָס באַזיצט די פֿייאיקייטן פֿון אַ „קונצנמאַכער", וואָס איז מסוגל אויפֿצוטאָן מערק־ווירדיקע זאַכן מיט לעבעדיקע מענטשן, מיט קינדער און דערוואַקסענע. אַ „קונצנמאַכער", וואָס יעדער „וואונדער", וואָס ער באַווייזט, עפֿנט אין אים אויף קוואַלן פֿון פֿרייד און געלעכטער. אַט דער חבר שלום־עליכם נעמט אַראָפּ פֿונעם מענטשן אַלע זיינע סודות־שלייערן, ווי אַ קליידער־צודעק, און אַנטפּלעקט ניט נאָר די נאַקעטקייט פֿון זיין נשמה, מיט אַלע רעאַלע אייגנשאַפֿטן, מיט די טשיקאַווע קנייטשעלעך, חן־גריבעלעך, גראַטעסקע בראָדעווקעלעך, וועלכע מען האָט פֿריער ניט באַמערקט.

יעדער שרייבער, און גאָר באַזונדערס דער שרייבער פֿאַר קינדער, הייבט־אָן זיין דערציילונג מיט אַ פּלאַן, מיט אַ באַהאַלטענער כוונה דורך אַ געוויסן קינסטלערישן אופֿן „אַריינצונאַרן" זיין לייענער אין דער נעץ פֿון סוזשעטישער פֿאַראינטערעסירטקייט. שלום־עליכם, פֿאַרקערט, הייבט־אָן זיין דערציילונג וואו עס מאַכט זיך, און אַלע מאָל איז עס דער גליקלעכער אָנהייב. דאָס לעבן, פֿון וועלכן ער שעפּט זיין מאַטעריאַל, איז אַזוי שפּרודל־דיק־פֿול און רעאַל, אַז פֿון וועלכן ווינקל ער זאָל עס ניט באַרירן — הייבט עס אָן אָפּצורופֿן זיך מיט אמתדיקייט. און דערביי איז בכלל ניטאָ קיין צע־טיילונג צווישן אים און דעם פֿון אים געשילדערטן לעבן. ער און דאָס לעבן איז איינס. און ער דערציילט גאָר ניט קיין מעשה, נאָר ער שפּילט זי אָפּ, לעבט זי אויס, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן. ער לעבט און לאַכט און שטעקט אָן מיט זיין געלעכטער, און זאָגט דערביי טאַקע אַליין אויס דעם סוד, אַז „ס'איז ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפֿן מיט מיר אַליין", — און וואָס קען זיין נאָך אויטענטישער, נאָך אמתדיקער פֿאַרן קינדערשן לייענער?

אַט די אָפּוועזנהייט פֿון אַ וועלכער עס איז קינסטלערישער, אָדער איני־טעלעקטועלער דיסטאַנץ צווישן שלום־עליכמען און זיין לייענער איז אפֿשר דער שליסל צו דער גרויסער ליבשאַפֿט צווישן אים און זיין לייענער, צווישן אים און דעם קינד. ער האָט גענומען זיין טיפּאַזש פֿון סאַמע מיטן פֿון זיין אייגענער סביבה. ער האָט זיין דערוואַקסענעם אָדער קינדערשן העלד אויסגעקליבן פֿון דער אייגענער סביבה און אים אַרויפֿגעפֿירט, ווי פֿון אַ גרייטער אודיטאָריע, אויף דער בינע, און די טיפֿן האָבן אויפֿגעלעבט מיט אַלע זייערע מענטשלעכע חנען. און ווי נאַקעט — ניט־פֿאַרשטעלט עס איז זיין טיפּ, אַזוי אָפֿן איז שלום־עליכמס הומאָר. אַ קלאָר־ריינער הומאָר, וואָס טראָגט ניט הינטער זיך קיין שום סאַטירישע כוונות. אַ הומאָר, וואָס פֿאַרפֿירט ניט אָן אַ זייט און וואָס שטייט אין זיין אָפּנקייט פֿאַרן וואַכזאַמען אויג פֿון פֿולער אמתדיקייט. און ווער קען נאָך אַזוי גוט אָפּשאַצן אמתדיקייט און תמימות, ווי אַ קינד?

צו דעם אַלעמען קומט נאָך צו שלום-עליכמס שפּראַך — די יידישע שפּראַך, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט לעבעדיקער, דורותדיקער פאָלקס-דער־פאַרונג, דער לעבעדיקסטער אויסדרוק פונעם פאָלקס-לעבן. ער האָט אויפ־געכאַפּט דעם סטיל פון דער געריכטער שפּראַך און האָט זיך מיט אים, ווי מיט אַ טייערן אוצר, אַרומגעטראָגן צווישן דער לעבעדיקער פאָלקס־מאַסע. און אויב דער באַקאַנטער אויסדרוק „דער סטיל — דאָס איז דער מענטש" ווערט אָנגעווענדט אויף דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט פון אַ שרייבער, קען מען, רעדנדיק וועגן שלום-עליכמען, פּאַראַפראַזירן דעם אויסדרוק און זאָגן: „דער סטיל פונעם יידישן פאָלק — דאָס איז שלום־עליכם", און ס'וועט אפשר ניט זיין קיין איבערטרייבונג. ווייל ס'איז ניטאָ קיין איין שיכט אינעם יידישן פאָלק, אפילו צווישן די קולטורעל-אָפּגע־פרעמדטע, וואָס זאָל זיך אינערלעך ניט אָפּרופן, אָדער ניט באַנעמען דעם לעבעדיקן ריטם פון זיין שפּראַך, וואָס זאָל אין איר ניט דערפילן דעם ספּע־ציפישן יידיש-פאָלקישן ניואַנס, שוין אָפּגערעדט פון ניט באַנעמען דעם רייכן קוואַל פון דער עכט-יידישער נשמה, מיט וועלכער עס קוועלט ממש זיין שפּראַך. יונג און אַלט, רעליגיעז און וועלטלעך, שפּראַכלעך-נאָענט צי שפּראַכלעך-פאַרפרעמדט, — דער לעבעדיקער אָטעם פונעם יידישן פאָלקס־כוח, וואָס שלאָגט קוואַליק פון שלום-עליכמס אַ ווערק, דערגרייכט יעדעס יידיש האַרץ און דערגרייכט, ווי אַ מעכטיקע כוואַליע, צו אַלע ברעגן פון יידישן לעבן. ווייל זיין סטיל — דאָס איז דער נוסח-געזאַנג, וואָס גיסט זיך דורך יעדן יידישן האַרץ, דאָס איז דער אָנגעזאַמלטער רעזערוואואַר פון יידישער פאָלקס-חכמה, פון פאָלקס-ליבשאַפט, וואָס קען פאַר קיינעם ניט זיין פאַרשלאָסן.

שטעלט זיך דעריבער די פראַגע: ווי קומט עס, וואָס אַזאַ שרייבער, וואָס איז הויפּטזעכלעך אַ יידישער הומאָריסט און זיין הומאָר איז אַזוי ספּעציפיש-יידישלעך און וואָס זיינע טיפּן און סיטואַציעס וואַקסן אַרויס פון אַ לעבן, וואָס איז שוין כמעט ניטאָ, זאָל זיין אַזוי באַליבט, ביים הי־געבוירענעם אַמעריקאַנער קינד?

אויף דעם איז גילטיק דער אַלטער, אייביקער ענטפער: וואָס מער אַ שרייבער איז ספּעציפיש-פאָלקיש, אַלץ אוניווערסאַלער זיינען זיינע ווערק. און ניט אומזיסט איז מאָטל, דאָס יינגל פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס", דער סאַמע יידישסטער פון זיינע קינדער-טיפּן, אַזוי פאַרשטענדלעך און באַליבט ביי אַלע קינדער, אפילו ביי די קינדער פון די צענדליקער פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, צו וועלכע מען האָט געבראַכט „מאָטלען" אין איבערזעצונגען. דאָס טיפּיש-רוסיש, דאָס טיפּיש-אוקראַיניש, דאָס טיפּיש — אפילו טאַדזשיקיש — קינד האָט פאַרשטאַנען און באַנומען און האָט הנאה געהאַט פון די „פּאַכאָזשדעניעס" (פּאַסירונגען) פונעם „מאַלטשיק מאָטל". איז שוין אוודאי פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אַ יידיש קינד פון אַמע־

ריקע זאָל פאַרשטיין און הנאה האָבן פון אָט דעם מערקווירדיקן ייִנגל, וואָס איז אי אַ קינד צוליב זיין תמימותדיקייט, אי אַ דערוואַקסענער לויט זיין דערפאַרונג און לעבנס־באַנעם.

אַ שרייבער אָן דער מינדסטער לאַבאַראַטאָרישער אָנשטרענגונג פאַר „מאָס" און „וואָג" פון וואָרט, האָט שלום־עליכם אַלע מאָל די ריכטיקע מאָס און וואָג אי פאַרן וואָרט, אי פאַר דער סיטואַציע, און וואָס ער מאָלט איז שטענדיק ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער צאַרטער עמפּינדלעכקייט פון יעדן קינד. די שפּילעווודיקייט איז ניט קיין איבערגעטריבענע, די לירשקייט — ניט קיין איבערגעזונגענע. און אָט דורך די אַלע מעלות, באַהויכטע מיטן עכטן הומאָר, דרינגט שלום־עליכם אַריין אינעם האַרצן פון יעדן קינד, ממש ווי מיט כישוף. ווייל ס'איז שלום־עליכם, דער מעשה־דערציילער און, אין דער זעלביקער צייט, דער אַקטיאָר, וואָס „שפּילט־אָפּ" די מעשה, ווי אויף אַ בינע, מיט אַלע נויטיקע בינע־אַטריבוטן, סצענירונג און ליכט. און ער שפּילט־אָפּ זיינע העלדן אַזוי רעאַל, „ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט", אָן אַ וועלכן ס'איז שלייער, און עפּעס אַזוי מאָדנע ענלעך צו זיין אייגענער געמיטלעכקייט. דאָס קינד האָט אַ קוק געטאָן און האָט זיך האַרציק פאַנאַנ־דערגעלאַכט — מיט אַ געלעכטער, וואָס איז „געזונט", מיט אַ געלעכטער, מיט וועלכן „דאָקטוירים הייסן לאַכן."

ס'איז אַ פאַקט אַז שלום־עליכם האָט אין אַ סך פון זיינע ווערק, די גרעסערע און די קלענערע, גאַנץ אָפט, אינאיינעם מיט זיין הומאָר, אויך אַריינגעבראַכט דעם טאָן פון איבערגעטריבענער סאַטירע, פון אַנעקדאָטיש־קייט און אפילו — פון קאַריקאַטורישקייט. אייניקע „פאַרשוינען" (באַזונ־דערס — פונעם אַמעריקאַנער טיפּ) זיינען ביי אים אַרויסגעקומען ממש „אויסצודרייען". דאָס זיינען ווערק פאַר דעם דערוואַקסענעם לייענער. אָבער ווי נאָר ער נעמט זיך שרייבן פאַרן קינד און מאָלן קינדערשע „פאַרשוינען", ווערט ער אויפריכטיק־ערנסט און לעבנס־טריי ביז צו דער קלענסטער קלייניקייט. אין די סאַמע „קאָמישסטע" סיטואַציעס שפּרודלט ער מיט הו־מאָר פונעם ריינסטן קוואַל. מיטן קינד האָט ער קיינמאָל ניט ליב „צו פּראַ־ווען קאַטאָוועס". ער לאַכט אים ניט אויס, פאַרביליקט אים ניט. ער בלייבט אַלע מאָל אַ גוטער חבר און אַ „גלייכער."

ווי גרויס ס'איז זיין ליבן צום קינד, איז אויך גרויס זיין ליבע צו די בעלי־חיים, וועלכע דאָס קינד האָט ליב. און ווער קען פאַרגעסן דעם „יידישן" הונט „ראַבטשיק" און דעם הונט „סירקאָ" („פונעם יאַריד"), און די פישעלעך, דעם האָן און דאָס פייגעלע אין דער מערקווירדיקער דערציילונג „צער בעלי־חיים"?

און דער יידישער יום־טוב. דאָס קינד האָט ליב דעם יידישן יום־טוב, האָט שלום־עליכם דעם יום־טום טאָפּלט ליב, — אי פאַר זיך, אי פאַרן יידישן קינד. ש"ע האָט דעם יום־טוב פאַרן קינד אויסגעטאָן פון זיין רעלי־

גיעזער מיסטישקייט, אין וועלכער די „גרויסע״ האָבן אים פאַרשלייערט, און האָט געבראַכט צום סאַמע פאָדערגרונט גראָד דאָס מענטשלעך־פייער־לעכע, דעם מנהג, די טראַדיציע, די שפּיל. אין יעדן יום־טוב האָט שלום־עליכם אונטערגעשטראָכן און אַרויסגעהויבן יענע מאָמענטן, וואָס זיינען אַמנאָענטסטן צום קינדס געמיט — דעם פריילעכן קאַרניוואַל, די קאָליר־פולע שפּיל, אין וועלכער דאָס קינד אַליין איז אַן אָנטיילנעמער. אין אַלע יום־טובים — פון חנוכה ביז איבער שמחת־תורה. און כאָטש דעם קינד קומט אויס שטענדיק, אין מיטן דער פרייד, צו קעמפן, פירן מלחמה, מיט די דערוואַקסענע פאַר זיין ביסל רעכט אין דער געזעלשאַפט און אויסשטיין אַלערליי פאַרפאַלגונגען מצד דעם טאַטן, דער מאַמען, דעם רבין און אפילו מצד די דינסט־מוידן, שכנים און סתם ידן און יידענעס — בלייבט פונ־דעסטוועגן איבער ביים קינדערשן לייענער דער איינדרוק, אַז ס׳האָט זיך געלוינט צוליב דעם יום־טוב, וואָס ער איז, לויט שלום־עליכמען, הויפּט־זעכלעך פאַר די קינדער.

דער יונגער לייענער האָט גוואַלדיק הנאה פון דער מלחמה, וואָס די „קליינע״ פירן מיט די „גרויסע״. די מלחמה געווינען אַלע מאָל די גרויסע, אָבער די גערעכטע בלייבן אַלע מאָל די קליינע. זיי קומען אַרויס ביי שלום־עליכמען מאָראַליש שטאַרקער און בכלל גייסטיק־רייכער. דער „גרויסער״ קען נאָר שאַפן באַגרענעצונגען, ווי דער רבי אין „פּורים ביי דער סעודה״, ווי דער רייכער פעטער ביי וועמענס טיש מען זיצט, און צוליב אָט די באַ־גרענעצונגען ווערט מען ביטער געשטרויכלט, אָבער דער געליטענער טרי־אומפירט סיי־ווי אין די אויגן פון דער קינדערשער וועלט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער ווערט אַרויסגעוואָרפן מיט שאַנד פון הויז. און אַזוי אויך אין „ביים קעניג אַחשורוש״. דער יינגל ווערט דעספּאָטיש אויסגעפּאַטשט פאַר זיין אַוואַנטורע נאָכצוגיין די פּורים־שפּילער, אָבער וואָס פאַר אַ קאָליר־פולע דערפאַרונג דאָס איז דערפאַר געווען! און אַזוי אין אַ סך אַנדערע אַזעלכע דערציילונגען פאַלט דאָס קינד אַריין אין „אַ צרה״, ווערט באַ־שטראָפט, פאַרפאָלגט פאַר זיין קאַמף אין לעבן מיט די „גרויסע״, אָבער ס׳איז אַלע מאָל גוט, וואָס שלום־עליכם איז שטענדיק אויף דער זייט פון די „קליינע״, אַלע מאָל מיט זיי אינעם קאַמף מיטן דעספּאָטיזם פון די „גרויסע.״

אין דער וועלטלעכער יידישער שול ווערט ש״ע אי געלייענט, אי פאַר־געלייענט פאַר די תלמידים. און אַז ס׳טרעפט, אַז דער לערער איז נאָך אַ גרויסער ליבהאָבער פונעם שרייבער און דערצו נאָך אַ „שלום־עליכם־פאַרלעזער״, וואָס קאָן זיך „אַריינלעבן״ אין זיינע כאַראַקטערן, פאַרשטעלן זיי מיט אינטאָנאַציע און מימיק, איז פאַרן קלאַס אַן אמתער נחת־רוח. אַזאַ לערער וועט שוין אַלע מאָל געפינען צייט פאַרצולייענען, און דער קלאַס ווערט דאַן פאַרהילכט מיט אַ פריידיקן געלעכטער, און ס׳פּאַסירט דער גרויסער וואונדער: דער שרייבער, דער לערער — ביידע קערן זיך אום

צו זייער קינדהייט, ווערן קינדער. און דאָס וואָס די „גרויסע" קענען זיך אָט־דאָ, פאַר זייערע אויגן, פאַרוואַנדלען אין קינדער איז שוין, אַליין אין זיך, פאַרן קינד אַ קינסטלערישע דערגרייכונג, אַן אבן־טוב. און אַז אָט דער אבן־טוב פאַרמאָגט נאָך אויך די מערקווירדיקע אייגשאַפט „איבערצו־ברעכן" אין זיך און „פאַנגען" די זון, די גרויסע שלום־עליכמשע ליבשאַפט, די קאַלירפולע נאַטור, דאָס ריינע קינדערישע האַרץ, די שפּרודלדיק־תמימותדיקע קינדערשע חכמה און רחמנות און פריידיקייט, — וואָס קען זיין נאָך אַ גרעסערער אוצר ?

יאָ, שלום־עליכם האָט באַשאַפן אַ באַזונדערע קינדערשע וועלט, און כאָטש אָט די וועלט איז איינגעשלאָסן, ווי אַן אינטעגראַלער טייל, אין דער וועלט פון דערוואַקסענע, איז זי אָבער אויך אויטאָנאָם־פריי און לעבט זיך פאַרט אויס אין די ראַמען פון די אייגענע געזעצן.

אין שול ווערן אויסגענוצט אַ סך פון שלום־עליכמס ווערק, אָבער די פּאָפּולערסטע זיינען פאַרט יענע, וואָס דער שרייבער האָט געשאַפן פאַרן קינד דירעקט. אין די כרעסטאָמאַטיעס געפינט איר די פאָלגנדיקע זאַכן : „בערעלע", „דאָס מעסערל", „די ערב־פסחדיקע עמיגראַציע", „צו דער סעודה", „דער זייגער", „אַ פאַרשטערטער פסח", „שוין איינמאָל אַ סוכה", „די פאָן", „ל"גבעומר", „ביים קעניג אַחשורוש", „גרינס אויף שבועות", „מתושלח", „כפרות", „דאָס גרויסע געווינס", „אליהו הנביא". אויך באַ־זונדערע קאַפּיטלען פון „מאָטל פייסי דעם חזנס", „פונעם יאַריד" און „קאַסרילעווקער האָטעלן", ווי „קוואָס", „מיר איז גוט — איך בין אַ יתום", „אַ גאַס ניסט", „טינט", „שמואליק דער יתום", „סירקאָ", „קאַסרילעווקע", „מיר סטרייקן", „אין אַמעריקע", „מיר אַרבעטן אין שאָפּ", „חנוכה־געלט" און אַזוי ווייטער.

עס ווערן געלייענט און פאַרגעלייענט פון און פאַר די קלאַסן אַזעלכע ווערק, ווי : „מאָטל פייסי דעם חזנס" און „פונעם יאַריד" — אינגאַנצן. אויך ווערן געלייענט : „די ערשטע קאָמונע", „דאָס דריידל", „אסתּר", „אויפן פידל", „דאָס פאַר־פאָלק", „פעסעלע דעם רבינס", „באַשעפעניש", „צער בעלי־חיים", „בלומען", „דער יינגסטער פון די מלכים", „קדלת וקדשת א. אַ.

ס'זיינען דראַמאַטיזירט געוואָרן פאַר קינדער־פאָרשטעלונגען : „חנוכה־געלט", „קוואָס", „אַ גאַס ניסט", „דער זייגער", „קאַסרילעווקער האָטעלן" און ס'ווערן אויפגעפירט די איינאַקטערס „ אַ דאָקטאָר", „מענטשן" א. אַ.

קאָסמאָס און קונסט

די קייט

דאָס איז די אָנגענומענע פאָרמולע פון דער וועלט.

אַ קייט, אַ געפלעכט פון רינגען, ניטאָ קיין צאָל צו די רינגען, ניטאָ קיין סוף צו דער קייט, זי ציט זיך אין אומענדלעכקייט. זי ציט זיך אין אייביקייט. זי ציט זיך אַלעמאָל, אייביק. זי נעמט אַרום די וועלט מיליאָנען־מיליאָסן מאָל. זי בינדט צוזאַמען אין איין קנויל די זונען מיט די פּלאַנעטן, אַלע קליינע מאָלעקולן, אַטאָמען און עלעקטראָנען. די טויטע וועלט און די לעבעדיקע. אַ מילב און אַ גרעזל בינדט זי צום וועלט־אַל. זי קניפּט צוזאַמען און האַלט־אויף דאָס אייביקע און דאָס פאַרגענגלעכע.

קייט. אומעטום קייט. אין אַ ל ץ — קייט. שטאַרק. מעכטיק. קייט מיינט — אַלע אינאיינעם. אַלע צוזאַמען. אַלע פּאַר איינעם. איינער — פּאַר אַלעמען. ניט צעטיילבאַרע, ניט צעשיידנבאַרע אָרדענונג. ניט באַזונדער, — אינאיינעם. איצט און אַלעמאָל און אייביק. אַבסאָלוטע געבונדנקייט, אַזאַ טרייסטלאָזע געבונדנקייט: — אַ קלונג פון איין־איינציקן רינג — און די קייט ווערט אויפגעציטערט אין רעגונג פון אומענדלעכקייט ביז אומענד־לעכקייט, וואַכט־אויף און רופט זיך אָפּ מיט יעדן רינג, שרייט־אויס די געפאַר און די פרייד און דעם אָנזאָג איבער דער גאַנצער וועלט. איין טייל וועט זיך אַ ריר טאָן, און גלייך לעבט־אויף דער צווייטער טייל, דער הונ־דערטער טייל, דער מיליאָניקער טייל — די גאַנצע קייט!

אַזוי לעבט יעדער רינג און יעדער טייל פון דער קייט אַ טאָפּלט לעבן: זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון דער קייט.

די קייט האַלט שטאַרק. אומברחמנותדיק. זויגט זיך איין אין פלייש און אין בלוט פון דער וועלט, אינעם אייגענעם בלוט און פלייש. אונטער־יאָכט, שליסט און פאַרשליסט. קייט איז — געזעץ. קייט טאָר ניט נאָכגעבן, טאָר זיך ניט אונטערגעבן, דאַרף היטן און פאַרהיטן.

אָבער ווי שטאַרק איז די קייט? אַזוי שטאַרק ווי דער שוואַכסטער פון אירע רינגען. ברעכט זיך די שטאַרקייט פונעם שוואַכסטן רינג — איז אַלץ פאַרפאַלן. איין־איינציקער רינג ווערט באַטראָגן, און די גאַנצע קייט וועט פאַרלירן גלייך און אויף אַלע מאָל איר גאַנצע קראַפט. און דאָס, וואָס האָט געבונדן — וועט מער ניט בינדן. און דאָס, וואָס איז ג ע וו ע ן וועט

מער ניט זיין. די קייט וועט איבערגעריסן ווערן. פון דעם, וואָס איז געווען אומענדלעך וועט ווערן — באַגרענעצטקייט, סוף. די אָפּגעריסענע עקן וועלן זיך צעטיילן, אַ וואָרף טאָן אין צווי באַזונדערע זייטן, וועלן זיך יאָגן און פאַרלירן אין תהומען. יעדער רינג וועט נאָך אפשר שרייען און יאָמערן און זוכן דעם אָנהויב און ניט געפינען. ווייל עס וועט שוין מער ניט זיין קיין אָנהויב, עס וועט קומען אייביקער סוף. און עס וועט צעטיילט ווערן די וועלט אויף אירע טיילן. עס וועט צעפאַלן די וועלט אויף אירע קלענסטע טיילעכלעך. עס וועט אָנקומען אונטערגאַנג און כאַאָס. די וועלט וועט אונ־טערגיין אין גרויסן כאַאָס!

איז דערפאַר געוואָרן דער גרעסטער ציל, דער אייביקסטער ציל — די שטאַרקייט פון אַלע רינגען, די איינציקייט פון אַלע רינגען. די אַבסאָלוטע זיכערקייט פון דער קייט. די אידייע איבער אַלץ איז געוואָרן — די אַב־סאָלוטע איינציקייט און מעכטיקייט פון דער קייט.

אַזאַ איז אויך די פאָרמולע, נאַטירלעך, פון דעם מענטשן: — „אַ צעל אין דעם גרויסן אָרגאַניזם". אַ רינג אין אַ קייט. דער מענטש און זיין משפחה, דער מענטש און זיין שבט, דער מענטש און זיין פאָלק, דער מענטש און די נאַטור, דער מענטש און די וועלט. ווידערגעבונדנקייט, מיטלבאַרע און אוממיטלבאַרע פאַרוואַנדשאַפט, געשלאָסנקייט, געזעץ. און איבער דעם געזעץ — די גרויסע, אַבסאָלוטע אידייע — גאָט. דאָס וואָס גיט יעדער זאַך באַזונדער און דער גאַנצער וועלט — אינאיינעם, אין זיך און אויסער זיך, דעם זין און דעם אינהאַלט פון לעבן. קייט אידייע — גאָט אידייע. און פאַרקערט, און קעגנגעשטעלט אָט דער אידייע פון אַבסאָלוטן געזעץ — איז כאַאָס, צעפאַלונג, אונטערגאַנג, טויט.

די זעלביקע פאָרמולע איז אָנגעווענדט געוואָרן אויף יעדער זאַך און אויף יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם. מ'קען זי ציען דורך באַגריפן, ווי טויט און לעבן, גוטס און שלעכטס, דורך ליבע און האַס, און עס איז ניטאָ קיין באַגריף, דורך וועלכן מען זאָל ניט קענען ציען די אומענדלעכע קייט. זי איז פאַרבונדן מיט אונדזער שכל, מיט אונדזערע העכערע פונקציעס, מיטן לעבן פון אונדזער גייסט, מיט די טיפסטע עמאָציעס פון אונדזער האַרצן, מיט יעדן ציטער פון לעבן אין אונדזערע לעבנס־קוואַלן.

און דער גאַנצער פּראָצעס פון לעבן איז אַ פאַראייניקונג פון העכערע און נידעריקערע פונקציעס, וואָס זיינען אין זיך און אויסער זיך געבונדן און דינען דירעקט און אומדירעקט דער אַבסאָלוטער אידייע פון דער קייט, ווייל עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן די גרעסטע קאָנטראַסטן אָן דעם כוח פון אָט דער אידייע. דאָס אַבסטראַקטע און דאָס קאָנקרעטע עק־זיסטירט ניט אין דעם ליכט פון אָט דער אידייע. די קייט האָט אין אַלץ גע־שאַפן די אייביקע האַרמאָניע, וואָס פאַראייניקט אַלע ווידערשפּרוכן אין דער נאַטור און אין דעם מענטשן מיט זיינע באַגריפן. זי האָט די גאַנצע וועלט

מעכאַניזירט ווי אַ ריזיקע מאַשין, וואָס איז איינגעטיילט אין רעדעלעך און שרייפעלעך, וואָס איטלעכעס פון זיי לעבט און ווירקט אויף אַ פאַרשיידענעם אופן, האָט באַזונדערע און אָפט קעגנגעזעצטע פונקציעס, און דאָך צוזאַמען בלייבן זיי געטריי דעם גאַנצן מעכאַניזם, דער מאַשין.

אָט אַזוי איז געוואָרן דער זין פון לעבן — די אויפהאַלטונג פון דער גרויסער אַבסאָלוטער אידייע פון דער קייט: אייניקייט, גאַנצקייט, אָרדע־נונג און געזעץ — האַרמאָניע. פריער — די רעליגיע, נאָכדעם — די קונסט, און שפּעטער — די וויסנשאַפט, אין אַלע אירע צווייגן און פאַרצווייגונגען, און נאָך שפּעטער — אַלע אינאיינעם האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אין דינסט פון אָט דער אידייע, דער קונסט־אידייע.

אָבער דער זין פון דער וועלט בכלל און פון לעבן בפרט, קען ניט זיין די אויפהאַלטונג פון דער קייט, ווייל קייט איז — געצאַמטקייט, און לעבן איז — קעגן יעדער געצאַמטקייט און יעדן געזעץ, אפילו קעגן דעם געזעץ, וואָס שטייט אַליין אין דינסט פון לעבן.

און וואָס איז די קייט? זי איז אַליין אַן אויסגאַנג־פּונקט אין קאָסמי־שער סובסטאַנץ, אַ קאָמפּראָמיס, ווייל קאָסמאָס איז — תוך. אייביקע רו, אַבסאָלוטע אומבאַוועגלעכקייט. די באַוועגלעכקייט אין קאָסמאָס איז — טראַגישער צופאַל. דאָס רייסן זיך פון אייביקער רו צו אייביקער באַוועגונג איז די טראַגעדיע פון תוך, וואָס וויל זיין אייביקער אָנהויב.

תוך־קאָסמאָס איז קעגן דער וועלט. תוך איז קעגן יעדער באַוועגונג צום אומבאַוואוסטזיין, וואָס איז אייביקע באַוועגונג און בלינדער אויסגאַנג. תוך איז קעגן דער וועלט, ווייל תוך איז — אייניק אין זיך און אויסער זיך, און די וועלט איז — פאַרמערונג, אין זיך און אויסער זיך. די וועלט האָט זיך אין איין פּוצן אין אַ קלייד פון לעבן, און סובסטאַנץ וויל נאָר איין זאַך — אומקער צום גליווער און טויט, צום אָנהייב פון אַלע אָנהייבן.

די וועלט איז אין אייביקער באַוועגונג. פון דער ריזיקסטער וועלט־סיסטעם ביז דעם קלענסטן עלעקטראָן באַוועגט זיך די וועלט. די וועלט איז לעבעדיק. די וועלט איז אַן אומגעצאַמטער ווילן, וואָס האָט זיך אין שטענדיקן רייסן פון באַגרענעצטקייטן, אין וועלכע עס שמידן זיך פריער — די סובסטאַנץ, און נאָכדעם — די קייט. דאָס לעבן איז קעגן יעדן אָפּהאַלט. דאָס לעבן שטעלט אַרויס טויזנט לעבנס קעגן יעדן טויט. איין צעל שטאַרבט — ווערן געבאָרן טויזנט אַנדערע אויף איר פּלאַץ. שטאַרבן, און ווערן גלייך און טויזנטפאַכיק ווידערגעבאָרן.

און פּונקט ווי די וועלט איז פון איר תוך געקומען צופעליק, אַזוי איז דאָס לעבן אין דער וועלט געקומען דורך אַ צופאַל. דערפאַר איז דאָס לעבן אויף דער וועלט נאָך אַזוי טראַגיש און געהיימניספול. דערפאַר דאַרף נאָך אַלץ יעדע רגע פון עקזיסטענץ אויסגעקעמפט ווערן, און דאָס גאַנצע לעבן דאַרף נאָך אַלץ זיין — קאַמף.

אין דעם קאַמף קעגן קאָסמישן צוריקשטויס, אין דעם קאַמף קעגן טויט און די געזעצן פון דער קייט זיינען מיליאָנען יאָרן פאַרלאָרן געגאַנגען. דער מענטש (און די גאַנצע נאַטור) האָט באַדאַרפט שטענדיק צופּאַסן זיך. עס באַדאַרפט פאָרקומען אַן אייביקע צופּאַסונג, אַ שטרענגע צופּאַסונג צו נאָך שטרענגערע געזעצן, צו אויסערלעכע און אינערלעכע.

אמת, צופּאַסן זיך האָט ניט אַלע מאָל געמיינט — אונטערגעבן זיך. דאָס איז — אַ פּראָצעס פון אונטערגעבן זיך אין קאַמף, אַ פּראָצעס פון פאַלן און שטייגן — פון שטייגן און פאַלן. אַ קאַמף קעגן אַזעלכע געזעצן, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אָננעמען, כדי שפּעטער צו קענען זיי באַקעמפן און פאַרניכטן. אָבער אין גרונט — אַ שטענדיקער קאַמף קעגן די סאַמע פונדאַמענטאַלסטע יסודות פון דער קייט. און אויך קעגן דעם שיקזאַל פון דער וועלט.

דער שיקזאַל פון דער וועלט איז אין גרונט — אַ העכערע קאָנטראָלירנדיקע קראַפט, וואָס היט אָפּ פון איין זייט די קייט־אידייע פון דער וועלט, און פון דער צווייטער זייט האַלט ער אין פאַרפאַלגן אַלץ, וואָס איז געקומען צופעליק, וואָס איז אַנטשטאַנען קעגן דעם ווילן פון דער קייט — דאָס לעבן אַליין און דעם שוואונג פון דער מענטשלעכער נשמה. ער שמידט דעם פרייען ווילן און וויל מאַכן די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, פּוסט און אומזיניק. אָבער דער פרייער ווילן פון אַלץ וואָס לעבט, רייסט דורך די קייטן און באַגרענעצונגען, באַפעסטיקט פאַר זיך נייע און נייע פּאָזיציעס און באַשאַפט פאַר זיך העכערע צילן, העכערע הייליקייטן און אַ העכערע מאָראַל, וואָס שטעלט זיך איבער דער קאָסמישער יסודותדיקייט און איבער דער סכעמע פון אייביקער באַוועגונג, אָן ציל און אָן אויסוועג.

דאָס לעבן וויל ניט אָנערקענען קיין געזעצן. דאָס לעבן איז אַ שטענדיק רייסעניש פון געזעצן, ווייל געזעץ איז — טויט. און דאָס לעבן איז קעגן טויט. דאָס לעבן זייט און פאַרזייט מיליאָנען־מיליאַסן זאָמען, וואָס ברענגען אויף נייע זאָמען און נייע לעבנס. לעבן איז — שטראַלנדיקער שוואונג, וואָס ברעכט און צעשטערט גליווער, געזעץ און דאָגמע.

די קונסט — אין דינסט

דאָס לעבן האָט נאָך ניט געזיגט און ניט באַזיגט. דאָס לעבן האָט נאָך ניט באַזיגט דאָס קאָסמישע אין זיך און אויסער זיך. איבער אים איז נאָך אַלץ די מעכטיקייט פון דער קייט, איבער אים איז נאָך אַלץ דער שיקזאַל מיט זיין אומפאַרמיידלעכקייט. די קייט און דער שיקזאַל איז — איינס. — די קייט איז דער קערפּער, דער שיקזאַל, זיין נשמה. זיי זיינען אייניק. האַרט, אומברחמנותדיק, באַוועגלעכקייט, וואָס וויל אומבאַוועגלעכקייט, זיכערע רו און אייביקע פאַרגעסונג. קאָסמאָס וויל פאַרבלייבן — תוך.

דאָס לעבן האָט נאָך ניט באַזיגט, ניט דעם בלינדן שיקזאַל איבער זיך, און ניט די מעכטיקייט פון דער קייט אין זיך, דערפאַר איז דאָס לעבן בלויז אַ ווילן צו באַזיגן. אַן אומפאַרמײַדלעכער דראַנג צו באַקעמפן דאָס תוכיקע אין זיך.

דערפאַר איז נאָך דאָס לעבן אין דינסט פון אומפאַרמיידלעכע געזעצן, דערפאַר איז דער מענטש אין אייביקער דינסט פון דער קייט, און דערפאַר איז די קונסט וואָס איז אין דינסט פון דעם מענטשן — דער הויפּט־פאַר־מיטלער צווישן דער הערשאַפט אויסער אים און דער אונטערטעניקייט אין אים.

אַזוי איז די קונסט געווען אין דינסט פון דער אַבסאָלוטער אידייע. מיטלבאַר און אוממיטלבאַר איז זי געווען אין דינסט פון אַט דער קייט־אידייע. זי איז פריער פון אַלץ געשטאַנען אין דינסט דורך דער רעליגיע. זי האָט דורך וואָרט און בילד, דורך טאָן און זשעסט, דורך אַלע עמאָציאָ־נעלע אויסדרוקן געדינט דער רעליגיע. זי האָט גערופן צו גאָט. זי איז געוואָרן די עקסטאַטישקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס האָט זיך געריסן צו גאָט. ביז זי איז אַליין געוואָרע דער פורעם, אין וועלכן עס איז געווען פאַרקערפּערט דער אינהאַלט פון דער רעליגיע. קיין אַנדער וועג איז גאָר ניט געווען צו גאָט. מען האָט צו אים געקענט קומען נאָר דורך קונסט. גאָטס דינסט האָט געקענט אויסגעדריקט ווערן און געפירט ווערן, נאָר דורך וואָרט, קלאַנג, זשעסט און בילד. אונטער איר איינפלוס איז וואָרט געוואָרן מער ווי וואָרט, און בילד מער ווי בילד, און זשעסט מער ווי זשעסט.

די קונסט איז אויך געווען (און פאַרבליבן) אין דינסט פון דער וויסנשאַפט. זי האָט פּראָדוקטן פון קאַלטן פאַרשטאַנד געגעבן לעבן, און שכל — דינאַמישקייט. זי האָט דער טויטער וועלט געגעבן אויסדרוק, באַוועגונג, לעבן. פון האַנט־ווירטשאַפט ביז די לעצטע אינדוסטריעלע און טעכנישע דערגרייכן, אין אַלץ האָט זי אַריינגעגעבן איר טאָן, איר באַ־לעבנדיקן כוח, די עסענץ פון לעבן. און די גרעסטע ראָל האָט די קונסט געשפּילט אין דער גרופּירונג פון מענטשן אַרום נייע אידעאַלן. זי האָט געקעמפט אויף שלאַכטפעלדער און באַריקאַדן. זי האָט גערופן און באַגייס־טערט, זי איז געווען דער טרומייט און די שווערד. זי איז געווען דער דראַנג און די פּערספּעקטיוו. דער צאָרנדיקער רוף צו אויפשטאַנד און דער מילדער גוטער רוף צו פרידן און לייטזעליקייט. זי איז אומעטום און אין אַלץ געווען דער אָנזאָג און דער רוף. און אומעטום און אין אַלץ — דער אויסדרוק און דער רוף צו לעבן.

קונסט האָט געדינט יעדן אויפשוואונג פון לעבן. דינענדיק דירעקט דער רעליגיע פון דעם מענטשן און זיין וויסנשאַפט, האָט זי געגעבן אַ זין און אַן אינהאַלט. זי האָט באַשטימט אַלע העכערע געזעצן פון מענטשלעכן לעבן, אַלע זיינע העכערע פונקציעס. זי האָט אַלץ באַצוואונגען אונטער איר קאָנטראָל און דעם גאַנצן לעבן געגעבן אַ ווענדפּונקט. אויך דעם לעבן

האָט זי געגעבן אַ זין און אַן אינהאַלט. זי אַליין איז געוואָרן לעבן. אָבער לעבן, וואָס איז פאַרשאָלטן דערוויל צו שטיין אין אייגענער דינסט.

אַ טרייבקראַפט און אַליין אַ קאָנטראָלירנדיקער כוח, איז זי דאָך קיינמאָל ניט געוואָרן דאָמינירנדיק. שטייענדיק אין דינסט פון דער אַבסאָלוטער אידייע און פון לעבן, האָט זי געהאָרכזאַם און שקלאַפיש אויסגעפאָלגט אַלע זייערע אָפענע און פאַרבאָרגענע קאַפריזן, איז געווען אַ מיטל אין זייערע אומענדלעכע שטרעבונגען, ווייטע און נאָענטע צילן און דערגרייכן.

און אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק, האָט זי, אין צווישן־צייט, גענומען באַדינען דעם לאַנגוויל פון לעבן און די, וואָס ווילן אויספילן און אויסלעבן דאָס לעבן מיט שפּיל און פאַרוויל, מיט לייכטן פאַרגעניגן, מיט לייכטע רייצונגען און אילוזיעס פון גליק, געגעבן לאַך־שטאָף פאַר די, וואָס האָבן ליב זאָרגלאָזן געלעכטער און טרערן־שטאָף פאַר די, וואָס האָבן ליב טרערן און געוויין.

און אַזוי איז זי געוואָרן די שקלאַפין פון די, וואָס האָבן זי ליב און פון די, וואָס האָבן זי פיינט. זי האָט געעפנט אירע טירן און איינגעלאַדן אַלס אירע געסט די אויסגעשפּראָכענע שענדער אירע און באַטריגער, און איז געוואָרן אַ שקלאַפין, וואָס בויגט דעם רוקן פאַר די, וואָס עקספּלואַטירן די סאַמע עסענץ פון איר לעבן, דעם הויכן באַרוף פון איר קומען אויף דער וועלט.

און אַזוי, געהאָרכזאַם און אומדערמידלעך, איז זי געגאַנגען מיט דעם מענטשן אין זיין קירך און אין זיין טעמפּל, אויף זיין בינע און אויף זיין עקראַן, אין זיין בוך און אין זיין בילד, דינענדיק דעם קאַמף פון מענטשלעכער ליבע און מענטשלעכן האַס, דעם קאַמף פון מענטשלעכער ערע און מענטשלעכער פליכט. און זייער אָפּט — דעם קאַמף פון מענטשלעכער גייציקייט, קליינלעכקייט און דעגענעראַציע. אַ קאַמף, וואָס איז אין גרונט — אַ פרעמדער קאַמף. אַ באַרוף, וואָס איז ניט איר באַרוף. און דעריבער, אַן איבעריקער, זיך אַליין פאַרניכטענדיקער קאַמף, זיך אַליין צעשטערנדיקער באַרוף.

קונסט — פרייער ווילן

עס זיינען דאָ צוויי פאַרשטעלונגען און באַנעמונגען פון דער וועלט און עקזיסטענץ — לעבן און טויט. אַלץ איז איינס, אין לעבן. אַלץ איז איינס, אין טויט. און עס איז ניט געווען קיין אַנדער מאָס פאַר דער עקזיסטענץ, אַחוץ טויט און לעבן. און עס איז אויך ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג. שטעלט זיך דאָס לעבן — הייבט זיך אָן דער טויט.

די קייט האָט זיך, ווי אַ שלאַנג, אַרומגעוויקלט, אַרומגענומען און אַריינגעזויגן אין דעם לעבעדיקן קערפּער פון דער אַנטשטאַנענער וועלט; און האָט אַליין אין זיך אויסגעפילט צוויי קעגנגעזעצטע פונקציעס: באַשאַפן דעם דראַנג צום לעבן און דעם צוריקפאַל צום טויט. געדינט דעם אויפ־

ברויז פון אַנטשטאַנענע כוחות צום זיין. געדינט דער אייביקער סובסטאַנץ, וואָס איז ניט־זיין. באַשאַפן דעם טויט און אויך באַשאַפן די אייביקע שרעק פאַרן טויט אין יעדן לעבדיקן וועזן און יעדער לעבעדיקער צעל.

דער לעבעדיקער וועזן וויל באַפרייאונג. דער קערפּער וויל באַפרייאונג. דער גייסט וויל באַפרייאונג, נאָך אַ גרעסערע באַפרייאונג. ער וויל די באַפרייאונג פון די צוויי פּאָליוסן, פון טויט און לעבן. זיין ציל איז — צו געפינען אַן אויסוועג פון זיי בײדן, און געפינענדיק — אויפשטעלן די יסודות פון נייע גרענעצן, אויסער די גרענעצן פון טויט און לעבן.

דער אויסדרוק פון גייסט און פון לעבן איז קונסט. איז דעריבער די קונסט די ערשטע געקומען אויפן רוף צו באַפרייאונג.

זי האָט זיך, ביסלעכווייז, גענומען אָפּטיילן פון דער רעליגיע און פון דער וויסנשאַפט. דער כוח, וואָס האָט פריער פאַרקערפּערט די געטער אין סטאַטועז, האָט שפּעטער זיי גענומען צעברעכן און פאַרניכטן, כדי אַליין פאַרנעמען זייער אָרט אין לעבן. דער כוח, וואָס האָט פריער געגעבן אַ פּנים אַלע מענטשלעכע דערגרייכונגען אויפן געביט פון שאַפן, האָט זיך שפּעטער אָפּגעגרענעצט און דורכגעפירט אַ ליניע צווישן זיך און אָט די דערגרייכונגען, שטעמפּלענדיק זיך מיט איין שטעמפּל און די דערגרייכונגען מיט דעם שטעמפּל פון טעכניק און אינדוסטריאַליזם. פון אָנהייב, ווען דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו מאַכן זיין ערשט געצייג, מיט וועלכן ער האָט באַדאַרפט באַווירקן די נאַטור, האָט ער אין יעדן שטיקל פּרימיטיוון געצייג אַריינגעגעבן זיין פּערזענלעכן נויטווענדיקן אויסדרוק פון מי און ריטם פון לעבן, וואָס איז געווען — פּרימיטיווע קונסט. אָבער שוין שפּעטער, ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס קאָמפּליצירטערע געצייג, געצייג־מאַשינען און נאָך שפּעטער, אַ גאַנצע סיסטעם מאַשינען, האָט זיך דער אָנבליק פון קונסט פון דעם געצייג אינגאַנצן אָפּגעטאָן. מאַשין איז געבליבן — טרו־קענע סכעמע, אָן לעבן, אָן פייער, אָן דינאַמישער באַווירקונג. קאָנסטרוק־טיווער געזעץ, באַצוואונגען פון סכעמע און טרוקענער נויטווענדיקייט.

דער דראַנג צו באַפרייאונג דורך קונסט האָט גענומען באַהערשן דעם מענטשן אין זיין וועלט. ער האָט די גאַנצע וועלט איבערגעצויגן מיט צאַרטע וויברירנדיקע סטרונעס און זי געלאָזן אויף אַלע מאָל אין דערוואַרטונג אויף דער באַרירונג פון אַ קינסטלערס האַנט. דער קינסטלער דאַרף נאָר קומען און באַרירן אַ סטרונע, און עס ווערט באַוועגט די וועלט מיט רעגונג. און וואו דער שאַפער זאָל ניט שטיין, וועט ער זיין אין צענטער פון געוועב. דורך אים גייט דורך איעדער ציטער פון דער וועלט, ווייל ער איז פאַרבונדן מיט דער וועלט. אַלץ ציט זיך דורך זיין האַרצן, וואָס קלאַפּט־אָפּ און פאַר־צייכנט דעם פּולס פון דער וועלט — דאָס לעבן. און ווייל דאָס לעבן גייט דורך דורך זיין אינדיווידועלן לעבן, דורכן ריטם פון זיין בלוט, איז אויך דער אויסדרוק אינדיווידועל און אַלוועלטלעך.

דער אינדיווידואום האָט ליב שיינקייט. שיינקייט — איז באַפרייאונג פון קאָסמאָס, וואָס איז שווער, גרויזאַם און מיאוס. שיינקייט איז — פרייער אויפשטאַנד קעגן דעם מיאוסן, געצאַמטן און פאַרבאָרגענעם אין אייביקן גליווער קאָסמישן אָנהייב.

דערפאַר האָט די קונסט פריער פאַר אַלץ דערהויבן די שיינקייט צו אַ קולט. דערהויבן זי צו דער הויך פון גאָט. און נאָך העכער.

קונסט — שיינקייט

אָבער וואָס איז שיינקייט?

מיר ווייסן ניט גענוי, וואָס אַזוינס איז שיינקייט. פונקט ווי מיר ווייסן ניט וואָס אַזוינס איז גאָט, נשמה, קוואַל פון לעבן. דאָך פילן מיר אין גרויסע מאָמענטן פון איינזאַמקייט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, אָדער — עס דאַרף זיין אַ גאָט. און אַז עס איז דאָ אין אונדז אַ נשמה, און אַז עס קוועלט אין אונדז דער קוואַל פון לעבן.

מיר הערן ניט אויף צו זוכן אין זיך און אויסער זיך — די שיינקייט. אין אַלץ ווילן מיר אַנטדעקן די אַבסאָלוטע שיינקייט, אָדער די אַבסאָלוטע אַנטפּלעקונג פון שיינקייט. מיר ווילן זי אַרויסשטעלן און אַרויסוויקלען פון דעם מעטאַפיזישן צודעק, אין וועלכן זי פאַרבאָרגט זיך, ווי גאָט און נשמה און קוואַל פון לעבן. מיר ווילן אַראָפרייסן פון איר פּנים דעם הייליקן פּרוכת פון געטלעכקייט און געהיימניש. האָבן מיר אָנגערופן מיט דעם וואָרט שיינקייט איר סוראָגאַט, דאָס וואָס איז שיין פאַרן אויג. דער אָנגענעמער איינדרוק, וואָס מיר קריגן אַרויס פונעם געזעענעם — איז שיינקייט. נאָך מער — אַלע פינף חושים זיינען, לויט אונדזער באַגריף, די אויפנעמער און באַשטימער פון דער שיינקייט. איך מאַך צו מיינע אויגן און נעם אין מיינע הענט אַ רויז. איך טאַפּ־אָן מיט מיינע פינגער איטלעך בלעטעלע באַזונדער. די בלעטלעך זיינען ווייך, זיינען צאַרט, צאַרטער פון צאַרטסטן סאַמעט, און איך דערפיל אַ טיפן דינעם עסטעטישן גענוס — דאָס איז שיינקייט.

איך טראָג־צו די בלום צו מיינע נאָזלעכער. איך אָטעם אַריין דעם אָנגענעמען ריח. איך קען זיך ניט אָנזעטיקן. דער איינדרוק איז דין און באַפרידנדיק. שיינקייט.

איך הער אַ גוטע סימפאָניע און איך האָב אַ טיפע, עסטעטישע הנאה — איז דאָס שיינקייט. און אפילו אַ געשמאַקער מאָלצייט, וואָס באַפרידיקט און גיט געוויסע הנאה, איז אַן עסטעטישע הנאה (ווייל יעדע הנאה איז עסטעטיש) — שיינקייט.

מיט אָט דער מאָס קען געמאָסטן ווערן ניט נאָר אַלץ, וואָס גייט אַריין אין די גרענעצן פון די מענטשלעכע פינף חושים, נאָר אין אַ גאַנץ גרויסער

מאָס, און אפשר נאָך מער, אויך דאָס, וואָס איז נאָך אין דער ספער פון מענטשלעכע באַגריפן, ווי אַליין די שיינקייט, אין העכערן באַנעם, חכמה, גוטס און שלעכטס, וועלכע, ווען אָנגעווענדט אין לעבן, רופן אַרויס באַוואונדערונג און עסטעטישן געניוס. און אויך די באַגריפן קענען ווידער איינגעטיילט ווערן אין נאָך אַנדערע און העכערע באַגריפן, א. אַ. וו. ביז מיר קומען צום העכערן אמת, וואָס דאַרף שוין זיכער זיין די העכערע שיינקייט.

אויף אַזאַ אופן איז געוואָרן דער ציל פון דער מענטשהייט — די דערציאונג און אויפהאַלט פון אַ העכערער מאָראַל, באַזירט אויף די באַגריפן פון שיינקייט און די באַזעצונג פון דער שיינער נשמה אין דעם שיינעם קערפּער. עס זאָל צוזאַמענלעבן די שיינקייט פון פאָרם מיט דער שיינקייט פון אידייע־אינהאַלט. אַ סינטעז פון עטישן און עסטעטישן.

דאָס איז געוואָרן דער ציל פון לעבן. דאָס לעבן האָט ניט קיין אַנדער ציל, ווי באַפרייאונג און שיינקייט און באַפרייאונג דורך שיינקייט. און קונסט איז געוואָרן דער אויסדרוק פון אָט דעם דראַנג. דער ציל פון לעבן איז פאַראייניקן און אויסגלייכן אַלע ווידערשפּרוכן. דער ציל פון לעבן איז דעריבער — דער פרידן פון אַלע שטרייטיקייטן פון לעבן אין זיך אַליין. דער אייביקער זוכן און דערגרייכן, אויב ניט פון דער אַבסאָלוטער האַרמאָניע אַליין, איז די שטענדיקע דערנעענטערונג צו איר. דערפאַר איז דער ציל פון דער קונסט — דער העכסטער דערגרייך פון שיינקייט, וואָס איז אַבסאָלוטע סימעטריע פון טיילן, פון צילן אין דער ענדלעכער פאַראייניקונג, אפילו פון קאָנטראַסטן.

שיינקייט גיט אונדז פריער פון אַלץ און איבערהויפּט — פאַרגעניגן. רייצט אונדזערע געפילן, וועקט אונדזער ענערגיע. אַ קונסטווערק, וואָס רופט אַרויס די גרעסטע מאָס אַנטציקונג, רופט אין דער זעלביקער צייט אַרויס אַ שטאַרקן אויפלעב אין דעם גאַנצן וועזן פון דעם געניסער. דער גאַנצער אָרגאַניזם לעבט־אויף אין אַ פּלוצלונגער באַוועגונג. אַלע טיילן פון אָרגאַניזם רופן זיך אָפּ, הייבן־אָן צו זוכן אַן אויסוועג פאַר דער אויפגעוואַכטער ענערגיע, פאַר די ניי־געעפנטע קוואַלן פון גייסטיקע כוחות.

קונסט איז דער קוואַל, פון וועלכן מיר שעפּן די ענערגיע פאַר אונדזער לעבן. זי איז דאָס לעבן, וואָס באַלעבט דאָס טויטע. זי גיט פונקציעס אונדזערע איינגעשלאָפענע חושים. זי הויכט אַריין לעבן אין דעם טויטן באַשאַף. דערפאַר איז די קונסט — דאָס קלאָרע אויג פון לעבן. דער קלאָרער אויער פון לעבן. און צום סוף — דאָס לעבן אַליין. דערפאַר איז קונסט, אין איר אינוויייניקסטן ציל — די קראַפט, דורך וועלכער מיר דערגייען דעם אמת. אַ דיכטער, אַ מאָלער, אַ רעדנער, אַ שפּילער — וואָס נעענטער ער איז צו די קוואַלן פון אמתער קונסט, אַלץ נעענטער איז ער צום אמת.

און פאַרקערט — וואָס נעענטער ער גרייכט צום אמת — אַלץ גרעסער איז די קראַפט פון זיין קונסט.

שיינקייט גיט פאַרגעניגן און פאַרגעניגן איז די אַנטציקונג פון שיינקייט. דערפאַר איז אונדזער העכסטע אַנטציקונג פון שיינקייט, וואָס איז פאַרקערפערט אין אַ קונסטווערק, אַ דערגעענטערונג צום עראָטישן. די העכסטע פולקאָמענקייט פון ליניעס, קלאַנגען און ווערטער, די שענסטע קאָמבינאַציעס פון פאַרבן און זשעסטן, רופט אַרויס אַזאַ געפיל פון אַנרעגנדיקער צופרידנקייט, וואָס גרענעצט זיך מיט אַן עמאָציאָנעלער, ניט אויסגעשפּראָכענער און באַהאַלטענער עראָטיק.

אין דער רעליגיע האָט די קונסט דערהויבן גאָטס־דינסט צו אַן עקסטאַטישקייט, וואָס האָט זיך צייטנווייז געגרענעצט מיט ניט געצאַמטער, אָפענער עראָטיק. זי האָט דורך טענץ, דורך זשעסטן און פאַרשיידענע האַוואַיעס, וואָס האָבן אויסגעדריקט ניט געצאַמטע ליידנשאַפט, דערגרייכט דעם העכסטן פונקט פון גלויבן.

אין דער וויסנשאַפט האָט זי געטאָן דאָס זעלביקע. אמת ניט אויף אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם אופן. זי האָט אין איר געבראַכט אַלץ צו אַזאַ סימעטרישקייט, צו אַזאַ האַרמאָנישקייט פון טיילן, וואָס האָט געשאַפן אַ שיינקייט דאָרט, וואו דער שכל האָט געוואָלט איבערוועלטיקן בלויז מיט נוצלעכקייט.

מיר — און די וועלט

די וועלט איז ברוטאַלע הערשאַפט, זיכערע טענדענץ קעגן מענטשלעכן, ליכטיקן אויפגאַנג איבער דער הערשאַפט פון „אַנהויב". די וועלט איז פול מיט סטאַטישקייט פון „אַנהויב". אָבער די וועלט איז אויך פול מיט דער דינאַמישקייט פון לעבן און מענטשלעכן אויפשוואונג. די וועלט איז צוויי וועלטן אין איין וועלט, וואָס קענען ניט געפינען קיין שלום. אייביקער אומגעהויערער קאָנפליקט צווישן דער הערשאַפט פון לעבן און דער הערשאַפט פון טויט.

די וועלט איז געבונדן. דאָס לעבן איז געבונדן — דורך געזעצן און באַגרענעצונגען. אַלץ איז געבונדן אין אייביקן, אָרגאַנישן פאַרבינד, אין זיך און אויסער זיך. אַלץ איז אָפּגעגרענעצט דורך דער צוואַנג פון אָט דער געבונדנקייט. אָבער די וועלט איז אויך פריי פון אַלע בונדן, ווייל זי איז דאָס ווערק פון אונדזער פרייען ווילן און אונדזער אידעאַלער טעטיקייט. זי איז דאָס ווערק פון אונדזער ווילן און אייביקן שטרעבן צום אייביקן אויפלעב, צו שאַפן און איבערשאַפן דאָס שיינע אין אונדז און אויסער אונדז.

דאָס שיינע אין אונדז איז די נשמה. זי איז ניט געבונדן מיט קיינע בונדן. זי איז פריי. זי איז דער קוואַל פון אונדזער פאַנטאַזיע. זי איז דער

כוח פון אונדזער פרייען ווילן. זי איז די פירערין און די טרייבערין פון אונדזער לעבן צו פרייער, אידעאַלער טעטיקייט. זי איז דער אויסדרוק פון אונדזער געטלעכקייט. זי פאַראייניקט אין זיך דאָס באַגרענעצטע מיט דעם אומבאַגרענעצטן, דאָס אייביקע מיטן פאַרגענגלעכן, דאָס באַוואוסטע מיטן אומבאַוואוסטן, דאָס רעאַלע מיטן אומרעאַלן. זי איז דער אויסדרוק פון רעאַלן אין געטלעכער סובסטאַנץ. זי איז דער בריק צווישן מענטש און גאָט.

די רעאַלע פאַרקערפערונג פון שיינקייט איז דער ציל פון אונדזער פרייען ווילן. דערפאַר איז קונסט דער העכסטער אויסדרוק פון אונדזער פרייען ווילן און די מאָס פון אונדזער אידעאַלער טעטיקייט. און דערפאַר איז שיינקייט דער אויסדרוק פון אידעאַלער טעטיקייט און די טעטיקייט אַליין.

קונסט ווערט אויסגעדריקט דורך מאַטעריע און גייסט. דעריבער איז קונסט דער רעאַלסטער אויסדרוק פון אונדזער גאַנצן, ניט צעטיילטן לעבן, וואָס איז אַ סינטעז פון קאָנקרעטן און אַבסטראַקטן, פון רעאַלן און געטלעכן.

קונסט לעבט און באַלעבט. קונסט באַלעבט טויטע מאַטעריע. אַ פּנימלאָזע מאַטעריע קריגט אויסדרוק, שיינקייט, לעבן. זאַכן זיינען ניט שיין, ביז עס באַרירט זיי דער שעפערישער כוח פונעם קינסטלער.

ווירקלעכקייט איז גרוי, מאָנאָטאָן. ווירקלעכקייט בייט זעלטן און ניט בולט אירע פאָרמען. ווירקלעכקייט איז גרויער, איינטאָניקער סטאַנדאַרד. קונסט איז באַלעבנדיקער קאָלאָריט. ניטאָ קיין גרענעץ צו אירע פאַרבן און שאַטירונגען. קונסט איז קיינמאָל ניט צוגעטראַכט. זי איז אויסגע־טראַכט, אויסגעפאַנטאַזירט, אויסגעטרוימט, דורך דעם פרייען ווילן פאַר־קערפּערט. עס איז פאַרקערפּערטער טרוים, פאַרווירקלעכטע פאַנטאַזיע. און פּונקט ווי שיינקייט איז דער אויסדרוק פון אונדזער אידעאַלן ווילן צו פרייער אידעאַלער טעטיקייט, אַזוי איז קונסט דער אויסדרוק פון אונדזער ווילן און פולקאָמענקייט, אַ זיך־אַליין אויסדריקנדיקע אידייע.

דורך קונסט באַפרייען מיר זיך פון אַלע פאַרבינדונגען מיט דער וועלט. דורך איר באַפרייען מיר זיך פון אַלע יאָכן, און דערהויבן אונדזער פּער־זענלעכקייט ביז דער העכסטער הויך פון אונדזער פרייען ווילן. און דער קינסטלער, וואָס איז איר אַפּאָסטאָל, הייבט־אָן צו פאַרמאָגן די קראַפט אויסצודריקן דאָס אומזעבאַרע, געהיימניספולע און אומפאַרשטענדלעכע דורך רעאַלע צייכנס. די נאַטור האָט באַשאָנקען דעם קינסטלער מיט אַ געטלעכער קראַפט און נאָר דורך דער קונסט האָט ער אַ מעגלעכקייט אויס־צודריקן דאָס געטלעכע אין זיך. ווייל קונסט איז גאָטס פּנים און געשטאַלט. גאָטס שטים און שיינקייט. זיין שעפערישע חכמה, דער גרויסער אמת פון דער וועלט, וואָס לעבט־אויף, אין גלייכער מאָס, אין הויכער ליכטיקייט און אין טיפער פינצטערניש.

דער העכסטער ציל פון דער קונסט איז באַפרייאונג. זי דאַרף איבער־רייסן אַלע קייטן. זי דאַרף אַריבערוואַרפן אונדז פון וועלט צו וועלט, פון רעאַלן צום אויסגעטראַכטן, פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט. אָנפילן די וועלט מיט אונדזער איך און אונדז — מיט דער וועלט. זי דאַרף אונדז באַפרייען פון שרעק פאַרן אומבאַוואוסטזיניקן און פון דער מורא פאַרן שיקזאַל, וואָס הענגט איבער אונדזער לעבן אין אונדזער וועלט. זי דאַרף אונדז באַפרייען פון טויט.

אָבער פריער פון אַלץ דאַרפן מיר באַפרייען די קונסט. עס דאַרף קומען אַ קעגנזייטיקע באַפרייאונג — אַ באַפרייאונג פון דער קונסט דורך אונדז און אונדזער באַפרייאונג דורך דער קונסט. עס דאַרף באַפרייט ווערן דאָס לעבן פון דער אַבסאָלוטער אידייע. עס דאַרף באַפרייט ווערן די קונסט פון איר דינסט. זי דאַרף אַרויסגעריסן ווערן פון דער אייביקייט, פאַרשאָלטענער דריי־אייניקייט פון צייט, רוים און האַנדלונג. עס דאַרף איר אָוועקגעגעבן ווערן די וועלט. און זי וועט שוין אַרויסרייסן די האַרמאָניע פון דער סכעמיש־קאָסמישער, געזעצמעסיקער אידייאישקייט פון אונדזער שכל און וועט זי אַראָפּברענגען צום מענטשלעכן ווילן, סינטעזירן זי מיט זיין גרויסן אידעאַל פון באַפרייאונג און ערשט דאַן פּראָקלאַמירן אַ נייע האַר־מאָניע, וואָס וועט זיין אויסער וועלכער עס איז אַבסאָלוטער אידייע, וואָס וועט זיין דער געזוכטער גן־עדן אויף דער וועלט. די פאַרנופּט און דער גרויסער ווילן פונעם לעבעדיקן אויף דער וועלט, וואָס וועלן זיך צוזאַמענ־טרעפן און שלום מאַכן צווישן זיך. און דאַן וועט שטאַרבן דאָס בלינדע אין אונדז און אין דער וועלט. אַלץ וועט ווערן קלאָר פאַר דעם אויג פון דער וועלט. און עס וועט ניט זיין קיין שיקזאַל אויף דער וועלט. ווייל דער שיקזאַל איז בלינד און דאָס לעבן און זעעוודיק און קלאָר.

ווייל נאָר דורך קונסט וועלן מיר דערזען און באַזיגן.

1928

רעאַליזם און קונסט

I

די וועלט מיט אירע רייכטימער, נאַטירלעכע און גייסטיקע, איז פול מיט אומדערשעפּלעכע קוואַלן פון גליק און פון וואונדער. אונטן, אונטערן באָדן פון אונדזערע פיס, און אויבן, איבער אונדזערע קעפּ, ליגן אין מורא־דיקער אומאָרדענונג, אין פון גאָט פאַרגעסענער כאַאָטישקייט, שיכטן פון פיזישער און גייסטיקער עשירות. מען דאַרף נאָר קומען און פון דער כאַאָטישקייט פאַרמירן אָרדענונג. מען דאַרף נאָר קומען און מיט גייסטיקע רידלען אויסדלובען און אויסגראָבן פון די פאַרמלאָזע שיכטן און פלאַסטן די פאַרבאָרגענע און פאַרגעסענע אוצרות און ברענגען זיי פאַר די וואַרטנדיקע, נאָך אומטעטיקע כוחות פונעם מענטשן.

דערפאַר איז די אַרבעט פון אונדזער גייסט שטענדיק געווענדט אויף דעם העכסטן ציל פון אַלע אונדזערע צילן — צו דער קלאָרקייט און צו דער אָרדענונג פון יענע כוחות, וואָס ליגן, אין זייער קאָסמישער סובסטאַנץ, אין אַ טויטן, פאַרגעסענעם און נאָך ניט אויסגעפאָרשטן צושטאַנד, און ברענגען זיי פאַר דער ברייטער נוצלעכקייט פון מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. דער מענטש זאָל קענען קומען צו די אוצרות, ווי צו פאַרטיקע, שטראָמענדיקע קוואַלן, און בעמען.

און דעמאָלט וועט זיך ענדערן דאָס לעבן און אַנדערש וועט ווערן דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט, און עס וועלן זיך אָנצינדן מיריאַדן זונען דאָרט, וואו עס איז פריער געווען פינצטערניש, אומרו און פאַרגעסונג.

מיר קענען צו זיי קומען נאָר דורך זיך אַליין. דער וועג צו זיי הייבט זיך אָן אין אונדז און קומט צוריק צו אונדז. אָן אונדז איז אויך ניטאָ קיין וועלט אויסער אונדז. די פולקאָמענקייט און די אומבאַגרענעצטקייט איז אין אונדז אַליין. מיר זיינען די טרעגער פון אַלע מעגלעכע עלעמענטן פונעם וועלטאַל, די טרעגער פון אַלע צילן און אינהאַלטן. מיר, געצפּלט אומ־ענדלעך, זיינען די וועלט. מיר, געצפּלט אומענדלעך — זיינען געטער.

קלאָרקייט און אָרדענונג — אין דעם איז דער זין פון לעבן. געפינען דעם זין און באַהעפטן אים מיטן מענטשלעכן לעבן — איז דער ציל. דע־ריבער איז דער ציל פון לעבן — צו געפינען דעם זין פון אונדזער זיין אויף דער וועלט.

אָבער דער וועג צו זיך אַליין איז פאַרבאָרגן אין פינצטערניש, פאַר־

פלאָנטערט און פאַרוואָרפן מיט שטיינער. דער וועג צו דער וועלט איז פאַר־באָרגן אין פינצטערניש, פאַרפלאָנטערט און פאַרוואָרפן מיט שטיינער. מיר מאַכן אַ טראָט — און ווערן געשטרויכלט. מיר מאַכן אַ טראָט — און פאַלן. אין אונדז איז ניטאָ קיין ליכטיקייט. פאַר אונדז איז ניטאָ קיין קלאָרע פערספעקטיוו. אין אונדז איז ניטאָ קיין אָרדענונג, אין אונדז איז כאַאָס. אויסער אונדז איז ניטאָ קיין אָרדענונג, אויסער אונדז איז כאַאָס. ווי און וואו זאָל געמאַכט ווערן דער אָנהויב?

דער קינסטלער איז דער ערשטער געקומען געבן דעם ענטפער. נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן האָט ער געפּריידיקט האַרמאָניע צווישן דעם מענטשן און דער וועלט, צווישן דעם מענטשן און גאָט. זיין פאָרמולע איז געווען אַ פשוטע:

פריער דאַרף מען דערגרייכן די האַרמאָניע צווישן דעם יחיד און דעם יחיד, נאָכדעם — צווישן דעם יחיד און דער געזעלשאַפט, נאָכדעם — צווישן דער געזעלשאַפט און דער מענטשהייט און נאָכדעם — צווישן דער מענטשהייט און דער וועלט, ביז אומענדלעכקייט און גאָט. די איינשטע־לונג פון אַזאַ האַרמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם ערשטן טאָג פון באַשאַף. דאָס איז די אומדערמידלעכע באַשטרעבונג פון אַלץ, וואָס שטרעבט צו אָרדענונג און גליק, און דער העכסטער געזעץ, וואָס סינטעזירט אין זיך די אידייע פון מענטש און גאָט, די אידייע פון פולקאָמענער רייניקונג פון לעבן. דאָס שלעכטע דאַרף אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַרן גוטן, דאָס מיאוסע — פאַרן שיינעם, דאָס אומפולקאָמענע — פאַרן פולקאָמענעם, א. אַ. וו.

די אַלטע יידישע נביאים און די לעגענדע וועגן משיחן האָבן די ערשטע פרובירט אילוסטרירן אָט די אידייע דורך דער נבואה, אַז עס וועט קומען אַ צייט, און דאָס שעפעלע וועט ליגן אינעם שויס פון לייב, דאָס כלי־זין וועט אויסגעשמידט ווערן אויף אַקער־אייזנס. און אַז משיח וועט קומען, וועט ער מיט זיך ברענגען די פולקאָמענע דערלייזונג פון דער וועלט: עס וועלן ניט זיין קיין אָרימע און קיין רייכע, קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע. אַלע ליידן וועלן אָפּגעווישט ווערן פונעם פנים פון דער ערד. אפילו די טויטע צווישן מענטשן וועלן צוריק לעבעדיק ווערן און די טויטע פלאַנצן וועלן ווידעראַמאָל באַפרוכפּערט ווערן און וועלן אָנהייבן בליען און געבן פרוכט. אַלע קאָנטראַסטן וועלן אויסגעגליכן ווערן, און עס וועט אַנטשטיין דער אייביקער גליק און לייטזעליקייט אויף דער וועלט. עס וועט קומען און זיך איינשטעלן די האַרמאָניע צווישן דעם מענטשלעכן און געטלעכן, אַן אייניקייט צווישן לעבן און לעבן אין דער נאַטור, אַ פולקאָמענער גן עדן אויף דער וועלט.

אין דער איינשטעלונג פון אָט דער האַרמאָניע אויף דער וועלט איז דעם מענטשנס שליחות, זיין זין און ציל. ער איז געקומען מיט אַ שליחות, וואָס מוז אויסגעפירט ווערן. משיח מוז וואָס שנעלער אַראָפּגעבראַכט ווערן.

אמת, דער מענטש שטייט נאָך ביים סאַמע אָנהויב פון דער אויספירונג פון זיין שליחות. אין אים אַליין קומט נאָך פאָר אַ קאַמף, ער האָט נאָך ניט געקראָגן דעם באַוואוסטזיין איבער זיין שליחות. ער וויל ניט אָננעמען די גרויסע התחיבות, וואָס עס ווערט אויף אים אַרויפגעלייגט. ער וויל זיין פריי. אין אים ראַנגלען זיך נאָך בלינדע כוחות ווי אין דער נאַטור. אָבער ענדלעך וועט ער געצאַמט ווערן אין זיך אַליין, וועט זיך אַרומזען און וועט אַוועקגיין מיט וועג צו דעם גרויסן ציל פון אַלע צילן — צו גאָט, וועט זיך מיט אים באַהעפטן און אַראָפּברענגען אויף דער ערד די הימלישע גערעכטיקייט און פאַרפלאַנצן אינעם אייגענעם האַרצן די אייביקע קערנער פון יושר און חכמה. דאָס איז זיין ציל.

דער מענטש וויל אָבער זיין פריי. ער וויל ניט זיין געבונדן מיט קיין התחיבותן. ער וויל זיך באַפרייען פון אַלע יאָכן, פון די יאָכן פון דער נאַטור, וואָס האָט אים געבונדן מיט פיזישע געזעצן און פון די יאָכן פון גאָט, וואָס האָבן איינגעשמידט זיין גייסט און באַצוואונגען אים מיט אַ שליחות. דער ציל, ווי וואונדערלעך ער זאָל ניט זיין, איז אָבער אַ ווייטער. ער ליגט ערגעץ אויפן סוף פון אַ לאַנגער, קוים באַנעמבאַרער, קייט פון לעבן, ערגעץ אויפן סוף פון אַלע לעבנס. דער מענטש לײדט איצט. ער וויל ניט וואַרטן ביז דער ציל וועט דערגרייכט ווערן. ער וויל ניט וואַרטן ביז מ׳וועט געפינען, — ע ר וויל ש ו י ן געפינען. ער וויל פריער פון אַלץ געפינען דעם ציל פאַר זיך אַליין און זיך אַליין פאַרענטפערן די גרויסע פראַגע פון זיין לעבן. פריער פון אַלץ וויל ער אַליין זיין גליקלעך. פריער פון אַלץ וויל ער אַליין אין זיך געפינען די האַרמאָניע, די קלאָרקייט און די אָרדענונג. ווייל זיין לעבן איז קורץ. ער וועט שטאַרבן, און מיט אים וועט שטאַרבן אויך די וועלט, מיט אַלע אירע שטרעבונגען און דערגרייכונגען.

דער מענטש וויל זיין פריי און גליקלעך. דער מענטש ווייס אָבער ניט וואָס עס איז אַזוינס פרייהייט און וואָס עס איז אַזוינס גליק. דער מענטש האָט שוין פאַרזוכט פערזענלעכע פרייהייט און פערזענלעכן גליק און האָט זיך אַנטוישט. ער איז געשלאָפן צו־זאַט און געגעסן צו־זאַט און געהאַט קערפּערלעכע פאַרגעניגנס צו־זאַט, קלאָרע הימלען און דערקוויקנדיקן וויין און פרויען־ליבע — דאָס האָט ער שוין דערגרייכט. ער אַליין האָט עס דערגרייכט און אַנדערע אַרום אים האָבן עס דערגרייכט. דאָס איז אים אָנגעקומען לייכט: ער האָט פּשוט אָפּגענומען די פרייהייט און דאָס גליק פונעם אַנדערן, פונעם נאָענטן (אָדער פון נאָענטע), אַוועקגערויבט זיין שלאָף און זיין שפּייז און זיין קלייד און זיין ליבע און די ליכטיקייט פון זיינע הימלען און דעם דופט פון זיינע בלומען — אַלץ האָט ער אָפּגענומען, און דער דורשט נאָך גליק איז אין אים ניט געשטילט געוואָרן. פאַרקערט, עס איז נאָך געשטאַרקט געוואָרן, ווייל נאָך טיפער איז פאַרבאָרגן געוואָרן

דאָס אמתע פּנים פון גליק. און ער איז אין זיינע קליידער געבליבן אַ נאַקעטער, אַ הונגעריקער, אַ בלינדער און אַן אָפּגעגאַרטער.

II

דער רעאַליזם איז געקומען שאַפן אַ פאַרבינדונג, אַ בריק, צווישן דעם גליק פונעם יחיד און דעם גליק פון דער וועלט. דער רעאַליזם לערנט צו מאַכן די ערשטע טריט אין דער פינצטערניש, פּרובירט דורכלייגן אַ וועג דורך די שטרויכלונגען: — פריער פון אַלץ דאַרף דער מענטש קומען צו פערזענלעכן גליק, נאָכדעם — צום גליק פונעם נאָענטן און נאָכדעם — צום גליק פון דער מענטשהייט. אַז עס וועט ניט זיין דער עגאָאיסטישער שטרעבן צום אייגענעם גליק, וועט אויך ניט מעגלעך זיין צו קומען צום גליק פונעם נאָענטן און פון דער מענטשהייט בכלל. ער דאַרף אָבער ניט בלייבן ביי זיין אייגענעם פערזענלעכן גליק, ווייל פערזענלעכער גליק שטאַרבט און פאַרגייט, ווען ער איז ניט פאַרבונדן מיטן גליק פון נאָענטן און שפּעטער — מיטן גליק פון דער מענטשהייט.

גליק איז פולקאָמענהייט. וואָס גליקלעכער אַ מענטש איז, אַלץ נעענטער איז ער צו פולקאָמענהייט. אַ גליקלעכע מענטשהייט איז נאָענט צו דער סאַמע דערגרייכונג פונעם זין פון לעבן, ווייל עס איז נאָענט צו פולקאָמענהייט. דעריבער איז דער רעאַליזם געקומען איינשטעלן די אָרדענונג אין לעבן און אָפּהיטן דאָס פּראָפּאָרציאָנעלע אין לעבן. עקאָנאָמיע פון טעטיקייט איז דער קירצסטער וועג. עקאָנאָמיע פון געדאַנק, געצאַמטקייט, פּראָפּאָרציע אין מיטלען און אויסדרוק. צוועקמעסיקייט.

אַרבעט דאַרף האָבן אַ ציל, אַרבעט איז שטרעבונג. נאָך מער: אַרבעט דאַרף האָבן צווי צילן: — איינעם אין זיך און אַ צווייטן — אויסער זיך. דעריבער איז אומנוצלעכע און צוועקלאָזע אַרבעט קיין אַרבעט ניט. גיסן וואַסער צוועקלאָז פון איין כלי אין דער אַנדערער, אָדער שטויסן זאַמד, איז ניט קיין אַרבעט, סיידן דער, וואָס אַרבעט זעט אין דער אומנוצלעכקייט פאַר זיך אַליין אַ פאַרגעניגן, אַלס רעזולטאַט פון עפּעס אַן אַבנאָרמאַלקייט, אַ פיזישער אָדער גייסטיקער. דאַן איז שוין אָבער אַזאַ סוביעקט אַן אויסנאַם. אָבער אַרבעט, כדי צו האָבן אַ זין, מוז פריער פון אַלץ האָבן אַ ציל.

יעדע אַרבעט און יעדער ציל אין דער אַרבעט איז קאָלעקטיוויסטיש. אַ נוצלעכע אַרבעט, אפילו בלויז פאַרן יחיד, איז קאָלעקטיוויסטיש, ווייל זי איז נוצלעך און האָט אין זיך די פּאָטענץ איבערצוגיין צו אַלעמען. אַז אַ מענטש אַרבעט, אָדער ווען ער שטרעבט בכלל צו אַ וועלכן עס איז ציל — אַרבעט ער און שטרעבט פאַר דעם וואוילזיין פון אַ גרויסן קאָלעקטיוו, פאַר אַ ריזיקן אָרגאַניזם, וואָס שטרעבט צו אַ ווייטערדיקן, מער און מער פאַרכאַפּנדיקן ציל. בלויז ווען דער יחיד איז ניט טעטיק — איז ער „אַ

וועלט פאַר זיך". ווי נאָר ער הייבט־אָן צו טאָן אַ וועלכע עס איז אַרבעט, איז די אַרבעט — פאַר אַלעמען. פאַר דער וועלט. אויף אַזאַ אופןווירקט יעדער יחיד אויפן קאָלעקטיוו, ווייל זיין אַרבעט, זיין דענקען, זיין טעטיקייט בכלל ווירקט און ברענגט נוצן דער מענטשהייט.

פונקט אַזאַ ווירקונג האָט, קעגנזייטיק, אויך דער קאָלעקטיוו אויפן יחיד. דעם יחידס סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, זיין קוק און אָרט דענקען און שאַפן איז אַ רעזולטאַט פון אָנגעווענדעטער דערציאונג, וואָס ער קריגט דורך דעם קאָנטאַקט מיט דער געזעלשאַפט, מיט דער געזעלשאַפטלעכער דיקטאַטור, אַזוי צו זאָגן. די געזעלשאַפט איז דער באָדן, אויף וועלכן מיר וואַקסן אויס און איר דערציאונג איז די שפּייז, וואָס מיר עסן. אפילו אונדזערע עסטעטישע אידייען און פאַרגעניגנס זיינען אויך אַ רעזולטאַט פון יענער געזעלשאַפטלעכער השפּעה, אונטער וועלכער מיר שטייען און וועלכע הערט ניט אויף אונדז צו באַווירקן און גאַנץ אָפט אפילו צו באַצווינגען.

דער רעאַליזם בויט דעריבער זיינע טעאָריעס וועגן דעם אויפבוי פון לעבן אויף דער קעגנזייטיקער מיטשאַפונג מצד דעם יחיד און דער געזעל־שאַפט. דער רעאַליזם אין דער ליטעראַטור וויל פריער פון אַלץ פאַרבינדן דעם שרייבער מיטן לייענער, כדי זיי ביידע, פאַראייניקט, זאָלן קענען קומען צום אויפבוי פון לעבן. דער שרייבער דאַרף זיין דער וועגווייזער, דער באַ־לייכטער, דער אויסטייטשער פון לעבן און זיינע פּראָבלעמען. ער דאַרף דער ערשטער אָפּרייניקן דעם וועג פאַר דעם לייענער. ער דאַרף זיין דער ערשטער צו באַטראַכטן דעם באָדן, סיי ווען ער איז שטאַרק, סיי ווען ער איז שוואַך, אומזיכער און אפילו געפערלעך. זיין אויפגאַבע, דעריבער, איז באַוואוסטזיין און באַוואוסטזיניקע קריטיק פון לעבן. דער אַנאַליז פון ווירקנדיקע און באַווירקנדיקע כוחות אין לעבן. די סטימולירונג און די אַנטוויקלונג פון די כוחות און דער רוף פאָראויס.

דער רעאַליסט דאַרף פריער פון אַלץ זיין אַן אָפּטימיסט. אַן אַרבעט־זאַמער אָפּטימיסט. אַן אַרבעטער, אַ בויער און אַ שאַפער. ער דאַרף האָבן אַ וויטן ציל, אָבער ער מוז ניט האָבן קיין ווייטע פאַנטאַזיע. ער טאָר זיך ניט צו וויט דערווייטערן פון דער ווירקלעכקייט פון זיין פּראַקטיק. ער דאַרף אַלע מאָל שטיין אויף אַ פעסטן באָדן, זעענדיק שטענדיק פאַר די אויגן דאָס גוטע און דאָס שלעכטע אין דער זעלביקער צייט. דאָס שיינע און דאָס עקלהאַפטע טאָר קיינמאָל ניט פאַרבאָרגן זייערע פּנימער פון זיין אויג. ער טאָר זיך קיינמאָל ניט לאָזן אויף די טונקעלע וועגן פון דער פאַנטאַסטיק, ער טאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אוממיטלבאַרן ציל און דאָס אוממיטל־באַרע שטרעבן צום ציל, ווייל קיין זאַך ווירקט ניט אַזוי שטאַרק ווי דער אוממיטלבאַרער קאָנטאַקט מיטן לעבן גופא און מיט זיינע פאַקטן. דעריבער איז די ספערע פון רעאַליסטישן ווירקן אויסגעשפּרייט בלויז אויף דער ממשותדיקער ווירקלעכקייט. און דערפאַר שטעלט דער רעאַליזם דעם

שאַפנדיקסטן פון אַלע כוחות, די קונסט, אין דינסט פון זיין אידייע פון אויפבוי און לעבן.

די קונסט דאַרף אַלץ באַלעבן און אויפלעבן. אין די פּראָדוקטן פון קאַלטן פאַרשטאַנד דאַרף זי אַריינבלאָזן שוואונג און דינאַמישקייט. זי דאַרף זיין די לעבעדיקע נשמה פון טויטער מאַטעריע. זי דאַרף דער וועלט געבן אויס־דרוק, באַוועגונג און לעבן.

די קונסט דאַרף אַלץ באַלעבן און אויפלעבן. אין די פּראָדוקטן פון קאַלטן לעבן און אין זיין קאַמף פאַר דער דערגרייכונג פון זיינע צילן. זי דאַרף דינען דעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. צוליב דעם איז זי געקומען און אין דעם איז איר באַרוף. זי דאַרף אויך העלפן דעם מענטשן דערגרייכן צו פולקאָמענהייט און גליק, זי דאַרף העלפן איינשטעלן די האַרמאָניע, פון כאַאָס פאַרמירן אָרדענונג.

דערפאַר דאַרף זיך די קונסט שטעלן אין דינסט דער רעליגיע — אין טעמפל, דער וויסנשאַפט — אין די לאַבאָראַטאָריעס און פאַבריקן, דעם טע־אַטער — אויף דער בינע און עקראַן, דער פּאָלעמיק — אויף דער טריבונע פון מענטשלעכן לעבן, וואוהין די קונסט קען זיך ניט אַריינפּאַסן און וואו זי קען ניט דינען געטריי און איבערגעגעבן, ביז דער פולער פאַרלייקענונג פון די אייגענע פונקציעס און אייגנעם, זעלבסטשטענדיקן זין פון לעבן אויף דער וועלט. זי טאָר קיינמאָל ניט ווערן קיין ציל אין זיך אַליין. זי דאַרף זיין אַ מיטל פאַר דער דערגרייכונג פון די העכערע צילן, וואָס דער מענטש האָט זיך אָוועקגעשטעלט. זי דאַרף זיין די האַנט, וואָס פירט אין דער פינצטערניש און דאָס ליכט, וואָס באַלייכט דעם וועג צום ציל. זי מעג אפילו זיין דער טרייבנדיקער כוח צום ציל, אָבער זי טאָר קיינמאָל ניט ווערן קיין ציל פאַר זיך אַליין.

III

די פילאָזאָפיע פונעם רעאַליסט איז אַ קלאָרע און, איבערהויפּט, אַ פּראַקטישע. דאָס לעבן פון מענטשן איז דער ציל פון לעבן בכלל. דערפאַר דאַרפן אַלע כוחות, וואָס לעבן אין אים און אויסער אים, דינען אים אַליין. דעם מענטשן איז שווער צו לעבן. זיין וועלט איז נאָך פינצטער, זיינע וועגן זיינען פאַרשטעלט. אומעטום איז כאַאָס. אין אים און אויסער אים איז דער כאַאָס. דערפאַר איז דער ערשטער פאַרבאַדינג פאַר זיין גאַנג — די עקאָ־נאָמיע און די גראַדע אָנווענדונג פון אַלע כוחות בכלל און פון דער קונסט — בפרט. און דערפאַר איז זיין אומברחמנותדיקער באַדינג — די אַבסאָלוטע הערשאַפט איבער די כוחות.

און דאָ איז אַנטשטאַנען דער ערשטער קאָנפליקט צווישן רעאַליזם און דער קונסט, אַלס ציל פאַר זיך אַליין. צווישן דעם ציל און זין אין דעם רעאַליזם און צווישן דעם זין און ציל פון דער קונסט. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן נאָך לאַנג צוריק, און האָט ערשט איצט דערגרייכט זיין אַפּאָגיי.

דער רעאַליזם זעט ניט אין דער קונסט קיין אַנדער ציל, ווי צו זיין אַ פאַר־מיטלערין צווישן דעם מענטשן און זיין קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט. זי דאַרף דינען דעם מענטשן אויף אַלע מעגלעכע געביטן פון זיינע דער־גרייכונגען אויפן וועג פון קולטור און ציוויליזאַציע.

די ריינע קונסט און איר קינסטלער, איר אַפּאָסטאָל, דער אַזוי־גערו־פענער אַנהענגער פון „קונסט פאַר קונסט״, זאָגט, אַז קונסט דאַרף דינען זיך אַליין. זי דאַרף דינען פריער זיך און נאָכדעם, ווידער טאַקע דורך זיך, דעם מענטשן. זיין קאַמף דאַרף ווערן איר קאַמף. אָבער זי דאַרף עס טאָן זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק פון אַלע אַנדערע ווירקנדיקע כוחות. איר הילף דאַרף זיין אַ דירעקטע, אַן אוממיטלבאַרע. זי טאָר ניט זיין קיין ווערקצייג, אָדער קיין מיטל אין די הענט פון די, וואָס מאַכן פון איר, לויט זייער אייגענעם ווילן, אָדער קאַפּריז, אָדער טעות, אַמאָל — אַ ברכה און אַמאָל — אַ קללה. שפּאַנען זי איין אין מאָל אין איין וואָגן, דעם צווייטן מאָל — אין אַ צווייטן.

זי דאַרף ווערן אַ גרויסער זעלבסטשטענדיקער פאַקטאָר אינעם לעבן פונעם מענטשן. אַנשטאָט צו ווערן באַאיינפלוסט און באַוועלטיקט פון אַנדערע כוחות, וואָס שטעלן זי אין דינסט, דאַרף זי אַליין ווערן אַן איינ־פלוסרייכער, באַוועלטיקנדיקער כוח. זי דאַרף אַליין ווערן אַ הערשערין, קאָנטראָלירן דאָס לעבן, פירן דאָס לעבן און פאַרענטפערן אַלע זיינע פאַר־פלאָנטערטע פראַגן און דערשיינונגען. זי דאַרף באַהערשן די וועלט.

קונסט איז צו־לאַנג געווען אין דינסט, און די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז ווי נאָר די קונסט שטעלט זיך אין דינסט פון אַ דרויסנדיקער אידייע, פאַרלירט זי אינגאַנצן איר פריען איינפלוס. זי ווערט אַ שקלאַפין. פאַר־לירנדיק די פרייהייט, פאַרלירט זי אויך איר אייגענעם פנים. אַנשטאָט צו ברענגען שיינקייט און גליק, הייבט זי אָן צו זייען באַטרוג און אומגליק. איר ווערט צעשפּאָלטן און צעריסן פון די, וואָס זוכן דורך איר צו ברענגען גליק, און פון די, וואָס זוכן דורך איר צו ברענגען אומגליק. זי ווערט פונקט אַזוי לייכט, אַ שפּילכל אין די הענט פון דעם רעליגיעזן פאַ־נאַטיקער, ווי אין די הענט פון דעם ביליקסטן פאַנאַטישן פּאָליטיקער. אַנשטאָט אַ קאַמף פאַרן מענטשלעכן גליק, הייבט זי אָן צו פירן אַ קאַמף פון מענטשלעכער גייציקייט, דעגענעראַציע און צעפאַלונג און פאַלט די ערשטע אַריין אין דער דעגענעראַציע און צעפאַלונג.

זי הייבט אָן אַרויפצוציען אויף איר אייגענעם פנים אַ שיכט פון שמינק און קינצלעכקייט, כדי וואָס מער צו באַהאַלטן דאָס אמתע אויסזען. זי הייבט אָן צו רעדן פרעמדע רייד, נאָכצומאַכן פרעמדע מאַנירן און נאָכקרי־מען פרעמדע קרימענישן, ווי אַ פּראָסטיטוטקע, וואָס איינמאָל אָננעמענדיק דאָס פרעמדע, וויל וואָס מערער אָוועקגיין פון זיך אַליין, אַזוי הייבט אָן די קונסט דערווייטערן זיך פון אייגענעם לעבן און אייגענעם ציל, ביסלעכ־

ווייז פאַרלירנדיק איר אייגענע שיינקייט און אַלץ מער פאַרלייקענענדיק איר אייגענעם פּנים. און וואָס מער זי פּוצט זיך אין פרעמדן, כדי צו געפעלן דעם פרעמדן, אַלץ נעענטער ווערט זי צו דער אייגענער דעגע־נעראַציע. דאָס פרעמדע בלוט, וואָס הייבט אָן פליסן אין אירע אָדערן שלאָגט אַרויס אויף איר לייב אַ פּאַראַזיטישע קרעץ, וואָס פאַרסמט איר עקזיסטענץ, גראָבט אונטער די יסודות פון איר לעבן. זי ווערט אַ זיך־אַליין פאַרניכטנדיקער כוח.

דערפאַר דאַרף די קונסט זיין פריי. איר גרויסע צוקונפט ליגט אין איר פרייהייט און אין איר מאַכט. אויך דעם מענטשנס גליק איז פאַרזיגלט מיט דעם זיגל פון איר פרייהייט און מאַכט.

ווי עס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, וויל דער מענטש ניט וואַרטן ביז עס וועט ווען עס איז קומען די דערלייזונג פון כאַאָס. ער וויל שוין זען פאַר זיך די דערלייזונג, וואָס דאַרף קומען, און שוין דערפילן דאָס גליק פון איר קומען. דערפאַר האָט זיך דער מענטש אָנגעכאַפּט פאַר דער קונסט, ווי פאַר אַ רעטונג. ווייל זי אַליין פאַרקערפּערט אין זיך אַלע עלע־מענטן פון צוקונפטיקער האַרמאָניע. זי איז די טרעגערין פון שיינקייט און פון גוטס, פון ריטם און פּראָפּאָרציע, פון גאַנצקייט און קראַפט, פון יושר און אמת. אין איר, ווי אין אַ פּריזמע, ברעכן זיך איבער די שטראַלן פון דער ליכטיקער צוקונפט פונעם מענטשן. זי אַליין קען נאָר פאַרקערפּערן דעם גרויסן מענטשלעכן טרוים וועגן זיין צוקונפט און דערנעענטערן אים פון די וווייטסטע ווייטקייטן, פון פאַנטאַזיע מאַכן ווירקלעכקייט. עס איז פאַר איר ניטאָ קיין אוממעגלעכס און אומדערגרייכבאַרס. די ווייטע הימלען זיינען פאַר איר ניט ווייט און די טיפסטע טיפענישן פון וועלטאַל זיינען פאַר איר ניט טיף. פאַר איר זיינען ניטאָ קיין גרענעצן און באַגרענעצונגען. ווייל זי איז דער פרייער ווילן פון דער וועלט, איר לעבעדיקער, דינאַמישער גייסט, וואָס באַלעבט די טויטע מאַטעריע פון דער וועלט. אָן איר איז ניטאָ קיין לעבן, אָן איר איז ניטאָ קיין וועלט.

ווי נאָר דער מענטש ווערט געבאָרן, באַווייזט זיך די קונסט פאַר אים אין דער געשטאַלט פון אַ גליק־ברענגענדיקן מלאך. זי איז אין דעם ערשטן שטראַל, וואָס ער דערזעט און אין דעם ערשטן שפּילצייג, מיט וועלכן ער שפּילט זיך און אין דער ערשטער ליבע, וואָס ער פירט. ער געפינט אין איר אַן ענטפער אויף אַלע זיינע זוכענישן און איז דער אויסדרוק פון אַלע זיינע פאַרלאַנגען, אָפּענע און פאַרבאָרגענע. אָן איר איז זיך שווער פאַר־צושטעלן דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט. אָן איר איז זיך שווער פאַרצושטעלן בכלל אַ וועלכן עס איז לעבן אָדער אַ שטרעבן צו אַ וועלכן עס איז ציל.

1929

דאָס פּראָבלעם פון שעפערישקייט

נחמן מייזיל האָט אין זיין אַרטיקל „הויפּט־פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור" („יידישע קולטור", נומ. 2) זייער ריכטיק אָנגעוויזן אויף אַ ריי פּראָבלעמען, וואָס וואַקסן אַרויס פון די ספּעציעלע באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט־אויס דער יידישער ליטעראַטור צו אַנטוויקלען זיך אין די פאַרשיידענע לענדער פון אונדזער צעשפּרייטקייט. עס איז אָבער ניט געווען זיין דירעקטע אויפגאַבע אָפּצושטעלן זיך באַזונדער אויף די פּראָבלעמען פון שעפערישן מעטאָד, פון קינסטלערישע מיטלען, פון קינסטלערישער לאַבּאָראַטאָריע, אַזוי צו זאָגן, וואָס ווירקט אויף דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון יידישן שרייבער אין די באַדינגונגען, אין וועלכע אים קומט אויס צו לעבן און צו שאַפן.

עס איז אַ פאַקט: אין קיין ליטעראַטור איז אַזוי ווייניק ניט גערעדט געוואָרן וועגן דער אינערלעכער פּראָבלעם פון שאַפן, ווי ביי אונדז, יידן. אין קיין ליטעראַטור ווערט אַזוי ניט פאַרזען דער אינדיווידועלער קינסטלער, ווי ביי אונדז. שרייבער און ווערק קומען און פאַרגייען, אָפט אומבאַמערקט, איבערגעלאָזטע אויפן באַראָט פון דער קאַלטער, אומפּריינצלעכער ליטעראַרישער סביבה. און אויב אַ קינסטלער געליגנגט דאָך אַמאָל אַרויפצושווימען אויף די כוואַליעס פון אונדזער ליטעראַטור, איז עס אַמאָל אינעם זכות פון זיין גרויסער אינדיווידועלער עקשנות, און נאָך אָפטער — צוליב דעם בלויזן צופאַל. דער רוב שרייבער ווערט אָבער דעגראַדירט און פאַרדאַרבן, נאָך איידער זייער טאַלאַנט האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קומען צו אַ באַדייטנדיקן אויסדרוק. אין אונדזער פאַרוואָרלאָזטער ליטעראַרישער סביבה קען מען אָנרופן אַ היפּשע צאָל נעמען, וואָס וואָלטן געקענט באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור, זיי זיינען אָבער אַ דאַנק דער ביטערער ווירקלעכקייט פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר אונדזער ליטעראַטור.

אונדזער קינסטלער איז כמעט אַלעמאָל אין דער געפאַר צו בלייבן אַליין, אַליין מיט זיין שעפערישן גורל, סיי אין דעם סוביעקטיוון שעפערישן געראַנגל, און סיי אין די אָביעקטיווע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן פאַר זיין שעפערישן שטייגן. האָט ער נאָך אַן איינגעבאָרענעם חוש פאַר אָריענטאַציע, וועט ער זיך ווי־עס־איז דערשלאָגן צו אַ ברעג — און זיך ראַטעווען. האָט ער אָבער ניט אָט דעם חוש, וועט ער מיד ווערן און אַריינפאַלן אין דער אומפאַרמיידלעכער אַפּאַטיע.

ס'איז שוין געוואָרן אַ כלל: ווי נאָר עס באַוויזט זיך צווישן אונדז אַ

נייער טאַלאַנט, דערפילט ער זיך גיך עלנט, אַן אַ פריינטלעכער האַנט, ער דערפילט זיך איינער אַליין אין אַן אומגלייכן קאַמף מיט אַ גלייכגילטיקער ווירקלעכקייט, ער דערפילט זיך אָפּגענאַרט אין זיינע האָפענונגען, אין זיינע אַמביציעס און פאַרלירט דעם אינטערעס צו דער אייגענער אַרבעט.

די קריטיק אונדזערע גיט זיך ווייניק אָפּ מיט די נייע טאַלאַנטן. אונדזער קריטיק איז געצוואונגען צו באַגרענעצן זיך מיט די סאַמע ערשטע מעגלעכע אויפגאַבן — מיט דער אויפהאַלטונג פון יענע געציילטע טאַלאַנטן, וואָס האָבן זיך אין זייער אייגענעם זכות דערהויבן צו אַ געוויסער הויך און האָבן שוין פאַרנומען זייערע זיכערע פּאָזיציעס אין דער יידישער ליטעראַטור. פאַרנעמט זיך די קריטיק מיט אָט די טאַלאַנטן, קעכלט זי אפילו דאַן, ווען זיי קענען שוין אַליין שטיין אויף די פיס און באַשטיין זייער אייגן שטעטל. און אַז אונדזער קריטיק (און מיט איר אונדזער פּרעסע) כאַפּט איין מאָל אויף אירע פליגלען אַ וועלכן עס איז שרייבער, טראָגט זי אים דורך אַלע שוועריקייטן פון אונדזער ליטעראַרישער ווירקלעכקייט, און פאַר די אַלע אַנדערע שרייבער בלייבט שוין פאַר איר ניט קיין באַגייסטערונג.

עס איז ניטאָ קיין אָרגאַניזירטע, צוועקמעסיקע קריטיק. עס זיינען ניטאָ קיין שעפערישע ליטעראַרישע זשורנאַלן. ניטאָ קיין ליטעראַרישע קלובן, וואו קינסטלער זאָלן זיך קענען באַגעגענען צוליב שעפערישער אַרבעט, צוליב לאַבאָראַטאָרישער שטודיע. אונדזער ליטעראַרישע סביבה איז ווי אַ פאַרוואָרלאָזטער גאָרטן, וואו דער באָדן איז ניט פאַנאַנדערגעאַקערט, און די באַזונדערע פלאַנצן זיינען אַרומגעוואַקסן מיט ווילד־גראָז, וואָס לאָזן ניט צו קיין לופט און קיין זונשיין. אַלץ איז אומאָרגאַניזירט, ניט שעפעריש און — צופעליק. עס איז נאָר צו באַוואונדערן דעם שעפערישן כוח, וואָס לעבט און קוועלט אין די טיפענישן פון די ברייטע פאָלקסמאַסן, וואָס ברענגען פון זיך אַרויס מיט יעדן דור נייע און קרעפטיקע טאַלאַנטן, וואָס ברעכן זיך דורך אַ וועג דורך די אַלע שוועריקייטן און בויען דעם גרויסן בנין פון אונדזער ליטעראַטור.

אַמאָל, אין דעם ערשטן אויפבוי־פּעריאָד פון אונדזער ליטעראַטור, האָט מען כאַטש געפּראַוועט „ליטעראַרישע טישן". פּרעצעס „טיש" קאָן דינען נאָך ביז היינטיקן טאָג, ווי אַ ביישפּיל פון גרויסער שעפערישער פּירערשאַפט. דאַן האָט די ערשטע ליטעראַרישע קריטיק אויף יידיש פּרובירט צו שפּילן די ראָל פון אַ גערטנער אין אַ יונג־פאַרפלאַנצטן גאָרטן. די עלטערע, די אָנערקענטע דיכטער און שרייבער, האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבן פון ליטעראַרישע לערער און דערציער. אַנדערש איז עס איצט. די קריטיק איז עפּעס אַ קריטיק פאַר־זיך. דער אָנערקענטער שרייבער איז פאַר־זיך. און די ליטעראַטור, ווי אַ גאַנצע, איז אויך עפּעס אַן ענין פאַר־זיך.

גערעכט איז נחמן מייזיל, ווען ער זאָגט, אַז ביז איצט איז אונדזער

ליטעראַטור געוואַקסן אין דער ברייט, און אַז איצט שטייט זי פאַר דער אויפגאַבע צו וואַקסן אין דער טיף. דאָס פּראָבלעם איז אָבער — ווי אַזוי?

מען פאָדערט ביי אונדז שטענדיק גרויסע, פונדאַמענטאַלע ווערק, וואָס זאָלן פאַרגעשטאַלטיקן אין שעפערישן וואָרט די עטאַפּן פון אונדזער לעבן, פאַרפיקסירן דאָס יידישע לעבן, באַרייכערן און פאַרטיפן די ווערטן פון אונדזער צושטייער צו דער מענטשלעכער קולטור. די פאָדערונג איז אַ גערעכטע און עס קאָנען גאָר ניט זיין קיין אַנדערע פאָדערונגען צו די, וואָס האָבן אויף זיך גענומען דעם הויכן באַרוף פון אַ שרייבער, אַ קינסטלער.

גוואַלדיקע אויפגאַבן נעמט אויף זיך די קונסט פון וואָרט ווי אַ פירערין פון מענטשלעכן לעבן: זי דאַרף באַרייכערן דעם געדאַנק, אַנטוויקלען און דערהייבן די מאָראַל, אויפגראָבן די אומדערשעפּלעכע אוצרות, וואָס ליגן אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט און די פאַרשיידנאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע סטרוקטורן. די גרויסע מייסטער פון אַלע צייטן האָבן דורכן מעדיאום פון וואָרט אַנטפּלעקט דאָס שיינע און דאָס געזונטע און דאָס אמתדיקע, וואָס וואָרצלט אינעם מענטשלעכן לעבן, געגעבן עס אין סטילן און פאָרמען, וואָס האָבן דעם מענטשן דערהויבן, געגעבן אים אַ זין און אַ ציל פאַר זיין לעבן אויף דער וועלט, דערהויבן אים פון פינצטערניש, פון געפאַלנקייט צו ליכט און צו אַ העכערן גלויבן.

מ׳פאָדערט פון אונדז פונדאַמענטאַלע ווערק פון גרויסער קוואַליטעט, פון פאַרטיפונג, פון גרויסן שעפערישן ווערט. דאַרפן מיר זיך דעריבער פרעגן די זעלביקע פראַגן און טאָקע פּרובירן אויף זיי געבן אַן ענטפער:

האָבן מיר שוין גרייט געמאַכט דעם באָדן פאַר דעם שעפערישן גאַנג פון אונדזערע קינסטלער? האָבן מיר אָפּגערייניקט זיין וועג פון אומנויטיקע שוועריקייטן? האָבן מיר אים באַוואָפנט מיט וויסן? האָבן מיר אין אים אויפגעוועקט אַ באַוואוסטזיין פאַר זיינע גרויסע אויפגאַבן?

אָט די אַלע פראַגן שטעל איך ניט ווי אַ דרויסנדיקער, איך וויל דאָ רעדן ווי אַ שרייבער צו שרייבער, ווי איינער פון אַ סך, וועמען עס מאַטערן געוויינלעך די זעלביקע אַנגעווייטיקטע פראַגן.

מיר האָבן אויף זיך גענומען פיל פאַראַנטוואָרטלעכקייטן און פיל אויפגאַבן, וואָס מיר ווילן פאַרווירקלעכן אין לעבן. זיינען מיר דערפאַר צוגעגרייט? האָבן מיר פאַר דעם צוגעגרייט אַנדערע? האָבן מיר גענוג שולונג, האָבן מיר זיך פאַרפעסטיקט אין אונדזער דערפאַרונג און איינגעפּאַסט אונדזער וויסן אין אַ סיסטעם? האָבן מיר זיך אויסגעלערנט רייניקן אונדזער אינסטרומענט — אונדזער וואָרט־שאַץ, פון שענדלעכן זשאַרגאָנישער צייט, פון קונציקייט, פון מאַנעריזם? האָבן מיר באַהערשט די קאָמפּליצירטע קונסט פון אָפּקלייב פון פאַרב? האָבן מיר זיך אַזוי אַריינגעפּאַסט אין לעבן, אַז מיר זאָלן דורך זיך אַליין קענען דורכלאָזן, ווי דורך אַ פאַרגרעסערונג־פריזמע, די לעבנס־פאָרמען, וואָס דאַרפן געשטאַלטיקט ווערן

דורך דעם כּוח פון אונדזער באַרוף און ווערן דער אוצר פאַר די קולטורעלע באַדערפענישן פון די ברייטסטע יידישע מאַסן? זיינען מיר אינטעלעקטועל באַהעפט מיט די העכערע אַספּעקטן פון מענטשלעכער דערפאַרונג אויף די געביטן פון סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן דענקען?

אַ סך פראַגן, — און דאָס צעטל איז נאָך ניט אויסגעשעפּט. ווייל צו טראָגן דעם באַרוף פון אַ שרייבער איז אַ שווערע אויפגאַבע. טשעכאָוו האָט אַמאָל געשריבן צו אַ קאָלעגע: „מ׳דאַרף אַרבעטן, זייער שווער אַרבעטן. אַרבעטן ניט אַוועקלייגנדיק די הענט“... עס איז ניט נאָר די אַרבעט איבער די ווערק, איבער יעדער דעטאַל באַזונדער. עס איז גלייכצייטיק אויך די אומדערמידלעכע אַרבעט איבער זיך אַליין. מיר איז איינמאָל אויסגעקומען נאָכצופאָלגן די צוגרייטונגס־אַרבעט פון אַ פּריַיז־פייטער, אַ פּוגיליסט פון ניט אַ גאָר באַדייטנדיקער גרויס. גאַנצע טעג האָט ער געאַרבעט אויף זיין יעדער באַוועגונג ביז ער האָט דערגרייכט די פולע פּערפּעקציע פון באַוועגונג, פון שנעלקייט, פון שטאַרקייט פון מוסקול, פון שוואונג — פון יעדן אַקטיוון טייל פון זיין קערפּער. און ווי ער האָט נאָך דערצו געאַרבעט אויף זיין גייסט! יעדן פּסיכאָלאָגישן ניואַנס האָט ער פּאָראויסגעזען. יעדן בוכץ פון זיין פויסט האָט ער אין פּאָראויס באַגלייט מיט אַ באַשטימטער עמאָציע, וואָס האָט צוגעגעבן כּוח און צוועקמעסיקייט זיין פויסט. איך האָב געזען מאָלער ביי דער אַרבעט און אויסער דער אַרבעט. אַ מאָלער וועט אייך קיינמאָל ניט זיצן ליידיק. ער וועט שטענדיק זיין אין דער ספערע פון שאַפן. ער וועט אייך צייכענען מיט וואָס עס מאַכט זיך נאָר אונטער דער האַנט און וואָס עס איז נאָר דאָ פאַרן אויג. און אומעטום. ער זוכט פּערפּעקציע. ער זוכט די האַרמאָניע צווישן דער דרויסנדיקער וועלט און דעם כּוח אין אים אַליין. אַ וויסנשאַפטלער, אַ פאָרשער, וועט ניט אָפּטרעטן פון זיין אַרבעט אפילו אין געדאַנק. אויב ער וועט אַליין ניט פאָרשן, וועט ער שטודירן אַנדערע פאָרשער. ער וועט לערנען און דערלערנען. אַ גאַנץ לעבן וועט ער לערנען.

און מיר, יידישע שרייבער? לאָמיר דאָ זאָגן אָפנהאַרציק: מיר האָבן אויפגעהערט צו לערנען און צו אַרבעטן איבער זיך. ניט עמעצער איז פאַראינטערעסירט אונדז צו לערנען, ניט מיר אַליין ווילן זיך לערנען. און ליטעראַטור איז דאָך ניט נאָר אַ קונסט, און ניט מער. ליטעראַטור איז דאָך אויך אַ גרויסע, קאָמפּליצירטע וויסנשאַפט! איז וויפל פון אונדז קענען זיך באַרימען מיט פולער אָריענטאַציע אין פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור און באַנעמען קריטיש די אַלערליי שטרעמונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור?

ערשט גאָר ניט לאַנג צוריק האָבן זיך די „יונגע“ באַרימט מיט דעם, וואָס זיי לייענען ניט קיין ביכער, זיינען ניט באַקאַנט מיט קיין שום ווערק פון אויטאָריטעטן און שאַפן מיטן בלויזן כּוח פון זייער „געטלעכן פונק“.

ביי די יונגע איז עס געווען אַ זשעסט אַזאַ. ביי די מערסטע שרייבער פון היינטיקער צייט איז עס אַ סימן פון פוילקייט, אָפּגעלאָזנקייט און פון ווייניק אחריות פאַר זייער אייגענעם באַרוף און איז סימפּטאָמאַטיש פאַר אונדזער גאַנצער ליטעראַרישערווירקלעכקייט און פאַר דער פּאַרוואָרלאָזיקייט פון אונדזער לייענערשאַפט.

מיר לעבן איצט אין אַ צייט, ווען די רעאַליסטישע שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור האָבן געפונען נייע אַנטפּלעקונגען, אין אַ צייט, ווען דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז געוואָרן די ברענענדיקסטע פאָדערונג אין דער ליטעראַטור. און גראַד ער פאָדערט פונעם שרייבער אַ פולן אינטע־לעקטועלן צוגאַנג, אַלזייטיקן וויסן, דערפאַרונג און אינטעליגענץ. ער פאָ־דערט, אין דער ערשטער ריי, קענטשאַפט און סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, פולע אָריענטאַציע אין געזעלשאַפטלעכע פּראָב־לעמען — פּלוס אינטואיציע און וויזיאָנערישקייט. און ניט בלויז די קינסט־לערישע וויזיע צו זען פאַר זיך דאָס לעבן, ווי עס איז, נאָר זען דאָס לעבן אין זיין אידייאישן גערעגל, אין זיין דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג, אין זיין דיאַלעקטישער פאַרבינדונג מיט דער נאָענטער (און אפילו מיט דער וויי־טערער) צוקונפט, וואָס וואַרצלט, אין די באַדינגונגען פון דער היינטצייטיקער קאָמפּליצירטער, גרויזאַמער ווירקלעכקייט. דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס וואָלט ביי אונדז געדאַרפט אויפגענומען ווערן ניט נאָר פון דער קריטיק. האָט אָבער עמעצער זיך ביי אונדז ווען אָפּגערופן אויף דעם? דאָס איז נאָר איין ביישפּיל! און אַזעלכע ביישפּילן וואָלטן געקענט געגעבן ווערן בנוגע אַ סך אַנדערע פּראָבלעמען אין שעפערישן געביט.

אונדזער קריטיק, וואָס איז, אין עצם, אַלע מאָל געווען אַ ריין־עסטע־טישע, איז צו אונדזער ליטעראַטור דאָס רוב צוגעגאַנגען אַבסטראַקט, ווי צו יעדער קונסט לשם קונסט. זי האָט, גאַנץ אָפט, אפילו אויסגעמיטן צו באַהאַנדלען אַ ווערק פון זיין סאָציאַלן, אָדער פּאָליטישן אַספּעקט, פאַר־זעענדיק דערביי די גרויסע סאָציאַלע פונקציע, וואָס אַ ווערק פון ליטעראַ־טור איז באַרופן אויסצופילן אינעם מענטשלעכן לעבן. אין דעם ליגט אויך די סיבה, פאַרוואָס דער שטראָם פון דער יונגער פּראָלעטאַרישער שעפע־רישקייט, וואָס האָט זיך אַזוי אימפּעטיק אַריינגעגאָסן אין דער יידישער לי־טעראַטור, איז טיילווייז אינגאַנצן פאַרזען געוואָרן און טיילווייז אויפגענומען געוואָרן ניט ווי אַ נאַטירלעכער עטאַפּ, נאָר איז פאַרשוויגן געוואָרן, ווי אַ שעדלעכער עלעמענט, קעגן וועלכן מ'האָט ניט אויפגעהערט צו קעמפן ווי קעגן אַ „לינקן" שטראָם אין אונדזער לעבן.

די אײנציקע צייט, וואָס מ'האָט זיך ביי אונדז אַביסל „אַ קאָך געטאָן", איז געווען אין דער פראַגע פון פאָרם און פאָרמאַליזם. דאָס איז געווען אין דער צייט פון אויפקום פון די „יונגע" און גאָר באַזונדערס — אין דעם בלי־פּעריאָד פון אונדזער „אינזיכיזם" — אינטראַ־ספּעקטיוויזם. דאָס איז

געוועזן אין דער צייט, ווען די גרופּע אינזיכיסטן האָט מיט זייער ערשטער „דעקלאַראַציע״ אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע פון פּראָטעסט קעגן די אָפּגע־שטאַנענע, באַנאַלע פאָרמען, וואָס האָבן צו יענער צייט געהערשט אין אונדזער פּאָעזיע. זייער ערשטער אַרויסטריט, אין יאָר 1920, האָט באמת אָנגעמאַכט אַ היפּשע סומאַטאָכע. די אָפּיציעלע קריטיק האָט זיי ניט אָנער־קענט. די עלטערע דיכטער האָבן זיי ביטולדיק אויסגעלאַכט, ווי אַ כאָפּטע חוצפּהדיקע יינגלעך. אינערלעך אָבער זיינען יענע דיכטער אַליין געווען איבערגעשראָקן און צעטומלט. זיי אַליין זיינען שפּעטער, קעגן זייער איי־גענעם ווילן אפילו, טיילוויז אונטערגעפאַלן אונטערן „פאַרשאַלטענעם״ אינזיכיסטישן איינפלוס און האָבן זיך אַליין גענומען פּוצן אין אימאַזשי־ניסטיש־אינטראָספּעקטיווע פעדערן.

אויך די אינזיכיסטן האָבן ניט אַלע מאָל געקענט נאָכקומען די פאָדע־רונגען פון זייער אייגענער „טעאָריע״. זיי אַליין האָבן באַלד באַוויזן, אַז אַ חוץ דעם שטרעבן צו דעם סאַמע אויסגעשפּראָכענסטן פאָרמאַליזם האָבן זיי קיין זאַך ניט מיטגעבראַכט. אַריינגעטאַנענע אין זייער יינגלשער בראַ־וואַדאָ, און אויסגעליידיקטע פון יעדער אידייאישקייט, האָבן זיי זיך פּרו־בירט באַהאַלטן פון די נייע יערונגען, וואָס זיינען צו יענער צייט אויפגע־קומען אַ דאַנק דער רוסלענדישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, הינטער די קאָ־לירטע פאַרהאַנגען פון זייערע אימאַזשן־געוועבן.

אויב מען איז אָבער קעגן זיי אַרויסגעטראָטן, איז עס געווען נאָר צוליב אָט די נייע פאָרמען טאַקע און בשום אופן ניט צוליב דער אינהאַלט־לאָזיקייט, אידייענלאָזיקייט און מאַנעריזם, דורך וועלכן זיי האָבן זיך גע־וואָלט דערווייטערן פון דער ווירקלעכקייט, פאַרבאַריקאַדירן זיך אין זיך אַליין, אין זייער אינדיווידואַליסטישן וועלטל. אַנשטאָט צו שעפּן זייער מאַטעריאַל און זייער שעפערישע באַגייסטערונג פונעם לעבן גופא, האָבן זיי גענומען שעפּן זייער פּאָעטישן מאַטעריאַל פון דער קרענקלעכער פאַנטאַ־זיע אַרויס, וואָס האָט מיט לעבן קיין שייכות ניט געהאַט.

און אַזוי איז געקומען צו דעם, אַז מיר אַלע, צו וועלכער ריכטונג מיר זאָלן ניט געהערן אין דער ספערע פון אונדזער ליטעראַטור, זיינען מיר אונטערגעוואָרפן, ווי מענטשן און ווי שרייבער, צו די זעלביקע פּראָבלעמען, פאַר וועלכע עס זיינען איצט אויסגעזעצט די ברייטע מאַסן פון אונדזער פאָלק. זייער לעבן איז אונדזער לעבן. די אומבאַזיגבאַרע שעפערישע כוחות פון די פאָלקס־מאַסן — אין דעם איז אונדזער כוח. אין דעם יסוד פון אונדזער מאַסן־לעבן וואָרצלען די אוצרות פון דער מענטשלעכער קולטור, פון יושר און שיינקייט, פון די העכסטע שטופן פון עטישע און עסטעטישע אַנטפּלעקונגען, און צו אָט די אוצרות וועלן מיר קומען און שעפּן. און דער שרייבער וועט קענען וואַקסן און אַנטוויקלען זיך נאָר ווען ער וועט אין זיך טראָגן דעם גלויבן אין די מאַסן, די ליבע פאַר די מאַסן, און, אין דער זעל־

ביקער צייט, גלויבן אין זיין אייגענער שליחות, וואָס שטעלט אים, ווי אַ סימבאָל פון די קאָלעקטיווע אחריות און אַספּיראַציעס, וועלכע לעבן אין די טיפענישן פונעם פאָלקס־לעבן. ווייל דער שרייבער איז באַרופן צו טראָגן אין זיך דאָס האָרץ און די גרויסע חכמה און די רייכע פאַנטאַזיע פון זיין פאָלק און פון די ברייטסטע שיכטן פון זיין פאָלק.

אָבער דאָס מיינט ניט, אַז מיר דאַרפן זיך צוליב דעם, אָדער אַן אַנדער טעם, אָפּזאָגן פון נייע פאָרמען אין דער ליטעראַטור און אָפּוואַרפן יעדן פּרואוו פון אַ נאָוואַטאָר. און כאָטש כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בורזשואַזער קונסט איז אַלע מאָל געווען די באַנייאונג פון פאָרם אויפן חשבון פון נייע אינהאַלטן, פאַר וועלכע זיי האָבן זיך געשראָקן און פאַר אַ שטענדיקן שטרעבן צו געפעלן אַ קליינער גרופּע מיט קונסט־איבערגעפּרעסענע פיינשמעקער, האָט די קונסט אין זיך אַליין, שטענדיק געהאַט אַ באַדערפעניש פאַר באַנייאונג, פאַרן עקספּערימענט. עס איז אמת, אַז דער בורזשואַזער פיינשמעקער, וואָס איז געוויינלעך איבערגעזעטיקט מיט קונסט און איז אינערלעך מיד פונעם לעבן ביז אַפּאַטיע, זוכט פאַר זיך נייע סטימולן, שאַרפע און איבערראַשנדיקע, וואָס זאָלן רייצן זיין אָפּגעטעמפּטן געשמאַק. ער זוכט און געפינט זיי, געוויינלעך, אין אַלערליי סוראָגאַטן, קאָפּירונגען פון קונסט, אין אַלערליי משונהדיקע פאָרמען, וואָס ווערן דערהויבן פון זייערע קינסטלער ביז צו אַ קולט, אַרום וועלכן עס הייבן זיך אָן צו גרופּירן אַלערליי קולטור־דינערישע אוואַנטוריסטן־עפּיגאָנען, די שאַפער און באַשאַפער פון פאָרמאַליזם.

מיר דאַרפן אָפּגרענעצן די גרויסע קינסטלער, די אמתע אינאָוואַטאָרס, און די אמתע זוכער פון נייע פאָרמען אין דער ליטעראַטור פון די עפּיגאָנען פון אָפענעם פאָרמאַליזם. ווייל די גרעסטע זוכער און ברענגער פון נייע פאָרמען אין דער קונסט זיינען, אין דער ערשטער ריי, געווען די גרויסע קלאַסיקער־מייסטער. מיקעל אַנדזשעלאָ און דאַנטע, שעקספּיר און ראַדען, באַלזאַק און טאָלסטאָי, בעטהאָווען און געטע — זיי אַלע האָבן פאַר זייער גרויסן מענטשלעכן אינהאַלט, פאַר דער אידייע, פאַרן געפיל און פאַרשטאַנד, געשאַפן מערקווירדיקע פאָרמען, וואָס וועלן לעבן אייביק פאַרן גליק פון דער מענטשהייט. און דאָס איז ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען גרויסע שעפער, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען אַריינגעוואַקסן אין זייער צייט, אינעם לעבן פון זייער ווירקלעכקייט.

עס וואָלט געווען פאַלש אַרויסצוטרעטן סתם קעגן זוכער פון נייע פאָרמען אין דער ליטעראַטור. פאַרקערט, יעדע נייע פאָרם וואָלט באַדאַרפט באַגריסט ווערן, אויב זי טראָגט מיט זיך אַן אידייע, דעם לעבעדיקן אינהאַלט פון לעבן און אַ גראַד פון מייסטערשאַפט. ווייל וואָס גרעסער די אידייע, וואָס רייכער דער אינהאַלט, אַלץ מער אָרט איז דאָ פאַר נייער פאָרם און פאַר מייסטערשאַפט, וואָס איז דער עצם פון דער קונסט.

און אויסצודריקן דעם פאַרשאַרפטן קאַמף פון היינטיקן מאַסן־לעבן, דעם געראַנגל פון כוחות, וואָס יערן אין דער ספערע פון קאָלעקטיוון אויפ־בויז פון פעלקער צו פּראָגרעס און דערלייזונג, אויסצודריקן דעם רעוואָלו־ציאָנערן האָס און די רעוואָלוציאָנערע ליבע — איז איצט כמעט אוממעגלעך אין די פאַרעלטערטע קלאַסישע פאָרמען. דער נייער אינהאַלט פאָדערט נייע פאָרמען. פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף יעדער אינאָוואַטאָר באַגריסט ווערן. קונסט ציט איר קיום פונעם לעבן גופא און זוכט זיך איינצואוואָרצלען צוריק אין לעבן אַריין. קומענדיק פון די טיפסטע טיפן פון דער מענטש־לעכער שעפערישקייט און פון די ווייטסטע הויכן פון זיין פאַנטאַזיע, זוכט די אמתע קונסט צו דינען אוממיטלבאַר דעם מענטשן אין זיין אייביקן גע־ראַנגל פאַר דערלייזונג. דערפאַר מוז יעדעס ווערק אויך טראָגן מיט זיך דעם קלאָרסטן אויסדרוק פון אידייאישקייט. ווייל אַלץ, וואָס עס קומט־פאָר אינעם מענטשלעכן לעבן — איז פאַרקערפּערט אינעם אייביקן קאַמף זיינעם פאַר דער גרויסער, אַלץ־אַרומנעמענדיקער אידייע פון דערלייזונג. און דערפאַר האָט דער אמתער קינסטלער אַזוי ליב דאָס לעבן, דאָס געזונטע אינעם לעבן, דאָס צוועקמעסיקע. און דערפאַר האָבן די פאַרמאַליסטן פון אַלע צייטן אַזוי ליב צו באַזינגען דעם טויט, די מיסטעריע פון פאַרגיין, דעם פעסימיזם פונעם איינצלנעם, וואָס גייט אונטער, דעם קרענקלעכן טיפ, די קראַנקע, האָפענונגסלאָזע סביבה.

פון דעם אַלעם, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן איז קלאָר: כדי אונדזער ליטעראַטור זאָל וואַקסן און זיך אַנטוויקלען, מוז זי איבערקומען צווייערליי שוועריקייטן, וואָס ליגן אין וועג פון איר גרעסערער שעפערישקייט: — שוועריקייטן דרויסנדיקע און שוועריקייטן אינערלעכע. די דרויסנדיקע זיינען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון אונדזער פאַרוואָרלאָזטן קולטורעלן לעבן און זיי מוזן אונדז אַוועקשטעלן פאַר אַ גרויסן לאַנג־דויערנדיקן קאַמף אויף אַלע געביטן פון אונדזער קולטור־לעבן. די אינערלעכע זיינען אַ רע־זולטאַט פון דער פאַרוואָרלאָזטער ליטעראַרישער סביבה, אין וועלכער מיר לעבן און, אין אַ געוויסן גראַד, אויך אַ רעזולטאַט פון אינדיווידועלער שריי־בערישער אָפּגעלאָזנקייט, אומקולטורעלקייט, אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דעם אייגענעם באַרוף. ביידע אינאַיינעם שאַפן זיי אַ באַריער פאַר יענע גרויסע פאָדערונגען, פאַר וועלכע די יידישע ליטעראַטור ווערט אין דער איצטיקער צייט אַוועקגעשטעלט.

און דעריבער טאַקע מוז דאָס פּראָבלעם פון שעפערישקייט ווערן די גרויסע טעמע פון די, וואָס זיינען באַרופן אָנצופירן מיטן ווייטערדיקן גורל פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די גרויסע עובדה צו קאָנטראָלירן איר וואוקס און איר אַנטוויקלונג.

1939

ליטעראַרישע פּאַרצייכענישן

מיין מעטאָד פון שרייבן

שרייבן און פילן אין זיך דערביי דעם כוח בייצוקומען די שוועריקייטן פון וואָרט, פון סטיל, פון אויסדויער — דאָס איז געווען און איז נאָך איצט דער גורל מיינער ביים שרייב־טיש. אַ שטענדיקע ראַנגלעניש אַזאַ. אַזאַ ביטערע ראַנגלעניש פאַר אויסדרוק, פאַר אָטעם און פאַר לעבן. און ווי גוט עס איז צו שרייבן און פילן אין זיך אַ יוגנטלעכן כוח, וואָס קאָן גיין פאָראויס און בייקומען שוועריקייטן. אָפטמאָל דערפיל איך אָט די יונגקייט אין זיך, די יוגנטלעכע אַמביציע צו באַזיגן און אויפקומען אין אַ שעפערישן, וואונ־דערלעכן גליק. דעמאָלט איז יעדער וואָרט מיינס יונג און קרעפטיק און איבערצייגנדיק — פאַר זיך און פאַר דער וועלט. דערפאַר האָב איך ליב די יוגנט, די קרעפטיקייט — פון וואָרט און פון טאַט, און דערפאַר האָב איך פיינט און האָב מורא פאַר קראַנקהייט, פאַר שוואַכקייט, פאַר אונטער־גאַנג, און דערפאַר זוך איך ביי זיך און ביי אַנדערע — וואַרעמקייט, צאַפּל־דיקייט, געוואַגטקייט — פון וואָרט און פון טאַט, וואָס נאָר זיי אינאיינעם באַשטימען דעם גראַד פון שעפערישן כוח און פון שטייגן צו אַ שעפערישער הויך.

***

איך האָב אַלע מאָל געוואָלט געפינען זיך אין מיינע ווערק — אין די קליינע און אין די גרויסע. ניט זיך אינגאַנצן און ניט אין יעדן ווערק. דאָס איז אַן אוממעגלעכקייט. אָבער טיילווייז אין יעדן ווערק. אומעטום געפינען שפּורן פון מיין געמיט. דעם אָטעם פון מיין לעבן. די באַוועגונג פון מיינע בלוטן. מיין צער און מיין פרייד. מיין געצאַמטקייט און מיין פרייהייט. מיין טרויער און מיין גערמיטלעכקייט. מיין געפאַלנקייט און מיין דער־הויבנקייט. מיין ניואַנס, מיין רעפלעקסיע, מיין קרעדאָ. גיין איבער די אייגענע ווערק ווי איבער אַ גאָרטן, און קאָנען אויפקלייבן, ווי בלומען, די רייכקייט פון מיין שעפערישן לעבן. ווייל איך טראָג אין זיך אַן אמת, מיט וועלכן איך קאָן זיך ניט שיידן. אַן אמת, וואָס דאַרף דורך מיר אַנט־פּלעקט ווערן צו דער וועלט. דערפאַר רייניק איך שטענדיק מיין לעבן פון פסולת, ווען איך שרייב. דערפאַר באַפריי איך זיך פון אַלערליי פרעמדע איינפלוסן, איינרעדעניש, דערציאונג און שלעכטע זיטן, כדי צו ווערן

דאָס, וואָס איך בין. איך שאַף זיך איבער, אָפּשיילנדיק פון זיך דאָס פרעמדע, דאָס איבעריקע, דאָס אומגויטיקע, ווי אַ סקולפּטאָר, כדי צו בלייבן אינ־גאַנצן מיט דעם אמת פון מיין לעבן.

ערשט דאַן איז מיין ווערק — מיין ווערק, און דער אמת פונעם ווערק — מיין אמת.

***

איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט: איז דאָ אַ גאַנצקייט צווישן מיין וועלט־אַנשויאונג, צווישן מיין גלויבן אין דער אידייע, און מיין קינסטלע־רישן מעטאָד? איך וויים, אַז עס דאַרף און עס מוז זיין אַ גאַנצקייט.

האָב איך דערגרייכט די גאַנצקייט? ווייל וואָס איז דען די אידייע מיינע, אויב ניט דער אימאַנענטער כוח פון מיין קינסטלערישער אַרבעט און פאַרקערט: וואָס איז מיין קינסטלערישער מעטאָד, אויב ניט קיין אימאַנענטער כוח פון דער גרויסער אידייע?

וואָס מער איך האָב זיך געגריבלט אין אָט די פראַגן און וואָס מער איך האָב זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, אויפשטעלן אַן אַקסיאָמאַטישן געזעץ, אַלץ מער בין איך געקומען צו מאָדנע, גאַנץ אומדערוואַרטעטע ווידער־שפּרוכן. פאַרוואָס? איך האָב געזען ווערק פון קלאַסיקער, וועמעס וועלט־אַנשויאונג איז דער אַבסאָלוטער היפוך פון זייער קינסטלערישן מעטאָד און די קינסטלערישע רעזולטאַטן, וואָס זיי האָבן דערגרייכט מיט זייערע ווערק. פון דעם בין איך שטענדיק געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז סוף־כל־סוף ווערט אַ ווערק באַשטימט ניט בלויז דורך דעם קינסטלערישן ווערט און ניט בלויז דורך דעם קינסטלערישן מעטאָד, נאָר דורך עפּעס אַ דריטן כוח, וועגן וועלכן די פּראָלעטאַרישע שרייבער טראַכטן זעלטענער. און דאָס איז די אידייע, דער רעאַלער קוואַל פון לעבדיקע כוחות, וואָס ליגן אין דעם געראַנגל פון קלאַסן, אין וואָס מ'דאַרף זוכן דעם אימאַנענטן ווערט, וואָס באַשטימט די גאַנצקייט און די קעגנגעזעצלעכקייט פון ביידע — אי־פונעם קינסטלערישן מעטאָד, אי פון דעם קינסטלערס וועלט־אַנשויאונג. ווייל די פּראַקטיק פונעם קינסטלערישן שאַפן האָט באַוויזן, אַז די וועלט־אַנשויאונג — די ריכטיקע, אָדער די פאַלשע, שפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין אַ ווערק, ווייל די פאַלשע אַנשויאונג וועט ממילא אַרויסקומען פאַלש, וויפל דער קינסטלער וועט זיך ניט באַמיען, ווייל דער אמת ליגט בלויז אין דער אָביעקטיווער, רעאַלערווירקלעכקייט און ניט ערגעץ־וואו אויסער איר.

***

איך האָב איין אידייע, אָבער ניט איין מעטאָד.

און רעדנדיק וועגן מיין מעטאָד, וועל איך דאָך מוזן מודה זיין, אַז איך קאָן ניט זאָגן מיט זיכערקייט: אָט דאָס איז מיין מעטאָד. אַוועקלייגן

אַ פינגער אויף אַ פונקט אין מיין שאַפן און זאָגן: אָט דאָס בין איך. דאָ איז מיין כוח. דאָ איז מיין שאַפן. אַרום אָט דער אַקס דרייט זיך מיין גאַנצע שעפערישקייט. ניין! אַמאָל וועל איך פאַרכאַפּט פון אַרכיטעקטאָנישקייט. דאַן איז פאַר מיר דאָס וויכטיקסטע — בויען. ציגל צו ציגל וועל איך געדולדיק לייגן, כדי אויסצופילן אַן אַרכיטעקטאָנישן בנין, וואָס האָט באַהערשט מיין דראַנג נאָכן בויערישן, וואָס דערהויבט אין מיין פאַנטאַזיע אַ געביידע, מיין אויסגעטרוימטע געביידע... און אַמאָל ווער איך פאַרכאַפּט פון אַ דראַנג צו געבן קאָליר. בלויז קאָליר. די האַרמאָניע פון פאַרבן. דער קאָלאָריט פון זאַכן, וואָס פילט־אַן דאָס לעבן, ווערט— מיין לעבן. איך זע דאַן קיין זאַך ניט, אַחוץ דעם קאָמפּלעקס פון פאַרבן, און מיר ווילט זיך דאַן געבן נאָר די וועלט, ווי איך זע זי, ווי איך בין אין איר פאַרכאַפּט געוואָרן.

אין ערשטן פאַל באַהערשן מיך די פּרינציפּן פון סטרוקטור, ציל־באַוואוסטקייט, פּראָפּאָרציעס פון טיילן און פונעם גאַנצן און איבער אַלץ — די האַרמאָניע פון אַרכיטעקטאָנישער גאַנצקייט. אין צווייטן פאַל — דער ריטם פון לעבן, די ריטמישע וואַריאירונג פון פאַרבן, וואָס פליִצן מיט האַרמאָניע, ווי רייך־אינסטרומענטירטע מוזיק, וואָס פליסן ווי אַ טייך, ברייט און ווייט און אומענדלעך...

און ווי קאָן איך זאָגן, אַז איך האָב איין מעטאָד? ניין. איין מעטאָד ווען איך בוי און אַ צווייטער — ווען איך לעב זיך אויס אין באַגייסטערונג פון באַנעמען שיינקייט. דעריבער מוז איך זיך דאָ מודה זיין, כאָטש איך „זע" אין מיין פאַנטאַזיע עפּעס אַ מין סטרוקטור פון מיין ווערק נאָך איידער איך הייב אָן צו שרייבן, איז די סטרוקטור קיינמאָל ניט קלאָר.

ס'איז אַלע מאָל אַזוי ווי איך וואָלט געזען אַ געביידע פונדערווייטן און שטענדיק אין אַ געדיכטן נעפּל: איך זע שטענדיק נאָר די אויסערלעכקייט און אויך זי איז צעשוואומען, ניט קלאָר, האָט ניט קיין באַשטימטן פּנים און האָט ניט קיין באַשטימטע דימענסיעס, שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז די דעטאַלן פעלן אינגאַנצן אויס. פאַרוואָס? ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געשריבן (און וועל שוין, אַפּנים, קיינמאָל ניט שרייבן) אַ ווערק לויט אַ פאַראויסבאַשטימטן פּלאַן — ניט לויט דער פאָרם און ניט לויטן אינהאַלט. איך זע ניט אין פאַראויס מיינע העלדן. איך זע זיי נאָר אין דער אידייע. און נאָך מער: איך זע אין פאַראויס אפילו ניט קיין צענטראַלן העלד — ניט אין אַ קלענערער דערציילונג און ניט אפילו אין אַ גרעסערן ווערק.

איך הייב אַלע מאָל ערגעץ אָן צו דערציילן, און גלייך הייב איך אָן אַליין צו בלאָנדזשען בלויז מיט מיין אידייע ווי אַ קאָמפּאַס. און אַזוי בלאָנדזשענדיק שטויס איך זיך אָן אָן אַלץ, וואָס מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, וואָס רירט מיך אָן אינערלעך — און אָט וועגן דעם רעד איך און דערצייל.

און מיר דוכט, אַז איך קום שטענדיק אַהין, וואוהין איך וויל און דאַרף

קומען. אַזוי טוען אויך מיינע העלדן — פּערסאָנאַזשן. ס'איז ביי אונדז אַן אָפּגעמאַכטע זאַך: ניט איך ווייס, וואָס איך וועל מיט זיי טאָן און ניט זיי אַליין ווייסן אין פאָראויס, וואוהין איך פיר זיי און נאָך וואָס. אָבער אי איך, אי זיי, דוכט מיר, קומען אָן וואוהין מ'דאַרף... און איך האַלט, אַז דאָס איז פאַר מיר יעדנפאַלס דער ריכטיקער מעטאָד, ווייל איך האַלט, אַז פּונקט ווי קיינער קאָן ניט לעבן לויט אַ פּלאַן אָדער פּראָגראַם און פאַר־אויס באַשטימען זיין אייגענעם גורל, אַזוי קאָן אויך ניט לעבן, לויט אַ פאָראויסבאַשטימטן פּלאַן, אָדער פּראָגראַם אַזאַ לעבעדיק וועזן, ווי עס איז אַ קונסט־ווערק. צופיל זייטיקע כוחות־שטערונגען, איינפלוסן, צופאַלן און ווירקונגען דאַרף אַ ווערק איבערן מיט זיין אויטאָר, באַגעגענען אויף זיין וועג, כדי זייער גורל זאָל פון פריער באַשטימט ווערן. דערצו איז נאָך פאַר מיר יעדער העלד מיינער אין אָנהייב — אַ פרעמדער. איך באַקען זיך מיט מיין העלד דורך מיין שרייבן. ער ווערט מיר נאָענט טאַקע און גראַד אין אונדזער קעגנזייטיקער בלאָנדזשעניש אויף די וועגן פון לעבן. פון דעם איז שוין קלאָר פאַרוואָס איך פּלאַניר ניט אויס אין פאָראויס מיינע ווערק און קלייב ניט אָפּ מיינע העלדן.

*
**

ווען איך שרייב, טראַכט איך, נאַטירלעך, ניט וועגן די צילן פון קונסט בכלל, אָדער פון דער פּראָלעטאַרישער קונסט — בפרט. איך זעץ זיך אַוועק ביים שרייב־טיש און איך שרייב, טראַכטנדיק נאָר וועגן דעם, וואָס איך וויל דערציילן, וואָס איך וויל זאָגן. דאַן בין איך געררייצט, אַזוי צו זאָגן, נאָר מיט איין פאַרלאַנג — וואָס פולער אויסצודריקן זיך אינעם ווערק, וואָס נעענטער צו ברענגען מיין וואָרט צו מיין אידייע און צו דער אידייע פון דער ווירקלעכקייט, וואָס איך שילדער. אָבער אַלע מאָל, ווען איך שרייב און שרייב ניט, ווען איך טראַכט און ווען איך טראַכט ניט אפילו וועגן די צילן פון מיין שרייבערישער טעטיקייט — אַלע מאָל בין איך וואָך איבערן באַוואוסטזיין וועגן דער צוועקמעסיקייט פון דער קונסט אין אַלגעמיין.

דער צוועק פון דער קונסט איז פאַר מיר זייער פּראָסט און דעריבער אויך זייער קלאָר: זי דאַרף זיך וואָרצלען אין דער ווירקלעכקייט פונעם אַרומיקן לעבן און ציען פון דאָרטן איר יניקה, און זי דאַרף, אין דער זעל־ביקער צייט, אַליין זיין אַ פאַקטאָר און באַווירקן דאָס לעבן, פאַרמירנדיק און איבערפאָרמירנדיק די ווירקלעכקייט.

איך פיל דעריבער און איך בין באַוואוסטזיניק איבער דעם, אַז עס איז ניט גענוג פאַר מיר, דעם קינסטלער, צו פילן דעם ריטם פונעם לעבן, די שיינקייט פון ליניעס און פאַרמען און געבן מיינע באַאָבאַכטונגען אַ געלונ־גענע פאָרם, כדי בעסער, רייכער און קלאָרער אויסצודריקן מיט ווערטער ווייטע און אומקלאָרע געדאַנקען וועגן דעם מענטשלעכן זיין אויף דער

וועלט, — נייך, דאָס איז ניט גענוג! דער ציל פון דער קונסט דאַרף אויך, אינאיינעם מיט דעם אַלעמען, זיין דער כוח, וואָס ענדערט און אַנדערשט אַלץ אין אונדזערווירקלעכקייט, וואָס פאַרמירט אויס פון כאַאָטישקייט — אָרדענונג, מאַכט געזינטער, רייכער, האַרמאָנישער און קלאָרער דאָס לעבן.

דער ציל פון דער קינסטלערישער אַרבעט איז אין דער גייסטיקער היגיענע, וואָס זי ברענגט אַריין אינעם באַוואוסטזיין פונעם מענטשן. זי דאַרף העלפן דעם מענטש צו באַנעמען די ווירקלעכקייט באַוואוסטזיניק.

***

אַ כאַראַקטער געגומען „פון לעבן" און געגעבן „ווי ער איז" איז אַ האַלבער כאַראַקטער. אין אים איז ניטאָ קיין גאַנצקייט, ווייל יעדער מענטש איז „ווי ער איז" און נאָך עפּעס, וואָס איז פאַרהוילן. אָט צו דעם פאַרהוילענעם האָט אַ צוגאַנג, אַ שליסל, נאָר דער שרייבער. ער אַליין האָט דעם כוח צו געבן זיין העלד אין זיין „אָפּענעם" געשטאַלט און אויך אין דער פאַרהוי־לענער געשטאַלטיקייט. דערפאַר איז אַ העלד אין אַ ראָמאַן אַנציענדיקער, ווי יעדער מענטש, מיט וועלכן מיר טרעפן זיך טאָג־טעגלעך אין אונדזער לעבן.

דאָס פאַרבאַהאַלטענע לאָקט אונדזער אינטערעס, אונדזער נייגעריקייט, אין דעם פאַרהוילענעם (ניט אין דעם „לעבעדיקן") דערקענען מיר זיך אַליין, אונדזער אייגענע רעאַליטעט, וואָס איז אין אונדז ניט אויבנאויפיק, נאָר פאַרבאַהאַלטן.

מען קאָן זאָגן, אַז די רעאַליטעט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכ־קייט ליגט טיף אינעם מענטשן, און נאָר גרויסע, אויפטרייסלענדיקע גע־שעענישן קאָנען זי ברענגען צום לעבן. דער שרייבער שטרענגט זיך דע־ריבער אָן אַוועקצושטעלן זיינע העלדן פאַר אַזעלכע געשעענישן, וואו זיין העלד זאָל געזען ווערן אין אַלע זיינע אַספּעקטן. ער שטעלט אים אַוועק פאַר אַזעלכע „פּראָוווען", דורך וועלכע ער ברענגט אַרויס דאָס פאַרהוילענע. דאָס אילוזאָרישע, צו וואָס אַ מענטש שטרעבט אַ גאַנץ לעבן — דאָס איז דער כוח, וואָס טרייבט אַ מענטשן צו טאָטן. ניט דאָס ווירקלעכע, נאָר דווקא דאָס אילוזאָרישע, וואָס איז איבערן ווירקלעכן. און דער שרייבער באַזיצט דאָס אילוזאָרישע אין זיך און געפינט עס ביי זיינע העלדן (אָדער דאַרף עס געפינען ביי זיינע העלדן), אַז ניט איז ער ניט קיין שאַפער.

דער שרייבער גיט אַ גרעסערע מאָס אמתדיקייט, ווי דער אייגנשיינ־לעכער אמת טאָקע דערפאַר, וואָס ער גיט דאָס אייגנשיינלעכע, פּלוס דאָס אילוזאָרישע אינעם מענטשן.

***

דאָס „אָפּשליסן" פון דעם פאַרהוילענעם און די אַנטפּלעקונג — איז די אורזאַך פון דעם אינטערעס, וואָס אַ לייענער האָט צו אַ ווערק פון אַ

גרויסן שרייבער. דער פּראָצעס איז ממש אַ מיסטישער. ס׳ווערט אַ יש מאין. איך לייען אַ בוך, און כ׳ווער אַליין אַריינגעצויגן אין דער מיסטעריע, וואָס דער שרייבער אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן.

וועגן שרייבער און קריטיקער

ווי אַ שרייבער, האָב איך אין משך פון יאָרן געהאַט זייער ערנסטע פאָדערונגען צו דער קריטיק, אַ סך גערעכטע און נאָך מער אומגערעכטע. דער קריטיקער האָט באַדאַרפט זיין דער „פּאַראויסגייער״, דער „וועגווייזער״, דער „וועג־פלאַסטערער״, דער „סטימולירנדיקער כוח״, דער „בויער״, דער „שאַפער און מיטשאַפער״. אָט די, אַביסל איבערגעטריבענע פאָדערונגען, האָב איך אויך ניט זעלטן אַריבערגעטראָגן אויף מיינע פערזענלעכע שרייבערישע נייטן: דער קריטיקער האָט מיך באַדאַרפט אַריינברענגען אין דער ליטעראַטור, דערציען מיך, קעכלען מיך ווי אַ טייערן אוצר, באַלוינען מיך פאַר מיין יעדער גוטער אַרבעט, דערהויבן מיך צו העכערע שטאַפּלען. ער האָט באַדאַרפט זאָרגן וועגן מיין שרייבערישן גורל פון דעם ערשטן טאָג פון מיין אויפקום ביז אין דער אומענדלעכקייט אַריין... דערצו האָב איך נאָך פון אים געפאָדערט אַבסאָלוטע פריינטשאַפט און אַבסאָלוטע פאַטערלעכע איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט. און וואָס ניט?

אָבער ניט לאַנג צוריק איז מיר אַליין אויף אַ געוויסער צייט אויסגעקומען אַריינצופאַלן אין דער בחינה פון אַ קריטיקער (אַן אויפגאַבע, וועלכע איך רעקאָמענדיר יעדן איינעם פון מיינע ערנסטערע קאָלעגן!). איך בין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט אינטערעס, מיט די סאַמע ערלעכסטע כוונות, אַזוי צו זאָגן, אָן וועלכע עס איז אָפענע, אָדער באַהאַלטענע פערספעקטיוון. און ווי נאָר איך האָב אויף זיך אַרויפגעצויגן אָט דעם בכבודיקן בגד פון אַ קריטיקער, זיינען מיר מיט איין מאָל פון אַלע זייטן באַפאַלן ממש בערג מיט אומדערוואַרטעטע פּראָבלעמען. אַזאַ אָנגעלאָף פון שעפערישקינסטלערישע פּראָבלעמען! אַזאַ אָנשטויס פון אינדיווידועלע און סאָציאַלע קאָנפליקטן, פון פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס, צו וועלכע עס זיינען נאָך אויך צוגעקומען פערזענלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, אָנהענגערשאַפטן און אָנגעהעריקייט, — אַ באַרג אויף אַ באַרג — ביז כאַאָטישקייט! און אָט פון דעם־אָ כאַאָס האָב איך עס אַליין, מיט מיינע אייגענע כוחות, באַדאַרפט שאַפן אָרדענונג, פאַנאַנדערנעמען די מוראדיקע אָנגעהויבעטקייט און צעטיילן די דעטאַלן אויף זייערע באַזונדערע טיילן און טיילעכלעך, באַשטימען פאַר זיי אַ באַזונדער אָרט איינעם לעבן און אין דער ליטעראַטור. אָט די גאַנצע אַרבעט האָט נאָך באַדאַרפט געטאָן ווערן אין אַ קליינעם, דעם סאַמע קלענסטן ווינקל פון אַ זשורנאַל, וואָס זיינע אויפגאַבן זיינען ניט געווען קיין ספּעציפיש־ליטעראַרישע. אמת, דער ווינקל איז געווען

אַ פרייער, אַ גאַסט־פריינטלעכער, אָבער „צו קערן זיך און ווענדן זיך" איז אין אים סיי־ווי געווען צו ענג.

פאַרפאַלן. דער בגד איז שוין געווען אָנגעטאָן. מ'האָט זיך באַדאַרפט נעמען צו דער אַרבעט. און אָט אין דער אַרבעט האָב איך עטוואָס אַליין געלערנט און מיר וואָלט זיך דאָ וועלן טיילן מיט קאָלעגן.

***

ביי אונדז פאָדערט מען — און מיט רעכט — גרויסע, וויכטיקע ווערק. ווערק מיט גרעסערע שעפערישע און קינסטלערישע דערגרייכונגען, ווערק פון גרעסערער אחריות, פון העכערער מאָראַלישער און סאָציאַלער פאַרטיי־פונג. די פאָדערונג שטעלט, געוויינלעך, די קריטיק. נאָך איר קומט די געזעל־שאַפטלעכקייט. דאָס לעבן אַליין פאָדערט אַזעלכע ווערק.

אַ ווערק פון אַ שרייבער האָט מען אָפט ליב צו פאַרגלייכן מיט אַ גע־ביידע. וואָס גרעסער, אַרומנעמענדיקער און קאָמפּליצירטער עס איז די געביידע אין איר סטרוקטור און אין אירע אוטיליטאַרע פאָדערונגען, אַלץ שווערער זיינען די אויפגאַבן פון איר אויפבויאונג. וואָס גרעסער עס איז די אַרכיטעקטאָניק פון אַ ווערק, וואָס קאָמפּליצירטער זיין אינהאַלט, אחריותדיקער די אידייע און פּערפעקטער די אַרטיקולאַציע, אַלץ שווערער איז דער שעפעריש־קינסטלערישער אויפשטייג פונעם ווערק.

דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד ליגט דאָ, נאַטירלעך, אין דער אויס־פירונג פון דער אויפגאַבע. אין דער אויפבויאונג פון דער געביידע באַטיי־ליקן זיך אַ סך גאַנץ באַזונדערע כוחות. אין דער געביידע לייגט דער אַר־כיטעקט אויס דעם פּלאַן לויט אַ באַשטימטער מאַטעמאַטישער פאָרמולע. נאָכדעם קומט דער אינזשעניער און בויט־אויף די סטרוקטור, ווידער אַמאָל לויט די פאַרטיקע פיזישע, וויסנשאַפטלעך־אויסגעפּרוווטע פאָרמולעס. און נאָך דעם קומען טויזנטער דערפאַרענע הענט, פאַכמענער, וואָס פילן אויס די בלויע פּלענער מיט די פאָראויס־אָנגעגרייטע מאַטעריאַלן. עס איז אַ קאָלעקטיווע אַרבעט, אין וועלכער יעדער באַזונדער כוח פירט־אויס זיין אייגענע ספּעציפישע פונקציע. אין אַ ווערק אָבער, איז דער שרייבער אַליין. ער אַליין איז דער קאָלעקטיווער כוח. ער איז דער אַרכיטעקט און דער אינזשעניער און דער פאַכמאַן און דער שוואַרץ־אַרבעטער. ער צייכנט אָן פאַר זיך אי דאָס פעלד, אי די פּערספּעקטיוו, אי די בלויע פּלענער. ער בינדט צונויף די גאַנצע קאָנסטרוקציע, טוט די אַרבעט פון לייגן ציגל, מישן דעם צעמענט און אפילו די אַרבעט פון הייב־מאַשינען און קראַנען... און וואָס נאָך וויכטיקער: די מאַטעריאַלן פון זיין געביידע זיינען ניט קיין טויטע מאַטעריע, ניט קיין שטאָל און ציגל, נאָר לעבעדיק־קוועלנדיקער שטאָף, וואָס בייט זיך, ווערט פאַרענדערט אין זיינע שייכותן צו דעם אַרומיקן, צו דעם, וואָס איז נאָענט און צו דעם, וואָס איז וויט. אַ וואָרט, אַליין אין זיך,

האָט כאַראַקטער, טראָגט דערפאַרונג פון דורות און לעבט־אויס זיין אייגע־נעם לעבן, איינציק אינעם לעבן פון דער משפּחה פון זיין ווערטער־שאַץ. אַ וואָרט האָט זיין אייגענעם אויסדרוק און זיין אייגענע שיינקייט, וואָס עס האָט דערוואָרבן דורך דער דערפאַרונג פון הונדערטער יאָרן פון לעבן און לייגט זיך בשום אופן ניט אייך, ווי אַ ציגל, אומבאַוועגלעך־רואיק אין דער ווערטער־וואַנט פון אַ קינסטלעריש ווערק.

און אַ ווערק איז דאָך אויך ניט בלויז די סומע פון ווערטער. אַ ווערק איז דאָך לעבן אַליין, וואָס בייט זיך, באַנייט זיך אין שטענדיקער שייכות־דיקייט זיינער צו דער אַרומיקער וועלט. און דער שרייבער פון אַ ווערק איז דאָך אוודאי ניט קיין מעכאַנישער פאָרצייכענער פון פאַקטן, ווי עפּעס אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט. ער פּראַקטאָקאָלירט ניט דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דאָס וויכטיקע און דאָס טריוויאַלע אויף דעם זעלביקן אופן. ער איז אַלע מאָל אונטער אַלע אומשטענדן אַן אינטעגראַלער טייל פונעם אַרו־מיקן לעבן און גיט איבער דאָס לעבן אין די שייכותן פון זיין דיאַלעקטישער אמתדיקייט.

דערצו איז נאָך די קונסט פונעם וואָרט זייער אַ קאָמפּליצירטע. מ׳קען זאָגן, אַז אין יעדן באַדייטנדיקן ווערק זיינען צוזאַמענקאָמבינירט כמעט אַלע קונסטן אינאיינעם: דער ריטם און טאָן פון דער מוזיק; די פּערפעקטע פּלאַסטיק פון די נאַטור־פאָרמען; די טאָן־קוואַליטעט און קאָלאָריט פון פאַרבן; דער ריטם און שוואונג און די באַוועגונג פון לעבעדיקע פאָרמען; די אַרכיטעקטאָניק פון סטרוקטור. דאָס אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט, וואָס מיר פּרובירן, צוליב באַקוועמלעכקייט, פאַ־נאַנדערטיילן אין צוויי באַזונדערע וועלט־ספערן, אין דער רעאַלער און אין דער פאַנטאַסטישער. כאָטש מיר ווייסן, אַז דאָס פאַנטאַסטישע איז דאָס לייבלעכע קינד פון אונדזער אינטואיציע, פון אונדזער וויזיאָנערישקייט, דער געירשנטער אוצר פון דערפאַרונג פון מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט.

***

מ׳קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז קיין איין קונסט איז ניט אַזוי קאָמפּלי־צירט, ווי די קונסט פונעם וואָרט. און קיין איין קונסט פאָדערט ניט דעריבער קיין גרעסערע מייסטערשאַפט, קיין גרעסערע ווירטואָזיטעט פאַר איר אויסדרוק. און ווען מ׳גיט נאָך צו דעם צו די גרויסע אויפגאַבן, וואָס די קונסט פון וואָרט שטעלט פאַר זיך אַוועק, ווי אַ פירערין פונעם מענטשלעכן לעבן, ווי אַ העכערער אינסטרומענט פאַר דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן געדאַנק, ווי אַ סטימולירערין פון זיין מאָראַלישן וואוקס, ווערט קלאָר דער גרויסער ווערט און די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס אַ ליטעראַריש ווערק טראָגט מיט זיך אַריין אין דער סומע פון מענטשלעכע דערגרייכונגען.

פון דעם איז פאַרשטענדלעך, אַז וואָס בעסער עס איז אַ ווערק, אַלץ

טיפער וועט עס גראָבן אין די אומדערשעפּלעכע אוצרות, וואָס ליגן פאַר־באָרגן אין דער טיפעניש פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און אַלץ ברייטער וועט עס אַנטפּלעקן דעם אמת פון דער אַרומיקער וועלט. ווייל בלויז דורכן כוח פון וואָרט איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אינעם יסוד פונעם מענטשלעכן לעבן, די גרויסע אידייע פון יושר און אמת, פון שיינקייט און צוועקמעסיקייט פון זיין עקזיסטענץ צווישן הימל און ערד. די גרויסע מייסטער פון אַלע צייטן האָבן דורך דעם מעדיאום פונעם וואָרט אַנטפּלעקט דאָס געזונטע און דאָס אמתדיקע, וואָס וואָרצלט אינעם מענטשלעכן גורל, און געגעבן דער מענטשהייט, ווי אַ טייערע גאָב, אין אַלערליי סטילן און פאָרמען, דעם ציל און דעם זין פון זיין לעבן, דערהויבן אים פון פינצטערניש און געפאַלנקייט צו דער שטופע פון העכערן גלויבן און ליכטיקייט.

פון דעם געזאָגטן איז צו זען, אַז די פאָדערונגען צו דעם שרייבער זיינען אין זיך אַליין זייער שווערע. אָבער די פאָדערונגען צו דעם קריטיקער זיינען ניט ווייניקער שווערע. אפשר נאָך שווערערע. ער דאַרף קענען ניט נאָר זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דער גאַנצער סטרוקטור פון אַ ווערק, אָפּשאַצן עס פון דרויסן און פון אינעווייניק, אַזוי צו זאָגן, נאָר אויך פאַרמאָגן די קענטשאַפט פאַנאַנדערצוגעמען די סטרוקטור אויף אַלע אירע דעטאַלן, פאַנאַנדערטיילן זי אויף אירע קלענסטע טיילעכלעך און נאָכדעם זי צוזאַ־מענשטעלן בשלימות צוריק, אַזוי ווי ער אַליין וואָלט געווען דער אייגנטלע־כער שאַפער פונעם ווערק. ער דאַרף אַמאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אין שריי־בער און אַמאָל — אין אַן אַנדערן. ניט נאָר דאַרף ער אַנטפּלעקן דעם שריי־בערס טיפן, נאָר דעם שרייבער אַליין. ער דאַרף געפינען זיין פּאָזיטיוון און אויך זיין נעגאַטיוון שרייבער. און וואָס איז נאָך וויכטיקער: ער דאַרף אונדז ווייזן דעם שרייבער און זיין ווערק אין שייכות מיט דער דינאַמישער אַנטוויקלונג פונעם לעבן, מיט אַלע עטאַפּן פון זיינע דערגרייכונגען.

מיט איין וואָרט: דער שרייבער „דאַרף" און „מוז"; דער קריטיקער „דאַרף" און „מוז", און די פאָדערונגען צו זיי קענען זיך דערהייבן ביז צו די העכסטע הימלען. אָבער גיי שטעל אַזעלכע פאָדערונגען צו אונדזערן אַ שרייבער און צו אונדזערן אַ קריטיקער!

***

איך מוז זיך מודה זיין: כ'האָב מיט אַ געוויסער צייט צוריק (אין דעם זשורנאַל „יידישע קולטור", נומ. 8, 1939 *) געוואָגט אַנצוּוואַרפן אַ גאַנצן באַרג פון שעפערישע פּראָבלעמען. איך האָב אַרויפגעלייגט אינגאַנצן די שולד פון אונדזער אומשעפערישקייט אויף דער קריטיק און אויף אונדזער

*) דער אַרטיקל האָט געהייסן: „דאָס פּראָבלעם פון שעפערישקייט אין דער יידישער ליטעראַטור."

שרייבער, וואָס איז פויל, וויל ניט אַנטוויקלען זיין טאַלאַנט, וויל ניט לערנען, וויל ניט אַרבעטן און נעמט זיך ניט אונטער צו שאַפן קיין גרעסערע ווערק. און איך מוז זיך מודה זיין: איך האָב ניט גענוג ערנסט אַנאַליזירט די באַדינגונגען, איר וועלכע סיי אונדזער קריטיק און סיי אונדזער שרייבער קומט־אויס צו אַרבעטן. איך האָב זיך צו ווייניק אָפּגעשטעלט אויף דער מדברדיקייט פון דער סביבה, אויף דער אומשעפערישער אַטמאָספערע, אין וועלכער אים קומט־אויס צו שעפּן זיין מאַטעריאַל און איינוואָרצלען זיין טאַלאַנט. דאַרף מען דען נאָך אַמאָל עמעצן קומען און אָנווייזן, אַז מיר האָבן ניט קיין לייענער פאַר אונדזערע ווערק? דאַרף מען דען עמעצן אויסזאָגן דעם סוד, אַז עס איז ניטאָ קיין נאָכפראַגע אויף אונדזערע ביכער? און צי דאַרף מען אפילו נאָך אַמאָל אָנווייזן אויפן פאַקט, אַז עס איז פּשוט ניטאָ וואו אָפּצודרוקן אפילו די קלענסטע זאַך, אַ דערציילונג אָדער אַן אַרטיקל? און אַז ס'איז ניטאָ וואו צו דרוקן זיך איז אויך ניטאָ צוליב וואָס צו שרייבן בכלל.

איך אַליין האָב די טעג דורכגעקוקט מיין שרייבערישן „אינווענטאַר", און מיר איז געוואָרן זייער טרויעריק אויפן האַרצן. עס ליגן ביי מיר דריי ראָמאַנען, וועלכע זיינען ממש „פאַרעלטערט" געוואָרן ליגנדיק אין אַ קאַסטן. אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן, אַז איך אַליין בין פון זיי פאַרפרעמדט געוואָרן. איך האָב זיי אַ בלעטער געטאָן איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, און אַוועקגעלייגט זיי צוריק אין זייער „רו". און איך האָב צו זיי אפילו דערפילט אַ געוויסע שנאה. זיי האָבן אין מיר אויפגעוועקט אַ פאַרביטערונג צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אונדזער לעבן. איך האָב זיך דערפילט אומגליקלעך ווי אַ ייד, ווי אַ שרייבער, ווי אַ מענטש, וואָס פאַר זיינע אויגן האָט מען ביי אים ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אַוועקגענומען דאָס שטיקל באָדן פון אונטער די פיס! און וויפל בענד לענגערע דערציילונגען און עסייען ליגן ביי מיר אין דעם קאַסטן, וואָס האָבן ניט געפונען, צוליב זייער „גרעסערקייט", קיין אָרט אין דער ענגקייט פון אונדזער דרוק־מעגלעכקייט? און איך האָב אַ טראַכט געטאָן — פאַר זיך און פאַר אַנדערע — ווען וועל איך עס קענען אָפּדרוקן? וואו וועל איך דאָס אַלץ קענען אָפּדרוקן? און נאָך מער: ווער דאַרף אָט דאָס אַלץ, צו אַלדי גוטע יאָר?...

***

איז וואָס קען מען ביי אונדז פאָדערן פון אַ שרייבער? און וואָס קען מען ביי אונדז פאָדערן פון אַ קריטיקער? אַז מיר זיינען ביידע די שטיפקינדער פון אַ האָפענונגסלאָזער גיזעלשאַפטלעכקייט, פון אַ סביבה פון אַבסאָלוטער מדברדיקייט, אין וועלכער מיר אַליין זיינען עס דער קליינער אָרימער שטיקל אַאַזיס?

איז שוין אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אין אונדזער ליטעראַרישער

סביבה זיינען אין דעם לעצטן צענדליק יאָר די פּאָדערונגען פון דער קריטיק גרינטלעך וואולגאַריזירט געוואָרן, ניט נאָר מצד דעם לייענער, נאָר אויך מצד דעם שרייבער אַליין. מ׳דערוואַרט פון אַ קריטיק, אַז זי זאָל אָדער „לויבן" אָדער „אַרונטעררייסן". מ׳לייענט ביי אונדז די קריטיק הויפּט־זעכלעך צוליב דער באַזונדער־אינטריגירנדיקער דערוואַרטונג פון אַן „אַטמעטקע", און אַמאָל אפילו צוליב אַ געפּיל פון שרייבערישער פּערזענ־לעכער „נקמה" אָן אַ קאָלעגע, וועלכער איז ניט צום האַרצן. און אויב די קריטיק פאַרפעלט אַמאָל אָפּצורופן זיך אויף אַ ווערק, געפינען זיך שוין אייגענע גוטע פריינט, וואָס שרייבן אָן אַ „גוט וואָרט" וועגן אַ פריינט, אויב ס׳איז דאָ וואו. „איך שרייב פאַר דיר, דו וועסט שרייבן פאַר מיר" — אַ מין „מיוטשועל אַדמירעישאָן סאָסאַיעטי", און אַזוי ווערט באַפּרידיקט אויך די „אַנדערע" זייט פון שאַפן.

און מ׳איז ביי אונדז געגאַנגען נאָך ווייטער: מ׳האָט אין אַ סך פאַלן געגעבן דאָס רעכט אויך דעם לייענער צו ווערן אַ „קריטיקער", אַ „מבין" אויף אַ ליטעראַרישן ווערק. קוים „גראַמאָטנע" מענטשן מיט זייער ווייניק עלעמענטאַרער צוגרייטונג האָבן געוואָגט אָנצושרייבן גאַנצע פּלאַכטעס וועגן אַ ליטעראַרישן ווערק און דער שרייבער איז דערביי געשטאַנען אָן אַ זייט ווי אַ געמשפּטער פון ערב־רב און ניט געהאַט אפילו די מעגלעכ־קייט צו ענטפערן. זיין מאַיעסטעט, דער לייענער, האָט געהאַט דאָס וואָרט...

1940

און וואָס ווייטער?

איך האָב מיט אינטערעס איבערגעלייענט דעם רוף פון נחמן מייזיל צו דעם יידישן שעפערישן מענטשן, אין זיין אַרטיקל „... און וואָס ווייטער?״ („יידישע קולטור״, נומ. 6). אַז עס איז דאָ ווייניק טרייסט אין אַזאַ ווענדונג אין אונדזער צייט איז איבעריק צו זאָגן, אָבער אַז די ווענדונג איז אַ צייטיקע און אויך אַ נויטיקע קאָן גאָר קיין צווייפל ניט זיין. עס איז קלאָר: מיר האָבן געטרויערט אויפן חורבן פון אַ גרויסן טייל פון יידישן לעבן און מיר וועלן נאָך לאַנג טרויערן. מיר האָבן באַוויינט די בלוט־נאָענטע קדושים און מיר וועלן נאָך לאַנג וויינען איבער זייער אָנדענק. אָבער אין דער זעלביקער צייט טאָרן מיר אפילו אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן דעם לעבן־געבליבענעם טייל פון אונדזער פאָלק, וועמעס גורל עס איז אָנצוהייבן די בויאונג און די איבערבויאונג אין די שווערע באַדינגונגען פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט.

די מלחמה איז אַריבער. מיר אַלע, וואָס זיינען אויסגעמאַטערט ביז די טיפסטע טיפענישן אין דעם מוראדיקן קאָמפּלעקס פון בלוטיקע געשעענישן, האָבן דאָס געפיל, ווי מיר וואָלטן געשטאַנען, נאָך אַ סטיכישן נאַטור־אויסברוך, אַרום די חרובע נחלות אונדזערע און באַוויינט די נאָענטע מתים, וואָס מ׳האָט ערשט אויסגעגראָבן פון אונטער די חורבות.

אין משך פון גאַנצע זעקס יאָר איז געווען דאָס זעלביקע. מיר האָבן זיך, טאָג־נאָך־טאָג און יאָר־נאָך־יאָר, געמוזט זעטיקן מיטן ביטערן סם פון בלוטיקע ידיעות וועגן דעם יידישן לעבן, וואָס איז אומגעקומען פאַר אונדזערע אויגן פון אַ גלייכגילטיקער מענטשהייט, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען שטום צו אונדזערע ליידן און טויב צו אונדזער געשריי. מיר האָבן זיך באַדאַרפט צוקוקן מיט וואונדיקע הערצער, ווי אונדזער פאָלק מאַטערט זיך אין מוראדיקער גסיסה. אין אויפגעפלאַמטן מאַרך פלעגן אויפקומען די גרויל־בילדער פון מאַידאַנעק, טרעבלינקע, אָשווענטשים און פון טויזנטער יידישע שטעט, וואָס זיינען אומגעקומען אין בלוט און אין פלאַמען. אַ בייזער דונער פאַלט אויף איין אָרט. אַן ערדציטערניש צעשטערט אַ שטח לאַנד. אָבער דאָ האָט זיך די בלוטיקע האַנט פונעם מערדער אויסגעשטרעקט אויף טויזנטער מיילן, האָט געבראַכט דעם חורבן אויף טויזנטער ערטער אויף אַמאָל.

אַ מענטש קאָן זיך צו אַלץ צוגעוואוינען. ער טראָגט אין זיך די אייביקע

פייאיקייט פון צופּאַסונג — סיי צו די סטיכישע נאַטור־אויסברוכן און סיי צו די מענטש־געשאַפענע קאַטאַסטראָפעס. ער קאָן אָפּטעמפּן זיינע דינסטע געפילן, כדי איבערצוטראָגן די שאַרפסטע פייניקונגען. ער קאָן אפילו פּשוט רעזיגנירן צו זיין גורל, חיהש, שקלאַפיש־פאַררעטעריש צו זיין אייגן בלוט און פלייש.

אמת, מיר פלעגן זיך פון צייט צו צייט, ספּאָראַדיש, אויפכאַפּן צו די אייגענע פיינען און זיך זיי אָוועקגעבן מיט צאָרן, אָדער מיט הכנעה. נאָך אַלעמען איז דאָך עס געווען די גסיסה פון בלוט־אייגענע, וואָס האָט ניט געלאָזט רוען און פאַרגעסן. און ווער קאָן עס אינגאַנצן בלייבן טויב צו דעם לעצטן געשריי פון אַ פאַרפּייניקט קינד און דעם לעצטן קרעכץ פון אַ גוססדיקן זקן? און מיט דעם אינאיינעם זיינען דאָך אויך געווען די שריפות פון די ברענענדיקע שולן און יידישע ביבליאָטעקן, פון יידישער גייסטיקער שפע. צו אונדזערע אויערן האָט זיך דערטראָגן דער פאַרמעט־געשריי פון צעריסענע, געשענדעטע ספר־תורות, פון יידישן ספר, פון יידישן בוך אונטער די שטיוול פון מערדער. דאָס אַלץ האָט ניט אויפגעהערט צו פאָדערן אויסלייז, גערעכטיקייט און נקמה.

און דאָ איז דער יידישער שרייבער און דיכטער געשטעלט געוואָרן פאַרן מוראדיקן נסיון. די געשעענישן זיינען געווען צו־גרויס און צופיל. ס'איז געווען ווי אַ מעכטיקער שטראָם וואָלט פאַרכליניעט זיין געמיט און פאַרטומלט זיין מאָרך מיט אומקלאָרקייט און צעטומלעניש. ס'איז געווען מער ווי אַ מענטשנס האַרץ האָט געקאָנט דערפילן און ס'איז געווען מער ווי אַ מענטשלעכער געדאַנק האָט געקאָנט באַנעמען. ס'איז געווען משוגעת אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב, אין וועלכן דער יחיד איז פאַרלוירן געגאַנגען ווי אַ ווי אַ שטויבל אין עפּעס אַ הימלשער נעבולאַ.

וואָס האָט אונדזער דיכטער און שרייבער און אויך דער שעפערישער אינטעליגענט געקאָנט טאָן? ער האָט געקאָנט וויינען און קלאָגן, און תפילה טאָן, און שילטן. ער האָט זיך געקאָנט וואַרפן פון גאַט צום טייוול, פון בענטשונג צו קללות, כדי זיך ווי עס איז צו ראַטעווען פון גרויליקע אינערלעכע זעאונגען, פון די אינערלעכע געשרייען פון בלוט. ער האָט עס באַדאַרפט טאָן, פריער פון אַלץ, צוליב זיך אַליין, צוליב דער אייגענער יחידישער פאַרלוירנקייט און אוממעכטיקייט. ער האָט זיך באַדאַרפט ראַטעווען דורך דעם איינציקן מיטל, וואָס ער פאַרמאָגט, דורכן אויסדרוק פון זיין קינסטלערישן וואָרט. און אפילו אין דעם האָט ער געפונען ווייניק טרייסט. ווייל ס'איז עפּעס געווען אַזוי ווי ער וואָלט וועלן מיט פּשוטע מענטשלעכע ווערטער אָפּשטעלן אַן אַוואַלאַנש פון די סאַמע הימלען, מיט אַ שפּרוך אָפּשטעלן אַן ערדציטערניש. און דעריבער האָבן זיך אין זיינע אויפריכטיקסטע ווערטער אָפּט אַריינגעריסן עלעמענטן פון שוואַכקייט און ליגן.

ניין, קיין טרייסט איז ניט געווען און ס׳איז ניט געווען קיין לייזונג. ווייל בלוט האָט געפאָדערט אויסלייז. און די קדושים האָבן געשריען נאָך נקמה. און ווער האָט דען געקאָנט נעמען נקמה? און פון וועמען האָט מען געקאָנט נעמען נקמה? אַז זיי זיינען געווען אין די מיליאָנען, אונדזערע מערדער און פאַרטיליקער. זיי זיינען געווען אַ סך און אינאיינעם און זיי האָבן געהאַט אַ קאָלעקטיוון נאָמען — דייטשן, רומענער, אונגאַרן, און צווישן זיי זיינען געווען שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפטסלייט, טרעגער פון אייביקע ווערטן, יורשים פון גרויסע קולטורן, זוכער פון סאָציאַלן יושר און אייביקן אמת. פון וועמען האָט מען געקאָנט נעמען נקמה, אַז אפילו די רוצחים זיינען געשאַפן „בצלם אלהים״? אַז אפילו דער מערדער האָט געקאָנט זיין אַ מענטש מיט מענטשן גליך — אַ טאַטע, אַ מאַן, אַ געטרייער זון און ברודער און געליבטער, און זיינע אייגענע פיינען זיינען פאַר אים שאַרף און זיין אייגן בלוט איז אים הייליק. און דער שרייבער האָט דערפילט, אַז ווי שרעקלעך עס איז דער אומגליק, איז נאָך שרעקלעכער, גרויזאַמער, וואָס מיר וועלן שוין קיינמאָל ניט געפינען און ניט דערקענען דעם פייניקער, אויפמאָנען ביי אים די אייביקע מאָנונג פאַר די פאַרפייניקטע און נעמען פאַר זיי גערעכטע נקמה. און אפילו ווען מיר וועלן זיי שוין געפינען און דערקענען — וועלן מיר דען קאָנען טאָן מיט זיי דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אונדז? וועלן מיר זיי קאָנען פייניקן און ברענען און אומברענגען אין די מיליאָנען, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט אונדז?

אין אָט דעם מוראדיקן פלאָנטער האָט אונדזער היגער שרייבער און דיכטער זיך פּרובירט אָריענטירן, געפּרואווט ברענגען צו זיינע מיטמענטשן, זיין קינסטלערישן אויסדרוק בנוגע די קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן. פריער פון אַלץ — דער פּראָזאַאיקער. אונדזער פּראָזע איז געווען אומבאַהאָלפן אין אירע שילדערונגען פון ברוטאַלער מאַכט, פון דעם מערדער־מענטש, און נאָך אומבאַהאָלפענער אין דער שילדערונג פון אונדזערע קדושים. ס׳איז געווען עפּעס אַ מאָדנער געמיש פון סמ׳יקער ביטערקייט מיט לאָקריצדיקער זיסקייט. מ׳קאָן ניט דערמאָנען קיין איינציקע דערציילונג אויף דער זייט ים, וואָס זאָל אַרויסגיין פון די גרענעצן פון אייגנשיינלעכן שאַבלאָן פון שילדערן די גרוילטאַטן. די טראַגעדיע פון אונדזער מאַרטירערשאַפט איז אויף אַזוי פיל גרעסער פון דער אָנשטרענגונג פונעם שרייבער צו שילדערן אַן אָפּגעזונדערטן עפּיזאָד פון אָט דער טראַגעדיע, אַז דער גוטער לייענער האָט געמוזט דערפילן די מאַטעריש און האָט געלייענט אַזאַ דערציילונג מיט אַ געמיש פון וויטיק און פאַרדראָס. און ס׳איז נאַטירלעך. מ׳דאַרף די שרייבער ניט באַשולדיקן אין ווייניק טאַלאַנט, אָדער אין שלעכט באַנעמען די גרויזאַמע ווירקלעכקייט אין איר גאַנצן פאַרנעם — אָט־דאָ־באַלד, אין סאַמע מיטן פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר דורות און אויף דורות. דאָס וועלן די צוקונפטיקע שרייבער

פון גרויסע טרילאָגיעס און טעטראַלאָגיעס אפשר קאָנען טאָן און אפשר — דער גאַנצער סך־הכל פון דורות־לאַנגער יידישער שעפערישקייט. אָבער דער אמת מוז געזאָגט ווערן: דאָס וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די פאַרגאַנגענע יאָרן איז בלויז אַ קלײנער אויפגאַב אויף יענע שאַפונגען, וואָס דאַרפן נאָך קומען. אויך די סאָוועטישע פּראָזאַאיקער האָבן אונדז דורך דער צייט ניט איבערראַשט מיט גרעסערע קינסטלערישע אַנטפּלעקונגען (אַחוץ אפשר דער נסתר און דוד בערגעלסאָן). אָבער די סאָוועטישע פּראָזאַאיקער האָבן דערפאַר איינגעשפּאַנט זייער גאַנצע קינסטלערישע ענערגיע אין דעם דירעקטן קאַמף מיטן שונא. זיי האָבן ממש פאַרוואַנדלט זייער פען אין אַ ביקס — באַיאָנעט, און זייער וואָרט איז געוואָרן אַ קויל קעגן פאַשיזם. דער שרייבערישער אויסדרוק איז דאָרטן געוואָרן אַ טייל פון דער גוטער אַמו־ניציע, וואָס האָט געהאָלפן דערשלאָגן דעם היטלערישן מאָנסטער. דער שרייבער, דער וויסנשאַפטסמאַן און דער פשוטער זעלנער — אַלע זיינען געווען פאַרוויקלט אין דעם דירעקטן, אומצעטיילטן קאַמף אויף לעבן און טויט. אַלע באַגלייך האָבן געענטפערט אויפן רוף פון לאַנד: „אַלץ פאַרן פראָנט! אַלץ פאַרן זיג!”

אַביסל אַ גרעסערע און אַ מער גראָטעסקע שעפערישקייט האָבן אַרויס־געוויזן אונדזערע היגע דיכטער. דער מעדיאום פון דיכטער איז אַ לייכ־טערער, אַ מער־בויגעוודיקער און עלאַסטישער. דער דיכטער קאָן זיך לייכטער פאַרכישופן אין אַ דערהויבנדיקן טראַנס און אַריבערשפּאַנען גרע־נעצן. ער איז וויניקער געבונדן פון צייט און אָרט און רעאַלער געשטאַל־טיקייט. ער קאָן געבן דעם אמת אפילו דערוויטערנדיק זיך פון דערווירק־לעכקייט. אָבער אונדזער דיכטער האָט זיך דאָ באַגרענעצט מיט אַ פּאַסיווער אויפגאַבע — צו באַווײנען די קדושים און צו רייסן קריעה. ער האָט זיך געזוכט צו ראַטעווען פונעם בראָך דורך אַ מין איבערגעבן זיך צו אַ פּאַסיווער קידוש־השם שטימונג, צו אייגענע גייסטיקע מאַטערנישן. ער איז דערביי געווען אויפריכטיק ערלעך מיט זיך און מיט זיין קינסטלערישן באַרוף.

ער איז געווען ערלעך. אָבער ער האָט עס געטאָן אימפּולסיוו־ספּאָראַדיש. שוואַכער, צי שטאַרקער אין זיין קינסטלערישן אויסדרוק, האָט אָבער אַלע־מאָל אין זיינע ווערק געפעלט די אידייע. אין דעם געגעבענעם פאַל — די אידייע פון קאַמף פאַר דערלייזונג. דער דיכטער האָט זיך אַלעמאָל געמאַ־טערט מיט זיינע אייגענע מאַטערנישן. אַן אויסנאַם זיינען, אין דעם זין, טערט מיט זיינע אייגענע מאַטערנישן. אַן אויסנאַם זנייען, אין דעם זין, געווען די קליינע גרופּע אַזוי־גערופענע פּראָגרעסיווע דיכטער, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל, ווי איצט, אידענטיפיצירט מיט די סאָוועטישע יידישע דיכטער, וועלכע האָבן, אגב, גראָד אינמיטן פון די שטורעם־יאָרן און שווערן געראַנגל באַוויזן צו שאַפן מאָנומענטאַלע ווערק, וואָס וועלן אויף אייביק פאַרבלייבן אינעם אוצר פון דער יידישער פּאָעזיע.

אָבער — וואָס ווייטער ?

איצט איז שוין די מלחמה פאַריבער. מיר זעען שוין פאַר זיך די גאַנצע סומע פון אונדזער אומגליק. מיר האָבן שוין באַגראָבן די טויטע. מיר היילן שוין די וואונדן פון די געראַטעוועטע. מיר פירן שוין אונטער סך־הכלען. איז שוין טאַקע צייט אָפּצוגעבן אַ דין און אַ חשבון־הנפש. און אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון־הנפש מיינט פאַר אונדז צו באַנעמען די ביטערע לעקציע, וואָס די געשיכטע האָט אונדז געלערנט. און די לעקציע דאַרפן מיר אָנהייבן פון אלף־בית.

דער פאַשיזם איז דאָך, נאָך אַלעמען, ניט קיין סטיכישע נאַטור־דער־שיינונג, וועלכע עס איז אוממעגלעך צו פאַרמיידן און קעגן וועלכער עס איז ניט שייך אַ וועלכער עס איז קאַמף. דער פאַשיזם איז שוין אַן אויסגע־פאָרשטער עלעמענט אין דעם קאָמפּלעקס פון עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פּאָליטישע קאָנפליקטן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. און דער פאַשיזם איז נאָך אויך אַ פאַקטאָר אין די שטרעמונגען פון היינטיקער צייט, אַ פאַקטאָר, וואָס זיין קאַניבאַלישער שפּיץ איז נאָך אַלץ געווענדעט אויפן קיום פון אונדזער פאָלק. מיטן זיג איבער דייטשלאַנד און יאַפּאַן, מיט אַלע זייערע נאָכשלעפּער, האָט מען נאָך ווייט ניט באַזיגט און אומגעבראַכט דעם פאַשיזם גופא. די אַלטע, פאַר־מלחמה וועלט איז נאָך ווייט ניט אַראָפּ פון דער אַרענע פון דער געשיכטע. זי וועט נאָך לעבן און ווירקן כל־זמן עס וועט לעבן און געדייען די אָרדענונג פון דער אַלטער וועלט. דער אַנטיסע־מיטיזם איז נאָך פאַראַן אין אייראָפּע און ער איז נאָך דאָ, אין אַמעריקע. מיט דעם כוח פון פאַשיזם מאַכט נאָך היינט דער פּוילישער „אונטערגרונט" זיינע פּאָגראָמען — אפילו אויף יענע יידן, וואָס האָבן זיך ערשט אַרויסגע־ראַטעוועט פון די ברענענדיקע אויוונס פון די צאַלרייכע מאַידאַנעקס. מיט זיין כוח רעדן דאָ ביי אונדז די ראַנקינס און די בילבאָס פון אַלע שאַטירונגען.

און עס איז קלאָר, אַז מיט געוויין צוליב געוויין און רייסן קריעה אינ־איינעם מיט דער אויפריכטיקער קללה אפילו, וואָס מיר וועלן וואַרפן אויפן קאָפּ פון דעם שונא, וועט דער פאַשיזם ניט אויסגעראָטן ווערן. קעגן אים דאַרף אויפגעהויבן ווערן ערשט איצט און טאַקע באַלד אַ נייער, אַ מעכ־טיקער קאַמף. און מיר, יידן, דאַרפן שטיין אין סאַמע שפּיץ פון אָט דעם קאַמף און אוודאי אין די ערשטע רייען, אויב מיר ווילן לעבן בלייבן, ווי אַ פאָלק צווישן פעלקער, און טאַקע באמת נעמען די פולע נקמה פאַר אונדזערע פאַרפּייניקטע ברידער, וועמעס בלוט עס הערט ניט אויף צו שרייען צו אונדז — נעמט נקמה! דאָס איז אלף־בית.

די דיכטער און שרייבער אונדזערע האָבן דורך דער צייט פון מלחמה און אויסראָט פאַרהייליקט אונדזערע מאַרטירער. זייער אידייע איז געווען — דער קידוש־השם. די גלאָריפיקאַציע פון קידוש־השם איז אַ גרויסע זאַך. אָבער דער העכסטער קידוש־השם איז פאַרט יענער, וואָס ווערט גע־

קרוינט אין אַקטיוון קאַמף קעגן שונא פאַרן קיום פון פאָלק. ניט הכנעה און ניט פאַסיווער ווידערשטאַנד און ניט דער הייליקסטער קידוש־השם וועט אונדז ראַטעווען. מיר וועלן דאַרפן מאָביליזירן אונדזערע אַלע כוחות. דער שרייבער וועט דאַרפן, אינאיינעם מיט די ברייטע מאַסן, זיך אַוועקשטעלן אין קאַמף. אָט פונקט אַזוי ווי עס האָבן דאָס געטאָן אונדזערע סאָוועטישע ברידער. דאָס וואָרט פון אונדזערע שאַפער, וואָס האָט באַקרוינט מיט הייליקייט דעם טויט פון די מאַרטירער, דאַרף איצט ווערן דאָס קרוין־וואָרט פאַר לעבן, פאַר קיום, פאַר אויפקום!

אונדזער אינטעליגענציע וועט זיך מוזן באַפרייען פון די טענדענצן פון גייסטיקן „אייסאָלעישאָניזם“, אַן איזאָלירונג, וואָס רופט „צוריק צו דער געטאָ“, וואָס אין איר גערעכטן צאָרן וויל זי פאַרהאַקן מיט עקל די טיר צו דער „גויאישער“ וועלט און אָפּגרענעצן זיך אין די אייגענע ד׳ אמות, כדי אויסצולעבן די איבערגעבליבענע יאָרן אין דער „אייגענער“ מיסטיק און אין דער „אייגענער“ טראַגישקייט, איינשליסן זיך אין אַ מין הייליקער נזירות, אָפּזאָגן זיך פון דער „פרעמדער“ קולטור און פון „זייער“ מאָראַל. עס דאַרף קלאָר זיין, אַז מיר ליידן אין אָט דער וועלט ניט אַליין. דער זעלביקער כוח, וואָס זוכט אונדז צו פאַרטיליקן, איז אַ קללה אויף דער גאַנצער מענטשהייט. דעם קאַמף קעגן די פינצטערע כוחות וועלן מיר מוזן פירן ניט אַליין. פאַר דעם וואָלטן מיר געווען צו־שוואַך. מיר וועלן דאַרפן פאַראייניקן אונדזער קאַמף אינאיינעם מיט דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער מענטשהייט, אַזוי ווי ער איז געפירט געוואָרן דורך לאַנגע יאָרהונדערטער פאַרן אידעאַל פון פרייהייט. אין אָט דעם פאַראייניקטן קאַמף וועט דער יידישער דיכטער דאַרפן שפּילן אַ גרויסע ראָל.

אַרבעט איז דאָ אַ סך. קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קאַמף פאַר דער אייגענער קולטור, קאַמף פאַרן קיום. קאַמף פאָדערט פאַראייניקונג, קאַמף פאָדערט די אידייע פון אַ סאָציאַליסטישער וועלט, וואָס נאָר זי אַליין וועט קאָנען פאַרענטפערן דאָס אייביקע יידישע פּראָבלעם. אָבער פאַר דעם וועט זיך דער יידישער שרייבער דאַרפן רעאָריענטירן און אָפּזאָגן זיך פון אַלע זיינע אָנגעהעריקייטן צו די טרעגער פון רעאַקציע, פון אַלע פאַרבינדונגען מיט יענע כוחות צווישן אונדז, וואָס האָבן צוגעמאַכט זייערע אויגן אויף דעם אמת פון לעבן, אויף דער גרויסער אידייע פון אומצעטיילטער, אַלגעמיינער, אַלמענטשלעכער אידייע פון באַפרייאונג.

וועגן קינסטלערישער שעפערישקייט

איך דערלויב זיך דאָ אַרויפצושטעלן אויפן סדר־היום אַ פּראָבלעם, וואָס געהערט בעיקר צו גרענעצן פון דער קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע — די פּראָבלעם פון שעפערישן באַוואוסטזיין.

מיט אַ צוויי צענדליק יאָרן צוריק האָט מען ביי אונדז געפירט הייסבלוטיקע וויכוחים אַרום דער פראַגע פון פאָרם און אינהאַלט. מ׳האָט זיך געקאָכט איבער פאָרמאַליזם, איבער אידעאָלאָגישע איינשטעלן, און אָט די פרוכטבאַרע דיסקוסיע האָט גורם געווען אַן אויפלעבונג אינעם שרייבערישן געמיט פאַר אינטענסיווער אַרבעט און האָט טאַקע געבראַכט אַ היפּשע קינסטלערישע שפע.

איצט האָט מען זיך ביי אונדז כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט אַרומצוקריגן איבער אַזעלכע „קלייניקייטן” אין אַ ווערק, ווי פאָרם און אינהאַלט, אידייען און זשאַנרען, טאָן און קאָלאָריט אין וואָרט און שילדערונג. אַפּנים, אַז מיר האָבן שוין געוואונען דעם קאַמף קעגן פאָרמאַליזם, מאַנעריזם און אַנדערע ליטעראַרישע אָנשיקענישן. אַפּנים, אַז מיר האָבן שוין ענדגילטיק געוואונען דעם קאַמף פאַר העכערער אידייאישקייט און מיר ווייסן שוין גענוי, וואָס מיר ווילן אין לעבן און אין דער ליטעראַטור.

דער אמת איז אָבער, אַז ס׳איז נאָך פאַראַן צוליב וואָס אַרומצוקריגן זיך אין אונדזער ליטעראַטור און צוליב וואָס צו פירן אינערלעכע קאַמפן, — אפילו אין דער קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע פון דעם שרייבער גופא. נאָר אונדזער שרייבער לעבט איצט איבער אַ צייט פון אַ געוויסער געפאַלנקייט בנוגע זיין שרייבערישן באַרוף. ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ קאַלטער סביבה. פאַר זיינע אויגן קומען־פאָר אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע אַלאַרמירנדיקע פּראָצעסן. דער בעסערער פּראָזע־בוך ווערט ווייניקער געלייענט. נאָך ווייניקער ווערט געלייענט פּאָעזיע. און די גאַנצע העגעמאָניע איבער דער יידישער קולטור האָט איבערגענומען די יידישע בירגערלעכע פּרעסע, מיט אירע שונד־ראָמאַנען, מיט אירע איבערגעניצטע „היומען אינטערעסט סטאָריס”, מיט איר ביליקן פּאָליטישן און זיטלעכן זשורנאַליזם, וואָס האָט דורך לאַנגע יאָרן אָפּגעטעמפּט דעם געשמאַק פונעם לייענער פאַר אַ קינסטלערישן ווערק. און דער טראַגישסטער פון אַלע פּראָצעסן — די שפּראַכלעכע און קולטורעלע אַסימילאַציע פון דער יוגנט, וואָס האָט באַדאַרפט זיין דער פּאָטענציעלער פאַרברויכער פון דער שעפערישער פּראָדוקציע.

דער שרייבער גיט אַרויס אַ בוך און ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל דאָס בוך אויפנעמען. ער געפינט ניט זיין לייענער. נאָרמאַל איז דער שרייבער און דער לייענער אַ מין־צוויי־אייניקייט. זיי זיינען ניט צום צעטיילן. זיי קאָנען איינע אָן די אַנדערע ניט עקזיסטירן, און זייער וואוקס און אַנטוויקלונג מוז, אין אַ גלייכער מאָס, קעגנזייטיק באַווירקט ווערן. ווייל זיי זוכן אין אַ ווערק איינע און די זעלביקע זאַכן. זיי זוכן לעבן! און לעבן איז ניט נאָר ווירק־לעכקייט, נאָר אויך וויזיע, אידייע און חלום, אַ גערעאַנגל פאַר אַן ערדישן און „הימלישן” אמת פאַר דעם מענטשן.

די אַלע זאַכן קאָן מען אָבער ניט געפינען פאַרטיקערהייט, אויבן־אויף, און צוגעגרייט אין אַן אָרדענונג, מ׳זאָל קענען צוגיין און נעמען. ווי דער אמונער קינסטלער מאַכט דורך אַלערליי ראַנגלענישן און שטרויכלונגען, ווערט געשטעלט פאַר אַלערליי נסיונות ביז ער קומט צו די קוואַלן פון לעבן, פונקט אין אַזאַ מאָס דאַרף אויך דער קונסט־געברויכער זיין צוגעגרייט, דורך אינטעלעקטועלער דערפאַרונג, מיטצוגיין מיט זיין שרייבער און דיכ־טער און אויפנעמען דעם קינסטלערישן אמת. עס איז שוין געוואָרן אַן אַקסיאָמע: מיט וואָס דער לייענער קומט צום בוך — דאָס נעמט ער פון אים אַרויס. מיט אַנדערע ווערטער: וויפל ער קאָן אַליין געבן דעם בוך — אַזוי פיל וועט ער פון אים צוריקקריגן.

ס׳איז קלאָר, אַז אַזאַ מין לייענער וועט צו אונדז פון הימל פאַרטיקער־הייט ניט אַרונטערפאַלן. אַז לייענער דאַרף מען דערציען. און דאָס ביסל גוטע יידיש־לייענער, וואָס זיינען נאָך פאַראַן דאַרף מען פאַראינטערעסירן מיט די שעפערישע פּראָצעסן פונעם שרייבער, ווי דאָס ווערט געטאָן ביי די אומות־העולם דורך רייך־ליטעראַרישע זשורנאַלן. מ׳דאַרף אַנטוויקלען אַ לייענערשאַפט, וואָס זאָל פאָדערן פון זיין שרייבער ערנסטע ווערק. מ׳דאַרף דעם שרייבער און זיין ווערק שטענדיק האָבן פאַרן אויג.

אַ גרעסער ווערק פון אַ שרייבער פאַרגלייכט מען אָפט מיט אַ גרויסער געביידע. וואָס־גרעסער, וואָס־קאָמפּליצירטער און אַרומנעמענדיקער ס׳איז איר סטרוקטור, אין אירע אינווייניקסטע שייכותן, אַלץ שווערער, פאַרשטייט זיך, איז איר בויאונג. און וואָס אַרומנעמענדיקער ס׳איז אַ קינסטלעריש ווערק אין זיין אַרכיטעקטאָניק און אחריותדיקייט — אין זיין אידייע און אינהאַלט, און פּערפעקטער אין אַרטיקולאַציע — אַלץ שווערער איז דער שעפערישער פּראָצעס און וויכטיקער די אויפגאַבע.

דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד ליגט דאָ, נאַטירלעך, אין דער אויס־פירונג. אין דער בויאונג פון אַ געביידע לייגט־אויס דער אַרכיטעקט זיין פּלאַן לויט באַשטימטע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס. נאָכדעם קומט דער אינזשעניער און בויט אויף די סטרוקטור — ווידעראַמאָל — לויט פיזיש־אויסגעפּרואווטע פאָרמולעס. נאָכדעם קומען הונדערטער פאַכמענער און אָפּערירן מיט כלערליי מאַטעריאַלן. ס׳איז אַ קאָלעקטיווע אַרבעט, אין

וועלכער יעדער באַזונדער כוח פירט־אויס זיין אייגענע ספעציפישע פונקציע. די געביידע איז איינע, אָבער שאַפער זיינען דערביי אַ סך.

דער שאַפער פון אַ ליטעראַריש ווערק איז אָבער אַליין. ער אַליין מוז זיין דער קאָלעקטיווער כוח. ער מוז זיין דער אַרכיטעקט און דער אינזשעניער און דער פאַכמאַן אין דער שוואַרץ־אַרבעטער. ער צייכנט־אָן פאַר זיך אי דאָס פעלד, אי די פּערספעקטיוו, ער צייכנט די בלוי־פּלענער, און דאַרף אַליין בינדן די קאָנסטרוקציע, לייגן ציגל און מישן דעם צעמענט... און דערביי זיינען זיינע מאַטעריאַלן ניט קיין טויטע מאַטעריע, ניט קיין שטאָל און ציגל, נאָר לעבעדיק־קוועלנדיקער שטאָף, וואָס בייט זיך, ענדערט זיך אין זיינע שייכותן צום אַרומיקן, צו דעם, וואָס איז נאָענט און וואָס איז ווייט. אַ וואָרט אַליין אין זיך האָט כאַראַקטער, טראָגט אין זיך דערפאַרונג פון דורות און לעבט־אויס זיין אינדיווידועלן לעבן אייגציק אינעם משפחה־לעבן פון ווערטער־זאַק. אַ וואָרט האָט זיין אייגענע שיינקייט, זיין אייגענעם אויסדרוק, וואָס עס האָט דערוואָרבן דורך דער דערפאַרונג פון הונדערטער יאָרן און לייגט זיך בשום אופן ניט איין, ווי אַ ציגל, אומבאַוועגלעך־רואיק אין דער ווערטער־וואַנט פון אַ קינסטלערישן ווערק.

און אַ ווערק איז דאָך ניט די סומע פון ווערטער. אַ ווערק איז ווי דאָס לעבן אַליין, וואָס בייט זיך, באַנייט זיך, אין שטענדיקער שייכותדיקייט זיינער צו דער אַרומיקער וועלט, און דער שרייבער איז דאָך אוודאי ניט דער מעכאַנישער פאַרצייכענער פון פאַקטן, ווי עפּעס אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט. ער פּראָטאָקאָלירט ניט דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דאָס וויכטיקע און דאָס טריוויאַלע מיט דער אָביעקטיווקייט פון אַן אַפּאַראַט. ער איז אַלע מאָל אַן אינטעגראַלער טייל פונעם אַרומיקן לעבן, אַ לעבעדיקער נערוו אין דער גאַנצער נערוון־סיסטעם פון לעבן.

די קונסט פונעם וואָרט איז זייער אַ קאָמפּליצירטע. מ׳קאָן זאָגן, אַז אין אַ באַדייטנדיקן ווערק זיינען צונויפקאָמבינירט כמעט אַלע קונסטן אינאיינעם: דער ריטם און טאָן פון מוזיק, די פּערפעקטע פּלאַסטיק פון נאַטור־פאָרמען, די טאָן־קוואַליטעט פון קאָלאָריט פון פאַרבן, דער שוואונג און ריטם פון לעבעדיקע פאָרמען, די אַרכיטעקטאָניק פון אַ סטרוקטור. דאָס אַלץ דאַרף זיך צוזאַמענגיסן אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט, וועלכע מיר פּרובירן, צוליב באַקוועמלעכקייט, פאַנאַנדערצוטיילן אין צוויי ספערן — אין דער רעאַלער און אין דער פאַנטאַסטישער, כאָטש מיר ווייסן, אַז אויך דאָס פאַנטאַסטישע איז אַ לייבלעך קינד פון אונדזער אינטואיציע, פון אונדזער וויזיאָנערישקייט, דער גערשנטער אוצר פון דערפאַרונג פון מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט.

דערפאַר קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז קיין קונסט איז ניט אַזוי קאָמפּליצירט, ווי די קונסט פון וואָרט, און קיין קונסט פאָדערט דעריבער ניט אַזאַ מייסטערשאַפט און ווירטואָזיטעט פאַר איר אויסדרוק. און ווען

מ׳גיט נאָך צו דעם עיקר, די גרויסע אחריות, וואָס אַ קונסט־ווערק דאַרף אויספירן אין לעבן, ווי אַ העכערער אינסטרומענט פאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, ווי אַ סטימולירערין פון זיין מאָראַלישן וואוקס, ווערט קלאָר די קאָלאָסאַלקייט פון דער אויפגאַבע.

וואָס פונדאַמענטאַלער ס׳איז אַ קינסטלעריש ווערק, אַלץ טיפער וועט עס גראָבן אין די אומדערשעפּלעכע אוצרות, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין דער טיפעניש פונעם מענטשלעכן לעבן און אַלץ־ברייטער וועט עס אַנטפּלעקן דעם אמת פון דער אַרומיקער וועלט. דורכן כוח פון וואָרט איז אַוועקגע־לייגט געוואָרן אינעם יסוד פון לעבן די גרויסע אידייע פון יושר און אמת, פון שיינקייט און צוזאַמעןקייט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ צווישן הימל און ערד. די גרויסע מייסטער פון אַלע צייטן האָבן דורכן מעדיאום פונעם וואָרט, געגעבן דער מענטשהייט, ווי אַ טייערע גאָב, אין אַלערליי סטילן און זשאַנרען, אין אימאַזש און מעטאַפאָר, דורך ליכט און דורך שאָטן, איר גורל אויף דער וועלט, וואָס האָט זיך אַנגעהויבן אין חושך און שטרעבט אייביק און אייביק צו ליכטיקייט און פרייהייט פון מענטשלעכן גייסט.

דאָס זיינען פונדאַמענטאַלע אמתן וועגן קינסטלערישן שאַפן. פונדעסט־וועגן דאַרף מען נאָך ביי אונדז אַלץ קומען און דערמאָנען און ניט אויפהערן צו דערמאָנען: יידישע קינסטלער, שרייבער פונעם יידישן וואָרט, בויער פון דער שיינער ליטעראַטור, לאָמיר נאָך אַמאָל אַוועקשטעלן די פּראָבלעם פון שעפערישקייט אויף דער טאָג־אָרדענונג פון אונדזער טעטיקייט. און לאָמיר זי אַוועקשטעלן סאַמע אויבן, ווייל זי איז אַ דרינגנדיקע פראַגע. סתם שרייבן — איז אין אונדזער צייט שוין ניט קיין קונץ און אוודאי ניט קיין קונסט. ווייל מיר זעען שוין אין אַמעריקע די אַזוי־גערופענע „גאָוסט־רייטערס” און גאַנצע שרייבער־פאַבריקן, אין וועלכע ס׳אַרבעטן אַנאָנימע שרייבער פאַר געלט, און זיי קענען די מלאכה. מיר טאָרן זיך ניט פאַרלאָזן בלויז אויף אונדזער טאַלאַנט. מיר טאָרן בשום אופן ניט פאַרלירן אונדזער שעפערישן באַוואוסטזיין. מיר מוזן שטענדיק וואַקסן!

לאָמיר נאָך אַמאָל אָנהייבן זוכן נייע פאָרמען פון קינסטלערישן אויס־דרוק פאַר די דינאַמישע אינהאַלטן פון דער צייט, לאָמיר זיך אַליין סטי־מולירן פאַר אינאָוואַציעס, פאַר געוואַגטער דערפינדערישקייט. און לאָמיר זיך אָנהייבן אַביסל מער אַרומצוקריגן איבער די פּראָבלעמען פון אונדזער באַרוף. דווקא איצט, ווען עס לויערן דאָ אַזוי פיל געפאַרן, דאַרפן מיר פאַרשטאַרקן אונדזערע כוחות. דווקא איצט דאַרפן מיר לייטערן דעם פלאַם פון אונדזער וואָרט און אויפהייבן העכער דאָס ליכט איבער דעם חושך פון אַפּאַטיע — וועלן מיר אפשר צוריקגעווינען אונדזער לייענער און שאַפן אַ נייעם.

1949

וועגן קריטיק און קריטיקער

אַ ליטעראַטור קען ניט וואַקסן אָן אַ געזונטער קריטיק. קריטיק איז אַ פירערין. קריטיק איז אַ באַגלייטערין. אָבער קריטיק איז גרויס און שעפעריש מיט דער גרויסקייט און מיט דער שעפערישקייט פון דער ליטעראַטור. זי קען ניט שטיין באַזונדער, זי דאַרף גיין האַנט אין האַנט מיט דערווירקלעכקייט פונעם לעבן, מיט די טענדענצן פון דער צייט, מיט דער אידעאָלאָגיע פון די שעפער פון דער ליטעראַטור. זי מעג גיין פאָראויס און פירן, אָבער זי טאָר ניט פאַרלירן דעם ריטם, דעם אָטעם, דעם טראָט פון די, וועמען זי פירט. זי דאַרף זיין ווי אַ לערערין פון דער סאַמע נייסטער צייט, וואָס לעבט און טוט די זעלביקע אַרבעט פון אירע שילער, לעבט זיך אַליין אויס אין דער דערציאונג. בלויז אויף אַזוי פיל דאַרף זי ווערן — אַ פירערין. דער קריטיקער — דאָס איז דער סאַמע לעבעדיקסטער אָנטיילנעמער פון דעם ווירקלעכן לעבן אַרום דער ליטעראַטור און אין דער ליטעראַטור. דער, וואָס דורך דער פריזמע פון זיינע ווערק גייען דורך די שפורן פון דער גאַנצער שעפערישער ענערגיע פון לעבן און פון דער ליטעראַטור — אינאיינעם. כל־זמן אַזאַ קריטיקער איז נאָך ביי אונדז ניטאָ, קאָנען מיר ניט באַשטימען דעם גאַנג און דעם כוח פון אונדזער ליטעראַטור. דער פראָצעס פון וואוקס פון דער ליטעראַטור, די פראָצעסן פון שעפערישקייט דאַרפן באַשטימט ווערן מיטן וואוקס און מיט די פראָצעסן פונעם לעבן אַליין, אָבער די פראָצעסן פון קוואַליטעט, פון קינסטלערישן ווערט דאַרפן באַשטימט ווערן פון דעם קריטיקער. דערביי טאָר דער קריטיקער פון דער ליטעראַטור ניט זיין קיין מבינות־זאָגער איבער איר, ניט קיין חסרונות־זוכער און ניט קיין זוכער פונעם פאָזיטיוון בלויז, פאַרגעסנדיק דאָס גאַנצע, דאָס אומצעטיילבאַרע אין אַ ווערק.

***

ווי אַזוי דאַרף איך, אָדער אַן אַנדערער, צוגיין צו אַ ווערק? מיר דוכט, אַז צוגיין צו יעדן ווערק, איז ווי צוגיין צו אַ מענטשן. יעדן מענטשן מוזן מיר באַנעמען און אָפשאַצן לויט זיין אייגענער מאָס, לויט זיין אייגענער אינדיווידואַליטעט. פונקט אַזוי איז מיט אַ קונסט־ווערק. עס זיינען ניטאָ און קענען ניט זיין קיין איינגעשטעלטע, שטאַנדאַרטנע מאָסן. וואָלטן זיי געווען, וואָלט ניט געווען שווער אָפצומעסטן דעם גראַד פון ווערט,

וואָס איז דאָ אין אַ ווערק. אָבער, אַז אַזאַ מאָס איז ניטאָ — מוז מען באַשטימען באַזונדערע מאָסן, מאָסשטאָבן, מיט וועלכע דאָס ווערק קען אָפּגעשאַצט ווערן. און באַשטימען קען מען זיי בלויז מיט דער מאָס, וואָס דאָס ווערק אַליין באַשטימט פאַר זיך. מיט אַנדערע ווערטער: יעדעס ווערק פאָדערט צו זיך זיין אינדיווידועלן צוגאַנג און זיין אינדיווידועלע אָפּשאַצונג. אין דעם ליגט די שווערקייט פון קריטיק. און אין דעם ליגן די שוועריקייטן, אין וועלכע דער ערלעכער קריטיקער דאַרף זיך אַנשטויסן אין זיין אַרבעט: אים קומט אויס, גאַנץ אָפט, זיך אַליין צו ענדערן, צוצופּאַסן זיך אַליין צו אומשטענדן; בייטן, אַזוי צו זאָגן, זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט, כדי צו דערפילן אַ ווערק אין זיין האַרמאָנישער גאַנצקייט. אַ גוטער קריטיקער איז דער, וואָס קען זיך, ווען מ׳דאַרף, אויסטאָן פון דער אייגענער פערזענלעכקייט, פון די גרענעצן פון זיין אייגענער, אוממיטלבאַרער סביבה, און אַריין אין דער וועלט פונעם שרייבערס בוך, ווערן דאָרטן אייגן און היימיש. ער ווערט, ביז אַ געוויסן גראַד, אַ מיטווירקער.

***

אויף וויפל בעסער עס וואָלט נאָך געווען, ווען עס זאָל ווען עס איז איינגעשטעלט ווערן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ טיילוויזן מיטאַרבעטן צווישן דעם שעפער און דעם קריטיקער! אַ שרייבער שרייבט אַ ווערק. דאָס ווערק איז נאָך אין דער ערשטער קאָפּיע. עס איז נאָך רוי, עס האָבן זיך נאָך אינעם ווערק ניט פאָרמירט, נאָך ניט רייף געוואָרן אין דער פולער געשטאַלטונג — ניט די העלדן, ניט די סביבה. די באַזונדערע טיילן זיינען נאָך ניט צוזאַמענגעוואַקסן אין זייער אָרגאַנישער גאַנצקייט — און דאָ קומט דער קריטיקער, דער אייגענער, דער אינוויינעקסטער, מיט זיין וואָרט. ער קומט ניט צו געבן עצות, ער קומט ניט געבן קיין אָפּשאַצונג אפילו; ער קומט בלויז מיטצואַרבעטן אינאיינעם מיטן שאַפער — צו פאַרפאַרטיקן דאָס ווערק פאַר דער עפנטלעכקייט. עס איז ווי די אַרבעט פון אַ גוטן רעדאַקטאָר, וואָס מאַכט ניט איבער קיין ווערק, פאַרוואַנדלט ניט זיין רעדאַקטאָרישן טיש אין אַ סדום־בעטל. ער אַליין שניידט ניט אויס און אַליין שרייבט ער ניט צו, — נאָר ער העלפט צו דעם שרייבער, ווען מ׳דאַרף אי אויסשניידן און צושרייבן, אי פאַרבינדן, וואו מ׳דאַרף גאַנצע טיילן. און אויב ס׳איז נייטיק אַזאַ מיטאַרבעטערשאַפט צווישן דעם קריטיקער און שאַפער פון קינסטלערישע ווערק, זיינען זיי אַבסאָלוט נויטיק פאַר דעם יונגן טאַלאַנט, פאַרן אָנפאַנגער. דאָ קאָן דער קריטיקער ווערן ביז אַ געוויסן גראַד אפילו אַן עצה־געבער, אַ רעדאַקטאָר, אַ מיטאַרבעטער, אַן אָפּשאַצער, ניט אָפּנעמענדיק ביים יונגן אויטאָר זיין זעלבסטשטענדיקייט פון אויסדרוק. זיין אויפגאַבע דאַרף זיין צו דערמאָנען דעם שרייבער וועגן דער סביבה, וועגן דעם כאַראַקטער פונעם העלד, וועגן די קינסטלע־

רישע מיטלען — זאַכן, וועלכע דער יונגער שרייבער, אין זיין אימפּעטדיקער אומדערפאַרנקייט, האָט ליב צו פאַרנאַכלעסיקן.

***

אַ שרייבער שפּיגלט־אָפּ אין זיינעם אַ ווערק ניט נאָר דאָס לעבן פון זיינע העלדן, און ניט נאָר די סביבה אין וועלכער זיינע העלדן לעבן, און ניט נאָר די געשעענישן און טענדענצן פון אַ באַשטימטער צייט. ער אונטערשטרייכט נאָך אויך דערצו זיין אייגענע באַציאונג, זיינע אייגענע שטימונגען, זיין אייגענעם אידייאישן צוגאַנג צו זאַכן, — דאָס אַלץ דער־ציילט וועגן די באַזונדערע צייט־שטאַפּלען אינעם לעבן פונעם שרייבער גופא, באַשטימט זיין אייגענעם ביאָגראַפישן עלטער, אַזוי צו זאָגן. דאָס ווערק איז, אַזוי אַרום, דער שרייבער אויף זיין לעבנסוועג. און אין דער סומע פון זיינע ווערק דאַרף אַ קריטיקער דערקענען ווען דער שרייבער איז געווען יונג, ווען רייף און ווען ער איז געוואָרן אַלט...

***

צו די שרייבער:

און ביי אונדז פאָדערט מען גרויסע ווערק און אַ סך פאַרטיפונג.

אָנשרייבן אַ ווערק איז פונקט אַזוי שווער, ווי אויפצובויען אַ געביידע. וואָס גרעסער דאָס ווערק און קאָמפּליצירטער דער אינהאַלט, אַלץ שווערער איז עס אָנצושרייבן. און דער שרייבער דאַרף עס טאָן אַליין. אַן אַרכיטעקט בויט אויף אַ פּלאַן פאַר אַ געביידע. אַן אינזשינער בויט אויף די סטרוקטור לויט דעם פּלאַן, און אַרבעטער פּילן אויס מיט דער הילף פון פאַרטיקע, אָדער פאַרגרייטע מאַטעריאַלן. די סטרוקטור איז לויט די געזעצן פון אַר־כיטעקטאָניק און אינזשינערן. אין דער אויפבויאונג פון אַ געביידע באַ־טייליקן זיך אַ סך כוחות. הונדערטער און אַמאָל אפילו טויזנטער פּאַכ־מענער לייגן־צו אַ האַנט, און קאָפּ און האַרץ צו דער גרויסער בויאונג. אָבער אַ ווערק, ווי מייסטעריש און ווי גרויס עס זאָל ניט זיין אין געבוי, מוז באַשאַפן ווערן אַליין פונעם אויטאָר. ער לייגט אויס פאַר זיך אַ פּעלד און צייכנט די בלוי־פּלענער, בינדט די קאָנסטרוקציעס און טוט אַליין די אַרבעט פון לייגן ציגל, פון מישן דעם צעמענט און אפילו די אַרבעט פון די הייב־מאַשינען און קראַנען. אַ וואָרט איז דאָ אַ יש. עס איז ניט קיין ציגל, וואָס איז אייגער און דער זעלביקער. אַ וואָרט איז אַנדערש. ער האָט זיין פאָרם, ער בייט זיין כאַראַקטער. אָבער מאָדנע, ווען עס קומט צו זאָגן מבינות וועגן אַ געביידע — רופט מען ספּעציאַליסטן פון דער בוי־קונסט. זייער וואָרט איז דאָס לעצטע וואָרט. און ווען דאָס קלענסטע טיילעכל פון אַ געביידע וואַרט קאַליע — עס ווערט פאַרשטאָפּט אַ רער, אָדער אַן עלעקטריש דרעטל ווערט איבערגעריסן, רופט מען אַ פאַכמאַן,

אַ ספּעציאַליסט צו באַשטימען דעם פאַקט, און צו באַשטימען די מיטלען פונעם פּראָצעס, וואָס דאַרף פאַרריכטן די רער, אָדער דאָס דרעטל. אָבער ניט אַזוי איז עס מיט אַ ווערק. דאָ איז דער מבין דער לייענער. נאָך מער: אָפּט זאָגט מען אפילו אָפּן צו דעם לייענער, אפילו צו אַ גאַנצן המון: — זאָג אַרויס דיין מיינונג. און דער לייענער, אויב ער איז גראַמאָטנע גענוג אָנצושרייבן אַ זאַץ און אונטערשרייבן זיין נאָמען, צעלייגט זיך ברייט מיט זיין מבינות. דער אויטאָר שטייט אָן אַ זייט, ווי אַ געמשפּטער פון אַן ערב־רב און קען אפילו דאָס מויל ניט עפענען: — דער מאַיעסטעט דער לייענער האָט דאָס וואָרט!... דער לייענער איז דאָ דער אַרכיטעקט, דער אינזשינער, דער ספּעציאַליסט, דער אַרבעטער פון אַלע פאַכן, וואָס גייען אַריין אין דער גאַנצער סטרוקטור! ווי איז דאָס מעגלעך? עס איז מעגלעך, ווייל מיר אַליין נעמען ניט צו־ערנסט, אונדזערע גרויסע אויפגאַבן. מיר זיינען אַליין ניט באַוואוסטזיניק אויף אונדזער זייער גרויסער זייער קאָמפּליצירטער, זייער רייכער אין קאָנסעקווענצן — אַרבעט!

די פאָדערונג פון אונדזער קריטיק צו אַ ווערק דאַרף זיין: גיט אונדז רעאַליסטישע ווערק. ניט קיין אָביעקטיווע באַשרייבונג פונעם לעבן, ניט קיין אומפּאַרטייאישע פאָטאָגראַפיע, וואָס פאָטאָגראַפירט דאָס גוטע און דאָס שלעכטע אויפן זעלביקן אופן. דאָס וויכטיקע און דאָס אומוויכטיקע, דאָס עיקרדיקע און דאָס שפּלדיקע — אין זייער אָביעקטיווער אמתדיקייט, נאָר גיט די רעאַלע פאַקטן אין זייער דיאַלעקטישער אמתדיקייט, גיט זיי אין דער קריטיק פון שייכותן, אין זייער דינאַמישער ווירקונג און לעבן, אַזוי צו זאָגן, אין זייער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג. נאָר אַזאַ צוגאַנג צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט קען האָבן אַ ווערט פאַרן לייענער און נאָר אַזאַ צוגאַנג צו אַ ווערק מוז זיין די אַרבעט פון קריטיק. און ווען דאָס וועט ווערן דער קריטעריי וועט מעגלעך זיין צו אַנטפּלעקן אין אַ ווערק אַלע זיינע אידעאָלאָגישע און עסטעטישע ווערטן אינעם ליכט פון אַ לעבעדיקער ווירקלעכקייט.

אַ ווערק, וואָס גיט אַן עסטעטישע באַפרידיקונג, אַ פרייד, ווי ביי אַ נייער אַנטפּלעקונג, אָדער דערגרייכונג — סיי פאַרן שרייבער און סיי פאַרן לייענער — נאָר אַזאַ ווערק האָט אַ דויערנדיקן ווערט. אַ סכעמאַטיש אויפגעבויט ווערק, מיט אַ סכעמאַטישער טענדענץ וועט, פאַרקערט, אַלע מאָל אַרויסרופן אַן אומצוטרוי און אַ פאַרדראָס. ניט דער שרייבער וועט פון אַזאַ ווערק געניסן פרייד און ניט דער לייענער.

די יידישע ליטעראַטור זוכט איצט אַ נייע סוזשעט־פאָרמע. אונדזער לעבן האָט זיך איבערגעביטן. אונדזער לעבן בייט זיך. אונדזער לעבן פאָרמירט זיך. די איינגעשטעלטע פאָרמען זוכן נייע פּאָזיציעס.רוקן זיך אָפּ פון זייער באָדן — דאַרף דער שרייבער געפינען פאַר זיינע ווערק אַ נייע געשטאַלטונג. ווי וועט ער זיי געפינען? דאָס איז אַ פראַגע, אויף

וועלכער די קריטיק און נאָר די קריטיק דאַרף געבן אַן ענטפער. וועט זי אָבער געבן? מיר דוכט, אַז ניט, ווייל זי האָט ניט געפונען איר פאָזיטיוון העלד — ניט אין דער ליטעראַטור און ניט צווישן די שרייבער. נאָך מער: זי פרובירט אפילו אים ניט געפינען. זי פרובירט אים ניט אַרויסרופן אין דער שעפערישקייט פון אַ שרייבער.

די סאַמע וואולגאַרסטע פאָדערונג צו דער קריטיק ווערט, געוויינלעך, געשטעלט אין די קרייזן פון דער יידישער ליטעראַטור־לייענערשאַפט. און וואָס נאָך ערגער — ס׳איז אפילו געוואָרן די פאָדערונג פון אַ סך שרייבער. מ׳דערוואַרט פונעם קריטיקער, ער זאָל „אַרונטעררייסן" אַ ווערק, אָדער „לויבן". עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט אפילו, אַז מען האָט אָנגעהויבן לייענען קריטיק מיט דער אינטריגירנדיקער דערוואַרטונג פון מענטשן, וואָס דערוואַרטן צו נעמען „נקמה", אָדער פערזענלעכע באַפרידיקונג. ניין, קריטיק איז ניט אַ פאָרם פון געבן „אטמעטקעס" — געפעלט, ניט געפעלט, גוט, שלעכט, אָדער אפילו „נישקשה". קריטיק איז אַ פראָצעס פון שאַפן אין זיך אַליין אין צוזאַמענהאַנג מיטן ווערק — און דאָס מיינט, — צו געפינען דאָס האַרמאָנישע, דאָס קרעאַטיווע אין אַ ווערק.

***

אַ קריטיק, וואָס רופט ניט אַרויס קיין קעגן־קריטיק — איז ניט אַלע מאָל די בעסטע קריטיק. אַ בוך, וואָס רופט ניט אַרויס קיין שטאַרקע קריטיק, קיין „קריטישן גערודער", קיין אידייען־אויפטרייסלונג אין די מוחות פון דער צייט — איז אַ בוך, וואָס איז אומבאַשטימט אין זיין קינסטלערישן ווערט.

***

ניט נאָר דער שרייבער דאַרף אַרויסברענגען אַ וויכטיקן פאָזיטיוון טיפ, נאָר אויך דער קריטיקער. ער דאַרף אים געפינען ניט נאָר אין די ווערק פון די שרייבער, נאָר אויך צווישן די שרייבער אַליין. צו אַ קריטיקער מעג מען צוגיין און פרעגן: ווער איז דיין פאָזיטיווער טיפ צווישן דיינע שרייבער און ווער דער נעגאַטיווער? פונקט ווי מ׳קען פרעגן: וואָס איז דיין פראָבלעם אין דער ליטעראַטור. מיט אַנדערע ווערטער: וואָס איז דיין פראָבלעם און ווער איז דיין פאָזיטיווער שרייבער־העלד, וואָס קען דיין פראָבלעם לייזן? מ׳דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן דעם קריטיקער די גאַנצע צייט וועגן אַן עניך, וואָס איז פונדאַמענטאַל אין דער אויפנאַם פון ליטעראַטור־קריטיק: טראַדיציע. דער קריטיקער וועט מוזן געפינען דעם רויטן פאָדים, וואָס בינדט זיין שרייבער־העלד מיט די פאָזיטיווע שרייבער־העלדן פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַ העלד קומט ניט „פון דער העלער הויט" און פראָבלעמען, אידייען — אַוודאי ניט. זיי זייגען רעזולטאַטן.

***

אַ קריטיקער, וואָס נעמט זיך אונטער פאַנאַנדערטיילן אויף זיינע באַזונדערע טיילן אַ ווערק, דאַרף אויך האָבן די פייאיקייט דאָס ווערק צוריקשטעלן צו זיין אָריגינעלער גאַנצקייט. אויב ער פאַרמאָגט ניט אָט די פייאיקייט — וועט דאָס ווערק זיין צעשטערט פאַר זיין לייענער און דער שרייבער אַליין וועט בלייבן מטושטש אין דעם לייענערס פאַרשטעלונג.

די גרויסע קינסטלער פון אַלע צייטן האָבן געזוכט אַ גוטן קריטיקער. זיי האָבן אים באַדאַרפט. אָן דעם קריטיקער איז דער קינסטלער איינזאַם. זיין שעפעריש לעבן איז ניט גאַנץ. זיינע ווערק — ניט פאַרענדיקט. און ס'האָט נאָך ניט פּאַסירט, אַז אַ גרויס ווערק, אַ רייכע קאַלירפולע ליטעראַטור זאָל ניט געפינען דעם גוטן קריטיקער. דאָס איז אַן אַקסיאָמע. פונדעסטוועגן זינדיקן מיר זייער אָפט קעגן דער קריטיק. מיר פאָדערן פון איר גרויסע פירערשאַפט און גרויסע אופטוען אין דער צייט, ווען דער קריטיקער האָט ניט וועמען צו פירן און האָט ניט קיין מאַטעריאַל פאַר וועלכע עס איז אויפטוען. אַלע אונדזערע טענות זיינען געווענדט צו דער קריטיק.

אמת, ס'זיינען פאַראַן קריטיקער, וואָס האָבן ליב צו לויבן דעם קינסטלער פאַר זיין דעטאַלן־מייסטערשאַפט. זיי וועלן זיי לויבן פאַר יעדן געלונגענעם דעטאַל און דערביי אינגאַנצן פאַרזען דאָס ווערק, ווי אַ גאַנצעס. פאַר זיי לעבט דער קינסטלער אין דער קלייניקייט, אומאָפּהענגיק, צי דאָס ווערק אינגאַנצן האַלט אויס, „זיינע דימענסיעס" פון פאָרם און אינהאַלט. און פאַרקערט, אַזעלכע, וואָס זעען בלויז דאָס ווערק און זיי אַרט ניט אינגאַנצן די קינסטלערישע דעטאַל. זאָל דאָ אָבער זיין קלאָר, אַז ווי וויכטיק עס זאָל ניט זיין די טעכניק פונעם וואָרט, אָדער פראַזע, ווי פּינקטלעך די שילדערונג פון אַ באַזונדער עפּיזאָד, אָדער אפילו פון אַ געשטאַלט — וועלן אָבער אָט די אַלע דעטאַלן באַזונדער ניט באַשאַפן דאָס ווערק. בלויז די דעטאַלן אינאיינעם מיט דער אַרכיטעקטאָניק, מיט דער באַנעמענדיקער פאָרם, מיט דער גאַנצער סומע אידייען און וויזיאָנערישקייט פונעם קינסטלער קענען באַשאַפן דאָס ווערק.

***

„שפּילן זיך מיט אידייען גלאַט אַזוי זיך, אָן אַ טיפערער לעבנס־דערפאַרונג האָט ניט קיין קינסטלערישן ווערט — ניט פאַרן קריטיקער און ניט פאַרן קינסטלער. די קריטיקער, וואָס אָפּערירן מיט אידייען צוליב דער אידייע — גייען לייכט איבער צו פאַרטיקע סכעמאַטיזירטע אידייען. אַזוי גייען לייכט איבער פון קאָנקרעטער געשטאַלטונג צו אַלעגאָרישן. אַזוי איז, פאַרשטייט זיך, ניט נאָר מיטן קריטיקער אַליין, נאָר אויך אפילו (און נאָך אָפטער) מיטן קינסטלער. דער קינסטלער דערגרייכט זיין ציל נאָר

דאַן, ווען ער שאַפט ניט סכעמאַטיזירטע, נאָר קאָנקרעטע פאָרמען. בלויז דער אמת פון לעבן געגומען אינעם ליכט פון אַ אידייע — איז אין זיך — די עסטעטישע און פילאָזאָפישע גאַנצקייט פון אַ ווערק. אָן דעם, איז אַ ווערק אָנגעפילט מיט סתם אידייען און מיט סתם טעמאַטיק — אַ פוסט ווערק.

מיר רעדן אָפט וועגן דעם, אַז מיר האָבן ניט קיין קריטיק, מיר האָבן זייער ווייניק קריטיקער א. א. וו. איך אַליין האָב שוין אויך ניט איינמאָל געזינדיקט, האָבנדיק אַלערליי טענות צו אונדזער קריטיק. אָבער דאָס ביסל קריטיק, וואָס מיר האָבן טאָר מען אויך ניט פאַרנאַכלעסיקן. מען מוז איר אויך געבן אָנערקענונג פאַר דעם, וואָס עס האָט שוין אויפגעטאָן און טוט אויף. אין אַזאַ פאַרוואָרלאָזטער ליטעראַטור ווי אונדזערע וואָלט ניט געווען יושרדיק צו וואַרפן די שולד בלויז אויף די קריטיקער. מען דאַרף אָנער־קענען די טעותן פון דער קריטיק אינעם ליכט פון דער גאַנצער ווירק־לעכקייט, וואָס רינגלט זי אַרום, און די ווירקלעכקייט ווירקט־אויס אויף דער גאַנצער ליטעראַטור אין דער זעלביקער מאָס אַלע אירע איבלען. סוף־כל־סוף קען מען דאָך ניט האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך די קריטיק אַליין פאַר די שוואַכקייטן פון דער ליטעראַטור. ס'זיינען דאָך דאָ הויפּט־סיבות, און די הויפּט־סיבות זיינען דורכאויס ניט פון דער קריטיק. און אַ גוטע קריטיק איז אַלע מאָל אָפּהענגיק פון אַ גוטער ליטעראַטור. מען קען דאָך ניט אויסקאָכן קיין לאָקשן־יויך אָן לאָקשן, אָדער אַ היגערשע יויך אָן הון. עס איז ניטאָ קיין באַשטימטע טענדענצן אין דער קריטיק, ווייל ס'זיינען ניטאָ קיין באַשטימטע טענדענצן אין דער גאַנצער ליטעראַטור. און אַ טענדענץ אין אַ ליטעראַטור איז נאָך אויך ניט אַלץ. אַ ליטעראַטור דאַרף האָבן איר אייגענעם איינגעשטעלטן סטיל, פּונקט ווי דער איינצלנער שרייבער דאַרף פאַרמאָגן זיין אייגענעם אינדיווידועלן סטיל. און דאָס איז נאָך ביי אונדז ניטאָ.

אונדזער ליטעראַטור האָט נאָך ניט אויסגעאַרבעט קיין איינגעשטעלטן ליטעראַרישן סטיל. זי האָט נאָך ניט איינגעשטעלט אירע סוזשעט־פאָרמען. זי ווייסט נאָך ניט, וואָס איז שוין בכלל איינגעשטעלט אין לעבן, וואָס ס'האַלט זיך אין אויספאָרמירן און וואָס ס'דאַרף אומבאַדינגט אונטערגיין אין אונדזער לעבן, ווי אַן אונטערגייענדיקע אָפּשטאַרבנדיקע פאָרמע. דער געראַנגל פון נאַציאָנאַלע כוחות אין אונדזער לעבן האָט זיך באַגרענעצט מיט דעם אויפלעבן פון געשיכטלעכע אינהאַלטן און פאָרמען. אונדזער ליטעראַטור האָט זיך שוין אַביסל צופיל און צו־אָפט זיך געווענדט צום רעטראָספעקט און אַביסל צו־אָפט און צופיל פאַרנאַכלעסיקט די לעבעדיקע פּראָבלעמען פון היינט.

1936